This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

3 1974

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססס״ר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

3

מאַרט

1974

אינהאַלט

ארן װערגעליס. יאָרדים (פּאָעמע) 3
אװראָם קאהאן. שאָלעם־אַלײכעם (ראָמאַן. סאָף).
צײכענונגען פֿון ה. אינגער 7
װערק פֿון אונדזערע לײענער. לידער פֿון װעלװל װערניק, שיִע זינגער, זיסי װײצמאַן, שלוימע ראַפּאָפּאָרט, בראָניע סינעלניקאָװא; מאָנאָלאָג פֿון ארן זײַטשיק; פּאַרצײכענונג פֿון זאלמען מינקין; קריטישע אַרטיקלען פֿון יעשוע הוטנער, יאנקעװ פֿליך, בּיניאָמין קאָטליאר 74
פּאבלאָ נערודא. פֿון דער עפּאָפּײ „דאָס אלגעמײנע געזאַנג" (לידער). ייִדיש — א. גאָנטאר 91
פֿונעם ליטעראַטור־אויצער. אײַזיק־מײער דיק. די בעהאָלע (דערצײלונג). פֿאָרװאָרט: אײַזיק־מײער דיק און די ייִדישע ליטעראַטור 94
מענדל ליפּשיץ. פֿונעם לױטערן קװאַל (לידער) . . 102
מענטשן — זײער צײַט און זײער גורל. זאלמען קאַהאן. הונדערט יאָר; א. פּריבלודע — זײ האָבן געהערט צו דער קאָהאָרטע העלדישע רעװאָליוציאָנערן . 106

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פֿראַגן פֿון קונסט

הערש רעמעניק. אין שעפֿערישן אופֿשטײַג . . . 113
ליטעראַרישער טאָגבוך. אוראַן גוראַלניק. דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פֿון דער סאָװעטישער ליטעראַטור 118
פּאָלעמיק. עליע פּאלקאָװיטש. װעגן דעם כאַװער זאבארעס באַמערקונגען 122
פּאָרטרעטן פֿון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שױשפּילער. יױסעף שוסטער. די פּאָדאָבריאַנקער אַקטריסע 137
פֿרידע ראַסקין. מוזיקאַלישע גראַפֿיק 143
הילעל אלעקסאנדראָװ. קאָנספּעקט איבער דער געשיכטע פֿון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור . . 146
מיר ענטפֿערן אױף פֿראַגעס פֿון אונדזערע לײענער. לעאָנעל דאַדיאַני. די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פֿון ייִסראָעל אין קאַמף פֿאַר א פֿרידלעכער און דעמאָקראַטישער אַלטערנאַטיװ פֿאַר דער מדינה 155
װעגן די ניט־אויסגענוצטע מיצאַד דער ייִסראָעל־רעגירונג געלעגנהײַטן צו שליסן א גערעכטן שאָלעם 167

די פּאַסטעט פֿון „סאָװעטיש הײמלאַנד" 169
אונדזערע מיטײלונגען. מ. איטקאָװיטש. די אויצערעס פֿון פּאַרעס אָרן אין מאָסקװע; יעװגעני כאָכלאָװ. פֿיאָדאָר שאַליאַפּין און דער שנײַדער גלוזמאַן; כ. בײדער. איװאַן קוליק װעגן יױסעף באָװשאָװערן 175
קאָמענטאַרן פֿון רעדאַקציע 179
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 181
כראָניק 90, 136, 154, 183, 189
פֿאַרשײדנס 184
נאָטיצן אויפֿן קאַלענדאַר 186
לאָמיר זינגען נײַע לידער. בעז. װערטער פֿון ארן װערגעליס, מוזיק פֿון סערגײ טשעבאָטאַריאָװ 188
עליע פּאלקאָװיטש. שמועסן װעגן ייִדישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. װערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשעטשעלניצקי (סטעלפֿאַרטרעטער פֿון הויפּט־רעדאַקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעװ, כ. מאַלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פֿאַראַנטװאָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

יאָרדים

דער אוילע, בייס ער איז געקומען קיין יִשׂראל, האָט אויסגעזען מיט די געבראַכטע פון רוסלאַנד פעק און קאָנטיינערן גאַנץ פּאַרמעגלעך. איצט פּאָרט ער אַרויס פון יִשׂראל ווי אַ יורד, וואָס עס באַטײַט — אַ געפּאַלענער, אַ פּאַראַרעמטער, אַ באַנקראָטירטער.

(פון דער יִשׂראלדיקער צײַטונג „מאַאַריוו")

אלעמען, ווער עס איז אַרויסגעפּאָרן קיין יִשׂראל און האָט אַזויאַרום פּאַרלאָרן די סאָוועטישע בירגערשאַפט, האָט מען באַצײַטנס געוואָרנט, אַז מע קאָן דורך דעם אַרײַנפּאַלן אין אַ שווערער סיטואַציע, — די רעאַלע ווירקלעכקײַט, וואָס אַזעלכע מענטשן וועלן טרעפן אין יִשׂראל, האָט ניט קיין שום געמיינזאַמס מיט די באַבעמײַסעס פון די ציִוניסטן. בא די סאָוועטישע מענטשן רופט דערױבער אַרויס פאַרדראָס דער פּרוּוו צו באַשולדיקן די סאָוועטן-מעלוכע פאַר ניט וועלן צוריק-קערן די סאָוועטישע בירגערשאַפט די, וועמען דאָס היימלאַנד איז ניט טײַער.

(פון אַן אינפאָרמאַציע פון דער „טאַסס"-אַגענטור)

ווער איז דער יורד, וואָס קלאַפּט אין מײַן ליד?
יורד — אַ ייִד, וועלכער פּאָרט פון יאַריד...
פריִער — אַהין,
און אַצינדער — פון דאָרט,
און — ניט געפינענדיק ער וועט זיך קיין אָרט.
ביסטו אַרויף אַף דער פור — איז אַן עק,
ס'וועט זיך פון דיר שוין ניט אָפּטאָן דער וועג.
בײַטשן און רעדער און לייצעס און שטויב —
און פון דער רו האָסט אַליין זיך באַרויבט.

יורד — אַ ייִד, וואָס ער פּאָרט פון יאַריד.
ער און זײַן היים, און אַ ריס אין דער מיט.
גאָרנישט געקויפט,
און דאָס כּיעס פאַרקויפט.
נעבעך — אַ מענטש אָן אַ שטוב, אָן אַ הויף.

דאָ אינעם פעלד איז דער הייפעך דעריִין:
יעדע באַשעפעניש האָט ווו צו זײַן.
ווימלט און דרעמלט גאָטס וועלט אין איר היים.
אַלץ איז דאָ אָפן, און אַלץ איז געהיים.
אַלץ אינעם פעלד האָט אַ זין, אַ פאַרוואָס:
ס'פלאַטערל קאָן גאָר ניט לעבן אָן גראָז,
ס'ווערעמל וויקלט אין בלאַט אײַן זיך פעסט,
יעדע פיטשוישעטשקע האָט זיך איר נעסט.
יורד — אַ ייִד, וואָס ער פּאָרט פון יאַריד.
ער און זײַן היים, און אַ ריס אין דער מיט.

ווער אונטערוועגנס וועט שיצן אים איצט?
(ערשט גאָר ניט לאנג האָט אים רוסלאנד געשיצט).
ווער וועט אים געבן א מאָס און א מוז,
פעסטקײַט אין נויט און געצוימטקײַט אין לוסט?
וואָסער געבאָט וועט אין הארץ אים ארײַן?
אויב ער וועט פאלן,
וואָס וועט מיט אים זײַן?
העלפן ווער וועט אים, אויב זײַן וועט אים שווער?
געבן א ציל אינעם לעבן וועט ווער?
איצט און אפֿ ווײַטער — מיט וועמען זײַן וועג?
ווּ ניט פארפאלן וועט גיין זײַן פארמעג?
וועמען פארטרויט ער דאָס לעבן, דעם טויט?
(אָוועס — זיי האָבן דאָך רוסלאנד געטרויט
און ניט געהאנדלט מיט לאנד, גאָט באהיט).
יוירעד — א ייִד, וואָס ער פאָרט פון יאריד.
ליידיק די פור און ליאדאשטשע דאָס פערד,
ס'טרייסלט זיך אונטער די רעדער די ערד.

יוירעד — א וואָרט, וואָס זײַן מיין און באדײַט
האָבן זיך לעצטנס פאר ייִדן באנײַט.
וויי! ס'איז דאָס וואָרט אויך ארײַן אין מײַן ליד:
יוירעד — א ייִד, וועלכער פאָרט פון יאריד...

איך דערמאָן זיך — ווען געגרייט
האָסט אין וועג זיך אײַליק,
כ'האָב געזאָגט דיר מילדערהייט:
ווארט נאָר צו א ווײַלע...
דאָס געזעמל, קליין און גרויס,
אלעמען דורכויסיק
אפֿ געלעכטער שטעלסט ארויס
און פון זיך מאכסט כויזעק.

ניט דער ערשטער ביסטו, ניין —
ס'האָט אמאָל שוין אויכעט
זיך געלאָזט צום קויסל גיין
(טויזנט מאָל זײַ מויכל)
א שלימאזל. און אצינד
אלעסדינג באשטעטיקט,
אז געוועזן איז טויב און בלינד
דאָן קיכאָט פון שטעטל.

גייסט אצינד אין זײַנע טריט
איבער הויכע צאמען,
כאָטש דו ווייסט — געוועזן א ליד
וועגן אים אזא מין:
אפן וועג שטייט א בוים,
איז ער פול מיט רויזן,
פאָרט א ייִד קיין ערעץ־ייִסראָעל
מיט צעריסענע הויזן.
גאָט, גאָט, גרויסער גאָט,
הארצעדיקער טאטע,
קומען מיר קיין ערעץ־ייִסראָעל —
לייגן מיר א לאטע...

דאָס געזעמל, קליין און גרויס,
אלעמען דורכויסיק
אַף געלעכטער שטעלסט ארויס
און פון זיך מאכסט כויזעק.

יאַרדים פאַרן פון יארידים...
פון יארידים
יאַרדים
לויפן! —
ס׳קערן אַפּ זיך מאָסקווער יידן,
לענינגראד פארמאכט די הויפן.

וואָס זשע מיינט איר — מירן לאָזן,
מע זאָל קלאפּן מיט די טירן
און די איינגעשטעלטע מאָסן
האנדל־וואנדלדיק פאַרלירן?

— כאווער, הערט, פאראן א רייַע,
אז מע דאַרף ראכמאָנעס האָבן...
— ליבער כאווער, איזוויניאיוס,
זיי אליין די גרוב געגראָבן...

איך זאָג אייַך פראָסט און פּאָשעט:
אָט דאָ — פון אינדערפרי
ביז נאכט —

איך האָב געפּאשעט
אין ברייטן פעלד דאָס פי.
אָט דאָ האָב איך געאקערט,
געפּיטערט און געזייט.
מייַן פלאם האָט דאָ געפלאקערט,
מייַן פרייד — זיך דאָ געפרייט.

איר ווייסט אליין עס, מעגלעך,
אויב ניט — איך זאָג אייַך קלאָר:
אָט דאָ איך טראָג טאָגטעגלעך
מייַן כאָלעם און מייַן וואָר.

איך טראכט פון דעם אָן שאָדן
(אזוי איז עס געוויס),
אז כ׳בין אַף אָט דעם באָדן
אָן אָרטיקער געוויקס.

שוין צייַט, איר זאָלט געדענקען,
שוין צייַט, איר זאָלט פארשטיין:
נאָך פרעמד־ערד כ׳וועל ניט בענקען, —
א מענטש האָט בלויז איין היים.

געהערט האָב איך ערגעץ, דערציילט האָט מיר עמעץ:
א יוירעד האָט אָנגעשפּארט אזש צו דער גרענעץ,
וואָס ליגט צווישן עסטרייַך און אונגארן (ווייַטער —
קיין רוסלאנד פון דאָרטן א וועג פירט א גלייַכער).
בעקיצער, א יוירעד. פון אוזשגאָראָד שטאמט ער.
אין עסטרייַכס טאמאָזשניע עס האָט א באאמטער

געפּאַסקנט מיט איידלע מאַנירן: גענוג
צו זיצן אין ווין. גיי קיין רוסלאַנד צוריק.

דער יוירעד האָט שנעל דעם שלאַגבאַום געמיטן.
דאָרט — עסטרײַך,
דאָ — אונגאַרן,
ער — אינדערמיטן.
עס פרעגט דער מאַדיאַר: ביסט אַ שמוגלער? ווער ביסטו?!
— וואָס שמוגלער, ווער שמוגלער... אַז ווײ און אַז וויסט מיר...
איך קום פון ייִשׂראָעל... מ׳אַנטלויפט ניט פון נאַכעס...
געפאַלן דאָ אויף אַ געדאַנק דער מאַדיאַר איז:
— אַל־לאַ! די סאָוועטישע גרענעץ? איוואַן?
קום, פרײַנט, אויף אַ ווײַל, ס׳איז אַ איניען פּאַראַן...

צוערשט איז אַ מוירע באַפאַלן דעם יוירעד,
דערנאָך — שיר פון יוירעד געוואָרן אַ מוירעד:
— אַ קלאַפּ גיב איך באַלד אינעם טיש, און אַ פּאָדער,
צוריק מ׳זאָל מיך לאָזן קיין אוזשגאָראָד! אָדער...
— וואָס — אָדער? אפּסנײַ, ווי באַם אָפּפּאָר, סקאַנדאַלן? —
אַרײַן איז איוואַן. יאָ, איוואַן איז אַ באַלן
אַן ענטפער באַקומען. דער יוירעד איז בלאַס:
אַמאָל מיט איוואַנען געלעבט אויף איין גאַס...
— אוי, וואַניע, זעמליאַק! אוי, טאָוואַרישטש נאַטשאַלניק!
אַ מענטש, אַז ער פאַלט,
איז ער אויס־מענטש דען, פאַלנדיק?
זיך טויע געווען... ניט געטראָפן. נו, מיילע...
ווער בין איך שוין איצט? אַ צעבראָכענע קיילע...

און ס׳ענטפערט איוואַן:
— ביסט געווען ניט צופרידן,
נאָר ס׳האָט זיך אין אוזשגאָראָד גאָרנישט געביטן.
אַזוי ווי געהערשט האָט די מאַכט פונעם פאָלק,
אַזוי איז פאַרבליבן. מ׳האָט אײַך ניט געפאָלגט...

דער כאַוער פון אונגאַרן זאָגט צו איוואַנען:
— ס׳איז ניט אונדזער דאגה, וווהין און פונוואַנען
אַזעלכע פאַרשוינען זיך טראָגן. כ׳דערבאַרעם
אויף דיר זיך, איוואַן, און פאַרמאַך דעם שלאַגבאַום...
איוואַן טוט אַ שמייכל:
— איך האָב דען אַ טײַנע?
ווען דו וואָלסט געעפנט, פאַרמאַכט וואָלט איך מײַנעם...

יוירעד — אַ ייִד, וואָס ער פאָרט פון יאַריד.
ער און זײַן הײם, און אַ ריס אין דער מיט.
פריִער — אַהין,
און אַצינדער — פון דאָרט,
און ניט געפינען ער וועט זיך קיין אָרט.
ביסטו אַרויף אויף דער פור — איז אַן עק,
ס׳וועט זיך פון דיר שוין ניט אָפּטאָן דער וועג.
בײַטשן און רעדער און לייצעס און שטויב —
און פון דער רו האָסט אַליין זיך באַרויבט.
יוירעד — אַ ייִד, וואָס ער פאָרט פון יאַריד,
ער און זײַן הײם, און אַ ריס אין דער מיט.

■ ■ ■

אווראָם קאהאן

שאָלעם-אַלייכעם

ראמאן

א ניגן אין וואלד

שוין עטלעכע מאָל איז צו שאָלעם־אַלייכעמען דערגאנגען, אז אין קיִעווער באלעבאטישע, דעריקער אין די גוויריש־אריסטאָקראטישע, הײַזער זינגט גאנץ אָפט לידער אײנער א מארק וואַרשאַווסקי, א געהילף פון א געשווױרענעם אדוואָקאט. דעם טעקסט פון די לידער פארפאסט טאקע דער אדוואָקאט אליין אף מאמע־לאָשן. דערצו נאָך שרײַבט ער די מוזיק צו די לידער, זינגט זיי און אקאָמפאנירט זיך אליין.

איינמאָל זומער איז שאָלעם־אַלייכעם אין באָיארקע פארגאנגען טיף אין וואלד, ווי שטענדיק, מיט א בלאָקנאָט און מיט א בלײַפעדער אין דער האנט.

אין יענע טעג האָט ער געשריבן איינע פון די געשיכטעס וועגן זײַן באליבטן העלד טעוויע דער מילכיקער.

כאָטש שאָלעם־אַלייכעם איז געוווּן געוווינט צו ארבעטן ווו עס האָט זיך געמאכט — אין דער היים, אין א קאפע, אין צוג, אף א בולוואר־באנק, — איז דאָ, אין דער שטילקײַט, אין דער ארומרינגלונג פון דער נאטור, זײַן בלײַפעדער געלאָפן האסטיקער.

פלוצעם האָט ער דערהערט א שטים, וואָס קומט ארויס פון צווישן דעם בלעטער־געפלאָנטער. אָפּגעריסענע ווערטער זעצן זיך אָפּ אין דער ארומיקער שטילקײַט. דאכט זיך, מאמע־לאָשן... שאָלעם־אַלייכעם שטרענגט אָן זײַן געהער. יאָ, מע זינגט אף ייִדיש.

ער האָט גענומען נאָכגיין דעם ווידערקאָל, וואָס פארפירט אים גאָר אין דער קעגנזעצלע־

סאָף, אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד” נומ. 1, 2, 1973.

כער ריכטונג. אַט קומט דאָס קאָל פון רעכטס, שפּעטער פון הינטן, דערנאָך שווימט אָן א כוואַליע מיט קלאַנגען פון פאַרנט.

דעם בלאָקנאָט מיטן בלײַפעדער לייגט ער אַרײַן אין קעשענע און הייבט אָן שפּאַנען לויט די שווימענדיקע קלאַנגען. סאָפקאָלסאָף דערזעט ער: אונטער צווײ היפּשע ביימער זײַנען בא צונויפגעשטעלטע טישלעך געזעסן מענער און פרויען אף לײַוונטענע בענקלעך. אָנגעטאָן זײַנען זיי, נאַטירלעך, געווען אין לײַכטע זומערדיקע מאַלבושים, די מענער — אין ווײַסע גאַרניטערס און שטרויענע שליאַפּעס, די פרויען — אין פאַרשיידנקאָלירענע קליידער מיט קורצע אַרבל פון לײַכטן איידעלן ציץ. אף די טישלעך איז געווען אָנגעשטעלט פון הערן און גדענקען. פלעשלעך, ווײַזט אויס, ליידיקע, האָבן זיך געוואַלגערט אפן גראָז.

אויבנאָן איז בא א טיש געזעסן מאַקס בראָדסקי, דער זון פונעם אייגנטימער פון צוקערזאַוואָד, — דער שרײַבער האָט אים גלײַך דערקענט.

אין הינטערגרונט האָבן זיך געזען עטלעכע פאַעטאָנען אָן פערד — די פערד זײַנען געווען אויסגעשפּאַנט און האָבן זיך געפּאַשעט אף דער לאָנקע.

פאַרינטערעסירט האָט שאָלעם־אַליכעמען דער מענטש, וועלכן עס האָבן אַרומגערינגלט יונגע מענער און פרויען. ער איז געשטאַנען אין א קרײַז און געזונגען:

> העכער, בעסער,
> די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער!

דער אוילעם אַרום האָט געפּליעסקעט מיט די הענט, דאַמעס און מענער האָבן זיך געלאָזט אין א טאַנץ.

איבערן וואַלד האָט זיך געטראָגן דער ניגון פון א ליד, וואָס איז באַגלייט געוואָרן דורך א צאַרטן אַקאָמפּאַנעמענט פון א פידל:

> שטאַרקער, שטאַרקער! רײַסט די סטרונעס,
> רײַסט אָפּצווייען —
> די מיזינקע אויסגעגעבן,
> די מיזינקע אויסגעגעבן.

די פרויען האָבן אונטערגעהויבן די שלייפן פון די קליידער, די מענער האָבן אָנגענומען זיי פאַר די הענט, און, ווי אף א כאַסענע, איז מען אַוועק אין א שווינדלענדיקן געדריי.

איינע א פרוי, בא וועלכער ס׳זײַנען זיך צעפאַלן די האָר און פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם, האָט ווילד א שפּרונג געטאָן צו דעם, וואָס האָט געשפּילט און געזונגען, און פאַר היסלײַוועס גענומען אים קושן. די ראָד האָט זיך צעשאָטן, מ׳האָט געפּאַטשט בראַוואָ און געשריגן: „וויוואַט, וואַרשאַווסקי!"

שאָלעם־אַליכעם האָט געקוקט אפן מיטלאָריקן פּולבלעכן מענטשן מיטן קײַלעכיקן פּאָנעם, וואָס האָט געשפּילט און געזונגען.

די עקזאַלטירטע דאַמע האָט צוגעטראָגן דעם זינגער א גלאָז ווײַן. וואַרשאַווסקי האָט זיך ניט צוגעריהרט צום געטראַנק. ער איז אָפּגעגאַנגען אין א זײַט, שטיל זיך אַוועקגעזעצט אפן גראָז און מיט א טיכעלע ניט אויפגעהערט צו ווישן דעם שווייס פונעם פּאָנעם.

די דאַמעס און די קאַוואַלערן זײַנען זיך צעקראָכן ווער וווהין. אין שאָטן פון די קילע ביימער האָט מען זיך אײַנגעמאָסטעט אפן גראָז און אינגיכן אײַנגעשלאָפן. ס׳איז געוואָרן שטיל.

אויך דער זינגער האָט זיך צוגעטוליעט צו א בוים און אײַנגעדרעמלט.

די באַקאַנטשאַפט צווישן ביידע שפּעטער איז פאָרגעקומען ערשט אפן צווייטן טאָג. אינדערפרי איז שאָלעם־אַליכעם אַוועק אין שטאָט. דערוווּסט זיך וואַרשאַווסקיס אַדרעס, איז ער אַרײַן צום אַדוואָקאַט מיט אימפּעט און מיט א טײַנע:

— ווי שעמט זיך עס נישט א מענטש אין אײַער שטאַנד?..

— וואָס זשע? — סטאַרטשעט וואַרשאַווסקי אויס די אויגן.

— איר זינגט פאַר די ביימער.

— ווער זענט איר עס? — פרעגט וואַרשאַווסקי דערשטוינט.

— איך בין שאָלעם־אַליכעם.

וואַרשאַווסקי וואַרפט זיך דעם שרײַבער אין די אָרעמס.

— איך טרוים שוין פון לאַנג צו באַגעגענען זיך מיט אײַך, — האָט ער געזאָגט.

— און איך זוך אײַך שוין אויך זייער לאַנג, — שמייכלט שאָלעם־אַליכעם.

— האָבן מיר ענדלעך געפונען איינער דעם אַנדערן.

אין בערדיטשעוו

די שטאָט בערדיטשעוו האָט שאָלעם־אַליכעם אין אַ שפּאַס אָנגערופן „דער ייִדישער פּאַריזש". ער האָט זי זייער ליב געהאַט, אָט די שטאָט. דאָ וווינט ער, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, איבער די אויערן פאַרהריזנעט אינעם פאָלקס־שטייגער. ווי אַ געניטער און גע־טרײַער אַנאַטאָם, האָט שאָלעם־אַליכעם זיך געגריבלט אין איינגעווייד פון דער שטאָט און אויסגעזוכט פאַר זיך ווערטפולע פּערל. דער שרײַבער האָט פאַרצייכנט בײַ זיך אינעם נאָטיץ־ביכל די פאַרביקסטע פאַקטן, דעריקער פאַרגעדענקט זיי און דערנאָך אויסגענוצט צום אָרט דעם אָדער יענעם שטריך, דעם אָדער יענעם פאַקט.

שאָלעם־אַליכעם איז ניט געווען קיין פאַנטאַסט, ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַזאַ טיפן און רײַכן דימיען, אַז ער האָט געקאָנט מאָלן זײַנע „קליינע מענטשעלעך מיט זייערע קליינע האַ־סאַגעס" אַזוי, אַז זיי זײַנען געוואָקסן פאַר די אויגן פונעם לייענער.

ווען שאָלעם־אַליכעם זאָל געווען פאַרלאָזן זיך אַף זײַן דימיען און פאַרשטעלן בערדי־טשעוו מיט זײַנע אײַנוווינער ווי אַ טורעם, וואָלט זיך באַקומען בײַ אים אַזאַ בילד:

אַפן אונטערשטן שטאָק וואָלטן זיך געפונען מענגעס אָרעמלײַט, אָנגעטאָנענע אין פאַרשיידנקאָלירענע. טראַנטעס: אויסגעהונגערטע, אויסגעדייוועטע, פאַרשוואַרצטע, פאַר־וואָגלטע, אויסגעדאַרטע, פאַרשטויסענע, מיט אײַנגעפאַלענע אויגן, אַלע שטרעבן זיי אַרויף — דאָרטן זײַנען אַלע פאַרגעניגנס און טײַוועס...

אַפן אייבערשטן שטאָק געפינען זיך אויסגעפאַשעטע, אויסגעהאָדעוועטע און איבערגע־פרעסענע, וואָס זײַנען מיד פונעם לעבן און פון די פאַרגעניגנס — באַנקירער, סאָחרים, ביר־זשעוויקעס און אַנדערע געשעפטסלײַט...

אַף די מיטלסטע שטאָקן — אַלע די, וואָס לעבן צווישן די רײַכע און אָרעמע — די רח"ש (רעכאַש)־לײַט: ראַבאָנים, כאַזאָנים, שאַמאָסים; אויך מעקלערס, שאַדכאָנים און גלאַט ליידיקגייער...

אין ערעך אַזוי האָט שאָלעם־אַליכעם זיך פאָרגעשטעלט די אײַנוווינער פונעם טורעם, וואָס ער האָט אויסגעבויט אין זײַן דימיען.

מיט פאַרגעניגן איז שאָלעם־אַליכעם אויך דאָס מאָל געפאָרן קיין בערדיטשעוו. ווער שמועסט, אַז מיט אים איז מיטגעפאָרן זײַן פרײַנט מאַרק וואַרשאַווסקי. דאָרט האָבן זיי גע־זאָלט אַרויסטרעטן אַף אַ ליטעראַרישן אָוונט פאַרן ברייטן עולעם. שאָלעם־אַליכעם האָט דאָרט געהאַט נאָך אַן אַנדער איניען — צום בערדיטשעווער סויכער, דעם פרומען יאַנקעוו שעפטעל, דעם אייגנטימער פון אַ דרוקערײַ.

אין דער דאָזיקער דרוקערײַ האָט מען געוויינלעך געדרוקט סידורים און אַנדערע רעלי־גיעזע ספאָרים. וועלטלעכע ליטעראַטור האָט דער אייגנטימער פון דער דרוקערײַ געדרוקט זעלטן און אָן כיישעק. עמעס, דאָ האָט שאָלעם־אַליכעמען זיך אײַנגעגעבן מיט אַ יאָר צען צוריק אָפּצודרוקן איינעם אַ זאַמלבוך פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק".

איצט האָט מיט די איניאָנים פון דער דרוקערײַ זיך פאַרנומען שעפטעלס עלטערע טאָכ־טער. די דאָזיקע דרוקערײַ, פאַר וועלכער מע פלעגט ספּעציעל אָפּגיסן פאַרשיידענע שריפטן אין לײַפּציק, האָט געהאַט אַ שעם אין רוסלאַנד, אומעטום, ווו ס'האָבן געוווינט ייִדן. ווער האָט נישט געוווסט וועגן די באַרימטע שאַס־געמאָרעס אין די גרויסאַרטיקע לעדערנע אײַנ־בונדן, וואָס זײַנען דערשינען אין בערדיטשעוו!

דער שרײַבער האָט געהאָפט, אַז ער וועט אײַנבעטן די נײַע באַלעבאָסטע פון דער דרו־קערײַ, שעפטעלס טאָכטער, זי זאָל אָפּדרוקן אַ זאַמלונג פון זײַנע ווערק.

אין בערדיטשעוו האָט מען געוואַרט אַפן שרײַבער מיטן זינגער. זיי זײַנען אָבער געקו־מען אינגאַנצן אומגעריכט, אַ ביסל פריִער. שאָלעם־אַליכעמס ברודער, דער הענטשקעמאַכער וועוויק ראַבינאָוויטש, אַ בערדיטשעווער טוישעוו, האָט זיי באַגעגנט אַפן וואָקזאַל, און דער שרײַבער האָט געבעטן דערוויל קיינעם ניט מודיִע זײַן וועגן דעם, אַז ער מיט וואַרשאַווסקין זײַנען שוין געקומען.

שאָלעם־אַליכעם האָט איבערגעלאָזט וואַרשאַווסקין בײַם ברודער אין דער היים, און אַליין איז ער אַוועק פריִער זיך אָפּפאַרטיקן מיטן איניען אין דער דרוקערײַ.

די באַלעבאָסטע מיט די קינדער זײַנען גראָד געזעסן בײַם טיש און געגעסן וועטשערע. שעפטעלס טאָכטער — אַ שוואַרצכיינעוודיקע הויכע ייִדענע — האָט אַ קוק געטאָן פריִער אַף איר מאַן — אַ קליינינק מענטשעלע מיט אַן אָפּגעצויגין טרוקן פּאָנעם, דערנאָך אַפן האַלבן טוץ קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער, פונעם ערשטן מאַן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט דער גאַסט דערהערט דער באַלעבאָסטעס אומהיימלעך קאָל.

— דרוקן ביכער, — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם און שטעלט אַוועק דאָס שטעקל אין אַ ווינקל.

— ווער זענט איר און צי פאַרמאָגט איר געלט דערויף?

— איך בין אַ מעכאַבער, און געלט דערויף פאַרמאָג איך.

— דערלאַנג אַ בענקל! — באַפעלט די באַלעבאָסטע דעם מאַן.

דאָס קליינוווקסיקע מענטשל כאַפּט אַ קוק אָפן ווײַב, טוט אַ סמאָטשקע מיט די מעגור־שעמדיקע ליפּן, הייבט זיך פּאַמעלעך אויף פון זײַן אָרט און דערלאַנגט זײַן בענקל דעם מעכאַבער.

— פאַרוואָס עפּעס אײַערס? — דער גאַסט וויל זיך נישט זעצן.

— נישקאָשע, איכל באַשטיין, — דערהערט זיך אַ שלאַבעריק קאָל.

— ס׳מאַכט נישט אויס, — זאָגט די בייזע פרוי. — און איצט וועלן מיר קאָנען שמועסן. מײַן טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז פון אונדזער דרוקערײַ זאָלן אַרויס בלויז רעליגיעזע ספאָרים.

— דעמלט פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס האָב איך בא אײַער פאָטער אַליין מיט העכער אַ צענדליק יאָר פריער אָפּגעדרוקט מײַן זאַמלבוך. אָט טוט אַ קוק... — און דער שרײַבער ווײַזט איר אַ בוך, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך.

— און כוץ דעם, איז מײַן מאַן, — זעצט פאָר די פרוי, — דעם גערער רעבנס אַ כאָסיד. אַז דער רעבע וועט כאַלילע זיך דערוויסן, וועט ער אונדז פאַרבאָטן דרוקן געמאָרעס, און דעמלט וועלן מיר געבראָכן פון פאַרנאָסע. מע קאָן אונדז נאָך פאַרכאַרמענען...

איצט האָבן מאַן און ווײַב ווי געביטן זיך מיט די ראָלן — די ייִדענע איז געוואָרן האַכ־נאָעדיק, כניפעדיק צו איר מאַן. און ער איז מיטאַמאָל ווי גרויס געוואָרן, העכער, ברייטער, אָנגעבלאָזענער. ער איז גײַוועדיק, מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום טיש, אַראָפּגעטריבן דאָס קלענסטע מיידעלע פון איר בענקל, אַליין זיך אַוועקגעזעצט, פאַריסן דעם קאָפּ און מיט אַ געדיכטער שטימע געזאָגט:

— דער רעבע וועט אונדז פאַרכאַרמענען, דעריבער קאָנען מיר דערויף ניט אײַנגיין.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אַרויסגענומען צוויי הונדערטערס און מיט אַ ברייטן זשעסט זיי אַוועקגעלייגט אָפן טיש:

— אָט האָט איר אײַך צוויי קאַטערינקעס אַן אַדערויף.

מאַן און ווײַב קוקן זיך איבער.

שאָלעם־אַלייכעם לייגט צו נאָך אַ הונדערטער צו די ערשטע צוויי, וואָס ליגן שוין אָפן טיש, און פרעגט:

— איך מיין, אַז איצטער האָט איר שוין ביידע ניט וואָס צו זאָגן, עמעס?

שאָלעם־אַלייכעם שמייכלט, ווען ער זעט, ווי די ווײַבערשע האַנט ציט זיך אויס נאָך די דרײַ אַסיגנאַציעס און באַהאַלט זיי אין בוזעם.

— נו, מאַדאַם, איז ווען זאָל איך מאָרגן קומען אין דער דרוקערײַ?

— ווי רופט מען אײַך? — פרעגט זי אָנשטאָט צו ענטפערן.

— שאָלעם־אַלייכעם.

— שאָלעם־אַלייכעם?

— יאָ.

מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג שלעפּט זי אַרויס צוריק דאָס געלט, טוט עס אַ שמיץ אָפן טיש און זאָגט:

— מײַן פאָטער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב ס׳וועט קומען אַ מעכאַבער מיט אַזאַ נאָמען, זאָל איך אים טרײַבן פון זיך.

— פאַרוואָס?

— מײַן פאָטער האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מעכאַבער מאַכט כויזעק פון פרומע ייִדן.

שאָלעם־אַלייכעמען איז שוין געגאַנגען אין אַן אַמביציע. לייגט ער אַוועק אָפן טיש נאָך אַ הונדערטער.

— צאַדיק, וואָס זאָגסטו, ווײ איז מיר! — זי קוקט מיט ברענענדיקע אויגן אויף די פיר קאַטערינקעס.

— שפרינצע, איך ווייס אַליין ניט... אַזויפיל געלט! — ענטפערט דער מאַן, ניט אָפּ־ווענדנדיק די אויגן פונעם געלט.

שאָלעם־אַלייכעם שמייכלט און שפּירט נאָך אופמערקזאַם נאָכן פּאַרפּאַלק. ס'איז אים געוואָרן גרינגער אפן האַרצן, װען ער האָט דערזען, װי די פּרוי נעמט האַסטיק צונויף די אַסיגנאַציעס און שטופּט זײ אַרײַן אפן זעלביקן אָרט, וואָס פריער.

— הער מעכאַבער, קומט מאָרגן צו גײן אין דער דרוקערײַ אף ניקאָלסקע־גאַס, — זאָגט שפּרינצע מיט א האַניק־שמייכעלע, — איך וועל אף אײַך דאָרט וואַרטן.

אפן צווייטן טאָג האָט װאַרשאַװסקי זיך געפילט ניט מיט אַלעמען. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער, וואַרשאַװסקי, זאָל זיך איבערליגן אין האָטעל.

שאָלעם־אַלייכעם מיטן ברודער זײַנען אַרויסגעגאַנגען זיך דורכשפּאַצירן. שוין א יאָר צוויי, אַז דער שרײַבער איז דאָ ניט געווען. שטענדיק, װען ער קומט קײן בערדיטשעװ, גײט ער צו אַלעם ערשטן א קוק טאָן צו דעם הויז אין גילדענעם געסל, וווּ ס'האָט אַמאָל געוווינט דער „זיידע" — מענדעלע מויכער־ספֿאָרים. דאָרטן האָבן אויך געוווינט פיל פּראָטאָטיפּן פון מענדעלעס ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן.

קוקנדיק אף די שטיינערנע מויערלעך מיט די גרויסע אויסגעצאַצקעטע באַלקאָנען, האָט שאָלעם־אַלייכעם געזאָגט צום ברודער:

— די דאָזיקע נעגידישע באַלקאָנען זײַנען ענלעך אף היפּשע אָפּגעצויגענע בוזעם־קעשענעס, אויסגענייטע מיט מאָנאָגראַמעס. און אָט יענע קאָטשעניװוקער שטיבעלעך באַם ברעג פון דער גנילאָפּיאַטקע זעען אויס, װי טאָרבעס פון אָרעמעלײַט...

דורכגעגאַנגען דאָס גילדענע געסל, האָבן זיי פאַרקערעוועט צו דער גאַס, וווּ ס'האָט זיך געפונען דער קאָסטיאָל פון דער הייליקער וואַרוואַרע. דער קאָסטיאָל, אָדער ווי מע רופט אים דאָ, די פאַרע, האָט שאָלעם־אַלייכעמען אינטערעסירט ניט צוליב דער אַרכיטעקטור און דעם באַזונדערן סטיל זײַנעם, נאָר דערמיט, וואָס דאָ האָט כאַסענע געהאַט דער באַרימטער פראַנצויזישער שרײַבער אָנאָרע דע באַלזאַק. יעדעס מאָל, װען שאָלעם־אַלייכעם איז געקומען קײן בערדיטשעװ, פלעגט ער אַרײַנגײן אין קלויסטער־הויף און איבערלייענען דאָס מעמאָריאַל־ברעטל אף דער פאָדערשטער וואַנט פונעם קאָסטיאָל.

ניט ווײַט פון דער פאַרע איז בא איינעם א ראָג צו שאָלעם־אַלייכעמען צוגעגאַנגען א פעסטגעבויטער באַיאָרטער מענטש מיט א ברייטער גראָװער באָרד.

— גאָט העלף, פאַני שאָלעם־אַלייכעם!

— א גוט־יאָר אף אײַך. — דער שרײַבער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אײַנגעקוקט אין דעם אומבאַקאַנטן.

— איך וויל אײַך עפּעס בעטן... — שטאַמלט ניט דרייסט דער מענטש.

— אַדרעבע, — איז שאָלעם־אַלייכעם פאַרינטערעסירט געוואָרן.

— איך בין א שוסטער, נעכעמיע רופט מען מיך, איך אַרבעט אין א שוך־פאַבריק. האָט קיין פאַריבל ניט, פאַני שאָלעם־אַלייכעם. איך האָב געלייענט אײַערע מײַסע־ביכלעך, נאָר ניט דאָס האָב איך געוואָלט אײַך זאָגן... איך מאַך הײַנט כאַסענע מײַן מיזינקע, וואָלט איך געוואָלט, איר זאָלט בא מיר זײַן אף דער כאַסענע. מיר ווינען אף די פּיסקעס. זאָגט מיר צו, אַז איר וועט קומען, ס'וועט בא אונדז זײַן שטאַרק אָנגעלייגט.

דער שרײַבער האָט אפילע ניט באַוויזן צו פרעגן, צו װעלכער שאָ דאַרף מען קומען, ווי נעכעמיע איז נעלעם געוואָרן.

ווי נאָר שאָלעם־אַלייכעם האָט געוואָלט באַם ברודער אין שטוב זיך צולייגן אָפּרוען, איז א פאַרסאָפּעטער אַרײַנגעלאָפן א ייִד — א שאַמעס מיט פאַפּירן אין דער האַנט. ער איז צוגעגאַנגען גלײַך צו שאָלעם־אַלייכעמען.

— איר זענט עס דער בריוונשטעלער שאָלעם־אַלייכעם? — האָט ער אויסגעשאָסן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט א שמייכל געטאָן:

— ניין, איך בין נישט קיין בריוונשטעלער.

דער ייִד האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם פּאָנעם, געכאַפּט א קוק אפן קאָנווערט און זיך פאַרענטפערט:

— איך מיין דער שריפטשטעלער. אזוי שרײַבט זיך טאַקע, — און ער האָט איבערגעגעבן דעם קאָנווערט שאָלעם־אַלייכעמען.

ווען דער שרײַבער האָט אופגעעפנט דעם קאָנווערט, האָט ער זיך צעלאַכט:

— אָט האָסטו דיר די צווייטע טעג יאָמטעוו!

דער שאַמעס האָט פאַרנייגט דעם קאָפּ און געזעגנט מיט א בעטנדיקער שטימע:

— רעב וועלוועלע האָט מיר עפּשער צען מאָל אָנגעזאָגט, איך זאָל אײַך זאָגן מינדלעך,

אַז ער וועט וואַרטן אויף אײַך מיט דער כופּע, איר זאָלט לעמאַנהאַשעם קומען. אַט האָט איר דאָ דעם פּינקטלעכן אַדרעס. פאַרגעסט ניט, ס'איז רעב וועלוועלע ווינער...

דאָס אַלץ האָט דער שאַמעס אָפּגעזאָגט אָפּגיך און איז אַרויס פון שטוב. אָבער אין צוויי־דרײַ מינוט אַרום איז ער צוריק אַרײַנגעלאָפן אַ פאַרסאָפּעטער.

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, — האָט ער געריעדט פאַרפּינעט, — רעב וועלוועלע האָט געזאָגט, אַז גאַנץ קאָהאָל וועט זײַן בא אים, אַז אַלע דאָקטוירים וועלן קומען. און דער שטאָט־גאָלאָווע פּאָלקאָווניק קוניצקי...

ווען דער שאַמעס איז אַוועק, האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך צעלאַכט:

— צוויי קעץ אין איין זאַק! וועלן מיר טאַקע גיין אויף דער כאַסענע... צו נעכעמיען!

דער ברודער האָט געהאַלטן פאַר זײַן כויוו צו וואָרענען שאָלעם־אַלייכעמען, אַז רעב וועלוועלע ווינער איז איינער פון די גרעסטע אַדירים אין בערדיטשעוו, אַ גערימטער מאַנופאַקטוריסט, וועלכער האָט זײַנע קראָמען דאָ הי און אויך אין קיִעוו. ער איז אַ גרויסער כאַשעוו בא נאַטשאַלסטווע...

— און דו טו ווי דו פאַרשטייסט, — האָט פאַרענדיקט וועוויק.

— דאַרף מען טאַקע גיין צום שוסטער אויף די פּיסקעס.

צו דער געבײַדע פון שטאָט־דומע איז געווען אומעגלעך זיך דורכצושטופּן. אויף גרויסע אַפישן איז געווען געמאָלדן, אַז דאָרט דאַרפן הײַנט אַרויסטרעטן „דער באַרימטער ייִדישער הומאָריסט שאָלעם־אַלייכעם און דער פּראָפעסאָר און אויספּילער פון ייִדישע לידער אין זײַן אייגענער מוזיקאַלער באַגלייטונג — מאַרק וואַרשאַווסקי".

דער אוילעם בא דער געבײַדע האָט ראַשיק באַגעגנט שאָלעם־אַלייכעמען מיט וואַרשאַווסקין. מ'האָט אויף די הענט זיי אַוועקגעטראָגן ביסקל דעם צימערל, וואָס בישכיינעס מיטן זאַל. ווען דער שרײַבער מיטן זינגער זײַנען געבליבן אַליין, האָט שאָלעם־אַלייכעם געזאָגט:

— צי ווייסט איר, מײַן פרײַנט, ווי מע זאָגט דאָ הי וועגן אַזאַ אָנגעלויף? „ס'האָט זיך אָפּגעריסן די הרעבליע". עמעס, שיין?

די אַדמיניסטראַטאָרס פונעם אָוונט האָבן גלײַך דערשמעקט, אַז מע קאָן דאָ אָפּלעקן אַ ביינדל, האָבן זיי פאַרגעלייגט דעם „הער שאָלעם־אַלייכעם", ער זאָל אײַנגיין דערויף, מע זאָל שוין מעלדן מיט אָן אַפיש, אַז מאָרגן וועט פאָרקומען נאָך אַזאַ אָוונט אין גרויסן כאַסענע־זאַל אין דער אַלטער שטאָט. אויב מע וועט ניט מעלדן וועגן אַ צווייטן אָוונט, קאָן מען צעטראָגן די געבײַדע — אַזויפיל האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן, וואָס ווילן זען און הערן שאָלעם־אַלייכעמען.

שאָלעם־אַלייכעם איז מאַסקים געווען.

מ'האָט נאָך ניט באַוויזן אָנהייבן דעם אָוונט, ווי פון ערגעץ איז ווי אויסגעוואַקסן וועלוועלע ווינערס עלטערער מעשאָרעס. ער האָט איבערגעגעבן שאָלעם־אַלייכעמען אַ צעטעלע, אַז דער נאָגיד בעט אויסוואַרטן מיטן אָנהייבן דעם אָוונט: איבער אַ וויכטיקן איניען מוז ווינער זיך פאַרהאַלטן, אָבער ער וויל זייער הערן דעם שרײַבער.

ווידער דער דאָזיקער ווינער! אויף זײַן טאָכטערס כאַסענע איז שאָלעם־אַלייכעם נעכטן ניט געגאַנגען, איז עפּשער זאָל מען אים איצט נאָכגעבן... ווי אַזוי עסדיק עס זײַנען די נעגידים! דער שרײַבער האָט געוויזן וואַרשאַווסקין דאָס צעטעלע, און ביידע האָבן באַשלאָסן ניט פאַרהאַלטן די אַרויסטרעטונגען.

דערפאַר אָבער האָבן די אַדמיניסטראַטאָרס ניט געײַלט אָנצוהייבן דעם אָוונט. ווי ס'איז דערנאָך קלאָר געוואָרן, האָט ווינערס פלינקער מעשאָרעס אין נאָמען פון זײַן באַלעבאָס צוגעזאָגט זיי אַ היפּשע פּויטעקע. „פאַר אַזאַ ראָטשילד, ווי ווינער, — האָט ער געזאָגט, — שפּילט ניט קיין ראָליע אַפילו אַזאַ סומע, ווי עס באַטרעפט די גאַנצע האַכנאָסע פונעם אָוונט"...

ניט אַזוי גרינג איז געווען באַרויִקן דעם אוילעם.

— שוין צײַט, צײַט! — האָט געפּילדערט דעריקער די יוגנט.

איינער פון די אַדמיניסטראַטאָרס האָט אָן שאָלעם־אַלייכעמס וויסן געמאָלדן, אַז דער שרײַבער איז ניט געזונט געוואָרן, וועט דערווײַל דער ערשטער אַרויסטרעטן מאַרק וואַרשאַווסקי.

אַ גאַנצע כוואַליע מענטשן האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער, וואָס גרענעצט מיטן זאַל, און ביז מ'האָט זיך ניט איבערצײַגט, אַז מיט שאָלעם־אַלייכעמען איז אַלץ בעשאָלעם, איז מען ניט אָפּגעטראָטן.

דערווײַל איז וואַרשאַווסקי אַרויס אויף דער בינע, צוגעזעצט זיך צום ראָיאַל, און אין

זאָל האָט זיך דערהערט אַ נאָענטע און לײַבלעכע מעלאָדיע, וואָס האָט אַלעמען באַרויִקט. מ'האָט שוין געוווּסט, אַז שאָלעם-אַלייכעם איז געזונט און נאָך וואַרשאַווסקין וועט ער פאַרלייענען.

וואַרשאַווסקי האָט געזונגען די ליד „אין די יאָמטעוודיקע טעג". און ס'האָבן געקלונגען די ווערטער:

אַז די יאָמטעוודיקע טעג הייבן זיך אָן צו באַווײַזן,
ווער איך מיר אַ גאָדל.
איך לייג אַוועק שער און אײַזן
און ווו איך האָב אַ נאָדל.
אופגעהערט נייען, אַרבעט זוכן,
האַרצעדיקער טאַטע.
אַ ביסעלע ווײַן אום יאָמטעוו צו פאַרזוכן
איז בעסער, ווי צו לייגן אַ לאַטע.

אין זאַל האָט מען אונטערגעכאַפּט דאָס לידל, און עס האָבן זיך געהערט פאַרשיידענע שטימעס. איצט אַקאָמפּאַנירט וואַרשאַווסקי שוין נישט זיך אַליין, נאָר אַ גאַנצן כאָר.

שאָלעם-אַלייכעם ווערט צעשמאָלצן פון נאַכעס. ער פאַרשטייט זייער גוט, אַז אײַנעם אַנטדעקן אָט דעם קוואַל פון געזאַנג האָט ער אַ היפּשן כײַלעק.

און אָט איז פאָרגן פאַרגליווערטן זאַל אופגעטראָטן שאָלעם-אַלייכעם. צוזאַמען מיט זײַנע צוהערער האָט ער זיך געטראָגן איבער די שמאָלע קאַליעס מיטן „לײדיקגייער": דער שרײַבער האָט צוזאַמען מיט זײַנע העלדן זיך געלאָזט איבערן גאַנצן טכום-האַמוישעוו צעברעכן די גרענעצן און פליִען ווײַטער איבער דער גאַנצער וועלט, ווו נאָר עס וווינען און לעבן ייִדן; און מע לאַכט, און מע קוועלט, און מע פליט ווײַטער לאַנגע טעג און לאַנגע נעכט. און דער געלעכטער הערט ניט אויף — אַזוי געשמאַק און עמעסדיק איז ער, ווי דאָס לעבן אַליין.

ערשט צום סאָף פונעם אָוונט איז געקומען דער גרעסטער בערדיטשעווער נאָגיד ווינער און דערהערט דאָס געלעכטער. קיינער האָט זיך אָף אים ניט אומגעקוקט, האָט ער דעריבער דערפילט זיך באַליידיקט.

אָפן צווייטן פרימאָרגן האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר פונעם האָטעל-צימער, ווו ס'האָבן זיך אָפּגעשטעלט שאָלעם-אַלייכעם מיט וואַרשאַווסקין. שאָלעם-אַלייכעם, ווי זײַן שטייגער, איז שוין געזעסן באַם טיש און געפינטלט מיטן בלײַער אין זײַן נאָטיץ-ביכעלע. וואַרשאַווסקי איז נאָך געלעגן אָפן געלעגער מיט אָפענע אויגן און צוגעקוקט, מיט וואָס פאַר אַ פלײַס דער שרײַבער אַרבעט.

„לויטן אויסזען זײַנען דאָס באַלמעלאָכעס", — האָט שאָלעם-אַלייכעם אַ קלער געטאָן.
— זײַט אונדז מויכל, וואָס מיר באַמרויִקן אײַך... — זאָגט איינער פון זיי — אַ הויכער, דאַרער מאַנספּאַרשוין. — מיר גייען איצט צו דער אַרבעט, זאָג איך צו מײַן כאַווער: לאָמיר אַרײַנגיין צו שאָלעם-אַלייכעמען זיי פאַרבעטן קומען צו אונדז, צו די היגע באַלמעלאָכעס.

— איר האָט דען אַ לאָקאַל, אַ זאַל, ווו מע זאָל קאָנען זיך פאַרזאַמלען?

— קיין ספּעציִעלן לאָקאַל האָבן מיר ניט, סײַדן די באַלמעלאָכישע שול... אין די יאָמטעוו-טעג קומט אַהין אַ גרויסער אוילעם.

נאָך דעם, ווי דער שרײַבער האָט אַ קלער געטאָן, ענטפערט ער:

— איך בין גרייט צו באַגעגענען זיך מיט אײַך, און אויך וואַרשאַווסקי, עמעס? — וואַרשאַווסקי שאָקלט מיטן קאָפּ אָף יאָ. — אָבער צי ווייסט איר, אַז מע דאַרף האָבן אַ דערלויבעניש פון דער היגער מאַכט, אַניט וועט די פּאָליציי זיך צוטשעפּען צו אונדז. זיי קאָנען נאָך מיינען, אַז מיר האָבן בעדייע אַראָפּוואַרפן ניקאָלקען...

— אַ דערלויבעניש, מיין איך, וועט מען אונדז געבן, — האָט געזאָגט דער הויכער באַלמעלאָכע און, גלײַך ווי ער האָט געוואָלט זיך פאַרענטפערן, געגומען ריידן הייס: — זאָלט איר טאַקע וויסן, אַז מיר, פּאַשעטע מענטשן, זײַנען אײַערע גרעסטע כסידים. און אויב איר זענט שוין געקומען צו אונדז אין שטאָט, ווילן מיר פון אײַך הערן אַ לעבעדיק וואָרט. אין דער שטאָט-דומע האָבן מיר ניט געקאָנט קומען אָף אײַער אָוונט — ניט פאַר אונדזערע קעשענעס...

שײַעך צו זאָגן, שאָלעם-אַלייכעמען איז אַוודע ליב געווען צו הערן די דאָזיקע ווערטער. האָט ער טאַקע צוגעזאָגט די באַלמעלאָכעס זיך באַגעגענען מיט זיי, מיט אַזעלכע געטרײַע און איבערגעגעבענע לייענער. ער האָט פרײַנטלעך זיי אַרויסבאַגלייט.

— אַט די מענטשן — דאָס זײַנען דאָס פֿאָלק, — האָט זיך געפֿרייט שאָלעם־אַליכעם. וואַרשאַווסקי האָט געכאַפּט אַ מאָמענט, ווען דער שרײַבער האָט זיך אָפּגעווענדט פֿונעם פֿאַפּיר, און ניט דרייסט געפֿרעגט:

— מיך מאַטערט שטענדיק די פֿראַגע וועגן פֿאָלק... איך זינג דאָך מײַנע לידער, איז וועמען האָב איך אין זינען? איך ווייס אַליין נישט. אַפּאָנעם, אַלעמען, און איר זאָגט...

נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט שאָלעם־אַליכעם געענטפֿערט:

— כ'בין אײַך אַרעוו, וואַרשאַווסקי, אַז עס וועט קומען די צײַט און איר וועט אַליין פֿאַרשטיין, אַז די נעגידים זײַנען איינס און דאָס פֿאָלק — עפּעס אַנדערש.

אַנטלאָפֿן דער אַרעסטאַנט

ערעוו דעם באַרימטן יוליער שטרײַק האָט קיִעוו געפֿיבערט. די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פֿון דער מערהײַט שטאָטישע אונטערנעמונגען האָבן זיך געגרייט צו אַ שטרײַק. די איניציאַטאָרס זײַנען געווען אַרבעטער פֿון די קיִעווער אײַזנבאַן־וואַרשטאַטן.

און אָט האָט דער שטרײַק אויסגעבראָכן.

אויפֿן פֿערטן טאָג פֿונעם שטרײַק איז דער קוריער־צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין פּעטערבורג, אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע קיִעוו, נאָר אומגעריכט האָט מען אים אוועקגעפֿירט אין אַ העק פֿון דער אײַזנבאַן־ליניע. די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געאײַלט אין דער הויפּטשטאָט, זײַנען אַרויס פֿון די וואַגאָנעס. ווען מ'האָט זיך איבערצײַגט, אַז די אײַזנבאַן־אָנפֿירונג איז אומבאַהאָלפֿן, איז מען געווען געצווונגען מיטצוטיילן וועגן דעם געשעענעם דעם גובערנאַטאָר אַליין. אויפֿן וואָקזאַל איז געקומען אַ גאַנצער ווזוואָד סאָלדאַטן בעראָש מיט אַן אָפֿיצער.

ערשט אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען אויפֿגעזוכט דעם מאַשיניסט און מיט גוואַלד אים געבראַכט צום אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען דער צוג, און ער מיט די אַנדערע צוג־באַדינער האָבן זיך געשטעלט פֿאַרן מוירעדיק־שטרענגן אָפֿיצער. דער מאַשיניסט האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופֿילן דעם אָפֿיצערס באַפֿעל טייקעף־אומעיאַד פֿירן דעם צוג לויט זײַן מאַרשרוט. דער אָפֿיצער האָט גערופֿן די אײַזנבאַנער אָרנטלעך אויספֿילן זייערע פֿליכטן, אויב זיי ווילן נישט צוזאַמען מיט זייערע מישפּאָכעס באַשטראָפֿט ווערן.

— בונטאָוושטשיקעס! — האָט שטרענג געשריגן דער אָפֿיצער. — אײַערע לעבנס זײַנען אין מײַנע הענט! — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום ווזוואָד סאָלדאַטן.

דער מאַשיניסט האָט צעריסן אויף זיך דאָס פֿאַרפּלעקטע העמדל און אויסגעשריגן צום אָפֿיצער:

— שיס, מערדער! איך האָב פֿאַר דיר קיין מוירע נישט. אַלעמען וועסטו ניט דערשיסן! נו, איז וואָס קוקסטו אויף מיר?

אַ פֿאַרלוירענער האָט דער אָפֿיצער געוואָרפֿן אַ בליק צו די סאָלדאַטן. ער האָט אויפֿגעהויבן איבערן קאָפּ דעם רעוואָלווער, געוואָלט אָפּגעבן עפּעס אַ באַפֿעל, נאָר אין דער רעגע האָט דער מאַשיניסט אויסגעשריגן:

— סאָלדאַטן, הערט אים ניט! איר זענט די זעלביקע פּאָשעטע מענטשן, וואָס מיר! די באַלעבאַטים צאָלן אונדז גראָשנס און זײַנען זיך נויקעם אין אונדז. מיר ווילן לעבן ווי מענטשן, נאָר די באַלעבאַטים נאַרן אונדז אָפּ. אײַך צווינגט מען שיסן אין אונדז — אין אײַערע ברידער...

ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס, און דער מאַשיניסט איז אומגעפֿאַלן אויף די רעלסן.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַ צי געטאָן אויף צוריק. פֿון ערגעץ זײַנען געפֿלויגן שטיינער. אין דעם הור־האַ האָט זיך דערהערט עמעצנס אַן אומזיניקער אויסגעשריי: „ראַטעוועט, מע האַרגעט!"

דער קערפּער פֿונעם דערשאָסענעם מאַשיניסט איז ניט לאַנג געלעגן אויף די רעלסן. אַרבעטער און סטודענטן האָבן אים אוועקגעלייגט אויף אַן אימפּראָוויזירטן טראַגבעטל, צוגעדעקט מיט רויטן צײַג און אוועקגעטראָגן אויפֿן בײַקאָווער בעסוילעם.

אין דעם דאָזיקן הייסן יול־טאָג זײַנען צו דער טרויער־פּראָצעסיע צוגעשטאַנען אַ סאַך שטאָטישע מענטשן. די פּאָליציי האָט נישט געשטערט דעם גאַנג פֿון דער פּראָצעסיע.

איינער פֿון די סטודענטן האָט באַם קייווער דערמאָנט די ווערטער פֿונעם פּאָעט:

Тише, о жизни покончен вопрос,
больше не нужно ни песен, ни слез [1].

[1] שטילער, פֿון לעבן איז די פֿראַגע געענדיקט, דאַרף מען נישט מער ניט קיין לידער, ניט קיין טרערן.

באם קיוועך האָט זיך באַוויזן פּאַוועל גאָראָוואָי. זײַן ענערגיש פאַרפרעסטער פּויסט האָט געפּאָכעט אינדערלופטן, ווען ער האָט דערציילט וועגן דעם לעבן פון זײַן פרײַנט — דעם געהאַרגעטן מאַשיניסט. גאָראָוואָיס שטימע האָט געקלונגען שטאַרק און מוטיק.

— דאָ האָט מען געזאָגט, — האָט ער אָנגעהויבן, — אַז מע דאַרף שוין ניט מער קיין לידער, ניט קיין טרערן. טרערן דאַרף מעןווירקלעך נישט, נאָר די פראַגע וועגן לעבן איז ניט פאַרענדיקט, עס הייבט זיך ערשט אָן מיט אַ נײַער ליד פון קאַמף קעגן פאַרשקלאַפטן לעבן...

דאַניִעל מאַפּטער איז פונעם בעסוילעם אוועק אײנינעם מיט די אַרבעטער פון דער דרוקערײַ. באַפרײַט זיך שפּעט אין אָוונט, האָט ער באַשלאָסן איבערנעכטיקן בײַ די עלטערן אויפן פּאָדאָל. ווי שטענדיק, האָבן די עלטערן די ערשטע מינוטן זיך געערגערט, נאָר דערנאָך זיך באַרויִקט און אויף פאַרשיידענע אופנים געפּרוּווט אײַנריידן דעם זון, ער זאָל סאַפּקאַל־סאָף זיך אומקערן צו אַ נאָרמאַל לעבן.

— הער נאָר אויס, דאַניִעל, — זאָגט דער פאָטער, — דער גאַנצער האַרמידער אין שטאָט — דאָס איז אײַער שטיקל אַרבעט?

פונעם זונס פאַרוווּנדערטן קוק האָט דער שנײַדער זיך פאַרלוירן, נאָר דאָך אַ ווונק געטאָן צום ווײַב:

— ציִרל, אונדזער יוירעש מיינט, אַז דער טאַטע זײַנער ווייסט נאָר פון נייען מאַטקעס. איך ווייס און פאַרשטיי מערער, מײַן זון, ווי דו שטעלסט זיך פאָר.

— אויב דו ווייסט, צוליב וואָס זשע פרעגסטו? — ברוגעזט זיך דער זון.

— דו, מײַן טײַערער וועלט־פאַרזאָרגער, ווילסט איבערמאַכן די וועלט, נאָר זי איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָט און פון טאַקיפדיקע מענטשן. דו ביסט אָרעם, דערשלאָגן, אומ־באַהאָלפן אפילע אײנײנעם מיט דײַנע גוטע ברידער. מע וועט אײַך דערשטיקן, ווי פייגעלעך.

דאַניִעל האָט נישט געהאַט קיין כיישעק אָנצוהייבן אַ שטרײַט מיטן פאָטער. ער איז מיד געווען פון די לעצטע טעג, נאָר דער פאָטער האָט אַלץ זיך געריסן אויסצוטײַנען זיך:

— מ׳האָט געמאַכט אַ סומאַטאָכע, אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד אויף דער גאַנצער שטאָט. און אַז מע שיסט אין אײַך, האַלט איר דראָשעס.

— אומזיסט מיינסטו אַזוי, טאַטע. מיר קאָנען אויך שיסן ניט ערגער פון זיי, אָבער אין אומשולדיקע און אין ניט באַוואָפנטע שיסן מיר נישט. אַז ס׳וועט קומען די צײַט, וועסטו אַ סימען האָבן...

...נאָך דרײַ טעג זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען, און דאַניִעל האָט זיך נישט געוויזן צו זײַנע עלטערן. אומגעריכט איז מען באַנאַכט געקומען מאַכן אַן אונטערזוכונג. נאָר דאַניִעל, דער פאָרזיכטיקער און פאַרויסזעענדיקער אונטערערד־טוער, האָט באַם פאָטער אין שטוב ניט איבערגעלאָזט גאָרנישט אַזוינס, וואָס זאָל ברענגען די פּאָליציי אויף אַ שפּור. מ׳האָט אין שטוב איבערגעקערט האָרע־קאָרע, אופגעריסן די פּאָדלאָגע און קיין שום פאַרדעכטיקע שפּורן ניט געפונען.

— ווו איז דער שריפט? — האָט דער פּריסטאַוו, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אונטערזוכונג, אַ ריטשע געטאָן אויפן שנײַדער און אים איבערגעשראָקן אויף טויט.

— וואָס פאַר אַ שריפט? בײַ מיר זײַנען פאַראַן פרעמדע שטאָפן אויף גאַרניטערס, אויף פּאַלטעס, צוויי פּרעסלעך, נאָדל־פּאָדעם און מער גאָרנישט, — האָט דער שנײַדער געפּרוּווט זיך אויסדרייען מיט אַ כאָכמע.

— מאַך זיך נישט טאַמעוואַטע. דײַן זון האָט געוווינט בײַ דיר?

— געוווינט, נו וואָס זשע איז דערפון געדרונגען, וואַשע בלאַהאָראָדיע?

— און איצט וווינט ער בײַ אונדז, באַקומען אַ פײַנע קוואַרטיר. טו זיך אָן! — שרײַט אויס דער פּריסטאַוו. — וועסט גיין צום זון.

— וווהין? — האָט אַ פאַרציטערטער געפרעגט שליאָמע.

— אין לוקיאַנאָווער, צום זון.

— אויף אַ סווידאַניע, הער פּריסטאַוו? זאָל אײַך גאָט בענטשן. ציִרל, דערלאַנג מיר נאָר דעם שאַבעסדיקן סערדעט.

דער פּריסטאַוו און די גאָראָדאָוואָיס האָבן שטאַרק זיך צעלאַכט:

— נאַ סווידאַניע?!. כאַ־כאַ־כאַ! טו זיך אָן גיכער, דאָרט וועסטו שוין באַקומען לאָשן...

— פאַרוואָס, פאַר ווען? — האָט ניט מיט איר קאָל זיך צעשריגן ציִרל. — איכל אים ניט לאָזן, ניט לאָזן! — און זי האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַן פאַר די אַקסלען.

— צירל! — האָט שליאָמע שטרענג א קוק געטאָן אפן ווײַב. — זײַ ניט קיין יידענע. געדענק, אז פאר אזעלכע שטיק וועלן אונדזערע קינדער אף דיר פאריבל האָבן. צירל!
די צארישע וואך־לײַט האָבן אָפּגעפירט שליאָמע דעם שנײַדער אין טפיסע. דאָ האָט ער באגעגנט א סאך ארעסטירטע, נאָר ניט זײַן דאניעלן, וועמען מ׳האָט געהאלטן באזונדער אין אן איינצל־קאמערע. מיט אייניקע ארעסטאנטן איז שליאָמע געוואָרן היימיש, באזונדערס מיט איינעם אן אײַזנבאנער. ער האָט אין אים דערקענט דאניעלס א גוטנברודער. דאָס איז געווען גאַראָוואָי!
גאַראָוואָי האָט זיך צוגעזעצט צום שנײַדער און גענומען אים דערקלערן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאר זײַן דאניעל, פארוואָס ער פירט אזא לעבן, וועלכע צילן ער וויל דערגרייכן.
— האָט קיין פאריבל ניט אף מיר פאר א נארישער פראגע: מײַן זון איז א שנײַדער און איר זענט גאָר אן אָנגעשטעלטער אף דער אײַזנבאן און דערצו נאָך א פראוואָסלאוונער...
— איך בין אן אוקראַינער.
— אן אוקראַינער, זייער וויל. פונוואנען זשע נעמט זיך בא אײַך, הער פאוועל, אזא הייסע ליבע צו מײַן זון?
— מיר ביידע זײַנען קעגן אומרעכט, פארן עמעס, פאר דעם, אז אלע מענטשן זאָלן לעבן גוט, זיי זאָלן זײַן פרײַ און זאט, — האָט רויק געענטפערט גאַראָוואָי.
— אלע זאָלן זײַן פרײַ און זאט... איז דאָס דען מעגלעך?
— מיר קעמפן פאר דעם, ס׳זאָל ווערן מעגלעך.
— קומט אויס, איר זענט אויך אזא סאָציאַליסט, ווי מײַן זון?
— יאָ.
— פארוואָס זשע האָט איר לעבאטכילע ניט געזאָגט? — שפאסט דער אלטער שנײַדער. — איז עפשער וועט איר מיר טאקע זאָגן, ווען וועט מען אונדז ארויסלאָזן פונדאנען? מײַן צירל קאָן זיך שוין אף מיר ניט דערווארטן...
נאָכן שטרײַק זײַנען די מערהײַט ארעסטירטע באפרײַט געוואָרן, מאכמעס ס׳איז ניט געווען קיין באווײַזן פאר באשולדיקונג, און צווישן זיי אויך פאוועל גאַראָוואָי און שליאָמע דער שנײַדער. דאניעלן מאפטער, וועמען מ׳האָט שוין פון לאנג געזוכט, האָט מען צוגעצויגן צו פאראנטווארטלעכקײַט און געגרייט א געריכט־פראָצעס.
אף דער פרײַ האָבן דאניעס כאוויירים באשלאָסן אום יעדער פרײַז אים באפרײַען פון טפיסע. אויסשטעלן, אז ער וועט קאָנען אנטלויפן פון טפיסע, איז קימאט געווען אומעגלעך. נאָך דעם, ווי צוריק מיט א יאָר איז פון לוקיאנאָווקער טורמע אנטלאָפן קיין אויסלאנד א גרופע סאָציאַל־דעמאָקראטן — איסקראָוועס, איז דער פארלײַטערטער רעזשים, וואָס האָט געגעבן אייניקע פריווילעגיעס די פּאָליטישע ארעסטאנטן, אָפּגעשאפט געוואָרן. איין וועג איז געבליבן: אָפּשלאָגן מאפטערן, בייס מ׳וועט אים פירן פון טורמע צום געריכט. זײַנע גוטע־פרײַנט אף דער פרײַ האָבן העפטיק זיך געגרייט צו דער דאָזיקער אָפּעראַציע. מ׳האָט גע־דארפט פארגרייטן האלבאָשע און, דעריקער, א קווארטיר, ווו דער אָפּגעראטעוועטער כאווער זאָל קאָנען איבערזײַן עטלעכע טעג.
מ׳האָט לאנג געזוכט א קווארטיר, ביז דאניעלס פאָטער האָט געפויעלט בא זיך, ער זאָל וועגן אָט דעם איניען זיך ווענדן צו שאָלעם־אלייכעמען.
ווען שליאָמע איז געקומען צום שרײַבער, האָט ער אים גראָד געטראָפן אין א שווערער שטימונג, ווײַל ס׳איז געווען אינגיכן נאָך קעשענעווער פּאָגראָם[1]. נאָך דעם, ווי דער שנײַדער האָט דערציילט וועגן זײַנע איבערלעבענישן בייס דעם שטרײַק, האָט ער דערנאָך מיט א שווערן געמיט גענומען ריידן וועגן דאניעלן:
— וועגן מײַן עלטערן זון וויל איך, פאני שאָלעם־אלייכעם, אײַך אָט וואָס זאָגן: איך ווייס ניט, וואָס עס ווילן די סאָציאַל־דעמאָקראטן, נאָר א מענטש איז ער א פײַנער און א יושערדיקער, מיט סאָוועסט. מיט איין וואָרט, איר ווייסט בעסער, פאני שאָלעם־אלייכעם, וואָס איך וויל וועגן אים זאָגן.
— פארוואָס מיינט איר, אז איך ווייס בעסער פון אײַך?
— איר זענט דאָך שאָלעם־אלייכעם, דארפט איר וויסן, וואָס עס ווילן אזעלכע מענטשן, ווי מײַן דאניעל.
— איך ווייס, רעב שליאָמע.

---

[1] דער קעשענעווער פּאָגראָם איז פארגעקומען אין אפּרעל 1903 יאָר.

— און איר ווייסט אויך, אז מע פּײַניקט אים נאָך איצט אין טורמע?
— דאָס האָב איך נישט געוווּסט, — האָט מיטפילנדיק געזאָגט דער שרײַבער.
— יאָ, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, איכל אײַך זאָגן בעסאָד: די כאַווריירים זײַנע ווילן אים ראַטעווען.
— זייער פײַנע כאַווריירים באַ אײַער זון, רעב שליאָמע.
— יאָ, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, בעפּיירעש פײַנע. נאָר צוליב דעם דאַרף מען האָבן האַל־באָשע, מע זאָל אים ניט דערקענען.
— צוליב וואָס, זאָגט איר?
— זאָל זײַן, איר פאַרשטייט ניט, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם? מע מוז אים אַרויסרײַסן פון טורמע, ווילן די גוטעברידער זײַנע — דרייסטע כעוורע — אים אָפּשלאָגן. אָבער ער דאַרף גלײַך זיך איבערטאָן, אַניט קאָן מען אים אין די טפיסע־קליידער דערקענען, און דעמלט...
שאָלעם־אַלייכעם האָט אופמערקזאַם זיך אײַנגעהערט און אײַנגעטראַכט אין שנײַדערס רייד. ער איז אַפּגיך אַרויס אין צווייטן צימער, אופגעעפנט די קליידער־שאַפע, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ גאַרניטער, אַ פּאַלטאָ מיט אַ שליאַפּע און דאָס אַלץ דערלאַנגט דעם שנײַדער:
— נעמט, זײַט מויכל. אַט דאָס אַנטאָן האָב איך נאָך אין קיִעוו קימאַט ניט געטראָגן.
— אַ דאַנק אײַך, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם.
— און אַט האָט איר אויך שיך, קימאַט נײַע. זאָגט מיר נאָר, אײַער זון איז אַ הויכער?
— אָן ערעך, ווי איר. ס'וועט זײַן גוט אָף אים, — ענטפערט דער שנײַדער און באַטראַכט די זאַכן. — אַט, אַז איר וועט זיך באַקענען מיט אים, וועט איר אַליין שוין זען.
— וויאַזוי וועל איך זיך עס באַקענען מיט אים?
— וועגן דעם וויל איך טאַקע מיט אײַך זיך דורכריידן, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם. ער מוז איבערזײַן עטלעכע טעג אָף אַ קוואַרטיר אין קיִעוו, ביסקל ער וועט קאָנען אַנטלויפן קיין אויסלאַנד.
דער אומרויִקער און אופגערודערטער שליאָמע האָט ניט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם שרײַבער.
— איבערזײַן אין קיִעוו? — פרעגט איבער שאָלעם־אַלייכעם.
— יאָ, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם. מיר האָבן ניט ווו אים אויסצובאַהאַלטן, און דער זון מײַ־נער קאָן נאָך, כאָלילע, אומקומען.
— אָך, רעב שליאָמע! — האָט זיך אַרויסגעריסן באַם שרײַבער.
דער שנײַדער האָט ניט פאַרשטאַנען, צי ס'איז אַ שטאָך־וואָרט, וואָס ער האָט געבוירן אַזאַ זון, צי...
— אײַך איז, מיסטאַמע, זייער שווער, רעב שליאָמע, — דערהערט דער שנײַדער שאָלעם־אַלייכעמס מיטפילנדיקע רייד. דער שרײַבער האָט נערוועז אַרומגעשפּאַנט איבערן קאַבינעט און פּלוצעם האַסטיק צוגעגאַנגען צום טיש, אופגעעפנט אַ שופלאָר און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ שליסל.
— נאַט אײַך אַ שליסל פון דער הינטער־טיר. קומט, וועל איך אײַך ווײַזן דעם הויף און ווי צו עפענען די טיר. איכל וואַרענען מײַניקע...
געזעגענענדיק זיך מיטן שרײַבער באַ דער הינטער־טיר, האָט שליאָמע געזאָגט:
— איר זאָלט וויסן, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, דאָס האָט איר געטאָן ניט פאַר מײַנעטוועגן, נאָר פאַר אַלעמען... אַ דאַנק.
— גוט, גוט, רעב שליאָמע, דאַנקען דאַרף מען נישט. גייט אײַך געזונטערהייט.

אַ טפיסע־קאַרעטע מיט אַ וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי סאָלדאַטן, איז געפאָרן גאַנץ שנעל. פון אַ זײַטיק געסעלע איז אומגעריכט אײַליק אַרויסגעפאָרן אַ דראָזשקע און מיטאַמאָל זיך אַרײַנגעשניטן אין דער קאַרעטע. די וואַך האָט מען גלײַך אַראָפּגעשלײַדערט אָף דער ערד. ביז מ'האָט זיך געפּאָרעט מיט די סאָלדאַטן, האָט דער אַרעסטאַנט דערווײַל זיך איבערגעזעצט אָף דער דראָזשקע און אוועקגעכאַקט אין אַן אומבאַוווּסטער ריכטונג.
די גאַנצע אָפּעראַציע איז דורכגעפירט געוואָרן אָף אַזויפיל געשיקט און קונציק, אַז די פאַרבײַגייער האָבן אַפילע ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן און פאַרשטיין, וואָס אַזוינס איז דאָ פאָרגעקומען.
ווען די דראָזשקע איז דערנאָך שוין געווען נאָענט צו דער בעסאַראַבקע, זײַנען אין איר געווען שוין בלויז צוויי אָנשטענדיקע מענער, וועלכע האָבן גאַנץ רויִק אַראָפּגעשפּאַנט אָפן טראָטואַר און זיך געלאָזט אין איינעם פון די הויפן פון אַ היפּשן הויז אָף גרויס־וואַסילקאָ־ווער גאַס.

אין דער צײַט, ווען פֿונעם אַלט־קיִעווער פּאָליציי־באַציִרק האָבן אַרויסגעפֿלט בא א צענדליק אַגענטן און פּאָליציאַנטן, האָט מען אַף גרויס־וואַסילקאָווער גאַס אַפֿילע קיין פֿאַר־שטעלונג ניט געהאַט וועגן געשעענעם.

פּאַוועל גאַראַוואָי און דאַניִעל מאַפּטער האָבן פֿאַרזיכטיק אופֿגעעפֿנט די הינטער־טיר, דורכגעגאַנגען די קיך און אַרײַנגעקומען אין שאָלעם־אַליכעמס וווינונג. קיינער איז דעמלט אין קיך ניט געווען, און גאַראַוואָי האָט אַרײַנגעפֿירט זײַן פֿרײַנט גלײַך צום שרײַבער אין קאַבינעט.

אַן עלעגאַנט אויסגעפּוצטער יונגערמאַן אין ברילן האָט דערלאַנגט שאָלעם־אַלייכעמען די האַנט. גלײַך ער איז מיט אים באַקאַנט פֿון לאַנג, פֿון לאַנגאַנען.

— טוֹט זיך אויס און פֿילט זיך אַלס מײַנער א גאַסט, הער דאַניִעל מאַפּטער, — האָט דער שרײַבער פֿאַרגעלייגט. — און איר, פּאַוועל, זעצט זיך אויך צו.

אוועקגעזעצט זיך אַפֿן דיוואַן און אָפּגעווישט דאָס פּאָנעם מיט א טיכעלע, האָט גאַראַוואָי געזאָגט:

— דעם עמעס געזאָגט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, האָב איך ניט דערוואַרט אַזאַ דרײַסטקײַט פֿון אײַער זײַט.

— מיך פֿאַרדריסט שטאַרק, טײַערער פֿרײַנט, וואָס איר קלערט וועגן מיר אַזוי, — האָט שאָלעם־אַלייכעם געדרייט מיטן קאָפּ.

— האָט קיין פֿאַריבל ניט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש. איר זענט דאָך געווען א רײַכער מענטש...

— ערשטנס, וואָס געווען איז פֿאַרשוווּנדן; צווייטנס, בין איך — שאָלעם־אַלייכעם, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, דאָס איז ערשטנס.

די געסט האָבן זיך צעלאַכט.

מאַפּטער האָט מיט שטראָפֿנדיקע אויגן געקוקט אַף גאַראַוואָיען.

— בעעמעס טאַקע, פּאַוולאָ, דו טשעפּעסט זיך.

— אַנטשולדיקט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש...

— נישקאָשע, רעב שליאָמעס זון, מיר וועלן מיט פּאַוועלן אויסקומען.

— סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, מיר וועלן זען מאָרגן אוועקשיקן אײַער גאַסט מיטן נאָענטסטן צוג, — האָט, אופֿהייבנדיק זיך, געזאָגט גאַראַוואָי און געוואָלט אוועקגיין.

— וואַרט צו, — פֿאַרהאַלט אים דער באַלעבאָס. — באַלד וועט אָלגע מיכײַלאָוונע מיט עפּעס אונדז אופֿנעמען. איר ווייסט, פּאַוולאָ, אין אַזעלכע פֿאַלן איז בא אונדזער פֿאָלק פֿאַראַן א בראָכע: „געלויבט איז גאָט, וואָס באַפֿרײַט אַרעסטירטע”. עפּשער געדענקט דאַניִעל אַזאַ בראָכע?

— ניין, איך געדענק ניט, — האָט דאַניִעל געענטפֿערט.

— און מיר דאַכט זיך, — זעצט פֿאָר דער שרײַבער, — אַז מע דאַרף די דאָזיקע בראָכע איבעראַנדערשן אַף אַזאַ אופֿן: „געלויבט און געבענטשט זאָלן זײַן יענע מענטשן, וואָס באַפֿרײַען מענטשן...”

— אויסגעצייכנט! — האָט אונטערגעכאַפּט מאַפּטער. — איר האָט אונדז זייער גוט פֿאַר־שטאַנען, הער שאָלעם־אַלייכעם.

דעם שנײַדערס ייִנגערער זון

אַף די ווינטער־קאַניקולן איז צום שנײַדער שליאָמע מאַפּטער געקומען דער קלענערער זון זײַנער, יויסעף, אָדער יוזיע, ווי מ'האָט פֿון קינדווײַז אָן אים גערופֿן — א הויכוווּקסיקער סטודענט פֿון פּעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.

נאָך זײַענדיק א שילער פֿון גימנאַזיע, האָט יוזיע זיך פֿאַרנומען מיט זעלבסטבילדונג, געערכנט זיך צווישן זײַנע כאַווײרים פֿאַר אַן אַנטוויקלטן און באַלעזענעם באָכער. אויך איצט, ווען ער איז געקומען אַהיים אַף וואַקאַציעס, האָט ער שוין דעם ערשטן אָוונט זיך אוועקגעזעצט איבער די ביכער און פֿאַרגעסן אין שלאָף.

שליאָמע איז אופֿגעשטאַנען פֿונעם געלעגער, אַרופֿגעוואָרפֿן א פּאַלטאָ אַף די אַקסלען און צוגעגאַנגען צום זון.

— יוזיע, צײַט צו שלאָפֿן.

דער יונג האָט אופֿגעציטערט.

— וואָס איז געשען?

— ס'איז דיר גאָר ניט קאַלט? — פרעגט שליאָמע. — די מאַמע שלאָפט נישט איבער דיר... זי ערגערט זיך... אין פעטערבורג פאַרזיצסטו זיך אויך אַזוי בײַ דײַנע ביכער?

— האָט קיין יעסורים ניט, — שמייכלט יוזיע, — שלאָפן איז ניט דער איקער בײַ מענטשן...

— דו וועסט דאָך אויסגעמאַטערט ווערן. פאַר דײַן לעבן וועסטו נאָך באַווײַזן זיך אָנ־לייענען. וואָס לייענסטו עס אַזוינס, אויב ס'איז ניט קיין סאָד? כאָטש איך בין אַ פּאַשעטער מענטש, וועל איך דאָך פאַרשטיין, אויב דו וועסט מיר זאָגן.

— ווי זאָל איך דיר דערקלערן, טאַטע, — יוזיע רוקט צו דעם בוך צו זיך. — דו, טאַטע, מאַטערסט זיך דורך די נעכט בײַ דער נאָדל, ביכדיי פאַרהאָדעווען די פאַמיליע... אַזעלכע, ווי דו, וואָס לעבן אין נויט און דאַכקעס, זײַנען פאַראַן זייער פיל. אין אָט דעם בוך ווערט באַשריבן, וויאַזוי צו אַרויסהעלפן די מענטשן פון דער נויט...

„אָט האָסטו דיר די צווייטע טעג יאָמטעוו — אַ גרוס פון דאַניעלן”, — האָט דער שנײַ־דער אַ טראַכט געטאָן.

— פאַרשטייסט מיך, טאַטע, אַ סאַך איז געזאָגט געוואָרן אין דעם דאָזיקן בוך... און אַנדער לעבן וועט זײַן — אַ ליכטיקס און אַ זאַטס פאַר אַלעמען...

שליאָמע קוקט פאַרגאַפט אַף זײַן זון. דער שנײַדער האָט זיך דערמאָנט, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך באַצויגן צו דאַניעלן, און געזאָגט:

— ווייסטו גאָר וואָס, מײַן זון, לאָמיר מיט דיר זיך דורכגיין צו שאָלעם־אַלייכעמען.

און דער זון האָט זיך דאַפקע ניט אָפּגעזאָגט.

אָבער גיין צו שאָלעם־אַלייכעמען איז אַלץ נישט אויסגעקומען. ערשט אַפן זעקסטן טאָג האָט דער שנײַדער סאַפּקאָלסאַף אַרויסגענומען פון דער שאַפע זײַן יאָמטעוודיקן אָנצוג, פלײַסיק צעקעמט דאָס בערדל, פאַרביטן דאָס היטל אַף אַ שליאַפּע און איז צוזאַמען מיט יוזיען אַוועקגעגאַנגען צום שרײַבער.

שאָלעם־אַלייכעם איז גראָד געווען פאַרנומען מיט עמעצן, האָט מען געבעטן דעם שנײַ־דער מיטן זון צוּוואַרטן.

— נישקאָשע, ערגער זיך ניט, איכל אויסוואַרטן, איך אײַל זיך אין ערגעץ ניט, — באַ־רויקט יוזיע דעם פאָטער.

ווען ס'האָט זיך געעפנט די טיר פון קאַבינעט, האָט צוערשט זיך באַוויזן גאַראַוואַי און נאָך אים שאָלעם־אַלייכעם אַליין.

— אַ, רעב שליאָמע, — האָט דער שרײַבער זיך דערפרייט.

שליאָמע האָט געזען, ווי גאַראַוואַי און יוזיע דריקן זיך די הענט — ווײַזט אויס, אַלטע באַקענטע.

— אַז איך און גאַראַוואַי האָבן צוזאַמען געליטן, דאָס ווייס איך געגוי, נאָר פונוואַנען זענט איר באַקאַנט — דאָס פאַרשטיי איך ניט, — האָט געזאָגט דער שנײַדער. — וואָס טוט זיך עס, ריבוינעשעלוילעם, אַף אונדזער וועלט? בעפּייִרעש אַ וועלט מיט קליינע וועלטעלעך!

— וואָס כידעשט איר זיך, הער מאַפּטער? — רעדט העפלעך גאַראַוואַי. — מײַן באַקאַנט־שאַפט מיט דאַניעלן האָט אײַך, דאַכט זיך, ניט אַזוי געכידעשט?

— גאַט באַוואַר, פּאַני גאַראַוואַי. נאָר מײַן דאַניעל — איז איינס, און יוזיע איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, מײַן קלענערער זון; איר געדענקט — איך האָב אײַך דערציילט, וויאַזוי ער איז אָנגעקומען אין גימנאַזיע.

— כ'בין זייער צופרידן צו באַקענען זיך מיט אײַך, — שאָלעם־אַלייכעם דערלאַנגט יוזיען די האַנט.

— אַנטשולדיקט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, וואָס איך האָב אײַך פאַרהאַלטן, — זאָגט פריי־לעך גאַראַוואַי. — מיט יוזיע מאַפּטער זײַנען מיר אַלטע גוטעפרײַנט נאָך פון דעמלט, ווען ער איז געווען אַ גימנאַזיסט. עמעס, יוזיע?

— קומט אַרײַן, — פאַרבעט שאָלעם־אַלייכעם דעם שנײַדער מיטן זון אין קאַבינעט. — און איר, פּאַוולאָ, פאַרקרעוועט אויך די האַלאַבליעס.

אַוועקגעזעצט זיך, האָט דער שנײַדער ווידער גענומען ריידן:

— כ'האָב צו אײַך געבראַכט מײַן זון יוזיע, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם. איצט איז ער שוין אַ סטודענט פון פעטערבורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. הייסן הייסט ער יויסעף, נאָר מע רופט אים יוזיע. — ריידנדיק, האָט ער ניט אַראָפּגענומען די אויגן פון שאָלעם־אַלייכעמען און פון גאַראַוואַיען, געוואָלטן וויסן, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק מאַכט אַף זיי זײַן שיינער זון. גרויסנדיק זיך מיט אים, האָט ער צוגעגעבן: — איר זאָלט וויסן סאַראַ ביכער ער לייענט!

— אין פעטערבורג כאַוועֹרט איר זיך אויך מיט אַזעלכע פאַרשוינען, ווי מײַן פרײַנט פּאַוועל גאַראַוואַי? — האָט שאָלעם־אַלייכעם געשמייכלט.

...יוזיע טוט פאַרכידעשט א קוק אפֿן שרײַבער, דערנאָך פֿירט ער איבער דעם בליק אַף גאַראַוואַיען און ענטפֿערט שמייכלענדיק מיט א פֿראַגע אַף דער פֿראַגע:

— און איר, סאָלאָמאָן נאומאָוויטש, אז איר קומט קיין פּעטערבורג, באַגעגנט איר זיך מיט אזעלכע, ווי פּאַוועל גאַראַוואַי?

— אין פּעטערבורג בין איך נאָך נישט געווען, — טײַנעט שאָלעם־אַליכעם, — נאָר אויב איכל פֿאָרן אהין, וועל איך געוויס זיך באַגעגענען. פֿאַרוואָס זאָל איך זיך ניט באַגעגענען מיט פֿײַנע מענטשן?!

— נו, און איך אויך דאָס זעלבע, סאָלאָמאָן נאומאָוויטש.

שאָלעם־אַליכעמען איז געפֿעלן יוזיעס ענטפֿער.

— אײַער פֿרײַנט, דער סטודענט, איז א מאָלאָדיעץ! — האָט ער געזאָגט צו גאַראַוואַיען.

דער סטודענט איז צוגעגאַנגען נעענטער צום שרײַבערס טיש, איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען מאַקסים גאָרקיס פּאָרטרעט. דאָס איז געווען א לעצטער פּאָרטרעט פֿונעם שרײַבער, אַרויסגענומען פֿון אן איליוסטרירטן זשורנאַל.

— ווער איז דאָס, יוזיע? — פֿרעגט דער שנײַדער.

— דער שטורעמפֿויגל.

— אַף מײַן לעבן ניט געהערט אזא פֿאַמיליע, — טוט דער שנײַדער א קנייטש מיט די אַקסלען.

— און א פֿאַמיליע גאָרקי האָסטו געהערט, טאַטע?

— עפּעס קאָן איך זיך נישט דערמאָנען.

דערווײַל האָט שאָלעם־אַליכעם, וואָס האָט זיך געפּאָרעט לעם דער ביכער־שאַפֿע, אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרטן א בראָשור.

— אָט דאָס האָט איר אמאָל געלייענט? — האָט ער געפֿרעגט דעם סטודענט. — ס'איז אַרויסגעגעבן אין זשענעווע אין 1885 יאָר. מיט פֿלעכאַנאָווס א פּאָרעדע.

יוזיע האָט גענומען די בראָשור אין דער האַנט אַרײַן און פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט:

— ווי קומט זי צו אײַך? — ער האָט דורכגעלייענט אין דער הייך דעם נאָמען פֿון דער בראָשור: „ס. דיקשטיין. ווער מיט וואָס עס לעבט".

— וואָס וווּנדערט איר זיך אזוי, הער סטודענט? איך בין דאָך א ליטעראַט און לעב, ווי פּושקין האָט זיך אויסגעדריקט, „ס וועקאָם נאַראַווניע", דאָס הייסט אײנײנעם מיט דער צײַט. און איר, מײַן ליבער יונגערמאַן, קענט ווייניק שאָלעם־אַליכעמען. איך בין, עמעס, א הומאָריסט, ניט קיין סאָציאַליסט, אָבער איך שעץ די פּראָגרעסיווע אידייען. — דער שרײַבער האָט אופֿמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין יוזיען. — וואָס, איר האָט ניט געוואָרט. דערוף?

— פֿאַרוואָס, סאָלאָמאָן נאומאָוויטש? איר האָט גאַנץ ריכטיק געזאָגט: יעדער דענקענדיקער מענטש, ווער שמועסט א ליטעראַט, דאַרף גיין אײנײנעם מיט דער צײַט. איך ווייס, ווי אײַערע ווערק שעצן און האָבן ליב אזעלכע אַרבעטס־לײַט, ווי מײַן פֿאָטער. איר זענט דער באַהערשער פֿון זייערע געדאַנקען. איז פֿאַרוואָס זאָלט איר ניט שעצן די פּראָגרעסיווע אידייען פֿון אונדזער יאָרהונדערט? איר וועט דאָך זיך ניט אָפּשטעלן אַף ספּענסערן און באָקלען?..

לאַנג נאָך האָט זיך געצויגן דער שמועס צווישן דעם שרײַבער און דעם סטודענט.

— דעם עמעס געזאָגט, רעב שליאָמע, — ווענדט זיך שאָלעם־אַליכעם צום גליקלעכן פֿאָטער, — ווען איר האָט מיר דערציילט וועגן אײַער גימנאַזיסט, האָב איך נאָך גאָר ניט געוווּסט, אז ער איז בא אײַך אזא ווילער און אזא... גראָטן אין עלטערן ברודער. ווו איז איצט יענער?

— איך ווייס ניט, — דעם פֿאָטערס פּנים איז טרויעריק געוואָרן. ער האָט א קוק געטאָן אַף יוזיען און צוגעגעבן: — כ'האָב דאָך אײַך געזאָגט, אז שליאָמע מאַפּטערן האָט גאָט באַגליקט מיט ניט קיין געוווּנלעכע קינדער.

ביז האַלבן וועג אהיים איז מיטגעגאַנגען אויך גאַראַוואַי, דערנאָך האָבן זיי פֿרײַנטלעך זיך געזעגנט.

באקאַנטשאַפט מיט מיכײַלאָ קאָציובינסקי

נאָך די בלוטיקע קעשענעװער געשעענישן איז שאָלעם־אַלײכעם אָפּט אַרײַנגעפאַלן אין אַצוּעס, אָפּט פֿלעגט ער טרױעריק װערן, כאָטש ביכלאַל האָט דער שרײַבער געקאָנט האַלטן זײַנע נערװן װי אין אַ צװניפֿגעפּרעסטן פּױסט. אַזױ פֿלעגט ער אַלײן זאָגן װעגן זיך. נאָר געשריבן האָט ער דאָן אַ סאַך.

שאָלעם־אַלײכעם האָט אין יענער צײַט פֿאַרטראַכט אַ דערצײלונג — אַ באַשולדיקונג קעגן די שטאַרקע מױשלים אין רוסלאַנד, געװאָלט אין זײַן װערק באַװײַזן די לײדן און דעם אומקום פֿון אומשולדיקע מענטשן. ער האָט שױן אַפֿילו געהאַט אָנגעשריבן עטלעכע קאַפּיט־לען, נאָר װען דער אױטאָר האָט זײ דורכגעלײענט פֿאַר זיך אַלײן, איז ער געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז אים שטערט דער אױסגעאַרבעטער נוסעך זײַנער, װאָס איז פֿאַר אים געװען כאַראַקטעריסטיש. האָט ער אין גרױסן ייִעש צעריסן די אָנגעשריבענע זײַטלעך.

„דערצו דאַרף מען האָבן איַװון, — האָט געקלערט שאָלעם־אַלײכעם, — איַװו האָט געקאָנט זיך פּײַניקן, באַװײנען און באַקלאָגן. פֿאַר מיר אין דער דאָזיקער טראַגישער זשאַנער ניט צוגענגלעך".

געקומען אַ ביסל צו־זיך, האָט שאָלעם־אַלײכעם װידער זיך גענומען צו זײַנע באַליבטע העלדן — צו די קלײנע מענטשעלעך מיט קלײנע האַסאָגעס. נאָר װען ער פֿלעגט זיך דער־מאָנען אין זײַן ניט פֿאַרװירקלעכטן פּלאַן אָנצושרײַבן װעגן די בלוטיקע געשעענישן, האָט ער זיך געפֿילט, גלײַך ער שטײט באַ אַן אָפֿענעם קײװער פֿון אַ לײַבלעך־נאָענטן מענטשן.

אין אײנעם פֿון יענע טעג, אין אַ זומער־פֿרימאָרגן, איז צום שרײַבער אומגעריכט אַרײַנ־געקומען פּאַװעל גאַראָװאַי.

— איר װײסט שױן עפּשער, אַז נעכטן איז געקומען צו פֿאָרן קײן קיִעװ מיכײַלאָ קאָ־ציובינסקי. מיר האָבן מיט אײַך ניט אײן מאָל גערעדט װעגן אים. כ׳האָב אָפּגעדעזשורעט אַ גאַנצן מעסלעס, בין איך איצטער פֿרײַ.

— זײער װױל, — שאָלעם־אַלײכעם כאַפּט אַ קוק אַפֿן קעשענע־זײגער. ס׳איז געװען אָנ־הײב צען. — איז װאָס זשע, אײגנטלעך, לײגט איר פֿאָר?

— איר, סאָלאָמאָן נאַומאָװיטש, האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איר װאָלט אַ באַלן געװען זיך באַגעגענען מיט קאָציובינסקין, דורכשמועסן זיך. פֿאַר אײַך, אַ ליטעראַט, איז באַקװעמער אױסצופֿילן אַזאַ זאַך. און מיך, האָף איך, װעט איר מיטנעמען.

— צי האַלט איר ניט, אַז איצט איז נאָך פֿרי?

— פֿאַרװאָס? — דערװידערט גאַראָװאַי — מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז קאָציובינסקי איז גע־קומען צו אַ דאָקטער. פֿרײַנט האָט ער דאָ אַ סאַך, װעט ער באַטאָג זײַן פֿאַרנומען, און אָפּדערנאַכט װעט ער געװיס צוריק אװעקפֿאָרן קײן טשערניגאָװ...

— גוט, — האָט שאָלעם־אַלײכעם אײַנגעשטימט. — איך בין גרײט. איכל נאָר נעמען דעם זאָנטיק, דאַכט זיך, ס׳װעט זײַן אַ רעגן. כאַפּט אַ קוק, װי דער הימל איז כמורנע. װוּ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, קאָציובינסקי?

— אין האָטעל „אימפּעריאַל".

— אױסגעצײכנט, ניט װײַט פֿונדאַנען. איז געגאַנגען.

קאָציובינסקין האָבן זײ געטראָפֿן אין האָטעל־צימער אײנעם אַלײן.

— ביטע, — האָט ער פֿרײַנטלעך פֿאַרבעטן די געסט.

— איך בין שאָלעם־אַלײכעם, עפּשער האָט איר געהערט װעגן מיר. סאָלאָמאָן נאַומאָ־װיטש ראַבינאָװיטש.

— װי דען, װי דען, אװדע געהערט. איך האָב אַפֿילו אַ קלײנינקן באַגריף װעגן אײַער שאַפֿונג. כ׳בין גליקלעך צו באַקענען זיך מיט אײַך.

— כ׳האָב צו אײַך, מיכאַיל מיכײַלאָװיטש, געבראַכט אַ מענטשן, װעלכער לעבט מיט אײַערע דערצײלונגען. אײַער אַ הײסער אָנהענגער און געטרײַער לײענער — פּאַװעל סער־גײעװיטש גאַראָװאַי, אַן אָנגעשטעלטער אױף דער אײַזנבאַן.

קאָציובינסקי האָט צוגערוקט אַ װאַזע, װאָס איז געשטאַנען אױפֿן טיש:

— זעט, סאַראַ אונגאַרישע זאַפֿטיקע פֿלױמען. דאָס האָט מיר צוגעשיקט מיקאָלאַ װאָר־טאַליעװיטש ליסענקאָ. לאָזט זיך אױס, אַז ער איז אַ מײװון ניט בלױז אױף מוזיק, ער איז אױך אַ מײװון אױף פֿרוכטן. הײַנט די עפּל — טוט אַ קוק! פֿון אונדזערע אוקראַיִנישע סעדער. פֿאַרזוכט, איך בעט אײַך.

קאַציובינסקי איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און פֿאַנאַנדערגערוקט די שטאָרן.

— כ'האָב ניט ליב קיין וואָלקנס, ס'ווערט אומעטיק און פֿינצטער. איך באַדאַרף האָבן זון. עפּעס פֿיל איך זיך ניט מיט אַלעמען... און ווי איז אײַער געזונט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש?

— אַ דאַנק אײַך. איך דאַרף האָבן דאַרעם.

— אויך איך דאַרף אַף דאַרעם, אָבער די אַרבעט פּרעסט מיך אויף, — האָט פֿאַרגעזעצט קאָציובינסקי. — די טעג האָב איך באַקומען אַ בריוו פֿון וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטשן... זידלט ער מיך. „אויב ס'וועט ניט זײַן קיין געזונט, וועלן אויך קיין נײַע ווערק ניט זײַן". אַזוי טײַנעט קאָראָלענקאָ, און ער איז בעפּיירעש גערעכט. אַגעוו, פֿאַראַיאָרן האָט ער מיר דערציילט, אַז איר האָט זיך געווענדט צו אים מיט אַ ביטע עפּעס אָנשרײַבן פֿאַר אַ זאַמלונג לעטויוועס די געליטענע פֿון קעשענעוו.

שאָלעם־עליכעם איז אופֿגעשטאַנען און גענומען אומרויִק שפּאַנען איבערן צימער.

— יאָ, מיכאַיִל מיכײַלאָוויטש, כ'האָב זיך געווענדט ניט בלויז צו וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטשן, נאָר אויך צו לעוו טאָלסטאָיען, צו טשעכאָוון און צו גאָרקין. זיי האָבן זייער הייס זיך אָפּגערופֿן אַף דער ווענדונג. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט צוגעשיקט דרײַ מײַסעלעך, האָב איך גוט צוגעהאָרעוועט איבער דער איבערזעצונג, נאָר, דאַכט זיך, ס'האָט זיך באַקומען. די זאַמלונג איז דערשינען און געהאַט גרויס דערפֿאָלג.

— דאָס אַלץ איז זייער גוט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש... ס'איז גוט, וואָס טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ און אַנדערע... — קאָציובינסקיס פּאָנעם איז פּלוצעם טונקעלער געוואָרן, ער האָט נערוועז אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט זײַן הוילן קאָפּ. — נאָר פֿאַרוואָס האָט איר אויך צו מיר זיך ניט געווענדט וועגן מאַטעריאַל פֿאַר דער דאָזיקער זאַמלונג?

שאָלעם־עליכעם האָט אַ שולדיקער געקוקט אַף קאָציובינסקין און דערנאָך אַף גאַראַ־ראַיען:

— איך ווייס אַליין ניט...

— האָט דערפֿון קיין יעסורים ניט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, — באַרויִקט אים קאָציובינ־סקי, — אַפּאָנעם, איר האָט ניט קיין גענויע פֿאַרשטעלונג וועגן כאַראַקטער פֿון מײַן שאַפֿונג. איך אַליין בין אויך, עמעס, שולדיק פֿאַר אײַך: איך האָב ווייניק געלייענט אײַערע זאַכן, אייגנטלעך, מער געהערט וועגן אײַך, איידער געלייענט.

— פֿאַר דעם וועט דער אייבערשטער אין הימל אַף יענער־וועלט אונדז שטעלן צו אַ שטרענגען געריכט, — האָט זיך אַ וויצל געטאָן שאָלעם־עליכעם, — פֿאַר מײַנע זינד וועל איך פּרווון אָפּקומען מיט אַ כאָכמעלע און מיט אַ וויץ, און אויך איר וועט געוויס געפֿינען אַ מיטל, ווי צו פֿאַרענטפֿערן זיך.

ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— און איך, — מישט זיך אַרײַן גאַראַוואַי, — וועל איידעס זאָגן, אַז ביידע זענט איר זינדיק, זינדיק פֿאַרן פֿאָלק, — און ער נעמט דערקלערן, וואָס ער מיינט דערמיט צו זאָגן: — ווינען וווינט איר אַף איין ערד, אין איין קאַנט, מע קאָן זאָגן, גאַנץ נאָענטע שכיינים — און אָקאָרשט זיך באַגעגנט צום ערשטן מאָל. איר טוט דאָך, קאָן מען זאָגן, איין זאַך...

אַ פֿאַרציקאַווטער האָט קאָציובינסקי באַטראַכט גאַראַוואַיען.

— פֿאַוועל סערגייעוויטש איז גערעכט, — זאָגט שאָלעם־עליכעם, — נאָר איטלעכער פֿון אונדז האָט זיך זײַן פּעקל. מיכאַיִל מיכײַלאָוויטש, ווי איך האָב געהערט, דינט אין טשער־ניגאָווער זעמסקע אופּראַווע, איז, ווי עס ווײַזט אויס, איבעריק זיס לעבט זיך אים ניט. און אויך איך, ווי אײַך איז באַוווּסט, האָב געשעפֿטן מיט איניאַנים איבערן קאָפּ. אין אַלגעמיין זײַנען מיר, פֿאַרשטייט זיך, זינדיק פֿאַרן פֿאָלק, בעפּיירעש זינדיק...

אַ פֿאַרקלערטער האָט קאָציובינסקי אופֿמערקזאַם געקוקט דורכן פֿענצטער.

— ווי עס ווײַזט אויס, וועט קיין רעגן ניט גיין, — האָט ער געזאָגט, — און דאָך איז דושנע אַף דער גאַס. סע שטיקט, ס'איז אומרויִק, — האָט ער פּאַמעלעכן איבערגעכאַזערט, אָפּגייענדיק פֿונעם פֿענצטער, — דאָס דערהאַרגענען פֿאַן פּלעווען אין פּעטערבורג...

— וועט זײַן מיט איין אויסוורף ווייניקער אַף דער וועלט, — האָט שאָלעם־עליכעם דרייסט אַ זאָג געטאָן.

— איר מיינט, אַז די קעשענעווער טראַגעדיע איז זײַן שטיקל אַרבעט?

— אָן שום צווייפֿל, מיכאַיִל מיכײַלאָוויטש.

באַ די ווערטער האָט גאַראַוואַי ווי אופֿגעלעבט:

— אַנטשולדיקט מיר, הערן ליטעראַטן, וואָס איך מיש זיך אַרײַן אין אײַער שמועס. פֿאַן פּלעווע האָט ניט נאָר אָנטיילגענומען אין אָרגאַניזירן דעם קעשענעווער פּאָגראָם, ער איז

אויך שולדיק אין פיל אומגליקן אין רוסלאַנד — אין דער אָרעמקייט און ארבעטסלאָזיקייט... די זאַך איז אָבער ניט בלויז אין אים, נאָר אין די, וועמען ער שטעלט פאָר.

ביידע שרייַבער האָבן אופמערקזאַם זיך צוגעהערט צו גאַראַוואָיס ווערטער.

— פּאַוועל סערגייעוויטש, — רופט זיך אָן קאָציובינסקי, — מיר ווילט זיך אייַך שענקען מייַנעם א בוך. איך וועל אָבער דערווייַל מוזן זיך באַגרענעצן בלויז מיט א צוזאָג, מאַכמעס כ׳בין געקומען אהער צו פאָרן ווי איך שטיי און גיי, בלויז צום דאָקטער. אָבער פון טשערני־גאָוו וועל איך אומבאַדינגט צושיקן, אומבאַדינגט... איך בעט אנטשולדיקונג פאַר מייַן פראַגע: אונדזער אוקראַיִנישע שפּראַך קענט איר?

— ווי דען!

— אויב איר לייענט אוקראַיִניש, וועל איך אוואַדע אייַך שיקן מייַן בוך. איר וועט דורכלייענען און מיר אָנשרייַבן אייַער מיינונג. גוט?

— געוויס, — ענטפערט גאַראָוואָי. — איך דאַנק אייַך אפריִער פאַר דער מאַטאָנע.

קאָציובינסקי האָט זיך פּלוצעם א קערעווע געטאָן צו שאָלעם־אַלייכעמען:

— פון זינט די געשעעענישן אין קעשענעוו מאַטערט מיך איינע א טעמע, זי לאָזט מיך פּאַשעט ניט רוען... און איר וואָס שרייַבט איצט? — האָט ער זיך אַליין איבערגעשלאָגן.

— איך? איך שרייַב מיר מייַנע פעליעטאָנען, הומאָריסטישע דערציילונגען. — און ווי ער וואָלט זיך באַפרייַט פון שווערע מאַכשאָוועס, פּלוצעם צוגעגעבן: — אַך, ווי איך בין צופרידן, מיכאַיִל מיכײַלאָוויטש, פון אונדזער באַגעגעניש! כ׳וואָלט א באַלן געווען נאָך נעענטער זיך באַקאַנען מיט אייַך. ס׳וואָלט אויך גוט געווען, אונדזערע לייענער זאָלן זיך באַקאַנען מיט אייַערע דערציילונגען.

— אָט וועל איך אָנשרייַבן יענע דערציילונג, וואָס כ׳האָב פאַרקלערט, וועט זי זיכער זייַן פאַרשטענדלעכער פאַר אייַערע לייענער, כ׳וועל זי אָנשרייַבן און אייַך צושיקן.

— פאַרוואָס גראָד וועגן פּאָגראָם? — האָט שאָלעם־אַלייכעם דערווידערט. — האָט קיין פאַריבל ניט, מיכאַיִל מיכײַלאָוויטש, ס׳איז גאָר ניט קיין מוז פאַר אונדזערע שטעטלדיקע ליי־ענער, זיי זאָלן אָנהייבן די באַקאַנטשאַפט מיט אייַער שאַפונג דאַפקע פון אַזעלכע דערציי־לונגען. איך מיין, אַז מע וואָלט מיט גרויסן אינטערעס באַגעגנט אייַערע א געשיכטע, לאָמיר

זאָגן, וועגן אזעלכע מענטשן, ווי... אונדזער געמיינזאמער באקאנטער פּאוועל סערגייעוויטש גאַראָוואַי. איך, אשטייגער, און אויך פיל אנדערע שרײַבער, האָבן, צום גרויסן באדויערן, ביז איצט אינגאנצן ניט געשריבן וועגן די גאַראָוואַיס. מיר קענען זיי זייער ווייניק.

— פאראן א טיפער זינען אין אײַערע ווערטער, סאַלאָמאָן נאומאָוויטש, — איז מאסקים געווען קאַציובינסקי, — נאָר יענע דערציילונג, וועגן וועלכער כ'האָב גערעדט, וועל איך אומבאדינגט אָנשרײַבן. דאָס איז נייטיק צוליב אונדזער געמיינזאמער זאך.

— געוויס!

שאָלעם־אליײכעם האָט זיך געלאָזט ארומשפּאנען איבערן צימער.

— און אָט איז טאקע אראָפּ א רעגן, — האָט ער געזאָגט, ווען ער איז צוגעגאנגען צום פענצטער. — הייסט עס, אז איך מיט אײַך, פּאוולאָ, וועלן דאָ פארסטאָמפּעט ווערן.

קאַציובינסקי האָט ארויסגעשטעקט די האנט דורכן פענצטער, אונטערגעשטעלט זי אונטער די רעגן־טראָפּנס. ער האָט טיף אָן אָטעם געטאָן און טרוימעריש געזאָגט:

— ווי גוט דער רעגן שמעקט.

— יאָ, זייער גוט און אָנגענעם... — כאזערט איבער גאַראָוואַי. ער איז אויך צוגעגאנגען צום פענצטער.

שאָלעם־אליײכעם האָט זיך אריבערגעבויגן איבער דער פענצטער־ברעט, געכאַפּט א קוק אַפן הימל און אויסגערופן:

— אינגיכן וועט ווערן ליכטיק.

אלע דרײַ לעם פענצטער האָבן זיך באגעגנט מיט די אויגן.

אן ערעך אין צוויי יאָר ארום איז ארויס פון דרוק קאַציובינסקיס בארימטע דערציילונג „ווין אידע” („ער גייט”), אין וועלכער דער אוקראַיִנישער שרײַבער־הומאניסט האָט גע־שטעמפּלט די פּאָגראָם־פּאָליטיק פון דער רוסישער זעלבסטהערשונג.

דריטער טייל

אין פּעטערבורגער רעדאקציעס

שאָלעם־אליײכעמס רום איז געוואקסן. ס'איז קימאַט נישט געווען קיין איין יידישע מיש־פּאָכע, ווו מע זאָל נישט האָבן געלייענט דעם שרײַבערס ווערק. די פארלעגער פלעגן אָבער אָפּט באגרענעצן די טיראַזשן פון זײַנע ביכער.

דער שרײַבער האָט געזוכט נײַע באקאנטשאַפטן און געשטרעבט צו פארברייטערן זײַן פארבינדונג מיט פאָרשטייער פון דער רוסישער קולטור. נאָך אין 1901 יאָר האָט דער יונגער רוסישער שרײַבער אלעקסיי מאקסימאָוויטש פּעשקאָוו, שפּעטער דער בארימטע געוואָרענער מאקסים גאָרקי, אָפּגעדרוקט אין „ניזשעגאָראָדסקי ליסטאָק” שאָלעם־אליײכעמס עטלעכע דער־ציילונגען אין דער איבערזעצונג אַף דער רוסישער שפּראך.

שאָלעם־אליײכעם האָט באשלאָסן מאכן א נסיִע קיין פּעטערבורג, עפּשער וועט זיך אים אײַנגעבן דאָרטן פּערזענלעך צו באקענען מיט גאָרקין און מיט אנדערע אָנגעזעענע רוסישע שרײַבער.

די רוסישע הויפּטשטאָט האָט באגעגנט שאָלעם־אליײכעמען מיט א כמורנע בארויגעזן רעגנדל, וואָס האָט געדיכט זיך געזיפּט אָן אופהער. כאָטש דער שרײַבער האָט טעלעגראַפירט דער רעדאקציע פון דער צײַטונג „דער פרײַנט”, האָט קיינער אים ניט באגעגנט ניט אַף דער פּלאטפאָרמע און ניט פון יענער זײַט ראַכוועסדיקן וואָקזאַל.

מיילע, וועט שאָלעם־אליײכעם זיך באגיין, ער איז געגנוג געניט אין זײַנע אָפטע ארומפּאָ־רענישן.

אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ איז שאָלעם־אליײכעם רויִק צוגעגאנגען צו א פּאַעטאָן און געהייסן זיך פירן אין א האָטעל.

דורך דעם רעגן־נעפּל האָט שאָלעם־אליײכעם דערזען די גרויסארטיקע שטרענגע ארכי־טעקטור פון די פּעטערבורגער מויערן, ס'האָט אים איבעראַשט דער גרויסשטאָטישער טומל און די מענגעס פּוסגייער. איבער די גאסן האָבן זיך געטראָגן קארעטעס און פּאַעטאָנען, פאר־

מאכטע אוטאָמאָבילן און וועלאָסיפּעדן. אין אָט דעם טומל האָבן זיך אַרײַנגעפּלאָכטן אויסגע־שרייען פון צײַטונגס־פּאַרקויפער.

דער שווייצאַר אין האָטעל האָט זיך פאַרנייגט און ברייט צעעפנט די טיר פאַרן אָנגע־פאַרנעם. ער זאָל געווען וויסן, אַז דאָס איז ניט מער, ווי דער זשאַרגאָנישער פּאַרפאַסער פון דער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי", דער הומאָריסט שאָלעם־אַליכעם, וועלכן ס'איז אַלס אַ ייִדן דערלויבט צו וווינען אין דער הויפּטשטאָט פון דער רוסלענדישער אימפּעריע ניט מער ווי פיר און צוואַנציק שאָ! אויך דער האָטעל־אַדמיניסטראַטאָר, אָדער ווי ער האָט זיך אָנגערופן „אופּראַווליאַיושטשי", וואָלט געוויס ניט געווען אַזוי צוגעלאָזט און ווילגענייגט בייסן איבער־געבן שאָלעם־אַלייכעמען דעם שליסל פונעם צימער.

אויסגערוט זיך פונעם וועג, האָט שאָלעם־אַלייכעם אַ קלער געטאָן, אַז עס וואָלט קעדײַ געווען אָנקלינגען דורכן טעלעפאָן אין רעדאַקציע פון דער צײַטונג „דער פרײַנט", נאָר צו וואָס, אייגנטלעך, אײַלן זיך? שפּעטער וועט ער אַרויסגיין אין גאַס, וועט ער דעם ערשטן וויזיט אָפּשטעקן דער רעדאַקציע. פאַרט די ערשטע טעגלעכע ייִדישע צײַטונג אין רוסלאַנד. פאַראַיאָרן און הײַנטיקס יאָר, אין 1904־טן, האָט שאָלעם־אַלייכעם דאָרטן אָפּגעדרוקט עטלעכע דערציילונגען, איצט וויל ער זיך צונויפרעדן וועגן דרוקן אייניקע נײַע זאַכן, וואָס זײַנען גרייט באַ אים אין פּאָרטפעל און אין קאָפּ.

דער שרײַבער האָט ניט געוווּסט, אַז שאַבעס (ס'איז גראָד געווען שאַבעס) האָט די רעדאַקציע און די דרוקערײַ ניט געאַרבעט. אומזיסט געפאָרן אַהער! באַם שווייצאַר האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פונעם רעדאַקטאָר סאַול מויסייעוויטש גינזבורג און באַשלאָסן צופאָרן צו אים אַהיים.

גינזבורג האָט וואַרעם אויפגענומען שאָלעם־אַלייכעמען און אַ ביסל אָנגעבראָגעזט גע־פרעגט, פאַרוואָס האָט ער ניט צו וויסן געגעבן וועגן זײַן קומען.

— בעפיירעש צו וויסן געגעבן, — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם, — אָנגעשריבן וועגן דעם נאָך פון פּון ווילנע און כוץ דעם אַ דעפּעשע געשיקט.

— וועגן דעם האָב איך ניט געוווּסט, — צענעמט דער רעדאַקטאָר די הענט און גיט צו מיט כניפע: — שאָלעם־אַלייכעמען וואָלטן אַלע אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען.

— אַפּאַנעם, די פּאָסט און דער טעלעגראַף זײַנען שולדיק... — שמייכלט דער שרײַבער.

— נישט אַנדערש, נישט אַנדערש, הײַנט ווי דען? — שמייכלט אויך דער רעדאַקטאָר.

— מיילע, מיר וועלן מיט אײַך און מיט אײַערע מיטאַרבעטער זיך צערעכענען אַף יענער־וועלט. פאַרשטייט זיך, אין הונדערט מיט צוואַנציק יאָר אַרום. איך האָב פאַרגרייט אַ גרויסן צעטל מיט טײַנעס.

גינזבורג האָט גלײַך געביטן דעם שמועס — דערוף איז ער געווען אַ מײַסטער. אין די פּעטערבורגער ייִדישע קרײַזן האָט דער רעדאַקטאָר פון „דער פרײַנט" געשעמט פאַר אַ קלוגן, דורכגעטריבענעם מענטשן, וועלכער, כאָטש ער איז געווען אַ היסטאָריקער, ניט קיין יוריסט, איז דאָך מעסוגל געווען אַזוי צו פירן אַ שמועס, אַז ער אַליין זאָל קיינמאָל ניט בלײַבן דער באַאוולטער. אַן אויסערסט פּינקטלעכער, שטענדיק גלאַט אָפּגעראַזירטער, האָט ער זײַן קײַלע־כיקן קאָפּ געהאַלטן אַ ביסל אָנגעבויגן אין אַ זײַט צום לינקן אַקסל און געשמייכלט מיט יענעם שטילן שמייכל, פון וועלכן ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי איז ער מאַסקים דערמיט, וועגן וואָס עס גייט די רייד, צי ניט.

שאָלעם־אַלייכעם האָט בעפיירעש געוואָלט זיך פאַרבינדן מיט אָט דעם געבילדעטן היִ־סטאָריקער, וואָס האָט זיך קוינע־שעם געווען מיט זײַנע אַרטיקלען אין זשורנאַל „וואָסכאָד" וועגן אייניקע העברעיִשע שרײַבער. דער שרײַבער האָט אויך געדענקט וועגן גינזבורגס זאַמ־לונג פאָלקסלידער, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט צוזאַמען מיטן פאָלקלאָריסט מאַרעק. שאָלעם־אַלייכעם, וועלכער האָט ליב געהאַט פיל צו דערציילן, האָט אויך דאָס מאָל גאַנץ לעבעדיק דערציילט וועגן זײַנע נעסיִעס קיין אָדעס און קיין ווילנע, וועגן זײַנע באַגעגעניש מיט די אַרטיקע שרײַבער, און געקוקט גינזבורגן גלײַך אין פּאָנעם, ווײַל ער האָט באַמערקט, ווי דאָס שמייכעלע אַף גינזבורגס פּאָנעם בײַט זיך: אָט ווערט עס כויזעקדיקער, אַזעסדיקער, כוצפּע־דיקער, ווייכער, מילדער.

— סאַול מויסייעוויטש, זײַט מיר מויכל, נאָר מיר דאַכט זיך, איר האָט ניט געהערט, וואָס כ'האָב געזאָגט.

— וואָס רעדט איר, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש! איר טײַנעט וועגן דעם, אַז מע זאָל אַריבער־פירן די רעדאַקציע פון דער צײַטונג קיין אָדעס אָדער קיין ווילנע, אָדער כאָטשבי קיין בערדיטשעוו. איר מיינט, אַפּאַנעם, אַז דאָס וועט בעסער לוינען, אַז דער האָנאָראַר וועט זײַן אַ גרעסערער...

שאָלעם־אַלייכעם האָט אַנטשלאָסן דערווידערט:

— זעט איר, סאַול מויסייעוויטש, דאָס איז שוין אַן אוולע פון אײַער זײַט. איך בעט אײַך פאַרגעדענקען, אַז אין מײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט האָב איך קיינמאָל ניט אין זינען געהאַט אוועלכע־ס׳איז וויגאָדעס פאַר זיך. ווען איך האָב בעשײַטע אופגעקליבן די בעסטע קויכעס פון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור פאַר דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״, האָב איך געצאָלט אַזעלכע האָנאָראַרן, אַז בא אייניקע מענטשן האָבן זיך אַזש די קעפּ פאַרדרייט. איך האָב ניט קיין אַנדערע קאַוואָנעס, אויסער דעם, וואָס איך שטרעב, אַז די צײַטונג זאָל דערגעענטערט ווערן צום לייענער.

גינזבורג איז אופגעשטאַנען, אָנגענומען שאָלעם־אַליכעמען פאַר דער האַנט און שולדיק געזאָגט:

— איך האָב ניט געמיינט, כאָלילע, אײַך טרעפן. כ׳וויס, אַז איר יאָגט זיך ניט נאָכן קערבל.

נאָר שאָלעם־אַלייכעמען איז שוין שווער געווען אָפּצושטעלן.

— אײַער צייטונג „דער פרײַנט״, — האָט ער געטײַנעט, — דערמאָנט מיר אַ נעגידישע כאַסענע, וווהין דער ברייטער אוילעם האָט ניט קיין דריסאַס־האַרעגעל.

— דערמיט באַליידיקט איר ניט בלויז מיך, טײַערער סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, — שלאָגט אים איבער גינזבורג.

— וואַרט, וואַרט, הערט מיך אויס ביזן סאָף, און דערנאָך מעגט איר זיך באַליידיקן אָדער ניט בליידיקן — ס׳איז אײַער זאַך... „דער פרײַנט״ האָט טאַקע אַ גרויסן טיראַזש — וויפל זאָגט איר? ביז נײַנציק טויזנט? גרויסאַרטיק. אָבער איר מיט אײַער צײַטונג זענט אָפּגעריסן פונעם פאָלק, איר געפינט זיך נישט דאָרט, ווו עס ברויזט דאָס לעבן.

איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט שאָלעם־אַלייכעם ווײַטער הייס גערעדט:

— איר דאַרפט פאַרשטיין, סאַול מויסייעוויטש, אַז די צײַטונג איז נייטיק אין אָדעס, ווילנע, וואַרשע, אָדער אפילע אין אַ קלענערער שטאָט, ווי בערדיטשעוו. נאָר אומבאַדינגט דאָרטן, ווו עס געפינען זיך די מאַסן, דאָס עכטע פאָלק. אײַערע סאָכרים און געשעפט־לײַט אין פעטערבורג דאַרפן זי ניט, זיי לייענען זי ניט.

— פּוסטע מײַסעס, — האָט שאַרף איבערגעריסן גינזבורג, — מיר האָבן קוים מיט צאָרעס אַרויסגעריסן אַ דערלויבעניש באַם אינערן־מיניסטער פאָן פּלעווע, מיר לעבן שטענדיק אין פּכאָדים, אַז יעדע מינוט קאָן מען זי צומאַכן... איר האָט גאָר קיין באַגריף ניט, וויפל מע־סירעס עס שיקן אהער פאַרשיידענע פּראָוואָקאַטאָרס און פּאָליצײַ־שפּיקן, אַז מיר זײַנען, קלוימערשט, קראַמאָלניקעס.

שאָלעם־אַלייכעם איז געבליבן אומצופרידן פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט גינזבורגן און האָט באַשלאָסן נאָך דעם זעלביקן טאָג זיך אַרײַנכאַפּן אין דער רעדאַקציע פונעם רוסיש־ייִדישן זשורנאַל „וואָסכאָד״, מיט וועלכן בא אים איז געווען פאַרבונדן איינע אַ וויכטיקע דערמאָנונג: נאָך אין די אכציקער יאָרן האָט דער קריטיקער דובנאָוו אָפּגעדרוקט אין „וואָס־כאָד״ דעם ערשטן לויב־געזאַנג שאָלעם־אַלייכעמען, אַלס שרײַבער, פאַר זײַן דערציילונג „דאָס מעסערל״. וויפל וואַסערן ס׳זײַנען שוין פון דעמלט אָן פאַרלאָפן!.. שפּעטער האָט ער מיט דובנאָוון זיך באַגעגנט אין קיִעוו און געשלאָסן מיט אים פרײַנטשאַפט. ווילט זיך אים איצטער נעענטער באַקענען מיטן זשורנאַל און מיט זײַנע מיטאַרבעטער און, עפשער טאַקע, אָפּדרוקן דאָרט עטלעכע דערציילונגען אין דער רוסישער שפּראַך — זײַנע און פון אַנדערע ייִדישע שרײַבער. דעם זשורנאַל לייענט פיל ייִדישע און ניט־ייִדישע אינטעליגענץ, ווערט מען אַזויאַרום נעענטער זיך באַקענען מיט דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור.

שאָלעם־אַלייכעם דערמאָנט זיך, ווי אין סאַמע אָנהייב, ווען ער און מאָרדכע ספּעקטאָר האָבן אָנגעהויבן זייער ליטעראַריש לעבן, האָט דער געוועזענער פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד״ אַדאָלף לאַנדאַו זיך אָפּגעזאָגט אָפּצודרוקן עטלעכע ווערטער וועגן זייערע ערשטע ליטעראַרישע ווערק. ספּעקטאָר האָט דעמלט געגוני באַשריבן שאָלעם־אַלייכעמען, וויאַזוי לאַנדאַו האָט גאָדלעסדיק מעוואַטל געמאַכט זייערע ביכלעך. „זשאַרגאָן איז ניט קיין שפּראַך און בעמיילע ניט קיין ליטעראַטור, — האָט ער געזאָגט, — דעריבער קאָן זייער ערנסטער זשורנאַל אפילע ניט דערמאָנען וועגן אַזעלכע ביכלעך״. האָט ספּעקטאָר אים באַוויזן שאָלעם־אַלייכעמס אַ שאַרפזיניקן בריוו, ווו ס׳איז געווען געשריבן, אַז מע ווערט צווינגען דעם „וואָס־כאָד״ צו דרוקן וועגן די זשאַרגאָן־שרײַבער. „וויאַזוי?״, — האָט געפרעגט דער דעמלטיקער רעדאַקטאָר. — פּאַשעט, — האָט ספּעקטאָר געלייענט פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו, — מיר וועלן שרײַבן אַזעלכע ווערק, אַז לאַנדאַו וועט מוזן דרוקן רעצענזיעס אין זײַן זשורנאַל״. לאַנדאַו האָט געלייענט שאָלעם־אַלייכעמס בריוול צו ספּעקטאָרן און געלאַכט, געהייסן איבער־

לאָזן בא זיך די ביכלעך — מע וועט שוין זען. און ס'האָט טאַקע ניט געהאָלפֿן. עמעס, ניט ער, דער פֿאַרביסענער קעגנער פֿון מאַמע־לשון, לאַנדאַו, האָט אָנגעשריבן אַ רעצענזיע, נאָר דער היסטאָריקער און ליטעראַטור־קענער דובנאָוו, וועלכער האָט שפּעטער שוין געגעבן נאָך עטלעכע איבערזיכטן וועגן דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור.

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט שאָלעם־אַליכעם זיך געלאָזט אין דער רעדאַקציע פֿון זשורנאַל „וואָסכאָד".

ס'איז געווען אַרום צוויי אַזייגער באַטאָג, נאָר אין פּעטערבורג איז דער באַטאָג אַ צע־בויטעטער פֿון די נעפּלען, וואָס הויערן איבער אים, דאַכט זיך אויס, אַז ס'איז שוין ביין־האַשמאָשעס און צײַט אָנצינדן לאָמפּן.

שאָלעם־אַליכעמען האָט מען באַגעגנט אין רעדאַקציע וואַרעם און רוישיק. אויפֿגענומען האָט אים איינער פֿון די אָנפֿירער פֿון זשורנאַל, אַ מענטש מיט אַ קורצער פֿאַמיליע — טרער. ער האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט שאָלעם־אַליכעמען, אָבער לויט זײַנע אַ פּאָר רעפּליקעס און אומגעדולדיקע, שאַרפֿע זשעסטן איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אַז דאָ, אין דער רע־דאַקציע פֿון זשורנאַל „וואָסכאָד", באַציט מען זיך נאָך ביז איצט מיט ביטל צו דער שפּראַך, אַף וועלכער שאָלעם־אַליכעם שרײַבט.

— מיר האָבן גאָר אַנדערע פֿליכטן פֿאַר די ייִדן אין רוסלאַנד, — דערקלערט טרער. ער טוט אַ קלונג מיטן גלעקל און הייסט דעם קוריער אַרײַנברענגען טיי. — מיר האָבן איין ציל, — האָט טרער פֿאַרגעזעצט, — אַרײַנשרײַען אין די אויערן פֿון די רוסישע רעגירונגס־לײַט וועגן גלײַכבאַרעכטיקונג פֿאַר די אָרעמע ברידער אונדזערע.

— איר האָט אַ טאָעס, הער טרער. מע דאַרף אָט די רוסלענדישע רעגירונגס־לײַט, וועגן וועלכע איר רעדט, באַווײַזן אונדזער פֿאָלק אַ פּריילעכס, אַ מונטערס, פֿול מיט האָפֿענונג, אַ רײַכס מיט פֿאַנטאַזיע. מע דאַרף באַווײַזן דאָס פֿאָלק, ווי עס גאַרט צו אַ פּולווערטיק און פֿיל־פֿאַרביק לעבן. דעמלט וועלן אַײַערע רעגירונגס־טשינאָווניקעס, עפּשער, פֿאַרשטיין, אַז מיר זײַנען מענטשן מיט מוסקולן, לעבנסטעטיקע, ענערגישע. און איר זאָגט...

— וואַרט, וואַרט נאָר אויס, — שלאָגט איבער טרער, — מיר האָבן שוין אַ ביטערע דערפֿאַרונג פֿון אַײַערע זשאַרגאָנישע פֿאַרפֿאַסונגען: אין 1891 יאָר האָט מען אונדזער זשור־נאַל פֿאַרמאַכט אַף זעקס כאָדאָשים פֿאַר אָפּדרוקן אַײַער מענדעלע מויכער־ספֿאָרימס „קליאַ־טשע". עס זײַנען פֿאַראַן אויך אַנדערע ביטערע פֿאַקטן.

— און איך וועל אײַך ברענגען אַן אַנדער פֿאַקט. צי ווייסט איר, אַז דער פּוילישער שרײַבער יונאָשאַ האָט ספּעציעל זיך אויסגעלערנט ייִדיש — דעם פֿאַרהאַסטן זשאַרגאָן, — ביכדיי קאָנען איבערזעצן די זעלביקע „קליאַטשע"?

דער רעדאַקציע־מיטגליד האָט אַ שמייכל געטאָן, ביטלדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און מיט דער צווייטער אונטערגערוקט צו שאָלעם־אַליכעמען די גלאָז:

— טרינקט בעסער טיי, זי וועט קאַלט ווערן.

שאָלעם־אַליכעם האָט זיך ניט צוגעריירט צו דער טיי. ער האָט קוים אײַנגעהאַלטן אין זיך דעם קאַס, וואָס איז געוואַקסן פֿון מינוט צו מינוט. און טרער האָט, ווי אַף צולאָכעס, לאַנג געדרייט מיטן לעפֿעלע, צעמישט דעם צוקער אין דער גלאָז טיי, דערנאָך אַ זופּ געטאָן איין מאָל און נאָך אַ מאָל.

שאָלעם־אַליכעם האָט געקוקט אַף טרערס שפּיציק בערדל און געטראַכט, אַז אָט די אינ־טעליגענטלעך רוקן אַרײַן זייערע בערדלעך אין אַ פֿרעמדער נעשאָמע און מיינען, אַז זיי טוען אויף עפּעס וויכטיקס פֿאַר זייער פֿאָלק.

— האָט קיין פֿאַריבל ניט, הער טרער, איך וואָלט אײַך געבעטן מיר ענטפֿערן אַף איינער אַ פֿראַגע.

באַם רעדאַקציע־מיטגליד האָט זיך אויסגעצויגן דאָס פּאָנעם, ער האָט אָפּגערוקט די גלאָז צום עק טיש און איז גרייט געווען צו הערן.

— ווי מיינט איר, די ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, אַמכאָ, לייענען אַײַער זשורנאַל?

— אַז מיר באַדאַרפֿן זיי גאָר ניט, הער שאָלעם־אַליכעם, — פֿאַרהייבט טרער די ברע־מען, — מיר נייטיקן זיך אין אַן אינטעליגענטן לייענער.

— זײַט מיר מויכל, הער טרער, וויפֿל איז דער טיראַזש פֿון אַײַער „וואָסכאָד"?

— נו, באַ פֿינף טויזנט... אַן ערעך.

— זעט איר, און מײַנע ביכלעך דרוקן זיך אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן.

— און דאָך קומט איר צו אונדז, מיר זאָלן אײַך דרוקן און פֿאַרשטעלן פֿאַרן רוסישן לייענער.

— דאָס פֿאָדערן די אינטערעסן פֿון אונדזער פֿאָלק און, אויב איר ווילט וויסן, אויך צו־ליב דעם, איר זאָלט, ווי איר האָט געזאָגט, איבערצײַגן די אַזויגערופֿענע רוסישע רעגירונגס־לײַט, אַז אונדז קומט גלײַכבאַרעכטיקונג.

דער דאָזיקער שמועס צווישן דעם זשאַרגאָנישן מעכאַבער שאָלעם־אַליכעם און איינעם פֿון די רעדאַקציע־מיטגלידער פֿון רוסיש־ייִדישן זשורנאַל „וואָסכאָד" וואָלט, מעגלעך, געדויערט לענגער, ווען דער סעקרעטאַר זאָל ניט געווען מיטיילן טרערן, אַז זײַן פֿרוי איז צו אים געקומען.

שאָלעם־אַליכעם האָט זיך פֿאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

סטודענטן

איינעם אין אינדערפֿרי האָט מען אָנגעקלאַפּט צו שאָלעם־אַליכעמען אין האָטעל־צימער. דער שרײַבער האָט אופֿגעעפֿנט די טיר און דערזען אַ באָכער אין אַ סטודענטן־אוניפֿאָרם און מיט אים — אַ מיידל. שאָלעם־אַליכעם האָט זיי פֿאַרבעטן אַרײַנגיין אין צימער. ביידע האָבן ניט דרייסט אַריבערגעטראָטן די שוועל.

— הייסט עס, דאָס זענט איר טאַקע שאָלעם־אַליכעם אַליין? — האָט געפֿרעגט דער סטודענט.

— יאָ, מאָלט אײַך אויס, אַז איך. זעצט זיך, זײַט מויכל.

— איך בין פֿון אַ פּאָדאָליער שטעטל, פֿון באַר, — שטעלט זיך פֿאָר דער סטודענט, — געוויס האָט איר געהערט וועגן אַזוינעם. און זי, — ווײַזט ער אָן אָפֿן מיידל, — זי איז פֿון בערשאַד, אויך פֿון פּאָדאָליע. איך לערן זיך אָפֿן מעדיצינישן פֿאַקולטעט, און זי...

שאָלעם־אַליכעם כאַפּט אַ קוק אָפֿן מיידל — אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן מיט אַ מילדער שײַן באַלויכטן איר טונקל־מאַטעווע פּאָנעם. דער סטודענט האָט איבערגעכאַפּט דעם שרײַבערס בליק און דערקלערט:

— דאָס איז כאַווע שטאָפּעלמאַן, איינע פֿון די געצייילטע ייִדישע קורסיסטקעס אין פּעטער־בורג. מיר זײַנען געקומען אײַך בעטן, איר זאָלט עפּעס דורכלייענען באַ אונדז.

— ווער איז דאָס דער „באַ אונדז"? — איז פֿאַרן שרײַבער ניט געווען קלאָר.

— באַ אונדז פֿערזענלעך, מיר האָבן כאַסענע, — האָט אַ ביסל זיך פֿאַרשעמט דער סטו־דענט.

— נו, און כופּע וועקידושן? און די עלטערן? — פֿרעגט שאָלעם־אַליכעם.

— וואָס איז שײַעך די עלטערן — זײַנען זיי באַ זיך אין דער היים, אין פּאָדאָליער גו־בערניע. קיין פּעטערבורג, ווי איר ווייסט, טאָרן זיי ניט קומען אָן פּראַוואָזשיטעלסטווע. און כופּע וועקידושן... — שמייכלט דער סטודענט, — וועלן מיר נעמען דעמלט, ווען מירן קומען אַהיים. דאָ וואָלטן מיר דערווײַל אַ באַלן געוועין באַצייכענען אונדזער יאָמטעוו מיט אײַך צוזאַמען.

דאָס מיידל האָט זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס און געזאָגט, אַז כאָטש די ייִדן — סטו־דענטן זײַנען דאָ, אין פּעטערבורג, אָפּגעריסן פֿון זייער היימישער סוויווע, זײַנען זיי דאָך פֿעסט פֿאַרבונדן מיט שטאַרקע פֿעדעם מיטן פּראָסטן פֿאָלק און מיט זײַן שטייגער, מיט דעם זעלביקן לעבן, וואָס שאָלעם־אַליכעם באַשרײַבט. אויב שאָלעם־אַליכעם וועט וועלן זיי אָנ־טאָן קאָוועד און קומען צו זיי אָפֿן אונטערהאַלט, וועט ער אַליין קאָנען זיך איבערצײַגן דערין.

דער שרײַבער האָט גוטמוטיק געשמייכלט:

— זייער פֿײַן פֿון אײַער זײַט. איך דאַנק אײַך פֿאַרן קאָוועד, וואָס איר טוט מיר אָן... וואָס זשע שטעלט איר מיר ניט פֿאָר אײַער כאָסן? איך בין אַ באַלן צו וויסן אייניקע פּראָ־טים וועגן אים.

כאַווע איז רויט געוואָרן און געזאָגט:

— סאַשע, אָדער, ריכטיקער, איציק שטאַבסקי, איז אַנטלאָפֿן פֿון זײַנע עלטערנס היים, פֿון זײַן פֿאַנאַטישן פֿאָטער. ער שטרעבט צו ווערן אַ פֿאָלקס־רופֿע.

— און איר וואָס ווילט זײַן?

— איך? — דאָס מיידל לאָזט אַראָפּ די אויגן. — איך וויל אויך זײַן אַ דאָקטער.

— אַ דאָקטער? — כידעשט זיך דער שרײַבער.

— וואָס איז, סע פּאַסט מיר ניט? — צעלאַכט זיך כאַווע.

— פֿאַרוואָס? — צעשמייכלט זיך שאָלעם־אַליכעם. — ס'פּאַסט אײַך זייער. נאָר עפּעס האָב איך ביז איצטער ווייניק באַגעגנט דאָקטוירים צווישן די ייִדישע טעכטער.

— איז אָט וויל איך ווערן איינע פון די ערשטע, היילן מענטשן.
— פון וואָס היילן?
— פון וואָס? פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן און פון פינצטערניש, פון אמאַראַצעס און זאַבאַבאָנעס.
— אָ, דאָס רעדט איר שוין ווי זשאַנע ד'אַרק.
— איר מעגט זײַן זיכער, הער שאָלעם־עליכעם, יעווא שטאָפּעלמאַן וועט אירס אויס־פירן! — האָט הייס אויסגערופן סאַשע שטאַבסקי.
ערשט איצט האָט שאָלעם־עליכעם באַמערקט, אַז דער סטודענט איז אַ געלער. נישט בלויז די שוועליורע זײַנע, נאָר אויך די ברעמען, די וויִעס, די קליינע וואָנצעלעך זײַנען בײַ אים געווען געלע. און ווי בײַ דעם גרעסטן טייל געלע, זײַנען איבערן גאַנצן פּאָנעם געווען צעשאָטן קלײַען.
— הער שאָלעם־אַליכעם, — זאָגט כאַווע, — נאָר איך האָב געקאָנט זיך אײַנשטעלן כאָסענע האָבן מיט אַזאַ רויטן באָכער.
— מיט וואָס ריזיקירט איר? — שמייכלט גוטמוטיק שאָלעם־אַליכעם.
— מע זאָגט, אַז געלע זײַנען בייזע.
— ניט שרעקלעך, — באַרויִקט זי דער שרײַבער. — ס'וועלן בײַ אײַך געבוירן ווערן רויטע שרעטעלעך.
די סטודענטן צעלאַכן זיך. זיי פרעגן, צי זאָלן זיי קומען בעמען זייער גאַסט, אָדער דער הער שאָלעם־אַלייכעם וועט אליין קומען צו זיי.
— איכל אליין טרעפן, — האָט דער שרײַבער געענטפערט.
שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז לויט אַ פאַראָרדענונג פונעם דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט די קיִעווער אָכראַנקע נאָך זינט אָקטיאַבער 1903 יאָר פאַר־פּירט אַ „דיעלאָ" אָף סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש ראַבינאָוויטש און די דאָסיע איז געוואַקסן אַדאַנק די פאַרשיידענע אַגענטור־ידיעות. ווּהין שאָלעם־אַלייכעם איז ניט אָפּגעפאָרן פון קיִעוו, האָט מען אָן אופהער אים נאָכגעשפּירט, אַכטונג געגעבן, ניט אַרויסלאָזנדיק אים פון אויג. אויך דאָ, אין פּעטערבורג, האָט דאָס וואַכע אויג פון דער אָכראַנקע ניט אופגעהערט אים נאָכצו־קוקן.
שטאַרק אומרויִק איז געוואָרן דער שפּיק, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אין פּעטערבורג צו שאָלעם־אַלייכעמען, ווען דעם שרײַבער האָבן באַזוכט די סטודענטן. דעמלט איז דער שפּיק אוועקגעלאָפן צו זײַן שעף אין זשאַנדאַרם־אָפּטייל.
שאָלעם־אַלייכעם האָט אַרײַנגעלייגט אַ מאַנוסקריפּט אין קעשענע און זיך געלאָזט צו די סטודענטן.
ווען דער שרײַבער איז צוגעקומען צום הויז לויטן אדרעס, האָבן אים באַגעגנט סאַשע און נאָך איינער אַ יונגערמאַן.
— דער כאָסן אליין איז אַרויסגעגאַנגען אנטקעגן, זייער. פײַן! — האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך צעשמייכלט.
אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט שאָלעם־אַלייכעם דערזען זײַן אַלטן באַקאַנטן, דעם לאַנדס־מאַן יוזיע מאַפּטעד אין אַן אוניפאָרם פון אַ סטודענט פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט.
— איר זענט אויך דאָ! — האָט זיך דערפרייט דער שרײַבער.
— אָן מיר, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, קומט ניט פאָר אין פּעטערבורג קיין שום סטודענטישע סימכע, — האָט געענטפערט יוזיע, דריקנדיק שאָלעם־אַלייכעמען די האַנט.
— לאָזט זיך אויס, איר זענט באַקאַנט, — האָט זיך אַרײַנגעמישט סאַשע שטאַבסקי. — סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, איכל אײַך זאָגן בעסאָד, אַז יוזיע איז דער הויפּט־שולדיקער דערפון, וואָס איר זענט הײַנט אין אונדזער קאָמפּאַניע.
דעם שרײַבערס אויג באַמערקט, אַז יוזיע איז ברייטער געוואָרן אין די אַקסלען, אַז דאָס גריבעלע אָף דער אונטערבאָרד איז טיפער געוואָרן און גיט צו יוזיעס שטאַרקן און ענער־גישן פּאָנעם אַ גוטמוטיקן אויסזען.
— צי האָט איר, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, געטראָפן זיך די לעצטע צײַט מיט גאַראָוואָ־יען? — טוט יוזיע אַ פרעג.
— יאָ, נאָר ווייניק. ער איז, אַפּאָנעם, שטאַרק פאַרנומען. און איר האָט דעמלט, ביז אײַער אָפּפאָרן קיין פּעטערבורג, נאָך געזען זיך מיט אים?
— ניין, מיר שרײַבן זיך איבער פון צײַט צו צײַט, — האָט געענטפערט דער סטודענט.

— אנטשולדיקט, — זאָגט דער שרײַבער, — וואָס איז מיט אײַער ברודער, ווי געפינט ער זיך איצטער?

— איך ווייס ניט, סאַלאָמאָן נאומאָוויטש.

— איר ווייסט ניט, צי איר האָט מוירע צו זאָגן?

— איך ווייס בעעמעס גאָרניט.

צווישן די געסט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן א שווײַגנדיקער יונגערמאַן, וועלכער האָט אופמערקזאַם זיך צוגעקוקט צו אלע געקומענע. ער האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַן „אייביקן סטודענט”. דאָס איז געווען א סטודענט פון קאָנסערוואַטאָריע מיט עפּאָלעטן, פון וועלכע ס׳זײַנען אַראָפּגעהאַנגען זילבערנע שלענגעלעך. ער האָט ניט אַראָפּגענומען די לויכטנדיקע אויגן פונעם שרײַבער. געווען זײַנען דאָרטן נאָך דרײַ מיידלעך — קורסיסטקעס, בלייכע, איידלגופיקע, פריידיק-אופגעלעבטע.

נאָך דעם, ווי מ׳האָט זיך באַקענט, האָבן צוויי מיידלעך אָנגענומען שאָלעם-אַלייכעמען אונטער די הענט און צוגעפירט אים צום סאַמע אויבנאָן באַם טיש.

— דאָ איז דאָך דאָס אָרט פאַר כּאָסן-קאַלע, — האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך צוריקגעצויגן. נאָר די מיידלעך האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט.

— זײַט רויִק, פאַרן געלן מיט יעווען זײַנען בא אונדז צוגעגרייט באַזונדערע ערטער, — זיי האָבן אָנגעוויזן אַף בענקלעך, ווו ס׳איז געווען פאַרגרייט א מין העסעבעט.

דער גאַנצער „מאַכער” איז דאָ, אפּאָנעם, געווען יוזיע, מאַכמעס ער האָט איצט גאַנץ זיכער געבאַלעבאַטעוועט באַם געדעקטן טיש.

— איך, אלס א קיִעווער טוישעוו, — האָט יוזיע זיך געווענדט צו שאָלעם-אַלייכעמען, — בעט ווי געהעריק אָפּשאַצן די קולינאַריע-טראַדיציעס פון אײַער לאַנדסמאַן... ווי איר זעט, זײַנען דאָ פאַראַן פאַרשיידענע מײַכאָלים — נאַציאָנאַלע און, אַזוי צו זאָגן, נייטראַלע: הריבעס, קאָנסערוון...

אים האָט איבערגעשלאָגן דער געדיכטער באַס פונעם „אייביקן סטודענט”:

— מיט איין וואָרט — אַלץ איז דורכגעטראַכט ווי געהעריק.

שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך צוגעקוקט צו די יונגעלײַט, און א פריידיקער געפיל האָט אָנגעפילט זײַן האַרץ. ווי גוט איז, וואָס ער איז אַהער געקומען!

עס זײַנען געקומען נאָך צוויי געסט — סטודענטן פון לעצטן קורס פון מעדיציינישן פאַקולטעט — וואַלענטין טראַפימאָוו און זײַן ווײַבל, ביידע ליכטיקהאָריקע און בלוי-אויגיקע. ווערא — א קליינוווקסיקע, פולבלעכע פּרוי מיט א געטאָקט נעזל און גלאַנצנדיקע געדיכטע צעפּ — האָט מיט אלעמען זיך צעקושט, באַזונדערס הייס — מיט כּאָסן-קאַלע. ווען זי איז צוגעגאַנגען צו שאָלעם-אַלייכעמען זיך באַגריסן, האָט ער אין א שפּאַס זיך אָפּגערוקט און צוגעדעקט דאָס פּאָנעם מיט דער לינקער האַנט.

— איר ווילט ניט זיך צעקושן מיט וואָראָטשקען? — האָט פונעם צווייטן עק טיש א געשריי געטאָן יוזיע. — איך בין גרייט אײַך פאַרבײַטן, סאַלאָמאָן נאומאָוויטש...

— פאַרוואָס מיינט איר אַזוי? — האָט שאָלעם-אַלייכעם א ביסל זיך פאַרשעמט. — איך האָב פּאַשעט מוירע פאַר אירע ציינדלעך.

מע האָט זיך צעלאַכט, און הילכיקער פון אלע ווערא אַליין.

באַם טיש איז געווען טומלדיק און פריילעך. דער „אייביקער סטודענט” האָט זיך צערעדט פאַר פּײַער און פאַר וואַסער און געגומען שיטן מיט קאַלאַמבורן. ער האָט דערקלערט, אַז ער איז א גרויסער ליבהאָבער פון דער נײַער רוסישער דיכטונג, ציטירט אָן א שיר וואַלערי בריוסאָוון.

שאָלעם-אַלייכעם, אויך א גרויסער קענער פון בריוסאָווס שאַפונג, האָט גערן געשמועסט וועגן אים מיטן סטודענט. דערנאָך האָט עמעצער פאַרפירט א רייד וועגן שאָלעם-אַלייכעמס ביכער. דער סטודענט האָט פײַערלעך אויסגערופן:

— איך שווער בא באָרד-און-פייעס, אַז פון הײַנט אָן ווער איך א הייסער כּאָסיד פון דער יידישער ליטעראַטור.

ס׳איז געקומען אַזאַ מאָמענט, ווען אלע באַם טיש האָבן זיך גענומען צו דער אכילע. מ׳האָט געהאַלטן איין טאָסט נאָכן אַנדערן, געטרונקען פאַרן געזונט און גליק פון כּאָסן-קאַלע, פאַר פּרײַנט, פאַרן כּאַשעוון גאַסט. עמעצער האָט אויסגעשריגן „גאָרקאָ”, און כּאָסן-קאַלע האָבן זיך צעקושט.

פּלוצעם האָט די קאַלע געלאָזט א טרער. זי האָט זיך דערמאָנט אין די עלטערן, וואָס ווױנען אין ווײַטן שטעטל אין פּאָדאָליער גובערניע און ווייסן אפילע ניט וועגן זייער טאָכטערס גליק.

— עפשער האָבן מײַנע עלטערן מיר, זייער איינציקער טאָכטער, נאָך ניט מוחל געווען... — האָט זי געזאָגט מיט א שווערן געמיט. — כ'בין דאָך אוועקגעפאָרן קעגן זייער ווילן...

„אָט וואָס פאַר א יוגנט ס'איז אויסגעוואַקסן, — האָט שאָלעם־אַליימעם געטראַכט, — זי ברעכט דרייסט דעם אלטן שטייגער. און ער, דער שרײַבער, קען זי וויניק, די דאָזיקע יוגנט"...

— סאַלאָמאָן נאומאָוויטש! — האָט דער כאָסן אים איבערגעשלאָגן די געדאַנקען. — מיר בעטן אײַך זייער דורכליינען עפּעס א פריילעכע און קאָמישע מײַסע פון אײַערע נײַע שאַ־פונגען. עס ווילט זיך, אז דאָס גאנצע לעבן זאָל אונדז זײַן אופגעלייגט אפן הארצן... מירן ווערן דאָקטוירים, זיך צעפאָרן אין די היימישע קאַנטן, וועלן היילן דאָרטן מענטשן פּראָסטע, אָפּגעשטאַנענע מענטשן, וואָס גלייבן נאָך דערוויַל מערער אין גאָטס ניסים, איידער אין דער מעדיצין. איז בענטשט אונדז, סאַלאָמאָן נאומאָוויטש, מיט אײַערע וווּנדערלעכע שורעס, וואָס זײַנען פול מיט אָפּטימיזם.

דעם יונגערמאַנס רייד האָבן טיף גערירט דעם שרײַבער. אָט זײַנען זיי, די יונגעלײַט, וועלכע האָבן זיך ארויסגעריסן פונעם שטעטל אין דער גרויסער ליכטיקער וועלט ארײַן!

— גוט, — האָט שאָלעם־אַליימעם צוגעשטימט, — איכל אײַך דורכליינען מײַנע א נײַע, נאָך ניט קיין פאַרעפנטלעכטע, דערציילונג וועגן דעם פעטער פּיניע און דער מומע רייזיע.

און ער האָט גענומען לייענען. א הילכיקע שטימע האָט אָנגעפילט דעם צימער, באַזונ־דערס אויסדריקלעך האָט זי געקלונגען אין די סאַטירישע ערטער.

וואַלענטין טראָפימאָוו און זײַן פרוי האָבן נעענטער זיך צוגערוקט צו זייערע כאַוויירים און געשלונגען די איבערזעצונג פון יעדער פראַזע.

„איך וויל אײַך דערציילן א מײַסע טאַקע וועגן מײַן אייגענעם פעטער מיט מײַן אייגענער מומע. דאָס הייסט, אן אייגענע איז מיר, אייגנטלעך, די מומע, ניט דער פעטער, נאָר אז די מומע איז א מומע, איז שוין בעמיילע דער פעטער א פעטער..."

די סטודענטן קוקן זיך כיטרע איבער און מיינען, אז דאָס האָט דער שרײַבער אומיסטן פאַרגעלייענט פאַר די כאָסן־קאַלע. אָבער וואָס ווײַטער דער שרײַבער האָט געלייענט, איז אלץ קלאָרערע געוואָרן, אז די געשיכטע האָט אויך אן אנדער זינען. מ'האָט זיך צונויפגע־רוקט ענגער. ווערעס פערלדיקע צײנדלעך האָבן אָפּטער געלויכטן. פון צײַט צו צײַט האָט זי מיטן פויסט אונטערגעטאָרעט איר מאַן:

— ווי שאַרפזיניק!

שאָלעם־אַליימעם האָט געלייענט מיט גרויס היסלײַוועס. די געשיכטע האָט אלעמען פאַר־כאַפּט מיט איר וואַרהאַפטיקײַט און מעכײַעדיקן קאָלאָריט.

קיינער האָט נישט געהערט, ווי מ'האָט געעפנט די טיר און עטלעכע זשאַנדאַרמען האָבן ארומגערינגלט די קליינע אַאודיטאָריע.

— דערלויבט, — האָט אָן פּוצן געזאָגט אן אָפיצער, וועלכער האָט זיך ארײַנגעשטעלט אהער און אויסגעצויגן די האנט נאָכן מאַנוסקריפּט, וואָס איז געלעגן אפן טיש פאַרן שרײַ־בערס אויגן.

אלע זײַנען געבליבן ווי פאַרגליווערט. שאָלעם־אַליימעם האָט אינסטינקטיוו צוגעדעקט דעם מאַנוסקריפּט מיט דער האנט.

— דערלויבט, — האָט פאַראקשנט איבערגעכאַזערט דער אָפיצער און קימאַט מיט קויעך ארויסגעריסן דעם מאַנוסקריפּט. — רויק, מײַנע הערן!

די ערשטע האָבן זיך א ריס געטאָן פון זייערע ערטער דער סטודענט פון קאָנסערוואַ־טאָריע און סאַשע שטאַבסקי.

— ווי וואַגט איר עס! — האָבן זיי קימאַט מיטאַמאָל אויסגעשריגן.

איינע פון די קורסיסטקעס האָט א פּישטשע געטאָן, נאָר יוזיע האָט אף איר א בייזן בליק געוואָרפן.

דער אָפיצער האָט שטרענג געפרעגט, וואָס עס קומט דאָ פאָר. קיינער האָט אים ניט געוואָלט ענטפערן. אלע האָבן גענומען פּראָטעסטירן: ווי האָבן עס די זשאַנדאַרמען געוואַגט זיך ארײַנרײַסן און צעשטערן א סימכע!

דערוווּסט זיך, אז די סטודענטן פּראַוּוען א כאַסענע, האָט דער אָפיצער זיך אַנטשולדיקט פאַר דעם אומרו, וואָס ער האָט ארײַנגעטראָגן, נאָר דאָך דעם מאַנוסקריפּט נישט ארויסגעלאָזט פון די הענט.

— מע וועט עס דורכליינען בא אונדז, — האָט ער געזאָגט.

יוזיע האָט זיך אוועקגעשטעלט לעם דער טיר און געפּאָדערט, דער אַפּיצער זאָל טייקעף אומקערן דעם שרײַבער זײַן מאַנוסקריפּט.

— איך בעט נעמען אין אַכט, — האָט יוזיע געטײַנעט שמייכלענדיק, — ס'איז געשריבן אַף אַזאַ שפּראַך, אַז איר וועט זיך צעברעכן די ציין.

— נישקאָשע, מירן ווי־ס'ניט־איז זיך פּאַנאַנדערקלײַבן. פּאַראַן ווער ס'זאָל עס טאָן, — האָט רויִק געענטפערט דער אַפּיצער.

שאָלעם־אַלייכעם האָט ווי מעגלעך זיך געהאַלטן רויִק.

— זאָל דער הער אַפּיצער נעמען דעם מאַנוסקריפּט, — האָט ער געזאָגט, — דאָרט איז ניטאָ גאָרניט אַזוינס, וואָס זאָל קאָנען אַרויסרופן כשאַד. מאָרגן וועל איך קומען אין זשאַנ־דאַרם־פּאַרוואַלטונג, און מע וועט מיר אים אומקערן.

נאָר יוזיע האָט אַלץ געטומלט:

— ווי האָט איר געוואַגט זיך אַרײַנרײַסן אין אַ געזעלשאַפט פון קולטורעלע מענטשן! ווי אין אַ בוינע זענט איר אַרײַן! מיר זײַנען ניט קיין סקאָט!

דער אַפּיצער איז אופגעזאָטן געוואָרן:

— הער סטודענט, איר וועט דאַרפן ענטפערן פאַר דעם, וואָס איר באַליידיקט אַ רוסישן אַפּיצער באַם אויספילן זײַנע אַמט־פליכטן.

יוזיע האָט זיך ניט איבערגעשראָקן: ער איז ניט אָפּגעטראָטן פון דער טיר.

אויך טראָפּימאָוו האָט זיך צעשריגן:

— גיט אַף דעם מאַנוסקריפּט, ס'איז זייער גראָב אַזוי צו האַנדלען!

דער אַפּיצער האָט אָנגענומען אַן אַנדער טאַקטיק.

— ליבע סטודענטן, — האָט ער געגומען ריידן שוין ווייך, — איך וועל טאָן אַזוי, ווי דאָס פּאָדערט דער כויוו פון מײַן אַמט. — און דאָ ווענדט ער זיך צו שאָלעם־אַלייכעמען: — איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מאָרגן וועט איר צופאָרן צו אונדז אין דער פּאַרוואַלטונג, איז צו וואָס דאַרף מען אָט דעם סקאַנדאַל?

שאָלעם־אַלייכעם איז צוגעגאַנגען צו יוזיע מאַפּטער, וואָס האָט נאָך אַלץ פאַרשטעלט די טיר, עפּעס אים אַ שעפּטשע געטאָן אַפן אויער, און יענער האָט, קוקנדיק מיט ביטל אַף די זשאַנדאַרמען, אָפּגעטראָטן אין אַ זײַט.

ס'איז שטיל געוואָרן.

דער אַפּיצער איז אַרויסגעגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון די דרײַ זשאַנדאַרמען.

די ערשטע האָט זיך אָפּגערופן כאַווע שטאָפּעלמאַן:

— אַ שאָד, וואָס איר האָט ניט פאַרענדיקט לייענען די דערציילונג.

— די דערציילונג איז דאָך אַף אַ פּאָליטישער טעמע, — האָט יוזיע צוגעגעבן, — אויב „זיי" וועלן זיך כאַפּן, ווער ס'איז אַרויסגעפּירט אונטער די נעמען פון דעם פעטער פּיניע און דער מומע רייזיע, שמעקט עס ניט גוט.

די סימכע איז געווען צעשטערט.

— כ'וואָלט אַ באַלן געווען וויסן, ווער האָט זיי אַהערצו אונטערגעשיקט? — האָט טראָפּי־מאָוו זיך געערגערט. — ס'ווײַזט אויס, אַז נאָך אַיך, הער שאָלעם־אַלייכעם, אַלס באַוווּסטן שרײַבער, שפּירט מען נאָך, און כוץ דעם, אויב אין אַזאַ אומרויִקער צײַט פאַרזאַמלען זיך סטודענטן, רופט עס אַרויס אַ פאַרדאַכט. דער רועך האָט זיי אָנגעטראָגן!

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך פאַרטראַכט. הייסט עס, אים שטייט פאַר אַ וויזיט אין דער זשאַנדאַרם־פּאַרוואַלטונג. אין קיִעוו איז אים שוין אַמאָל אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, אָבער דאָס איז געווען אַ קלייניקײַט אין פאַרגלײַך מיט הײַנ־טיקער געשיכטע. אויך אין אָדעס איז איינמאָל פּאָרגעקומען אַ מיספאַרשטייעניש, וואָס האָט געבראַכט דעם שרײַבער צו דער פּאָליציי: שאָלעם־אַלייכעמען האָט מען אָנגענומען פאַר אַן אַנדערן, אים פאַרהאַלטן און אַרויסגעלאָזט ערשט אַפן צווייטן טאָג...

פּלוצעם האָט טראָפּימאָוו פאַרגעלייגט:

— ס'וואָלט געווען קעדײַ צו דערציילן וועגן דעם מאַקסים גאָרקין, ער ווייסט שוין גראָד גאַנץ גוט, ווי אויסצוטײַנען זיך מיט די דאָזיקע לײַט.

— גאָרקי איז איצטער ניטאָ אין פעטערבורג.

באַם געזעגענען זיך מיטן שרײַבער האָבן כאָסן־קאַלע געבעטן ניט פאַריבל האָבן פאַר די אומאַנגענעמלעכקײַטן, וואָס ער האָט דאָ געהאַט. זיי וועלן געוויס קומען אין האָטעל זיך דערוויסן, מיט וואָס האָט זיך דער איניִען פאַרענדיקט.

— איך דאַרף אײַך נישט לערנען, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, — האָט באַם געזעגענען זיך

געזאָגט יוזיע, — נאָר אויב איר האָט באַ זיך געפּויעלט גיין אהינצו נאָכן מאַנוסקריפּט, איז האַלט זיך דרייסט, גריַיפט איר אָן.

— איך פאַרשטיי אײַך גאַנץ גוט.

— ווײַבאַלד אַזוי, קאָנען מיר זיך פאַרלאָזן אָף אײַך.

אין האָטעל האָט שאָלעם־אַלייכעם געטראָפן אַ טעלעגראַמע פון דער פרוי און גלײַך אַ קלער געטאָן: „אַלגעס הארץ דערפילט טייקעף, אַז עפּעס איז געשען". פאַר די פּאָר וואָכן, זינט ער איז אין פּעטערבורג, האָט ער געשיקט אהיים עטלעכע בריוו, איז, דאַכט זיך, ניטאָ קיין שום גרונט אָף צו ערגערן זיך. און דאָ נאָ דיר פּלוצעם אַ טעלעגראַמע מיט אָן אָנפּראַגע וועגן זײַן געזונט. נאָר ער וועט ניט שיקן קיין ענטפער, ביסקל ער וועט ניט אָפּטערן דעם וויזיט אין יענעם פּײַנעם אַנשטאַלט. פון דער צווייטער זײַט, קען שאָלעם־אַלייכעם זייער גוט זײַן ווײַב: אַז אָלגע וועט גלײַך ניט באַקומען קיין ענטפער, קאָן זי זיך אופזעצן און מיטן ערשטן צוג קומען קיין פּעטערבורג.

דעריבער האָט ער ניט לאַנג געטראַכט, אַרויס אָף דער גאַס און געגומען אַ פאַעטאָן. ער האָט אוועקגעשיקט אַ פרײלעכע טעלעגראַמע און זאָל מען אין דער היים ניט האָבן קיין יעסו־רים און ניט איבערטראַכטן... אַז מע וויל, קאָן מען איינגאַנצן אהינצו ניט גיין, פּאָשעט נעמען אַ בילעט און הײַדא...

ניין, ער איז ניט קיין פּאַכדן, ער וועט גיין.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז לעוו טאָלסטאָי, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט אַרע־סטירט איינעם אָן אַנגעזעענעם ליטעראַט, האָט געזאָגט: „אַפּאָנעם, איך בין ניט זויכע אַפּילע אַרעסטירט צו ווערן..."

די דאָזיקע „זכיה" האָט ביז איצט אויך ניט געהאַט ער, שאָלעם־אַלייכעם. און עפּשער איז דאָס טאַקע ניט גוט, וואָס ביז איצטער האָט די פּאָליציי זיך ווייניק אינטערעסירט מיט אים? שוין צופּיל זענט איר, מײַן ליבער שאָלעם־אַלייכעם, פאַרזונקען און פאַרהריזנעט אין אײַער קליינשטעטלדיקן געמויזעכץ... און אַרום אײַך רוישט אַ גרויסע וועלט, עס שטרײַטן און שטויסן זיך צונויף פאַרשיידענע פּאַרטייען — סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בונדאָוצעס, ציוי־ניסטן... ס'איז אומרויק... און איר, רעב שאָלעם־אַלייכעם, האַלט אין איין שרײַבן, און סאָף־קאָלסאָף ווייסט מען זייער ווייניק וועגן אײַער שרײַבעכץ... אַפּילע די טוער פון „וואָסכאָד" ווילן אויך ניט דרוקן אײַערע זאַכן אָף די זײַטלעך פון זשורנאַל.

אין וואָס, אייגנטלעך, באַשטייט אין דער דערציילונג די קראַמאָלע? זײַן „פּעטער פּיניע" און די „מומע רייזיע" האָבן קוים געוואָלט זיך אַרײַנמישן אין פּאָליטיק, איז ער גלײַך דורכ־געפאַלן. דערפאַר ווייסט ער אָבער איצט, ווי מע דאַרף זיך פירן. ער איז גאָר צופרידן דער־פון, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען. ערשט נעכטן האָט ער זיך באַקענט מיט מענטשן, וועלכע ער האָט ביז איצט ניט געקענט, פאַר אים עפענען זיך נײַע פּערספּעקטיוון פאַר שאַפונג, נײַע, גאָר אַנדערע וועגן.

ס'האָט געטאָגט. דורך די שווערע שטאָרן רײַסט זיך דורך די טאָג־שײַן, אהער דער־טראָגט זיך אַ צוגעשטיקטער געקלאַנג פון טראַמווײַען. שאָלעם־אַלייכעם האָט געפּרוּווט אײַנ־שלאָפן, מע דאַרף דאָך זיך אָנעמען מיט קויכעס!

אופגעכאַפּט האָט ער זיך אַרום צוועלף אַזייגער. מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און גערופן אים צום טעלעפאָן אין וועסטיביול — אין צימער איז דער טעלעפאָן קאַליע געוואָרן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט דערקענט די שטים פונעם אַלטן סטודענט, וועלכער האָט אים מיט־געטיילט, אַז סאָף וואָך קומט צו פאָרן גאָרקי, איז עפּשער וואָלט קעדײַ געווען אויסוואַרטן און דערווײַל ניט גיין אהינצו, אין יענעם „געוויסן אַנשטאַלט".

דער שרײַבער דאַנקט אָפּ פרײַנטלעך דעם סטודענט און בעט ניט האָבן קיין יעסורים, ס'וועט זײַן רעכט. ער איז אהער געקומען צו פאָרן מיט אַ גוטן געמיט און האָפּט פונדאַנען אוועקפאָרן אַ מוטיקער און אַ געזונטער. הײַנט, אַשטייגער, איז אַ לויטערער טאָג — אַ קליין פּרעסטל, אַ מעכײַעדיקס, אַ פרישס.

נאָך וואַרמעס האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך אוועקגעלאָזט „אהינצו". אים איז אַפּילע פאַר זיך אַליין מיִעס געווען אָנצורופן מיטן עמעסן נאָמען דעם אַנשטאַלט, וווהין ער איז געצוווּנ־גען צו גיין.

געטראָפן האָט שאָלעם־אַלייכעם צו לעבעדיעוון. מיט געמאַכטער העפלעכקײַט האָט דער דאָזיקער זשאַנדאַרם זיך געגריסט, פאַרנייגט דעם קאָפּ און באַוויזן דערבײַ די גלײַכע סטע־זשקע פונעם שרונט.

— זעצט זיך, איך בעט אײַך, וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

— מײַן מאַנוסקריפּט.

— אָך, יאָ, הער ראַבינאָוויטש, ער איז בא מיר.
— איך האָף, אַז איר האָט זיך שוין מיט אים באַקאַנט און קאָנט אים מיר אומקערן.
— צוליב וואָס? איר האָט דען נישט קיין קאָפּיע? — בייגט לעבעדיעוו ווידער אָן דעם קאָפּ.
— דאָס איז דער אָריגינאַל, קיין קאָפּיע האָב איך ניט.
— אַזוי, אַזוי... — לעבעדיעוו האָט געקלאַפּט מיט די פינגער איבערן טיש, אָפּאַנעם, אונטערגעזוכט די נייטיקע ווערטער. — פאַרשטייט איר מיך, מיר האָבן ניט בלויז דורכגעלייענט, נאָר אַפילו איבערזעצט אַף רוסיש. — און ער נעמט אַרויס פונעם טיש־קעסטל עטלעכע בייגעלעך מיטן רוסישן טעקסט איבערגעדרוקט אַף אַ שרייַב־מאַשינקע. — קיין איינער פון אַייַערע איבערזעצער וועט ניט איבערזעצן אַזוי פּינקטלעך. איר קאָנט אַ קוק טאָן...

איבערגעלייענט עטלעכע אַבזאַצן, האָט שאָלעם־אַליכעם זיך איבערצייַגט, אַז אין דער איבערזעצונג איז די דערציילונג שטאַרק פאַרקריפּלט.

— אַ שלעכטע איבערזעצונג, זי גיט נישט איבער דעם גייַסט פון מייַן דערציילונג. קערט מיר אום דעם מאַנוסקריפּט. מיט וואָס פאַר אַ רעכט האַלט איר אים בא זיך?

לעבעדיעוו קוקט שווייַגנדיק אַף שאָלעם־אַליכעמען. ער נעמט אַרויס פון טיש־קעסטל אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, לאָזט פּאַמעלעך אַרויס דעם רויך און זאָגט:

— איר מיינט אַוודאי, אַז מיר פאַרשטייען נישט, וועד ס'איז אַזוינס אייַער „פּעטער" און די „מומע". דער „פּעטער פּיניע" — דאָס איז יאַפּאָניע, און די „מומע רייזיע" — דאָס איז רוסלאַנד. עפּשער ניט אַזוי? מיר זייַנען נישט קיין בעלינסקיס, נאָר מיר קלייַבן זיך גוט פאַנאַנדער סיי אין טשערנישעווסקיס „טשטאָ דיעלאַט", סיי אין גאָרקיס „שטורעמפויגל" און... אויך אין אַבראַמאָוויטשעס „קליאַטשע".

דער שרייַבער האָט טייקעף זיך באַהערשט, צוגעדריקט די ברילן צו דער נאָז, געגומען אין די הענט דעם מאַנוסקריפּט, וואָס איז געלעגן בא לעבעדיעוון אַפן טיש, און געזאָגט:

— איך פאַרשטיי נישט וועגן וואָס איר רעדט. אָט הערט אויסן אויס, איך וועל אייַך דורכלייענען די דערציילונג אין מייַן איבערזעצונג, וועט איר זיך איבערצייַגן, צי איז דאָ פאַראַן כאָטש אַ קליינער אָנדייַט דערוף, וואָס עמעצער האָט דאָ געוואָלט אייַנזען.

שאָלעם־אַליכעם איז געשטאַנען אַ רויִקער, אַ שטאָלצער און אַ זיכערער אין דערפּאָלג, ווי געווייִנלעך, בייס ער פּלעגט אַרויסטרעטן מיט פאַרלעזונגען. ער האָט גענומען לייענען און געלייענט מיט הערץ.

לעבעדיעווס קליינע אייגעלעך זייַנען ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ס'דאַכט זיך, ער איז מיטגעריסן געוואָרן פון דעם מיסטעריעהאַפטן פאַרלייענען. פאַר אים איז, ווי אַ לעבעדיקע, געשטאַנען די מומע רייזיע, וואָס שאָלעם־אַליכעם האָט אַזוי קלאָר אויסגעמאָלט.

לעבעדיעוו האָט געפּרוּווט אויסבאַהאַלטן זייַן שמייכל. אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער זעלבער אָפיצער, וועלכער האָט נעכטן צוגענומען באַם שרייַבער דעם מאַנוסקריפּט. ער האָט פאַרכידעשט געקוקט אַף לעבעדיעוון, וועלכער האָט געלאַכט, און אַפן שרייַבער, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָ קומט פאָר.

שאָלעם־אַליכעם האָט נישט געלייגט קיין אַכט דערוף, וואָס דער אָפיצער איז אַרייַנגעקומען, און האָט פאָרגעזעצט צו לייענען.

איצט האָבן ביידע אָפּיצערן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

געענדיקט האָט זיך דערמיט, אַז לעבעדיעוו האָט שאָלעם־אַליכעמען טאַקע אָפּגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט.

— נאָר געדענקט, — האָט ער געזאָגט באַם געזעגענען זיך, — אַז די צענזור וועט אַזאַ דערציילונג נישט דורכלאָזן.

באַם האָטעל האָבן דעם שרייַבער באַגעגנט טראַפּימאָוו און יוזיע.

— וואָס איז געשען, מייַנע ליבע סטודענטן? — האָט פריילעך אַ פרעג געטאָן שאָלעם־אַליכעם.

— אונדז באַאומרויִקט דאָס, וואָס איז נעכטן געשען, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, מייַנע ליבע יונגעלייַט.

— איך וויל אייַך עפּעס פרעגן, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, אָבער איך בעט אייַך זייער — באַליידיקט זיך נישט, — האָט, ערגערנדיק זיך, אַרויסגעשטאַמלט טראַפּימאָוו. — צי האָבן זיי אייַך נישט באַליידיקט, צי איז אייַך ניט אויסגעקומען דערנידעריקן זיך פאַר זיי?

שאָלעם־אַליכעמען איז שווער געוווען גלייַך אַפן אָרט ענטפערן דערוף, האָט ער זיך פאַרקלערט.

— מיר דאַכט, — זאָגט ער פאַמעלעך, — אַז איך בין טרײַ געבליבן זיך אַליין. ס'איז דען אַ כילעק, וויאַזוי איך האָב אויסגעדריקט מײַן האַס צו זיי? איך האָב געפילט, אַז איך לאָז זיי אויס...

— און זיי? — האָט אײַלנדיק אַ פרעג געטאָן טראָפּימאָוו.

— וואָס זיי?

— זיי האָבן עס געפילט?

— מיר דאַכט, אַז יאָ. כאַפּט זיי דער שוואָרציאָר! — צעלאַכט זיך שאָלעם־אַלייכעם. — ווייסט איר גאָר וואָס, מײַנע פרײַנט, לאָמיר גיין אין רעסטאָראַן! דאָרטן וועלן מיר פאַרזעצן די נעכטיקע כאַסענע, צום באַדויערן, אָן כאַסן־קאַלע.

פאַר די לעצטע טעג איז שאָלעם־אַלייכעם מעסוקן מיד געוואָרן. אים איז שווער געווען פון די איבערגעלעבטע אופטרייסלונגען. ס'האָט זיך אפילע ניט געגלוסט דערציילן עמעצן פון זײַנע פּעטערבורגער באַקאַנטע, וואָס איז פאָרגעקומען: מעגלעך, אייניקע וועלן מיטפילן, נאָר ס'קאָנען דאָך זיך געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן נאָך דערפון האַנאָע האָבן, איז שוין בעסער אין ערגעץ זיך ניט באַווײַזן, ביז עס וועט ביסלעכווײַז צעווייעט ווערן דאָס, וואָס איז געשען.

ווען איצטער זאָל זײַן אין פּעטערבורג דובנאָוו, וואָלט שאָלעם־אַלייכעם געהאַט מיט וועמען האַרציק זיך דורכשמועסן.

דער שרײַבער האָט באַשטימט אָנקלינגען אין טעלעפאָן און זיך דערוויסן, ווען קומט מאַקסים גאָרקי. מ'האָט אים געזאָגט, אַז אָט־אָט, די טעג, דאַרף ער זיך אומקערן פון אַ נעסיע. מוז מען, הייסט עס, געדולדיק וואַרטן, זיצן בײַ זיך אין האָטעל־צימער און שרײַבן.

אין איינעם פון אַזעלכע טעג האָט צו שאָלעם־אַלייכעמען אין צימער אָנגעקלאַפּט איינער אַ סטודענט. ער האָט זיך פאָרופן אַף טראָפּימאָוון.

דער שרײַבער האָט גוט זיך אײַנגעקוקט אין זײַן גאַסט. דאָס איז געווען אַ הויכוווקסי־קער יונגערמאַן מיט אײדעלע געזיכט־שטריכן און געקרײַזלטע האָר. צוגעצויגן האָבן זײַנע אויגן — פאַרטרוימט־פאַרקלערטע, מיט לאַנגע וויִעס אונטער געדיכטע ברעמען.

— מיך רופט מען סערגיי שישליאַניקאָוו, — האָט ער זיך פאָרגעשטעלט.

— זייער ווויל. איר זענט פון פּיטער? — פרעגט שאָלעם־אַלייכעם.

— אָן עמעסער פּיטערעץ. מײַן פאָטער איז אַן אָנגעזעענער טשינאָווניק פון אַ מיניסטער־ריום, די מוטער — אַ דוואָריאַנקע, די עלטערבאָבע מײַנע איז געווען אַ פרײלינע בײַ ניקאָלײַ דעם ערשטן אין הויף.

— בעפּיירעש אַ פײַנער ייִכעס!

— יאָ, פון די אַדלײַט שטאַם איך. איך דערצייל עס אײַך דערפאַר, ווײַל, לויט טראָ־פּימאָווס אייצע, ווייל איך אײַך פאַרטרויען איינעם אַ וויכטיקן סאָד. כ'האָב אָנגענומען אַ באַשלוס — און וועל זיך פון אים נישט אָפּזאָגן — כ'ווייס אָבער נישט, ווי זאָל איך דאָס פאַרווירקלעכן... בין איך געקומען צו אײַך נאָך אַן אייצע.

שאָלעם־אַלייכעמען האָט פאַרינטערעסירט דער גאַסט, וועלכער איז געווען שטאַרק אופּ־געגערדערט. דעריבער האָט ער, ווי ווײַט מעגלעך מילד, געזאָגט:

— איך בין גרייט אײַך אויסהערן.

דער סטודענט האָט צוערשט זיך אוועקגעזעצט, דערנאָך זיך אופגעהויבן, צוגערוקט זײַן שטול נעענטער צום שרײַבער און שוין מיט אַ רויִקער שטימע געגומען דערציילן:

— שוין זייער לאַנג מאַטערט מיך די דאָזיקע פראַגע... עמעס, ביזן קעשענעווער פּאָגראָם האָב איך נישט געגלייבט, אַז בײַ אונדז אין רוסלאַנד רודיפט מען אַזוי מענטשן פון יודאיִשן גלויבן. אָבער נאָך אָט דער שרעקלעכער געשעעניש איז דער ביטערער עמעס דער־גאַנגען צו מײַן באַוווסטזײַן. ערשט ניט לאַנג, נאָך איינעם אַ שמועס מיט מײַנעם אַ פרײַנט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיר, רוסישע מענטשן, די רוסישע אינטעליגענץ, זײַנען מעכוייעוו אויסדריקן אונדזער פּראָטעסט. מיר מוזן געפינען אַ מיטל קעגן די, וועלכע שאַפן די פּאָלי־טיק פון באַגרענעצונגען פאַר אינאָראָדצעס, בעסויכעם פאַר ייִדן. איך מוז אײַך זאָגן, אַז איינער אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט האָט מיך געפרוווט איבערצײַגן, אַז קעדיי צו דערגרייכן גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר די פעלקער, איז נייטיק אַ ראַדיקאַלע איבערקערעניש, אַ רעוואָ־ליוציע. איך אָבער האַלט, אַז אפילע בײַ דער איצטיקער לאַגע קאָן מען און מע מוז זיך דערשלאָגן אַ געוויסע פאַרלײַכטערונג.

מיט שטײַגנדיקן אינטערעס האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך אײַנגעהערט אין די בקירעס פוּ־נעם סטודענט. און יענער האָט וואָס ווײַטער גערעדט אַלץ הייסער און הייסער.

— צוליב דעם, איך זאָל קאָנען אָפּגעבן מײַן לעבן דעם קאַמף פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג פון די פעלקער אין רוסלאַנד, — און בלויז וועגן דעם טרוים איך, — מוז איך, ווײַזט אויס, אליין איבערלעבן אלץ, וואָס עס לעבט איבער, לאָמיר זאָגן, א קירגיז, א טאָטער, א ייִד. און איך בין דאָך, ווי איר ווייסט, א רוס... האָב איך באַשלאָסן אף א שטיקל צײַט צו זײַן אין דער לאַגע פון מײַנעם א פרײַנט, לאָמיר זאָגן, פון א ייִדן. איך מוז...

ווען דער סטודענט האָט באַמערקט, ווי שאָלעם-אַלייכעם קנייטשט פאַרוווּנדערט מיט די אַקסלען, האָט ער זיך פאַרלוירן, איז שטיל געבליבן, אָבער באַלד פאַרגעזעצט:

— מיינט נישט, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען, — האָט ער ווי אָנגעהויבן זיך פאַרענט־פערן, — מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך וועל אַף זיך אליין אויספּרוּוון דאָס אַלץ, וועגן וואָס מ'האָט מיר דערציילט, ווען איך וועל איבערלעבן אָט די אַלע מאָראַלישע ליידן, וועל איך ערשט דעמלט באַגרײַפן, באַנעמען דעם גאַנצן אומגליק פון אָן אָפּגעשטויסענעם מענטשן, ערשט דעמלט וועל איך קאָנען אַף אַן עכטן אופן קעמפן פאַר גלײַכבאַרעכטיקונג... און נאָך א זאַך וועל איך אײַך פאַרטרויען, — האָט נאָך הארציקער געזאָגט דער יונגערמאַן. — איך האָב ליב א מיידל, זי וועט גיין מיט מיר אין פײַער און אין וואַסער, צוזאַמען מיט מיר דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג. דאָס איז אַן אײדעלע נעשאָמע, וואָס פאַרשטייט מיך זייער גוט. זי איז, עמעס, א טאָכטער פון איינעם א מיניסטער, אָבער מײַנע א געטרײַע כאַווערטע, וואָס דענקט פונקט, ווי איך, — דער סטודענט האָט מיט האָפענונג א קוק געטאָן אַפן שרײַבער. — איר האָט מיך פאַרשטאַנען, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש?

— יאָ, אוואַדע! אָבער איך וויל אײַך זאָגן אָט וואָס: איך בין ניט קיין סאָציאַל-דעמאָקראַט, ווי אײַער באַקאַנטער, וועגן וועלכן איר האָט דערציילט. נאָר איך מיין אויך אַזוי, אַז עכטע גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע פעלקער קאָן קומען נאָר נאָך דעם, ווי מע וועט אַראָפּוואַרפן דעם צאַריזם מיט זײַן שרעקלעכן מעלוכישן מעכאַניזם... — דערבײַ האָט שאָלעם-אַלייכעם א קוק געגעבן צו דער טיר און שטיל געזאָגט: — איך מיין, אַז קיינער הערט זיך ניט אונטער.

— ניין, ניין, — האָט מעכאַניש געזאָגט דער סטודענט.

— מיר דאַכט, — זעצט פאָר דער שרײַבער, — אַז איר וועט דאָך ניט קאָנען פילן און איבערלעבן דאָס אַלץ, וואָס קומט אויס איבערצולעבן אַן אינאָראָדעץ אין רוסלאַנד, אפילע, לאָמיר זאָגן, אַן אינטעליגענט. איר זענט אַנדערש דערצויגן געוואָרן, מיטן געדאַנק וועט איר פאַרט פאַרבלײַבן אין אײַער סוויווע מיט איר שטייגער-לעבן, מיט די אָבערגלויבענישן. איר וועט גוט געדענקען, אַז יעדע מינוט האָט איר בעיאַד צוריק זיך אומקערן אין דער דאָזיקער סוויווע.

— איז גיט זשע מיר אַן אייצע, וואָס זאָל איך טאָן! — האָט הייס אויסגערופן סערגיי שישליאַניקאָוו. — גיט מיר אַן אייצע, ווי זיך אַרויסרײַסן פון מײַן סוויווע.

שאָלעם-אַלייכעמען האָט צוערשט זיך אויסגעוויזן, אַז בא אים געפינט זיך א ראָמאַנטיש-געשטימטער פאַרשוין, וואָס זוכט אויסטערלישע פּאַסירונגען, און ער האָט שיר ניט געזאָגט שישליאַניקאָוון: „הערט אוף צו ראָמאַנטיזירן, יונגערמאַן, קערט זיך אום צו דער ניכטערערווירקלעכקײַט". אָבער אין די רייד פונעם סטודענט האָט זיך געפילט עכטע אופריכטיקײַט, האָט ער נויטע-כיין געוווּנען בא שאָלעם-אַלייכעמען, און דער שרײַבער האָט באַשלאָסן מיט-צוהעלפן דעם סטודענט אין די פראַגעס, וואָס מאַטערן אים.

— הייסט עס, — האָט אָנגעהויבן שאָלעם-אַלייכעם, — איר האָט ערנסט באַשלאָסן זיך לאָזן אַף אַזאַ שריט? איר ווילט, לאָמיר זאָגן, זיך בײַטן אַף א יאָר צײַט מיט די נעמען מיט עמעצן פון אײַערע ייִדישע פרײַנט? איר, לעמאָשל, וועט נעמען פאַר זיך די פאַמיליע שאַ־פּיראָ און יענער וועט ווערן שישליאַניקאָוו. איר וועט זיך בײַטן מיט די פּעסער, זיך צע־פאָרן אין פאַרשיידענע שטעט ווײַט פון אײַערע באַקענטע און נאָענטע, און פּאַמעלעך אַרײַן אין דער ראָל... פאַרגעסט אָבער נישט, אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסער ריזיקע און קאָן זיך פאַרענדיקן זייער טרויעריק סײַ פאַר אײַך און, באַזונדערס, פאַר אײַער כאַווער.

— מיך שרעקט גאָרניט און קיין שום שוועריקײַטן שטעלן מיך ניט אָפּ, — האָט הייס געענטפערט שישליאַניקאָוו.

— אַגעוו, — האָט זיך צעשמייכלט שאָלעם-אַלייכעם, — איר קאָנט מיטן זעלבן דערפאָלג זיך בײַטן מיט די פּעסער מיט אַן אַרמענער, אָדער מיט א טאָטער, מיט וועמען איר ווילט פון די אינאָראָדצעס, וואָס וווינען אין רוסלאַנד... אויך דעמלט וועט איר איבערלעבן די זעלביקע דערנידעריקונגען, רעדיפעס און איזדיעקערײַען, מעגלעך, אין א קלענערער מאָס... אָבער צי דאַרף מען ביכלאַל אַזאַ מאַסקאַראַד? איך גלייב אין אײַער אופריכטיקײַט, כ'גלייב, אַז איר פילט מיט די דערנידעריקטע און באַליידיקטע כאַווײרים אײַערע. איר וועט אָן דעם

אויך געפינען די וועגן אַף צו העלפן זיי, אונטערהאַלטן זיי. באַטראַכט זיך גוט, איידער איר באַשליסט צו פֿאַרווירקלעכן דאָס, וואָס איר האָט פֿאַרטראַכט.

פֿאַרן אַוועקגיין האָט סערגיי שישליאַניקאָוו הייס געדריקט דעם שרײַבערס האַנט.

— אַ שיינעם דאַנק אײַך, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, איך זאָג אײַך צו גוט צו באַקלערן זיך. איך וועל אײַך בלויז בעטן קיינעם נישט דערציילן, אַז איך בין בײַ אײַך געווען.

שאָלעם-אַליכעם האָט וואַרעם אַרויסבאַגלייט דעם סטודענט און לאַנג נאָך געקלערט וועגן פֿאַרגעקומענעם שמועס.

דעמלט, אַפּאָנעם, איז בײַם שרײַבער געבוירן געוואָרן דער סוזשעט פֿאַר זײַן שפּעטער־דיקן ראָמאַן „דער בלוטיקער שפּאַס".

אָפּגעוואָרפֿענע פֿאַרשלאָגן

זיצן פֿאַרלייגט די הענט אין האָטעל איז פֿאַר שאָלעם-אַליכעמען געווען שווער. האָט ער באַשלאָסן זיך אַרײַנכאַפּן אין רעדאַקציע פֿון זשורנאַל „וואָסכאָד". אין דער רעדאַקציע פֿון דער צײַטונג „דער פֿרײַנט" האָט זיך נישט געגלוסט גיין. אים האָט פֿאַרדראָסן, וואָס מ'האָט דאָרט צו אים אַרויסגעוויזן אַזאַ גלײַכגילטיקייט. ער, שאָלעם-אַליכעם, איינער פֿון די אַקטיווסטע ייִדישע שרײַבער, געפֿינט זיך אין פּעטערבורג, און די ייִדישע צײַטונג אינ־טערעסירט זיך מיט אים שפּאָט-ווייניק.

ווען שאָלעם-אַליכעם האָט שוין געהאַלטן בײַם אַרויסגיין פֿונעם נומער, האָט זיך דער־הערט אַ קלאַפּ אין טיר. דאָס איז דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿרײַנט" גינזבורג צו אים געקומען צוגאַסט.

— אַזאַ גאַסט! — האָט שאָלעם-אַליכעם אויסגערופֿן. — כאָטש די הרובע צוואָרפֿן.

דערפֿילט אַ געוויסע איראָניע אין שרײַבערס שטימע, האָט גינזבורג געזאָגט:

— אַוודאי האָט איר רעכט צו באַליידיקן זיך, דאָך...

— וואָס וואָלט, אַשטייגער, געווען, ווען שאָלעם-אַליכעם ווערט, כאַלילע, קראַנק? נאָר איך בין ניט פֿון יענע, וואָס וועלן צווינגען מײַן אַלטיטשקע עקסטרע קומען צו פֿליִען צום קראַנקן מאַן. כאָטש, צוריק געשמועסט, וואָלט גאָר ניט קרום געווען, מײַן פֿלוינעסטע זאָל קומען צו פֿאָרן, ס'וואָלט כאָטש געווען מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן...

ס'איז קענטיק געווען, אַז גינזבורג האָט זיך פֿאַרלוירן.

— ביז שאָלעם-אַליכעם וועט אַמאָל זיך אויסקלײַבן צו קרענקען, בין איך דערווײַל, ניט פֿאַר אײַך גערעדט, שווער געפֿאַלן אַף די קריזשעס און נישט געקאָנט זיך רירן, — פֿאַרענטפֿערט זיך דער רעדאַקטאָר.

— אין דעם פֿראַט האָט איר מיך איבערגעיאָגט, סאָול מויסייעוויטש.

— שאָלעם-אַליכעמען איז שווער איבערצויאָגן, איר אײַלט זיך טאָמיד. אַפֿילע ווען מע זאָל דערפֿינדן אַ שנעלע פֿלי-מאַשין, וואָלט זי אײַך אויך נישט געקאָנט איבעריאָגן.

שאָלעם-אַליכעם צעשמייכלט זיך:

— איך אײַל זיך, ווײַל דאָס לעבן איז קורץ, און פֿיל פֿון מײַנע סוזשעטן וואַרטן בײַ מיר אין דער ריי. ווען איר זאָלט נאָר וויסן, וויפֿל סוזשעטן! זיי כאַלעמען זיך מיר בײַנאַכט און שטיקן מיך מאַמעש. איינער שרײַט: „נעם מיך!". „און אין מיר האָסטו פֿאַר־געסן?" — בעט זיך אַ צווייטער. אָט די נאַכט, אַשטייגער, איז מיר געקומען צו כאַלעם אַזאַ סוזשעט: איך געפֿין זיך אין פּעטערבורג צווישן מענטשן, און פּלוצעם ברעכט אויס אַ סרייפֿע. מיך האָט אַרומגערינגלט אַ העליש פֿײַער, און קיינער פֿון די פּאָזשאַרניקעס וויל מיך נישט ראַטעווען...

גינזבורג האָט זיך אָנגעברויגעזט.

— איך האָב גאָרניט געוואוסט, — האָט ער געזאָגט, — אַז שאָלעם-אַליכעם האָט ליב צו ריידן מיט רעמאָזים. זאָגט קלאָר, איך בעט אײַך, וואָס מיינט איר דערמיט?

— איך רעד וועגן אַ פֿײַער, ווו איך בין שיר ניט געגעזיקט געוואָרן, נאָר דער אײבער־שטער האָט מיר אַרײַנגעלייגט אין די הענט אַזאַ קישקע מיט אַזויפֿיל וואַסער, אַז...

— הערט אויס, שאָלעם-אַליכעם, איך ווייס וועגן דער גאַנצער געשיכטע.

— פֿונוואַנען ווייסט איר און וואָס ווייסט איר? — פֿרעגט שאָלעם-אַליכעם גאַנץ רויִק.

— ווענט האָבן אויערן... פֿון אונדזער צײַטונג קאָן מען גאָרנישט ניט אויס־באַהאַלטן, — צעשמייכלט זיך גינזבורג.

— נו, וואָס זשע קומט אַרויס דערפֿון, וואָס איר ווייסט?

— אלס רעדאַקטאָר פון דער ערשטער אין רוסלאַנד טעגלעכער צײַטונג בין איך צו אײַך געקומען מיט א פאָרשלאָג. איך בעט אײַך זינען האָבן, אז איך קלער שטענדיק וועגן אונדזערע לייענער.

— אויב איר ווילט דרוקן די מײַסע וועגן פעטער פיניע און דער מומע רײזיע — ביטע שײַן, — און שאָלעם־אַלײכעם לאָזט זיך צום טשעמאָדאַן ארויסנעמען דעם מאַנוסקריפּט.

— ווּהין אײַלט איר זיך? ס׳ווײַזט אויס, אז ווען עס וועט קומען צום ערשטן פּלי אַף דער לעוואָנע, וועט איר זײַן דער ערשטער, וואָס וועט אהין זיך לאָזן.

— ניטאָ קיין צײַט, הער רעדאַקטאָר. איך בין א שרײַבער און כאָזער איבער: דאָס לעבן איז קורץ און מײַנע ווערק זײַנען גאַנץ לאַנגע... גלייבט מיר, איך וואָלט גאָר ניט געהאַט קעגן דעם, ס׳זאָל זײַן פאַרקערט: איך זאָל לעבן לענגער און שרײַבן בלויז קורצע זאַכן; וואָלט איך דעמלט געהאַט בעיאַד אָנצושרײַבן נאָך עטלעכע לאַנגע ראָמאַנען.

— לאָמיר א שמועס טאָן ערנסט, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש. אײַער דערציילונג וועגן פּעטער פיניע און דער מומע רײזיע וועט די צענזור נישט דורכלאָזן. און אפילו ווען מיר וואָלטן אָפּגענאַרט די צענזור, קאָנען מיר ניט שטעלן די צײַטונג אונטער א געפאַר. דעריבער וואָלט געווען גוט און וויל, ווען איר זאָלט ווּלן אָנשרײַבן פאַר אונדז עטלעכע פעליעטאָנען אַף אַן אַנדער טעמע.

— און דאָס איז אַלץ? — פרעגט שאָלעם־אַלײכעם פאַרכידעשט.

— דערווײַל איז נאָך גאָרניט, נאָר אז איר וועט אָנשרײַבן, וועט זײַן אַלץ. דערמיט וועט איר, ערשטנס, דערמאָנען וועגן זיך די לייענער, און, צווייטנס, וועט איר דערמיט צוציִען לייענער צו אונדזער צײַטונג און מיטהעלפן פאַרגרעסערן דעם טיראַזש. מיט האָנאָראַר וועלן מיר אײַך ניט קריוודען.

ביידע קוקן שווײַגנדיק איינער אַפן אַנדערן, גלײַך זיי האָבן זיך אָקאָרשט באַקענט. נאָך א קליינער פּויזע האָט גינזבורג ווײַטער גענומען ריידן:

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אז דרוקן זיך בא אונדז אין צײַטונג שטרעבן פּערעץ, דינעזאָן, און פון די יונגע — אווראָם רייזין און שאָלעם אש. דאָס, וואָס איך לייג אײַך פאָר, איז גאָר ניט אזוי שלעכט... אזוי מיינען מיר...

— ווער איז עס דער „מיר”? — פאַרינטערעסירט זיך שאָלעם־אַלײכעם.

— ווער? איך און די איבעריקע מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע.

— בעט איך אײַך איבערגעבן דער רעדאַקציע, אז שאָלעם־אַלײכעם האַנדלט ניט מיט זײַן נאָמען, און מיט זײַנע פעליעטאָנען האַנדלט ער אוואַדע ניט! דערמיט, וואָס כ׳האָב אײַך פאָרגעלייגט מײַן דערציילונג, האָב איך בעפּיירעש צו אלעם ערשטן אין זינען געהאַט די לייענער. איך וויל, אז דער לייענער זאָל טאַקע וויסן, וואָס אַרום אים טוט זיך. און לויט אײַער מיינונג קומט אויס, אז עס איז גענוג דורכצולייענען א קאָמישן פעליעטאָן, פאַרבײַסן מיט קוגל, כאַפּן א זיסן דרעמל נאָכן עסן און דערנאָך פאַרגעסן סײַ וועגן אווטאָר, סײַ וועגן דעם אינהאַלט פון פעליעטאָן.

גינזבורג האָט, ווײַזט אויס, זיך ניט געריכט אַף אזא שמועס. ער איז שוין אפילו גרייט געווען אופשטיין און אוועקגיין.

— איז אָט, הער רעדאַקטאָר, — האָט שאָלעם־אַלײכעם פאַרגעזעצט, — אויב איר זאָרגטווירקלעך וועגן אײַערע לייענער, דרוקט אָפּ מײַן דערציילונג וועגן פעטער פיניע און דער מומע רײזיע, און דעם האָנאָראַר בין איך מענאַדעוו לעטױוועס נויטבאַדערפטיקע סטודענטן אָדער אין פאָנד פון רויטן קרייץ — ווי איר ווילט אַליין.

גינזבורג האָט האַסטיק זיך אופגעשטעלט.

— זײַט געזונט! מירן זיך באַקלערן.

— אַלדאָס בעסטע, הער רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער יידישער צײַטונג.

— איר זענט מערער פון א הומאָריסט, — האָט מיט צוריקגעהאַלטענעם קאַס אויסגערופן גינזבורג, אויסקערעווענדיק זיך, שוין שטייענדיק בא דער טיר. — איר זענט א כויזעקמאַכער, וואָס די וועלט האָט אזא נישט געזען.

שאָלעם־אַלײכעם האָט צונויפגעקליבן די צעוואָרפענע אַפן טיש זײַטלעך פון זײַן דערציילונג און זיי באַהאַלטן אין טשעמאָדאַן. „אַלצײנס וועל איך דאָס אָפּדרוקן”, — האָט ער באַשלאָסן בא זיך.

מ׳האָט אים אַרויסגערופן אין וועסטיביול צום טעלעפאָן. עפּעס אן אומבאַקאַנטע שטימע האָט מיטגעטיילט, אז הײַנט נאָכן וואַרמעס, אזייגער פינף, וועט דער הער דובנאָוו וואַרטן אַפן שרײַבער שאָלעם־אַלײכעם אין רעדאַקציע פון זשורנאַל „וואָסכאָד”.

— א דאַנק, — האָט זיך דערפרייט שאָלעם־אַלײכעם, — איך וועל אומבאַדינגט קומען.

„דובנאָוו...— האָט ער געקלערט, אומקערנדיק זיך צוריק אין צימער,— וויפל ווילע און גוטע שאָען מיר האָבן פאַרבראַכט אינאיינעם!"

שאָלעם-אַלייכעם האָט ווידער אַרויסגענומען דעם מאַנוסקריפּט פונעם טשעמאָדאַן. אָט וועמען ער וועט פאָרלייענען זײַן דערציילונג, אָט וועמעס מיינונג ער שעצט! דובנאָוו,— דערמאָנט זיך ווידער דער שרײַבער,— איז דער ערשטער ערנסטער קריטיקער, וועלכער האָט וועגן אים געזאָגט אַ גוט וואָרט. גאַנץ מעגלעך, ווען ס'וואָלט זיך ניט געוועזן באַוויזן דעמלט די נאָטיץ וועגן „מעסערל", וואָלט איצטער קיין שאָלעם-אַלייכעם ניט געווען.

צו דער באַשטימטער צײַט איז דער שרײַבער געקומען אין רעדאַקציע. דער שווייצאַר האָט אַרײַנגעפירט שאָלעם-אַלייכעמען אין דעם זעלביקן קאַבינעט, ווי דאָס פאַריקע מאָל האָט אים אויפגענומען טרער. און, ווי דעמלט, האָט אויך איצט אים באַגעגנט טרער.

— גוט, וואָס מע זעט אײַך!— האָט טרער אויסגערופן גלײַך ווי גאַרניט וואָלט ניט געשען.— ווּהין זענט איר אַהינגעקומען, מאַמעש פאַרפאַלן געוואָרן. פאַרוואָס זעט מען אײַך ניט?

נישט ענטפערנדיק אויף די געשעטעלטע פראַגן, האָט שאָלעם-אַלייכעם דערקלערט, אַז ער איז געקומען לויט דובנאָווס אײַנלאַדונג.

— יאָ, ריכטיק, דובנאָוו איז שוין אין פּעטערבורג,— האָט געזאָגט טרער און אַ קלונג געטאָן. באַם אַרײַנגעקומענעם קוריער האָט ער געפרעגט, צי איז דער הער דובנאָוו שוין געקומען. דער קוריער האָט געענטפערט, אַז דובנאָוו איז נאָך נישטאָ.

— הייסט עס, מירן אויסוואַרטן, הער שאָלעם-אַלייכעם. איך בעט אײַך זיך איבערזעצן אָט אין דעם שטול, נעענטער צום טיש. מיר האָבן אַף אײַך פאַריבל, הער שאָלעם-אַלייכעם.

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט?

— אויב באַ אַ מענטשן, וואָס איז נאָענט צום ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז פאָרגעקומען עפּעס אַן אומאָנגענעמלעכקייט, איז ער מעכוייעוו צו אַלעם ערשטן מיטיילן אונדז. דער „וואָסכאָד" איז ווי אַ גלאָק פאַר די ייִדן אין רוסלאַנד. מיר מוזן די ערשטע צו וויסן געבן די לייענער וועגן אַלע געשעעניש, נישט אָפּשטיין פונעם לעבן. ווי זשע קומט עס, וואָס איר, וועלכער האָט איבערגעלעבט אַזעלכע שווערע מינוטן, זענט נישט געקומען זיך טיילן מיט אונדז?

— פונוואַנען ווייסט איר וועגן מײַנע איבערלעבונגען?— האָט בייזלעך געפרעגט שאָ-לעם-אַלייכעם.

— פראָסט און פּאָשעט: מ'האָט אונדז אָנגעקלונגען. כוץ דעם, איז פון „דאָרטן" געקומען אַ מענטש און געבעטן באַ אונדז געבן אַן איבערזעצער. איצטער איז פאַר אײַך שוין קלאָר, אַז ס'איז ניט קיין סעקרעט. און זייער גוט, וואָס זיי האָבן זיך געווענדט צו אונדז.

— וואָס איז דאָ אַזוינס דאָס גוטע?

— מ'האָט געטאָן אַלץ, ס'זאָל נישט אַרויסרופן קיין ספּייקעס. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַלדאָס אָנגעשריבענע קאָן מען אויסטײַטשן אַף פאַרשיידענע אופאַנים,— האָט כניפעדיק געזאָגט טרער.— מיר וואָלטן געוואָלט מיט אײַך אײַנשטעלן אַ פרײַנטלעכע פאַרבינדונג.

„אַפּאָנעם, נאָך ביז דובנאָוו וועט קומען, וויל טרער מיך דערפרייען מיט אַ גוטער בסורע",— טוט אַ קלער שאָלעם-אַלייכעם און שלעפּט אַרויס פון קעשענע דעם מאַנוסקריפּט און דערלאַנגט אים טרערן.

— כ'האָב גראַד מיט זיך מיטגענומען די דערציילונג. אויב איר מיינט טאַקע אַף אַן עמעס אײַנשטעלן מיט מיר אַ נאָרמאַלע שעפערישע פאַרבינדונג, איז דאָס נישט קיין שלעכ-טער אָנהייב.

— וואָס האָט איר געבראַכט?— טרער קוקט אומצופרידן אָפן מאַנוסקריפּט, וואָס שאָ-לעם-אַלייכעם האָט אים דערלאַנגט. און ווי ער זאָל האָבן זיך אָפּגעבריט, האָט ער אַ דערשראָקענער אוועקגעלייגט אים אָפן טיש לעם אוטער:— ניין, ניין, די דערציילונג וועגן פּעטער פּיניע און דער מומע ריזיע, דאָס הייסט וועגן מילכאָמע, וועלן מיר בעשום-אויפן ניט דרוקן. וואָס רעדט איר? מיר טאָרן ניט ריזיקירן מיט דער עקזיסטענץ פונעם זשורנאַל. דאָס גאַנצע ציוויליזירטע ייִדנטום אין רוסלאַנד וועט גלײַך גענומען ווערן אונטער אַ כשאַד.

— צוליב וואָס זשע האָט מען מיך אַהער גערופן?

טרער נעמט אָן שאָלעם-אַלייכעמען פאַרן אָרבל און רעדט אים אײַן פאַרטרוילעך:

— הערט מיך אויס רויִק. וועגן אײַער דערציילונג וועלן פאַרשפּרייט ווערן מעשונעדיקע מײַסעס צווישן די ייִדן אין דער גאַנצער וועלט און צום אַלעם ערשטן אין רוסלאַנד. מע וועט די גאַנצע געשיכטע איבערדרייען מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. מיר וואָלטן געוואָלט באַקומען פון אײַך אַ פעליעטאָנדל— זאָל זײַן אַפילע מיט אַ אונטערטעקסט. מיינט

ניט, אז מיר זײַנען אַזעלכע איבערגעשראָקענע, ניין, כאָלילע... א פעליעטאָן, לאָמיר זאָגן, מיט אַזאַ גאַנג: איר זענט אַרײַנגעפאַלן אין גהענעם, דאַנטע איז דאָך אויך געווען אין גהענעם! פאַרוואָס זשע קאָנט איר, מעכילע, אויך ניט זײַן דאָרט! איר מעגט אײַך וויפל איר ווילט פליִען אױף די פליגל פון פאַנטאַזיע, איר קאָנט אין פעליעטאָן אַרויספירן אַפילע דעם אַשמעדײַ אַליין. און ווײַטער — וואָס דאָס האַרץ גלוסט! אונדז גייט ווייניק וואָס אָז, אויב מע וועט זיך אַפילע אָנשטויסן, אַז איר גיט אָנצוהערעניש אַף אײַער וויזיט „אהין". סאָפּקאָלסאָף זענט איר א שרײַבער א הומאָריסט און האָט רעכט אויסצוטראַכטן פאַרשיידענע נישט געשטויגענע און נישט געפלויגענע מײַסעס. נישט געקוקט דערויף, וואָס אונדזער „וואָס-כאַד" איז א סאָלידער זשורנאַל, איז אַזאַ טעמע, אויב זי וועט נאָר ווי ס'דאַרף צו זײַן באַאַרבעט ווערן, גאַנץ גוט פאַר אונדז.

שאָלעם-אַלייכעמס גדולד האָט געפּלאַצט. ער איז אופגעשפּרונגען און ניט מיט זײַן קאָל אויסגעשריִען:

— איך בין אײַך ניט קיין הומאָריסט און וועל זיך נישט מאַכן נאַריש. יעדעס וואָרט שרײַב איך מיט בלוט פונעם האַרצן. איך שרײַב וועגן די לײַדן פון פאָלק. מײַן יעדער פעליעטאָן, יעדע מײַנע דערציילונג שרײַט וועגן שווערן און פּײַלײַדנדיקן לעבן פון די ייִדן אין רוסלאַנד!

— שטילער, היצט זיך ניט אַזוי, הער שאָלעם-אַלייכעם, — האָט טרער זיך דערשראָקן. — איר פאַרגעסט ניט, ווו איר געפינט זיך. דאָ איז אײַך ניט די רעדאַקציע פון דער צײַטונג „דער פרײַנט", — איז טרער בייז געוואָרן.

ער האָט אַפילע געפּרוּווט זיך אומקערן צום שמועס וועגן פעליעטאָן, מיינענדיק אַלץ איבעררײַדן דעם שרײַבער, — מיט דעם דאָזיקן געפּערלעכן מענטשן טאָר מען ענדגילטיק נישט איבעררײַסן די באַציִונגען. טוט דעריבער טרער א זאָג:

— מיר וועלן אײַך באַצאָלן פאַר אײַער פעליעטאָן ניט ווייניקער, ווי עס צאָלן אײַך די וואַרשעווער פאַרלעגער פאַר אײַערע ראָמאַנען...

— איך נייטיק זיך ניט אין אײַערע האָנאָראַרן! — האָט שאַרף אים איבערגעריסן שאָלעם-אַלייכעם. — און ביכלאַל... — ער נעמט אַרויס פון זשילעט-קעשענע דעם זייגער און טוט א קוק. — דער הער דובנאָוו וואַרט שוין מיסטאָם אַף מיר. אין וועלכן צימער זאָל איך אים זוכן?

טרער קוקט אַפּן שרײַבער פון אונטער די ברעמען און, אויסבאַהאַלטנדיק זײַן כויזעק-שמייכעלע, ענטפערט ער:

— אין צענטן, לינקס אין קאָרידאָר.

— א גוטן! — האָט אוועקגייענדיק געזאָגט שאָלעם-אַלייכעם און איז אַרויס פונעם קאַבינעט.

מיט גיכע טריט האָט ער זיך געלאָזט צום צענטן צימער.

— דער הער דובנאָוו האָט זיך נאָך נישט אומגעקערט קיין פעטערבורג, — האָט א מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע געזאָגט שאָלעם-אַלייכעמען.

— וואָס רעדט איר?..

א צעקאָכעסטער האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. „אַזאַ פּרעכע, ני-דערטרעכטיקע ברִיע, — טוט ער א קלער וועגן טרערן. — פאַר אים האָט קיין שום באַדײַ-טונג ניט צו זאָגן א ליגן, אָפּנאַרן... אַזעלכער קאָן פאַרקויפן אַפילע זײַן אייגענעם געוויסן... און מיט וואָס, אייגנטלעך, איז בעסער גינזבורג?" — צעשמייכלט זיך שאָלעם-אַלייכעם, דער-מאָנענדיק זיך אינעם וויזיט פונעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „דער פרײַנט". — ער האָט דען ניט פאַרגעלייגט דאָס זעלבע? ביידע זײַנען זיי פון איין שניט!"

בא מאַקסים גאָרקי

דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט געוואָיעט א ווינט. אין האָטעל-צימער איז שאָלעם-אַלייכעמען געווען קיל. אַפילע דורך די פאַרקלעפּטע פענצטער האָט דורכגעדרונגען די קאַלטע לופט. אין קיִעוו, שרײַבט מען אים, שטייען לויטערע זוניקע טעג, נישטאָ דאָרטן אָט דער נימעסער ווינט, דאָס אײַנגעגעסענע רעגנדל, וואָס גייט איבער אין א שטעכיק שנייעלע.

שאָלעם-אַלייכעם איז געקומען צו פאָרן קיין פעטערבורג אין א גרינגן מאַנטל, איז אים טאַקע קילבלעך. אָלגע מיכײַלאָוונע האָט טעלעגראַפירט, אַז זי וויל אים אהער אַרויסשיקן מיט דער פּאָסט דעם טולופּ, נאָר צוליב וואָס דאַרף זי זיך מאַטריִעך זײַן; גלײַך מע קאָן דאָ ניט קויפן קיין וואַרעמע פּאַלטאָ.

דער שרײַבער שפּאַנט זיך דורך איבערן צימער פון ווינקל צו ווינקל און רײַבט די הענט. קאַלט! ס׳איז נאָך גאָרנישט אַזאַ גרימערנדיקער פראָסט, פאַרוואָס זשע פרירט ער? „איך ווער אַלט און קאַלט...״ — שאָלעם־עליכעמען ווערט טרויעריק פון אַזעלכע געדאַנקען.

ער שטעלט זיך אָפּ באַם שפּיגל. אונטער די אויגן באַמערקט ער בלוילעכע אָדערלעך — נישט גוט מיטן האַרצן. דאָס בערדל איז אָנגעשפּיצט, די וואָנצעס וואָלט מען געדאַרפט אונ־טערשערן... „הײַנט, פּאַני שאָלעם־עליכעם, מוז מען אויסזען ייִנגער! איר וועט זיך באַגעגענען מיט מאַקסים גאָרקי״. פון דעם דאָזיקן געדאַנק אַליין דערפילט זיך דער שרײַבער מונטערער.

שאָלעם־אַלייכעם קלײַבט צו אַ שניפּס צום טונקל־בלאָוון גאַרניטער, טוט אָן אונטערן פּידזשאַק דעם וואַרעמען זשילעט.

באַם האָטעל שטייען געוויינלעך איזוואָזשטשיקעס. איינער פון זיי האָט צוגעקנאַקט נעענטער צום אַרײַנגאַנג.

— באַרין, וווּהין פאַרלאַנגט איר פאָרן?

דער קוטשער טוט אַ קנאַל מיט דער בײַטש, און דער עקיפּאַזש לאָזט זיך איבער נעווסקער פּראָספּעקט.

שאָלעם־אַלייכעם בעט אויפהייבן די בויד און רוקט אָן טיפער די שליאַפּע. איצט שרעקט אים שוין נישט ניט דער ווינט, ניט דער שניי.

ער פאָרט צו גאָרקין. לאַנג האָט ער געוואַרט אויף דער באַגעגעניש מיט דעם דאָזיקן מענטשן, וועלכן ער אַכטעט און שעצט. מעגלעך ווען גאָרקי זאָל געווען זײַן אין פּעטערבורג, וואָלט ער נישט געהאַט אַזויפיל אומאָנגענעמלעכקײַטן. ס׳איז אויך גאַנץ מעגלעך, אַז דער פּלאַן וועגן שאַפן נאָך אַ ייִדישע צײַטונג אין רוסלאַנד וואָלט אַפילו פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דורך גאָרקין האָט שאָלעם־אַלייכעם געהאָפט צו באַקענען זיך מיט אַנדערע רוסישע שרײַבער — מיט קאָראָלענקאָ, קופּרינען, אַנדרייעוון...

דער איזוואָזשטשיק האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ אַ צווייִשטאָקיקן הויז.

אָפן קלונג אין טיר איז אַרויסגעקומען אַ באַיאָרטע פּאָשעט געקליידטע פרוי מיט אַ טיכל אָפן קאָפּ.

— קומט אַרײַן, — האָט פרײַנטלעך געשמייכלט די פרוי און באַגלייט דעם גאַסט אין קאַבינעט.

פון אַ זײַטיקער טיר האָט זיך באַלד באַוויזן מאַקסים גאָרקי.

— איך באַגריס אײַך, הער אַלייכעם! — דערלאַנגט גאָרקי די האַנט.

— גאָט העלף אײַך, אלעקסיי מאַקסימאָוויטש! — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם. גאָרקי האָט באַמערקט א שמייכל באַם גאַסט אפן פּאָנעם.

— וואָס שמייכלט איר? — פרעגט ער.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגערופן זײַן פאַמיליע, נאָמען און פאַטערנאָמען און דערקלערט די באַדײַטונג פון זײַן פּסעוודאָנים: אָן דעם ערשטן וואָרט „שאָלעם" קלינגט נישט דאָס צווייטע וואָרט „אַלייכעם". עס באַקומט זיך: איך באַגריס אײַך, הער אײַך!

גאָרקי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— קומט אויס, איך בין פּײַן דורכגעפאַלן? איר וועט מיר מוזן מויכל זײַן, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש. איך וועל האָבן א פּײַנעם אויסזען באַ די נאַציאָנאַלע שרײַבער, וועמעס ווערק איך האָב בעדייע ארויסצוגעבן אין אן אַנטאָלאָגיע, אז איך קלײַב זיך אפילו נישט געווני פאַנאַנדער אין זייערע פאַמיליעס און פּסעוודאָנימען. א סקאַנדאַל!

שאָלעם־אַלייכעם איז רויט געוואָרן. ער דערפילט זיך זייער ניט גוט איבער דעם, וואָס ער האָט אונטערגעשטראָכן גאָרקיס טאָעס. אָבער גלײַך איז אָט דער געפיל פאַרבײַגעגאַנגען, מאַכמעס דער באַלעבאָס האָט זייער האַרציק און ליב זיך געהאַלטן.

— אַנושקע! — טוט גאָרקי א רוף די פרוי, וואָס האָט געעפנט די טיר. — ברענג אונדז, זײַ מויכל, טיי. — ער האָט אָנגענומען דעם גאַסט אונטערן אָרעם און פאַרבעטן אים זיך זעצן אין א ווייכן שטול.

— דערציילט, ווי לעבט זיך אײַך, וואָס שרײַבט איר?

— איך שרײַב דערציילונגען, הומאָריסטישע...

— דאָס ווייס איך. און וואָס נאָך טוט איר? וואָס האָט איר פאַרא פּלענער?

— כ'וואָלט געוואָלט אָנשרײַבן א ראָמאַן וועגן די קעשענעווער געשעענישן.

גאָרקי שטרענגט זיך אָן. אָפּגעוואָרפן פונעם שטערן די האָר, טוט ער אופמערקזאַם א קוק אף שאָלעם־אַלייכעמען.

— זייער וווּיל, ס'א גוטער פּלאַן.

מ'האָט אַרײַנגעבראַכט טיי מיט צוקערוואַרג.

שאָלעם־אַלייכעם האָט צוגערוקט זײַן שטול נעענטער צו גאָרקין.

— איך וועל זיך דערלויבן אָנרירן איין פראַגע, אלעקסיי מאַקסימאָוויטש.

— ביטע! — גאָרקיס אויגן ווערן טיפער. אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און מיט דער האַנט אונטערגעשפּאַרט די באַק, האָט ער זיך צוגעגרייט אויסהערן דעם גאַסט.

— מיט גרויס אופרודערונג האָב איך געלייענט אײַער פאַרצייכענונג „פּאָגראָם", — הייבט אָן שאָלעם־אַלייכעם. — זי קלינגט ווי א צאָרנדיקער פּראָטעסט, ווי א שטרענגער אורטייל פאַר די טאַליאָנים און מערדער. איר האָט מיט גוואַלדיקער קראַפט באַשריבן די דאָזיקע טראַגישע געשעענישן, דעם סטיכיישן שטורעם, די טעמפּקײַט און פאַרפירטקײַט פונעם האַמוין!

— ניט איך אליין פּראָטעסטיר קעגן דער דאָזיקער שאַנד, — רײַסט אים איבער גאָרקי. — דערמאָנט זיך וולאַדימיר קאָראָלענקאָס פאַרצייכענונג „דאָס הויז נומער דרײַצן". איך בין זיכער, אז אויך אַנדערע רוסישע שרײַבער — קופּרין, אַנדרייעוו, בונין — וועלן זאָגן זייער וואָרט קעגן די פּאָגראָמען.

דערזען, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט, א דערפרייטער, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט גאָרקי ווײַטער גערעדט:

— ס'איז זייער א ווייטיקע פראַגע. מע טאָר נישט שווײַגן, ווען אַזוינס קומט פאָר, — אן אופגעקאָכטער פון די דערינערונגען, האָט ער מיט היפּשע טריט גענומען שפּאַנען איבערן צימער. — ווען איך בין אַרײַנגעפאַלן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דעם אופגערייצטן האַמוין און ס'האָט מיך פאַרדרייט, ווי א שפּענדל, האָט זיך מיר געדאַכט, ס'איז א שרעקלעכער כאָלעם, — גאָרקי האָט צונויפגעפרעסט די פויסטן. — א שווידערלעכער כאָלעם! — כאַזערט ער איבער. — און איך שרײַ: „שטייט! שטייט!"

שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין קלאַנג, וואָס גאָרקי האָט ארויסגעבראַכט. ער האָט אין דער רעגע זיך דערמאָנט אין א סצענקע אפן וואָקזאַל: איינער א טשינאָווניק האָט אָף א ברוטאַלן אויפן א שטויס געטאָן א פּויער. מיט פאַראַכטונג האָט פאַרביטערט א זאָג געטאָן דער פּויער: „וואָס בלאָזסטו פון זיך, מײַן הער? מיר זײַנען עס דאָס רוסישע פאָלק — נישט דו!"

שאָלעם־אַלייכעם האָט געקלערט וועגן דער טיפער פאַרבינדונג צווישן גאָרקין מיטן פּראָסטן פאָלקס־מענטשן. ביידע האָבן זיי איצטער אין שאָלעם־אַלייכעמס אויגן זיך צונויפגעגאָסן אין איין געשטאַלט פונעם גרויסן רוסישן פאָלק.

שאָלעם־אַלייכעם האָט דערציילט גאַרקין די געשיכטע מיט זײַן מאַנוסקריפּט און וועגן זײַן באַזוך אין דער זשאַנדאַרמעריע.

— איר ווערט דאָך אַן עכטער רוסישער ליטעראַט! — האָט גאַרקי אויסגערופן. — איך מעגט זיך גרויסן, וואָס די זשאַנדאַרמעריע אינטערעסירט זיך מיט אײַער פּערסאָנע. — און נאָך א מינוט שווײַגן גיט ער צו מיט א פאַרביטערטן טאָן: — פאַדליעצי! און דער מאַנוסקריפּט איז דאָרט געבליבן?

— ניין, — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם, — ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אים אָפּנעמען.

ער האָט אויך דערציילט וועגן די סטודענטן, דערפון האָבן בא גאַרקין אָנגעהויבן לויכטן די אויגן.

— דאָס איז א גוואַלדיקע קראַפט — סטודענטן! מע דאַרף נאָר, פאַרשטייט זיך, מיט זיי אָנפירן.

גאַרקי האָט ווידער זיך דורכגעשפּאַנט איבערן צימער און אַרײַנגעוואָרפן אין אַש־בעכער דעם שוין לאַנג פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס.

— די פאָרגעשריטענע רוסישע אינטעליגענץ, — האָט ער געזאָגט, — און די אַקטיווע קויכעס פונעם ייִדישן פאָלק דאַרפן אָפּ פאַרשיידענע אויפנים וועקן דעם געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. אומעטום, ווו נאָר סע לאָזט זיך, דאַרפן מיר שרײַען וועגן דעם, אַז אַנטיסעמיטיזם איז נייטיק בלויז מענטשנפרעסער.

— די דאָזיקע מענטשנפרעסער בלאָזן פאַנאַנדער דעם האַס צווישן נאַציעס, אָנווענדנדיק פאַרשיידענע מיטלען, — כאַפּט אונטער שאָלעם־אַלייכעם גאַרקיס געדאַנק. — אַשטייגער, שעקספּירס שיילאָק דערקלערן זיי אַלס כאַראַקטעריסטישן פאָרשטייער פונעם ייִדישן פאָלק.

— מײַן ליבער פּען־ברודער, — איז גאַרקי געוואָרן ערנסטער און צוגעגעבן: — איר האָט גאַנץ ריכטיקע טײַנעס, אָבער די שולד פאַלט טיילווײַז אויך אָף אײַך און אָף אַנדערע ייִדישע שרײַבער.

שאָלעם־אַלייכעם קוקט אָנגעשטרענגט אָף גאַרקין.

— וואָס, אַשטייגער, טוט איר צוליב דעם, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, קעדיי צו ענדערן אָט די שמאַלקעפּיקע, באַגרענעצטע און ווילדע פאָרשטעלונג וועגן אײַער פאָלק? פאַרוואָס האָט קיינער פון אײַך ביז איצט נישט אָנגעשריבן, לאָמיר זאָגן, וועגן אַזא ליכטיקער איידלמוטי־קער פּערזענלעכקײַט, ווי העסיע העלפמאַן[1] געוויס האָט איר געהערט וועגן איר?

— געהערט און כ'בין איבעראַשט.

— ס'איז ווייניק צו זײַן איבעראַשט, מע דאַרף וועגן איר אָנשרײַבן, און זאָלן דערמלט ווערן איבעראַשט אַלע בעסטע לייענער אין רוסלאַנד. דאָס איז אײַער הייליקער כויוו! און איר האָט ניט קיין רעכט צו פאַרגעסן אין אַזא הייליקער און ווונדערלעכער רעוואָליוציאָ־נערער פיגור, ווי די מאַרטירערן העסיע העלפמאַן.

— כ'בין פולקאָם מאַסקים מיט אײַך, אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש, — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם. — אָבער איך בין נישט פייִק צו שרײַבן אָף אַזעלכע טעמעס, איך קאָן בלויז לאַכן און אויסלאַכן... דאָס איז בא מיר א מין כאַלאַס נאָך פון די קינדער־יאָרן אָן. דאָס ערשטע, וואָס כ'האָב, אַשטייגער, באַמערקט בא מײַן רעבן, איז געווען די ווייכע בראָדעווקע אָף זײַן נאָז און איך האָב געוואָלט זי צעציִען מיט ביידע הענט, ווי מע צעציט א גומעלע... אָפן פּאָנעם פון מײַן רעבנס ווײַב האָב איך קוידעמקאָל באַמערקט, אַז איין ברעם אירע איז א שוואַרצע און די צווייטע — א ווײַסע.

גאַרקי האָט געלאַכט. מיט א טיכעלע האָט ער אויסגעווישט א טרער, וואָס האָט אַראָפּ־גערונען צום מויל־ווינקל.

— נו, איך דאַרף אײַך זאָגן, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, אַז איר זענט טאַקע אַן אָריגינאַל! און דאָך מוז מען געפינען אָף דער אייגענער פּאַליטרע פאַרבן אויך פאַר דראַמאַטישע און העראָישע געשעענישן אין אונדזער ווירקלעכקײַט. און נאָך א זאַך: אײַערע פּובליציסטן, בעלעטריסטן און דיכטער האַלטן זיך עטוואָס אָפּגעזונדערט; די קולטור־קויכעס פון אײַער פאָלק זײַנען צופיל פאַרנומען מיט זיך אַליין. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווער פון אײַך אַר־בעט ניט בלויז אָף צו שאַפן ייִדישן, נאָר אויך אַנדערן טיפּאַזש? ווער פאַרבינדט אין זײַנע ווערק די אינטערעסן פון אײַער פאָלק מיט די אינטערעסן אויך פון אַנדערע פעלקער? מע

[1] העסיע העלפמאַן — אַן אָנטיילנעמערן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג פון די 70־ער יאָרן און אין קאַמף פון די נאַראָדאָוואָלצעס קעגן דער צאַרישער רעגירונג. געווען פאַרמישפּעט צום טויט דורך הענגען. דער אורטייל איז נישט אויסגעפילט געוואָרן מאַכמעס דער קאַמפּאַניע, וואָס מ'האָט אויפ־געהויבן אָף צו פאַרטיידיקן זי. געשטאָרבן אין טפיסע.

דארף נישט זײַן אָפּגעפֿרעמדט אײנער פֿונעם אַנדערן! אָט זענט איר געקומען צו מיר, ווײַל אײַך האָט אינטערעסירט גאָרקי אַלס פּערזענלעכקײַט. באַ מיר איז אויך זײער טײַער דאָס, וואָס איך האָב זיך מיט אײַך באַקענט. אָבער איר דאַרפֿט — ס׳איז אײַער כּיוון — באַקענען אײַערע לײענער מיטן לעבן פֿונעם פּראָסטן רוסישן פֿאָלקסמענטש, מיטן לעבן פֿון דער רוסישער אינטעליגענץ. דאָס וועט דערנענטערן אונדזערע פֿעלקער.

וואָס מער שאָלעם־אַליכעם האָט זיך אײַנגעהערט אין גאָרקיס ווערטער, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז ער האָט עפּעס דורכגעלאָזט אין לעבן, עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען, עפּעס נישט דערטראַכט.

— איך וויל באַקענען אײַך מיט מײַנע פֿרײַנט, — האָט פּלוצעם פֿאָרגעלײגט גאָרקי. — לעאָניד אַנדרײעוו האָט איר געזען? און קאָראָלענקאָן? אויך ניט? אַ שאָד. שוין לאַנג זענט איר אין פּעטערבורג?

— קימאַט צוויי כאָדאָשים.

— פֿאַר אַזאַ צײַט וואָלטן מיר מיט אײַך עפּעס געקאָנט אויפֿטאָן.

— צום באַדויערן, זענט איר נישט געווען אין פּעטערבורג.

— ריכטיק, נישט געווען. איז אָט וואָס, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש. קעדיי צו באַקענען דעם רוסישן לײענער מיט אײַערע ווערק און מיט די ווערק פֿון אײַערע כאַווײרים, וועלן מיר צונויפֿשטעלן אַ קלײנע זאַמלונג. די דאָזיקע אַרבעט וועט איר מוזן נעמען אויף זיך. וואָס זאָגט איר דערויף?

— דאָ גײט אַ רייד בלויז וועגן פּראָזע? — האָט געפֿרעגט שאָלעם־אַליכעם און איבערראַשטער פֿון דעם פֿאָרשלאָג.

— יאָ. מיט פּאָעזיע קאָן די זאַך זיך פֿאַרציִען. ס׳וועט זײַן שווער מיט די איבערזעצונגען. גרייט צו אַזאַ פּראָזע־זאַמלונג, און דערנאָך וועלן מיר זען. גוט?

— בעסער קאָן גאָר נישט זײַן, אַלעקסײ מאַקסימאָוויטש. אַ האַרציקן דאַנק אײַך!

אַנושקע איז אַרײַנגעקומען און געזאָגט:

— אַלעקסײ מאַקסימאָוויטש, ווידער יענער... אין לאַנגן פּעלצל...

גאָרקי איז אַפּגיך צוגעגאַנגען צו דער טיר, ברייט זי צעעפֿנט און מיט פֿרייד אויסגערופֿן:

— קוזמאַ איוואַנאָוויטש! טוט זיך אויס און קומט אַרײַן. אָ, איר זענט אין אַ פּעלצל און אין פֿילשטן. און גאַלאָשן האָט איר צו זיי? נעמט באַ מיר — איך האָב עטלעכע פּאָר. אַנושקע, זאָלסט אַכטונג געבן, איך בעט דיך זייער, אַז ווען קוזמאַ איוואַנאָוויטש וועט האַלטן באַם אוועקגײן, זאָל ער אָנטאָן מײַנע גאַלאָשן. נישקאָשע, פֿון מײַנע לאַפּעס וועלן זיי אַרופּקריכן אויף זײַנע פֿילשטן. קומט, קומט אַרײַן, קוזמאַ איוואַנאָוויטש!

אַ הויכער ברייטפּלײציקער בלאָנדין מיט קאָרע אויגן, האָט קוזמאַ איוואַנאָוויטש געכאַפּט דעם אָנבליק פֿון פּיאַדאָר שאַליאַפּינען. גאָרקי האָט אים טאַקע אַזוי פֿאָרגעשטעלט פֿאַר שאָלעם־אַליכעמען:

— קוזמאַ איוואַנאָוויטש מאַלישעוו, אויך אַ רוסישער גיבער, ווי פּיאָדאָר איוואַנאָוויטש שאַליאַפּין. דער כּילעק באַשטײט בלויז דערין, וואָס שאַליאַפּין איז אַ זינגער און מאַלישעוו — אַ שלאָסער פֿון פּוטילאָווער זאַוואָד. און דאָס איז, — ווענדט זיך גאָרקי צו מאַלישעוון, — מײַן פֿעדער־ברודער, דער ייִדישער שרײַבער שאָלעם־אַליכעם. זיצט, קוזמאַ איוואַנאָוויטש, און דערציילט נײַס. האָט קיין מוירע ניט פֿאַר מײַן אַריסטאָקראַטישן דיל, זיצט רויִק.

מאַלישעוו האָט געקוקט אויף שאָלעם־אַליכעמען, ניט געוואַגט, אַפּאַנעם, צו ריידן אין דער אָנוועזנהײַט פֿון אַ זײַטיקן מענטשן.

גאָרקי האָט פֿאַרשטאַנען זײַן פֿאַרלעגנהײַט און פֿרײַנטלעך אַ קלאַפּ געטאָן מאַלישעוון איבערן אַקסל:

— שרעקט זיך ניט פֿאַר סאָלאָמאָן נאַומאָוויטשן: ער דינט נישט אין דער פּאָליציע.

— און אין דער זשאַנדאַרמעריע אויך ניט, — גיט צו שאָלעם־אַליכעם.

— אָט־אָט, איך מײן אויך אַזוי, — צעלאַכט זיך גאָרקי.

מאַלישעוו דערציילט:

— דער צעך, ווו איך אַרבעט, שטרײַקט שוין דעם צווייטן טאָג. מײַן כאַווער, וואָס איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער אַ ראָד פֿון דער מאַשין, איז אײַערנעכטן געשטאָרבן.

— סקאָפּאָוו? — כאַפּט אונטער גאָרקי.

— יאָ. איר האָט פֿאַרגעדענקט זײַן פֿאַמיליע, — ווונדערט זיך מאַלישעוו, — די מישפּאָכע זײַנע האָט אַפֿילע ניט געהאַט קיין מיטלען אויף צו באַגראָבן אים.

גאָרקי ערגערט זיך. אונטערן רעכטן אויג האָט באַ אים גענומען ציטערן אַן אָדערל. ער דערפֿילט עס און דעקט עס צו מיט דער האַנט.

— איר הערט, סאָלאָמאָן נאומאָוויטש? אָט וועגן וואָס מע דאַרף שרײַבן. איר האָט געלייענט אלעקסאנדער קופּרינס „מאָלאָך”? דאָרטן איז בא אים, עמעס, מער וועגן קאַפּיטאליסטן, איידער וועגן ארבעטער, נאָר אָנגעשריבן איז עס שטאַרק און ריכטיק. ער דערלאָזט ניט, דער לייענער זאָל פארבלײַבן קאַלטבלוטיק צו דער שווערער דאָליע פונעם ארבעטער־מענטשן.

אנושקע באַווײַזט זיך בא דער טיר און זאָגט, אז מע בעט אלעקסיי מאַקסימאָוויטשן צום טעלעפאָן. ער איז ארויסגעגאנגען און אינגיכן זיך אומגעקערט.

— איך מוז עקסטרע פאָרן אין רעדאַקציע, בעט איך מײַנע פּרײַנט מיר אנטשולדיקן. מיט אײַך, סאָלאָמאָן נאומאָוויטש, און מיט אײַך, קוזמא איוואנאָוויטש, וועלן מיר זיך צו־נויפרײדן, ווו צו טרעפן זיך אין די נאָענטסטע טעג. איך בין שטענדיק גרייט צו זען זיך מיט אײַך.

א טאָסט פאר פרײַנטשאַפט

שאָלעם־אַלייכעמס געהויבענע שטימונג האָט דער ערשטער דערפילט דער שווייצאַר פון האָטעל. דער שריפטשטעלער האָט אים הײַנט ארײַנגערוקט א גאנצן קאַרבאָטש. אפילו סאַכרים, גראַפן און פירשטן, וואָס זײַנען דאָ אײַנגעשטאַנען, האָבן זעלטן ארויסגעוויזן אזא וואַטראַנעס.

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך צוגעלייגט אָפּרוען. אײַנגעמאַטערט פון די אײַנדרוקן פאַרן טאָג, איז ער גאָר גיך אײַנגעשלאָפן.

אופגעכאַפּט האָט ער זיך פון א טעלעפאָן־קלונג. „דאַנקען און לויבן, ס'ארבעט שוין דער טעלעפאָן אין נומער”, — טוט א קלער דער שרײַבער און נעמט אראָפּ דאָס טרײַבל. גערעדט האָט גאָרקי:

— סאָלאָמאָן נאומאָוויטש, צי האָט איר שוין כאָטש א ביסעלע זיך אויסגערוט?

— יאָ, יאָ, אלעקסיי מאַקסימאָוויטש, — ענטפערט אײַליק שאָלעם־אַלייכעם.

— אין אָוונט בעט איך אײַך קומען צו מיר. אָפּגעמאַכט? אנדרייעוו וועט זײַן און, מעג־לעך, וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש קאָראָלענקאָ, אויב ער וועט ניט אוועקפאָרן. מע וואָלט גע־קאָנט מאָרגן זיך באגעגענען, איז צוליב קאָראָלענקאָן... איך וויל אײַך פאָרשטעלן אים. רוט זיך אויס, סאָלאָמאָן נאומאָוויטש, — איר זענט געוויס מיד נאָך אונדזער שמועס, און דער־נאָך — צו מיר.

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז שוין גלײַך נאָך דער ערשטער באגעגעניש וועט גאָרקי אליין אים אָנקלינגען און אײַנלאַדן צו זיך. ער האָט בעדייע אים באקענען מיט אנדרייעוון, מיט קאָראָלענקאָן! דאָס באַטײַט, אז מע אנערקענט אים אין די פּעטערבורגער ליטעראַטן־קרײַזן. און אלע באלײדיקונגען און דערנידעריקונגען, וואָס ער האָט געליטן פאר די עטלעכע וואָכן, זײַנען ווי צעגאנגען געוואָרן, זענען אויס אזעלכע נישטיקע און מינדערוועריקע... גאָרקי האָט אים געעפנט די אויגן אפן לעבן. ער האָט זיך דערפילט אוי־סערגעוויינלעך מוטיק, איבערגעפולט מיט פרישע קויכעס.

שאָלעם־אַלייכעם האָט קוים זיך דערוואַרט ביז אָוונט און זיך אראָפּגעלאָזט אין וועסטי־ביול. ווען דער שווייצאַר האָט אים דערזען פונדערווײַטנס, האָט ער זיך פאַרנייגט און צעעפנט ברייט די ארויסגאנג־טיר. צוגעקנאַקט האָבן מיטאמאָל דרײַ פּאַעטאָנעס.

— אָף זנאַמענסקע, — זאָגט שאָלעם־אַלייכעם און זעצט זיך ארײַן אין א פאַעטאָן.

— צו גאָרקין? — פרעגט דער פורמאַן. — מיר ווייסן שוין.

לאָזט זיך אויס, אז דאָס איז געווען דער זעלביקער פורמאַן, וואָס האָט אים הײַנט שוין געפירט צו גאָרקין.

— איר קענט אים?

— ווי דען!

— ווער זשע איז ער אזוינס, גאָרקי?

— א סאַטשיניטעל... א פראַווילני מענטש!

דער שרײַבער טוט א שמייכל.

אנושקע באגעגנט שאָלעם־אַלייכעמען ווי אן אלטן באַקאַנטן. דער גאַסט־צימער, וווהין זי האָט אים ארײַנגעפירט, איז געווען העל באלויכטן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט נאָך נישט באוויזן זיך ארומקוקן, ווי ער איז ארײַנגעפאלן אין די אָרעמס פונעם באַלעבאָס.

גאַרקי האָט אים צוגעפּירט צו אַ מענטשן מיט אַ ליב, באַגײַסטערט פּאָנעם.

— באַקענט זיך, לעאָניד, — האָט גאַרקי זיך געווענדט צו אָט דעם מענטשן, — מיר האָבן מיט דיר גערעדט וועגן אַרויסגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פֿון נאַציאָנאַלע שרײַבער, וועלכע וווינען אין אונדזער מאַטושקאַ־רוס. אָט דאָס איז אַ פֿאָרשטייער פֿון אַזאַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך דיר אַפֿילו ניט געכאָלעמט.

— פֿון וועלכער? — פֿרעגט אַנדרייעוו און פֿירט איבער דעם בליק פֿון גאַרקין אויף שאָ־לעם־אַלייכעמען.

גאַרקי שטעלט פֿאָר אַנדרייעוון דעם גאַסט.

— איך בעט אים, ליב האָבן און שעצן! — גיט צו גאַרקי פֿרײַנטלעך.

שאָלעם־אַלייכעם האָט פֿעסט געדריקט די אויסגעשטרעקטע האַנט.

— ליב האָבן, זאָגסטו, אַלעקסיי? — בייס ער שמייכלט, באַווײַזט אַנדרייעוו שטאַרקע, ווײַסע ציין. — ווי אַזוי זאָל איך אים גלײַך ליב באַקומען, — זאָגט ער מיט אַ הילכיקער ברוסט־שטימע, — אַז איך ווייס ניט, צי האָט דער הער שאָלעם־אַלייכעם געלייענט מײַן דער־ציילונג „בעזדנאַ”.

— אָ, — שלאָגט איבער גאַרקי, — באַ אונדזער קאָלעגע קאָן זיך שאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז דו ביסט ניט גאָר באַשיידן... אַגעוו, קיין גרויסן טאָעס וועט ער נישט האָבן, — פֿאַרענ־דיקט גאַרקי אין אַ שפּאַס.

שאָלעם־אַלייכעם ענטפֿערט אַנדרייעוון מיט אַן עפּיגראַם:

— „בודטע ליובעזני, ניע טשיטײַטיע „בעזדנו”[1].

— הערסט, לעאָניד? דאָס איז געזאָגט שאָלעם־אַלייכעמיש...

אַנדרייעוו קנייטשט צונויף אין אַ שפּאַס די ברעמען:

— דאָס איז דאָך מײַן אייגענע עפּיגראַם.

אַלע דרײַ האָבן ווידער געלאַכט. דערנאָך איז אָנגערירט געוואָרן די זעלבע טעמע, וועגן וועלכער ס׳איז אײַנדערפֿרי געגאַנגען אַ רייד.

— זאָגט מיר, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, — זאָגט אַנדרייעוו, — צי האָט עמעצער פֿון אײַך אָנגעשריבן וועגן דער קעשענעווער טראַגעדיע?

— נו, אוודאי, לעאָניד, — ענטפֿערט גאַרקי פֿאַר שאָלעם־אַלייכעמען. — ביאַליק האָט אָנגעשריבן, דער פּאָעט ביאַליק.

— און פֿון די פּראָזאיקער קיינער ניט?

— אויף אָט דער טעמע דערווײַל קיינער ניט, אַזוי, דאַכט זיך, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש? — זאָגט גאַרקי. — זעסטו, אויף אַן אַנדער טעמע — וועגן דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע — האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגעשריבן אַ סאַטירע. ווי האָט איר זי אָנגערופֿן? אַהאַ, זיך דער־מאָנט: „דער פּעטער פּיניע און די מומע רײַזיע”. מע וואָלט געדאַרפֿט די דערציילונג איבער־זעצן און אָפּדרוקן. ווי מיינסטו, לעאָניד, ס׳איז אַקטועל?

— איך בין אַ קליינער ווייסער אין די אָנגעלעגנהײַטן. איך אַליין שרײַב איצטער אויך וועגן דער מילכאָמע. עס וואָרגט מיך מײַן „רויטער געלעכטער” און כ׳ווייס ניט, צי ס׳וועט זיך עפּעס באַקומען אָדער ניט.

— פּעסטע זיך נישט, מײַן פֿרײַנט! ס׳וועט גיין אַ גאַנג!

אַנושקע האָט זיך ווידער באַוויזן:

— וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש איז געקומען.

אין דער אָפֿענער טיר איז אַרײַן אַ געפּאַקטער מענטש פֿון מיטלען וווּקס. זײַן פּאָנעם האָבן באַברעמט שיינע געקרײַזלטע האָר, פֿאַרפּאַראַשעטע מיט גראַווקײַט. די גרויסע קלאָרע אויגן האָבן געקוקט פֿרײַנטלעך און אָפֿריכטיק.

— איך באַגריס די שרײַבער פֿון דער ערד דער רוסישער! — רופֿט אויס קאָראָלענקאָ גאַנץ פֿריילעך.

גאַרקי און אַנדרייעוו האָבן אַ שפּאַן געטאָן צו אים אַנטקעגן און פֿעסט געדריקט זײַן האַנט.

שאָלעם־אַלייכעם איז געשטאַנען אין אַ זײַט און ניט אָפּגעריסן דעם בליק פֿון קאָראָ־לענקאָן.

גאַרקי האָט געוואָלט פֿאָרשטעלן שאָלעם־אַלייכעמען, נאָר קאָראָלענקאָ האָט אַליין זיך געלאָזט צו אים מיט די ווערטער:

— דאָס איז, מיסטאָם, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש — מײַן אַלטער קאָרעספּאָנדענט.

[1] זײַט אַזוי גוט און לייענט ניט דעם „אָפּגרונט”.

— ריכטיק, וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש, — רופט זיך אָן גאָרקי.
שאָלעם־אַלייכעם האָט העפלעך זיך פאַרניגט.
— יאָ, סאַלאָמאָן נאַומאָוויטש, איך זאָל נישט פאַרגעסן: איר זענט געווען אין קעשע־נעוו? — פרעגט קאַראַלענקאָ.
— ניין.
— א שאָד.
דאָס וואָרט „א שאָד" האָט שאָלעם־אַלייכעם אופגענומען, ווי אַן ערנסטן פאַרוואורף. ער האָט אויך איצט, פונקט ווי אינדערפרי, זיך דערפילט שולדיק.
שוויַיגן איז געווען אומבאַקוועם: דריַי שריַיבער האָבן געקוקט אף אים און געוואַרט אף ענטפער.
— איך האָב שוין געזאָגט אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן, אַז כ׳קאָן ניט שריַיבן וועגן טראַגישן. מיַין סטיכייע איז דאָס קאָמישע. פאַראַן בא מיר א דערציילונג „גימנאַזיע" וועגן דעם, וואָס עס קומט אויס איבערצולעבן יידישע ייִנגלעך באַם אַנקומען אין גימנאַזיע.
שאָלעם־אַלייכעם האָט איבערדערציילט אייניקע עפּיזאָדן וועגן דעם, ווי דאָס ייִנגל האָט נאָך גרויסע מאַטערנישן אויסגעהאַלטן די עקזאַמענעס אין דריטן קלאַס פון דער גימנאַזיע.
— קאָמיש און גאַנץ טרויעריק, — האָט גאָרקי זיך אָנגערופן.
— אָט וועגן דעם קאָן איך שריַיבן, אָבער וועגן פּאָגראָמען — איז שווער, — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם.
די שריַיבער האָבן שוויַיגנדיק זיך איבערגעקוקט.
אין א רגע אַרום האָט שאָלעם־אַלייכעם געזאָגט:
— אָט זעט איר, וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש, און איַיער „הויז נומ. 13" האָט געמאַכט אין אונדזערע קריַיזן א גוואַלדיקן איַינדרוק. אַזוי מענטשלעך און דערשיטערנדיק!
קאָראָלענקאָ האָט זיך אָנגעבלאָזן. שאָלעם־אַלייכעם האָט באַמערקט, אַז גאָרקי ווינקט צו אים, ווי איינער רעדט: מע דאַרף ניט ריידן וועגן דעם. האָט ער זיך אָנגעשטויסן: קאָראָלענקאָ האָט ניט ליב, אַז מע לויבט זיַינע ווערק.
אַנושקע האָט אַריַינגעבראַכט שאַמפּאַניער.
— א דאַנק, אַנושקאַ, וואָס דו פאַרגעסט ניט אין אונדז, זינדיקע מענטשן, — זאָגט שמייכלענדיק גאָרקי.
— וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש, — ווענדט ער זיך צו קאָראָלענקאָן, — איר ווייסט, אַז שאָלעם־אַלייכעמען איז שוין דאָ אויסגעקומען צו זיַין אין דער זשאַנדאַרמעריע?
— אַזוי! — כידעשט זיך קאָראָלענקאָ. — קומט איַיך, ווי מע זאָגט בא איַיך, „מאַזלטאָוו". באַקומען, הייסט עס, ווי מע זאָגט בא אונדז, „באָיעוואָיע קרעשטשעניע".
שאָלעם־אַלייכעם האָט, לויט זיַין שטייגער, אין הומאָריסטישע טענער געגומען דערציילן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ער האָט אַליין געלאַכט און מיטגעריסן מיט זיַין געלעכטער אויך גאָרקין און אַנדרייעוון. איין קאָראָלענקאָ האָט נישט געלאַכט.
— און מיר איז דערפון טרויעריק, מיַינע ליבע הערן, — האָט קאָראָלענקאָ געזאָגט, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרענדיקט צו דערציילן.
— פאַרוואָס? — וווּנדערט זיך אַנדרייעוו, ניט אופהערנדיק צו שמייכלען.
— א מיִעסע געשיכטע, גאָר א מיִעסע.
— וועלכע? — פרעגט איבער אַנדרייעוו און כאַפּט א קוק אף שאָלעם־אַלייכעמען.
— גאָט מיַינער! — איז אין קאַס געוואָרן קאָראָלענקאָ. — עס קאָן ניט זיַין, אַז איַיך, לעאָניד ניקאָלייעוויטש, זאָל גאָרניט רעגן די דאָזיקע געשיכטע?
— וואָס רעדט איר, וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש! אוודע רעגט זי, נאָר סאַלאָמאָן נאַומאָוויטש האָט אַזוי שיין און קונציק דערציילט, אַז עס איז אומעגלעך געווען זיך איַינצוהאַלטן פון געלעכטער. בייזערט זיך ניט, איך בעט איַיך, וולאַדימיר גאַלאַקטיאָנאָוויטש.
אַנדרייעוו איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אַראָפּגענומען די גיטאַרע, אויסגעפּרוּווט די סטרונעס און אָנגעהויבן עפּעס שפּילן.
קאָראָלענקאָ האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהערט. גאָרקי קוקט אף אַנדרייעוון און שמייכלט צופרידן. ווען אַנדרייעוו האָט אָנגעהויבן זינגען, איז גאָרקי ווי פאַרביטן געוואָרן. דאָס איז געווען א ליד וועגן אַרעסטאַנטן־קאַנדאַלניקעס, וואָס אַנדרייעוו האָט אַמאָל געהערט אין אַראָלאָווער גובערניע. דאָרט האָט זיך דערציילט וועגן שוידערלעכע מענטשלעכע ליידן. געזונגען האָט זי אַנדרייעוו מיט טיפן געפיל, אף אַן איידעלן אופן איבערגעגעבן די שטימונג פון דער ליד.
שאָלעם־אַלייכעם איז געשטאַנען טיף פאַרקלערט.

— גוט, זייער גוט! — האָט קאָראָלענקאָ אָנגענומען אַנדרייעוון באַם אַקסל. — אַ דאַנק אײַך. ס'האָט מיך צעשרויפּט, גענומען באַם האַרצן.

אַנדרייעוו הענגט אויף צוריק די גיטאַרע און זאָגט:

— לאָמיר אויסטרינקען פאַר אונדזער נײַעם באַקאַנטן און פען־ברודער — פאַר שאָלעם־עליכעמען.

— לאָמיר, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, טרינקען פאַר פרײַנטשאַפט פון אונדזערע ליטעראַטורן און ביכלאַל פאַר עמעסער פרײַנטשאַפט, פאַר גוטע, נוצלעכע ביכער, — האָט גאָרקי פאָרגע־לייגט. — ווי האַלט עס מיט אײַער געזונט? — טוט ער אומגעריכט אַ פרעג.

— איך דאַנק אײַך, אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש.

קאָראָלענקאָ האָט גענומען זיך אײַלן:

— שפּעט, מײַנע ליבע פרײַנט. איך דאַרף נאָך הײַנט לייענען אַ קאָרעקטור.

— און איך טו גאָרניט שוין דעם דריטן טאָג, — זאָגט אַנדרייעוו. — אַ פרײַער קינסט־לער. און דו, אַלעקסיי?

— איך אַרבעט, ווי אַן אייזל, און ווער אויסגעריסן.

אַנדרייעוו הייבט זיך האַסטיק אויף און נעמט אָן שאָלעם־עליכעמען פאַר דער האַנט.

— אויב איר ווילט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, — זאָגט ער, — וועל איך מיט אײַך צופאָרן אין זשאַנדאַרמעריע און דאָרט מאַכן אַ סקאַנדאַל. — כאַמעס! — וועל איך זיי זאָגן. — ווי וואַגט איר צו באַליידיקן אונדזערן אַ ברודער — אַ ליטעראַט?

קאָראָלענקאָ און גאָרקי האָבן זיך איבערגעקוקט.

— מע דאַרף ניט, לעאָניד ניקאָלײַעוויטש, — האָט שטיל געענטפערט שאָלעם־עליכעם.

— איך האָב פאַר זיי קיין מוירע ניט, — איז אַנדרייעוו אַרײַן אין דער פּאַסיקע.

גאָרקי האָט זיך אָנגעברוגזט. אַף זײַן שטערן האָבן זיך אויסגעלייגט קנייטשן.

— הער אויף, לעאָניד.

קאָראָלענקאָ האָט גענומען זיך געזעגענען און איז אוועק. אינגיכן זײַנען אויך אַלע דרײַ — גאָרקי, אַנדרייעוו און שאָלעם־עליכעם — אַרויס אין פּראָסטיקן דרויסן; גענומען זיך אונטער די הענט, האָבן זיי געשפּאַנט איבער דער גאַס. זיי זײַנען געגאַנגען איבער דער פּעטערבור־גער ווינטערדיקער גאַס אַנטקעגן די פײַערן, וואָס האָבן, ווי שטערן אין הימל, געפינקלט אין דער ווײַט...

מוירעדיקע געשעענישן

אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען צו שאָלעם־עליכעמען אָוונט־צײַט געקומען אומגעריכטע געסט — דער שרײַבער שימען פרוג מיט זײַן פרוי. פרוג האָט זיך קוינע־שעם געוווּן מיט זײַנע לידער און פאַרצייכענונגען אַף רוסיש, ער האָט זיך אָפט זיך געדרוקט אויך אין ייִדישע אויסגאַבעס און די לעצטע צײַט אין דער צײַטונג „דער פרײַנט".

פרוג האָט זיך געפילט שולדיק בענעגייע שאָלעם־עליכעמען פאַרן פעליעטאָן אין זשור־נאַל „וואָסכאָד", ווו ער האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעשפּעט פון דעם זאַמלבוך „די ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק". איז ער איצט געקומען מיט זײַן פרוי, ווײַל אין איר פערזאָן האָט ער געוואָלט זיך באַוואָרענען מיט אַ פאַרטיידיקער אינעם פאַל, אויב שאָלעם־עליכעם וועט אַף אים אָנפאַלן.

וועגן פרוגס ווײַב — דער שיינער רוסישער פרוי — זײַנען אומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז זי האָט געדינט אַלס גווערנאַנטקע באַ איינעם אַ פּעטערבורגער מאַגנאַט. דאָרט האָט פרוג זי באַגעגנט און פאַרליבט זיך אין איר.

פרוגס אויסזיכטן זײַנען געווען ריכטיקע, שאָלעם־עליכעם האָט טאַקע די גאַנצע צײַט זיך געריסן פאַרפירן אַ שמועס מיט דעם „צופעליקן קאָרעספּאָנדענט" וועגן יענעם פעליעטאָן, נאָר אויס אַכטונג צו דער פרוי זיך צוריקגעהאַלטן. דער שמועס איז פאָרגעקומען, נאָר אָן אָנגעצויגענער, ניט קיין אַקטיווער.

— מ'האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז איר, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, לײַדט דאָ פון קעלט, — האָט די פרוי געזאָגט און דערבײַ צעוויקלט אַ היפּשן פּאַקעט, וואָס דאָס פּאָרפּאָלק האָט מיט זיך געבראַכט. זי האָט אַרויסגענומען פונעם פּעקל אַ שפּאָגל־נײַע ווינטערדיקע פּאַלטאָ און געזאָגט: — האָט קיין יעסורים ניט, סעמיאָן האָט נאָך איינע... — ווען די פרוי באַמערקט שאָ־לעם־עליכעמס אומצופרידענע מינע, גיט זי צו קאַטעגאָריש: — איך וועל זי נישט צונעמען צוריק; ווען איר וועט אַוועקפאָרן, וועט איר זי אומקערן.

— מיר בעטן אײַך זייער, — גיט צו אויך פרוג.

שאָלעם־אַליי‌כעם האָט, נאַטירלעך, נישט געוואָלט מעוואיעש זײַן דאָס פּאַרפּאַלק, וואָס האָט צו אים אַרויסגעוויזן אַזאַ אופמערקזאַמקייט.

דערנאָך האָט פּרוג דערקלערט, אַז ער וואָלט אַ באַלן געוואָלט פאַרלייענען שאָלעם־אַליי‌כעמען זײַנע אַ נײַע פּאָעמע און אויך אײניקע לידער אַף ייִדיש, קעדײ אויסהערן זײַן מיינונג. ער וואָלט אויך געוואָלט איבערזעצן שאָלעם־אַליי‌כעמס דערציילונג, איבער וועלכער דער אָטאָר האָט שוין אַזויפּיל געליטן. איצטער וועט מען זי געוויס ניט דרוקן, נאָר זאָל זי ליגן אָן איבערזעצטע, עפּשער וועט די סיטואַציע זיך בײַטן צום בעסערן.

— איך האָף פריִער זי אָפּדרוקן אין אָריגינאַל, — ענטפערט ערנסט שאָלעם־אַליי‌כעם.

פּרוגס פרוי האָט פאַרשטאַנען, אַז זי דאַרף זיך אַרײַנמישן אין שמועס. טוט זי אַ שמייכל צו שאָלעם־אַליי‌כעמען און ווענדט זיך צום מאַן:

— סעמיאָן, האָסט דאָך געוואָלט פאַרלייענען סאָלאָמאָן נאַומאָוויטשן דײַן נײַע פּאָעמע!

אָבער ווי נאָר פּרוג האָט גענומען לייענען, איז אויסגעלאָשן געוואָרן די שײַן. דער האָטעל־דינער איז אַרײַנגעקומען און דערקלערט, אַז די שײַן איז אויסגעלאָשן געוואָרן, אַפּאַנעם, דערפאַר, ווײַל די אַרבעטער פון דער עלעקטרישער סטאַנציע שטרײַקן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַרײַנגעקומען מיט אַ גראָבער ליכט אין דער האַנט.

שוין עטלעכע טעג איז אין פּעטערבורג געווען אומרויִק. אומעטום האָט זיך געפילט די אומצופרידנקייט דערפון, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט פירגענומען אַ מילכאָמע קעגן יאַפּאַניע. אין פיל אונטערנעמונגען האָבן די אַרבעטער אָפּגעשטעלט די אַרבעט, סטודענטן האָבן געבונטעוועט. די צוגן קיין פּעטערבורג און פון פּעטערבורג זײַנען געגאַנגען ניט רעגולער.

שאָלעם־אַליי‌כעם האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זײַנע געסט און זיך אַראָפּגעלאָזט אין וועסטיביול. באַ דער שוואַכער שײַן פון די ליכט, וואָס זײַנען געווען צעשטעלט אַף די פענצטער־ברעטלעך, האָט ער באַמערקט פאַרדעכטיקע פאַרשווינדלעך, וועלכע האָבן זיך צו־געקוקט צו יעדן אַרײַנגעקומענעם אין האָטעל און אין איטלעכן, וואָס גייט אַרויס פונדאַנען.

אומגעקערט זיך אין נומער, האָט שאָלעם־אַליי‌כעם פעסט געמאָלדן פּרוגן און זײַן פרוי, אַז אַהיים וועט ער זיי ניט אָפּלאָזן, און געבעטן דעם האָטעל־דינער אַרײַנברענגען פון רע־סטאָראַן טיי מיט צובײַסן. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז די וואַסערלייטונג אַרבעט אויך ניט און דעריבער איז קיין טיי נישטאָ.

— איר וועט איבערנעכטיקן באַ מיר, — ווײַזט אָן שאָלעם־אַליי‌כעם אַפּן בריטן בעט. — איך וועל שלאָפן אַפּן דיוואַן. און מאָרגן וועלן מיר זען. יאָ, מײַנע פרײַנט, עס גייט צו אַ רעוואָלוציע...

— עס פילט זיך, אַז מאַקסים גאָרקי האָט אַף אײַך געווירקט, — האָט פּרוג ניט אויס־געהאַלטן.

— זייער מעגלעך. און איר האָט אַמאָל זיך באַגעגנט מיט גאָרקין?

— ניין.

— האָט איר בעפּיירעש אַ סאַך פאַרלוירן.

שפּעטער, ווען שאָלעם־אַליי‌כעם און זײַנע געסט האָבן זיך געגרייט צום שלאָף, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר און געבראַכט אַ טעלעגראַם פון אָלגע מיכײַלאָוונע. זי האָט זיך אָנגעפרעגט וועגן מאַנס געזונט.

— אַהאַ, ס'איז שוין, ווײַזט אויס, דערגאַנגען קיין קיִעוו, וואָס דאָ טוט זיך, — זאָגט שאָלעם־אַליי‌כעם. — ס'קאָן זיך נאָך טרעפן, אַז מײַן אָלגע זאָל אַרויספאָרן זוכן מײַן טויטן קערפּער, — צעלאַכט ער זיך אַליין.

— איך לאָז קיינמאָל ניט אָפּ מײַן סעמיאָנען אַליין, — זאָגט פרוגס פרוי.

אינדערפרי נאָכן אָנבײַסן זײַנען זיי אַרויס אין גאַס. דאָ האָט זיך געפילט דער אומרו פון דער גאַנצער שטאָט. פּאָליצייסקיס האָבן געגנישטערט אַף יעדן טראָט, קאַזאַקן אַף פערד האָבן דורכגעשווינדלט פאַר די אויגן. אַף די רעלסן איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער טראַמ־ווײַ. די איינצלנע פוסגייער זײַנען בעכיפּאַזנדיק איבערגעלאָפן פון מויער צו מויער.

שאָלעם־אַליי‌כעם און זײַנע געסט האָבן מיט איין אויער געכאַפּט פון די פוסגייער, אַז אַרבעטער גרייטן זיך אַרויס אין די גאַסן מיט אַ פאָדערונג צו פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע, מיט לאָזונגען קעגן דער מילכאָמע, וואָס ליגט ווי אַ שווערע מאַסע אַף זייערע פּלייצעס. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז נעכטן האָט מען געפונען פלוגבלעטלעך פון אַ סטודענטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע מיט אַ רוף צו אַ דעמאָנסטראַציע.

פרוג מיטן ווײַב האָבן אָפּגעשטעלט דעם איינציק־אַנגעפּאַרענעם איזוואָזשטשיק, און זיי זײַנען אוועקגעפאָרן אהיים.

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך געלאָזט צום פּאָטשטאַמט שיקן אַ טעלעגראַם אהיים. דער טאָג איז געווען אַ פּראַסטיקער און אַ טרוקענער. דער קאַלטער ווינט האָט פאַרשלאָגן דעם אָטעם, נאָר שאָלעם־אַלייכעמען איז געווען ווארעם אין דער פּאַלטאָ, וואָס מ׳האָט אים נעכטן געבראַכט.

באַם פּאָטשטאַמט האָט שאָלעם־אַלייכעם באַמערקט, ווי פונדערווײַטנס רוקט זיך צום נעווסקי פּראָספּעקט אַ האַמוין. מ׳האָט שוין געקאָנט באַמערקן, אַז פּאַרויס שפּאַנען אַרבעטער און סטודענטן. איבער זייערע קעפּ פּלאַטערן פאָנען.

אויפן טראָטואַר האָט עמעצער אויסגעשריגן:

— אַנטלויפט! מע וועט שיסן!

שאָלעם־אַלייכעם איז שטיין געבליבן. קיינמאָל אין לעבן איז אים נישט אויסגעקומען צו זען אַ דעמאָנסטראַציע, ער האָט בלויז געלייענט וועגן דעם.

ווען דער האַמוין איז געווען שוין גאָר נאָענט, האָבן פון דער זײַט פון נעווסקי פּראָספּעקט זיך באַוויזן רײַטער. עס דערהערט זיך אַ פאַרייִעשטער אויסגעשריי: „קאַזאַקן!“ נאָר די דעמאָנסטראַנטן האָבן אַלץ געשפּאַנט פאָרויס.

באַ שאָלעם־אַלייכעמען איז פאַרציטערט געוואָרן דאָס האַרץ. ער האָט געזען, ווי איינס קעגן אַנדערן גייען צוויי קויכעס — רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער מיט סטודענטן און קאַזאַקן אויף פערד, צאַקענדיק מיט די קאַפּיטעס...

מיטאַמאָל איז אויף עטלעכע מינוט שטיל געוואָרן, ווי ערעוו אַ שטורעם. דערנאָך האָבן זיך דערהערט וואָרענענדיקע קולעס:

— שטיי! צוריק!

נאָר קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. געדאַכט האָט זיך, אַז צוויי מעכטיקע כוואַליעס וועלן זיך צונויפשטויסן און ס׳וועט פאַרקומען אַ מוירעדיקער אופרײַס.

ווידער איז אופגעשוומען איבערן האַמוין אַ שרעקלעכע וואָרעניש:

— צוריק!.. שטיי!..

אויך דאָס מאָל איז קיינער ניט שטיין געבליבן. די דעמאָנסטראַנטן האָבן אומגעוואַקלט זיך גערוקט פאָרויס, גלײַך זיי האָבן געוואָלט אומוואַלגערן די וואַנט פון קאַזאַקן אויף די פערד, וואָס איז פאַר זיי אויסגעוואַקסן.

די קאַזאַקן האָבן מיט ווילדן געשריי זיך אַרײַנגעריסן אין די דעמאָנסטראַנטן־רייען און, פאָכנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס מיט די נאַהײַקעס, געטריקעט די מענטשן. אַ מוירעדיקע פּאַניק האָט אויסגעבראָכן. דערשראָקענע און צעפאַלאַשעטע פערד האָבן זיך געטראָגן איבער מענטשלעכע קערפּערס, דאָס פײַפן פון די נאַהײַקעס האָט געהילכט אינדערלופטן.

מיטאַמאָל דערהערט שאָלעם־אַלייכעם עמעצנס אַ שטימע: „גיכער, אהערצו!“ עפּעס אַ באַקאַנטע שטימע. און איידער דער שרײַבער האָט זיך דערמאָנט, וועמעס שטימע איז דאָס, דעדרזעט ער יוזיע מאַפּטער און יעווואַ שטאָפּעלמאַן: זיי האָבן אונטער די הענט געפירט צו אַ טויער אַ פאַרווונדעטן וואַלענטין טראַפימאָוון, וואָס האָט קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. זײַנע געדיכטע אופגעקוטשעבורעטע האָר זײַנען נאַסע אַראָפּגעהאַנגען איבערן בלייכן שטערן, איבערן פּאָנעם איז גערונען בלוט.

דערזען דעם שרײַבער, האָט טראַפימאָוו קוים אַרויסגעבראַכט:

— וואָס טוט איר דאָ? אַנטלויפט... קאַזאַקן... מיר וועלן זיך שלאָגן, קעגנשטעלן...

ער נעמט אַרויס פון אַ זײַטיקער קעשענע אַ רעוואָלווער און גיט אים אָפּ מאַפּטערן.

יעווע האָט צעריסן אַ טיכעלע און איבערגעבונדן טראַפימאָוון די ווונד אָפן קאָפּ.

אין טויער איז אַרײַנגעלאָפן אַ יונגער אַרבעטער. לויפנדיק האָט ער אויסגערופן:

— מ׳האָט אַראָפּגעריסן די דעמאָנסטראַציע! — דערזען דעם פאַרווונדעטן סטודענט, האָט דער אַרבעטער מיט באַדויערונג געזאָגט: — עך, ברודערל, ווען אונדזערע פון וויבאָרגער זײַט וואָלטן באַצײַטנס אונטערגעקומען, וואָלטן די קאַזאַקן ניט געוואַגט... טויזנטער מענטשן קאָן מען ניט צעטרײַבן.

אינגיכן זײַנען די גאַסן פוסט געוואָרן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט געזוכט אַ פאַעטאָן אויף אוועקפירן דעם פאַרווונדעטן מיט זײַנע כאַווײרים, נאָר די שטאָט איז ווי אויסגעשטאָרבן. ניט בלויז קיין דראָזשקע איז ניט געווען, אפילו קיין איין פוסגייער האָט מען אין ערגעץ נישט געזען.

— גייט אוועק פונדאַנען, סאַלאָמאָן נאַומאָוויטש, און וואָס גיכער, — האָבן יוזיע און

יעווע גענומען אים אײַנריידן. — מירן אליין אוועקפירן וואַלעטינען צו אונדזערע פּרײַנט אַט דאָ ניט ווײַט. גייט געזונטערהייט...

אין וועסטיביול פון האָטעל האָט שאָלעם־אַלייכעם בא דער שײַן פון אַ קעראָסין־לאָמפּ דערזען, ווי דער יידיש־רוסישער שרײַבער זשעלעזנאָוו דרעמלט אין אַ פאָטעל.

— וואָס טוט איר דאָ? — כידעשט זיך שאָלעם־אַלייכעם.

— איך וואַרט אַף אײַך, — האָט זשעלעזנאָוו אַפּגיך זיך אופגעהויבן. — כ'האָב געקלונגען אין רעדאַקציע פון „דער פרײַנט", האָט מען מיר געזאָגט, אַז איינער אַ מיטאַרבעטער זייערער האָט געזען, ווי איר זענט אַרײַנגעפאַלן אין דער סאַמע געדיכטעניש פון דער דעמאָנסטראַציע. בין איך געקומען זיך דערוויסן, צי אַלץ איז בא אײַך בעשאָלעם.

— ווי איר זעט, איז אַלץ בעשאָלעם. אַ דאַנק פאַר אופמערקזאַמקײַט.

ביידע זײַנען אַרוף אין נומער. ערשט איצט האָט שאָלעם־אַלייכעם דערפילט, אַז ער איז מיד. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זשעלעזנאָוון: מיטן האַרצן איז עפּעס ניט גוט, ער מוז גלײַך זיך צולייגן. זשעלעזנאָוו איז געוואָרן אומרויק — עפּשער איז נייטיק הילף? אָבער שאָלעם־אַלייכעם האָט אים באַדאַנקט, ער קען זיך זייער גוט, ס'איז אַ געוויינלעכע דערשײַ־נונג: איבערגעערגערט זיך. ער וועט אַלץ בײַקומען. מאָרגן האָפט ער אוועקפאָרן אַהיים.

— איר פאַרשטייט, ליבער באָריס זשעלעזנאָוו, איך דאַרף טיף באַזיניקן אַלץ, וואָס איך האָב געזען און דורכגעלעבט, זיך באַרויִקן און דאַן נעמען זיך פאַר דער פען.

זשעלעזנאָוו האָט שווײַגנדיק געהערט, וואָס שאָלעם־אַלייכעם רעדט.

— און נאָך אַ זאַך: שוין קימאַט דרײַ כאָדאָשים, ווי כ'האָב זיך ניט באַגעגנט מיט מײַנע העלדן. מעגלעך, כ'האָב זיך נאָך זיי פאַרבענקט. באָריס איסאַקאָוויטש, מיט אײַך טרעפט ניט אַזוינס? איר בענקט ניט נאָך אײַערע העלדן?

זשעלעזנאָווס ענטפער האָט שאָלעם־אַלייכעם שוין ניט געהערט: האַלב־ליגנדיק אַפּן דיוואַן, איז ער אַ מידער אײַנגעשלאָפן.

...אַפּן וואָקזאַל זײַנען דעם שרײַבער געקומען באַגלייטן פרוג מיט דער פרוי, זשעלעזנאָוו און אַפילע גינזבורג — דער רעדאַקטאָר פון „פרײַנט". גראָד אים האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט געריכט זיך דאָ צו זען.

עטלעכע מינוט פאַר דעם, ווי דער צוג איז אָפּגעגאַנגען, זײַנען אַפּן פעראָן ווי אויס־געוואַקסן פון אונטער דער ערד סאַשע שטאַבסקי, כאַווע שטאָפּעלמאַן און יוזיע מאַפּטער.

— שיר ניט פאַרשפּעטיקט! — האָט אַ פאַרסאָפּעטע אויסגערופן כאַווע.

— וואָס מאַכט טראָפּימאָוו? — פרעגט שאָלעם־אַלייכעם.

— ניט שרעקלעך. אַ קליינע וווּנד פון אַ נאַהײַקע, — באַרויִקן אים די סטודענטן.

— ווי־אַזוי האָט איר זיך דערוווּסט, אַז איך פאָר הײַנט אַוועק?

— זייער פּאָשעט, — האָבן די סטודענטן זיך צעלאַכט. — מיר האָבן אָנגעקלונגען אין האָטעל.

— סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, — נעמט אָן יוזיע מאַפּטער דעם שרײַבער אונטערן אָרעם און פירט אים אָפּ אין אַ זײַט. — אויב איר וועט באַגעגענען מײַן פאָטער, בעט איך אײַך קיין וואָרט אים ניט זאָגן.

שאָלעם־אַלייכעם שאָקלט מיטן קאָפּ: ער פאַרשטייט גאַנץ גוט.

— מירן זיך נאָך טרעפן מיט אײַך אין פעטערבורג אָדער עפּשער אין קיִעוו. שרײַבט נאָך אַזעלכע דערציילונגען, ווי „פיניע און רייזיע"...

דער לאָקאָמאָטיוו פײַפט. מע דריקט זיך די הענט. מע ווינטשט דעם שרײַבער אַ גליקלעכן וועג.

שאָלעם־אַלייכעם קוקט אַרויס דורך די פאַרשוויצטע טאַפּליעס פון וואַגאָן און פאָכט מיט דער האַנט צו זײַנע באַגלייטער.

אַלץ אָפּטער קלאַפּן די רעדער. דער שרײַבער נעמט אַרויס דעם בלאָקנאָט און פאַרנאָ־טירט עפּעס.

שרײַבער פון פאַרשיידענע דוירעס

בא שאָלעם־אַלייכעמען אַפּן שרײַבטיש האָט באַנאַנד מיט מענדעלעס פאָטאָגראַפיע אויך זיך באַוויזן אַ פאָטאָגראַפיע פון מאַקסים גאָרקי, וואָס אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש האָט אים גע־שענקט.

איצטער, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט געאַרבעט איבער אַ נײַער זאַך, פלעגט ער זיך אַליין פרעגן: „וואָס וועט דערוף זאָגן גאָרקי?״ מענדעלע מויכער־ספֿאָרים איז פאַר שאָלעם־אַלייכעמען, ווי פריִער, פאַרבליבן אַ לערער און אַ פרײַנט. נאָר איצט האָט ער אָף זיך געפילט אויך די שליטע פון גאָרקיס ווירקונג.

ערשט ניט לאַנג האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגעהויבן שרײַבן אַ נײַע דערציילונג — דאָס איז נאָך אַ מין ענטפער גאָרקין אָף די פראַגן, וואָס זײַנען אָנגערירט געוואָרן בײַס זייערע שמועסן. צי דען האָט ער אין זײַן דערציילונג „האָדל״ פון דער סעריע נאָוועלן „טעוויע דער מילכיקער״ ניט באַוויזן די נײַע מענטשן אין דער קליינשטעטלדיקער ייִדישער סוויווע, וועלכע זײַנען גרייט אָף מעסירעסנעפעש פאַרן גליק פון די אונטערדריקטע און דערנידעריקטע? צי דען איז ניט אַזאַ פערטשיק — טעוויעס איידעם? און האָדל — טעוויעס טאָכטער, די שטאָלצע טאָכטער פון פאָלק, וואָס האָט זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר קיין שום שווערקײַטן און מאַטערנישן צוליב דער אידיי פון איר געליבטן? צי פאַרמאָגט נישט האָדל די זעלביקע העלדישע שטריכן, וואָס העסיע העלפמאַן, וועגן וועלכער ס׳האָט דערמאָנט גאָרקי?

דאָ גייט ניט דערין, וואָס ער, שאָלעם־אַלייכעם, וויל זיך פאַרענטפערן פאַר גאָרקין. אַלץ איז קאָמפּליצירטער. גאָרקי האָט אים געעפנט די אויגן אָף דעם, וואָס איצט קומט פאָר אין רוסלאַנד, בעסויכעם אויך אין זײַן לײַבלעכער קאַסרילעווקע.

אין דער דערציילונג, וואָס ער שרײַבט איצטער און וועלכע ער מיינט אָנרופן „יויסעף״, פירט ער אויך אַרויס מענטשן, וועלכע באַלײַכטן דאָס אַרומיקע לעבן מיטן פײַער פון זייער מעסירעסנעפעש. שאָלעם־אַלייכעם וויל באַווײַזן יויסעפן — דעם ערשטן רעוואָליוציאָנער אין זײַנע ווערק — אַלס אַ מענטשן מיט אַזאַ אײַדלמוטיק האַרץ, מיט אַזאַ דערהויבענער נעשאָמע, אַז די לייענער זאָלן אים ליב באַקומען און זיך גרויסן מיט אים.

...אָלגע מיכײַלאָוונע טראָגט צו דעם מאַן אַ גלאָז קאַווע און פרעגט שטיל:

— וועסט ווידער שפעט זיך פאַרזיצן?

— יאָ. איך ווייס ניט, — ענטפערט ער צעשטרייט.

שוין לאַנג האָט שאָלעם־אַלייכעם נישט געאַרבעט מיט אַזאַ כיישעק און מיט אַזאַ ברען. לויט דעם, ווי ער האָט געענטפערט, לויט זײַנע צעפּאַטלטע האָר, דערקענט אָלגע מיכײַלאָוונע, ווי ווײַט ס׳איז איצטער איר מאַן פון איר, פון אַלץ, וואָס אַרום טוט זיך. ער איז פאַרנומען מיט זײַנע העלדן אָף אַזויפיל, אַז ער האָט אַזש פאַרגעסן איבערבײַטן די ברילן די אָף יענע, וואָס ער טוט געוויינלעך אָן בייס דער אַרבעט, ער בײַסט אָן אופהער די נעגל — דאָס איז אויך אַ סימען פון העכסטער אָנשטרענגונג.

באַם שרײַבטיש איז שאָלעם־אַלייכעם אָפּגעזעסן ביז דער טיפער נאַכט. ריכטיקער געזאָגט — אָפּגעשטאַנען. ער פלעגט מערסטנטייל שטיין, כאָטש לעבן אים האָט זיך געפונען אַ ספּעציִעל צוגעפּאַסטער שטול אָף אַ שרויף, וואָס אַדאַנק אים האָט מען געקאָנט לײַכט אופהייבן און אַראָפּלאָזן דאָס זיץ־אָרט.

צוגעשפּאַרט זיך אָפן דיוואַן האָט דער שרײַבער ערשט, ווען ס׳האָט שוין גענומען טאָגן. אָלגע מיכײַלאָוונע האָט געזשאַלעוועט וועקן דעם מאַן, ער זאָל זיך אויסטאָן. זאָל ער שוין בעסער שלאָפן אין אָנטאָן, איידער אים אופוועקן און ער זאָל ווידער זיך זעצן צום טיש.

אינדערפרי האָט ער פאַרשפּאָרט אַרבעטן. אומגעריכט איז צו אים געקומען עפּעס אַן עלטערער מענטש אין אַ לאַנגער ווינטערדיקער פּאַלטאָ. מיטן רעכטן אויג — דאָס לינקע איז געווען אַ קאָסע — האָט ער אָן אופהער געקוקט אָף שאָלעם־אַלייכעמען. זײַן נאָז, די דינע ליפּן, דאָס מויל און דאָס גאַנצע פּאָנעם איז עפּעס זייער קענטלעך געווען. ווער איז דער מענטש?

— שאָלעם־אַלייכעם! — האָט דער מענטש דערלאַנגט די האַנט.

— אַלייכעם־שאָלעם, — ענטפערט דער שרײַבער. — הײַנט איז קאַלט אין דרויסן?

— זייער קאַלט.

שאָלעם־אַלייכעם פאַרבעט דעם גאַסט צו זיך אין קאַבינעט, לייגט אים פאָר זיך זעצן און פרעגט, פונוואַנען פאָרט ער עס.

— פון טאָמאַשפּאָל. איר דערקענט מיך נישט? — פרעגט ברויגעזלעך דער אַלטער.

שאָלעם־אַלייכעם ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווער דאָס איז, פירט ער דעריבער אַ דיפּלאָמאַטישן שמועס.

— וואָס טוט איר איצט אין טאָמאַשפּאָל?

— איך קום אָפּ גאָלעס נאָך דעם, ווי מ׳האָט מיך אַרויסגעטריבן פון קיִעוו.

— דערקענט, דערקענט! — דערפרייט זיך שאָלעם־אַלייכעם. — איר זענט יעהודע־לייב לעווין. יעהאַלעלו! בעפיירעש אַ שטאַרק אָנגעלייגטער גאַסט באַ מיר. וואָס מאַכט איר גוטס?

באם איבערבײַסן אין עס־צימער האָט מען ווייניק גערעדט, נאָר נאָכן אומקערן זיך אין קאַבינעט האָט ערשט צווישן דעם אלטן העברעיִשן דיכטער און דעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן שרײַבער זיך פארקניפּט א לעבעדיקער שמועס.

— צי געדענקט איר, יעהאלעל, ווי איר האָט מיר אמאָל געלייענט אײַערע פּאָעמעס?

— אוואדע געדענק איך. און נישט געלאָזט אײַך קיין וואָרט אויסריידן. וועט איר, מיסטאמע, הײַנט וועלן מיט מיר זיך צערעכענען — איר'ט לייענען, און שווײַגן — וועל איך. איך וואָלט טאַקע מיט פארגעניגן עפּעס אויסגעהערט, — זאָגט יעהאלעל.

— עפּשער האָט איר מיט זיך געבראַכט עפּעס נײַס? — אינטערעסירט זיך שאָלעם־אלייכעם.

— ניין. איך בין גאָר געקומען, נישט פאַר אײַך געדאַכט, צו א דאָקטער. וואָס איז שײַעך מײַן שרײַבן, בין איך איצטער נישט אין דער מאָדע. אָן אנדער זאַך — שאָלעם־אלייכעם.

— אויב איר ווילט שטאַרק, בין איך גרייט אײַך עפּעס פאָרלייענען, — און שאָלעם־אלייכעם נעמט גלײַך פונעם טיש עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר. ער איז טאַקע א באַלן אויסהערן א מיינונג פון אן אלטן שרײַבער וועגן זײַנער א דערציילונג.

דער אָנהייב פון דער דערציילונג האָט בעפּיירעש פאַרינטערעסירט יעהאלעלן. נאָר וואָס ווײַטער, ווען ס'איז פאַר אים אַלץ קלאָרער געוואָרן די אידיי פון דעם ווערק, האָט ער אַלץ אָפטער זיך געקנייטשט. שאָלעם־אלייכעם האָט פון צײַט צו צײַט געכאַפּט א קוק אױף זײַן צוהערער, נאָר ער האָט געלייענט ווײַטער.

„...איך האָב זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס זיי האָט אינטערעסירט, איך האָב גערעדט אַזוי, ווי זיי רעדן: „פּראָלעטאַריאַט, בעבעל, מאַרקס, רעאַגירן" אוקעדוימע אַזעלכע ווערטער האָבן זיך געגעבן א שאָט בא מיר, ווי פונעם אַרבל. און מערקווירדיק! וואָס מער איך האָב מיך צו זיי צוגעלאָנטשעט, אַלץ מער האָבן זיי זיך פון מיר דערווײַטערט. איך האָב באַמערקט, אַז די „יענקעלעך" ווערן שטיל, קוקן עפּעס מעשונע איינס אױף דאָס אַנדערע..."

ווען שאָלעם־אלייכעם איז איבערגעגאַנגען צום באַשרײַבן זײַן העלד — יויסעפן, זײַנען יעהאלעלס דינע ליפּן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אן עטוואָס באַמערקבאַר פּאַסיקל, ס'האָט זיך געפילט זײַן אופרעגונג, זײַן רוגזע.

„...צוגעשפּאַרט צו א בוים איז געשטאַנען א קליינס, א בלייכס, אן אויסגעדאַרטס, אן אויסגעטריקנטס, מיט א שמאָלן ברוסט־קאַסטן, בלאַסע אײַנגעפאַלענע בעקלעך, נאָר א שטערן א הויכער, א ווײַסער, א ברייטער, און אויגן א פּאָר גרויסע, ווי בא א קאַץ, נאָר ברענענדיקע. און א מויל — און סע רעדט! שטראָף מיך גאָט, אויב איך הייב אָן צו פאַרשטיין נאָך אַדרהײַעם, פונוואַנען האָט זיך עס גענומען אַזאַ קויעך בא דעם דאָזיקן נעפעש אױף צו רעדן אַזוי הויך און אַזוי גיך און אַזוי פיל און אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פײַער!.."

דאָ האָט שוין יעהאלעל נישט אויסגעהאַלטן און איבערגעשלאָגן דעם אווטאָר:

— האָט קיין פאַריבל ניט, שאָלעם־אלייכעם. צי מיינט איר טאַקע, אַז די דאָזיקע מענטשן, די רעוואָליוציאָנערן, איז דער ראַוו מיניען אוביניען פון אונדזער פאָלק?

— איך פאַרשטיי נישט אײַער פראַגע, — שטוינט שאָלעם־אלייכעם.

— פאַרשטייט איר מיך, — יעהאלעל זוכט אונטער ווערטער, ביכדיי קאָנען שטאַרקער אַרײַנזאָגן דעם אווטאָר, — איר פאַרנעמט זיך צופיל מיטן דאָזיקן פרעמדן עלעמענט אין אונדזער פאָלק.

— א פּרעמדער?

— בעפּייִרעש, — ווערט יעהאַלעל בייזער, — אַבסאָליוט א פּרעמדער, מיט וועלכן מע דאַרף זיך ניט רעכענען. דאָס איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדז, ייִדן... — די ליפּן זײַנען ווײַס געוואָרן, דאָס פּאָנעם — מעשונע.

— איבו רעדן וועגן כעזשבוינעס, לעבט איר שוין לאַנג אין טאָעס.

— וואָס מיינט איר דערמיט, רעב שאָלעם־אַלייכעם?

— באַלד וועל איך אײַך דערקלערן. פריִער האָט איר ביכלאַל אָפּגעלייקנט די ליטעראַ־טור אַף ייִדיש, די ליטעראַטור פאַר אַמכאָ, ווי איר פּלעגט זיך אויסדריקן. איצטער זענט איר נישט צופרידן דערמיט, וואָס איך האָב אין אונדזער קאַסרילעווקע אויסגעפונען פאַרגעשרי־טענע מענטשן.

יעהאַלעל הייבט זיך אויף פונעם אָרט, שלעפּט ארויס פון דער קעשענע א פּושקעלע מיט טאַבעק און ציט שמײַדיק ארײַן א שמעק טאַבעק אין ביידע נאָזלעכער:

— דאָס, וואָס איר באַשרײַבט פּראָסטע מענטשן — מענאַכעם־מענדלען, טעוויען — איז גאַנץ ווויל. נאָר דאָס, וואָס איר נעמט זיך שוין פאָרען מיט אַזעלכע פאַרשווינדלעך, פון וועל־כע מיר האָבן ווייניק נאַכעס און קאָוועד, דאָס טויג שוין אַף קאַפּאָרעס.

— הערט אויס, לעווין, — בייזערט זיך שאָלעם־אַלייכעם. ער נעמט אַראָפּ די ברילן און דרייט זיי אין די הענט. — דאַכט זיך, איר האָט אַמאָל איבערזעצט מאַרקסן?

יעהאַלעל איז רויט געוואָרן, גענומען ווידער שטופּן טאַבעק אין די נאָזלעכער און אַלץ נישט געקאָנט אַהין טרעפן.

— צוליב וואָס דערמאָנען זיך אין דעם, וואָס איז אַמאָל געווען?

— קעדיי צו דערמאָנען אײַך די ווערטער „פּראָלעטאַריאַט", „מאַרקס", אָט די ווער־טער, וואָס איר פאַרנעמט ניט.

— א מאָשל, נאַ דיר גאָר א מאָשל, — היצט זיך יעהאַלעל, — מאַלע, וואָס אַמאָל איז געווען! דאָס, וואָס אײַער העלד — יויסעף — איז מאַרקס׳ א כאָסיד, איז גראַדע דאָס דאַרפן מיר, ייִדן, נישט האָבן. און ביכלאַל, ווי קומט צו אײַך, שאָלעם־אַלייכעם, אַזאַ קוק אַפן לעבן? וואָסי, איר זענט שוין געוואָרן א סאָציִאַל־דעמאָקראַט?

— ניין. איך בין אָבער א שרײַבער, און מײַן כויוו איז צו דערציילן, וואָס עס קומט פאָר מיט מײַנע קאַסרילניקעס.

— יויסעף איז אויך פון די קאַסרילניקעס?

— ער שטייט פיל העכער פון א געוויינלעכן קאַסרילעווקער טוישעוו. יאָ, זאָלט איר טאַקע וויסן, אַז אַפילע אין קאַסרילעווקע זײַנען שוין אויסגעוואַקסן אַזעלכע מענטשן, וועלכע קאָנען שוין ווײַטער זען און בעסער הערן.

— אַפילע ווײַטער און בעסער פון אײַך? — פּרוווט יעהאַלעל אים א שטאָך טאָן.

— מעגלעך, ווײַטער און בעסער סײַ פון מיר, סײַ פון אײַך, — ענטפערט רויִק שאָלעם־אַלייכעם.

יעהאַלעל האָט געשוויגן. ער האָט פּאַשעט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן שאָלעם־אַלייכעמען.

— איך בין בײַ אײַך א גאַסט, איז מיר נישט צום הארצן זיך שפּאַרן מיט אײַך, — האָט ער דערנאָך א בורטשע געטאָן. — כוץ דעם, האָב איך פײַנט אַרײַנקריכן יענעם אין דער נעשאָמע.

שאָלעם־אַלייכעם האָט א פאַרקלערטער אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער, נאָר האַסטיק זיך אָפּגעשטעלט לעם יעהאַלעלן, געקוקט אים גלײַך אין די אויגן.

— איר האָט געמיינט מיך טרעפן דערמיט. איז זײַט וויסן, אַז פּונקט פאַרקערט: איך גרויס זיך דערמיט, וואָס כ׳האָב געהאַט די ערע זיך צו באַקענען מיט גאָרקין, רעדן מיט אַזאַ גרויסן דענקער.

יעהאַלעל האָט דערשראָקן א קוק געטאָן אַף אים און געשוויגן, נאָר באַלד גענומען ריידן, זעט אויס, צוגעגרייט נײַע רײַעס:

— צי ווייסט איר, איר, גאָרקיס כאָסיד, אַז איבו מע פאַרהאַלט ערגעץ אין א שול־געסל א מוירעד, א בונטאָוושטשיק, זײַנען די פּאָליצייסקיס גרייט צו שרײַען, אַז די ייִדן זײַנען, קלוימערשט, שולדיק אין אַלע צאָרעס און אומגליקן, און זיי נעמען אָנרייצן אַף אונדז אַלע בייזע הינט?

מער האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט געוואָלט פאָרזעצן דעם וויקועך. ער האָט בלויז א קוק געטאָן אַף יעהאַלעלן מיט ביטל, ווי איינער רעדט: וואָס פאַרשטייט איר אין אַזעלכע וויכטיקע זאַכן?

נאָך דעם, ווי שאָלעם־אַלייכעם האָט אַרויסבאַגלייט דעם אומגעריכטן גאַסט, איז ער אַרויס אין גאַס אַ ביסל זיך אָפּפרישן נאָכן שמועס מיטן אַלטן אָפּגעלעבטן שרײַבער.

ער איז אַוועק אַפן ביביקאָוואַר בולוואַר — דאָס באַליבטע אָרט פאַר זײַנע שפּאַצירן. אַ קאַלט מאַרציאָווע ווינטל האָט געבויגן די נאַקעטע צווײַגן פון די קאַשטאַנאַס און טאָפּאָלן, אַרײַנגעקראָכן אין די ביינער אונטערן אָנטאָן, נאָר דאָך אָפּגעפרישט און געמונטערט... דער שרײַבער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און באַטראַכט די מענטשן, וואָס גייען אָפּ און אויף.

אָט שפּאַנט אַ מענטש רויִק און געמאָסטן איבערן בולוואַר צוזאַמען מיט זײַן זינדל — אַ גימנאַזיסט. ווער איז ער, אָט דער מענטש? אַ טשינאָווניק? אַ מעשאַרעס אין אַ קלייט? אַ קליינהענדלער? אַן אַנגעשטעלטער? לויטן אויסערלעכן אויסזען איז שווער פעסטצושטעלן, ווער דער מענטש איז. וואָס זשע ביסטו, נאָך אַלעמען, פאַר אַ שרײַבער?.. קומט אויס, — טראַכט שאָלעם־אַלייכעם, — אַז באַ מיר איז אַ באַגרענעצטע לעבנס־דערפאַרונג, אַן אָרעמע פאַנטאַזיע, אויב ווײַטער פון דער שמאָלער קליינשטעטלדיקער סוויווע פירט זי נישט. און די ייִדן אין רוסלאַנד ווילנען דאָך ניט איזאָלירט פון אַנדערע פעלקער, זיי זײַנען דאָך אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט די אַנדערע פעלקער, האָבן אַלגעמיינע אינטערעסן. דאָס אַלץ דאַרף מען גוט דערלערנען און שילדערן אין די ווערק, אַרויספירן די העלדן אויף די ראַכ־ וועסן פונעם לעבן.

אין וואַגאָן פון דריטן קלאַס

דער ברייטער לייענער־אוילעם האָט וועגן שאָלעם־אַלייכעמען געהאַט אַ מיינונג, ווי וועגן אַ גרויסן לעץ, אַ וויצלער, וועלכער האָט ליב אויסצולאַכן מענטשן. שווער זיך פאָר־ שטעלן אים אָן אומעטיקן אָדער מיט אַ פאַרזאָרגטן פּאָנעם. אין יענער צײַט זײַנען אין די ייִדישע הײַזער נישט געהאַנגען קיין פּאָרטרעטן אָדער פּאָטאָ־קאַרטלעך פון שרײַבער. אָן אַנדער זאַך איז פּאָרטרעטן פון באַוווּסטע מענאַדווים — פון באַראָן הירש, פון מוישע מאָנ־ טעפיאָרע. מע פלעגט בלויז קויפן באַם ביכער־הענדלער שאָלעם־אַלייכעמס אַ קליינע בראָ־ שורקע און פאַרלייענען דעם גאַנצן געזינדל יעדן אָוונט נאָך דער וועטשערע. אויף מאָרגן האָט מען זי איבערגעגעבן די שכיינים, און אויך דאָרטן האָבן פון קליין ביז גרויס מיט האַנאָע געלייענט די פריילעכע הומאָריסטישע מײַסעס.

אין אַ שטיקל צײַט אַרום קומט צו גיין דער מויכער־ספּאָרימניק און ברענגט אַ נײַ ביכל. אַז מענטשן דערהערן דעם נאָמען שאָלעם־אַלייכעם, קויפט מען גערן.

— ווידער האָט יענער לעץ פאַרפאַסט עפּעס אַ פריילעכע געשיכטע?

און ווידער זיצט מען אין די אָפּדערנאַכטן, עמעצער לייענט פאָר אין דער הייך און מע לאַכט ביז טרערן. דער קלינגענדיקער אומגעווײנלעכער נאָמען פונעם אַווטאָר — שאָלעם־ אַלייכעם — פאַרקאַרבט זיך אין זיקאָרן. אָפט האָט מען געקאָנט הערן: „פּונקט, ווי באַ שאָלעם־אַלייכעמען", „דאָס איז אַ מײַסע פאַר שאָלעם־אַלייכעמען", „מע דאַרף צו אײַך האָבן שאָלעם־אַלייכעמען, וועט ער אײַך באַשרײַבן"...

עס טרעפט אַמאָל, אַז אַזוי זאָגט אַזעלכער, וואָס האָט אַליין קיינמאָל נישט געלייענט שאָלעם־אַלייכעמען, בלויז געהערט פון אַנדערע וועגן זײַנע דערציילונגען. און אָפטמאָל קאָ־ טשעט מען זיך פון געלעכטער, ווי נאָר מע דערמאָנט דעם נאָמען פונעם שרײַבער.

איינמאָל איז דעם שרײַבער אויסגעקומען צו פאָרן אין אַ וואַגאָן פון דריטן קלאַס פון קיִעוו קיין אָדעס. דער וואַגאָן איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט פּאַסאַזשירן — ווער עס איז געזעסן אויף אַ באַנק, און ווער עס איז געלעגן אונטער איר — אָן בילעטן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט שוויַגנדיק פון זײַן ווינקל באַטראַכט זײַנע שכיינים אין וואַגאָן, נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג זייערער. איטלעכן פון זיי וואָלט ער בעלי שום ספק גלײַך געקאָנט באַשרײַבן אַפילע מיט פאַרמאַכטע אויגן.

אויף דער סטאַנציע זשמערינקע איז אין וואַגאָן אַרײַנגעקומען אַ פּאַרשוין, וואָס אַזאַ רופט מען אָן אין יענע קאַנטן „אַ קאַרדופל" — מיט קורצע הענט און פיס, מיט אַ גרויסן בויך, אַ רויט פּאָנעם און קליינע לאַכנדיקע אייגעלעך.

ווי נאָר דער פּעמפּיק האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער גלײַך זיך גענומען צו דער אַכילע. געגעסן לאַנג, ניט ווייניקער פון אַ האַלבער שאָ. פאַר דער צײַט האָט ער פאַרזוכט פון אַלץ, וואָס מע קאָן מיטנעמען אין וועג אַרײַן. די פּאַסאַזשירן האָבן געקוקט אויפן פרעסער און ביסלעכווײַז גענומען אָפּלעצוועגן פון אים, סאַפּקאָלסאָף נישט אויסגעהאַלטן און שטאַרק זיך צעלאַכט. וואָס שטאַרקער זיי האָבן געלאַכט, אַלץ מיט מערער כיישעק האָט דער

פעמפיק געקײַט און געפּאַקעוועט דאָס עסנוואַרג אין בויך אַרײַן. ער האָט זיך געטאָן זײַנס, גלײַך ניט אים מיינט מען און ניט פון אים לאַכט מען.

פּלוצעם דערהערט זיך אַ קאָל פון אונטער אַ באַנק:

— אהער וואָלט מען באַדאַרפט האָבן שאָלעם־אַלייכעמען!

דער שרײַבער האָט, נאַטירלעך, האַנאָע געהאַט פון הערן אַזוינס. נאָר ער איז אַלץ געזעסן אַ פאַרטרוימטער, און מיט די געדאַנקען איז ער געווען ווײַט פון דעם אַלץ, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען.

ער האָט נאָך טיפער זיך פאַרוקט אין ווינקל. ער האָט נישט געהאַט קיין כיישעק אַרײַנצומישן זיך. איצט האָבן אים אַפילע אופגערעגט די פּאַסאַזשירן — פערסאָנאַזשן פון זײַנע ביכער, מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אַזוי פיל שלאָפלאָזע נעכט און אויסמאַטערנ־דיקע טעג, זײַן גאַנץ באַוואָסטזיניק לעבן, פון זינט ער איז אַ שרײַבער געוואָרן. ער וואָלט אַ באַלן געוואָלט, זײַנע העלדן זאָלן זײַן גאָר אַנדערע — אַנדערש אָנגעטאָן, מיט אַנדערע האַסאָגעס און אינטערעסן.

האָט זיך גראָד געדאַרפט מאַכן, אַז דער פעמפיק האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן אָרט און גענומען זיך דערנעענטערן צו שאָלעם־אַליכעמען.

— פון וואָס זענט איר עס אַזוי דערשלאָגן? — זאָגט ער ווילינגעריש. — באַ אײַך איז נאָך שיווע צי וואָס? אַלע אַרום אײַך לאַכן, און איר זיצט, גלײַך אַ שיף מיט זויערמילך וואָלט באַ אײַך אונטערגעגאַנגען, און ווילט גאָר ניט אונטערהאַלטן די קאָמפּאַניע. איר ווילט אַפילע אָף מיר ניט אַ קוק טאָן. אין אָט די קאַנטן קען מיך איטלעכער, באַ וועמען ס׳זײַנען נאָר אָפן די אויגן — איך בין אַן אַגענט פון דער קאָמפּאַניע „זינגער”. איר האָט געזען, ווי איך אַכל, ווי איך פּוץ אַרײַן אין מאָגן? פונקט אַזוי גוט קאָן איך אײַנרעדן מענטשן, מע זאָל קויפן זינגערס ניי־מאַשינעס אָף אויסצאָלן. איר גלייבט מיר נישט?

דער פעמפיק האָט בעפּיירעש ציקאַוועט דעם שרײַבער. וויפל ענערגיע און לעבנסלוסט ער פאַרמאָגט!

אַרום זיי האָבן זיך שוין צונויפגענומען אויך אַנדערע פּאַסאַזשירן.

— ווער זענט איר עס — אַ מענטש אין אַ שליאַפּע און אין ברילן, — אַ פילאָסאָף צי אַ צאַדיק? וואָס האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט און ווילט אַפילע נישט אַ קוק טאָן אָף אײַערע ברידער? — איז דער פעמפיק אַלץ ניט אָפּגעטראָטן פון שאָלעם־אַלייכעמען. צו אײַך רעדט אָסקאַר סאַמוילאָוויטש טערקעלטויב — דער ערשטער אַגענט פון זינגערס קאָנטאָר אין גאַנץ רוסלאַנד.

טערקעלטויב האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם סאַקוואַיאַזש אַ צעפּאַטלט און פאַרשמאָלצע־וועט ביכל.

— אָט לייענט אומיסטן אין דער הייך, — זאָגט ער און פּאַכט מיטן ביכל פאַר שאָלעם־אַייכעמס אויגן, — לייענט, אויב איר קענט ייִדיש, מאַמע־לאָשן. איך אַליין בין נישט אַזוי שטאַרק אין דער איווריע. דער טאַטע מײַנער האָט מיך, עמעס, געצוואונגען גיין אין כיידער, און וויפל קאַנטשיקעס איך האָב אַרײַנגעכאַפּט, זאָלן אַזויפיל פּרישטשעס זיך זעצן מײַן געוועזענעם מעלאַמעד אָפן צונג. און איצטער האָב איך, אַדאַנק שאָלעם־אַלייכעמען, אָט דעם מעכאַשעף פון גלעכטער, זיך אויסגעלערנט אַ ביסל לייענען ייִדיש. וואָס זענט איר נאָך אַלץ אַזוי זויער? איר זענט מאַסקים מיט מיר, צי ניט? אײַך געפעלן נישט די דאָזיקע מײַסע־ביכלעך? נישקאָשע, איר וועט אַדורכלייענען איין מײַסע, וועט איר זוכן אַ צווייטע, פּונקט ווי איך, אָסקאַר סאַמוילאָוויטש טערקעלטויב. קומט אהער, מענטשן, און זעצט זיך צו נענ־טער. ווער פון אײַך קען לייענען? איווריע ווער קען? דאַוונען! דאָס איז אַ סאַך פּראָסטער. וואָרט, איכל אַליין לייענען, און איר וועט הערן. איר וועט אַליין האַנאָע האָבן און נאָך האָבן אַ מיצווע דערצו — איר וועט דערמונטערן אָט דעם זויערן פּאַרשוין מיט די לאַנגע האָר.

ווי נאָר טערקעלטויב האָט גענומען לייענען, האָט דער לאַנגהאָריקער זיך צערעדט. שאָלעם־אַליכעם האָט אונטערגעזאָגט דעם פעמפיק פּריזער אײַנצלנע ווערטער, דערנאָך גאַנצע פראַזעס. אַ ביסעלע שפּעטער האָט דער סומנע פּאַסאַזשיר, וואָס איז שווײַגנדיק געזעסן אין אַ זײַט, גענומען באַם אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינעס דאָס ביכל פון די הענט און אָף אויסווייניק אַזוי קונציק פאָרגעלייענט די באַשריבענע מײַסע, אַז אַלע האָבן געהאַלטן זיך באַ די זײַטן און געקײַכעט פון געלעכטער.

טערקעלטויב האָט ברייט צעעפנט זײַנע קליינע אייגעלעך און אויסגעשריגן:

— אוי, מיר דאַכט, ס׳איז דער מעכאַבער אַליין! זײַט אַזוי גוט, רעב ייִד, צי זענט איר נישט שאָלעם־אַליכעם אַליין? — און ניט דערוואַרט זיך אָף אַן ענטפער, האָט אָסקאַר טער־קעלטויב פאַרגעזעצט: — און איך, בעהיימע, האָב געמיינט, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז שוין

לאנג אף דער וועלט נישטאָ. לאָזט זיך אויס, אַז ניט נאָר וואָס ער לעבט, ער פֿאַרט אַפילע מיט אונדז אין איין וואַגאָן!

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט בא א סטאַנציע. שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין, דער פּעמפּיק און די אַנדערע פּאַסאַזשירן זײַנען אַרויס נאָך אים אין טאַמבור.

ווען דער שרײַבער איז שוין געשטאַנען אַף דער פּלאַטפאָרמע, האָבן זיי נאָך אַלץ געטײַנעט איינער צום צווייטן:

— הערט א געשיכטע, אַזאַ באַגעגעניש...

— אַזוינס טרעפט איין מאָל אין לעבן!

טעוויעס פּאַרדראָס

שאָלעם־אַלייכעם איז געזעסן לעבן א טײַכל אונטער קיִעוו און נאָכגעשפּירט די בינען, וואָס פליִען פֿון בלום צו בלום.

— וואָס מאַכט איר עפּעס, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם? — דערהערט זיך פּלוצעם א שטימע. — איר פּליט, ווײַזט אויס, אין די הימלען.

— א, רעב טעוויע! — דערקענט שאָלעם־אַלייכעם זײַן אַלטן באַקענטן, וואָס איז אַראָפּ פֿונעם וועגעלע און געבליבן שטיין לעבן פֿערדל. — אין די הימלען, זאָגט איר? ניין, איך שפּאַן איבער דער שוואַרצער ערד.

— ווען וואָס, אַשטייגער, האָט איר זיך פֿאַרקלערט?

— לאַנג צו דערקלערן... וואָס איז בא אײַך אונטערן אַריג? — פֿרעגט שאָלעם־אַלייכעם, ווען ער באַמערקט אַף טעוויעס באַק א רויטלעכע געשווילעכץ.

— א בין האָט מיך א ביס געטאָן.

— א בין?!

— א געוויינלעך בינעלע, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, אָט די באַשעפעניש, וואָס ברענגט אַזויפֿיל נוצן, און אָט האָסטו דיר! זי בײַסט אַזוי מעסוקן. ניט אומזיסט טײַנען אונדזערע כאַכאָמים: לוי מעדוואשאַך וועלוי מעוקצאַך — איך וויל נישט דײַן האָניק און וויל נישט דײַן ביס.

טעוויע האָט ווי איבערגעלייענט דעם שרײַבערס געדאַנקען, וועלכער האָט אויך גראָד געקלערט וועגן דער בין — דער האַרעפּאַשניצע, וועגן דעם זיסן האָניק, וואָס זי גיט.

— וואָס האָט איר געזאָגט, רעב טעוויע? — האָט, א צעשטרייטער, איבערגעפֿרעגט שאָ־לעם־אַלייכעם.

— איך זאָג, ווער עס פֿאַרמאָגט געלט, דער גייט אין טעאַטער, און ווער ניט — דער בלײַבט אין דרויסן, — האָט טעוויע כיטרע געשמייכלט.

— אין טעאַטער, זאָגט איר? — פֿרעגט ווידער איבער שאָלעם־אַלייכעם, נאָך אַלץ נישט באַגרײַפֿנדיק דעם מילכיקערס ווערטער.

— איך האָב אָט וואָס געוואָלט זאָגן, — רעדט ווײַטער טעוויע, — ווער עס האָט פּימפּערס, איך מיין — מעזומאָנים, דער קויפֿט בא מיר מילכיקס, אָן געלט עסט מען נישט קיין מילכיקס...

— אַלץ געלט און געלט, רעב טעוויע?

— ס'איז אַזוי, און ניט אַזוי, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, — זיפֿצט טעוויע. — געלט איז טאַקע די וועלט, נאָר דעריקער דאַרף מען זײַן א מענטש. אָט וועל איך אײַך דערציילן איינע א געשיכטע. כ'ווייס דאָך זייער גוט, אַז איר האָט ליב פֿאַרשיידענע מײַסעס. הערט זשע מיך אויס: אַף מײַן פֿערדל פֿיר איך אין איינער א שטוב פּוטער, מילך, סמעטענע, קעז און שעאַר־יעראַקעס. און וויפֿל איך זאָל נישט ברענגען אַהין, איז אַלץ ווייניק — מע דאַרף נאָך און נאָך! ניט איין מאָל קלער איך מיר: ווּהין טוען זיי אַהין אַזויפֿיל מילכיקס? מע וואָלט גע־קאָנט מיינען, אַז זייער מישפּאָכע באַשטייט כאַטשבי פֿון פֿופֿצן פּאַרשוין. דערוויס איך זיך אָבער, אַז אין דעם הויז וווינען בלויז דרײַ מענטשן: דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע און א דינסט. איז עפּשער, האָב איך געקלערט, נעמען זיי מילכיקס פֿאַר אָרעמעלײַט, פֿאַר יעסוימים, פֿאַר אָרעמע קרויווים? ניין. לאָזט זיך אויס, אַז נאָר פֿאַר זיך. מאַכטייסע, זייער אייסעק. עס טרעפֿט דאָך אַמאָל: ווער סע עסט, און ווער סע פּרעסט... אָבער צאָלן באַדאַרף מען מיר? מאָלט אײַך אויס, אַז זיי נויטיגן נישט. מע לייגט אָפּ פֿון מאָנטיק אַף דינסטיק, פֿון דינסטיק אַף מיטוואָך... און דערנאָך — אַלץ פֿון אָנהייב. איז אָט, ווען עס דערגייט שוין, ווי מע זאָגט: באָו מאַיִם אַד נעפֿעש, פּרווו איך צוערשט געבן זיי אָנצוהערעניש, דערנאָך שרײַ איך — אַד מאָסײַ? ביזוואַנען וועל איך וואַרטן אַף מײַנע קאָשער פּאַרדינטע עטלעכע

קערבלעך? גייט דעמלט ארויס די דינסט, און מיט די פארשנורעוועטע ליפּעלעך גיט זי מיר איבער א גרוס פון אירע באלעבאטים. „זיי זאָגן, — מאכט זי צו מיר, די דינסט, — אז איר וואָלט געמעגט נאָך צוצאָלן, וואָס מע נעמט בא אײַך מילכיקס“. איר הערט? ווי געפעלט עס אײַך? דאָ בין איך שוין ארויס פון די קײלים און פאָדער פון דער דינסט, זי זאָל מיך ארײַנלאָזן צו אירע באלעבאטים. איך וויל אליין זיך דורכטײַנען מיט די קיִעווער נעגידים! איך וויל מיט מײַנע אייגענע אויערן הערן אזוינס פון זייער מויל! ענטפערט זי מיר: „אפילע, אז איך וועל אײַנגיין דערוף און אײַך ארײַנלאָזן, וועט איר אליין נישט וועלן אהין ארײַנגיין“. — פארוואָס מיינט איר אזוי? — בין איך א באלן צו וויסן. „ווײַל בא זיי אין שטוב איז פאראן אזא גרויסער הונט, אז איך אליין האָב פאר אים מוירע מעסוקן נעפעש, — ענטפערט די דינסט. — דאָס נעמען מיר אזויפיל מילכיקס טאקע פאר אָט דעם הונט“. איר הערט, פאני שאָלעם־אלייכעם? — רעדט טעוויע מיט פארדראָס און ווייטעק. — פאר דעם קעלעוו שעביקלאָווים פיר איך אין אָט דער שטוב מײַן פראצע, מײַן האָרעוואניע, מײַן בלוט, און די דאָזיקע מענטשן — ס'איז דען מענטשן? — ווילן מיר נאָך נישט באצאָלן...

טעוויע איז אנשוויגן געוואָרן און אָנגערוקט זײַן היטל טיפער אפן קאָפּ. ער האָט פארזשמורעט דאָס לינקע אויג, א קוק געטאָן אפן הימל און שטיל, ניט געהיצט זיך, געזאָגט:

— ווידער פארעט. ס'וועט גיין א רעגן.

ער הייבט אוף די בײַטש, ווי דאָס טוט א פּישער מיט זײַן וועגטקע, איידער ער פארוואַרפט זי אין וואסער, טוט א סמאָטשקע מיט די ליפּן, און דאָס פערדל שפּאנט ווײַטער.

— שטייט, רעב טעוויע! — שרײַט אויס מיט קאס שאָלעם־אלייכעם. — איך בעט אײַך זייער, פירט מיך צו אָט דעם אויסוווּרף, — ערגערנדיק זיך, כאפּט אָן דער שרײַבער טעוויען בא דער האנט, — מירן זיי באווײַזן, די דאָזיקע הינט מיט אויערן. קומט, רעב טעוויע, קריכט אראָפּ פונעם וואָגן. וואָס קוקט איר אזוי אף מיר? איך בעט אײַך זייער, פירט מיך צו זיי. מירן מיט זיי א טײַנע טאָן, זיי זאָלן אונדז האָבן צו געדענקען.

— בארוּיִקט זיך, פאני שאָלעם־אלייכעם. אזוי איז געוועזן און אזוי וועט זײַן.

— אזוי דארף ניט זײַן! א מענטש דארף זײַן א מענטש.

לעקאָוועד דער קאָנסטיטוציע

דעם זיבעצנטן אָקטיאבער טויזנט נײַן הונדערט פינפטן יאָר האָט ניקאָלײַ דער צווייטער ארויסגעגעבן א מאניפעסט, וואָס גיט אלערליי „פרײַהײַטן“. דאָס איז דער זעלביקער מאניפעסט, וועגן וועלכן דאָס פאָלק האָט געשאפן דאָס באקאנטע לידעלע:

צאר איספוגאלסיא —
איזדאל מאניפעסט:
מיאָרטווים סוואָבאָדו,
זשיווּיך פאָד ארעסט![1]

די ערשטע טעג נאָכן פארעפנטלעכן דעם מאניפעסט האָט שאָלעם־אלייכעם, ווי פיל אנדערע, נאַיִוו געגלייבט אין אים און שטארק זיך געפרייט.

— געהערט? — האָט ער אלע באקאנטע אָנגעזאָגט די ליבע בסורע. — וואָס, איר ווייסט נאָך נישט? איצטער וועט זיך אָנהייבן גאָר אן אנדער לעבן! פאר אלעמען איז גוט די קאָנסטיטוציע, דערין אויך פאר אונדז...

ווען דער מיליטערישער פּאָדריאטשיק איליא יאָשפּע האָט אף דער גאס באגעגנט דעם שרײַבער מיט א לויכטנדיקן פּאָנעם, האָט ער איראָניש א זאָג געטאָן:

— איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אז איר זענט ניט נאָר א פארפאסער, נאָר אויך א סאָציִאליסט.

— ס'איז גאָר ניט קיין כּיִעוו צו זײַן א סאָציִאליסט, קעדיי צו פארשטיין דאָס נײַע ווינטל אין לאנד, — האָט שאָלעם־אלייכעם פון אים זיך אָפּגעקערעוועט.

דער שרײַבער האָט געײַלט אהיים. אין אָט די שאָען האָט ער געוואָלט זײַן צוזאמען מיט זײַן מישפּאָכע.

---

[1] דער צאר האָט זיך דערשראָקן,
ארויסגעגעבן א מאניפעסט —
פרײַהײַט פאר די טויטע,
די לעבעדיקע אין טפּיסע.

עמע — איינע פון שאָלעם-אַלייכעמס טעכטער — איז געקומען פון גימנאַזיע און דער־ציילט, אַז פּיכנאָס טאָכטער, וועלכע לערנט זיך מיט עמען אין איין קלאַס, זאָגט, אַז אומזיסט, קלוימערשט, פרייען זיך די סאָציאַליסטן און די ייִדן... ס'איז ניט אַף לאַנג.

— און ווער איז אַזוינס פּיכנאָ? — האָט געפרעגט מאַרוסיע, דעם שרײַבערס קלענערע טאָכטער, אַ מיידל מיט גרויסע, פאַרטרוימטע אויגן.

גיי פּרוּוו דערקלערן דעם מיידל, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער רעדאַקטאָר פון דער שוואַרצמייעדיקער מאָנאַרכיסטישער צײַטונג „קיִעוולאַנין"!

אַז שאָלעם-אַלייכעם איז אַרויס אַף די קיִעווער גאַסן, וואָס זײַנען געווען פאַרפלייצט מיט אַ יובלדיקן האַמוין, האָט ער דערזען, ווי פון ביביקאָווער בולוואַר זײַנען אַרויסגעפאָרן קאָ־זאַקן מיט פּיקעס. פּײַערלעך, מיט כשיוועס זײַנען זיי געזעסן אַף די פערד. פון אונטער די רויטע אָקאָלישקעס פון זייערע היטלען האָבן זיך אַרויסגעשטעקט ווויליונגערישע טשובן.

דערזען די קאַזאַקן, האָבן אייניקע פון די פאַרבײַגייער גענומען אָפּציִען אין די זײַטיקע געסלעך. דאָך האָט זיך געפונען איינער אַ דרייסטער, וואָס האָט אויסגעשריגן:

— שאַפט נישט קיין פּאַניק! איצטער איז בײַ אונדז קאָנסטיטוציע, זיי וועלן קיינעם ניט טשעפּען.

און ווירקלעך, הײַנט זײַנען די קאַזאַקן געווען גאַנץ פרידלעך געשטימט. בלויז דער געקלאַנג פון די פערדישע טלאָען האָט געהילכט איבערן ברוק.

אַ טאָג איז געשטאַנען אַ זעלטענער. ניט געײַלט האָט שאָלעם-אַלייכעם געשפּאַנט מיטן גוט באַקאַנטן וועג צום פּאָטשטאַמט. ער איז אומיסטן געגאַנגען פּאַמעלעך, קעדיי גוט זיך אײַנקוקן אין דער אומגעווייןלעכער אופגעלעבטקײַט פון די קיִעווער אײַנוווינער.

בײַ איינעם אַ ראָג האָט שאָלעם-אַלייכעם פּאָנעם-לעפּאָנעם זיך באַגעגנט מיט גאַראָ־וואָיען.

— פּאַוולאָ! איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך זע אײַך הײַנט! פּונעם גאַנצן האַרצן באַגריס איך אײַך! — האָט פריידיק אויסגערופן שאָלעם-אַלייכעם.

גאַראָוואָי האָט איראָניש זיך צעשמייכלט.

— טײַערער מײַנער, עפּעס פרייט איר זיך ווייניק! — זאָגט שאָלעם-אַלייכעם שוין מיט אַן אַנדער טאָן. — וואָס איז די מײַסע?

— וואָס איז די גדולע, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש? — ענטפערט גאַראָוואָי. זײַן פּאָנעם איז געווען פאַרזאָרגט.

— וואָס מיינט איר? רעדט קלאָרער.

— איך באַדויער זייער, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, — זאָגט גאַראָוואָי, — וואָס איר באַטראַכט ערנסט די דאָזיקע געשעעניש. די אַרבעטער פאַרשטייען, אַז די „קוצע" קאָנסטיטוציע וועט דעם פאָלק גאָרנישט ניט געבן. מיר מיטן קייסער זײַנען נישט קיין מעכוטאָנים.

— אָ, פּאַוולאָ, איר רעדט ווי אַן עמעסער אַגיטאַטאָר! — צעשמייכלט זיך שאָלעם-אַלייכעם.

— גאַנץ מעגלעך, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש. די צײַט גייט דאָך! וויפל יאָר קענט איר מיך שוין! אַן ערעך מער פון צוואַנציק. מײַן אָקסאַנאָטשקע האָט דאָך שוין כאַסענע געהאַט, און איר מיינט נאָך אַלץ, אַז איך בין דער זעלבער פּאַרובאָק, וועלכן איר האָט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט.

— וואָס רעדט איר, פּאַוולאָ! גלייבט מיר, אַז איך גרויס זיך דערמיט, וואָס איר זענט אַזוי אויסגעוואַקסן. אָבער צי זענט איר זיך נישט טויע באַם אָפּשאַצן די איצטיקע געשעענישן?

— ניין, איך האָב קיין טאָעס נישט, — ענטפערט פּעסט גאַראָוואָי.

איבער דער גאַס זײַנען ווידער דורכגעפאָרן קאַזאַקן. אַף די ראָגן איז, ווי שטענדיק, געשטאַנען אַ פּאָליציי־וואַך.

— איר זעט, — גאַראָוואָי האָט אָנגעוויזן אַף די קאַזאַקן, — אַפילע הײַנט באַגייט מען זיך נישט אָן זיי. די זעלבסטהערשונג פאַרטרויט אונדז נישט די קאָנסטיטוציע אָן אָט דער וואַך. איר האָט פאַרשטאַנען, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש? אַנטשולדיקט מיר — איך אײַל זיך זייער. פאַרנומען איבערן קאָפּ. וואָס מאַכט אַלגע מיכײַלאָוונע, די קינדער? גיט זיי אַלעמען איבער אַ גרוס! — האָט גאַראָוואָי זיך אָפּגעזעגנט.

אַף צוריקוועגס פונעם פּאָטשטאַמט האָט שאָלעם-אַלייכעם דערזען, ווי צוויי פּאָלי־צייסקיס האָבן געפירט אונטער די הענט עפּעס איינעם אַ יונג, זעט אויס אַ געזעל. בײַ אַן אַנדערהאַלבן צענדליק פאַרבײַגייער זײַנען נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געפּאָדערט, מע זאָל באַפרײַען דעם באָכער.

— צעגייט זיך! — האָבן געשריגן די פּאָליצייסקיס. — ער ווייסט גאַנץ גוט, פאַר וואָס מיר האָבן אים...

— פאַרוואָס? אויסוווּרפן! — האָט מען פון אַלע זײַטן געשריגן.

— ער האָט געלעסטערט דעם נאָמען פון אונדזער צאַר־באַטיושקע! צעגייט זיך! — דעם אַרעסטירטן האָבן די פּאָליצייסקיס אַוועקגעפירט.

„ווען גאָרקי זאָל דאָס זען! — האָט שאָלעם־אַליכעם אַ קלער געטאָן. — נאָר צי דען ווייסט ער נישט וועגן אונדזער פינצטערער ווירקלעכקײַט! און די טליעס פאַר רעוואָלוציאָנערן? און דער פּאָגראָם אין קעשענעוו?..״

פּאַוולאָ גראַבאָוויס ווערטער האָבן געצוווּנגען שאָלעם־אַליכעמען טיף צו פאַרקלערן זיך איבער דעם, וואָס עס קומט פאָר. אין די מינוטן האָט דער שרײַבער זיך דערמאָנט די שורעס פון זײַן ליד „שלאָף, אַלעקסע״, וואָס איז דערנאָך באַרימט געוואָרן.

אויפן אַנדערן טאָג איז שאָלעם־אַליכעם נאָך פון אינדערפרי אָן געזעסן אין קאַבינעט און ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן פון דעם שרײַבטיש.

די טיר האָט זיך געעפנט, און אָלגע מיכײַלאָוונע האָט געפרעגט:

— דו ביסט נישט הונגעריק, סאָלאָמאָן?

שאָלעם־אַליכעם איז אײַליק צוגעלאָפן צום ווײַב, אָנגענומען זי פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— הער אויס, ביבציע, ווי איך האָב איבערגעאַרבעט מײַן ליד לויט די מאָטיוון פון לערמאָנטאָווס „וויגליד״. אָנגערופן האָב איך די ליד... ווילסט הערן?

אין דער צײַט האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין דער אַרײַנגאַנג־טיר. עמע איז אַרײַנגעקומען און געזאָגט:

— טאַטע, מ׳איז צו דיר געקומען.

אויף דער שוועל באַווײַזט זיך דער קיִעווער קאַזיאָנע ראַבינער — בערמאַן. מיט פאַנאַנ־דערגעשפּרייטע אָרעמס האָט ער זיך געוואָרפן צו שאָלעם־אַליכעמען:

— מאַזלטאָוו אײַך, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, מיט דער געשענקטער קאָנסטיטוציע.

דעם שרײַבער האָט געכידעשט דער אומגעריכטער וויזיט פונעם קאַזיאָנע ראַבינער, האָט ער אים באַגעגנט קאַלט.

— וואָס איז, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, איר פרייט זיך גאָר נישט צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק?

— איך בין, פאַרשטייט זיך, בעפֿיירעש צופרידן, — האָט שאָלעם־אַליכעם געזאָגט קאַלט־בלוטיק, — נאָר ווען איך זאָל זײַן זיכער, אַז ס׳איז ווירקלעך געקומען די עמעסע פרײַהייט פאַר אַלע פעלקער אין רוסלאַנד.

— אָט האָסטו דיר, אַ ייִדן איז ווייניק. באַווײַז אים נאָר אַ שפּיץ פינגער, וויל ער שוין די גאַנצע האַנט.

— צוליב וואָס איז דאָס ווערטלען זיך! — האָט זיך אַרײַנגעמישט אָלגע מיכײַלאָוונע. — סאָלאָמאָן, דו האָסט דאָך געוואָלט עפּעס דורכלייענען.

— יאָ, געוואָלט. און וועל טאַקע איבערלייענען. זאָל אויך דער הער בערמאַן הערן. און שאָלעם־אַליכעם האָט גענומען באַגײַסטערט לייענען, אונטערשטרײַכנדיק יעדע סטראָפע, יעדע שורע און יעדעס וואָרט:

שלאָף, אַלעקסע, יורעש פײַנער,
ליכטיקער פאַרשוין.
שלאָף, בעניאַכיד, קאַדיש מײַנער!
שלאָף זשע, שלאָף, ניט וויין.

זאָלסט מיר וואַקסן, זײַן אַ גרויסער,
האָבן קאַסעס געלט.
שטעט און דערפער, זײַן אַ קייסער
איינער אין דער וועלט.

וועסט מיר זײַן אַ גרויסער כאָכעם,
קליגער נאָך פון מיר.
און אַ מעלעך שעבעמלאָכים,
מיט אַ לאַנד סיביר.

וועסט אימירזעצהאַשעם פאַרמאָגן
רענטעס פולע זעק.
און פיל שענקען מיט אָסטראָגן,
קלויסטערס אָן אַן עק.

און זשאַנדאַרמען מיט קאָזאַקן,
שומרים באַ דער טיר.
די, וואָס קאָנען בראָקן, האַקן,
שמײַסן אָן אַ שיר...

צאָלן וועסטו קאָנטריבוציע,
שטילער! מאַך אַ שווײַג!
זאָג זיי צו אַ קאָנסטיטוציע —
נ׳שטעל אַרויס אַ פײַג.

. . . .

בערמאַן האָט נישט געקאָנט אײַנזיצן רויִק, בײס שאָלעם-אַלײכעם האָט פאַרגעלײענט זײַן ליד. װי נאָר שאָלעם-אַלײכעם האָט פאַרענדיקט לײענען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— צוליב װאָס דאַרף ער דאָס האָבן, צוליב װאָס? עס װעט דאָך ברענגען אַן אומגליק אױף זײַן קאָפּ, — האָט דער קאָזיאָנע ראַבינער זיך געװענדט צו אָלגע מיכײַלאָװנע און דערנאָך זיך אױסגעקערעװעט צום אױטאָר פון דער ליד: — דאָס איז נישט אײן אײַער זשאַנער, סאָלאָמאָן נאָומאָװיטש, איר װעט אומגליקלעך מאַכן זיך און אײַער גאַנצע מישפּאָכע! — דער ראַבינער האָט פּכאַדימדיק זיך אומגעקוקט צו דער טיר און צו אָלגע מיכײַלאָװנע. — זאָגט איר אים, איר זענט דאָך א פּרױ — א בארדאַס.

— איר אַלײן זענט דאָך געקומען מיר אָפּגעבן מאַזלטאָװ. קאָנסטיטוציע. פרײַהײַט פון װאָרט. פרײַהײַט פון פּרעסע, — האָט ניט דרײַסט דערװידערט שאָלעם-אַלײכעם.

— יאָ, געקומען, בעפּירעש געקומען. נאָר דאָס, װאָס איר האָט פאַרפּאַסט, איז געפערלעך. סאָלאָמאָן נאָומאָװיטש, איר װאָלט שױן בעסער אָנגעשריבן עפּעס אײן נוסעך פון א הימן פאַר אונדזערע, װי זאָל איך אײַך זאָגן — פאַר אונדזערע עכטע רעװאָליוציאָנערן פון גײַסט, פאַר יענע מענטשן, װאָס קעמפן פאַר ציון, פאַר דער אױפלעבונג פון אונדזער פאָלק. אײַער נאָמען װאָלט פאַרבליבן אױף טאָמיד און אױף אײביק. און איר שרײַבט גאָר — דער רוסישער צאַר, קראַמאָלניקעס, פו!

— װעגן װעלכע רעװאָליוציאָנערן פון גײַסט הײסט איר מיר שרײַבן? װעגן װעלכער אױפלעבונג פון פאָלק רעדט איר? איר האָט קײן באַגריף ניט, װאָס פאַר א באַדײַטונג ס'האָט פאַר אונדז א רעװאָליוציע אין רוסלאַנד. איר קענט ניט די עמעסע רעװאָליוציאָנערן...

און דאָ האָט דער שרײַבער זיך דערמאָנט אין פּאַװעל גאַראָװאָי, אין דאַניע מאַפּטער...

— װאָס זאָל איך מיט אײַך טײַנען... מ'האָט אײַך נישט געקלונגען פון בראָדסקין? דאָרט קומט הײַנט פאַר א באַנקעט לעקאָװעד דער קאָנסטיטוציע. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אײַך האָט מען אױך אַהין אײַנגעלאַדן. מ'עט נאָך אָנקלינגען.

— איך װעל אַהין נישט גײן, הער בערמאַן, — האָט שאַרף אָפּגעענטפערט שאָלעם-אַלײכעם.

— א שאָד, א שאָד, דאָרט װעט זײַן דער גאַנצער אַריסטאָקראַטישער קיִעװ. און דער גובערנאַטאָר װעט אױך אַהין קומען.

דער ראַבינער האָט אַפּגיך זיך אָפּגעזעגנט און איז אַװעקגעגאַנגען.

— דו װײסט, סאָלאָמאָן, — האָט געזאָגט אָלגע מיכײַלאָװנע נאָכן ראַבינערס אַװעקגײן, — דײַן ליד איז טאַקע בעפּײרעש שאַרפזיניק.

— װירקלעך? — דער אױפגעלעבטער שאָלעם-אַלײכעם האָט גענומען די בײגעלעך פּאַפּיר אין דער האַנט, — זאָלן אױך די קינדער הערן. עמאָטשקע, מישע, װוּ איז מישע?

— װאַרט, װאַרט נאָר אױס, שאָלעם. איך האָב נאָך נישט אַלץ געזאָגט.

נאָך שאָלעם-אַלײכעם האָט איבערגעשלאָגן די װערטער פונעם װײַב:

— װי מײנסטו, איך װעל קאָנען אָפּדרוקן די דאָזיקע ליד?

— װאָס רעדסטו? — האָט דאָס װײַב זיך דערשראָקן. — אָפּדרוקן? דו פאַרגעסט, װײַזט אױס, מיט װעמען דו האָסט צו טאָן.

דער שרײַבער האָט אומרויִק זיך אַרומגעדרײט איבערן צימער.

— איכל געפינען, װוּ זי אָפּצודרוקן. איצט װעט מען קאָנען...

— ליאַליע, עמע, עמאָטשקע... — האָט אָלגע מיכײַלאָװנע גערופן די קינדער.

קיִעװער פּאָגראָם

נאָך פון אינדערפרי איז אין שטאָט געװאָרן אומרויִק. בא שאָלעם-אַלײכעמען אין שטוב האָט די גאַנצע צײַט געקלונגען דער טעלעפאָן: באַקענטע און אומבאַקענטע האָבן געװאָלט זיך דערקונדיקן, צי ס'איז רויִק אױף דער גרױס-װאַסילקאָװער גאַס. עס גײען אום קלאַנגען, אַז דאָרטן האַקט מען טאַפּליעס און מע ראַבעװעט די קלײטן.

ס'האָט זיך נישט געװאָלט גלײבן. שאָלעם-אַלײכעם האָט באַרויִקט דאָס װײַב און די קינדער און אױסגעשטראָפּט זײ דערפאַר, װאָס מע מאַכט א פּאַניק.

דער עלטערער זון, מישע, האָט זיך אומגעקערט פון גאַס און נאָך אױף דער שװעל שטײענדיק אױסגעשריגן:

— טאַטע, מיר זײַנען פאַרפאַלן!

— שעם זיך, מישענקע, — ענטפערט דער פאָטער, — ביסט דאָך א מאַנספּאַרשױן...

— טאטע, — זאָגט דער באָכער, — טו א קוק דורכן פענצטער, ווען סטו אלצדינג פאַרשטיין.

שאָלעם־אַלייכעם איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט דערזען מאכנעס מענטשן אין קורצע פאַדיאָווקעס, ארומגעבונדן מיט רויטע גארטלען. צוויי געזונטע ווערגעלעצעס האָבן געטראָגן פון פאַרנט דעם קייסערס פּאָרטרעט, איבער די קעפּ פונעם האמוין האָבן געפלאטערט קלויסטער־פאַנען, די קלויסטער־כאָרוגוויעס. און אָט די צעפּאטלטע פּראָצעסיע האָבן געשלאָסן פארדעכטיקע פארשוינען מיט בולעוועס אין די הענט. זיי האָבן עפּעס געשריגן.

— נו, זעסט, טאטע, — האָט באַטריבט געזאָגט מישע, — ווּלכער איז געשטאַנען הינטער שאָלעם־אַלייכעמס פּלייצע, — איך האָב דיר געזאָגט, און דו האָסט מיר נישט געגלייבט!

א צעבראָכענער, איז שאָלעם־אַלייכעם אָפּגעגאַנגען פונעם פענצטער. עס האָט זיך אים פארוואָלט ארויסגיין אין גאַס, זיך דערוויסן, וואָס פּאַרט קומט דאָרטן פאָר. נאָר אין פּאַדערצימער איז פאַר אים אויסגעוואַקסן אָלגע. אירע אויגן זײַנען געווען איבערגעפּולט מיט שרעק. זי האָט צעשפּרייט די הענט און אים פּארשטעלט דעם וועג.

שאָלעם־אַלייכעם האָט פארשטאַנען, אַז שפּאָרן זיך איצט מיטן ווײַב איז איבעריק, ווער שמועסט נאָך, אַז צו איר האָבן זיך פאַרייניקט די קינדער — ליאַליע, עמע און דער זון. אויך די קלענערע קינדער — מאַרוסיע און ניומטשיק — האָבן זיך אָנגעטשעפּעט פאַר דער מאַמעס קליידל.

מיט האַסטיקע טריט האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך געלאָזט אין קאַבינעט צום טעלעפאָן. אין א מינוט ארום האָט ער זיך אומגעקערט: קיינער ענטפערט ניט.

— וווהין האָסטו געקלונגען? — האָט צוריקגעהאַלטן געפרעגט אָלגע מיכײַלאָוונע.

— כ'האָב געוואָלט וויסן, צי די טעלעפאָן־סטאנציע ארבעט.

— פארוואָס זאָל זי נישט ארבעטן?

— עפּשער שטרײַקט מען...

— ריכטיק, — מישט זיך ארײַן מישע, — בא אונדז אין גימנאזיע האָט מען טאַקע גערעדט, אַז עס קאָן אויסברעכן א שטרײַק.

— דו הערסט, ביבציע?

— איך הער...

— אויב אזוי, איז וואָס זשע האַלטסטו מיך פארשפּאַרט? מע דאַרף דאָך וויסן, וואָס טוט זיך אַף גאַטס וועלט.

— מע'ט זיך באַגיין אָן דיר.

— פארוואָס זאָלסטו אזוי ריידן? איך מוז קריגן כאָטש א פרישן נומער פון א צײַטונג. איכל גיין ווידער קלינגען — עפּשער וועט זיך אײַנגעבן צו פארבינדן זיך מיט דער רעדאַקציע פון „קיִעווסקאַיע סלאָווא”.

די טעלעפאָן־סטאנציע האָט לאַנג זיך ניט אָפּגערופן. דער שרײַבער האָט גאַנץ ענערגיש געדרייט דאָס הענטל פון טעלעפאָן און סאַפּקאָלסאָף זיך דערשלאָגן אָן ענטפער. נאָר פאַרייניקט האָט מען אים גאָר נישט מיט דער רעדאַקציע, נאָר מיט א פּריוואַטער וווינונג. שאָלעם־אַלייכעם האָט מעיאיעשדיק א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אופגעהאַנגען דאָס טרײַבל.

דער רויש און געפילדער אַף דער גאַס איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. פון דאָרטן האָבן זיך געטראָגן הילכיקע אויסרופן און געשרייען. אפילו דורכן פענצטער איז ניט שווער געווען צו זען, ווי שלעגערס אין קליינע היטעלעך מיט גלאַנצנדיקע דאַשעקעס האָבן אונטער די פּאָלעס פון זייערע פּאַדיאָווקעס געטראָגן גרויסע פּעקלעך סכוירע. ליידיקע שאַכטלעך פון שיך, צעטראַטענע און צעריסענע, האָבן זיך געוואַלגערט אַף די טראָטוארן און איידעס געזאָגט, אַז דאָס האָט מען צעראַבעוועט א קלייט פון דער שיך־פירמע „סקאָראָכאָד”.

פון א שכיינעסדיקער ברויט־קראָם האָבן כוליגאַנעס ארויסגעשלעפּט דעם באַלעבאָס — אַן אַלטן ייִדן. זיי האָבן אים געגעריקט און געשלעפּט פאַר דער באָרד. איינער פון די פּרעבע פאַרשווינדלער האָט אזוי לאַנג געפּאַטשט מיט זײַן בולעווע, ביז זי האָט זיך ארויסגעריסן פון זײַן האַנט און געטראָפן אין א פענצטער פון א קראָם פון פרויען־היטעלעך. א שויב איז ארויסגעפלויגן מיט א מעסוקענעם בראַזג און געקלאַנג, און דער כוליגאַן איז אין איין קעהערעף־אײַען ארײַנגעקראָכן דורכן פענצטער אין מאַגאַזין און גאָר גיך צוריק ארויס פון דאָרטן מיט א פרויען־היטעלע אַפן דולן קאָפּ און ווילד געשריגן.

לענגער אײַנן זיך האָט מען נישט געטאָרט. שאָלעם־אַלייכעם האָט ווידער זיך געלאָזט צום טעלעפאָן און געבעטן פאַרייניקן אים מיטן האָטעל „אימפּעריאַל”. דערוווּסט זיך, אַז עס זײַנען פאראַן פרײַע צימערן, האָט דער שרײַבער געבעטן דאָס ווײַב, זי זאָל אפּגיך צונויפנעמען דאָס סאַמע נייטיקסטע, און ער מיט דער דינסט וועלן דערווײַל גיין נאָך אַן

איזוואָזשטשיק... נאָר אַלגע מיכײַלאָוונע האָט ווידער זיך קעגנגעשטעלט: זי וועט אים נישט דערלויבן איצט אַרויסגיין פון שטוב.

— איכל גיין מיט נאַסטיען, — רופט זיך אָן מישע.

— נישט דיך, נישט דעם טאַטן, נישט נאַסטיען וועל איך ניט לאָזן גיין!

די שטענדיק רויִקע און אויסגעהאַלטענע אַלגע מיכײַלאָוונע האָט איצט שוין אָנגעווירן איר גלײַכגעוויכט און שטאַרק זיך געערגערט.

שאָלעם-אַלייכעם האָט אָפילע איצט אויך געפונען מוט זיך א וויצל טאָן:

— ווייסט איר גאָר וואָס, זאָלן גיין מאַרוסיע און ניומציע...

ער האָט געכאַפּט א גינסטיקן מאָמענט, ווען דאָס ווײַב איז אַרײַנגעגאַנגען אין קיך, שטילערהייט א רוף געטאָן נאַסטיען, און ביידע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. אינגיכן האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק.

די מישפּאָכע האָט פאַרנומען צוויי פּאַטעאָנעס, איטלעכער האָט געהאַלטן אין די הענט א קליין פּעקל. מיט די קלענערע קינדער האָט זיך אופגעזעצט די מוטער, מיט די עלטערע — דער פאָטער.

— נו, נאַסטינקע, מיר לאָזן איבער אַלץ אָף דיר און אָף גאָטס באַראָט, — האָט אַלגע מיכײַלאָוונע געזאָגט, געזעגענענדיק זיך מיט דער דינסט.

„האַספּאָדי פּאָמילוי”, — האָט דאָס מיידל זיך איבערגעצייילעמט.

ווען די פּאַטעאָנעס האָבן בא א ראָג פּאַרקערעוועט, האָט שאָלעם-אַלייכעם דערזען, ווי צוויי כוליגאַנעס יאָגן זיך נאָך איינעם א מענטשן. זיי האָבן אים אָנגעיאָגט, פאַרשלעפּט אין א טויער און גענומען שלאָגן מאַקעס-רעצעך. דער מענטש האָט געשריגן, גערופן צו הילף. שאָלעם-אַלייכעם האָט ניט געקאָנט בלײַבן קיין גלײַכגילטיקער איידעס פון דער דאָזיקער סצענע. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פּאַטעאָן און צוגעלאָפן צום טויער. נאָכן פאָטער האָט זיך געלאָזט לויפן אויך מישע. באַמערקט בא איינעם א שלעגער אין די הענט עפּעס אַן אײַזערנע זאַך, האָט שאָלעם-אַלייכעם מיט אַלע קויכעס א ריס געטאָן עס צו זיך.

— וואָס טוט איר? — האָט ער אויסגעשריגן.

אָף א רעגע האָט דער באַנדיט פאַרײַגעלאָזט זײַן קאָרבן. דערזען פאַר זיך א מיטליאַריקן מענטשן אין ברילן און באַנאַנד מיט אים א יונגן באָכער, האָבן די כוליגאַנעס געוואָלט זיך וואַרפן אָף זיי, אָבער שאָלעם-אַלייכעם האָט גאַנץ פלינק א נערעק געטאָן מיטן שטעקל איינעם פון די מערדערס איבערן קאָפּ.

אַלגע מיכײַלאָוונע און די קינדער האָבן אָנגעהויבן שרײַען.

— די כוליגאַנעס זײַנען נעלעם געוואָרן.

דער קאָרבן פון די כוליגאַנעס — א הויכער אויסגעדאַרטער מאַנספּאַרשוין, וועמען שאָ־לעם-אַלייכעם און מישע האָבן אונטערגעהאַלטן, האָט קוים זיך דערקליבן צום פּאַטעאָן. מישע האָט אים אָפּגעווישט דאָס בלוט פונעם פּאָנעם, זאָרגזאַם אים אונטערגעהאַלטן און פאַרזיכטיק אוועקגעזעצט.

שאָלעם-אַלייכעם האָט דערקענט דעם מענטשן, וועלכן ער האָט אָפּגעראַטעוועט. דאָס איז געווען עפראַיִם באַרד, דער קאַמאַשנמאַכער פון פּאָדאָל.

— זיי האָבן מיך גוט צענעריקט, די קוילערס, — האָט באַרד געזאָגט און צוגעמאַכט די אויגן — ער האָט ניט דערקענט דעם שרײַבער.

— פאַרלירט נישט דעם מוט, באַרד, — זאָגט שאָלעם-אַלייכעם, און דער פּאַטעאָן איז אוועקגעפאָרן.

באַם ראָג האָט שאָלעם-אַלייכעם באַמערקט א גרופּע אײַזנבאַנער, וואָס האָבן געהיט די אָרדענונג. צווישן זיי איז געווען פּאַוועל גאַראָוואַי. דער שרײַבער האָט אים געבעטן אַרײַנגיין מיט זיי אין האָטעל — געוואָלט זיך דערוויסן וועגן דער לאַגע אין שטאָט, נאָר גאַראָוואַי האָט נישט געקאָנט פאַרלאָזן זײַן פּאָסט.

א ביסל שפּעטער איז ער דאָך אַרײַנגעלאָפן אָף א ווײַלע און דערציילט דעם שרײַבער, אַז העלפן ראַטעווען די יידן פון די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיך גענומען די אַרבעטער־דרוזשינעס.

שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך גענומען דערקונדיקן, וויאַזוי עס זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן די אַרבעטער־דרוזשינעס.

— אַנטשולדיקט מיר, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, ס'איז מיר א בושע און א ווייטעק צוצוזען, ווי איר און אײַער מישפּאָכע, ווי אויך אַנדערע, זײַנען געצווונגען צו פאַרלאָזן זייערע היימען. אָט די אויסוואורפן, די כוליגאַנעס און שוואַרצמייעניקעס וואַרפן א שאָטן אָף אונדזער פאָלק — אָפן רוסישן און אוקראַיִנישן... נאָר, נישקאָשע, מיר, אַרבעטער, וועלן נישט דערלאָזן פּאַר־

פלעקן אונדזערע ערד... אָט גייען די קלוימערשטע רעטער, — האָט מיט פּאַראַכטונג געזאָגט גאַ־ראַוואַי, קוקנדיק אין פענצטער. — איר מיינט, זיי זוכן די פּאָגראָמשטשיקעס? זיי יאָגן זיך גאָר נאָך אונדז, נאָך די דרוזשיניקעס! נו, פאַרבלײַבט געזונט און שטאַרק. מירן זיך נאָך זען מיט אײַך! — גאַראַוואַי האָט אָנגערוקט דאָס היטל און איז אַפּגיך אַראָפּ פון אונטן צו זײַנע כאַווירים.

אין האָטעל האָט דעם שרײַבערס מישפּאָכע זיך אַ ביסל באַרויִקט. שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגעקלונגען אהיים, צו נאַסטינקען. פון איר דערציילונג איז געווען ווייניק נאַכעס: אין קיך האָט מען אויסגעהאַקט די טאַפּליעס, געפּרוווט אויך אַרויסזעצן די טיר...

שאָלעם־אַלייכעם האָט וועגן דעם ניט געוואָלט דערציילן דעם ווײַב. ער האָט גאָר גענו־מען ריידן וועגן גאַראַוואַיען:

— געדענקסט, אָלגע, ווער פּאַוולאָ איז געווען — אַ דערשלאָגענער... און איצטער...

— ער איז געוויס אַ סאָציִאַל־דעמאָקראַט, — זאָגט אַרויס מישע זײַן האַשאָרע.

— איר האָט געהערט, ווי ער האָט גערעדט וועגן פאָלק? — פרייט זיך שאָלעם־אַליי־כעם. — אָט וועגן אַזעלכע מענטשן שרײַבט גאָרקי. ווען איך בין געווען בא אים אין פּעטער־בורג, האָט ער מיך באַקענט מיט איינעם אַן אַרבעטער — אָט דאָס איז אַ מענטש, אַ מענטש פונעם נײַעם רוסלאַנד! ווען איך זאָל, אשטייגער, קאָנען אַזעלכע מענטשן מאַכן פאַר העלדן פון מײַנע דערציילונגען! די גאַנצע צאָרע באַשטייט אין דעם, וואָס איך קען זיי דערווײַל ווייניק און פאַרשטיי זיי ווייניקער איידער מײַנע קאַסרילעווקעס.

— ווײסט נאָך שרײַבן, שאָלעם, איך וועגן אַזעלכע ווי פּאַוולאָ, — באַרויִקט אים אָלגע.

— כ׳האָב מוירע, אַז איך וועל ניט קאָנען, — האָט ער געזאָגט מיט טיפער באַדויערונג, — מע דאַרף קוקן דעם עמעס אין די אויגן אַרײַן.

אָלגע מיכײַלאָוונע האָט מיטפילנדיק אַ קוק געטאָן אָפן מאַן, דערנאָך איבערגעפירט דעם בליק אַף די קינדער און פּירגעוואָרפן:

— אפילע אין אַזאַ מוירעדיקער צײַט טראַכסטו איך וועגן דײַנע ביכלעך, וועגן דײַנע העלדן.

— אויב דו זאָגסט אַזוי, — פלאַמט אוף שאָלעם־אַלייכעם, — הייסט עס, אַז דאָס מאָל האָסטו מיך נישט פאַרשטאַנען.

— און איך פאַרשטיי דיך גאַנץ גוט! — האָט זיך אָנגערופן עמע. — ערשט ניט לאַנג האָב איך געלייענט וועגן בײַראָנען. ער האָט פאַרלאָזט זײַן לאַנד און איז אַוועק קיין גריכנלאַנד קעמפן פאַר דער רעוואָליוציע. דאָרטן טאַקע איז ער געפאַלן אין שלאַכט.

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן? — האָט אַ דערשראָקענע אויסגערופן אָלגע מיכײַלאָוונע. — אַז דײַן פאָטער זאָל...

— דאָס איז ראָמאַנטיק, — האָט זיך אָנגערופן מישע.

— ניין, דאָס איז ווירקלעכקײַט, — גיט זיך ניט אונטער עמע. — ראָמאַנטישע ווירקלעכ־קײַט. צי איז דיר באַוווסט, — האָט זי זיך אויסגעקערעוועט צום ברודער, — צי ווייסטו, אַז דער אונגאַרישער דיכטער שאַנדאָר פּעטעפי איז אומגעקומען פאַר דער רעוואָליוציע; און דער בולגאַרישער — כריסטאָ באָטיעוו — האָט אָפּגעגעבן זײַנע יונגע יאָרן פאַר דער באַפרײַונג פון זײַן פאָלק. הײַנט פּושקין! צי דען איז ער ניט געפאַלן אַ קאָרבן אין געראַנגל קעגן דער זעלבסטהערשונג! — עמע איז אומגעריכט אנשוויגן געוואָרן, נאָר גלײַך טרויעריק צוגע־געבן: — פאַרשטייט זיך, ניט יעדערער איז פייִק אַף העלדנטאַטן...

עטלעכע מינוט איז שאָלעם־אַלייכעם געשטאַנען טיף פאַרטראַכט. הייסט עס, אַז זײַן טאָכ־טער טרוימט אויך וועגן העלדנטאַטן! לאַנג האָט ער אופמערקזאַם געקוקט אַף עמען, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו איר, מיט פאַרגעניגן זי אַרומגענומען און אַ שטאַרקן קוש געטאָן.

— אַ דאַנק דיר, אָלגע, וואָס דו האָסט מיר דערצויגן אַזאַ טאָכטער! — האָט ריִרנדיק אויסגערופן דער שרײַבער. — ווי גוט און געלונגען זי האָט עס אַ זאָג געטאָן וועגן דער ראָמאַנטישער ווירקלעכקײַט! איך מוז דיר זאָגן, טאָכטער, אַז העלדנמוט באַשטייט ניט בלויז אין דעם, מע זאָל אומקומען פאַרן פאָלק.

— טאָג און טאָג דינען דעם פאָלק, רופן עס צו אַן אַנדער, צו אַ ליכטיק לעבן — דאָס איז אויך העלדנטאַט, — האָט שטיל געזאָגט דאָס ווײַב.

צום גובערנאַטאָר נאָך הילף

דעם זעלביקן טאָג שפּעט אין אָוונט האָט צוגעקנאַקט אַ פאַעטאָן צום הויז, ווו ס׳האָט געוווינט דער גובערנאַטאָר. פונעם פאַעטאָן איז בעכיפּאַזנדיק אַראָפּ דער קיִעווער קאַזיאָנע ראַבינער בערמאַן אין אַ צילינדער און אין גלאַנציק־אויסגעפּוצטע שיך.

אין אופנאם־צימער האָט בערמאַן אפגיך אריינגעשטופּט אין דער האַנט פון אַ טשי־נאָווניק זײַן וויזיט־קאַרטל און געבעטן גלײַך געבן צו וויסן זײַן עקסעלענץ וועגן אים. דער טשינאָווניק האָט בלויז אַ ברום געטאָן „וואַרטן" און איז ניט געבליבן.

עטלעכע באַזוכער, וואָס זײַנען געזעסן אין אופנאַם־צימער, האָבן אומצופרידן זיך איבער־געקוקט און עפּעס געשעפּטשעט. עס איז אַרײַנגעקומען דער פּריסטאַוו. ער האָט גוט געקענט דעם ראַבינער, נאָר קוים צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז אויך פאַרשוואונדן.

דער גרויסער שטייענדיקער זייגער האָט איינטאָניק געציילט די מינוטן. ערגערנדיק זיך שטאַרק, האָט בערמאַן אַרומגעשפּאַנט איבערן אופנאַם־צימער. דער שפּיגל, וואָס איז געהאַנ־גען אין אַ ווינקל, האָט געוויזן זײַן הילפלאָזן און נעבעכדיקן אויסזען.

„און עפּשער וועט דער גובערנאַטאָר מיך ניט פריינטלעך באַגעגענען און אפילו ניט וועלן אויסהערן, — האָט אַ קלער געטאָן דער ראַבינער. — אָבער ניין, ער, דער קאַזיאָ־נער ראַבינער, דער פאָרשטייער פון קיעווער יידישן קאָהאָל, וועט שטאַרק באַשטיין אויף זײַניקן"...

— איר קאָנט אַרײַנגיין! — דערהערט בערמאַן. מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ האָט ער אופגעעפנט די טיר פון קאַבינעט.

דערזעען אין דער טיף דעם גובערנאַטאָר, האָט בערמאַן זיך אויסגעצויגן, ווי אַ סאָלדאַט פאַר אַן אָפיצער. אַ בליק פון וואַסערדיק־קאַלעמוטנע אויגן איז קאַלטבלוטיק געפאַלן אויפן באַזוכער. בערמאַנען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער גובערנאַטאָר האָט אים גאָר אינגאַנצן ניט דערקענט.

— אײַער עקסעלענץ! איך בין געקומען אויסדריקן אַ פּראָטעסט קעגן בלוטיקן פּאָגראָם, קעגן שפּאָט און כוליגאַנסטווע איבער די מענטשן פון מײַן פאָלק. דער פּאָגראָם האָט געבראַכט פיל קאָרבאָנעס און גרויסן מאַטעריעלן היזיק...

— הער ראַבינער, זאָלן אײַערע גלויבנס־ברידער אויפהערן צו טרייסלען דעם טראָן פון אונדזער גנעדיקן גאָסודאַר־אימפּעראַטאָר, דעמאָלט וועט קיין האָר ניט אַראָפּפאַלן פון זייערע קעפּ, — האָט שטרענג געענטפערט דער גובערנאַטאָר.

— דערלויבט, אײַער עקסעלענץ! מיט וואָס האָבן זיך אַזוי פאַרזינדיקט אונדזערע אָרעמע יידן? זיי זײַנען טרײַ דעם טראָן און דעם הייס געליבטן מאָנאַרך אונדזערן. און אויב עס זײַנען פאַראַן צווישן אונדז אייניקע סמוטיאַנעס, איז גלייבט מיר, מיר וועלן גערן מיט־העלפן דער מאַכט קירצער מאַכן זיי די הענט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

— איך בין געקומען אײַך בעטן, עס זאָלן אָפּגעשטעלט ווערן די ווילדע העפקייר־עס.

— דאָס איז אין מיר ניט געוואוינדט.

— אין וועמען דען, אײַער עקסעלענץ?

— איך ווייס ניט.

— אײַער עקסעלענץ, ס'איז אַ בושע פאַר דער גאַנצער וועלט.

— זאָרגט זיך ניט פאַר דער גאַנצער וועלט. — דער גובערנאַטאָר האָט פלינק אויסגע־צויגן די האַנט און דערלאַנגט דעם ראַבינער. דאָס האָט געהייסן, אַז די אאודיענץ איז געענדיקט.

דער ראַבינער איז אָבער ניט אוועקגעגאַנגען.

— איך קאָן ניט אוועקגיין פון אײַך אָן אַן ענטפער. ווען וועט מען אָפּשטעלן די ני־דערטרעכטיקע העפקייר־עס?..

— דאָ סווידאַניאַ! איך בין ניט בעקויעך אָפּשטעלן דעם גרימצאָרן פון פאָלק. גיט איבער דעם הער בראָדסקי, אַז אײַער קאַגאַל וואָלט געדאַרפט טעלעגראַפירן קיין פּעטערבורג.

נאָכן באַזוך צום גובערנאַטאָר האָט בערמאַן לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. ס'האָט אים געפּײַניקט דער געדאַנק, אַז ער איז ניט געווען אימשטאַנד עפּעס זיך צו דערשלאָגן. דער ראַבינער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער מאָנאַרכיסטישער, שוואַרצמייעדיקער „סאָיוז רוסקאָוואָ נאַראָדאַ" איז זייער ווירקזאַם און שטאַרק. ווער זשע איז שטאַרקער? „ער'ט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער קאָן מיט גאָרנישט ניט העלפן", — האָט בערמאַן בײַז געקלערט וועגן דעם גובערנאַטאָר.

„עפּשער וואָלט מען געדאַרפט צונויפזאַמלען צווישן די יידישע אַדירים אַ גרויסע סומע געלט און צוּוואַרפן עס אין פּיסק אַרײַן די אָנפירער פון אָט דעם „סאָיוז"? מיר דאַכט, אַז איינער פון די בראָדסקיס באַגעגנט זיך אָפט אין דער דוואָריאַנישער פאַרזאַמלונג מיט זייער אָנפירער, מיטן גאַלעך סינקעוויטש..."

בערמאַן איז אופגעשטאַנען מיט אַ פעסטן באַשלוס גלײַך פאָרן צו די בראָדסקיס.

ס'איז נאָך גאָר פרי. אַף די גאַסן זעט מען ניט קיין לעבעדיקן נעפּעש. נאָר דאָס איז איצטער גראָד א מַיִלע: עס וועט זײַן גרינגער צו דערקלײַבן זיך. אבי ניט אַרײַנפאַלן ערגעץ צו די פּאָגראָמשטשיקעס אין די הענט אַרײַן!

ער איז בעשאָלעם געקומען צו בראָדסקיס הויז. דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ניט געהאַט קיין קויעך צו מאַכן אַפילע נאָך א טראָט. אומגעריכט דערזעט ער, ווי מאַקס בראָדסקי מיט צווי דאַמעס גייען אים אַנטקעגן. דאָס זײַנען געווען סאַרע און מאַרגאַריטע — זײַן ווײַב און איר שוועסטער — ביידע אין שוואַרצע מאַנטלען און אין שוואַרצע היטעלעך מיט גע‌דיכטע וואָלעטקעס. פאַרויס פאַר זיי האָט געשפּאַנט בראָדסקיס שווייצאַר — א הויכער אַטלעטישער פאַרשוין.

מאַקס בראָדסקי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו בערמאַנען, דאָס האָט געהייסן, ער זאָל נאָכגיין.

דער שווייצאַר האָט זיי אַלע צוגעפירט צו א הויז אַף דער שכיינעסדיקער גאַס. דאָס איז געווען דער אָסאָבניאַק פונעם פאַרוואַלטער מיטן רוסיש־פראַנצויזישן באַנק — בראָדסקיס א גוטער־פרײַנט. דאָ האָבן די מיטגלידער פונעם מיליאָנערס מישפּאָכע געמיינט זיך אויס־באַהאַלטן.

אַפן שטאַרקן קלונג איז אַרויסגעגאַנגען א דינער. ווי נאָר ער האָט דערקענט בראָדסקין, האָט ער אים מיטגעטיילט, אַז נאָך נעכטן איז דער באַלעבאָס זײַנער אַוועקגעפאָרן. בראָדסקי האָט געבעטן מיטיילן דער באַרינייע, אַז ער מיטן ווײַב און דער שוועגערן בעטן, מע זאָל זיי דערלויבן דאָ איבערזײַן. דער דינער האָט זייער גיך זיך אומגעקערט און ניט געקאָנט קוקן די מענטשן גלײַך אין די אויגן. ער האָט דערקלערט, אַז די באַרינייע ליגט מיט א קאָמפּרעס אַפן קאָפּ: זי לײַדט פון שרעקלעכן קאָפּווייטעק און איצט קאָן זי קיינעם ניט אופנעמען.

מאַקס בראָדסקי מיט ביידע דאַמען האָבן פאַרקערעוועט אַף צוריק. נאָך זיי האָט אָן אײַנגעהויקערטער זיך נאָכגעשלעפּט דער קאַזיאָנער ראַבינער.

אַף די גאַסן איז שוין געווען גאַנץ ליכטיק. פונדערווײַטנס האָט זיך באַוויזן דער פּריס־טאַוו. דערזען בראָדסקין, וועמען ער האָט גאַנץ גוט געקענט, האָט ער אָנגעהויבן גיין גיכער, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט די שאַשקע און מיט דער צווייטער צוגעדריקט די פּאַפּקע מיט פּאַפּירן צו זיך.

— הער בראָדסקי, — רופט אויס דער פּריסטאַוו, — וווּהין זענט איר עס פאַרפאַלן גע־וואָרן?

— וואָס הייסט פאַרפאַלן געוואָרן? — כידעשט זיך דער נאָגיד, — איר ווייסט דען ניט, וואָס אין שטאָט קומט פאָר?

— איך ווייס, מע ווייסט... אָבער איר האָט ניט וואָס מוירע צו האָבן. לויט א פאַראָר־דענונג פון זײַן עקסעלענץ, דעם הער גובערנאַטאָר, האָט מען אײַער פּאַטער שוין אַוועקגע־פירט אין א רויִק אָרט, ווו עס דראָעט אים ניט קיין שום געפאַר. נאָר אײַך האָבן מיר ניט געקאָנט געפינען.

פון גרויס סימכע האָבן די דאַמען אַזש אָנגעהויבן שרײַען:

— דו הערסט, מאַקס? דער הער גובערנאַטאָר האָט אין אונדז ניט פאַרגעסן.

— קומט גיכער, — אײַלט זיי אונטער דער פּריסטאַוו.

געכאַפּט א קוק אַפן ראַבינער, וואָס שלעפּט זיך נאָך פון הינטן, האָט ער געפרעגט:

— און ווער איז אָט דער?

— אָט דער... — בראָדסקי האָט ניט טייקעף געענטפערט. — דאָס איז...

— דאָס איז אונדזער קאַזיאָנע ראַבינער. אויב איר וועט ניט דערווידערן, וועט ער גיין מיט אונדז, — האָט מיט א בעטנדיקער שטימע געזאָגט דעם מיליאָנערס ווײַב.

דער פּריסטאַוו האָט א קוק געטאָן אַפן ראַבינער און א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין:

— מיר האָט מען באַפוילן ברענגען בלויז אײַך.

די עפּיטאַפיע

שאָלעם־אַלייכעם מיט זײַן הויזגעזינד האָבן נאָך אַלץ געוווינט אין האָטעל. שוין דעם צווייטן טאָג האָבן אײַנדערלופטן זיך געטראָגן פעדערן. דאָס האָבן די מעטורעפע פּאָגראָם־באַנדיטן אין ווילדן קאַס צעטרענט די איבערבעטן און קישנס אין די יידישע הײַזער. צײַטנווײַז האָט שאָלעם־אַלייכעם געפילט, אַז ער פאַרלירט דעם מוט. מיט אַלע קויכעס

האָט ער געפּרוּווט אופהייבן די שטימונג פון זײַנע בנײ־באַיס און דערמיט טאַקע בא זיך אליין.

אין די דאָזיקע וויסטע און שווערע שאָען פון איבערטראַכטענישן און איבערלעבענישן זײַנען בא שאָלעם־אַלייכעמען געבוירן געוואָרן פינצטערע געדאַנקען וועגן טויט. א שטאַרקע הילפלאָזיקײַט האָט באַהערשט, געפּײַניקט זײַן מויעך.

דעמלט טאַקע האָט ער געשאַפן דעם ערשטן וואַריאַנט פון זײַן עפּיטאַפיע — אָן אופשריפט אָף דער מאַצייווע פון זײַן קייווער.

„פּריי זיך נאָך ניט, פאַני טויט! — האָט ער געטײַנעט צום מאַלעכהאַמאָוועס, — ווײסט מיך ניט בײַקומען, ביז איך וועל ניט אין דער פולער מאָס אויספּילן מײַן כױװ פאַר מײַנע קאַסרילעווצעס, ביז זיי וועלן ניט אויסוואַקסן שטאָלצע און מוטיקע מענטשן, וועמען קיין שום גוואַלדטאַטן וועלן ניט שרעקן”.

אָט וואָס פאַרא שורעס עס זײַנען אַרויס פון אונטער זײַן פען:

געווען א ייִד א פּאָשעטער,
געשריבן איוורע־טײַטש פאַר ווײַבער
און פאַרן פּראָסטן פאָלק האָט ער —
דאָ ליגט א זשאַרגאָניסט — א שרײַבער.
דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט קאַפּאָרעס.

די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט, —
אַליין, אוי־ווײ, געווען אָף צאָרעס!
און דאַפקע ווען דער אוילעם האָט
געלאַכט, געקוועלט, און פלעג זיך פרייען,
האָט ער געוויינט — דאָס ווייסט נאָר גאָט —
בעסאָד, אַז קיינער זאָל ניט זען.

און אונטערגעשריבן:

„אין יאָר פון קאָנסטיטוציע און פּאָגראָמען (1905)”.

ווי באַוווּסט, האָט שאָלעם־אַלייכעם אָלץ ליב געהאַט פּאַרלייענען דעם ווײַב און די קינדער. דאָס מאָל האָט ער די אָנגעשריבענע שורעס באַהאַלטן, ניט געוויזן זיי זײַנע אייגענע.

א ריינע פען

סאָך אָקטיאַבער, ווען ס'איז שטילער געוואָרן און ס'איז שוין ניט געווען געפערלעך אַרויסצוגיין אין גאַס, האָט שאָלעם־אַלייכעם, נאָך א שפּאַציר איבערן קרעשטשאַטיק, זיך אומגעקערט אַהיים און זיך צוגעזעצט צום שרײַבטיש. ס'האָט א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן — גערעדט האָט דער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע „קיִעווליאַנין”. זייער העפלעך, אפילע מיט א זיסלעכן טאָן, האָט ער אין נאָמען פונעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג דמיטרי איוואַנאָוויטש פּיכנאָ געבעטן שאָלעם־אַלייכעמען באַזוכן די רעדאַקציע.

שאָלעם־אַלייכעם האָט קיינמאָל אפילע אין זינען ניט געהאַט צו פאַרבינדן זיך מיט דער דאָזיקער מאָנאַרכיסטיש־אַנטיסעמיטישער צײַטונג.

שוין זייער לאַנג, נאָך אין 1885 יאָר, נאָכן טויט פון עלימעלעך לאָיעוו, ווען די באַ־הוסלאָווער כעוורע־קאַדישע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַהאַלטן דעם אַרענדאַר, ביז מע וועט ניט אַרײַנטראָגן דרײַסיק טויזנט רובל, איז שאָלעם־אַלייכעם אַרויסגעטראָטן אָף די שפּאַלטן פון אָט דער צײַטונג מיט א שאַרף דעמאַסקירנדיק אַרטיקל קעגן די אוולעס פון יענע באַ־רײַסער, די קלאַל־טוער. פון זינט דאַן איז אוועק גאַנצע צוואַנציק יאָר. דעריבער האָט די אומגעריכטע אײַנלאַדונג צו באַזוכן די רעדאַקציע פון „קיִעווליאַנין” פאַרוווּנדערט דעם שרײַבער.

שאָלעם־אַלייכעם האָט א סאַך זיך אָנגעהערט וועגן פּיכנאָ, וועמעס טאָכטער עס האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט עמען אין גימנאַזיע. אָבער באַגעגענען זיך מיט אים איז שאָלעם־אַלייכעמען ניט אויסגעקומען. וואָס זשע האָט געקאָנט זײַן די סיבע פון דער דאָזיקער אײַנלאַדונג?

פונקט פינף אַזייגער האָט ווידער א קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. פון דער רעדאַקציע האָט מען מיטגעטיילט, אַז די קאַרעטע איז אַרויסגעפאָרן.

ווען דער שרײַבער איז אַרויס אין דרויסן, האָט אָף אים שוין געוואַרט א פײַנער געשפּאַן מיט אַן אויסגעפּוצטן קוטשער.

די אויסגעקלאַפּטע טאָפּליעס אין צענדליקער הײַזער, די מאַגאַזין־וויטרינעס, וואָס זײַנען געווען פאַרשלאָגן מיט ברעטער. די פאַרבלאָנדזשעטע פעדערן, וואָס האָבן נאָך פון צײַט

צו צײַט זיך געטראָגן אינדערלופטן, — אָט די אַלע שפּורן פון די ערשט ניט לאַנג פּאַרגע־קומענע ווילדע געשעענישן האָבן געדריקט אָפּן שרײַבער.

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעם אַרײַנגאַנג אין רעדאַקציע. אָף די טרעפּ האָט דעם שרײַבער באַגעגנט אַ ווײַסהאָריקער יונגערמאַן מיט אַן אַקוראַטן שרונט אָפּן קאָפּ. באַגריסנדיק זיך מיט שאָלעם־אַלייכעמען, האָט ער אים צוגעפירט צו אַ טיר, אָף וועלכער ס'איז געהאַנגען אַ שילדל, ווו ס'איז מיט סטיליזירטע אַלט־רוסישע קלויסטער־אויסיעס גע־ווען אויסגעקריצט: „רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „קיִעוולייאַנין" דמיטרי איוואַנאָוויטש פּיכנאָ".

דער יונגערמאַן האָט אופגעעפנט די טיר, און שאָלעם־אַלייכעם איז אַרײַנגעקומען אין אַ גראַמען, פײַן אויסגעשטעלטן קאַבינעט. באַ אַ גרויסן שרײַבטיש איז געזעסן אַ באַיאָר־טער מענטש אין גאָלדענע ברילן. דאָס איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג, פּראָ־פעסאָר פון קיִעווער אוניווערסיטעט פּיכנאָ.

דער רעדאַקטאָר האָט זיך אופגעשטעלט און געלאָזט זיך אַנטקעגן דעם שרײַבער. אָף דער וואַנט הינטער זײַן פּליִיצע האָט שאָלעם־אַלייכעם דערזען ניקאָלײַ דעם צווייטנס פּאָרטרעט אין אַ ברייטער אָפּגעגילדעטער ראַם; באַ די זײַטן זײַנען געהאַנגען פּאָרטרעטן פונעם אָבער־פּראָקוראָר פון סינאָד פּאָבעדאָנאָסצעוו און פונעם וואָלינער אַרכיִעפּיסקאָפּ אַנטאָני. „אַ פײַנע קאָמפּאַניִע" — האָט אַ קלער געטאָן דער שרײַבער.

דער יונגערמאַן מיטן אַקוראַטן שרונט איז נעלעם געוואָרן.

געבליבן אויג־אָף־אויג מיט שאָלעם־אַלייכעמען, האָט דער רעדאַקטאָר דערלאַנגט דעם שרײַבער גראַנקעס פון מאָרגעדיקן נומער פון דער צײַטונג און אָנגעוויזן אָף איינער אַ נאָטיץ, ווו אַ גרופּע לייענער פון „קיִעוולייאַנין" האָט זיך געווענדט צו די רעכטע דעפּוטאַטן פון דער שטאָט־דומע מיט אַ פּאָרשלאָג אופצוהייבן די פּראַגע וועגן פאַרברייטערן דעם יידישן טכום־האַמוישעוו.

— איר פאַרשטייט, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, — האָט געזאָגט פּיכנאָ, — ס'איז נייטיק אין אַ געוויסער מאָס לינדער מאַכן די אַטמאָספער, באַרויִקן די באַפעלקערונג. מיר, עכטע רוסי־שע פּאַטריאָטן, זײַנען ניט פאַרינטערעסירט, אַז די אינאָראָדצעס זאָלן זיך פילן ניט זיכער און עס זאָל דערגיין צו אַזעלכע עקסצעסן, וואָס זײַנען ערשט ניט לאַנג פּאַרגעקומען אין קיִעוו.

— ניט נאָר אין קיִעוו, הער רעדאַקטאָר... — שטעלט אַרײַן שאָלעם־אַלייכעם.

— גאַנץ מעגלעך. קיין פּינקטלעכע ידיִעס פאַרמאָגן מיר ניט. באַ אַזאַ טראַגישער סי־טואַציע קאָנען געוויס פּאָרקומען ניט קיין געווונטשענע עקסצעסן, — ציילט די ווערטער פּיכנאָ.

— קאָנען פּאַרקומען! ס'איז אַ געשעענער פאַקט, וואָס מע קאָן אים ניט אָפּלייקענען, — זאָגט פאַרביטערט שאָלעם־אַלייכעם.

— איך וועל זיך ניט שפּאַרן, — האָט דער רעדאַקטאָר זיך אַ קנייטש געטאָן.

פּיכנאָ נעמט אַרויס אַ פּושקע מיט האַוואַנער ציגאַרן און וויל אופנעמען זײַן גאַסט. שאָלעם־אַלייכעם זאָגט, אַז ער רייכערט ניט. דעמלט לייגט פּאָר פּיכנאָ טאַבלעטקעס מיט מיאַטע, נאָר אויך פון זיי האָט דער שרײַבער העפלעך זיך אָפּגעזאָגט.

— איך האָב אײַך, אייגנטלעך, אײַנגעלאַדן אָט צוליב וואָס. איר זענט אַ באַוווסטער שרײַבער. אײַער נאָמען איז זייער פּאָפּולער אומעטום, ווו עס וווינען אײַערע גלויבנס־ברי־דער, — אין אַמעריקע, אין אייראָפּע, אַפילע אין אויסטראַליע. מיר וואָלטן געהאַלטן פּאַר צוועקמעסיק אָפּצודרוקן אָף די שפּאַלטן פון „קיִעוולייאַנין" אײַערן אָנרוף צו די יידישע סאָציאַליסטן. זאָלן זיי אופהערן פירן זייער פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רוסישער מאָנאַרכיִע, וועלן זיי דערמיט פאַרלײַכטערן די לאַגע פון זייערע ברידער. זאָלן אָט די מענטשן פאַר־שטיין, אַז זיי... זיי זײַנען, ווי מילבן קעגן אַ העלפאַנד. אונדזער אימפּעריִע איז גרויס און מעכטיק: די פּאָליציי, די אַרמיי און דאָס קאָזאַקנטום דינען און היטן זי געטריַי און איבער־געגעבן.

— אויב איר האַלט, אַז זיי זײַנען מילבן, איז צוליב וואָס באַדאַרף מען דעם גאַנצן טאַראַראַם מיטן שרײַבן און ווענדן זיך צו זיי?

— מיר ווילן פאַרהיטן אײַערע יידן, זיי זאָלן ניט לײַדן פונעם גרימצאָרן מיצאַד דעם האַמוין. מיר ווילן, עס זאָלן אַזעלכע בלוטפּאַרגיסונגען מער זיך ניט איבערכאַזערן. די אָרנט־לעכע און פײַנע פּראַוואָסלאַוונע בירגער ווילן, פּונקט ווי איר, עס זאָלן מער ניט פּאַרקומען אַזעלכע און ענלעכע אומאָנגענעמענע עקסצעסן.

— הער פּיכנאָ, — האָט שאָלעם־אַלייכעם געזאָגט, — מיר איז גאַנץ געגנוי באַוווסט, אַז ניט בלויז די בירגערלעכע מאַכט, נאָר אויך די מיליטערישע מאַכט האָט, צום גרויסן באַדויערן, ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען, קעדיי אָפּהאַלטן און באַשטראָפן די פּאָגראָמשטשיקעס.

און נאָך אַ זאַך: סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד זײַנען ניט בלויז ייִדן, אין דער מערהײט זײַנען דאָס רוסן, אוקראַינער און פאָרשטייער פון אַנדערע פעלקער, וואָס וווינען אין רוסלאַנד.

— און דאָך האָט איר אָנגעשריבן אַ פּאַסקוויל אַפּן מאָנאַרך און אַף זײַן יורש — דעם צאַרעוויטש אַלעקסיי.

אַף אַ רעגעלע איז דער שרײַבער געבליבן אין פאַרלעגנהײט: זאָל זײַן, אַז בערמאַן האָט ערגעץ זיך איבערגערעדט? ער האָט זיך אָבער גלײַך באַהערשט.

פּיכנאָ האָט דערפילט דעם שרײַבערס פאַרלוירנקײט און גענומען אָנגרײַפן:

— איר דאַרפט וויסן, הער שאָלעם-אַליכעם, אַז אין דער זשאַנדאַרם-פאַרוואַלטונג האָט מען געוואָלט פאַרפירן אַ „דיעלאָ" קעגן אײַך. זיי האָבן זיך אָנגעפרעגט אַף אײַך אין אונדזער רעדאַקציע, האָבן מיר אײַך געשאַנעוועט און געגעבן אַ פּאָזיטיווע כאַראַקטעריסטיק, כאָטש מיר צווייפלען ניט, אַז אײַער פּאַסקוויל טראָגט אַן אויסגעשפּראָכן אַנטימעלוכישן כאַראַקטער.

בײַ די ווערטער האָט שאָלעם-אַליכעם אַ שמייכל געטאָן.

— איר מיינט אַוודאי, — האָט פּיכנאָ זיך שוין גאָר צעגאָרטלט, — אַז מיר ווייסן ניט וועגן אײַער שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט מאַקסים גאָרקי און דאָס, וואָס פאַראַיאָרן זענט איר בײַ אים געווען אין פּעטערבורג? וואָס וועט איר עפּעס דערויף זאָגן? — האָט ער זיגרײַך געקוקט אַף שאָלעם-אַליכעמען.

דער שרײַבער האָט זיך אופגעשטעלט און, קוקנדיק נערוועז אים גלײַך אין די אויגן, מיט ווירדע געענטפערט:

— איך וואָלט אַ באַלן געוועהן וויסן, מיט וועמען רעד איך — מיט אַ רעדאַקטאָר פון אַ צײַטונג צי מיט אַן אויספאָרשער? איך וועל זיך באַגעגענען מיט וועמען איך געפין פאַר בייטיק און נוצלעך פאַר זיך. און וואָס איז שײַך מײַן אופרוף פאַרן „קיעוולינין": מײַן פּען איז אַ ריינע פּען, אַן אָרנטלעכע פּען, און איך וועל זי ניט פאַרפלעקן, ניט אויסשמירן מיט קיינע אַרויסטרעטונגען אַף די שפּאַלטן פון אײַער צײַטונגל. דערצו וויל איך נאָך זאָגן, אַז די „מילבן", ווי איר האָט זיך אויסגעדריקט, קאָנען ניט וועלן זיך רעכענען מיט מײַן מיינונג: קיין אומיטלבאַרע שײַכעס צו זיי האָב איך ניט. זיי טוען זיך זייער זאַך, און איך — מײַנע. און ביכלאַל לאָזט מיך צורו, הער פּיכנאָ!

אָן אַ זײַ-געזונט אפילע, איז שאָלעם-אַליכעם אַרויסגעגאַנגען פונעם רעדאַקטאָרס קאַבינעט.

די לעצטע נאַכט

אַ קאַלטע נאַכט האַלט די שטאָט אין קלעם פון פראָסט. אָפּגעשטאָרבענע ווײַסע גאַסן, זעלטן ווען עס גליטשן זיך אַדורך איבער זיי איינזאַמע שליטנס.

אַ דערשלאָגענער שטייט שאָלעם-אַליכעם באַם פענצטער און קוקט אַף דער שוין אײַנגעשטילטער גרויס-וואַסילקאָווער גאַס. מאָרגן, אייגנטלעך, שוין הײַנט, וועט דער צוג אים אוועקפירן פונדאַנען ווײַט-ווײַט, ער ווייסט אַליין ניט וווּהין...

צוזאַמען מיטן גאַנצן הויזגעזינד זײַנעם וועט ער פאַרלאָזן קיִעוו. זײַן וועג וועט ליגן דורך דער גרענעץ קיין אייראָפּע און ווײַטער, דערנאָך, מעגלעך, איבערן אָקעאַן... שווער צו קלערן וועגן דעם. וואָס ווייסט ער וועגן ווײַטן, פרעמדן לאַנד פון די יאַנקיס? אַ סאַך לויפן אַהין זוכן גליקן, נאָר צי געפינען זיי עס דאָרטן? זאָל זײַן, אַז אויך ער, שאָלעם-אַליכעם, וועט ווערן איינער פון אַזעלכע גליק-זוכער? ער מאָלט זיך גאָרנישט אויס זײַן לעבן אויסער די גרענעצן פון זײַן פאָטערלאַנד. ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל פּײַניקן און מאַטערן אים בילדער פון די דורכגעלעבטע שוואַרצע טעג, וואָס פּלאָגן זײַן מויעך און זײַן נעשאָמע. קיין אַנדער אויסוועג זעט ער ניט. מע מוז פאָרן. נאָר אויב אַזוי, פאַרוואָס זשע פּראָטעסטירט קעגן דעם זײַן האַרץ, פאַרוואָס פאַרקלעמט זיך עס בלויז פונעם געדאַנק וועגן אוועקפאָרן?

אָלגע מיכײַלאָוונע בעט דעם מאַן, ער זאָל זיך צולייגן.

— אויב דו וועסט זיך ניט צולייגן, וועל איך אופוועקן די קינדער, — שרעקט זי דעם מאַן. נאָר אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן.

און די נאַכט ציט זיך, און די געדאַנקען ווערן פלעטנדיק שווערער. ס'איז ערשט פיר אַזייגער — די ווינטערדיקע נאַכט ציט זיך אומענדלעך. אין ווײַסער קעלט איז פאַרגליווערט, פאַרקילט געוואָרן די באַליבטע שטאָט — די בלוטיק-נאָענטע, וואָס וועט מאָרגן ווערן אַ ווײַטע און אַ פרעמדע. אַ פרעמדע? ניין, קיינמאָל ניט.

פלוצעם קומט אוף אין זײַן דימיען, ווי פאַרכידעשט ס׳זײַנען געווען טעוויעס אויגן.

— איר קלײַבט זיך אונדז פאַרלאָזן?

— יאָ.

— בעעמעס טאַקע? — פרעגט איבער דער מילכיקער.

— אוואדע. אינדערעמעסן, נישט אַף קאַטאָוועס.

דער אַלטער האָט זיך אָנגעברוגעזט און מיט עפּעס גאָר אַן אַנדערער, א פרעמדער שטים געפרעגט:

— הייסט עס, פאָרט איר אַוועק פון אונדז אַף שטענדיק?

— ניין, ניט אַף שטענדיק און ניט פון אײַך...

— פון וועמען זשע, אויב ניט פון אונדז?

— הערט אויס, רעב טעוויע, — האָט בעכיפּאַזנדיק גענומען אים אויפקלערן שאָלעם־אַלייכעם, גלײַך ער זאָל מוירע האָבן, אַז דער מילכיקער וועט ניט וועלן אים אויסהערן ביזן סאָף, — א מענטש קאָן קיינמאָל ניט זאָגן: אַף שטענדיק, אפן גאַנצן לעבן, אַף אייביק... און ווידער, טײַערער טעוויע, פאַרוואָס זאָגט איר „פון אונדז”? אײַך פיר איך אַוועק מיט זיך. — ער האָט באַמערקט טעוויעס פאַרווונדערטן בליק און פאָרגעזעצט נאָך הייסער: — יאָ, יאָ, איר זענט מיר אײַנגעבאַקן אין האַרצן און אין מויעך. וווהין — איך, אַהין — אויך איר. און אויך נאָך מײַן טויט וועט איר פאַרבלײַבן לעבן, איר וועט לעבן פאַר נײַע דוירעס. עס ווילט זיך אַזוי, אַז נאָך מיר זאָל קומען אויך אַזאַ אַפּשפּעטער, ווי איך, ער זאָל אויך אויסלאַכן די גאַנצע וועלט! אייגנטלעך, אַזאַ, ווי איך, וועט מען שוין ניט באַדאַרפן. פאַרוואָס, מיינט איר? טאַקע דערפאַר, ווײַל די וועלט, וואָס איך לאָז אויס און באַווײַן אײַנצײַטיק, אָט די וועלט וועט אײַנגיכן נעלעם ווערן. אָנשטאָט איר וועט אויפקומען א נײַע — מיט גאָר אַנדערע פרײַדן און לײַדן. און יענע, די נײַע וועלט, וועט זיך נייטיקן אין גאָר אַנדערע הומאָריסטן, אין גאָר אַן אַנדער געלעכטער.

— איך גלייב ניט, אַז ס׳וועט שוין גאָר ניט זײַן וועמען אויסצולאַכן, — האָט טעוויע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס׳וועט, פאַרשטייט זיך, זײַן פון וועמען. צי קאָן דען עקזיסטירן די וועלט אָן געלעכטער? נאָר איר, טײַערע מײַנע קאַסרילעווצעס, וועט אויך אײַנגאַנצן ווערן אַנדערע.

— וואַרט נאָר צו, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, איך וויל וויסן, וואָס וועט איר טאָן דאָרטן, פון יענער זײַט אָקעאַן, אָן אונדז?

— איך ווייס ניט, גאָרנישט ווייס איך ניט... צי וועט מיך גאָר ביכלאַל דורכלאָזן דער אָקעאַן?

— קומט אויס, איר פאַרלאָזט אונדז טאַקע. ווער זשע וועט אונדז טרייסטן מיט א פריילעכן וויץ, דערפרייען אונדז מיט געלעכטער?

— איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, אַז ווו איך זאָל ניט זײַן, וועל איך שטענדיק קלערן וועגן אײַך — מײַנע העלדן, שרײַבן פאַר אײַך.

— אויב אַזוי, פאָרט זשע אײַך געזונטערהייט, האָט א גוטן שליטוועגס און קערט זיך אום וואָס גיכער.

...איך טשאַפּקין, וואָס ווו מע פאַרזייט אים ניט, דאָרט וואַקסט ער אויס, האָט זיך ערגעץ דערוווסט וועגן דעם שרײַבערס קאַוואָנעס און האָט גענומען טאַדלען שאָלעם־אַלייכעמען.

— קומט אויס, איר ציט ווידער אָפּ פון רוסלאַנד?

— וואָס הייסט ווידער?

— איין מאָל זענט איר שוין אַוועקגעפאָרן — דעמלט, בײַס דער געשיכטע מיט יאַפּאַן, מיט די פּראָטעסטירטע וועקסלען, מיט די כוידעס און מיט די לאָקשן, בוידעם, ציבעלעס און דער רועך ווייסט וואָס, ווי איר האָט ליב צו זאָגן. און איצטער? אויב דער צאַר ניקאָלקע האָט געמאַכט עטלעכע פּאָגראָמעלעך, האָט שאָלעם־אַלייכעם שוין אַראָפּגעלאָזט די נאָז. איר טוט אַזוי, ווי איך טו: אַז עס הייבט זיך אָן א פּאָגראָם אין אָדעס, זעץ איך זיך אַרײַן אין צוג און פאָר אַוועק קיין קאַטערינאָסלאַוו. און אַז דער אומגליק דערגייט שוין ביז קאַטערינאָסלאַוו, אַנטלויף איך קיין בערדיטשעוו. נו, און אויב די צאָרע דערגייט שוין צו אַזאַ שטאָט ווי בערדיטשעוו, — צעלאַכט זיך טשאַפּקין, — קויף איך א בילעט אפן לופט־באַלאָן, אַף א פלי־מאַשין. און עפשער ווילט איר גאָר נאָכטאָן אײַער לאָרד בײַראָן און אַוועק קיין גריכנלאַנד? אָבער צו וואָס איז דער ראַש מיטן טראַסק? שפּײַט זיך אויס אַף די פּאָגראָמשטשיקעס, אַף די קאַזאַקן און אפן „סאָיוז מיכאַילאַ אַרכאַנגעלאַ”. לאָמיר בעסער א קלער טאָן וועגן א גוט געשעפטל, איך — סימכע טשאַפּקין — וועל שוין עפּעס צוקלערן, און מירן בײַדע האָבן פאַר־

נאָסע, אזא יאָר אויף מיר! אָט האָב איך שוין טאַקע צוגעטראַכט: גיט מיר אָפּ אַלץ, וואָס איר האָט אָנגעשריבן, און אויך אַלץ, וואָס איר וועט אָנשרייַבן אין דער נאָענטסטער צייַט: איך וועל אַרומפּאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד און מאַכן אייַך אַ רעקלאַמע, וואָס קיין איין הומאָ־ריסט אין דער וועלט האָט אַפילו אין כאַלעם אַזוינס ניט געזען!

שאָלעם־אַליכעם האָט אַליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס האָט ער אויסגעהערט טשאַפּקינען, דערפאַר אָבער האָט ער דערנאָך גוט אַרייַנגעלייגט אין די ביינער אָט דעם ניוויזיק.

און וואָס וואָלט איצטער געזאָגט איינער פון זייַנע מערקווירדיקסטע העלדן — יויסעף? שאָלעם־אַליכעם האָט אויסגעהערט טעוויען און אַפילו טשאַפּקינען, איז יויסעפן דאַרף מען אַוודאי און אַוודאי אויסהערן. יאָ, דער דאָזיקער באַגייַסטערטער, פלאַמיקער רעדנער וואָלט אים אַ סאַך געזאָגט! ער וואָלט אים דערוויזן, אַז אין קאַמף טאָר מען נישט אָפּטרעטן...

דער עסעריקער ווינט וואָיעט און בייזערט זיך הינטערן פענצטער. וואָס נעענטער צו טאָג, שטאַרקט זיך נאָך מערער דער פראָסט.

אָלגע מיכײַלאָוונע איז שוין פון לאַנג אופגעשטאַנען. קיין איין וואָרט האָבן זיי ניט אויס־גערעדט צווישן זיך וועגן דעם, וואָס עס באַדאַרף הייַנט פאָרקומען.

ווען ס׳איז שוין אינגאַנצן ליכטיק געוואָרן, איז אָלגע מיכײַלאָוונע צוגעגאַנגען צום פאַרפרוירענעם פענצטער, אַ הוכקע געטאָן אויף דער טאַפּליע און געזאָגט:

— אַ מין מעסוקענע קעלט, ווי אומיסטן...

— פאַרוואָס אומיסטן? — פרעגט שאָלעם־אַליכעם.

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט, און אין ביידנס אויגן — איינער און דער זעלביקער געדאַנק: אָט פאַרלאָזן זיי די וואַרעמע נעסט זייערע, די באַקוועמע, געמיטלעכע דירע, און לאָזן זיך אין דער וועלט אַרײַן. און וואָס וואַרט אויף זיי אין דער פרעמד? און ווידער, ווי אָפּטמאָל די לעצטע טעג, שווימט אַרויס אין געדאַנק די פראַגע: „און עפּשער טאַקע ניט לאָזן זיך אין וועג אַרײַן?”

די קינדער האָבן זיך אופגעכאַפּט, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער געוויינלעכער פריי־מאָרגנדיקער טומל.

ס׳איז אַרײַנגעקומען דער שנײַדער שליאָמע.

— מיינט ניט, פּאַני שאָלעם־אַליכעם, — זאָגט ער, — אַז כ׳האָב פאַר דער לעצטער צײַט ניט באַגעגנט זיך מיט אײַך. זיך באַגעגנט און זייער אָפּט. איר פאַרשטייט ניט, וואָס איך זאָג? כ׳האָב געלייענט אײַערע ביכער — הייסט עס, אַז איך האָב מיט אײַך געשמועסט.

שאָלעם־אַליכעם האָט זיך אַפילו עטוואָס פאַרלוירן.

— אַ דאַנק אײַך. וואָס מאַכן אײַערע זין? — מיט גרויסן אינטערעס האָט דער שרײַבער גענומען אויספרעגן דעם שנײַדער וועגן זײַן הויזגעזינד, וועגן זײַנע זין.

— דער קלענערער זון מײַנער וועט ווײַט אוועק. ער פאַרענדיקט שוין דעם טעכנאָלאָ־גישן אינסטיטוט אין פּעטערבורג, ער איז אַ באַר־מאַזל. ער וועט שוין ניט דאַרפן אַרויס־נעמען זיך די אויגן בײַ אַ קליין קעראָסין־לעמפּל, קעדיי צו פאַרענדיקן אַ שטיקל אַרבעט ביז אינדערפרי אָדער צו מאָרגן אָפּדערנאַכט. ער וועט זײַן אַן אינזשעניער. ווען איר זאָלט וויסן, ווי גליקלעך עס איז מײַן אַלטיטשקע! נאָר... — שליאָמעס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ סוידעספולער שײַן, — מײַן זון האָט דאָך אָנטיילגענומען אין אַ סטודענטישער דעמאָנסטראַ־ציע. איר הערט? ס׳זאָל כאַטש בעשאָלעם זיך פאַרענדיקן. און ווו ס׳איז מײַן עלטערער, דאַניעל, זאָל איך אַזוי וויסן פון שלעכטס. נו, איך וועל בײַ אײַך ניט אָפּנעמען קיין צײַט. איך זע, איר אײַלט זיך. נאָר כ׳וועל אײַך נאָך עפּעס זאָגן... — שליאָמעס שטימע ווערט זייער שטיל. — הײַנט וועט מען דורכפירן מיטן עטאַפּ אונדזערן אַ כאַוער... אַ פּאָליטישן. מע שיקט אים אַרויס אין ווײַטן סיביר. ווען איר זאָלט נאָר וויסן, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז! אַ פּראָסטער באַסערוועדאָם — אַ שנײַדער, אַזוי ווי אײַער יויסעף, וועגן וועלכן איר האָט מיר דערציילט. ער איז אויך אַ פלאַמיקער אַגיטאַטאָר.

דער שרײַבער האָט זיך געכידעשט: זאָל זײַן, דאָס איז דער זעלביקער באַשיידענער שליאָמע, וועלכער האָט זיך געקנייטשט און געדרייט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אַרײַ־בערגעטראָטן די שוועל פון זײַן קאַבינעט?

דער שנײַדער האָט דערווײַל דערציילט:

— מיר זײַנען שוין ניט יענע, וואָס פרײַער מיט עטלעכע יאָר. מיט קיין פּאָגראָמען וועט מען אונדז ניט איבערשרעקן!

שאָלעם־אַליכעמען האָט געצויגן אַרויסגיין אין גאַס, נאָר ער האָט געוואַרט אויף פּאַוועל גאַראָנאָוו, וועלכער האָט צוגעזאָגט קומען. אָט איז ער טאַקע!

אָלגע מיכײַלאָוונע האָט זיך גאָר ניט געוווּנדערט, וואָס גאַראָנאָוו איז געקומען אַזוי פרי.

קעדיי ניט שטערן דעם שמועס צווישן מאַך מיט זײַן פֿרײַנט, האָט זי אַרײַנגעטראָגן אין קאַבי־נעט צוויי גלעזער טיי און איז גלײַך אַרויסגעגאַנגען.

דער שרײַבער האָט ניט אופֿגעהערט צו קוקן אַף גאַראַוואַיען.

— סאַלאָמאָן נאומאָוויטש, זאָגט דעם עמעס... איר האָט פֿאַר זיך ניט געשטעלט די פֿראַגע — ווי וואָלט אַף אײַער אָרט געהאַנדלט מאַקסים גאָרקי? איר האָט מיר אַזוי־פֿיל דער־ציילט וועגן אים, — האָט הייס גערעדט גאַראַוואַי. — אײַך וווּנדערט געוויס, וואָס איך האָב וועגן דעם אָנגעהויבן?

— ניין, מיך וווּנדערט ניט, — ענטפֿערט שטיל שאָלעם־אַלייכעם, — איך האָב ווירקלעך געשטעלט פֿאַר זיך אָט די פֿראַגע, נאָר קיין ענטפֿער ניט געפֿונען.

— פֿאַרוואָס?

— געוויס דערפֿאַר, וואָס איך בין ניט מאַקסים גאָרקי... דערצו מוז איך נאָך זאָגן, אַז ער קאָן ניט זײַן אין מײַן לאַגע. — און נאָך אַ קורצן יישעוו־האַדאַס: — איכל פּרוּוון אײַך ענטפֿערן. מעגלעך, אַ ביסעלע ברייטער. די לעצטע געשעענישן אין רוסלאַנד האָבן געבראַכט צו אַן אַנטוישונג, אַויסגעלאָשן די האָפֿענונגען ניט בלויז בא מיר, נאָר אויך, אַף וויפֿל מיר איז באַוווּסט, בא אַ גרויסן טייל סאָציאַליסטן.

— בא אַ גרויסן טייל? ניין, ניט בא קיין סאַך. בלויז בא אַזעלכע, וואָס זײַנען גאַנץ צופֿעליק מיטגעריסן געוואָרן מיטן רעוואָליוציאָנערן שטראָם, — האָט גאַראַוואַי דערווידערט. — איר זאָגט, אַז איר האָט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג אַף אַ בעסער לעבן... איך באַדאַרף אײַך ניט לערנען, סאַלאָמאָן נאומאָוויטש, איך בין אַ פּאָשעטער אַרבעטער, נאָר איך פֿאַרשטיי אײַך גאַנץ גוט: איך וויל אויך ניט לײַדן, ווען מע שפּײַט מיר אין פּאָנעם און מע פֿאַרבאָט מיר צו לייענען אַף מײַן מוטער־שפּראַך דעם „קאָבזאַר". אָבער... איר זאָלט זיך אַף מיר ניט באַליידיקן — אָפּטרעטן דאָרט, ווו ס'איז נייטיק צו קעמפֿן, דאָס באַטײַט אַרויסווײַזן קליינ־מוטיקייט און שוואַכקײַט.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אופֿמערקזאַם געקוקט אַף גאַראַוואַיען: אָט אַזעלכן — אַ מוטיקן, אַ זיכערן אין זײַן גרויסן עמעס — וויל ער אים פֿאַרגעדענקען.

— מיר איז טײַער דאָס, וואָס איר טוט, — האָט פֿאַרגעזעצט גאַראַוואַי.

— צום באַדויערן, קאָן איך ניט איבערלייענען דאָס, וואָס איר שרײַבט. אייניקע אײַערע ווערק, איבערזעצטע אין רוסיש, און דאָס, וואָס איר אַליין האָט מיר פֿאַרגעלייענט, האָבן אין מיר דערוועקט אינטערעס און ליבע צו אײַערע העלדן און נעענטער פֿאַר מיר געמאַכט זייער לעבן און זייערע טרוימען.

— פּאַוואָלאַ, איך גלייב, אַז איר וועט נאָך לייענען מײַנע נײַע ווערק. מיר געזעגענען זיך מיט אײַך ניט אַף שטענדיק. מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען...

אָנשטאָט אַן עפּילאָג

די צווייטע העלפֿט פֿון די דרײַסיקער יאָרן. אין אַ שנעלצוג מאָסקווע — קיִעוו זײַנען אין אַ קופּע פֿאַר צוויי מענטשן געפֿאָרן אַ באַיאָרטע פֿרוי און אַ יונגער קאָמאַנדיר.

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, קיין קיִעוו קיין קיִעוו איז נאָך ווײַט? — האָט די פֿרוי געפֿרעגט דעם שאָכן אירן.

דער קאָמאַנדיר האָט געכאַפּט אַ קוק אין דער רעשימע און געזאָגט, וויפֿל ס'איז נאָך געבליבן צו פֿאָרן ביז קיִעוו.

די פֿרוי האָט אָפּגעדאַנקט פֿאַרן ליבלעכן ענטפֿער און זיך אָפּגעקערעוועט צום פֿענצטער. דער קאָמאַנדיר האָט באַמערקט, אַז זײַן שכיינע איז אַן אויסלענדערן, כאָטש זי רעדט גאַנץ גוט רוסיש.

— אַנטשולדיקט, איר זענט פֿון עפּעס פֿאַרזאָרגט, — האָט ער זיך געווענדט צו דער פֿרוי, — עפּשער קאָן איך מיט עפּעס אײַך באַהילפֿיק זײַן?

די פֿרוי האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: ער וועט איר מיט גאָרנישט ניט גרינגער מאַכן. און זי איז ווידער צוגעזאָטן געוואָרן צום פֿענצטער. זי האָט אָפּט, מעגלעך, פֿון ערגערן זיך, פֿאַריכט די אַקוראַט פֿאַרקעמטע גראָווע האָר.

— ווי איך זע, איז נייטיק, איר זאָלט זיך מיט עפּעס פֿאַרגעסן, — זאָגט דער קאָמאַנדיר און עפֿנט אוף זײַן טשעמאָדאַן. אַרויסגענומען אַ בוך, האָט ער אים דערלאַנגט דער שכיי־נע, — אָט דאָס לייענט...

די פֿרוי האָט געכאַפּט אַ קוק אַף דער הילע און פֿאַרציטערט געוואָרן. זי האָט גענומען דעם בוך און דורכגעלייענט אַף אַ קאָל: „שאָלעם־אַלייכעם. אויסגעווײלטע ווערק".

— איר קאָנט זיך גאָר ניט אויסמאָלן, ווי איר האָט מיך דערפרייט, — האָט זי געזאָגט מיט א ציטערנדיקער שטימע. — אָט דעם בוך האָט דאָך אָנגעשריבן מײַן מאַן.

— וואָס רעדט איר? — האָט זיך געכידעשט דער קאָמאַנדיר. — טאַקע אַן עמעס? זייער און זייער אָנגענעם! — ער האָט זיך אופגעהויבן, פאַריכט די גימנאַסטיאָרקע און זיך פאָרגעשטעלט: — איך האָב די ערע. פּאַפּאָוו אלעקסיי איוואַנאָוויטש.

— פּאַפּאָוו? — פרעגט איבער אָלגע מיכײַלאָוונע. — א באַקענטע פאַמיליע — איינער פון שאָלעם-אלייכעמס העלדן. איר ווייסט, העכער דרײַסיק יאָר בין איך ניט געווען אין אָט דעם קאַנט, וואָס איז מיר ליב און נאָענט. דעם מאַן מײַנעם האָב איך באַגראָבן אינדערפרעמד אין טויזנט נײַן הונדערט זעכצנטן... ווען ער וואָלט דערלעבט און געקאָנט זען זײַן פאָטער־לאַנד! — האָט, ערגערנדיק זיך, געגרעדט אָלגע מיכײַלאָוונע. — טוט א קוק, — זי האָט אפגיך גענומען בלעטערן דעם בוך, — לייענט אומיסטן דורך, וואָס שאָלעם-אלייכעם האָט געזאָגט מיט די ווערטער פון זײַנעם א העלד: „קיין אמעריקע פאָר איך ניט. דײַן אמעריקע הייבט מיר ניט אָן צו געפעלן. פון אזא לאַנד דאַרף מען לויפן! ווען מיר האָבן דאָ אזא קאָנסטיטוציע, וואָס מיר מיינען, באַדאַרפן מיר שוין קיין שום אמעריקע ניט! דעמלט האָבן מיר דאָ א בעסערע „אמעריקע”, ווי איר דאָרט... יאַנקל, זאָלסט גאָר קיין יעסורים ניט האָבן. אזא שטיק גאָלד מיר, וואָס פאַר א קאָנסטיטוציע מיר וועלן אימיִרצעהאַשעם האָבן!”.

— אויסגעצייכנט! — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר. — איך האָב עס געלייענט.

— שאָלעם-אלייכעם האָט מיטן גאַנצן הארצן געשטרעבט אין זײַן פאָטערלאַנד, — האָט פאָרגעזעצט אָלגע מיכײַלאָוונע. — ווען ער איז געקומען אף דער לײַבלעכער ערד, האָבן פּראָסטע מענטשן אים אופגענומען און באַגעגנט מיט אָפענע הערצער. אין 1908 יאָר האָט מען באַצייכנט דעם פינף-און-צוואַנציקסטן יובילײַ פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט. נאָר שאָלעם-אלייכעם איז גראָדע דעמלט א קראַנקער אף טובערקוליאָז געלעגן אף א בײַגרענעץ־סטאַנציע, און אים איז געווען פאַרבאָטן מיט וועמען-עס-איז צו באַגעגענען זיך. דערנאָך האָבן מיר געוואָגלט איבער די קוראָרטן פון אייראָפּע. די קרענק האָט אָפּגעשוואַכט זײַנע קויכעס. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט-מילכאָמע, זײַנען מיר געווען אף א קוראָרט אין דײַטשלאַנד. קוים מיט צאָרעס האָבן מיר פון דאָרטן זיך ארויסגעריסן אין דעם לאַנד פון „גאָלד און גליק”. שאָלעם-אלייכעם האָט דאָרטן א סאַך געאַרבעט, אָנגעשריבן „פונעם יאַריד”, די פיעסע „דאָס גרויסע געווינס”, זײַן בוך „מאָטל פייסי דעם כאַזנס”...

— כ'האָב געלייענט אויך דעם בוך, — כאַפּט אונטער פּאַפּאָוו. — וועגן אים האָט גאָרקי געשריבן, אז פון דעם בוך שפרודלט מיט ווילער, הארציקער און קלוגער ליבע צום פאָלק.

— ווי ער האָט זיך עס דערפרייט, ווען ער האָט דורכגעלייענט גאָרקיס בריוו! אין אמעריקע האָט ער אָנגעשריבן דעם ראָמאַן „בלאָנדזשנדע שטערן”. ער פלעגט מיר אָפט זאָגן: „דאָרט, ווו עס הערשט געלט — איז ניטאָ קיין גליק, קיין ליבע, קיין פרײַהײַט...” שאָלעם־אלייכעם האָט אָנגעזאָגט אין זײַן צאַוואָע, מע זאָל אים באַגראָבן צווישן פּראָסטע ארבעטער, צווישן פּראָסטע מענטשן, וועלכע זײַנען שטענדיק געווען די העלדן פון זײַנע ווערק.

פּאַפּאָוו האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהערט, ניט אראָפּגענומען די אויגן פון אָלגע מיִ־כײַלאָוונע.

...דער צוג האָט געיאָגט איבער די אוקראַיִנער סטעפּעס צווישן וועלדער און סעדער. א ריינער, בלויער הימל האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער זיי.

שוין גאָר נאָענט איז געווען קיִעוו.

ווערק פון אונדזערע לייענער

דיכטונג

וועלוול ווערניק
(קיִעוו)

דאָ איז מײַן ערד

ס'איז יעדער שטיין מיר דאָ באקאנט,
און נאָענט איז מיר יעדער בוים.
דאָ איז מײַן ערד, דאָ איז מײַן קאנט,
דאָ קלאפּט מײַן הארץ, דאָ בליט מײַן טרוים.

פאר אָט דער ערד כ'האָב בלוט פארגאָסן,
געהיילט די וווּנדן אין שפּיטאָל.
אין שלאכט מײַן ברודער איז דערשאָסן,
דאָ איז מײַן יאם, מײַן בארג, מײַן טאָל.

פארוואָס זשע דארף איך זוכן גליק
אף ניט באקענטע פרעמדע וועגן
און שפּאנען דורך א קורבן־בריק
דער נאכט דער פינצטערער אנטקעגן?

די זון באלײַכט מײַן מי אין פרידן,
מײַן ערד איז דאָ, ווו כ'לעב און שאַף.
קיין אנדער לאנד פאר מיר, דעם ייִדן,
סײַ ניט איך וויל, סײַ ניט איך דארף.

מאטאָנעס

אזוי איז אײַנגעפירט פון לאנג — ניט נעכטן און ניט הײַנט:
אף סימכעס און אף כאסענעס מאטאָנעס שענקען פרײַנט.

מאטאָנעס זײַנען ווערטפולע און ביליקע פאראן —
ווער עס שענקט א רינג פון גאָלד, ווער א פלעשל ווײַן.

און איך — צו דײַן געבורטסטאָג שענקען כ'וואָלט געוואָלט
ניט זילבערנע מאטאָנעס, מאטאָנעס ניט פון גאָלד.

די מאטאָנעס מײַנע זײַנען פול מיט פרייד,
אויסגעוואָרעמט, אויסגעפּעסטעט, אינעם הארץ פארזייט.

אָט די שטערן צו דערגרייכן איז ניט גאָר קיין גרינגע זאך,
ווײַל זיי פאלן ניט, די שטערן, ווי א רעגן פונעם דאך...

כ'וואָלט דעם דופט פון אלע בלומען פון די סעדער אף דער וועלט
אויסגעגאָסן אף די שליאכן, ווו די זון פאר דיר עס העלט.

דו זאָלסט אָטעמען מיט פרישער, רײַנער לופט פונעם קאיאָר,
און די בלומען זאָלן בליִען צוועלף כאָדאָשים אינעם יאָר.

און צום סאָף איך וויל דיר זאָגן, זאָגן בענעמאָנעס,
דו אליין ביסט א מאטאָנע פון די טײַערסטע מאטאָנעס.

שנייען שיטן

שנייען, שנייען, קלאָרע שנייען,
אַף דער ערד זיי פאַלן, שיטן.
אַך, ווי גוט עס איז אינצווייען
פאָרן אַף א גרינגן שליטן.

וויַסע שנייען קליידער נייען
פאַר די בערג און פאַר די טאָלן,
און די שטאַרקע פרעסט אונדז פרייען —
אַף די פענצטער קווייטן מאָלן.

ס'איז דער זיידע־פראָסט צופרידן,
ווען דאָס וואַסער הייבט אָן פרירן.
ער איז גרייט דעם טײַך פאַרשמידן,
קיינער זאָל דאָס אײַז ניט רירן.

בלויז די קינדער אַף די גליטשערס
זאָלן יאָגן פײַל פון בויגן.
און מיך ווארעמען אום ווינטער
זאָל די ליכט פון דײַנע אויגן.

שׂיִע זינגער

(וויניצע)

דער שמיד

איך וועל אײַך דערציילן פון יאָסל דעם שמיד,
וואָס האָט ניט צעשיידט זיך מיט האַמער און אײַזן,
געווען איז רעב יאָסל א גיבער א ייִד,
וואָס פלעגט אין זײַן קוזניע פיל וווּנדער באַווײַזן.

און ווער אין ראַיאָן האָט דעם שמיד ניט געקענט?
דעם סערפּ און די קאָסע, וואָס ער פלעגט אויסשמידן,
האָט מאַמעש געזונגען בא אונדז אין די הענט, —
א לויב אים, דעם מײַסטער, דעם שמידער פון שמידן!

דער קריג האָט פאַרטריבן דעם שמיד פון דער היים,
אוועק איז ער דאַן אין א וואַלד א געדיכטן
אין קאַמף מיטן סײַנע, דעם סוינע פאַרניכטן,
ער זאָל ווי א פינצטערער כאַלעם פאַרגיין.

געווען איז רעב יאָסל א ליכטיקער מענטש,
א פּאַכמאַן א גרויסער, א קעמפער פאַר פרידן.
איצט שטייט ער — א דענקמאָל, אין שטיינערנעם פרענטש, —
ווי ער זאָל אליין אין זײַן קוזניע אים שמידן.

זיסי ווייצמאן

(סוואָבאָדני, אמורער געגנט)

זוניק און קיל

דו ביסט גערעכט: ס'איז געקומען דער אָסיען.
אוי, דו ביסט גערעכט: ס'איז אוועק שוין
דער זומער...

מיט גאָלדענער שײַן די שטאָט איז באַגאָסן,
און ס'שמעקן די גאסן מיט פּײַרעס און בלומען.

א צײַט, ווען עס שורשען די רויטלעכע
בלעטער,
ווען ס'הענגען די פּרוכטן, ווי גאָלדענע
בעכערס,

און זוניק און קיל איז דער ווײַדענער וועטער,
און ס'לייגט זיך דער פּרי־טוי אף גראָז און
אף דעכער.

נאָר ס'זינקט נאָך פון זומער אין הארצן
דער טומל,
כאָטש ס'ברענען די ביימער אין הארבסטיקן
פײַער.
יאָ, יאָ, ביסט גערעכט: ס'איז אוועק שוין
דער זומער.
אוועק איז דער זומער, און דאָך איז ער טײַער.

ביראָבידזשאנער בלומען

כ'בין פארנאכט אין שטאָט אָנגעקומען,
און באגעגנט מיך האָבן די בלומען.
בלויע — פונקט ווי דער הימל אין יון,
רויטלעכע, הייסע, ווי שטראלן פון זון,
געלע, ווי שטילע לעוואָניקע שײַן —

דופטיקע בלומען פון ביראָבידזשאן.
בלומען — אין גאסן, בלומען — אין סקווער,
כ'שטיי, ווי פארקישעפט, און צאפּלדיק קוועל,
כ'שטיי, אין דער גרויסער שײַנקײַט פארטומלט
צווישן די ביראָבידזשאנער בלומען!

ס'איז גוט אף דער וועלט

זאָג מיר, וואָס טוט מען אין כוידעש יון,
ווען ביימער זיך שעפּטשען, און הויך איז די זון?
ווען קלינגענדיק, רוישיק, אין גרינעם געטומל
עס קומט אָן דער הייסער און פריילעכער זומער?
דו עפנסט די פענצטער, דו עפנסט די טיר:
איך ווארט שוין, מײַן זומער, איך ווארט שוין אף דיר!

זאָג מיר, וואָס טוט מען א זומער־באנאכט,
ווען ס'לויכטן די שטערן אין הימל פארטראכט?
ווען ס'בלאָנדזשען אף אלע באנאכטיקע ראָגן
מיידלעך און יינגלעך, אין טרוימען פארטראָגן?
דאָס ווינטעלע גלעט מיך, א פריילעכס, א צארטס,
און אומרויִק קלאפּט מײַן ניט אײַנגעשטילט הארץ.

זאָג מיר, וואָס טוט מען אין כוידעש יון,
ווען צאפּלדיק זײַנען געפילן און יונג?
ווען יעדער געדאנק אזוי זויבער און ריין,
און אלץ, וואָס ארום, פול מיט ליבע און כיין?
לויטער דער טאָג איז, די ראכוועס איז העל,
זינגען עס ווילט זיך — ס'איז גוט אף דער וועלט!

און אויב צומאָל

נעמט, מענטשן, אַלץ צום האַרצן:
דעם זומערדיקן רעגן,
וואָס שפּעטשעט שטיל אַ צאַרטער
אויף זײַנע הימל־וועגן;

נעמט, מענטשן, אַלץ צום האַרצן:
דעם טומל פון די וועלדער,

דעם ווינט, וואָס בײַזן און האַרב איז
און יאָמערט אויף די פעלדער.

און אויב צומאָל ווערט שווער,
און עס באַהערשט אַן אומעט,
איז ווער זשע ווייסט ניט, ווער:
דער העלער טאָג וועט קומען!

שלוימע ראַפּאָפּאָרט

(לענינגראַד)

אַ ליבע־מיניאַטור

ס'איז מיר פּאַשעט אומפאַרשטענדלעך,
ביסט פאַר מיר אַ סאָד דורכויס.
כאָטש מײַן הויז איז אָפן שטענדיק,
קומסט ניט קיינמאָל אין מײַן הויז.

ביסט מיט מיר צוזאַמען זעלטן,
כאָטש איך רוף דיך, רוף און רוף.

יעדע רעגע ווערן וועלטן
כּאַרעוו, נײַע קומען אויף.

נאָר מײַן וועלט וועט קיינמאָל ווערן
כּאַרעוו: וועגן דיר איך טראַכט.
ווי דער צווילינג — זון און שטערן —
שײַנסט באַטאָג און לײַכטסט באַנאַכט.

בראָניע סינעלניקאָווא

(מאָסקווע)

מײַן אַלטע היים

אָט דאָ איז זי געווען, מײַן היים,
מײַן קרומע שטוב, געקלעפּט פון ליים.
פון ערד דער דיל, פון שטרוי דער דאַך,
באַם שטויביקן געדרייטן שליאַך.

איך האָב די צײַט נאָך פאַרגעדענקט,
ווען מיידלעך האָבן דאָרט געבענקט,
און ייִנגלעך האָבן נעכט פאַרבראַכט
און וועגן צוקונפט זיך געשפּאַרט.

דאָרט האָט מען ערשטלינגען געוויגט,
געכאַוועט זיך און זיך געקריגט.
באַם שטויביק־אויסגעקרומטן וועג
האָט מען געמידט זיך גאַנצע טעג.

ביז איצט געדענק איך זי, מײַן היים,
מײַן קרומע שטוב, געקלעפּט פון ליים.

א גוטמאָרגן

באַגינען. א מענטש נעמט דעם הויף שוין פאַרקערן,
און שטערן נאָך שטערן לעשן זיך אויס.
דער טאָג גייט אַרויס אַף די גאַסן און סקווערן,
און מענטשן אַנטקעגן אים גייען אַרויס.

עס קומט דער באַגינען א פרישער, א ריינער,
ער קוקט שוין אַריַין אין דער שויב מיט זיַין בליק.
גוטמאָרגן, מיַין גאַס, דיר, און איַיך, מיַינע שכנים,
געשטערט זאָל ניט זיַין איַיער מי, איַיער גליק.

ווינטער

אין בלויער נאַכט א וויַיסער שליאַך,
אין וויַיס געקליידטע שטייען סעדער.
א וויַיסער הוט אַף יעדער דאַך,
באַצירט מיט שטערנדלעך קעסיידער.

פון פראָסט צעפלאַמט איז מיַין געזיכט,
ער שטעכט מיט נאָדלען מיר די פינגער,
עס האָט אַהערצו מיך פאַרפירט
דער ווינט, וואָס פליט אַרום א ווילדער.

ער רייַסט די פּאָלעס פון מיַין קלייד,
ער שטיפט מיט שנייעלעך, וואָס שיטן.
מיַין אייניקל האָט זיך דערפרייט
און שלעפּט צום באַרג זיַין גרינגן שליטן.

און איך, איך שטיי איצט אין א זיַיט,
און עפּעס בויערט דעם זיקאָרן:
מיר דוכט, מיַין אויסגעבענקטע וויַיט
צו מיר אין געסט איז איצט פאַרפאָרן.

• • •

פּראָזע

אַרן זײַטשיק
(אַרגענבורג)

ניט דאָס בין איך אויסן

מאַזלטאָוו! כ'בין געוואָרן א פּענסיאָנער. אין א גוטער און מאַזלדיקער שאָ. און פּענסיע איז דער טײַטש: עס, טרינק, שלאָף און האָב האַנאָע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר און ווײַטער. קורץ, כ'בין באַזאָרגט און פאַר־זאָרגט מיט א רויִקער און זאַטער עלטער, זיץ פעסט אין זאָטל און קלײַב נאַכעס פונעם גאַנצן אַרום. מאַכט זיך א יאָמטעוו צי סטאַם א רוי־טאָג, נעם איך א קאַפּעטשקע, ווי אין פּאָסעק שטייט: ניט מיט ברויט אליין לעבט דער מענטש...

און זאָגן האָב איך געזאָגט באַם אוועקגיין ניט קיין „זײַט געזונט", נאָר „צום ווידערזען", ווײַל א וואָרט האָב איך געגעבן, אז ווי נאָר ס'וועט האַלטן שמאָל מיטן פּלאַן, וועל איך טאָמיד קומען צולייגן א האַנט. האַקלאַל, אַזוי צי אַזוי, הײַנט בין איך א פרײַער פויגל, ווײַל איך, רו איך, ווייל איך, אַרבעט איך, און ס'איז מיר גוט פון אַלע זײַטן. כ'בין אויף מײַן ערד, אין מײַן לאַנד, אין מײַן היים פון מײַנע טאַ־טעס און זיידעס, און ניטאָ הײַנט די מוירע פאַרן מאָרגן, ווי אַמאָל האָט מען געמוזט אויס־קער זײַן אין דער ווײַטער אַמעריטשקע, זוכן גליקן בא רײַכע פעטערס און מומעס, ווו מע שעפּט גאָלד אין די זשמעניעס און מע פאַר־קויפט די נעשאָמע דעם טײַוול.

איר ווילט וויסן, ווער איך בין? איך בין א סטאָליער, און ניט פּאָשעט א סטאָליער, נאָר א סטאָליער בען סטאָליער. מיט דעם אונטער־שייד נאָר, וואָס בייס מײַן טאַטע, מײַנע זיי־דעס און עלטערזיידעס האָבן זייער גאַנץ לעבן געבויט און געמײַסטרעוועט טישן פאַר פּרעמ־דע הײַזער און אליין געגעסן קאַדאָכעס מיט קאָשערע פּאָדעם, האָב איך, מײַן מאַכט זאָל געזונט זײַן, אויסגעבויט אן אייגן ווינקל, מיט לײַטן גלײַך, און כ'פּראַווע סודעס בא אן איי־גענעם טיש. אַלע גרויסן זיך מיט מיר.

אָט אַזוי בײַטן זיך די צײַטן. מעשאַנע איטים. כ'געדענק, ווי מײַן טאַטע פלעגט דערציילן פון אַמאָליקן לעבן, ווי די פּניי, די שיינע, יוסטע באַלעבאַטים פלעגן זיך האַלטן אין איין רימען און גרויסן: דאַנקען און לויבן זײַן ליבן נאָ־מען — אין אונדזער מישפּאָכע איז ניט פאַראַן קיין באַלמעלעכלעך... און זיי פלעגן זיך אַרומ־טראָגן מיט זייער ייִכעס, ווי מיט אן עסרעגל. הײַנט אָבער, באַרעכהאַשעם, איז פאַרקערטע יאַצרעס: סטאָליער בען סטאָליער! אַרבעטער־קלאַס! באַלמעלאָכע! מאַכט א וואָרע — דער יעגיִעקאַפּאַיִמניק גייט!

יאָ, וועגן מײַנע קינדער. פינף זײַנען זיי בא מיר. איינס אין איינס. בלוט און מילך. געטאָקט און געטעסעט. צוויי זין און דרײַ טעכטער. די באָנים הויכע, ווי די דעמבן, און די טעכטער — דרײַ יעפּאַסטויאַרס און געראָטענע שוין איינ־מאָל! וועגן די זין איז דאָך אָפּגערעדט, מ'האָט זיי צעכאַפּט, ווי מאַצע־וואַסער. אויך די טעכ־טער אויסגעגעבן בעקאָוועד־גאָדל. שײַעך אויס־געגעבן — מע האָט זיי בא מיר אוועקגענומען מיט די הענט. און וואָס איז דער כידעש? שיי־נע, קלוגע, געראָטענע און גרויסע באַלעבאָ־סטעס דערצו. מאַמעש עס ברענט בא זיי אונ־טער די הענט. און מאַנצבלען האָבן ליב אַזוי־נע. אײַ־אײַ, וויפל קריגן עס קומען אַרויס און וויפל טעלער ס'ווערן געבראָכן, ווען דער מי־טיק איז צומאָל ניט צום האַרצן, דאָס ניט גע־ראָטן, יענץ ניט דערבראָטן... אוועק יענע טרויעריקע יאָרן, ווען מ'פלעגט זאָגן: אז מ'האָט טעכטער, פאַרגייט דאָס געלעכטער. אָדער נאָך

ערגער: מיט א טאָכטער איז א צאָרע: שלאָפט
זי — וואַקסט זי, שטייט זי אויף — וויל זי עסן...
נײַע צײַטן — נײַע קינדער. הײַנט, באַרעכהאַ־
שעם, אלע גוט אײַנגעאָרדנט, גוטע, גליקלעכע
פאַמיליעס. און אויב אפילע די געטער פון
אייניקע פון זיי שטרײַטן נאָך צווישן זיך אין
די הייכן, איז אָבער דאָ, פון אונטן, א לעבן, ווי א
לעקעך, אין ליבע און אין פרידן. עמעס, אויך
הײַנט גילט נאָך ווו־ניט־ווו א ווערטל: האָסט
א מויד בא זיך אין הויז, פאַרן ערשטן בעסטן
גיב זי אויס, וואָס מיינט: כאָטש אין גרוב, אבי
פון שטוב... מײַנע אָבער האָבן זיך מיט זייערע
באַשערטע קעגנזײַטיק געפונען און גוט גע־
טראָפן. איינס טוט נאָר באַנק, וואָס אלע מײַנע
קינדער זײַנען צעזייט און צעשפּרייט, ווײַט־
ווײַט פון מיר. ווי זאָגט דער נאָווי: „בנים
גדלתי ורוממתי — והם פּאָ סיעביע" — מאַכט ראַ־
שע: קטאָ קודאַ! אויסגעכאַוועט און דערצויגן
אלע מײַנע פינף, און טיר־טירו, זיך צעלאָפן ווי
די טײַבעלעך פון זייערע היימישע נעסטן. ווער
קיין צאַפן, ווער אפן ווײַטן מיזרעך, יאַם און
יאַבאַשע. און דאָס לעבן ארום קאָכט און זידט,
איז דען געמאָלט אײַנצוהאַלטן זיי אונטער דער
מאַמעס פאַרטעך? האָבן זיי צומאָל קיין צײַט
ניט אפילע א בריוול אָנצושרײַבן. עמעס, מיר
ריידן אָפט אין טעלעפאָן, און כ'קאָן זיך ניט
באַקלאָגן, זיי קומען שטענדיק פינקטלעך, ווען
נאָר כ'רוף זיי ארויס... עפשער מיסברויך איך
מיט זייער צײַט, באַזונדערס אין די אָוונטן —
צײַט פון קינאָ און טעאַטער, אָבער ווי האַלט
מען זיך אײַן ניט צו הערן, כאָטש דורכן
טרײַבל, זייער לעבעדיקע שטים? א טאַטע
בלײַבט א טאַטע... פאַרבײַט עס מיר די קאַל־
טע, טרוקענע בריוולעך — און כ'בין צופרידן.

יעדער יאָר מאַך איך מיר א רײַזע. אמאָל צו
איינעם, אמאָל צו א צווייטן, לויט דער ריי,
צוגאַסט, אזוי צו זאָגן. עמעס, כ'פאַרהאַלט זיך
בא זיי ניט אף לאַנג. דרײַ־פיר טעג און הײַדא
אהיים. געזעגן זיך — און ס'ווערט גרינגער אפן
האַרצן. און צוריק גערעדט: וויפל ז'דען דער
שיר זײַן א גאַסט? ווייסן מיר דאָך, אז א גאַסט
איז ווי פיש: אוועק דרײַ טעג — ניט ליב, ניט
פריש... צווישן אונדז גערעדט, איז דאַנקען און
לויבן, וואָס כ'האָב אן אייגן ווינקל, אן אָרט,
ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, א ווירלטיק, וואָס נאָר
צו דער עלטער קאָן מען אים אָפּשאַצן. זאָל
קיינער ניט ווייסן דעם טאַם פון אָנקומען צו
קינדער און אפילע צו אזעלכע גוטע, טײַערע
און ליבע, ווי מײַנע. און אָסער־צאַר, אויב מע
קאָן זיי באַשולדיקן. די צײַטן זײַנען הײַנט
אנדערע, די פאָדערונגען אנדערע, און דעריקער
די מאָדעס אנדערע. נעמט מיך, לעמאָשל, אין
מײַנע יונגע און מיטעלע יאָרן. איז מײַן דירע־
לע געווען ווײַט ניט קיין פאַלאַץ, און דאָך האָט
געסטײַעט אָרט פאַר אלע פינף טײַבעלעך מײַ־
נע. און פאַרוואָס? גאָר פּאָשעט, ווײַל דאָס
מעבל מײַנס, אזוי צו זאָגן, איז דאַן באַשטאַנען
פון א טיש, א בעט, א הילצערנער באַנק, און
סטאָפּ! הײַנט אָבער, גאָט דו ליבער, ניט גע־
קוקט אף דעם, וואָס אלע מײַנע זין און טאָכ־
טער פאַרמאָגן גאַנץ גערוימע דירעס, וועט איר
אָבער דאָרט ניט געפינען קיין פרײַ אָרט פאַר
א שפּילקע־קעפּעלע אפילע, שוין אָפּגערעדט,
ווו פאַר פרײַ דעם קאָפּ אוועקצולייגן פאַר א זײַטיקן
מענטשן, מעג דאָס זײַן אן אייגענער טאַטע...
און וואָסי? מעבל אָלעכאָ יִסראָעלו! מעבל,
מעבל און מעבל. ווו נאָר א פרײַ אָרט, ווו נאָר
א ליידיק ווינקל, ווו נאָר א שפּאַרונקע, איז
פאַרשטאָפּט, פאַרשטעלט און באַזעצט מיט
מעבל. בעטן, דיוואַנען, סאָפעס און גאַרדע־
ראָבן, סערוואַנטן און טאַרשערן (אלץ נײַע
נעמען), טישלעך און טומבעלעך, ביכער־שראַנ־
קען און פיאַנינעס, ראַדיאָס און טעלעוויזאָרס,
פאָטעפּאָנען און מעגאַפאָנען, און איבער אלץ
און אלעמען — טעפּיכער, טעפּיכער פון אלע
זײַטן. נו, און פון קיך־מעבל איז דאָך אָפּגע־
רעדט: אָנגעפּראָפּט פון דער סטעליע ביז צו
דער ערד און פון וואַנט צו וואַנט. קוים אײַ־
בערגעלאָזט א שטיקל אָרט פאַר א קליין עס־
טישל... (אלע עסן הײַנט אין די קיכן. אין סאַ־
מע „קאָדשע־קאָדשים", וואָס טראָגט דעם נאָ־
מען „עס־צימער", טאָר דאָרט וועגן עסן אפי־
לע ניט דערמאָנט ווערן).

נו, פרעג איך אײַך, האָט דען א זין לאַנג
צו פאַרהאַלטן זיך אין געסט? בין איך אָפּ דרײַ־
פיר טעג און פאַרקערעווע דעם דישל. פאַר־
פאַלן. ניט צו מאַכן. איינס אָבער ווייס איך:
בעסער פון אן אייגן ווינקל איז אין ערגעץ
ניטאָ. מעגלעך, כ'בין שוין אַלט און אָפּגעשטאַ־
נען. דאָך האַלט איך, אז די מאָדעס מיטן פּוסטן
גײַיִג נאָכן אויסערלעכן פּוץ פאַרשטעלן מיט
זיך דעם מענטשן. אָט קום איך נאָרוואָס פון
מײַן יינגסטער טאָכטער. איז וואָס מיינט איר?
די שטוב אירע איז אזוי אָנגעפּיקעוועט מיט די
אלע הילצערנע אָפּגעטער, אז ס'איז פּאָשעט
שווער צו עטעמען און דער מענטש גייט ארום
צווישן זיי ווי א שאָטן: דאָ זיץ ניט, דאָ שטיי
ניט, קורץ — ביסט ווי געליימט... איז מיילע,
דאָס, וואָס מע מוז, מוז מען: א טיש, א שטול,
א בעט, אוכעדוימע נייטיקײַטן. צו וואָס אָבער,
פרעג איך אײַך, האָט זיך דאָ אַרײַנגערוקט אין
סאַמע אויבנאָן א בײַכיקע פיאַנינע? אז שפּילן
שפּילט בא איר אין שטוב, צווישן אונדז גע־
רעדט, קיינער ניט, און אף נאָטן קוקן בא איר
אלע, בימכילע, ווי אף טאַרגעם־לאָשן (מע מוז
דען האָבן אלע טאַלאַנטן?).

— טאַטע, — זאָגט זי, — ס'איז איצט א מאָדע
אזא.

— מאָדע, שמאָדע, — רוף איך זיך אָפּ, — כ׳האָב גאָרניט קעגן אזא שפּיל־קאסטן. נאָר אין מײַנע צײַטן איז געווען אזא פיר: אויב עמעצער איז געווען א „יודייע־נאגן", א שפּילער הייסט עס, האָט ער געקויפט א פידל צי אן אנדער קלאפּערגעצײַג און טאקע געשפּילט. און אויב ווער ס׳געווען קלאָר אין די שווארצע פּינטלעך, פראָסט־פּאָשעט ליב געהאט ארײַנצוקוקן אין א סייפער צי סטאם א בוך, האָט זיך בא אים געוואלגערט א שלאל אזוינע ספאָרים און ביכלעך, אָפּן און בעפארהעסיע, אין אָפענע אלמערס צי אף די פּאָליצעס, עמעס שטארק צעקנייטשטע, צעפּליקטע, צומאָל, פון שטענדיקן געגנוץ — נא, לייען וויפל דײַן הארץ גלוסט.

אנטקעגן וואָס זאָג איך עס? ווידער וועגן מײַן טאָכטער. גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאר די רייד. כאָטאָסי — אייגן בלוט. נאָר צו וואָס לייקענען? זי איז שטארק קאליע געוואָרן אין מײַנע אויגן, צײַט זי האָט כאסענע געהאט, כאָטש דאפקע גוט כאסענע געהאט. און ניט נאָר זי אליין. ווו־ניט־ווו קאָן מען נאָך באמערקן דעם־אָ מין יוגנט, וואָס קוים מ׳האָט כאסענע געהאט, אײַנגעאָרדנט דאָס לעבן מיט לײַטן גלײַך, אײַנגעשאפן דאָס גאנצע מאָדערנע קלאפּערגעצײַג — מעבל און דעסגלײַכן, אזוי טוט עס אָן פּאמעלעך א נײַע הויט, ווערט פארוואקסן מיט באלעבעסלדיק פּעטס... און דאָ קום איך טאקע צום איקער, צו די ביכער.

ווער ווייסט עס ניט, אז אונדזערע מענטשן האָבן ליב א בוך? קוקט זיך נאָר צו אין אווטאָבוס און טראמווײַ, אין באן און טראָלייבוס, מעטראָ און ערראָפּלאן — איין לאנגער, גרויסער לייען־זאל, וואָס ציט זיך פון איין ברעג לאנד ביזן צווייטן. בא מײַן טאָכטער שטייען אין די צימערן צוויי גרויסע ביכער־שראנקען, ריינע, שיינע, ציכטיקע, וואָס גלאנצן ווי די שפּיגלען, נאָר — אונטערן שלאָס! און כ׳וואָלט שווערן, אז קיין בען־אָדאָם האָט זיך נאָך צו זיי ניט צוגערירט... ווײַל די ביכער פארהיטן נאָך, אפּאָנעם, זייער ערשטע צניִעס: שמעקן מיט פארב און, מעגלעך, נאָך ניט צעשניטן... שטייען זיי אלע, נעבעך, איינזאם, אין זייערע בונטע אײַנבונדן — זאָליא און באלזאק, פראנס און פלאָבער, שאָלאָכאָוו און שאָלעם־אלייכעם, מענדעלע און מארקיש, טשעכאָוו און טאָלסטאָי, טאגאָר און טורגעניעוו (כ׳קאָן דען זיי אלע פארגעדענקען?). שטייען זיי שטום, אונטער זיבן שלעסער, קוקן דאָרשטיק ארויס דורכן געשלייפענעם גלאָז. און די באלעבאטים זייערע, מײַן טאָכטער הייסט עס, מיט די אלע איריקע, ציטערן איבער זיי, ווי איבער א קראנק קינד, ראכמאָנע־ליצלאָן, לאָזן אף זיי קיין שטויבל ניט פאלן. מיט איין וואָרט, א צירונג אין שטוב!

— טאָכטערקע, — זאָג איך א שטארק געפלעפטער, — וואָסי? האָסט שוין פארגעסן, בימכילע, א צוראס־אָס, וואָס די דאָזיקע־אָ שטייען בא דיר פארשלאָסן און פאריגלט?

— ניין, טאטע, — ענטפערט זי מיט גאדלעס, — מיר לייענען דאפקע א סאך, אָט זע, — און ווײַזט מיר אָן אף דער עטאזשערקע אף א בינטל ביכער, נײַע און אלטע, שוין האלב צעשאָטענע פון געגנוץ, און וואָס זעען אויס לעגאבע דעם ביכער־שראנק, ווי אָרעמע קרוייווים, — נאָר מיר נעמען זיי אין די ביבליאָטעקן, צו עטלעכע מיטאמאָל... פארשטייסט, די אייגענע שאנעווען מיר, זיי זאָלן ניט פארלירן זייער גלאנץ.

— אך, — זאָג איך צו איר, — אייגענע און פרעמדע, ווילסטו זאָגן, מײַנע און יענעמס, קאַזיאָנע, הייסט עס, צו וועלכע מע דארף קיין הענטשקעס ניט האָבן? פּע־פּע, טאָכטערקע, ניט גוט אזוי, צו פרי ארײַן אין די פּעדערן, באפרײַ זיך פון דעם, קאָלזמאן ס׳איז ניט שפּעט!

— ערגער זיך ניט, טאטע, — מאכט זי, — ס׳איז אזא מאָדע הײַנט, און ניט בא מיר אליין.

— טאָ לעמײַ קוקן אף יענעם? זאָל יענער קוקן אף דיר, און דו טו, ווי סע פּאסט.

נאָר העלפט דען רייד, ווען ס׳איז א מאָדע? און גיי קריג זיך מיט איר.

אָט פארוואָס, כאָזער איך איבער, בין איך אָפּ צוגאסט בא מײַנע קינדער בלויז עטלעכע געציילטע טעג.

א דאנק און א לויב, וואָס אין מאטעריעלער הילף נייטיק איך זיך ניט, כאָלילע (מײַנע קינדער וואָלטן מיך געוויס ניט פארלאָזט), ערשטנס, ווײַל סע סטײַעט מיר מײַן פּענסיע, זאָל לעבן, דײַ־וועהויסער, נאָך מיט א סמיטשעק, און, צווייטנס, האלט איך מיך באם קלאל: בעסער געבן, איידער נעמען... מאך איך טאקע עטלעכע מאָל אין יאָר גאנץ שיינע מאטאָנעס פאר מײַנע טײַבעלעך, זין, טעכטער, שניר און אייניקלעך, צו א געבורטסטאָג אָדער סטאם א יאָמטעוו. מע דארף נאָר, זאָגט איר, וועלן, א געלעגנהײַט וועט זיך שוין געפינען. היט איך אָפּ דעם דאָזיקן אײַנפיר מיט פארגעניגן, יאָר־אײַן, יאָר־אויס. כ׳וויל זיי דערמאָנען, מײַנע טײַבעלעך, אז זיי האָבן א טאטן, וואָס האָט זיי שטארק ליב און געדענקט אָן זיי גאָר־גאָר שטארק.

און דערמיט פארענדיק איך, ווײַל כ׳אײַל מיך צום טעלעפאָן. כ׳האָב באשטעלט א געשפּרעך מיט מײַן ייִנגסטער, ליבסטער טאָכטער.

• • •

פאַרצייכענונג

זאַלמען מינקין

(דאָנעצק)

רײַזע-נאָטיצן פון א געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער

פּאַריקן זומער האָט אין דאָנעצק, פּונקט ווי אין אנדערע ערטער אף מיזרעך־אוקראַיִנע, אָפּט גערעגנט. ס'איז געווען פּריש, קילבלעך, א מעכײַע. האָב איך באשלאָסן מאכן א נעסיִע איבער די דאָנבאסער שטעט: ערשטנס, וויפל איז דער שיר זיצן און קוועטשן די באנק אין דער אייגענער שטוב? און, צווייטנס, ניט אזוי צוליב מיר אליין, ווי צוליב דער געזעלשאפטלעכער שליכעס. האקלאל, איך זיץ שוין אין איינעם אזא אווטאָבוס, און ער פירט מיך קיין יענאקיִעוואָ.

מײַן אָרט איז דאָס זיבעטע פון רעכטס, לעבן דעם פענצטער. ס'איז נאָך א רעגן, צוועלף אזייגער באטאָג. דורך די אייבערשטע עטוואָס צעעפנטע פראמוגעס בלאָזט א געמיטלעך ווינטל. די זון פרוווט זיך דורכרײַסן דורך די וואָלקנס, און זי הייבט אָן צו ווארעמען.

און ווען ס'איז גוט אפן הארצן, קומען אפן זיקאָרן קאָלערליי דערינערונגען, מאכשאָוועס. עס דערמאָנען זיך לייענער, מיט וועלכע איך האָב זיך דאָ ניט לאנג באקאנט. אָט, לעמאָשל, דער זשדאנאָוועער טוישעוו גריגאָרי אבראמאָוויטש לוקאשעוויטש. שוין אָן עלטערער פענסיאָנער, נאָר זייער א באוועגלעכער און פלינקער. ער איז מאמעש אײַנגעקאָכט אין דעם ייִדישן געדרוקטן וואָרט. מיט א באזונדערער כשיוועס באציט ער זיך צו די קינסטלערישע רעפּראָדוקציעס, וועלכע דרוקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאנד". אָט באווײַזט ער מיר א זעלבסטגעמאכטן אײַנבונד פון בילדער, וואָס ער האָט אויסגעשניטן פונעם זשורנאל פאר אלע יאָרן פון זײַן דערשײַנען — ס'איז דאָך א גאנצער אויצער!

פון לוקאשעוויטשן פירט מיך די נײַגעריקײַט איבער דער שטאָט, וואָס איך קען זי שוין א שאָק מיט יאָרן. איך גיי איבער אירע צענטראַלע גאסן און קוק זיך אײַן. „וועלכע, — טראכט איך, — איז אמאָל געווען די „טאָרהאָווע", וווּ ס'האָט געוווינט מײַן פעטער זאלמען?" — ניט דערקענט! און וווּ איז דער פאלאץ, אין וועלכן איך האָב אמאָל זיך געלערנט אף קאָאָפּעראַטיווע רעכענונגס-קורסן? — ניט געפונען...

שאָט! — אָט איז א צווייטער אבאָנענט מײַנער — הערש טשערטקאָוו. ער וווינט אף דער קויִנדזשי־גאס, ווײַטלעך פונעם צענטער. ער איז קימאט מײַנער א זעמליאק, פון דער אלטער ייִדישער קאָלאָניע, וועלכע האָט געהייסן „דריטער נומער". ווען ער איז געווען אפן פראָנט, האָבן די היטלערישע מערדער אומגעבראכט זײַן גאנצע מישפּאָכע. איבערלעבן אזא אומגליק און ניט אײַנגעבראָכן ווערן סײַ פיזיש, סײַ גײַסטיק — דאַרף מען זײַן שטארקער פון אײַזן. און ער איז טאַקע געווען שטארקער פון אײַזן, און איז אזא ביז איצט. אפילע שוין אף פענסיע, פארנעמט ער זיך מיט פיזישער ארבעט. אויסער דעם, איז ער דאָך מײַנער א שטיקל „קאָרעוו" — א געזעלשאפטלעכער פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאנד".

מײַן שאָכן אין אווטאָבוס טוט מיך א טאָרקע אין זײַט:

— וואָס האָט איר זיך אזוי פארטראכט — עס הייבט זיך שוין אָן יענאקיִעוואָ!

איך גיב א קוק: יאָ, מיר זײַנען ארײַנגעפאָרן אין דער פאָרשטאָט. און אָט שפּאַן איך שוין איבער די גאסן. מע קאָן פאָרן צום צענטער מיטן טראמווײַ, נאָר בעסער איז גיין צופוס. אין האָטעל, ווי געוויינלעך, זײַנען קיין פרײַע ערטער ניטאָ, נאָר אויב איך בין שוין אהער געקומען, וועל איך ניט פארפאלן ווערן. איך זעץ זיך אפן טראמווײַ, וואָס פירט צו דער שאכטע „קראסני אָקטיאבער". צוערשט מיין איך פאָרן ביזן סאָף, ווו עס געפינט זיך די פּאָטשט־אָפּטיילונג נומער 6 — דאָרטן וווינט לעוו באָריסאָוויטש טראָסטענעצקי, אויך א פארקאָכטער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד". אָבער אינמיטן וועג טוט א בלענד א נײַער מיקראָ־ראיאָן מיט הויכע פילשטאָקיקע הײַזער און מאגאזינען.

— וואָס איז דאָס? — טו איך א פרעג.

דאָס איז דער צענטער פונעם ייִשעוו פון דער שאכטע „קראסני פּראָפינטערן" און ניט ווײַט פונדאנען — די פּאָטשט־אָפּטיילונג נומער 5. צי איך זיך אראָפּ פון טראמווײַ: וואָס זשע, איך מיינט, אז דאָ האָט ניט „סאָוועטיש היימ־

לאַנד״ קיין אבאַנענטן? אָט, לעמאָשל, לייב פּראַשקער...

די טיר עפנט מיר א נידעריקער יונגערמאַנ־טשיק פון א יאָר פופציק, און איך דערקען גלייך, אז דאָס דאַרף זיין א שאַכטיאָר: לויט זיין פּאָנעם, וואָס איז באַדעקט מיט טונקלקייט. א גלאַט פּאָנעם, נאָך אָן קנייטשן. די האָר אויפן קאָפּ און די אויגן — פעך־שוואַרץ.

— שאָלעם־אַלייכעם!

— אַלייכעם־שאָלעם! — באַגעגנט ער מיך גאַסטפריינטלעך.

אין עסצימער איז דער טיש פול מיט אַל־דאָסגוטס, און עס גייט אוועק א געמיטלעכער שמועס. פּראַשקער, ווייזט זיך אַרויס, שטאַמט פון פּוילן. אין 1939 איז ער, א זיבעצניאָריקער באָכער, צוזאַמען מיט א סאַך אַזעלכע, ווי ער, אַנטלאָפן פון די היטלעראָווצעס און געקומען אויף מיירעוו־אוראַל. דאָרט האָט ער זיך איינ־געאָרדנט אַלס א שוואַרצאַרבעטער אויף א קוילן־שאַכטע און איינצייטיק זיך געלערנט אין אַוונטיקן באַרג־טעכניקום. אַזוי איז ער געוואָרן א באַרג־מייסטער און אַרבעט שוין באַ דריי־צענדליק יאָר אין דער קוילן־אינדוסטריע.

— זייט באַקאַנט מיט מיין ווייב, — זאָגט לייב מאָיִסייעוויטש, ווען עס קומט אַריין זיין פרוי.

— מאַריִא איוואַנאָוונאַ, — שטעלט זי זיך פאָר. — נעמט, ביטע, א שטיקל געפילטע פיש.

פרעגן, וויאַזוי אַן אוקראַיִנישע פרוי האָט זיך אויסגעלערנט גרייטן אָט דאָס מאכל, איז מיר ניט באַקוועם. נאָר מאַריִא איוואַנאָוונאַ קומט מיר אַליין צו הילף:

— די שכיינעס מיינע... באַ זיי האָב איך איבערגענומען די קונסט...

א היפּש שטיקל צייט פאַרברענג איך אין דער גאַסטפריינטלעכער מישפּאָכע. ס'איז א שאָד זיך צו שיידן מיט איר. מיר רעדן אָפּ, אז מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר נאָכאַמאָל זיך באַגעגענען.

אויפן צווייטן טאָג, ווען איך גיי מיט פּראַש־קערן צו דער שאַכטע, באַמערק איך, אז אויפן גאַנצן וועג באַגריסן זיך מיט אים פאַרבייגייער. זיי טוען עס גוטברודעריש צוגעלאָזן, ווי גאָר נאָענטע. ווען מיר קומען אויף דער שאַכטע, פילט זיך דאָ לייב מאָיִסייעוויטש ווי באַ זיך אין דער היים. מיר באַגעגענען עטלעכע ייִדן, און צווישן זיי, דערוויסנדיק זיך, אז איך בין א געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער פון „סאָ־וועטיש היימלאַנד״, לאָזן מיר איבער זייערע אַדרעסן, קעדיי איך זאָל זיי העלפן אויסשרייבן דעם זשורנאַל.

פּראַשקער איילט אויף א באַראַטונג אין דער שאַכטע־פאַרוואַלטונג. פאַרן צעשיידן זיך בעט ער מיך אַריינפאָרן צו זיינער א פרוי, וועלכע אַרבעט אין מוזיקאַלן סאַלאָן. זי נעמט באַ אים, באַ פּראַשקערן, פון צייט צו צייט דעם זשור־נאַל אויף צו לייענען. פאַרשטייט זיך, ס'וועט ניט שאַטן מיט איר זיך דורכשמועסן. דערווייל זעץ איך זיך ווידער אין טראַמוויי און פאָר צו אין ייִשעוו פון דער שאַכטע „קראַסני אָקטיאַבער״, וווּ עס וווינט לעוו באָריסאָוויטש טראַסטע־נעצקי.

באַ לעוו באָריסאָוויטש אין שטוב איז רע־מאָנט. נאָר מיר געפינען אָן אָרט אויף זיך דורכ־צוריידן. טראַסטענעצקי איז נאָך אין 1928 גע־קומען קיין דאָנבאַס, צוזאַמען מיטן דעמלטיקן שטראָם פון דער שטעטלדיקער יוגנט, און אָפּ־געאַרבעט אַלס עלעקטריקער אויף דער גאָרלאָווקער שאַכטע נומער 9 א יאָר אַכט. ווי פּראַש־קער, האָט ער איינצייטיק זיך געלערנט אין אָוונטיקן באַרג־טעכניקום און איז געוואָרן דער שעף פון דער אונטערערדישער עלעקטראָוואָז־דעפּאָ אויף דער שאַכטע „קראַסני אָקטיאַבער״. ער איז א קאָמוניסט. אין זיין אַרבעט אויף דער שאַכטע אין יענאַקיִעוואָ איז געווען בלויז איין איבערייס: אין דער צייט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, ווען ער איז אוועק אויפן פראָנט.

לעבנדיק נאָך אין זיין שטעטעלע פּעשטשאַנ־קע, היינטער ווינניצע, האָט טראַסטענעצקי איינ־געזאַפּט אין זיך די ליבע צום ייִדישן וואָרט. א לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז ער פונעם ערשטן נומער אָן. אויך א ייִדיש בוך גייט אַריין, ווי ער זאָגט, אין זיין „טאָג־ראַ־ציאָן״.

און נאָך א מישפּאָכע: מאָיִסיי סאָלאָמאָנאָ־וויטש זילבערבערג און זיין פרוי בעלע מאָי־סייעוונע. העכער א פערטל יאָרהונדערט אַר־בעטן זיי צוזאַמען אויפן יענאַקיִעווער מעטאַלור־גישן זאַוואָד: ער — אַן עלעקטראָ־שלאָסער, זי — א נאָרמירערין. היי־געבוירענע, נאָך אין מיטעלן עלטער, האָבן זיי זיך אויסגעלערנט ייִדיש, שטודירנדיק מ. שאַפּיראָס לעקציעס, וועלכע „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט געדרוקט. זיי לאָדן מיך איין אויף נאַכטלעגער, נאָר איך איייל אויפן וואָקזאַל נאָך מיין פּאָרטפעל.

גיי איך מיר אַזוי צו דער אייזנבאַן־ליניע און טראַכט וועגן דעם, ווי עס האָט מיר אָפּגע־גליקט שוין אינעם ערשטן טאָג אין אָט דער שאַכטיאָרישער שטאָט. און ווען איך קום צו דער סטאַנציִאָנע־גאַס, דערמאָן איך זיך, אז אינעם צעטל פון די לייענער פון יענאַקיִעוואָ איז פאַראַן א מענטש, מיט וועלכן איך בין ניט באַקאַנט און ער וווינט אויף אָט דער גאַס אין הויז נומער פינף און זיין נאָמען איז עליע וועלטמאַן. וועל איך טאַקע צו אים אַריינגיין.

אויף מיין קלאַפּ אין קאַליטקע ענטפערט צו־ערשט א הינטיש בילן — דער קעלעוו רייסט זיך אַזוי פון דער קייט, אז מיר דוכט, עס גייט כאַדאָראָם דער גאַנצער הויף. די קאַליטקע עפנט זיך — און פאַר מיינע אויגן שטייט א געזעצטער ברייטלייביקער זאָקן מיט א קורץ־גרויע בערדל און לאַנגע פאַרדרייטע וואָנצעס, ווי באַ טאַראַס בולבע. אַן עמעסער אוקראַיִנער, נאָר פאַרוואָס עפּעס האַלט ער אין די הענט א ייִדישע בלאַט? איך קוק זיך איין — „בירא־בידזשאַנער שטערן״!

— פונוואַנען איז אַ ייִד?

איך ענטפֿער אויך מיט אַ פֿראַגע:

— דאָס זײַנט איר איליאַ סעמיאַנאָוויטש וועלטמאַן?

— וואָדען, — זאָגט ער, — אַוואָדע!

און אָט זיץ איך שוין אין הויף אויף אַ ווינער בענקל און באַטראַכט דעם סאָד, אַ פֿול אָנגעשפּיקעוועטן מיט פֿרוכטביימער און בייטן מיט קאָלערליי גרינס. דער באַלעבאָס זעצט זיך אַוועק אויף אַ צווייט בענקל, ווו ס׳איז ערשט נאָרוואָס געלעגן דער לעצטער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד״ — קענטיק, פֿאַר מײַן אַרײַנקומען האָט מען אים געלייענט. ווען איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט און געזאָגט, וואָס פֿאַר אַן אינטערעס האָט מיך אַהער געבראַכט, האָט זיך דער אַלטער מאַמעש אַ הייב געטאָן פֿון אָרט:

— איך וווין שוין אין יענאַקיִעוואָ זיבעצן יאָר, אָבער קיינמאָל נאָך ניט געזען אין די אויגן אַ פֿאַרשטייער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״. גוט, וואָס איר זײַנט געקומען אַהער!

פּרוּוו איך אים איבערצײַגן, אַז איך בין ווײַט ניט קיין פֿאַרשטייער פֿונעם זשורנאַל — בלויז אַ געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרשפּרייטער. נאָר ווערוואָס, ער וויל אַפֿילו ניט הערן.

— אַלציינס אַ פֿאַרשטייער! קאָלזימאַן מע פֿאַרנעמט זיך לעטויוועס דעם זשורנאַל, שטעלט מען אים פֿאַר!

איליאַ סעמיאָנאָוויטש איז אַזוי אופֿגעלייגט מיט מײַן קומען, אַז ער ווייסט פֿאַשעט ניט וואָס צו טאָן מיט מיר.

— ריוועלע! — טוט ער אַ רוף. — קום אַהער און זע, וואָס פֿאַר אַ טײַערן גאַסט מיר האָבן (דאָס ווײַב האָט זיך געפּאָרעט אין גאָרטן).

דערהערט, אַז מײַן באַלעבאָס איז געווען אַ לערער פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אָבאַדיווקע און אין טשעטשעלניק, וויניצער געגנט, איז מיר שוין גרינגער אויסקלײַבן די טעמע פֿאַר אונדזער שמועס. צוערשט ריידן מיר זיך דורך וועגן די ווערק, וועלכע עס דרוקט „סאָוועטיש היימלאַנד״, וועגן שרײַבער. דערנאָך איז מיר טשיקאַווע צו וויסן, ווי אַזוי איז דער געוועזענער ייִדישער לערער מעגולגל געוואָרן אַזש אין דאָנבאַס.

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — ענטפֿערט ער. — ס׳איז דאָך אַ גאַנצע מעַסע צו דערציילן! איך בין געווען אויפֿן פֿראָנט, און מײַן הויזגעזינד — דאָס ווײַבל מיט דער טאָכטער — האָבן זיך עוואַקויִרט אויף דער עמס־אוראַל. צוויי זין זײַנען אויך אַוועק אין דער אַרמיי. די טאָכטער האָט נאָך פֿאַר דער מילכאָמע פֿאַרענדיקט דעם מעדיצינישן אינסטיטוט און געאַרבעט אַלס רענטגענאָלאָג. דאָרטן טאַקע, אויף אוראַל, האָט זי כאַסענע געהאַט פֿאַר אַ זאַאָטעכניקער פֿון אַמוראָסיִעווקע, באַ פּאָפּיק קילאָמעטער הינטער דאָנעצק. אַהין האָבן מיר זיך איבערגעצויגן נאָך דער מילכאָמע, און פֿון דאָרטן קיין יענאַקיִעוואָ. איין זון וווינט אויך דאָ, דער צווייטער — אין אָדעס.

דער אַלטער טוט אַ שמייכל:

— פֿילנעוועזן אַ סאָד מיט אַ גאָרטן איז אַוואַדע שוין פֿאַר אונדז ניט גרינג. נאָר מיר האָבן זיך אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דעם, אַז מיר באַמערקן עס ניט. שטופּן מיר נאָך דערווײַל די קאַרעטע. און אַז ס׳איז דאָ אַ בוים, קאָן מען זיך אונטער אים צוזעצן און נעמען אַ ביכל אין האַנט, צי אָט אונדזער זשורנאַל...

און נאָך איין באַגעגעניש — אין הויז נומער 50, אויפֿן לענין־פּראָספּעקט. אַהער בין איך געקומען לויט פּראָשקערס רעקאָמענדאַציע — צו מאַריַע יאַבלאָנאָווסקע. זי האָט שוין געוווּסט וועגן מײַן וויזיט. פּראָשקערס זון אַנאַטאָלי ברענגט איר אָפּט דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״. זי לייענט אים רעגולער, און אַצינד האָט זי פּעסט באַשלאָסן:

— גענוג שוין זײַן אַ לייענערן אויף אַ פּרײַנטס כעזשבן. איך אַבאָניר זיך אַליין און אייצע אויך אַנדערע עס טאָן.

מיר גייען אַרויס אין גאַס, און, שפּאַצירנדיק, דערציילט מיר מאַריַע מאָסייעוונע איר לעבנס־געשיכטע. מיט אַ יאָר אַכט צוריק איז געשטאָרבן איר מאַן. 36 יאָר האָט ער געאַרבעט אַלס שטאָלגיסער אין מאַרטען־צעך פֿונעם היגן מעטאַלורגישן זאַוואָד. זי אַליין איז אויך אויסגעוואַקסן אין אָט דער שטאָט.

— איך האָב דאָ אַ טאָכטער, — דערציילט זי, — שוין אַ כאַסענע געהאַטע. איר מאַן איז אַן אינזשעניר, אַ מײַסטער פֿון שטאָלגיסערײַ אין קאָנווערטאָר־צעך.

און אַזוי ווי מיר ריידן, קומט אונדז אַנטקעגן אַ יאַטל פֿון אַ יאָר פֿערצן. מאַריַע מאָסייעוונע טוט זיך אַ וואָרף צו אים און ער צו איר.

— מײַן אייניקל, — שמייכלט זי, — געזונט זאָל ער מיר זײַן...

געזעגנט זיך מיטן אייניקל, פֿירט מיך מאַריַע מאָסייעוונע ווײַטער איבער די יענאַקיִעווער גאַסן. דער אוילעם איז דאָ דורכויס אַ האָרעפּאַשנער. עס באַגעגענען זיך ייִדן שאַכטיאָרן! ייִדן אינזשעניערן! ייִדן שלאָסער, טעכנאָלאָגן, שאָפֿערן, מעטאַל־אַרבעטער, — אַ מעכײַע אויף זיי צו קוקן. עטלעכע פֿון זיי זײַנען הײַנט געוואָרן לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

יאָ, איך דאַרף זײַן צופֿרידן מיט אָט דער שטאָט! ערשטנס, האָב איך, ווי געזאָגט, געקראָגן נײַע אַבאָנירטע לייענער פֿאַרן זשורנאַל, און צווייטנס — דערוואָרבן אַזויפֿיל נײַע פֿרײַנט: וווּנדערלעכע מענטשן, פֿאַרוואָרצלטע אין לעבן, פּאַטריאָטן פֿונעם סאָוועטישן היימלאַנד, מענטשן מיט ברייטע געזעלשאַפֿטלעכע אינטערעסן, ליבהאָבער פֿון ליטעראַטור.

אַדיע, יענאַקיִעוואָ!

כ׳בין ווידער אין וועג. איצט פֿאָר איך אין אַ צווייטער דאָנבאַסער שטאָט — קיין גאָרלאָווקע.

● ● ●

קריטיק

יעשוע הוטנער

(סמאָלענסק)

איייניקע באַמערקונגען צו מ. שאַפּיראָס און מ. איטקאָוויטשעס פּאָלעמישע אַרטיקלען

קוידעמקאָל ווילט זיך מיר אויסדריקן אַן אופריכטיקן דאנק דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" פאר שענקען פיל אופמערקזאמקייט די פראגן פון שפּראַך. אין די פּאָלעמישע אַרטיקלען פונעם ניט לאנג צוריק פארשטאָרבענעם מ. שאַפּיראָ און פון מ. איטקאָוויטש[1] ווערן געשטעלט וויכטיקע פראגן פון לעקסיק, גראַמאַטיק און אויסלייג. מע קאָן דעריבער פולשטענדיק מאַסקים זײַן מיט דעם כ' איטקאָוויטש, ווען ער שרײַבט, אַז דאָס אַרטיקל פון כ' מ. שאַפּיראָ „האָט גאָר א גרויסן ווערט".

נאָר דער כ' איטקאָוויטש שטעלט ארויס אויך א היפּש ביסל טענות צום כ' שאַפּיראָ, וועלכער גיט טאַקע דאָ אַפן אָרט — אין דעם זעלבן נומ. 9 פון „סאָוועטיש היימלאנד" — א געניטעם ענטפער. דעם גרעסטן טייל טענות וואַרפט מ. שאַפּיראָ אָפּ, מיט אייניקע איז ער מאַסקים. הייסט עס, אַז עס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט א גאַנץ שאַרפע דיסקוסיע. און דאָס איז טאַקע גוט. ס'איז אויך געוווּנטשן, אַז אַזעלכע פּאָלעמיקעס זאָלן געפינען א ברייטן אָפּקלאַנג בײַ די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, — דאָס וועט געוויס מיטהעלפן צו אָפּהיטן די ריינקייט פון אונדזער לאָשן.

כאָטש איך בין ניט קיין ספּעציאַליסט־פילאָלאָג (איך האָב פאַרענדיקט דעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט אַלס היסטאָריקער), ווילט זיך מיר ארויסזאָגן א מיינונג וועגן אייניקע פראגן, וועלכע ווערן באַרירט אין די אַרטיקלען פון אונדזערע כאַשעווע פּאָלעמיקער.

פריִער פאַר אַלץ, וועגן דעם כ' איטקאָוויטשעס פּרינציפּיעלער פראַגע „מי וואָמי האַהוילכים?". ווער איז דער „מיר"? פאַרוואָס ווערן ניט באַם צונויפשטעלן דעם רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך אָפּגעהיט די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, וועלכע זײַנען א געזעץ פאַר אַלע ווערטערביכער? פאַרוואָס איז ניטאָ און ווערט ניט פאַרשפּרייט קיין ווערטער־רעשימע („סלאָווניק")?

דער כ' שאַפּיראָ האָט געגעבן אַן ענטפער אַף אָט דער פראַגע. נאָר, לויט מײַן מיינונג, איז טיילווײַז גערעכט דער כ' איטקאָוויטש. עמעס, דער טאָן זײַנער אינעם אַרטיקל איז ניט גאָר קיין געהעריקער, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אויזורפירט די זאַך און וויל אָנבינדן אונדז אַלעמען זײַן מיינונג, זײַנע געשמאַקן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ניט אַזוי. פאַרקערט, מיר דאַכט, אַז מע דאַרף זאָגן א יאַשער־קויעך די מעכאַברים, דער רעדאַקציע פונעם ווערטערבוך, וואָס האָבן גענומען אַף זיך די גרויסע אַוודע פון צונויפשטעלן און צוגרייטן צום דרוק אַזאַ קאַפּיטאַל ווערק. מיר פאַרמאָגן ניט קיין ייִדישע וויסנשאַפטלעכע שפּראַך־אינסטיטוציעס, וועלכע זאָלן אָנפירן מיט דער אַרבעט, זאָגן זייער אויטאָריטעט וואָרט אין ספּייקעסדיקע פראַגן, ווערט עס דעריבער אַן אייניען פון א פאַרלאַג, וועלכער לאַדט אײַן א גרופּע אויטאָרן. מיט אַזאַ פאַל האָבן מיר דאָ איצט צו טאָן, און עס קאָנען ניט זײַן קיין פאָרוווּרפן דעם כ' שאַפּיראָ און די איבעריקע מעכאַברים. פאַרשטייט זיך, דאָ קאָן אויך ניט

[1] זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 4, 5, 9 פאַרן 1973 יאָר.

גיין קיין רייד וועגן א „סלאָווניק". דער כ׳ שאפּיראָ איז גערעכט: באם צונויפשטעלן א ווערטערבוך ווערט עס ניט פראקטיקירט. שוין ניט גערעדט פון דעם, אז דאָס פאָדערט פיל צײַט, טירכע און באַזונדערע הויצאָעס.

דאָך האָבן די מעכאברים, די רעדאקציע פונעם ווערטערבוך עטוואָס פארזען, און דאָ איז דער כ׳ איטקאָוויטש גערעכט. ערשטנס, ארום „סאָוועטיש היימלאנד" גרופירן זיך א סאך ייִדישע שרײַבער, זאָל זײַן ניט קיין פילאָלאָגן, נאָר שפראכקענער זײַנען זיי. צווייטנס, געוועזענע לערער פון ייִדישער שפראך און ליטעראטור (אגעוו, איך בין איינער פון זיי) וואָלטן אויך געקאָנט עפעס וואָס זאָגן וועגן שפראך־פראגן. איז פארוואָס האָט די רעדאקציע פונעם בוך ניט געמאכט קיין פרוּוו ביז איצט צוצוזען אָט די קויכעס אין דער אָדער יענער פאָרם צו דער ארבעט (אף געזעלשאפטלעכע יעסוידעס), אויסהערן זייער מיינונג וועגן דער אָדער יענער פראגע? דעם כ׳ שאפּיראָס ארטיקל איז, ווײַזט אויס, דער ערשטער פרוּוו אין דעם זין, נאָר דאָס איז נאָך ווייניק. ס׳איז געווונטשן א שטענדיקע פארבינדונג מיט ייִדיש־קענער (שריפטלעך און פערזענלעך), א שטענדיקע אינפאָרמאציע אין זשורנאל וועגן די אָדער יענע פראגן. דאָס וואָלט בעפיירעש באַטײַט אָפהיטן די דעמאָקראטישע פרינציפן, וועגן וועלכע ס׳שרײַבט דער כ׳ איטקאָוויטש. מיר דאכט, אז עס איז נאָך ניט שפעט צו פאריכטן דעם דאָזיקן פעלער.

און איצט וועגן אייניקע, אין די ארטיקלען באַרירטע קאָנקרעטע פראגן.

1. כאָקיי — האָקיי? באַרביוס — באַרביס?

דאָ איז אינגאנצן, לויט מײַן מיינונג, גערעכט מ. איטקאָוויטש. מ. שאפּיראָס ארגומענט וועגן „ג" און „כ" אין רוסיש אָנשטאָט h איז געקינצלט און האָט ניט קיין באָדן. אין דײַטש, ענגליש, פראנצויזיש און אין אלע אנדערע שפראכן, וועלכע פארמאָגן דעם קלאנג „ה", רעדט מען (און בעמיילע שרײַבט מען) „האָקיי". און אזוי דארף מען רײדן און שרײַבן אויך אין ייִדיש. מיר דוכט, אז דאָ דארף גילטן דער קלאל: רײדן (און בעמיילע אויך שרײַבן לויטן פאָנעטישן פרינציפ) אזוי, ווי עס ווערט ארויסגערעדט דאָס וואָרט אין דער שטאם־שפראך (אויסער, פארשטייט זיך, די געאָגראפישע נעמען און אייגננעמען, וואָס האָבן שוין א פיליאָריקע טראדיציע. געוויס דארף מען רײדן און שרײַבן פאריזש און ניט פארי, לאָנדאָן און ניט לאנדען אאוו). ארויסגייענדיק פון דעם, איז געוויס ריכטיק באַרביס, ווי עס רײדן די פראנצויזן, און ניט באַרביוס. אגעוו, אויך אין רוסיש באַמערקט זיך איצט א טענדענץ דערנענטערן די אויסשפראך און דעם אויסלייג צו דער שטאם־שפראך. צוויי בײַשפילן: גאָר ניט לאנג האָט מען אין רוסיש מאָפאסאנס נאָמען ארויסגערעדט און געשריבן גיו? (Гюи) (זע בראָקהויז — עפראָנס ענציקלאָפעדיע, ב. 38, ז. 822; БСЭ — ערשטע אופלאגע, ב. 40 ז. 138 — 1938 י.). איצט זאָגט מען און מע שרײַבט „גי" (Ги), אזוי ווי עס רײדן די פראנצויזן (זע „ענציקלאָפעדישער סלאָוואר", ב. 2, ז. 2121, 1954 און אנדערע, ניט לאנג צוריק דערשינענע ענציקלאָפעדיעס). ביז גאָר ניט לאנג האָט מען גערעדט און אויך געשריבן אין אלע רוסישע היסטאָרישע און געאָגראפישע ביכער Фонтенебло. איצט זאָגט מען און מע שרײַבט Фонтенбло, לויט דער פראנצויזישער אויסשפראך. און אזא טענדענץ איז פולשטענדיק באַרעכטיקט. כ׳ שאפּיראָס מאָטיוו, אז „די ייִדישע יוגנט פון ביראָבידזשאן... ווייסט בלויז „כאָקיי, כאנאָי... באַרביוס...", איז גאָר ניט וואָגיק. וואָרעם אויב אזוי, וועלן מיר עפשער אָנהייבן רײדן און שרײַבן גיינע, געגעל, גערצאָג, גענריך אאוו.

2. באַלע־גײַווע — באַלגײַוועס?

גערעכט איז, טראכט איך, דער כ׳ שאפּיראָ. ווײַבאלד „גײַווע" איז ניטאָ אין מערצאָל, דארף זײַן בעפיירעש באַלע־גײַווע און אויך באַלע־ביטאָכן, באַלע־דײַע אאוו. דאָס ניט אָפהיטן דעם דאָזיקן קלאל ברענגט אָפט צו ניט געלונגענע אויסדרוקן און פארקריפלונגען. איין בײַשפיל: פון אונטער דער פען פונעם גלענצנדן שרײַבער נ. זאבארע האָט זיך אין זײַן ראָמאן „אונטער דער הייסער זון פון פראָוואנס" ארויסגעכאפט אזא פראזע: „...און נאָך אזעלכע איבערוווּנדערלעכע מײַסע שעהאָיאָס" — טאקע געשריבן ווי צוויי באַזונדערע ווערטער („סאָוועטיש היימלאנד" נום. 9, 1973, ז. 69). אָבער א וואָרט „שעהאָיאָס" איז ניטאָ — ניט אין ייִדיש, ניט אין העברעיִש. „שעהאָיאָ" איז ניט קיין סובסטאנטיוו און קאָן ניט האָבן קיין מערצאָל מיטן סופיקס „ס". מע דארף זאָגן „מײַסעס שעהאָיאָ", ריכטיקער „מײַסעס שעהאָיו". עמעצער וועט טײַנען: דאָס איז פארהעברעיִשט! נו, איז וואָס? דער אויסדרוק „מײַסע שעהאָיאָ" (מעשה שהיה) איז גענומען ווי ער גייט און שטייט, אין א ריינער פאָרם פון העברעיִש, דארף מען אויך אין מערצאָל רײדן און שרײַבן ווי אין העברעיִש.

3. פאָליטיקע — פאָליטיקעס; פאָליטיק — פאָליטיקן.

טויזנט מאָל איז דאָ גערעכט דער כ׳ איטקאָוויטש. „פאָליטיקן" — איז א וואָרט, וואָס רײַסט אי דאָס אויג, אי דעם אויער און ברעכט די ציין באם ארויסריידן. אין אלע פאלן איז בעסער באַנוצן אין מערצאָל „פאָליטיקעס" — און טאקע „צוויי פאָליטיקעס"! אגעוו, ווערט מערצאָל פונעם וואָרט „פאָליטיק" זייער זעלטן באַנוצט. אין די פארשפרייטסטע רוסישע טײַטש־ווערטערביכער (דאל, אושאקאָוו, אָזשעגאָוו, „דער גרויסער ווערטערבוך פון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַרישער רוסישער שפראך") איז ניטאָ קיין איין בײַשפיל מיט מערצאָל פון דעם וואָרט Политика. מיר דוכט, אז קיינער וועט ניט זאָגן אין רוסיש «Эти государства проводят разные политики» נאָר «разную политику».

אין דײַטש ווײַזט אָן אַזאַ אויטאָריטעט, ווי „דער גראָססע דודען" באַ דעם וואָרט Politik — mr.-en, דה. „פּאָליטיקען" (בעסער ווי „פּאָליטיקן"). נאָר דערבײַ — אַ גאַנץ וויכטיקע באַמערקונג: seltn — זעלטן. (זע Der grosse Duden, 1957) איז לאָמיר שוין בעסער באַנוצן אין די זעלטענע פאַלן דאָס וואָרט „פּאָליטיקעס" און באַגיין זיך אָן דעם האַמעטנעם וואָרט „פּאָליטיקן".

4. די פראַגע פון מין.

זייער אַ שווערע, פאַרפּלאָנטערטע פראַגע: דיאַלעקטן, ווירקונג פון רוסיש אין אַנדערע שפּראַכן, ניט קיין שטאַנדהאַפטיקער צוגאַנג, אָפטמאָל אַפילע מיצאַד דער קלאַסישער ליטעראַטור אַאַוו. דער כ׳ שאַפּיראָ האָט געגעבן אין זײַנע אַרטיקלען אַ גאַנץ גענויעם און אַ טיפן אַנאַליז פון אָט דער פראַגע. עס איז ווייניק וואָס פאַראַן צוגעבן צו דעם. נאָר מיר, ווי אַ ליטוואַק, ווילט זיך, עס זאָל זײַן וואָס מער סובסטאַנטיוון פונעם ערשטן און צווייטן מין, און וואָס ווייניקער — פונעם דריטן. דעריבער בין איך מאַסקים מיטן כ׳ שאַפּיראָ, אַז עס דאַרף זײַן „דער בוך" און ניט „דאָס בוך". „די ליד" און ניט „דאָס ליד", „דער שטאָל" און ניט „דאָס שטאָל" אאַז״וו. נאָר אַ ביסל פּריקרע איז מיר „דער אַטעליע", „דער ביוראָ", „דער קאַפע". איך בין גרייט שטימען צוזאַמען מיטן כ׳ איטקאָוויטש פאַר „די אַטעליע", „די ביוראָ", „די קאַפע", לויט דער טראַדיציע. דער כ׳ שאַפּיראָ גיט ניט דערבײַ קיין שום אַרגומענטאַציע, ער פאַרופט זיך בלויז אויף ווײַנרײַכן. נאָר איך גיב נאָכאַמאָל צו, אויך איך האָב ניט מיט וואָס צו אַרגומענטירן, דאָס איז בלויז סוביעקטיווקייט און טראַדיציע. איז זאָל טאַקע בלײַבן לויט דער טראַדיציע.

זייער גוט, וואָס עס ווערט אָנגענומען „די פּראָבלעם", „די סיסטעם", „די פּראָגראַם". דער כ׳ שאַפּיראָ שרײַבט דערבײַ: „אין דער אויסלענדישער ייִדישער פּעריאָדיק איז פאַרשפּרייט: „דאָס טעלעגראַם", „דאָס פּראָבלעם" אאַז״וו. — דײַטשמעריש. דאָס איז ניט גאָר ריכטיק: ווי באַוווּסט, שרײַבט די וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" אַקשאָנעסדיק: „דער סיסטעם", „דער פּראָגראַם", „דער פּראָבלעם" אאַז״וו. בעסער איז, פאַרשטייט זיך, „די".

און לעסאָף, וועגן האַשפּאָע פון רוסיש. סײַ דער כ׳ שאַפּיראָ, סײַ דער כ׳ איטקאָוויטש באַרירן די דאָזיקע פראַגע. פאַרשטייט זיך, אַזאַ האַשפּאָע איז געווען, איז פאַראַן און וועט זײַן. און דאָס איז אין טאָך גענומען אַ געזעצמעסיקע און מערסטנטייל אַ פּאָזיטיווע דערשײַנונג. נאָר די לעצטע צײַט באַמערקט זיך אַ נייגונג צו אייניקע „קאַלקעס" פון רוסיש, וועלכע פאַרמיסטיקן די שפּראַך. איך וועל ברענגען נאָר איין בײַשפּיל: „דער אַרויסגעטראָטענער אויף דער באַראַטונג... האָט געזאָגט..." (זע „ביראָבידזשאַנער שטערן" נומ. 193, פון 21 סענטיאַבער 1973). אַ ניט־דערלאָזבאַרע בוכשטעבלעכע „קאַלקע" פונעם רוסישן «Выступивший» און נאָך דעם וועט זיך מיסטאַמע באַווײַזן „דער אַרויסגעגאַנגענער", „דער אַרײַנגעגאַנגענער", אוכדוימע...

און נאָך איינס: זייער געוווּנטשן, אַז עס זאָל אָפּגעדרוקט ווערן צום באַהאַנדלען אַ רעשימע פון געאָגראַפֿישע נעמען, באַזונדערס פון די נײַע.

פון רעדאַקציע.
ניט באַרירנדיק דאָ דעם עצם אינהאַלט פונעם אַרטיקל פון יעשוע הוטנערן, באַנוצט זיך די רעדאַקציע מיט דער געלעגנהייט, קעדיי צו באַגריסן האַרציק דעם כאָשעווון פרײַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זײַן 80־יאָריקן געבורטסטאָג און ווינטשן אים נאָך פיל שעפערישע, פרײדיקע יאָרן.

■

יאנקעוו פליך
(אָדעס)

אַ שיין בלעטל געשיכטע

אַ ופריכטיק, מיט אַ פאָלקסטימלעכן הומאָר, מישט אויף כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו אַ בלעטל געשיכטע אין לעבן פון די קינדער און יוגנטלעכע אין אָנהייב רעוואָליוציע אין זײַן ווערק „מיט אַ וואַרעם האַרץ (באַרשעווער מאָטיוון)". די צײַט, האַרט נאָכן בירגערקריג, איז געגעבן מיט בוילעטע סימאָנים: עס טרעפן פאַלן, ווען פון די אָרעמיקע וועגן ברענגט מען אַ האָרוג, אָן אומגעבראַכטן פון באַנדיטישע הענט, אָדער די באַנדיטן באַפאַלן און באַראַבעווען די דורכפאָרנדיקע. אין אָט דער צעבויטעטער צײַט האָבן זיך אויף די גאַסן פון די שטעט און שטעטלעך באַוויזן פיל פאַריאָסעמטע קינדער און זיי זײַנען געוואָרן פאַרוואָרלאָזט. די ראַטנמאַכט האָט פיל אַכט און מיטלען אָפּגעגעבן די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, די קאָרבאָנעס פון

בירגערקריג, צווישן זיי די ייִדישע קינדער, וועט־
מענס עלטערן זײַנען אומגעקומען אין די פּאָ־
גראָמען. פֿאַר זיי, פֿאַר אַט די פּאַריאַסעמטע
קינדער, זײַנען געעפֿנט געוואָרן קינדער־הײַזער,
זיי האָבן דאָרט באַקומען ניט נאָר דערנערונג
און קליידונג, זיי זײַנען באַשטאַט געוואָרן מיט
איבערגעגעבענע לערער — דערציִער. עס איז
געטאָן געוואָרן אַלץ, אַז די קינדער זאָלן זיך
ניט פֿילן עלנט און פֿאַרלאָזט. צוויי אַזעלכע
קינדער־אַנשטאַלטן — א קינדער־היים און א
שול־היים — זײַנען געשילדערט אין טאַבאַטש־
ניקאָווס דערציילונג.

דער העלד פֿון דער דערציילונג, א דערצויג־
לינג פֿון א שול־היים, שטעלט אויף געטרײַ א ריי
בילדער פֿון יענער, שוין ווײַטער פֿון אונדז
צײַט. אַדאַנק די געלונגען אָפּגעקליבענע דע־
טאַלן אַנטשטייט פֿאַר אונדז דער שטייגער, די
אויפֿפֿירונג און די איבערלעבונג פֿון די העלדן —
דערוואַקסענע און קינדער. א בלעטל געשיכטע
פֿון דער טעטיקייט פֿון קאָמיוג אין שטעטל איז
געגעבן אויף די ערשטע זײַטלעך פֿונעם ווערק.
געלונגען איז געשילדערט דאָס געשטאַלט
פֿון דער קיִעווער קאָמיוג־טוערן, דער קאָמסאָ־
מאָלקע בלומע יאַכניס. זי איז פֿול מיט ענער־
גיע, זי איז באַוועגלעך און אַקטיוו און טראָגט
די פֿולע פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿאַר די אַרופֿ־
געלייגטע אויף איר פֿליכטן. פֿרײַוויליק נעמט זי
אויף זיך די שווערסטע אויפֿגאַבן. מיט איר אָנ־
טייל אין די קאָמיוגישע אונטערנעמונגען גייט
זי צו מיט די אַרומיקע. בלומע פֿאַרמאָגט א
שטאַרקן כאַראַקטער. זי איז צוטריטלעך און
צוגעלאָזט. מיט אומגעדולד ווערט זי דערוואַרט
און מיט גרויס אָפּשײַ ווערט זי אָפּגענומען
מיצאַד די, וועמען זי איז באַרופֿן צו באַדינען.
ס'איז גענוג צו דערמאָנען איר באַזוך אין שול־
היים, דעם אויפֿן, ווי זי איז דאָרט אויפֿגענומען
געוואָרן.

א געוויסע ראָמאַנטישקייט גיט צו בלומע
יאַכניסעס געשטאַלט איר נאָענטע באַקאַנט־
שאַפֿט מיט איינעם פֿון די גרונטלייגער פֿון
דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע, דעם פֿריי־
אומגעקומענעם דיכטער אַשער שוואַרצמאַן. די
פּראָטים פֿון זײַן לעבן, וועגן וועלכע זי דער־
ציילט, זײַנען אינטערעסאַנט און באַלערעוודיק.
די קינדער פֿון דער שול־היים הערן זי אויס
מיט אָפֿענע מײַלער. אייניקע פֿון זיי גיבן זיך
דאָס וואָרט נאָכטאָן אַשער שוואַרצמאַנס בײַ־
שפּיל — זײַן אַזוי געוואַגט און באַשיידן, ווי ער.
דאָ טאַקע לייענען די קינדער פֿאַר אייניקע
לידער שוואַרצמאַנס, די לופֿט איז אָנגעזעטיקט
מיט זײַן שאַפֿן. דערבײַ פֿאַרגעסט ניט דער
אויטאָר צו דערמאָנען צום גוטן דעם לערער
פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער שול־
היים, אַרן שקליאַר, וועלכער האָט מיט אַזאַ
זאַכקענטעניש און מיט איבערגעגעבנקייט אײַנ־
געוואָרצלט אין די קינדערשע נעשאָמעס די לי־
בע צו אַשער שוואַרצמאַנס שאַפֿן, דעם ייִראַס־
האַקאָוועד צו זײַן ליכטיקן אָנדענק.

ווי א רויטער פֿאָדעם, דרינגט דורך דאָס
ווערק אַשער שוואַרצמאַנס געשטאַלט. די גרעס־
טע מערהײַט געשעענישן זײַנען מיט זײַן נאָ־
מען געבונדן, און דאָס פֿאַרשטאַרקט דעם אינ־
טערעס פֿונעם לייענער צום דערציילטן. איינער
פֿון די שיינע עפּיזאָדן, דאָס מאָלן שוואַרצמאַנס
פּאָרטרעט מיצאַד דעם באַרימטן פּעטראָגראַדער
קינסטלער אָניסי מאַרקאָוויטש, דינט אַפֿילע
אַלס סימבאָל פֿונעם קינסטלערס דערנעענטערן
זיך צו דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט, וועל־
כע ער האָט לאַנג ניט אָפּגענומען.

דאָס אַרײַנפֿירן אין ווערק דאָס געשטאַלט
פֿון דעם פּעטראָגראַדער מאָלער אָניסי מאַר־
קאָוויטש, אַן אייגנאַרטיקן מענטשן, דינט אַלס
צוגאָב־שטריך צו די געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַר־
האַלטענישן אין יענער צײַט, — אַלס א שטריך,
וועלכער מאַכט די שילדערונג פֿולבלוטיקער. א
קינסטלער פֿון גרויסן מאַסשטאַב, מיט עפּעס
וואָס א פֿאַרזינדיקטער פֿאַר דער ראַטנמאַכט,
איז דער איינזאַמער אָניסי מאַרקאָוויטש פֿאַר־
וואָרפֿן געוואָרן אינעם שיינעם שטעטעלע באַר־
שעוו. לויטן טרעפֿלעכן אויסדרוק פֿון דעם פּאָ־
ליטפּראָסוועט־טוער כ' יאַקאָוו, האָט דער
קינסטלער זיך דאָ געפֿונען „אין א הייל־סאַנאַ־
טאָריע, וואָס האָט פֿאַרשטאַרקט זײַן גײַסט״.
פֿאַרשיידן זײַנען געווען די „הייל־מיטלען״.
צווישן זיי האָט ניט קיין קליין אָרט פֿאַרנומען
דאָס מאָלן דעם שוואַרצמאַן־פּאָרטרעט, דאָס
דערנעענטערן זיך צום ייִנגל פֿון שול־היים, די
ווירקונג פֿונעם פּאָליטפּראָסוועט יאַקאָוו. א
פּאַראַקשנטער און א קאַפּריזער, קערט זיך דאָך
אום אָניסי מאַרקאָוויטש קיין פּעטראָגראַד. דאָס
האָט ער זיכער צו פֿאַרדאַנקען לונאַטשאַרסקין
אַלס פּערזענלעכקײַט, וועמען ער שאַצט הויך
און אַדאַנק וועמען זײַן נאָמען איז ניט פֿאַר־
געסן געוואָרן צווישן די בעסטע הײַנטצײַטיקע
מאָלער פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד.

דאָס ווערק הייסט „מיט א וואָרעם האַרץ״.
דער נאָמען אַנטשפּרעכט דעם אינהאַלט. מיט
א וואָרעם האַרץ זײַנען אָנגעשריבן אַלע קינ־
דער־דערמאָנונגען, מיט פֿיל וואַרעמקײַט זײַנען
געמאָלט די לערער און דערציִער פֿון דער שול־
היים. פֿון דער ערשטער ביז דער לעצטער שו־
רע איז דאָס ווערק איבערגעפֿילט מיט טיפֿער
ליבע און מיט גרעסטן ייִראַס־האַקאָוועד צו דעם
דיכטער־העלד אַשער שוואַרצמאַן. די דערציי־
לונג איז א צושטײַער צו דער געשיכטע פֿונעם
קאַמף אויף צו ראַטעווען די פּאַריאַסעמטע קינ־
דער אין דער צײַט פֿונעם בירגערקריג.

בינאַמין קאַטליאַר
(כאַרקאָוו)

וועגן ל. בראָווערמאַנס „אין קלעם"

וועגן כורבן און אומקום האָב איך גע־לייענט ניט ווייניק, איבערהויפּט אין דער טקופע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". כ'האָב געלייענט ווערק, ספּעציעל געווידמעטע דער דאָזיקער טעמע, ווי בער מאַרקס „דער אופ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", פּערעץ מאַר־קישעס „טראַט פון דוירעס", יעכיעל פאַליק־מאַנס „דער שוואַרצער ווינט" אאַ.

דאָס איז פון פּראָזע. פון דיכטונג האָב איך געלייענט אַלץ, וואָס איז געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַף אָט דער טעמע פאַר די צוועלף מיט א האַלבן יאָר פון דער עקזיסטענץ פונעם זשורנאַל.

אָט לייען איך מוישע טייפס „דעם קלעזמערס אייניקל". איך סטאַרע זיך זײַן רויק, נאָר ווען ס'געקומען צו די שורעס:

מײַלעך לעווין, וואָס איז מיט דיר? —
פּרעגט אים דער אַלטער קאָמאַנדיר.
— האָסטו א ווײַב?
— געהאַט, גענעראַל.
— האָסטו א קינד?
— געהאַט, גענעראַל.
— א טאַטן, א מאַמען?
— געהאַט, גענעראַל.
— ווו זײַנען זיי אַלע? —

דאַן דערפיל איך, אַז איך האַלט ניט אויס... א קנויל הייבט אָן וואַרגן אין האַלדז. כ'פיל, אַז טרערן קײַקלען זיך אַראָפּ.

ענלעכס האָט זיך מיט מיר געטראָפן באַם לייענען אַרן ווערגעליסעס שורעס:

...געבליבן בלויז שטאַרצן
ניסראָפים־קוימענדלעך.
ניטאָ, ניטאָ שוין
די מוישעלעך, שלוימעלעך.

כ'האָב אויך ניט געקענט רויק לייענען אַור־ראָם גאָנטאַרס „לייעלע":

...און די דינע הענטעלעך
האָט זי אויסגעצויגן:
— פּעטערל, וואָס שיט איר עס
זאַמד מיר אין די אויגן?
ס'האָט דאָס פּעטערל געלאַכט
און געשאָטן פלינקער.
מיר פאַר לייעס אייגעלעך,
מיר פאַר אירע פינגער.

ווען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַר מײַ־כוידעש פונעם 1972 יאָר האָב איך דערזען דאָס קאַפּעל פון לייב בראָווערמאַנס דאָקומענטאַלער דערציילונג „אין קלעם", האָב איך א טראַכט געטאָן: א פרישע פּאַרציע האַרץ־רײַסעניש, ווי־דער נעשאָמע־ציפּעניש. נאָר לייענען מוז מען דאָך — זעלטן לאָז איך עפּעס דורך אין „סאָ־וועטיש היימלאַנד".

אין בראָווערמאַנס דערציילונג פעלן ניט אויס קיין שוידערן. נעמען, צום בײַשפּיל, דעם עפּי־זאָד, ווען צוויי עסעסאָווצעס שלאָגן ביז צום טויט אַן אַלטיטשקען (ראַטשילד רופן זיי אים); זײַן גרויזאַמען סאָף אין דער איפּעשדיקער גרוב. צי, אַשטייגער, דאָס בילד, ווי עדיק גאָ־רילע מיימעסט יוליקן. שוידערלעך זײַנען די קאַפּיטלען „קאַרטאָפּליעס" און „אַנטלאָפענע". באַנאַנד מיט די שוידערן מאַלט דער אַווטאָר אַזעלכע עפּיזאָדן, ווי, לעמאָשל, דעם „קאָנ־צערט", ליאָוועס שפּיל אין שאָך מיטן קאַפּיטאַן פון די רויטע קאָמאַנדירן, הומאָריסטיש אי־בערגעשאָטענע מיט כאָכמעס, גלײַכווערטלעך. דאָס לינדערט דעם טראַגיזם פון דער שילדע־רונג. דער לייענער באַקומט די מעגלעכקײַט איבערצוכאַפּן דעם אָטעם און פאַרזעצן דאָס לייענען.

ס'פעלט ניט אויס קיין הומאָר אויך אין די טרעפלעכע צונעמעניש, מיט וועלכע דער מע־כאַבער באַקרוינט זײַנע פּערסאָנאַזשן: גאָטס קיעלע, אונטערלעקער, פרידוראָק, שקורע אאַ.

געוויס איז אויסערסט שווער בא אַזעלכע שרעקלעכע אומשטענדן פאַרהיטן דעם הומאָ־ריסטישן טאָן, בלײַבן אָפּטימיסטיש געשטימט, ניט פאַרלירן די האָפענונג.

אייניקע ערטער אין בראָווערמאַנס דערציי־לונג זײַנען טיף דערשיטערנדיק. לעמאָשל, דער עפּיזאָד, ווען מע פאַרטרײַבט די ייִנגלעך אין באָד און מע באַפעלט זיי גיך זיך אויסטאָן. די אומגליקלעכע ייִנגלעך ווייסן ניט, צי אין דאָס אַפּנאַנעמעסן א באָד, צי עפּשער גאָר א גאַז־קאַמער...

אין דער דערציילונג ווערט ברייט געשיל־דערט דאָס געפיל פון ברידערשאַפט און פעל־קער־פרײַנטשאַפט צווישן די אַסירים.

די צייכענונגען פון ג. קראַוטצאָוון צו דער דאָקומענטאַלער דערציילונג זײַנען אויסדריק־לעכע, שטאַרקע. ווען דער לייענער דערזעט,

וויאזוי ס'זײַנען געוויזן די נאַקעטע פּרויען, וועלכע מע טרײַבט צום קרעמאַטאָרי, דעם געדיכטן רויך, וואָס זעצט פון די קוימענס, — ווערט בא אים מאַמעש פאַרגליווערט דאָס בלוט. און ווען ער קומט צום זײַטל 24, ווו בראַוערמאַן באַשרײַבט דעם זעלבן שוידער, וועלכן קראַוואַוו האָט אויסגעדריקט מיטן פּענדזל, — באַטראַכט דער לייענער קראַוואַוון ווי א מיטאַוטאָר פון דער דערציילונג. ביידע, סײַ דער שרײַבער, סײַ דער מאָלער, ווענדן זיך צום לייענער מיט א ווייגעשריי: פאַרגעס ניט, קיינמאָל פאַרגעס ניט!

צווערשט האָב איך פאַריבל געהאַט אַפן קינסטלער פאַר זײַן קאַרגשאַפט: אַף א דערציילונג, וואָס פאַרנעמט 154 זײַטלעך, סאַכאַקל 2 צייכענונגען. דערנאָך האָב איך באַשלאָסן, אַז די צוויי צייכענונגען באַשטייען פאַר א סאַך. לייב בראַוערמאַן האָט דערלאַנגט דעם לייענער א פאַרגאַנצט ליטעראַריש ווערק, וואָס איז א גרויסער בײַטראַג אין דער כורבן־ליטעראַטור.

כראָניק

צום 40־יאָריקן יובילײ פון דער פּאַריזשער פּראָגרעסיווער צײַטונג „נײַע פּרעסע”

באַגריסונג פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד”

טײַערע פרײַנט, בויער פון דער „נײַע פּרעסע”!

פּערציק יאָר איז א דאַטע פון רעספּעקט. געדענקענדיק יעדן טראָט פון דער העלדישער צײַטונג „נײַע פּרעסע” אַף איר בעעמעס קאַמפּפערישן וועג, קומען איצט צו איר יאָמטעוו די סאָוועטישע שרײַבער, די רעדאַקציע און רעדאַקלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד” מיט די צאַרטסטע ווערטער און ווונטשן, ווי צו א שוועסטער, וועלכע האָט איבערגעלעבט נישט ווייניק אויספּרווון און איז פאַרבליבן נאָענט־אייגן אין איר אומדערמידלעכן קאַמף פאַר א בעסערער צוקונפט.

מיר ווילן הײַנט באַזונדערס אונטערשטרײַכן:

די „נײַע פּרעסע” איז אָן שום ספק די איינציקע צײַטונג, וועלכע דריקט אויס די אינטערעסן און באַדערפענישן פונעם יידישן יישעוו אין פראַנקרײַך; זי איז די פּראָגרעסיווע טריבונע פון אָט דעם יישעוו. די „נײַע פּרעסע” איז דער גרויסער אויצער פונעם יידישן פּראָגרעסיוון יישעוו אין פראַנקרײַך. און וויפל עס זאָלן נישט טומלען די רעאַקציאָנערן מיט זייערע פאַרקויפטע און איבערגעקויפטע בלעטלעך, שטעלן זיי נישט פאָר די יידישע מאַסן אין אײַער לאַנד, נאָר זײַנען אין טאָך פּראָפּאַגאַנדע־צענטערן אַף פרעמדער דינסט.

מיר ווייסן, אַז דעם ציאָניזם וועט זיך ניט אײַנגעבן צו פאַרטומלען דעם קאָפּ באַם פּראָגרעסיוון יידישן פּאַריזש, איינעם פון די יאָרשים פון אַלדאָס רעוואָליציאָנערן און פּאַרגעשריטענעם אין דעם גאַנצן פאָלק פון פראַנקרײַך און דעם דירעקטן יוירעש פון דער לעגענדאַרער אַנטיפאַשיסטישער רעזיסטאַנץ אין דער סוויווע פון די פראַנצויזישע יידן. דער געזונטער פאַרשטאַנד באַם יידישן פאָלקס־מענטש אין פראַנקרײַך וועט טאָמיד אין לעצטן סאַכאַקל געפינען דעם וועג צו די עכטע נאַציאָנאַלע ווערטן — דורך פּראָגרעסיווע וועלטלעכע, רעוואָליוציאָנערע לייזונגען, אָפּוואַרפנדיק דעם ציאָניזם און אַנטיסאָוועטיזם, דעם קאַלטן קריג.

אײַך, בויער פון דער „נײַע פּרעסע”, ווינטשן מיר, איר זאָלט שטענדיק אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, די אידייִשע פּרינציפּן פונעם „אוניאָן” און פון זײַן שלאַכט־אָרגאַן — אײַער צײַטונג „נײַע פּרעסע”. אויב עס וועט אָפּפאַלן א שוואַכלינג, א פאַרבלאָנדזשעטער, נאָר עס וועט בלײַבן ריין די פאָן, דער אידייִשער יעסאָד, — דאַן וועט איר גאָרנישט ניט פאַרלירן, פאַרקערט — איר וועט געווינען די שלאַכט פאַרן ווײַטערדיקן קיּום פונעם פּראָגרעסיוון יידישן יישעוו אין אײַער לאַנד.

זאָל לעבן די „נײַע פּרעסע”!

■ ■ ■

פון דער עפּאָפּיי „ראָם אַלגעמיינע געזאַנג"

א הימן צום אומקערן זיך צוריק אהיים קיין טשילי

היימלאנד, פּאַטערלאַנד, מײַן היים, — איך קער דיר אום מײַן בלוט.
איך בעט דיך, ווי א קינד בעט בא דער מאמע:
נעם זי, מײַן גיטאַרע,

מײַן בלינדע גיטאַרע,
און מײַנע אויגן, און מײַן מוח.
כ'האָב דיך פאַרלאָזט, קעדיי געפינען אף דער ערד די זין דײַנע,
כ'בין אוועק, קעדיי צו שענקען זיי, די פאַרגעסענע, דײַן שנייִק־העלן נאָמען,
און אויסבויען א הויז פון ריינעם טשילייער האָלץ.
איך בין אוועק, קעדיי דײַן שטערן אָפּגעבן די ברידער־העלדן.

און איצט — צו דיר איך רײַס זיך ווידער,
צו דײַן נאכט דער שטערנדיקער, לויטערער,
צו דײַנע ערדן די אומענדלעכע.

דעם שאָטן וויל איך אויסטוישן, מײַן היימלאנד,
און אויסטוישן די אייד'לע רויז.
מיט מײַנע הענט איך גאר איצט אָנרירן די ערד פון טשילי,
און אף א שטיין זיך צוזעצן לעם ברעג,
דײַן קאָל פאַרהאלטן מיט דער דלאָניע.
פון סעליטרע־באָדן דײַנעם
כ'וועל פּראָסטע קווייטן רײַסן,
און דײַן קראַנץ, מײַן היימלאנד,
געראָטן זײַן וועט אין דײַן גראָוון שוים.
היימלאנד, פּאַטערלאַנד, מײַן היים,
ארומגערינגלט ביסט מיט וואסער שוימיקער,
מיט שניי באַזוימט — ביסט פּראַכטפול,
לאַנד פון שוועבל, לאנד פון אָדלערס, —
פון דיר עס שטראַלט די שײַן פון מענטשלעכקײַט,
דו צערײַסט די פינצטערניש, די דעמערונג.

פאַרהיט, אָ מײַן היים, דײַן שײַן! באַהאלט, באוואָרן
דײַן זאנג פון האָפענונג
אין די אומדערגרייכבארע פליגל פון דעם ווינט.
ניט גרינג איז דײַן גורל, מײַן היימלאנד,
ניט גרינג.
נאָר דו שײַנסט ארויס
פון דער ריזיקער שלעפעריקער אמעריקע
מיט העלער לויכטנדיקער שײַן.

אין 1938 יאָר האָט דער דיכטער זיך אומגעקערט פון שפּאניע, ווו ער איז געווען קאָנסול פון טשילי.

אטאקאמא

דאָס שארפע קאָל, דער אש, דאָס זאַלץ,
וואָס איז צעשאָטן אף די ברעגן,
און אויך די שטײַפע שווארצע צווײַג, —
זי טראָגט אף שפּיץ דעם קרײַז פון דער
לעוואָנע,

וואָס די קופּערנע ערד באַלײַכט
ווער שפּאַנט עס ארום אף דער ערד,
ווער געפינט און צעדרויבלט
דעם פארטײַעטן קופּער,
דאָס בלויע און ריינע זאַלץ?

אטאקאמא, ערד מײַנע.
דו — איבער יאַם; דו — אינעם ווינט;
דו — דער שרעקלאָזער גאלאָפּ
פון אן אמאזאָנקע.
מיט א רויטער שנור קארעלן אפן האלדז;
דו — א פארוואלגערטער קעלער פון ווייץ,
אין וועלכן דאָס ווייץ נאָך שלאָפט.
ביסט די מוטער פון מעכטיקן יאַם,
וואָס האָט געבוירן בלינדן מירמל און גאָלדיקן
זאמד.

אף דײַן ברויטיקער הויט
איז קיין זאך ניט פאראן, אויסער סוידעס,
אויסער טעג און נעכט פון מענטשן.
נאָר דערפאר איז בא דיר
באנאנד מיטן ווילדגראָז
— פּלוצעם —
אויצרעס פון ארץ,
ווו עס באהאלט זיך
דער צוקינפטיקער שווערדן־געקלאנג
און דער גלאנץ פונעם קאָס פאר לעכאַים.

אטאקאמא — א פוסטער רוים אפן צאָפן פון טשילי.

פּעומאָ

אָפּגעריסן כ׳האָב א בלאַט,
און דער זיסער דופט
האָט מיך פארוווּנדערט.
פּעומאָ, כ׳האָב דערזען דײַן גרינקײַט,
דעם דינעם ציטער,
וואָס האָט באדעקט דײַן הויכן שטאַם.
איך האָב געטראַכט:
דו, פּעומאָ, ביסט מײַן גאנצער קאַנט,
איז זאָל מײַן פּאַן אויך עטעמען.
מיט דײַן, פּעומאָ, דינעם אראָמאַט,
דערציילן זאָל זי וועגן היימלאַנד מײַנעם,
דעם אָטעם טראָגן פון די לאָנקעס, פעלדער.
פּעומאָ צארטע,
דו שמעקסט אין הוליענדיקן ווינט
און אין די גוסרעגנס קעסיידער,
אין בערג, אין וואסערפאלן —
אומעטום — דײַן אראָמאַט,
וואָס קאָן מײַן גאנצן קאַנט פון ברעג ביז
ברעג פארפילן, —
ביז אונדזער קייווער, ביז מירן פארגיין,
ווי יענע קיילים, וואָס באגראָבן ליגן אין
דער ערד.

פּעומאָ — פון דער משפּאָכע לאָרבער־ביימער.

פארפלייצונג

אין די טאָלן וווינען אָרעמע. זיי ווייסן —
אָט־אָט וועט זיי דער טײַך אוועקטראָגן צום יאַם.
כ׳האָב וויגעלעך געזען און ברוכשטיקער
פון הײַזקעס, וואָס געשווומען זײַנען אינעם טײַך.
דער גרויזאמער און שטאָלצער קאָס פונעם געוויסער
האָט זיך צונויפגעמישט מיט וואָלקנדיקן שוים.
דאָס אלעס איז פאר דיר, מײַן ברודער, פאר דײַן ווײַב, —
מאכשירים און געווער פאר דײַן פארזיי,
דו זאָלסט געווינט ווערן צו זײַן אן אָרעמאן.
דאָס וואסער וועט צו מויערן פון רײַכע ניט דערגיין, —
די שנייִיק־ווײַסע העמדער טראָגט מען זיי,
ווי פּרי׳ר, פון וועשערײַ.
און דיר, דעם אָרעמאן, — דעם שליים, די קויט, די ברוכשטיקער,
וואָס שווימען מיט דערטרונקענע באנאנד,
צווישן ביימער, אויסגעריסענע פון דר׳ערד,
וואָס סטארטשען מיט די וואָרצלען צו דעם הימל.

די שטים פון טשילי

די שטים פון טשילי איז געווען א מעטאַלענע,
מיט איר האָבן גערעדט די ווינטן און די
פּרײַהײַט.
זי האָט געקלונגען אין די הייכן
איבער דער געזונט־ווערנדיקער פּלאַנעטע,
איבער גאַנץ אַמעריקע, ווען די דזשונגלס
זײַנען זי באַפאַלן.
צו די ברייטשעסדיקע שנייען אין שלאָפלאָזע
נעכט
האָט דערטראָגן זיך איר כאָר: דאָס געזאַנג
פון בלעטער.

געזונגען האָבן פרײַע וואַסערן פון טײַכן,
דער רום פון טשילי'ס גײַסט געזונגען האָט.

טשילי'ער געקומען זײַנען שטענדיק
צו פעלקער אַנדערע, אַהין, ווו די פענצטער
פאַרשטעלט זײַנען געווען פון שײַן,
און שײַן געצונדן פרײַער האָבן זיי פאַר
אַנדערע,
און ס'איז דער טאָג דער ביטערער געווען
פאַר זיי
א הויכער שטראַל, א שנייִקער.

א רעגן

ס'האָט די מאַלקע אירע בליקן
אָפּגעווענדט פון דיר, —
נאָר דו ביסט ווונדער־שיין.
דײַנע האָר ליגן ווידער אַף מײַנע דלאָניעס.
דו געדענקסט די בלומען,
וואָס זײַנען געפאַלן אַף דײַנע צעפּ?
מײַנע פינגער זײַנען ניט ענלעך
אַף קיין ווײַסע בליטן:
זיי זײַנען ענלעך אַף וואָרצלען
פון האַרטן שטיין,
איבער וועלכן עס פּויזען געוויינלעך
יאַשטשערקעס אָן אופהער...
שרעק זיך ניט,
מירן אויסוואַרטן, ביז
דער רעגן וועט זיך שטילן.

וואַסער, וואַסער
פאַלט אַף אונדז און פאַלט...
דערפאַר
עס זעען דיך די פישער ניט אצינד.
זאָלן דײַנע האָר
מיר זײַן א שוואַרצע נאַכט,
א פּײַכטע און א דופּטיקע.
מיר כאַלעמט זיך באַנאַכט,
אַז איך און דו זײַנען געוויקסן.

אַז נאָענט איז דער רעגן און די ערד דיר.
ווי דער קוש פון ליפּן מײַנע.
דערפאַר, וואָס מיר זײַנען אַליין
פון פײַכטקײַט און פון ערד באַשאַפן,
אַפּט דוכט זיך מיר, אַז נאָכן טויט
וועל איך צופוסנס פונעם דענקמאָל אײַנשלאָפן,
קעדיי צו קוקן אַפן פרײַען אָקעאַן,
וואָס האָט פאַר ליבע אונדז באַשאַפן
און פאַר געבענטשטער מי.

ווען מײַנע הענט דערקאָנט דיך האָבן,
באַרירט זיי האָבן כוואַליעס
פון א צווייטן יאַם.
ליב מיך, דו ביסט דאָך ווי אַן אינדזל,
דײַן אומרויִקע ליבע באַהאַלט זיך
אין אונדזערע כאַלומעס,
ווי אינעם יאַם, וואָס רינגלט אונדז אַרום.

נאָר ווען כ'פאַרטיף זיך אינעם כאַלעם פון
מײַן ליבע,
מײַן פלאַטערדיקע האַנט לייג אַרויף
אַף דײַן ברוסט,
וואָס געוואַשן האָט דער זומערדיקער רעגן.

איך וועל לעבן

איך וועל ניט שטאַרבן,
כ'וועל ווידער אַרויס צו די מענטשן.
אין דאָזיקן טאָג
זידט מײַן האַרץ, ווי א הייסער ווולקאַן.
אין דער געדיכטעניש פון פאָלק איך גיי, —
אין שטוב לאָז איך אַלץ, ווי געוויינלעך.
עס הוליען אצינד די באַנדיטן
מיטן באַנד אַפן אַרבל:
„אַטלאַנטישע קולטור";
זיי האַרגענען, טייטן אין שפּאַניע,
הענגען אין ווײַטע אַטענען;
דער אומווירדיקער רעגירער
זייט אין טשילי טויט.
איך ענדיק דערמיט. איך בלײַב דאָ
מיט מײַן ליד, מיטן פאָלק,
מיט אַלע, ווער עס דערוואַרט מיך
און קלאַפּט שטילערהייט אין מײַן טיר.

ייִדיש — א. גאָנטאַר

פונעם ליטעראטור-אויצער

אײַזיק-מײַער דיק

די בעהאָלע

„די בעהאָלע" איז געבויט אף א היסטאָרישן פאקט, וועלכער איז פאָרגעקומען אין רוס־לאנד אין יאָר 1835, אין די אויסערגעוויינלעך שווערע צײַטן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן. ס'איז דאן ארויס א קלאנג צווישן ייִדן, אז עס האלט באם ארויסגיין אן אוקאז, אז ייִדישע מיידלעך זאָלן ניט טאָרן כאסענע האָבן פאר זעכצן יאָר און ייִדישע באָכערים — פאר אכצן יאָר. ייִדן, וועלכע זײַנען געווינט געווען אויסצוגעבן זייערע קינדער, ווען זיי זײַנען נאָך געווען זייער יונג, האָבן געקוקט אף דעם, ווי אף א ביטערער גזיירע, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א בעהאָלע, דה. מע האָט גענומען פארקנאסן און פירן צו דער כופע אין גרויס אײַלעניש גאָר קליינע קינדער, ביז מע האָט זיך דערוווּסט, אז די גאנצע מײַסע איז אן אויסגעטראכטע און מע האָט זיך אומזיסט געשראָקן... א.־מ. דיק האָט דאן געווינט אין דער שטאָט ניעסוויזש (מינסקער גובערניע), און אין דער דערציילונג ווערט געשילדערט אין א הומאָריסטישן טאָן די בעהאָלע, ווי זי איז פאָרגעקומען און צו וואָס זי האָט געפירט.

דיק האָט די דערציילונג געדרוקט אונטער דעם נאָמען „די שטאָט הערעס", דאָ ווערט זי געגעבן אונטער דעם מער פאסיקן נאָמען, וועלכן זי האָט בא דיקן אין העברעיִש, — „די בעהאָלע".

1. דער טרויעריקער בריוו

בשנת תקצ"ה, אין דעם יאָר תקצ"ה[1], אום טישעבאָוו אינדערפרי, ווען דער אוילעם האָט געזאָגט קינעס, איז אין שול ארײַן אײי־נער פון די גרעסטע באלעבאטים אין שטאָט מיט א בריוו אין האנט און גלײַך צוגעגאנגען צום נעמאָן, דעם פירער פון דער קעהילע, און האָט צו אים געזאָגט גאָר אָן א נעשאָמע:

— רעב בינ‏יאָמין, איך בעט אײַך, געשווינד לייענט איבער דעם בריוו, דען עס איז ניט קיין פּאָשעטע זאך, עס איז נעגייע דעם קלאל־ייִס־ראָעל.

די דאָזיקע רייד האָבן געווירקט אפן אוילעם, ווי דאָס אראָפּפאלן פון א טויזנטפודיקן שטיין אינמיטן א שטילער אָזערע.

[1] דאָס יאָר תקצ"ה (לויט דער ייִדישער צײַט־רעכענונג) אנטשפּרעכט דעם יאָר 1835 פון דער אל־געמיינער צײַטרעכענונג.

ווײַהי, און עס איז געווען, אז דער נעמאָן האָט דורכגעלייענט דעם בריוו, האָט ער זיך צעגאָסן אין טרערן, פארבראָכן די הענט, אײַנ־געריסן דאָס קלייד, געפליקט די האָר פון קאָפּ און געשריִען:

— אָן אומגליק, א גרויס אומגליק איז גע־שען!

און דאָס פאָלק אין שול איז געוואָרן אזוי צעשראָקן, אז עס איז אים שוין ניט געלעגן אין קאָפּ צו זאָגן קינעס, און עס האָט געווענדט זײַנע בליקן צום ניכבאָד, וואָס האָט געבראכט דעם בריוו, און צום נעמאָן, אום צו פארשטיין, ווי ווײַט דאָס אומגליק קאָן גרייכן. עס איז אָבער געווען אומעגלעך צו טרעפן. מע האָט אָפּגעכאפּט די קינעס, ווי דעם אנדערן האלבן סיידער פון דער צווייטער נאכט פּייסעך, און מע האָט זיך קוים ארויסגעכאפּט אף דער גאס. באלד זײַנען געוואָרן רעדלעך לעבן יעדער שטוב. איינער האָט עס אײַנגערוימט דעם אנ־דערן אפן אויער, און דאָך האָט קיינער ניט געוווּסט, וואָס דאָ איז געשען.

2. די גרויסע אסיפע

ווײַהי, און עס איז געווען, ווי דער אוילעם איז זיך אזוי געשטאנען קופקעסווײַז און האָט זיך געבראָכן די קעפּ, וואָס פאר א נײַע גזיירע דאָ איז, האָט מען דערזען, ווי די שטאָט־שאַמאָסים לויפן אום איבער די הײַזער און רופן צום ראָוו אף אן אסיפע.

עס זײַנען גערופן געוואָרן פריִער די דאיאָנים, די גרויסע לאָמדים, די כאָשעווע באלעבאָטים, דערנאָך אָבער אויך די פּראָסטע מענטשן און אפילע גאָר די עווייוינים. עס זײַנען געבליבן אין דער היים נאָר א פּאָר, וואָס זײַנען געזעסן שיווע.

און אז אלע האָבן זיך צוזאמענגעקליבן באם ראָוו, האָט מען פארשלאָסן די טיר, און דער נעמאָן האָט זיך אוועקגעשטעלט און געזאָגט צום אוילעם אין נאָמען פון ראָוו, וואָס איז געווען ניט געזונט:

— זײַט וויסן, ראבויסײַ, עס דארף ארויס די צײַטן א גזיירע, וואָס צילט גאָר אין רעכטן פּינטל ארײַן. א גזיירע, וואָס באריִרט ניט איין מיצווע, נאָר דעם גאנצן קיִעם פון דער אומע... עס האלט דערבײַ, אז קיין ייִדישע טאָכטער זאָל ניט טאָרן כאסענע האָבן פאר זעכצן יאָר און א ייִנגל — פאר אכצן. נון, פארשטייט איר, ליבע ברידער, אז דאָס איז אן ערגערע גזיירע פון פּארעס, דען ער האָט גויזער געווען נאָר אף ייִנגלעך, און דאָ איז א גזאר אף אלעמען...

און ער האָט זיי פאָרגעלייענט דעם בריוו, וואָס ער האָט באקומען. דער בריוו איז געשריבן געווען פון זײַנעם א מעכוטן פון מאָקעם האגאָדל[1]. דער מעכוטן האָט אים מוידיִע געווען דעם סאָד פון דער נײַער גזיירע, קעדיי ער זאָל זיך באצײַטנס פארטיק מאכן מיט זײַן טאָכטער.

די רייד פון נעמאָן און דער בריוו האָבן דעם אוילעם אזוי שטארק גערירט, אז אלע האָבן זיך פאנאנדערגעוויינט, קיין אויג איז ניט געבליבן טרוקן! מע האָט עס געהאלטן פאר אן אָנהייב פון די כעוולײַ מאָשיִעך...

צוויי שאָ נאָכאנאנד איז מען געזעסן און

[1] מאָקעם־האגאָדל — די הויפּטשטאָט.

אײַזיק־מייער דיק און די ייִדישע ליטעראטור

אינעם פאָרוואָרט צו די אויסדערוויילטע ווערק פון אײַזיק־מייער דיק שרײַבט ש. ניגער: „קימאט יעדע אויסגאבע פון דיקס א ביכל פלעגט באשטיין פון ניט ווינציקער ווי זעקס טויזנט עקזעמפּליארן, און ניט איין ווערק זײַנס איז ארויס אין מער ווי איין אופלאגע. אזוי אז ביזן יאָר 1861 האָט מען



פון זײַנע ביכלעך, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן סאָף 40־ער יאָרן, פארקויפט שוין ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט עקזעמפּליארן. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס די פארלאגן פון יענער צײַט, די דרוקערײַען האָבן זיך געיאָגט נאָך אײַזיק־מייער דיקן, און סאָף יאָר 1864 האָט די בארימטע דרוקערײַ פון די ראָמס אין ווילנע געהאלטן פאר נייטיק צו שליסן מיט אים אן אָפּמאך, ווו זי האָט זיך מיסכײַעוו געווען צו צאָלן אים וועכנטלעך, ביטנײַ, אז ער זאָל יעדע וואָך צושטעלן א קסאוויאד פון דרײַ דרוקבויגן (צוויי רובל א בויגן) און קיינעם ניט פארקויפן „אפילע איין בלעטל דערפון, וואָס ער וועט שרײַבן אף זשארגאָן". נאָך אזא ייִדישער שרײַבער, וואָס א פארלאג זאָל פון ריין געשעפטלעכן שטאנדפונקט וועלן האָבן אף זײַנע ווערק א מאָנאָפּאָל, איז אין יענער צײַט, און אויך שפּעטער, ניט געווען. דאָס אליין ווײַזט שוין, וואָס פאר א נאָמען און וואָס פאר א גרויסן אָפּזאץ דיקס ווערק האָבן געהאט"[1].

ווײַטער ברענגט ניגער ארויסזאָגונגען פון דיקס מיטצײַטלער וועגן דעם שרײַבערס פּאָפּולערקײַט. לעמאָשל, ה.־נ. שטיינשניידער דערציילט, אז ס'איז ניטאָ „קיין איין מאנצבל אָדער פרויענצימער, קיין איין אלטער אָדער יונגער, קיין איין באָכער אָדער מיידל, וואָס האָט נישט געלייענט מיט גרויס פארגעניגן די דערציילונגען פון א.־מ. דיק"[2].

[1] אײַזיק־מייער דיק. געקליבענע ווערק. געקליבן, געקירצט און צוגעגרייט צום דרוק ש. ניגער; ניו־יאָרק, 1954, זז. VII — VIII.

[2] דאָרטן, ז. 8.

געטראַכט וואָס צו טאָן. ביז עס איז געבליבן, אז יעדערער, וואָס איז געטרײַ צו גאָט און זײַן פאָלק יִיסראָעל, זאָל זען נאָך הײַנט, אום טי־שעבאָוו, כאָסענע מאַכן זײַן זון אָדער זײַן טאָכטער, דען טאָמער קומט מאָרגן דער באַ־פעל, וועט שוין זײַן שפּעט.

און עס איז געבליבן צו טאָן דאָס אַלץ באַ־האַלטענערהייט, עס זאָל, כאָלילע, ניט ארויס־קומען קיין מיכשל.

3. די מעהומע אין שטאָט

אָבער נאָך איידער דער אוילעם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט שוין דערמיט געליאַ־רעמט אין אַלע הײַזער, אין באָד, אין מיל און אין העקדעש. א פּאָר שנײַדערס, וואָס האָבן זיך ארויסגעכאַפּט בעשאַס דער אַסיפע פון ראָווס הויז, האָבן אָנגעדערציילט איינעם א וואַטנמאַכער, וואָס איז געווען גראָד אין גאַס, האָרים אוגוואָעס, און ער האָט צוגעלייגט נאָך עפּעס פון זיך און צעטראָגן עס צווישן די קראָמען. אין א שאָ ארום איז די געשיכטע

דערציילט געוואָרן מיט א צוגאָב פון עמעצנס א כאַלעם. מיט א האַלבער שאָ שפּעטער האָט מען שוין געפונען רעמאָזים אַף דער גזיירע אין אַלטע ספּאָרים. און כסידים האָבן געזאָגט, אז דער רעבע ווייסט שוין לאַנג פון דעם איניָען און אז דעריבער האָט ער באַצײַטנס שוין כאַסענע געמאַכט זײַן שמועלקען.

קורץ דערפון — ווי נאָר דער אוילעם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פון דער אַסיפע, האָט זיך דאָס פאָלק גלײַך צעטיילט אַף צוויי טיילן: איין טייל איז געוואָרן שאַדכאָנים, דער אַנדערער — מעכוטאָנים. מע האָט ניט געקוקט, וואָס עס איז געווען א רעגנדיקער טאָג. מע איז געגאַנגען איבער די בלאָטיקע גאַסן אין די זאָקן און איינער האָט זיך געשושקעט און געסודיעט מיטן אַנדערן און אים באַוויזן, ווי גלײַך עס איז פּאַר אים דער שידעך מיט דעם און דעם, — און ביז פאַרנאַכט איז שוין מער ווי א האַלבע שטאָט געווען פאַרקנאַסט.

די ערשטע שידוכים מיט זייערע קינדער האָבן געטאָן די אָרעמעלײַט, וואָס זײַנען דאָס־ראָוו געווען כסידים. דער כסידישער ראָוו, וואָס

עס האַנדלט זיך אָבער ניט בלויז אין פּאָפּולער־קייט. א.־מ. דיק איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפן א יִדישן מאַסן־לייענער. אַקסענפעלד, עטינגער, לעווינזאָן און אַנדערע באַדײַטנדיקע יִדי־שע שרײַבער פון דעם אָנהייב־פּעריאָד אין דער אַנטוויקלונג פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור זײַ־נען דעם לייענער ניט געווען באַוווּסט. זייערע קסאָוויאָדן האָבן געליינט יעכידים. זיי האָבן גע־ווירקט אַף שרײַבער, אָבער ניט אַף לייענער. זייער באַדײַטונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרן ערשט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די באַדײַטונג פון א.־מ. דיקס שאַפן איז שוין געווען קלאָר נאָך באַם לעבן פונעם שרײַבער. די עטלעכע הונדערט נאָוועלן, וואָס דיק האָט פאַרעפנטלעכט, האָבן געווירקט אַף דער גאַנצער ליטעראַטור.

שאָלעם־אַליינכעם האָט געשריבן, אז אַזעלכע ריזן, ווי אַבראַמאָוויטש, לינעצקי, גאָלדפאַדען און אײַזיק־מייער דיק, האָבן אוועקגעשטעלט יִדיש „אַף די פיס״ און האָבן אריבערגעפירט די יִדישע שפּראַך „פון דער צאינה וראינה מיטן טײַטש־כומעש אין דער לעבעדיקער ליטעראַטור ארײַן, פון דער בבאַ־מעשה אין דעם ראָמאַן ארײַן, פון שבחי בעש״ט אין דער פּאָעזיע, פון די טכינעס אין דער סאַטירע ארײַן: די דאָזיקע פיר גיגאַנטן, גרויסע לײַט, האָבן באַשאַפן א נײַעם יִדיש, זיי האָבן ארײַנגעבלאָזן דעם איינראָפּעיִשן בוך אינעם אַלטן זשאַרגאָן — און עס זײַנען אויסגעוואַקסן לעזער מאַסנווײַז![1]״.

[1] שאָלעם־אַליינכעם. שאָמערס מישפּעט. בער־דיטשעוו, 1888, ז. 4 — 5.

דערמיט איז פעסטגעשטעלט געוואָרן די היסטאָרי־שע באַדײַטונג פון דיקס שאַפונג אין דער געשיכטע פון דער נײַער יִדישער ליטעראַטור, באַנאַנד מיט מענדעלען, לינעצקין, גאָלדפאַדענען. מ. ליטוואַקאָוו איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געשריבן, אז פון א.־מ. דיקן ציִען זיך פאַרבאָרגענע פעדעם צו מענ־דעלען.

א.־מ. דיקס נאָוועלן זײַנען געווען ווערק פון א טיפּישן מאַסקיל. ער איז געווען איבערצײַגט, אז אויפקלערונג און וויסן, מעלאָכע, ארבעט און איי־ראָפּעיִשע פאָרם פון שטייגער וועלן לייזן אַלע פראַגן פונעם יִדישן לעבן. ער האָט דעריבער אויסגעלאַכט דעם אַלטן שטייגער, דעם קלעריקאַליזם און דעם פאַרזשאַווערטן מיטלאַלטער אינעם יִדישן לעבן. זײַנע ווערק זײַנען הומאָריסטיש און סאַטיריש. זיי האָבן געווירקט דערציִעריש און אויפקלערעריש אַף די סאַמע ברייטע פאָלקסמאַסן, דערוואַכט זייער באַ־וווסטזײַן. אָבער דער אָפענער און פּרימיטיווער די־דאַקטיזם, די אויבערפלעכלעכע פריידיקערײַ שוואַכן אָפּ זייער קינסטלערישקײַט. אין אונדזער צײַט זענען זיי שוין אויס גאַנץ פאַרעלטערט. זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו פון דער צײַט.

אַף וויפל אָבער אײַזיק־מייער דיקס ווערק האָבן געהאַט א היפּשע באַדײַטונג פאַר דער עפּאָכע, ווען זיי זײַנען געשאַפן געוואָרן, שטעלן זיי מיט זיך פאַר א באַשטימטן אינטערעס אויך אין אונדזער צײַט, ווי עס איז צו זען אויך פון דער נאָוועלע „די בעהאַלע״, וועלכע מיר דרוקן דאָ איבער.

איז געווען אויך א שטיקל רעבע, פלעגט אמאָל נעמען א פּידיען און געבן א קאמייע, — האָט אויך געהאנדלט מיט טאלייסים. האָט ער גע־מאכט א גרויסן וועזן פון דער גזיירע צווישן די מאנצבלען, און זײַן ווײַב, די רעבעצן, האָט נאָך מער ליאַרעם געמאכט בא די פרויען, וואָס האָבן זיך פאר דער גזיירע נאָך מער געשראָקן, ווי די מאנצבלען, וואָרעם יעדערע פון זיי האָט זיך דערמאָנט, אז ביז זעכצן יאָר איז זי שוין געווען אָדער א גרושע אָדער גלאט געדרייט זיך מיט איר מאן, און איר טאָכטער וועט אין די יאָרן ערשט דארפן אָנהייבן.

און קוים האָט זיך נאָר באוויזן דער ערשטער שטערן, מע האָט נאָך ניט צײַט געהאט אפילע איבערצובײַסן, האָט מען שוין אָנגעהויבן צו שטעלן כופּעס אין די הײַזער — שטיל, אָן קלעזמער און אָן א באדכן, אָן באזעצנס און אָן באדעקנס.

אזוי האָט דער ראָוו געהייסן. ערשטנס, ווײַל עס איז דאָך טישעבאָוו, און צווייטנס — מע זאָל אין שטאָט דערפון ניט וויסן.

עס זײַנען געווען אזויפיל כופּעס אין יענער נאכט, אז עס איז ניט אויסגעקומען צו צען מענטשן אף יעדער כופּע צו קאָנען זאָגן די בראָכעס ניסוין, און איך, וואָס איך האָב גע־ווינט אפן שול־הויף, ווו די בעהאָלע האָט זיך אָנגעהויבן, האָב געמוזט זײַן אף אלע כופּעס, קעדיי עס זאָל זײַן ווי־עס־איז א מיניען.

4. די בעהאָלע וואַקסט

און אז עס איז געוואָרן טאָג, איז שוין די שטאָט פארמערט געוואָרן מיט אכציק נײַע באלעבאטים. אכציק טאלייסים־טרעגערס זײַנען צוגעקומען אין די קלײַזלעך און באָטעמעדראָ־שים, און פון יענעם טאָג אָן האָט מען אופגע־הערט זאָגן טאכנון ביז סאמע ערעוו ראָשהאַ־שאָנע.

דער אוילעם איז אומגעגאנגען איבער די גאסן האלב פארשלאָפענע, וואָרעם קימאט אין יעדער שטוב איז מען געווען וואך; מ'איז אליין ניט געשלאָפן, און מ'האָט דעם אנדערן ניט געלאָזן שלאָפן, ווײַל מ'האָט דאָך געדארפט האָבן א מיניען צו דער כופּע. לעבן יעדער שטוב זײַנען געשטאנען רעדלעך און מע האָט געשריִען „מאזלטאָוו!” איינער צום אנדערן איי־בער דער גאס, און מע האָט צוריק געענטפערט: „מיט מאזל זאָלט איר לעבן!”

נאָכן דאווענען האָט מען זייער שטארק גע־פּיפּקעוועט אין די קלײַזלעך און פיל גערעדט וועגן די כאסענעס. טייל האָבן עס געהאלטן פאר א גרויסן אײַנפאל פון דער אסיפע, וואָס האָט דערלויבט צו מאכן כאסענעס נעכטן בא־נאכט, און זיי האָבן עס פּאַשעט געהאלטן פאר א נעס, וואָס מע האָט זיך געכאפּט באצײַטנס. וואָרעם עס איז געווען צו הערן, אז אין רײַסן איז שוין דער אוקאז ארויס און מע פאסט שוין. אנדערע, פארקערט, האָבן כויזעק געמאכט פון דער גאנצער זאך. ערשטנס, האָבן זיי ניט געגלייבט גאָר, אז עס וועט קומען אזא אוקאז; און, צווייטנס, האָבן זיי גערעכנט, אז אפילע עס זאָל יאָ קומען, איז עס אויך ניט אזא גרויסע צאָרע. די, וואָס האָבן געהאט אזא מיינונג, זײַנען אָבער געווען זייער ווייניק, און מע האָט זיי באלד איבערגעשריִען און גערופן אפּי־קאָרסים, און עס האָט געהאלטן בא קלעפּ.

ארום צען אזייגער אינדערפרי איז אָנגעפאָרן א גרויסער לאנד־שאדכן מיט א ליאַרעם, אז ער האָט א בריוו פון מאָקעם, אז א מיידל וועט ניט טאָרן כאסענע האָבן פאר פינף און צוואַנ־ציק יאָר, און א באָכערל — פאר דרײַסיק. ער איז געווען אזוי פארשמײַעט, אז ער האָט אין קרעטשמע אָפּגעדאווענט נאָר פאר זיך און האָט ניט געוואָלט ארײַנגיין אפילע צו א פּאָר נע־גידים, וואָס האָבן אים געשיקט בעטן צו זיך עטלעכע מאָל גאָר ראַכמים.

— איך האָב איצט ניט קיין מינוט צײַט, — האָט ער געענטפערט די שליכים. — איר זעט ניט? די וועלט שטייט אין פלאמען, זי ברענט. בא מיר איז איצט א מינוט — גאָלד.

האדוואָרים האָיילע, די דאָזיקע רייד פון דעם לאנד־שאדכן האָבן זיך אין איין רעגע פאר־שפרייט איבער דער שטאָט, און אלע, פון קליין ביז גרויס, האָבן זיך ארומגעשטעלט ארום דער קרעטשמע, ווו ער איז אײַנגעשטאנען, קעדיי אים צו זען אין זײַן גליק. דען אזוי ווי א כאָלערע איז א גליק פאר א קוואָרעסמאן, אזוי איז דאָך א בעהאָלע א גליק פאר א שאדכן. ווידער האָט זיך יעדערן געדוכט, אז ער פּירט מיט זיך פעק שידוכים. מאנכע נעגידעסטעס האָבן אויסגעשאָפּעט די ציגנער, אום צו ריידן מיט אים כאָטש א וואָרט. עס איז אָבער אומעג־לעך געווען צוצוקומען צו אים, ווי צו א גרויסן רעבן. ער האָט קוים פארגונען איינעם א גרויסן נאָגיד, רעב עליאָקום רעבעצעס, אָפּצושטעלן זיך לעבן זײַן שטוב, פּאָרנדיק פארבײַ אים. און דאָס אויך איז ער ניט ארײַן צו יענעם, נאָר דער נאָגיד האָט געמוזט ארויסגיין צו אים און זיך מיט אים מעיאשעוו געווען שטיי־ענדיק איבער אן איביען, מינאסטאם וועגן זײַ־נער א צוועלפיאָריקער מיידל.

— פאָלגט מיך און טוט, — האָט מען גע־הערט, ווי דער נויפעך האָט צוגעשריִען צו רעב עליאָקום רעבעצעס.

— פאָלגט מיך נאָכאמאָל און טוט, דען ניט איצט איז די צײַט פון כאָכמענען זיך, פון קלײַבן. די וועלט ברענט.

און ער איז אוועקגעפאָרן אַף פּאַטשט. דאָס איז געווען געגוג באוויַז פאַר דעם אוילעם פון הערעס, אז עס איז אין דער וועלט גאָרניט גלאַט. אז א שאדכן זאָל ניט אריַינגיין צו רעב עליַאָקום רעבעצעס און נאָך דערצו פאָרן אַף פּאַטשט! און די בעהאָלע האָט אָנגעהויבן נאָך האַלבן טאָג צו שטיַיגן פון שטונדע צו שטונדע. אנטקעגן אָוונט האָט מען שוין געזען, אז אפילע יענע, וואָס האָבן אינדערפרי פון דעם כויזעק געמאַכט, האָבן שוין געפּירט זייערע קינדער צו דער כופּע.

האַנשים האַלה[1], און די דאָזיקע לײַט, וואָס זיַינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער בעהאָלע ערשט קעגן אָוונט אַף מאָרגן נאָך טישעבאָוו און וואָס זײַנען געווען אויך פון בעסערן שטאַנד, האָבן געמאַכט זייערע כופּעס אַפן שול־הויף, מיט א באדכן און מיט קלעזמער. דאָס הייסט, מיט א פּידלער אַליין אָדער מיט א צימבלער אליין. און פאַר נויט איז געווען אויך גענוג א פּיַיקלער. דער באדכן האָט מער ניט צײַט געהאַט ווי צו זײַן בעשאַס סאָדער־קידושן. אין דער צווייטער נאַכט זײַנען נאָך געווען פיל מער כאַסענעס ווי אין דער ערשטער נאַכט, און די שטאָט איז געווען אין א גרויסן ראַזרוך.

5. די יישוווים

השמועה הרעה הזאת[2], די דאָזיקע ביטערע נאַכריכט האָט זיך אַף דעם דריטן טאָג אויסגעשפּרייט צווישן די ארומיקע יישוווים מיט נאָך טויזנט פאַרגרעסערטע שרעקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן בא זיי צו הערן, אז מע האָט צײַט מיידלעך כאַסענע צו מאַכן נאָר נאָך אכצן טעג, און יינגלעך — נאָך דרײַסיק טעג. און ווײַבלעך, גרושעס און אלמאָנעס, שוין גאָרניט, און אז א גאָרעש אָדער אַן אלמען טאָר ניט כאַסענע האָבן צום פינפטן מאָל. נו, זײַנען זיי געוואָרן מאַמעש ווי צעמישט און האָבן אוועקגעוואָרפן די סערפּעס פון די הענט (עס איז געווען דאַן די רעכטע שניט־צײַט), און האָבן אײַנגעשפּאַנט זייערע פערד אין די ליידיקע דראַבינעס, און זײַנען געקומען אין שטאָט הונדערטערוויַיז, און האָבן זיך מיט זייערע פורן געשטעלט אַפן מאַרק, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט ווו צו פאַרפאָרן אלע מיט איין מאָל. און איידער זיי האָבן נאָך צײַט געהאַט אראָפּצוּקריכן פון די דראַבינעס און נאָכצופרעגן זיך, צי די זאַך איז ריכטיק, ווי זיי האָבן געהערט, האָבן זיי דערהערט באַלד, ווי עס שפּילן קלעזמער, און געזען, ווי עס ווערן געפירט כאַסאַנים און קאַלעס זייער פיל פון יעדן געסל צום שול־הויף־צו. נון, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אז עס איז שוין טאַקע ריכטיק און האָבן שוין, אלזאָ, פאַרשפּאָרט גאָר נאָכצופרעגן וועגן דעם. זיי זײַנען נאָר צוגעפאַלן צו די שטאָט־לײַט, מ׳זאָל זיי אויסהעלפן מיט כאַסאַנים און קאַלעס.

דאָ האָט מען פאַר זיי דאַן געעפנט די קלײַזלעך, טאַלמעד־טוירעס, און מ׳האָט צוזאַמענגעטריבן אָרעמע יעסוימעס, וואָס פלעגן זיך שלעפּן איבער די הײַזער, — און די יישוווניקעס האָבן זיי צעצוקערט.

6. די נעגידים

אוווכיין, און אזוי איז די בעהאָלע געשטיגן פון טאָג צו טאָג. עס זײַנען געווען כאַסענעס אַף כאַסענעס, גאָר אָן אן אופהער. פון טנאָים איז שוין ניט געווען קיין רייד. און דאָך זײַנען געווען א צוואנציק אָדער דרײַסיק פאַמיליעס אין שטאָט, וואָס זײַנען געבליבן גאַנץ גלײַכגילטיק און ניט פאַרכאַפּט פון דער בעהאָלע. דאָס זײַנען געווען די גאָר רײַכע לײַט, גרויסע הענדלער, די, וואָס זײַנען ניט געווען ניט קיין מיסנאַגדים און ניט קיין כסידים. זיי פלעגן דאַווענען אמאָל דאָ און אמאָל דאָרט, ווו ס׳איז געווען נעענטער. זיי האָבן מיט די שטאָט־לײַט געהאַט גאָר א קנאַפּן פאַרקער, דען זיי פלעגן זײַן גאַנץ זעלטן אין דער היים. דערצו נאָך זײַנען זיי געווען געבאָרענע פון גרויסע שטעט און זײַנען אהער אָנגעקומען פאַר איידעמס, זײַנענדיק שוין געגעטע אָדער פאַראלמענטע, און זיי האָבן בא א פּאָר וואָכן געקוקט אַף דער בעהאָלע מיט שפּאָט און געלעכטער.

— ניין, — האָבן זיי געזאָגט, — מיר גלייבן ניט דעם בריוו, וואָס בערל סאָרע־כאַנעס האָט באַקומען פון זײַן מעכוטן, וואָס איז אין מאָקעם. דען עס קאָן גרײַלעך זײַן, אז יענער מעכוטן, וואָס האָט ניט מיט וואָס צו סילעקן די מאַטאָנע, וואָס ער האָט פאַרשפּראָכן צו געבן זײַן זון, האָט בעקיוון דאָס געשריבן, קעדיי מע זאָל זיך אײַלן מאַכן די כאַסענע. דעם נויפעך, דעם שאדכן, גלייבן מיר אויך ניט, ווײַל פאַר אים איז דאָך דאָס דערווײַלע א יאַריד. ער מאַכט דערפון א גאַנצן אייסעק און דערציילט אכצן טויזנט ליגנס.

דאָך, די דאָזיקע פעסטע דייע פון דעם פּראַט האָט ניט אויסגעהאַלטן קיין גאַנצע צוויי וואָכן, דען זייערע ווײַבער האָבן ניט געגרוט און ניט געראַסט און פלעגן טאָמיד דורען זיי אין די אויערן, אז זיי זאָלן זיך ניט האַלטן קליגער פון דער גאַנצער וועלט, און ביפּראַט נאָך ווען זיי זײַנען באַפאַלן מיט מיידלעך מער פון אַנדערע באַלעבאַטים. דערצו נאָך האָט זיי דער

[1] האַאַנאַשים האַיילע.
[2] האַשמוּאָ האַראָאָ האַזויס.

ראָוו געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַזיווי דאָס הייסט זיך פֿוירעש מין האַציבור זײַן, קאָן דאָס שוין אַליין שאַטן דערנאָך צו אַ שידעך. אומי־יעדייע, עפּשער האָט דער נויפּעך רעכט? דאַן וועט איר דאָך ניט קאָנען פֿאַרענטפֿערן זיך ניט פֿאַר גאָט און ניט פֿאַר לײַטן. לעוואָד דעם[1] האָבן זיך די מיידלעך זייערע בעעמעס אָנגע־הויבן שרעקן, ווי לאָטס טעכטער, אַז עס וועלן פֿאַר זיי ניט בלײַבן קיין כאָסאַנים, דען מע כאַפּט דאָך אויס אַלע ייִנגלעך. קורץ דערפֿון, מע האָט זיי אַטאַקירט פֿון אַלע זײַטן אַזוי ווײַט, אַז זיי האָבן געמוזט נאָכגעבן און זײַ־נען מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דעם שטראָם פֿון דער בעהאָלע.

דאָך אָבער, אום זיך אויסצוצייכענען פֿון אַלע בעהאָלע־כאָסענעס, וואָס ווערן געמאַכט ווי אַ קינדער־שפּיל נאָר, האָבן זיי זיך געלאָזט קאָסטן עטלעכע צענדליק קערבלעך באַ דעם אַסעסאָר און פֿויעל געווען, ער זאָל זיי לאָזן שפּילן זייערע כאַסענעס גאַנץ אָפֿן, ווי געהע־ריק, ווײַל זיי האָבן געמיינט, אַז דער אַסעסאָר האָט שוין עפּשער אַ באַפֿעל מיקויעך דעם. דער אַסעסאָר, וואָס האָט נאָך פֿון קיין זאַך ניט גע־ווּוסט, האָט זיי דערלויבט כאַטש קוליען זיך. און קעדיי עס זאָל די זאַך צוגיין מיט מער אָרדענונג, האָט מען געדונגען פֿיר אָרעמע ייִנגלעך, וואָס האָבן די דרענגלעך פֿון דער כופּע געהאַלטן מער ווי פֿיר און צוואַנציק שטונדן אין יעדן מעסלעס, און די צווייערליי קלעזמער, וואָס זײַנען אין שטאָט, האָבן זיך צעטיילט אין צווייערליי פּאַרטייען. איינערליי פֿלעגן שטיין אונטער דער כופּע און שפּילן, די אַנדערע פֿלעגן צוברענגען כאָסן־קאַלע און אָפּפֿירן צוריק אַהיים. און דאָך איז געווען אַ געדראַנג באַ דער כופּע, ווי אין די יאָמים־נויראָים־טעג באַ דעם קאָהאָלשן כאָזן, און אַלער־ליי מעכוטאָנים פֿלעגן וואַרטן מיט דער גרעסטער אומגעדולד, אַז די אַנדערליי מעכוטאָנים, וואָס זײַנען שוין אונטער דער כופּע, זאָלן שוין אַרויס פֿון דאָרט.

7. דער כאָזן

גאַם, אויך פֿאַר דעם כאָזן איז געווען דאַן אַ גאָלדענע צײַט, ווײַל ער האָט געמאַכט גאָר דעם גראָשן. ער איז די גאַנצע צײַט געזעסן אין פּאָליש פֿון שול מיט זײַנע מעשוירערים. דאָרט האָט ער געגעסן, דאָרט געשלאָפֿן, דאָרט געשריבן די קסובעס (די פֿען געהערט צו דעם כאָזן דאָרט). און אַלע ווײַלע האָט ער אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ און געזונגען „מה אדיר“.

[1] אויסער דעם.

אויך האָט זײַן ווײַב פֿאַרקויפֿט דאָרט די טאַ־באַאָס־קדושינס, פּעקלעך ציצעס, גלעזלעך צום צעברעכן. און אין דער קורצער צײַט, וואָס עס פֿלעגט זיך מאַכן צווישן איין כופּע און דער אַנדערער, פֿלעגט ער דאָרט גופֿע אונטער־שאַדכענען און קוילענען אויפֿעס און דאַקויס[1], דען ער איז געווען אויך דער שויכעט פֿון שטאָט. און ער האָט אָט אַזוי געשאָכטן די קינדער מיט די רינדער מיט די הינער צוזאַ־מען.

נון, פֿאַר אַ כופּע באַזונגען פֿלעגט ער נעמען טאָפּל, ווי פֿאַר אַ ציקעלע קוילענען, ווײַל אונ־טער אַ כופּע איז געווען אַ טאָפּלטע שכיטע; און דאָס איז אויך עפּשער דער טאַם, פֿאַרוואָס באַ אַ כופּע איז פֿיר שטענגלעך און באַ אַ מי־טע פֿון דער קוווּרע איז נאָר צוויי דרענגלעך, ווײַל דאָרט, באַ אַזאַ כופּע ווי אין דער בעהאָ־לע־צײַט, איז מען מעקאַבער צווייען, און באַ אַ מיטע פֿון אַ מעס נאָר איינעם.

אין יענע צײַטן האָט מען ניט געלערנט אין קיין בעסמעדרעש, ווײַל יעדערער איז געוואָרן יעדן טאָג אַן אַנדער מעכוטן. די בעזדיעטניקעס זײַנען געווען מעכוטאָנים די גאַנצע צײַט פֿון דער בעהאָלע, ווײַל זיי פֿלעגן זיך באַמי׳ען אויסצוזוכן אַלע טאָג פֿון אונטער דער ערד עפּעס אַ שטיק צאָרע, אַ קאַליקע, אַ הויקער, און זיי כאַסענע מאַכן. און מיט רעכט האָט אַמאָל אַ געוויסער דײַטשער דורכרײַזנדער גע־זאָגט:

— אַ קריסט, ווען ער האָט אַ סאַך קינדער, מאַכט ער איין כאַסענע; אַ ייִד, ווען ער האָט איין קינד, מאַכט ער עטלעכע כאַסענעס; האָט ער גאָר קיין קינדער ניט, מאַכט ער הונדערט כאַסענעס.

8. די בעהאָלע אין העכסטן גראַד

ותעל הבהלה מיום ליום מעלה מעלה[2] — נון, איז די בעהאָלע געשטיגן פֿון טאָג צו טאָג אַזוי ווײַט, אַז די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען ווי איין כאַסענע־דעפּאָ. אַפֿילע דורכפֿאָרער פֿלעגן דאָרט כאַסענע האָבן. איז אַרײַנגעפֿאָרן אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל אין שטאָט, איז ביז זיי זײַנען געקומען צום אַנדערן עק שטאָט, זײַנען זיי שוין געווען אַ באַלעבעסל אָדער אַ ווײַבל. דען די מויערן פֿון דער שטאָט האָבן זיי שוין קוי־לעט געווען, אײַנגעשלאָסן און ניט אַרויסגע־לאָזן, ביז זיי האָבן כאַסענע געהאַט. קורץ דער־פֿון, עס זײַנען אַלע קלאַסן מענטשן אַרונטער אונטער דער בעהאָלע, אָרעם און רײַך אַלע

[1] קליינפֿי.

[2] וואַטאַאַל האַבעהאָלאָ מי׳ים לעיום מאַאלאָ מאַאלאָ.

גלײַך. פֿיל קינדערלעך זײַנען ארונטער אונטער דער כופּע גאָר אָן די עלטערנס יעדיִעָ. פֿיל דינסטמיידלעך, וואָס מע האָט געשיקט אין יאַטקע, נאָך גרויפּן, נאָך מעל, — זײַנען דערנאָך געקומען צוריק ווײַבלעך אָדער גאָרנישט געקומען. פֿיל קליינע מיידלעך, וואָס האָבן שוין ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין ייִנגלעך כאַסענע צו האָבן, האָבן כאַסענע געהאַט מיט אַלטע אַלמענס, וואָס האָבן מער געדענקט פֿון יענער־וועלט ווי פֿון דער־וועלט. פֿיל האָבן געטראָגן זייערע קאַלעס אויף די הענט אונטער דער כופּע. פֿיל זײַנען אָנגעגריפֿן געוואָרן פֿון דער בעהאָלע גאָר אומגעריכטערהייט און זײַנען געוואָרן, ניט פֿאַר אונדז געדאַכט, כאַסאַנים גאָר פּלוצלינג. אָט האָב איך מיט אַ האַלבער שאָ צוריק גערעדט מיט איינעם, וואָס האָט געטראָגן צו פֿאַרקויפֿן רעטשקענע באָנדעס — אַ קאַרליק פֿון אַ יאָר פֿערציק, און דערצו נאָך אַ יאַדעשליווער, אַ געבריכטער, עס איז אים גאָרניט אַרויף אויפֿן געדאַנק כאַסענע צו האָבן, און ביפֿראַט נאָך, אַז ער האָט זיך שוין מיט צוויי ווײַבער געגעט, — האָט ער, אַלזאָ, געטראָגן אויף זיך די רעטשקענע באָנדעס, גלײַך ווי עס וואָלט געווען אין שטאָט רויִק און שטיל. מיטאַמאָל, אין אַ האַלבער שאָ אַרום, כלעבן, ער שטייט שוין אונטער דער כופּע און דער כאַזן זינגט שוין איבער אים „מה אדיר”. קורץ דערפֿון, עס איז געווען ניט זיכער פֿון דער בעהאָלע אַפֿילע אַ קינד אין וויג, ביז אין אַ צײַט פֿון אַ וואָך פֿיר איז ניט געווען צו זען אַ ייִנגל אָדער אַ מיידל אויף די גאַסן, ווי עס איז ניט צו זען אַ ווײַסן האָן אויף מאָרגן נאָך יאָמקיפּער.

עס האָבן שוין קיין טאַלייסים ניט געקלעקט, האָט מען די טאַלייסים געטיילט אײַנצווייען. די מייסים, וואָס זײַנען געשטאָרבן אין דער צײַט, האָט מען קיין טאַלייסים ניט מיטגעגעבן, ווײַל דער ראָוו האָט געזאָגט: „מעבירים את המת מלפני הכלה[1]” — דאָס הייסט: אַ כאָסן איז פֿיל בילכער ווי אַ טויטער.

דערווײַל האָט די שטאָט גאָרניט געדענקט וועגן פּאַרנאָסע. די קראָמען זײַנען געווען צו. דער אוילעם איז געגאַנגען אָנגעטאָן יאָמטעוודיק, און ווי נאָר איינער האָט באַגעגנט דעם אַנדערן, האָט ער אים שוין געגעבן מאַזלטאָוו, גאָר ניט וויסנדיק, צי האָט ער ווען כאַסענע געמאַכט. דען ווער האָט עס ניט כאַסענע געמאַכט אין די דאָזיקע צײַטן?

[1] מאַווירים עס האַמייס מילִפֿניי האַקאַלאָ;

9. צוויי ברידער

בימי הבהלה הזאת[1], אין די טעג פֿון דער בעהאָלע האָט מען שוין ניט געקוקט אויף דער גלײַכקײַט פֿון יאָרן, און אַזוי אויך ניט אויף ייִכעס, וואָס אין די פֿרידלעכע צײַטן האָט קיין צאַד קיין קווינט פֿון זײַן ייִכעס ניט געלאָזט אַריבערגיין. מע האָט דאַן צונויפֿגעשטעלט אַ פּאָרפֿאָלק, ווי מע שטעלט אויף אַ סוקע אין אײַלעניש ערעוו יאָמטעוו. מע האָט צוזאַמענגעפּאָרטוליעט, לעמאָשל, אַ ייִנגל פֿון צען יאָר מיט אַ מויד פֿון אכצן יאָר, און אַזוי אויך פֿאַרקערט — אַ מיידל פֿון צען יאָר מיט אַ יונגנמאַן אַן אַלמען.

נון, האָט זיך געמאַכט דאַן, אַז אַ געוויסער פּאָטער האָט געהאַט צוויי ייִנגלעך: איינעם, וואָס איז אַלט געווען נײַן יאָר, און אַ צווייטן, וואָס איז אַלט געווען נאָר זיבן יאָר. האָט מען כאַסענע געמאַכט דעם עלטערן מיט אַ מויד פֿון אַ יאָר אכצן. דען ער האָט קיין ייִנגערע ניט געקאָנט געפֿינען, ווײַל זיי זײַנען שוין געווען פֿאַרכאַפּט. נו, פֿאַרשטייט זיך, אַז די פֿאַרבינדונג האָט זיך אַזוי געקאָנט האַלטן, ווי די פֿאַרבינדונג פֿון זײַד מיט אַ גראָבער שטריק. און מיט דער צײַט איז די געשיכטע פֿון מאַן־און־ווײַב דעם נײַניאָריקן ייִנגל געווען אַזוי צו לאַסט, אַז ווי נאָר עס פֿלעגט ווערן אָוונט, פֿלעגט ער זיך באַהאַלטן. ער פֿלעגט פֿאַרקריכן אין אַ מויז־לאָך, קעדיי מע זאָל אים ניט צווינגען צו זײַן צוזאַמען מיט אַזאַ פֿאַרשוין, וואָס האָט אים זײַן לעבן מער פֿאַרביטערט, ווי פֿאַרזיסט.

ווײַהי, און עס איז געווען, אַז דער פּאָטער האָט אים אַ פּאָר מאָל אָפּגעשמיסן, האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען און דערבײַ געשריִען:

— פֿאַרוואָס טרײַבט איר מיך אַהין? לאָז שוין הײַנט גיין יאָשקע!

אַזוי האָט געהייסן זײַן ייִנגערער ברודער.

10. די שאַבאָסים

אַלע שאַבעס פֿלעגט מען ברענגען אַ טראַנספּאָרט באַלעבאַטים אין שול, קליינע און גרויסע, אין שטיקלעך טאַלייסים. זיי פֿלעגן אוילעלאַטוירע זײַן זאַלבעצענט, אַזוי ווי סימכעסטוירע, אַלע אויף איין מאָל, אים קאָל האַנעאָרים. די קליינע באַלעבאַטים פֿלעגן מיט זיך ברענגען האַמויצעס כאַלע, אַ פֿאָלקע הון, און פֿלעגן עס עסן בעשאַס קריִאַס־האַטוירע, שטייענדיק אויף די בענק, די הערלעך פֿול מיט די גערשטן,

[1] בײַמיי האַבעהאָלאָ האַזויס.

וואָס די ווײַבער האָבן אַף זיי ארופגעשאָטן,
בעשאס זיי האָבן אין דער וואָך באדעקט זייע־
רע קאלעס... פון קאמען איז קיין רייד דאָרט
ניט געווען א גאנץ יאָר, ביפראט נאָך בעשאס
בעהאָלע, ווען ס׳איז יעדערן פון די הענט גע־
פאלן מאמעש.

די נײַע באלעבאָסטעס האָבן מיט זיך גע־
בראכט אין דער ווײַבערשער שול זייערע ליאל־
קעס, זייערע צייכנס, און באטאָג האָבן זיי זאמד
געשאָטן אין זייערע שלייערס. שאבעס איני־
דערפרי נאָכן דאוונען זײַנען די נײַע פּאָר־
פאָלק געגאנגען גוט־שאבעס־ביטן. נון, איז גע־
ווען די גאנצע שטאָט אין די שאבאָסים־טעג
אַף דער וואנדערונג, און עס האָבן זיך באַ־
געגנט מעכוטאָנים פון אַן אָפּרופעניש מיט מע־
כוטאָנים פון א רומפּל. אגעוו, זײַנען אָנגעפאָרן
מעכוטאָנים פון פילע אנדערע שטעט, און דער־
צו זייער פיל שאדכאָנים. און פון אָוונט זײַנען
געווען שאלעסודעסן, באנאכט האָבן אָנגעהויבן
ארויסצושפּרינגען זמירעסן. קורץ דערפון, מע
האָט אין דער צײַט פון דער בעהאָלע
ניט געשלאָפן, ניט געגעסן, ניט געהאנדלט,
ניט געלערנט, נאָר געטרונקען און כאסענעס
געמאכט.

11. ע נ ד ע

די בעהאָלע האָט געדויערט גאנצע זעקס
וואָכן און וואָלט נאָך פילײַכט מער געדויערט,
ווען עס וואָלטן נאָך געווען פיר יינגלעך, וואָס
זאָלן צוהאלטן די דרענגלעך פון דער כופּע.
די גאנצע שטאָט האָט זיך אזוי פארשלייערט,
אז עס איז ניט געבליבן קיין דינסט בא קיין
באלעבאָס, דען עס האָבן אלע כאסענע געהאט
און זײַנען געוואָרן פאר זיך באלעבאָסטעס אָן
דינסטן. און אזוי איז ניט געווען צו באקומען
קיין שוסטער, קיין שנײַדער, ווײַל עס האָט
אין דער צײַט אופגעהערט דאָרט מיסכער און
מעלאָכע. און דאן ערשט, אין עטלעכע וואָכן
ארום, ווען דער אוקאז איז שוין ווירקלעך
געקומען, אז א מיידל טאָר ניט כאסענע האָבן
ייִנגער פון זעכצן יאָר און א ייִנגל — ייִנגער
פון אכצן יאָר, האָט ער שוין דערוויסט אפולע
אָפּגעגעטע. דען דער אוילעם האָט זיך ארומ־
געזען, ווי באריש זיי זײַנען זיך באגאנגען, און
האָבן זיך געשעמט איינער פאר דעם אנדערן.

עס זײַנען געווען דאן געטן איבער געטן.
עס זײַנען געווען באם ראָוו אין שטוב דינטוי־
רעס איבער דינטוירעס. אין א פּאָר כאדאָשים
ארום זײַנען שוין געווען דינסטן צוויי מאָל
אזויפיל ווי פריִער.

עס זײַנען געבליבן נאָך דעם א סאך אגונעס,
ווײַל זייער פיל האָבן זיך אוועקגעשלעפּט אין
דער וועלט און אוועקגעוואָרפן זייערע ווײַבער.

פונעם לויטערן קוואל

דער ערשטער

און אָנהייבן, און ענדיקן א בּיניען,
וואָס זאָל יאָרטויזנטער דאָ שטיין,
פאַר איינעם איז אומעגלעך;
נאָר איינער לייגט אוועק דעם ערשטן שטיין
און נאָכדעם שוואַטים — בּינען
עס בּויען אין אים קעמערלעך טאָגטעגלעך.

און ווער דער ערשטער איז, וואָס לייגט
דעם שטיין אוועק,
איז דאָך אומעגלעך זאָגן;
עס גייען מענטשן דורך אַן צאָל
מיט העק און פּעק,
דורך באַרג און טאָל,
און פיל פון זיי אָף זיך דעם אָל,
די לאַסט פון אָנהייב, טראָגן.

דער ערשטער איז אָט דער, וואָס בּענקט,
וואָס פילט, אז ס׳פעלט
אין וועג אים אויס
אַן אָרט, א וואָרט, א ניגן און א שטערן,
און זיך אליין
ער פאַר א קאָרבּן בּרענגט,
אז פרייַנט נאָך אים
זאָלן דעם ניגן הערן.

און בּענקענדיקע איז פאַראַן א סאַך,
און גוט, וואָס ס׳איז א סאַך פאַראַנען,
דערפאַר איז פריילעך אָפן שליאַך
צו שפּאַנען...

כ׳דין מייַן פאָלק

יונג מייַן הארץ, עס גליט און צאַרנט,
האַלט מיך אונטער, שלאָגט זיך הייס...
איינער זאָגט, אז ער ווייסט גאָרניט,
דאָס איז אַלעס, וואָס ער ווייסט...

און ער בּייגט זיך אָן צום לאָגל —
„האָט מיר, פרייַנט, א גוטע נאַכט!"...
קעגן אָט דער כאָכמע זאָגן
כ׳קאָן נאָר, — ניט פאַר אונדז געדאַכט...

ער איז קיינעם קיין באַלכויוו ניט —
„וויל איך, ווייַן איך, וויל איך — לאַך,
גאָרניט כ׳ווייס ניט, ווי דער שניי־ווינט,
האָט מיר, פרייַנט, א גוטע נאַכט!"...

איך פאַרקערט זאָג: איינס נאָר ווייס איך —
מיר געשענקט האָט גאָט א סאַך,
און דערפאַר מיט לידער הייסע
כ׳דין מייַן פאָלק אי טאָג, אי נאַכט.

צו דער יוגנט

דער ערשטער טראָט טוט פרייען,
כ׳האָב אָנהייב שטענדיק ליב.
גוט, אז די פיס — זיי גייען,
נאָר אויב זיי גייען ניט?..

דעם אָנהייב ליב איך זייער,
ס׳איז יוגנט פול מיט שווונג,
ווען ס׳טוט דער קאָפּ זיך דרייען,
איז שווער צו בּלייַבּן יונג.

דאָס בּרויט פון טעג זאָל פרייען,
דו בּייַס עס מיט די ציין, —
דער קאָפּ זאָל זיך ניט דרייען,
די פיס — זיי זאָלן גיין...

קראנקײַט

איך האָב ליב די ליד פון וועגן,
איך האָב ליב דעם וועג פון לידער.
ווי א זומערדיקער רעגן,
כ'טראָג זיך דורך אף בארג־און־נידער.

איבער וועגן קלינגט א ניגן,
און אין הארצן קלינגט א ניגן.
זאנגען זיך אין פעלדער וויגן,
ביימער זיך אין וועלדער וויגן.

איך האָב ליב געזאנגען זייער
אף די פעלדזן, אין די טאָלן.
קלאנגען מונטערע מיך פרייען —
אין אנסאמבל און אין סאָלאָ...

צום באדויערן, פון לאנג שוין
כ'בלאָנדזע ניט אין פרײַע פליינען,
ווען פון שטוב כ'דערהער ס'געזאנג שוין,
ווי א קינד, איך הייב אָן ווײַנען.

ס'גייען וועגן, און ניגונים
גייען מיט מיט זיי צוזאמען.
איך נאָר, ווי א שאָף באם ברונעם,
שטיי, ווי וועג וואָלט זײַן אין צאמען.

וועגן זײַנען פרײַ און אָפן,
נאָר מײַן טראָט זיי קאָן ניט מעסטן, —
ס'איז מײַן וועג מיט ווײ פארלאָפן,
בעט איך: הייל מיך, טרייסט מיך, שוועסטער.

ברענג די ליד מײַנע אף וועגן,
ברענג דעם וועג צו מײַנע לידער.
ווי א זומערדיקן רעגן,
טראָג מיך דורך אף בארג־און־נידער.

מײַן באגער

יאָ, כײַעס אין די וועלדער ברומען,
ווי שטיינער פאלן טעג צום דעק,
און גוט, וואָס נײַע מענטשן קומען,
וואָס ס'איז א מײַסע אָן אן עק...

פארשטייט זיך, אויב דו ווילסט פארגלײַכן
מיט אָט דער אייביקײַט דײַן ווײ,
איז פּאַשעט לעכערלעך, ווײַל טײַכן
עס טריקנט אויס די צײַט, ווי שניי.

און נאָר נאראָנים, גראָבע יונגען
זיך נעמען איבער מיט דעם רום.
ביז ס'עטעמען מיט לופט די לונגען,
די גאנצע וועלט איך נעם ארום.

די גאנצע וועלט — אין מײַן שווארצאפּל,
און אומענדלעך איז מײַן באגער:
באגריסן זי ביז העכסטן שטאפּל
און זײַן אין איר — פון גליק די טרער.

באגײַסטערונג

וואָס הייסט באגײַסטערונג? שרעקלאָזע מונטערקײַט,
קראַפט ניט געמאָסטענע, גלויבן פון גרונט, וואָס לײַכט...

גרויע בערג, פעלדזיקע, זײַנען דיר ברידערלעך,
סטעפּעס אָנברעגיקע, — גרינגע, ווי פליטערלעך.

כוואַליעס צעגאָרנטע זײַנען דיר שוועסטערלעך,
וועלט איז א כאווער דיר, ערד איז דײַן נעסט און רײַך...

און דו ביסט א פריידיקער, פריילעכער מײַסטער־יונג.
אָט וואָס אזוינס איז בא מענטשן באגײַסטערונג.

די לידער פאר פרײַנט

איך דארף ניט קיין זילבער, איך דארף ניט קיין גאָלד,
בלויז מענטשלעכע לידער כ'האָב זינגען געוואָלט,
ווײַל ליבער איז מיר פון איעדן מעטאל
די פרייד, כאָטש א טראָפּן, וואָס גייט פונעם קוואל.

איך דארף ניט קיין קרענעצע, ס'איז מיר גענוג
מיט לויטערע פונקען איין ליימענער קרוג,

איין ליימענער קרוג, וואָס זאָל פול זײַן מיט ווײַן,
די לידער פאַר פרײַנט זאָלן מונטערע זײַן.

די לידער, וואָס לויבן מײַן היים און מײַן לאַנד,
און גיין נאָך מיט זיי ביז איך גרייט נאָכאַנאַנד.

פאַר אַט דער וועלט

ס׳איז ניט קיין וווּנדער, ברידער,
וואָס פריילעך שרײַב איך לידער.
מײַן פען איך טונק אין אַזאַ טינטער, —
וואָס מער זי עלטערט זיך,
אַלץ מער זי ווערט געזינטער.
און פאַרב און קלאַנג
און הייסע פּערזן,
ווי זאַנגען אין די פעלדער,
זי זאַמלט אויף.
ניט אַף קיין רוף
זי קומט זיך מעלדן —
זי קומט אַליין אָן
ווי אַ רוף.
איך גיי מיט איר
פון יאָר צו יאָר,
איך טראָג מיט איר
אַדורך מײַן דאָר.
דער וועג איז ווײַט,
דער ציל איז העל,
די ליד איז נײַ
ס׳איז ברייט דאָס פעלד.

און אויב אַ וואָלקן קומט — פאַרשטעלט
פון מיר די שײַן,
סײַווי די וועלט
אַ וועלט וועט זײַן.
איך בין אַ זעלנער בײַ דעם וואָרט,
איך בין אַ בוים באַם וואַלד, וואָס גרינט,
און מיך באַגלייט, ווי אַן עסקאָרט,
אַף גרויסע ראַכוועסן — דער ווינט.

דער זעלנער — דינט,
די פענע — שרײַבט,
אין טינטער — טינט
אַ סאַך נאָך בלײַבט.
דער זעלנער — לאַכט,
די פענע — קוועלט,
באַטאָג־באַנאַכט,
און ס׳גייט די וועלט...
פאַר אַט דער וועלט
איז שווער דאָך, ברידער,
צו שרײַבן אומעטיק
די לידער...

פ א ר ו ו א ָ ס

וואָס פיבער איך פילבאַר און היט, ווי אַ קאַמצן, די רענדלעך?
וואָס ציטער איך הייס איבער אײַך, מײַנע לידער, אומענדלעך?

וואָס האַלט איך אײַך טײַער אַזוי, ווי אַן איינציקן שטערן,
און וויפל איך האָב אײַך, איך וויל, איר זאָלט אַלץ זיך נאָך מערן?

איר האָט דאָך גאָר ווייניק־וואָס גליק מיר אין לעבן פאַרשאַפט,
ביז גרויקײַט דערגאַנגען און אַלץ, ווי אַ שיף אין דעם האַפן.

און ניט קיין פאַרמעגן איך האָב, און ס׳איז ווייניק נאָך קאָוועד, —
פאַרוואָס ווערט איר טיף, אַזוי טיף אין מײַן האַרצן געכאָוועט?

וואָלט ער געזאָגט...

ווען אומדערוואַרט און אומגעריכט
וואָלט פּושקין — דער באַקרוינטער אַפּאָלאָן —
אַרײַן אין זאַל און דאָרט דערהערט
זײַן אייגן קאָל פון דעם מאַגניטאָפאָן, —
וואָלט ער פאַרוווּנדערט זיך צוּערשט:
„ווי קונציק, פרײַנט, די שטימע מײַנע מאַכט
איר נאָך"...

דערנאָך, די אופרעגונג באהערשט,
וואָלט ער געזאָגט: „באוויַיזט מיר עפּעס נאָך".
און פּלוצלינג לעשט זיך אויס די שיַין
און אַן עקראַן ברענגט בלענד אָן מאָס.
„איך זע, איר האָט געאַרבעט פיַין,
באַרימען האָט איר זיך מיט וואָס.
אַזעלכע ליַיט, ווי איר,

דאָס גאַנצע פאָלק אין טאָך,
געקאָנט דעם דוירעסדיקן יאָך
אַראָפּוואַרפן פון זיך
און אין עפּיר
זיך לאָזן מיט די אָדלערס גליַיך"...

און ס'הייבט אין זאָל זיך אוף א יונג:
„א גליק — באַקאַנען זיך מיט איַיך,
מיט איַיער פלאַמענדיקן שווונג.
דעם יאָך צעשטערט דאָ האָבן מיר.
די געטלעכע נאַטור אונדז דינט.
איצט, פּושקין, טונקט אויך איַין די פען אין
טינט, —

און טוט א שטיף!
און וואַרפט א שטראַל

פון טיפן קוואַל!
און איר און מיר —
אין איַין באַריר!

און מיר דאַן זיַינען איבעראַל,
דאַן איבעראַלעס זיַינען מיר"...

נאָר פּושקין וואָלט אַזוי געזאָגט:
„אין ברוסט דאָס האַרץ בא מיר זיך וואַרפט.
פאַר דיר איז פראָסט דיַין נייַער טאָג,
און איך זיך אויסוווּנדערן דאַרף"...

...און מיר איז, ווי דעם יונג, אַלץ קלאָר,
און, ווי דעם דיכטער, ווונדערט אַלץ.
דריַי הונדערט זעכציק מאָל דאָס יאָר
מיר פאַלט פאַרצויבערט אָפּן האַלדז...

מענטשן — זייער צייט און זייער גורל

זאלמען קאהאן

הונדערט יאָר

— צו לאנגע יאָר! — אזוי ווינטשט מען א נײַ־געבוירענעם, א באל־יויוול, אין טאָג פון א לעבן־סימכע. אָבער הונדערטיאָריקע יובילייען קומען דערווײַל נאָך פאָר ניט זייער אָפט. וועגן איינער אזא פײַערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין לענינגראד, וויל איך דערציילן.

...די ערשטע דרײַ רייען אין זאל האָבן פארנומען די מיטגלידער פון זײַן מישפּאָכע — זין, טעכטער, אייניקלעך, אורייניקלעך, אור־אייניקלעך...

און אליין ער, דער באל־יויוול, איז געשטאנען אף דער בינע, הויך און שלאנק, אין אן עלעגאנטן קאָסטיום, אפן ענערגישן פּאָנעם א גוטמוטיקער שמייכל, זײַן האנט איז געווען געווענדט צום פול־געפּאקטן זאל, און גערעדט האָט ער קלוג און שיין, טיף־אינהאלטפול און דײַטלעך. דער גרויסער אוילעם האָט אים געהערט מיט א פארטײַעטן אָטעם.

גראָווע זקיינים מיט באזילבערטע קעפּ, אָנגעזעענע אקאדעמיקער, פּראָפעסאָרן האָבן זיך געבייגט פאר אים, געדריקט זײַן האנט. פאר זיי איז ער געווען א לערער און א פרײַנט. פון אלע עקן לאנד זײַנען זיי געקומען, געוועזענע שילער, וועלכע האָבן שוין אליין פון לאנג א גאנצן דאָר טאלמידים. און באגריסט האָבן אים בעקאָוועדיקע מענטשן: דער מיניסטער פאר געזונט־פארהיטונג, דער ערשטער סעקרעטאר פון לענינגראדער שטאָטקאָם פון דער פּארטיי, דער פּרעזידענט פון דער אקאדעמיע פאר מעדיצינישע וויסנשאפטן, בארימטע געלערנטע פון מאָסקווע, אוקראיִנע, לעטלאנד, גרוזיע.

אפן פּרעזידיִום־טיש איז געשטאנען א ביסקוויטן־טאָרט מיט אָנגעצונדענע הונדערט ליכט...

הונדערט יאָר איז אלט געוואָרן דער אָנגעזעענער געלערנטער פון ראטנפארבאנד, דער וועלט־בארימטער היגיִעניסט, דעמאָגראף און געראָנטאָלאָג, דער אקאדעמיקער, פארדינסטפולער וויסנשאפט־טוער, פּראָפעסאָר זאכארי גריגאָריעוויטש פרענקעל.

א קלייניקײַט — הונדערט יאָר!

ער איז געווען פּערזענלעך באקאנט און באפרײַנדעט מיט איליא מעטשניקאָוו, מיטן אקאדעמיקער איוואן פּאוולאָוו, מיט דער אוקראיִנישער שרײַבערן לעסיא אוקראיִנקא.

הונדערטער וועגן אויסגעגאנגען, אָן א שיר שטעט און לענדער געזען. און דאָס, וואָס ער האָט באוויזן צו טאָן, איז פארפיקסירט און פארייביקט אין זײַנע 250 וויסנשאפטלעכע ארבעטן איבער סאָציִאלער היגיִענע, דעמאָגראפיע, וועגן דעם קאמף פון מענטש פאר א שעפערישער ארבעטספייִקער אלטקײַט.

אין ראטנפארבאנד עקזיסטירן אין יעדער רעפּובליק היגיִענע־געזעלשאפטן מיט טויזנטער מיטגלידער, פאראייניקטע דורך דער אלפארבאנדישער היגיִענע־געזעלשאפט. אין אָט דעם העכסט־וויכטיקסטן געביט פון דער געזונט־פארהיטונג זײַנען אלע אָנגעזעענע היגיִעניסטן — טאלמידים פון זאכארי גריגאָריעוויטש פרענקעל.

ז. ג. פרענקעל איז געבוירן געוואָרן אין ניעזשין אף אוקראיִנע. זײַן מוטער איז געווען א שוועסטער פונעם אקאדעמיקער באך, דער פאָטער — א וואלד־אופזעער.

געענדיקט די ניעזשינער גימנאזיע, פאָרט ער אוועק אין 1889 לערנען זיך אין מאָסקווער אוניווערסיטעט. דער יונגער סטודענט באנוגנט זיך ניט מיט די לימודים פון זײַן פאך, ער שטודירט די ווערק פון מארקסן און ענגעלסן. פארן אָנטייל אין דער סטודענטישער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג ווערט ער ארעסטירט. אין א פּאָר יאָר ארום גיט זיך אים אײַן אָנצוקומען אפן מעדיצינישן פאקולטעט פון דערפּטסקן (טארטו) אוניווערסיטעט, וועלכן ער פארענדיקט אין 1895, און ווערט א דאָרפישער דאָקטער אין נײַ־לאדאָגער אויעזד פון פּעטערבורגער גובערניע.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון זײַן מעדיצינישער פּראקטיק פארנעמט זיך דער יונגער דאָקטער מיט וויסנשאפטלעכער ארבעט. ער גייט פון דאָרף צו דאָרף, פאָרשט דאָס לעבן פון די פּויערים, שטעלט צונויף פּלענער, וויִאזוי צו פארבעסערן זייער שטייגער.

דער גורל וואַרפט אים אַריבער אין קאָ־
סטראָמער גובערניע, ווו ער הײלט מענטשן און
פאַרנעמט זיך מיט אַקטיווער געזעלשאַפטלע־
כער טעטיקײט. ער ווערט אַלץ מער און מער
פּאָפּולער בא די פּויערים. אין אײנעם אַ טאָג
קומט צו אים אַ גאַנצע דעלעגאַציע:

— ביסט אַ ייִד צי ניט קײן ייִד, דאָקטער
פרענקעל, מיר ווילן דיך אויסוויילן פאַר אונד־
זער דעפּוטאַט.

ענטפערט ער:

— וואָס איז די נאַפקעמינע? ווּעמען דאַרפט
איר פאַר אַ דעפּוטאַט?

— אַ גוטן מענטשן באַדאַרפן מיר, — זאָגן די
פּויערים, — אַזאַ ווי דו!

און די פּויערים האָבן אים אויסגעקליבן פאַר
זײער דעפּוטאַט אין דער ערשטער דומע.

פונעם 1909 לעבט זאַכאַרי גריגאָריעוויטש
פרענקעל אין פּעטערבורג, פאַרנעמט זיך מיט
וויסנשאַפטלעך־פּעדאַגאָגישער אַרבעט, רעדאַק־
טירט דעם זשורנאַל „זעמסקאַיאַ דיעלאָ". אין
די פּעטערבורגער מעדיצינישע לערן־אַנש־
טאַלטן לײענט ער אַ קורס לעקציעס וועגן סאָ־
ציִאַלער היגיִענע. זײַן ערשטע וויסנשאַפטלעכע
אַרבעט אַף דער טעמע האָט ער אָנגעשריבן
אין 1899 יאָר, און די לעצטע איז אָפּגעדרוקט
אַפן הונדערטסטן יאָר פון זײַן לעבן.

אין די באַדינגונגען פון צאַרישן רוסלאַנד
איז שווער געווען עפּעס צו דערשלאָגן זיך אין
געביט פון סאָציִאַלער היגיִענע: ווער האָט דאַן
געטראַכט וועגן אָט דער זאַך? און פאַרשיידענע
פרענקעל־פּראָיעקטן אַף דעם געביט פלעגן
בלויז אַרויסרופן אַ שמייכל בא די צאַרישע
טשינאָווניקעס.

צעבליט האָט זיך זאַכאַרי פרענקעלס טאַלאַנט
נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. די ראַטנ־
מאַכט האָט געגעבן דעם געלערנטן די פולע
מעגלעכקײט צו פאַרשפּרייטן און אײַנגלידערן
זײַנע אידייען. פרענקעלס אײַנשטעלונגען וועגן
סאָציִאַלער היגיִענע ווערן די פּלאַטפאָרם פאַר
טאָגטעגלעכער טעטיקײט פון די סאָוועטישע
אָרגאַנען פאַר געזונט־פאַרהיטונג.

ער נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער גרינ־
דונג פון דער אַקאַדעמיע פאַר מעדיצינישע
וויסנשאַפטן און באַקומט צווישן די ערשטע
סאָוועטישע מעדיקער דעם ערן־טיטל אַקאַדע־
מיקער.

זײַנע פונדאַמענטאַלע ווערק „פּעטראָגראַד
אינעם פּעריאָד פון מילכאָמע און רעוואָלוציע"
און „סאָציִאַלע היגיִענע" ווערן די וועגווײַזער
פאַר טויזנטער ענטוזיאַסטן פון אײַנגלידערן
דעם נײַעם סאָוועטישן שטייגער. אונדזערע סאָ־
וועטישע היגיִעניסטן בעראָש מיט זאַכאַרי גרי־
גאָריעוויטש פרענקעל האָבן פיל אויפגעטאָן אין
געביט פון היגיִענע פון אַרבעט און דערנערונג,
אין דער וווּיל־אײַנאָרדענונג פון שטעט, אַרבע־
טער־יִשוּווים און דערפער, אין דער לייזונג
פון אַזעלכע פּראָבלעמען, ווי דערפירן צו אַ
מינימום די קינדער־שטערבלעכקײט און פאַר־
לענגערן דאָס לעבן.

זאַכאַרי גריגאָריעוויטש פרענקעל איז געווען
אומדערמידלעך.

קעדיי טיפער אײַנצודרינגען און גרינטלע־
כער צו פאַרשטיין די אַרבעטס־באַדינגונגען אין
פאַרשיידענע פּראָדוקציע־געביטן, באַקאַנט ער
זיך מיט דער סאַניטאַרער לאַגע פון באַזונדערע

זאַכאַרי גריגאָריעוויטש פרענקעל

פאַבריקן, אַנשטאַלטן, שולן, אַף וואַלד־פאַרגריי־
טונגען. ער שטעלט זיך אַליין אַרבעטן בא אַ
דאַמבע, ער לאָזט זיך אַראָפּ אין שאַכטע. ווען
אין דאָרף באַציט מען זיך נאָך מיט אומצוטרוי
און כשאַד צו פּאָקן, באַווײַזט ער אַף זיך, ווי
פּאָשעט דאָס איז, אומווייטעקלעך און, דערי־
קער, וויפל נוץ דאָס ברענגט פאַרן געזונט.

מיט די רעזולטאַטן פון זײַנע וויסנשאַפטלעכע
פאָרשונגען פלעגט ז. ג. פרענקעל אָפט אַרויס־
טרעטן אַף זיצונגען אין מעלוכע־פּלאַן, אין די
מיניסטעריומס פאַר געזונט־פאַרהיטונג און קאָ־
מונאַלער ווירטשאַפט.

צווישן די הונדערטער וויסנשאַפטלעכע אַר־
בעטן פון זאַכאַרי פרענקעל פאַרנעמט אַ בע־
קאָוועדיק אָרט זײַן מאָנומענטאַל ווערק „פאַר־
לענגערונג פון לעבן און אַקטיווע עלטקייט".
פאַר דעם דאָזיקן ווערק האָט ער פאַרדינט
אָנגערופן צו ווערן אַלס פאָטער פון דער סאָ־

וועטישער גערָאנטאָלאָגיע. דעם דאָזיקן בוך, וועלכער איז דערשינען נאָך דער מילכאָמע, האָט פרענקעל אָנגעשריבן אין לענינגראַד, אין דער צײַט פון דער בלאָקאַדע, אין די באַדינגונגען, ווען ס׳פלעגט אויסקומען צו לעבן אָן ליכט, אָן ברויט, אָן וואַרעמקײַט, אונטערן האָגל פון פײַנטלעכע סנאַריאַדן. אין דער פאָרעדע צו דעם בוך האָט ער דערמלט אונטערגעשראָכן, אַז דאָס „באַווײַזט בוילעט די גרויסקײַט פון אונדזערע סאָציִאַליסטישע דעראָבערונגען, די פולע זיכערקײַט אין אונדזער ניצחון איבער אַלע פײַנצטערע קויכעס”.

ז. פרענקעל באַטראַכט אין אים דאָס פאַרלענגערונג פונעם לעבן ניט אַלס א ביִאָלאָגישע דערשײַנונג, נאָר ווי א סאָציִאַלע פּראָבלעם. אונדזער אויפגאַבע, שרײַבט ער, איז דערשלאָגן זיך, אַז דאָס לעבן זאָל ווערן פאַרלענגערט באַם גאַנצן פאָלק, ווײַל דאָס יאָרן־פאַרלענגערונג באַטײַט ניט לעבן נאָך א שטיק צײַט בלויז אַף אָפּרו, אַף פּענסיע, דאָס באַטײַט, אַז מיר דאַרפן דעראָבערן אַן אַקטיוון, טעטיקן עלטער, יאָרן פון נוצלעכער אַרבעט לטובֿת אונדזער פאָלק און לאַנד.

וויסנשאַפטלעך פאַנאַנדערגעאַרבעט די פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער סאָציִאַלער גערָאָנטאָלאָגיע, האָט ער אַליין באַוויזן מיט זײַן לאַנגן לעבן דעם בעסטן מוסטער, וויִאַזוי מ׳דאַרף זיך פירן, וויִאַזוי עס באַדאַרף לעבן א סאָוועטישער מענטש.

אין דעם זין איז זאַכאַרי פרענקעל — אַן עטאַלאָן.

צו זײַנע הונדערט יאָר האָט ער באַקומען א סאַך בריוו מיט איין און דער זעלבער פראַגע: „ווי דערגרייכט מען אַזאַ עלטער?”.

אַלעמען פלעגט ער ענטפערן:

— ס׳איז ניט פון די שווערע זאַכן. מע דאַרף אַרבעטן פיזיש, מער באַוועגן זיך, דערגרייכן א האַרמאָניע פון פיזישער און גײַסטיקער אַרבעט, ניט רייכערן, ניט געברויכן קיין אַלקאָהאָל, זײַן שטענדיק טעטיק, ניט איבערעסן זיך און ניט עסן צו ווייניק — אין דעם איז דער סאָד פון לאַנגן לעבן.

עמעצן האָט זיך פאַרוואָלט וויסן:

— האָט איר טאַקע קיינמאָל קיין טראָפּן אין מויל ניט גענומען?

— גענומען. בלויז איין מאָל אין יאָר, ווען מע פלעגט אויפהייבן א טאָסט פאַר דער סאָוועטישער געזונט־פאַרהיטונג.

וויפל געסט, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פרײַנט האָבן אין די טעג פון יוביליי באַזוכט דעם אָנגעזעענעם אַקאַדעמיקער אין דער פאָרשטאָט פּושקין, הינטער לענינגראַד. דאָ האָט ער אַליין פאַרפלאַנצט א גאָרטן, ווו אַלע ביימער זײַנען געוואַקסן צוזאַמען מיט אים, דאָ האָט ער שטענדיק ליב געהאַט אָפּרוען, אויפנעמען געסט.

צווישן יוגנטלעכע האָט ער זיך שטענדיק געפילט גאָר־גאָר יונג.

— איך וויל ניט זײַן בלויז צווישן אַלטע, — האָט ער שטאַרק קריטיקירט די מיינונג, אַז מ׳דאַרף בויען ספּעציִעלע הײַזער־אינטערנאַטן פאַר אַלטע מענטשן, — יעדער עלטערער מענטש דאַרף ניט ענדערן זײַן לעבנשטייגער, סטאַרען זיך, אַף וויפל ס׳איז מעגלעך, פאַרנעמען זיך מיט דער באַליבטער אַרבעט, מ׳דאַרף ניט באַטראַכטן די עלטער ווי א דורכויסיקן אַרויסגאַנג־טאָג.

אַקטיווע, שעפערישע, נוצלעכע אַרבעט פאַרלענגערט דאָס לעבן — דעם דאָזיקן דעוויז איז דער אַקאַדעמיקער פרענקעל טרײַ געווען אַלע זײַנע הונדערט יאָר. יעדער טאָג און יעדע שאָ איז בא אים געווען לויט א שטרענגן רעזשים. פון האַלב זעקס אינדערפרי — אַף די פיס, פיזקולטור, מאַסאַזש. דערנאָך — פרישטיק, א שפּאַציר. צוועלף באַטאָג — צום שרײַבטיש, ביז זעכצן אַזייגער — אַקטיווע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, דערנאָך — וואַרמעס, אָפּרו, ביכער, באַגעגענישן מיט טאַלמידים און פרײַנט. אַכט אין אָוונט — אָוונטברויט, באַגעגענישן מיט אייגענע, אָוונט־שפּאַציר.

און אַזוי יעדן טאָג, יעדן יאָר. הונדערט יאָר.

צום הונדערטיאָריקן יוביליי האָט דער אַקאַדעמיקער פרענקעל אָוועקגעלייגט אַף זײַן שרײַבטיש די ווערטפולע מאַטאָנע זײַן היימלאַנד — די נאָרוואָס, ערעוו דעם יוביליי, פאַרענדיקטע פיר בענדער, העכער הונדערט דרוקבויגן, אַף וועלכע ס׳איז פאַרשריבן זײַן קאָלאָסאַלע לעבנס־דערפאַרונג, די רעזולטאַטן פון זײַנע פאָרשונגען, זוכענישן, וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען.

האַרציקע ווונטשן האָבן זיך פרײַנטלעך איבערגעכאַזערט:

— צו לאַנגע יאָר!

ווונטשן אַלטע, ווי דאָס לעבן אַליין.

אין אונדזער לעקסיקאָן איז נאָך ניט צוגעטראַכט קיין ספּעציִעלע בראָכע פאַר הונדערטיאָריקע.

האָט עמעצער פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— דערלעבן ביז 150 יאָר!

ניין, מיט דעם האָט דער הונדערטיאָריקער אַקאַדעמיקער ניט אײַנגעשטימט. ער האָט געהאַלטן, אַז די גערָאנטאָלאָגיע איז נאָך צו דעם ניט גרייט.

— הונדערט יאָר, — האָט ער געזאָגט, — דאָס איז דערווײַל די דורכשניטלעכע הייך, צו וועלכער מיר קענען דערגרייכן.

און אַפן הונדערט ערשטן יאָר איז ער פּלוצעם... געשטאָרבן.

אַווראָם פּריבלודע

ווי האָבן געהערט צו דער קאָהאָרטע העלדישע רעוואָלוציאָנערן

דאָס לעבן און דער טויט פון א פאָלקס־טריבון

אף א דענקמאָל פון גרויען גראניט זײַנען אויסגעקריצט צוויי ווערטער „יאקאָוו יערמאַן". גראניט האָט מען אויסגעהאקט אין די זשיגוליאָווער בערג און דעם מאָנומענט אוועקגעשטעלט דאָ, אין וואָלגאָגראד (געוועזענער צאַריצין), אפן פרײַהײַט־פלאץ. ארום דעם דענקמאָל האָט מען פארפלאנצט יונגע ביימלעך, וואָס האָבן זיך מיט דער צײַט צעוואקסן און געבילדעט א גרינעם סקווער אינמיטן דער שטאָט. יעדן טאָג גייען פארבײַ דעם דענקמאָל ארבעטער, סטודענטן, קינדער. עס שטעלן זיך אויס ארום אים טוריסטן מיט פאָטאָ־אפאראטן...

יאקאָוו יערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1896 אין דאָרף וועליקי קרינקי, קרעמענטשוגער אויעזד, פאָלטאווער גובערניע. זײַן פאָטער זאַלמען האָט דאָרט געהאט א קליין געוועלבל מיט דאָרפישע סכוירעס: א פעסל הערינג, א זעקל זאלץ, א קעסטל שוועבעלעך, קעראָסין, גאלאנטעריי. פון דעם האָט ער געצויגן כאיונע פאר דער מישפּאָכע.

די מוטער האָט אין אירע מיידלשע יאָרן געוווּסט פון א בעסער לעבן. זי האָט באקומען א שטאָטישע דערציִונג, געלערנט אין א גימנאזיע, און די ערשטע קענטענישן האָט דער זון באקומען טאקע פון איר. אָבער א קינד וואקסט און מע דארף טראכטן וועגן טאכלעס. אין דער גרויסער שטאָט יעקאטערינאָסלאוו האָט די מוטער געהאט א ברודער, וועלכער האָט פארוואלטעט מיט א פּריוואטער גימנאזיע. דער דאָרשטיקער נאָך וויסן און ענערגישער באָכער איז איבערגעפאָרן צו זײַן פעטער. די גימנאזיע האָט ער געענדיקט מיט א גאָלדענער מעדאל. דאָס האָט אים געגעבן א מעגלעכקײַט ארײַנצוטרעטן אין פּעטראָגראדער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, אין וועלכן ער, דער דעמאָקראטיש געשטימטער סטודענט, האָט זיך באלד באפרײַנדעט מיט די סאָציאל־דעמאָקראטישע קרײַזן און איז געוואָרן אן איבערגעגעבענער רעוואָליוציאָנער.

אין 1915 ווערט יאקאָוו יערמאַן א מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי. מע שיקט אים אפן מעטאל־זאוואָד אין וויבאָרגער ראיאָן, ווו ער אָרגאניזירט קרײַזלעך, פארשפרייט אומלעגאלע ליטעראטור, פירט אָן מיט א גרופּע ארבעטער־אגיטאטאָרן. דעם 26 פעווראל 1917 איז ער ארעסטירט געוואָרן, אָבער אין צוויי טעג ארום האָט אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע, וועלכע האָט אים באפרײַט פון טפיסע. ווען ער האָט נאָך דעם זיך באוויזן אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, האָבן אים די סטודענטן באגעגנט מיט שטורמישע אפּלאָדיסמענטן. עס איז אים געגעבן געוואָרן דער קאָוועד צו עפּע־

יאקאָוו יערמאַן

נען דעם ערשטן סטודענטישן מיטינג נאָכן אראָפּווארפן דעם צאריזם.

יערמאַן איז אויסגעוויילט געוואָרן אין וויבאָרגער ראיאָנעם קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּארטיי. אין יענע ברויזנדיקע טעג איז דער יונגער פּראָפּאגאנדיסט פיל מאָל ארויסגעטראָטן אף מאסן־מיטינגען און אף ארבעטער־פארזאמלונגען, גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין פילצאָליקע דיספּוטן, אף וועלכע ער קלערט אוף די לאָזונגען פון דער באָלשעווי־

סטישער פּאַרטיי און די צילן, וועלכע זי שטעלט פאר דער רעוואָלוציע. ער איז געווען א גלענצנדיקער אָראטאָר, איינער פון די, וואָס קאָנען באגײַסטערן די צוהערער, איבערצײַגן זיי מיט לאָגישע ארגומענטן.

אין 1917 איז יאקאָוו יערמאן אלט געוואָרן 21 יאָר, און מע האָט אים מאָביליזירט אין דער ארמיי. ווי א מענטש מיט הויכער בילדונג שיקט מען אים אָפּ אין א מיליטערישער שול קיין צאריצין. דאָרט אנטוויקלט ער אן אקטיווע רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט. דער סטודענטישער באטאליאָן, ווּו ער דינט, ווײלט אים אויס אין ראט פון די ארבעטער־ און סאָלדאטן־דעפּוטאטן. צוזאמען מיט די אנדערע מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער פראקציע פירט ער א הארטנעקיקן קאמף קעגן די אָרטיקע עסערן און מענשעוויקעס.

אין אויגוסט 1917, בײַס די וואלן אין דער צאריצינער שטאָטישער דומע, האָט דאָס באָלשעוויסטישע צעטל באקומען די מערהײַט שטימען. די פראקציע פון די באָלשעוויקעס האָט ארויסגערוקט יערמאנען פארן פאָרזיצער פון דער שטאָט־דומע, און דעם 27־טן אויגוסט האָט ער פארנומען דעם דאָזיקן הויכן פּאָסטן. אָפּן צווייטן אלרוסלענדישן ראטן־צוזאמענפאָר האָט דער צאריצינער סאָוועט קאָמאנדירט דרײַ דעלעגאטן, צווישן זיי דעם באָלשעוויק יאקאָוו יערמאן.

געקומען קיין פּעטראָגראד אין סאמע ברען פון די צוגרייטונגען צום באוואָפנטן אויפשטאנד, האָט יערמאן, לויטן אויפטראג פון מ. מ. וואָלאָדארסקי, וועלכער האָט אים געקענט פון דער געמיינזאמער טעטיקײַט ביז יול 1917 אין פּעטראגראד, פאָרמירט א רויטארמייִשן אָטריאד און געבראכט אים אין סמאָלני. אָפּן צווייטן אלרוסלענדישן ראטן־צוזאמענפאָר האָבן אלע דרײַ צאריצינער דעלעגאטן געשטימט פאר דעקלארירן אין רוסלאנד די ראטנמאכט.

ווען יאקאָוו יערמאן האָט זיך אומגעקערט פונעם צוזאמענפאָר, איז ער צוגעטראָטן צו אָרגאניזירן די נײַע מאכט און דורכפירן אין לעבן די פּראָלעטארישע פּאָליטיק אין אלע געביטן. צאריצין איז ביז דער רעוואָליוציע געווען א נעסט פון שווארצמייעניקעס, א פעסטונג פונעם פּריצנטום און פון די רײַכע הענדלער מיט טוווּע און פיש. דאָ האָט געווילדעוועט דער באוווּסטער רעאקציאָנערער גאלעך איליאדאָר. די נײַע מאכט, אָנשפּארנדיק זיך אויף די ארבעטער־מאסן, האָט צוגענומען בא די פּריצים די ערד און די מאיאָנטקעס, ארופגעלייגט אויף די סאָחרים קאָנטריבוציעס. דאָס האָט ארויסגערופן אָן אָפּענעם און פארבאָרגענעם ווידערשטאנד און סאבאָטאזש מיצאד די סאָנים פון דער ראטנמאכט. יערמאן האָט אלס פאָרזיצער פונעם שטאָט־סאָוועט און אָנפירער פון די אָרטיקע באָלשעוויקעס געפירט קעגן דער קאָנטררעוואָלוציע א פארביטערטן קאמף.

אין דעקאבער 1917 איז אין צאריצין פארגעקומען דער גובערנ:אלער ראטן־צוזאמענפאָר, אויף וועלכן יאקאָוו יערמאן איז אויסגעוויילט געוואָרן אלס פאָרזיצער פונעם גובערנ:אלן אויספיר־קאָמיטעט פון די ראטן. ער האָט אָנטיילגענומען אין דריטן, פערטן און פינפטן אלרוסלענדישן ראטן־צוזאמענפאָרן. אויפן 5־טן צוזאמענפאָר איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין אלרוסלענדישן צענטראלן אויספיר־קאָמיטעט („וציק").

פונעם צוזאמענפאָר האָט זיך יערמאן אומגעקערט קיין צאריצין צוזאמען מיט זײַן קאָלעגע און מיטקעמפערן ליזע מעלאמוד, מיט וועלכער ער איז געווען באפרײַנדעט נאָך אין די גימנאזיסטישע יאָרן אין יעקאטערינאָסלאוו. בא אים איז געווען א געהויבענע שטימונג. א לעבנסלוסטיקער און מונטערער, איז ער געווען איבערפולט מיט ברוויזנדיקער ענערגיע, וועלכע ער האָט געטרוימט ווידמענען דער פארווירקלעכונג פון די פּלענער אויף איבערבויען דאָס לעבן אויף נײַע סאָציאליסטישע יעסודעס.

די שיף „יאראָסלאוונא", מיט וועלכער זיי זײַנען געשווּמען, האָט זיך שוין דערנעענטערט צו צאריצין, ווען עס האָט זי פּלוצעם אָפּגעשטעלט א קאטיער אונטערן אויסרייד, אז מע דארף דורכקאָנטראָלירן די דאָקומענטן און די זאכן פון די פּאסאזשירן. אויף דער שיף האָט זיך אויפגעהויבן א טומל, א שיסערײַ. יאקאָוו יערמאן איז ארויס פון זײַן קאיוטע, קעדיי זיך דערוויסן, וואָס עס קומט פאָר. דערזען דעם פאָרזיצער פונעם גוביספּירקאָם, האָט איינער פון די „קאָנטראָליאָרן" אים דערשאָסן. ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, איז דאָס געווען א פארביסענער סוינע פון דער ראטנמאכט, וועלכער האָט זיך איבערגעטאָן פאר א מאטראָס, געקומען מיטן קאטיער צו דער שיף און אינעם טומל אָפּגעטאָן זײַן שווארצע ארבעט. דאָס איז געשען דעם 17 יול 1918. יאקאָוו יערמאן איז דעמאלט אלט געווען 22 יאָר.

צענדליקער טויזנטער ארבעטער האָבן באגלייט דעם אָרן פון זייער באליבטן טריבון אין זײַן אייביקער רו. זיי האָבן אים מעקאבער געווען אין צענטער פון דער שטאָט, אויף דעם זעלבן פרײַהייט־פּלאץ, ווּו די באָלשעוויקעס האָבן פּראָקלאמירט אין צאריצין די ראטנמאכט.

אין ווארעמע זומערדיקע נעכט, ווען די גאסן ווערן פּוסט און שטיל און די שטאָט פארזינקט אין אירע כאלוימעס, דאכט זיך, אז עס דרעמלט אײַן אויך דער מאָנומענט פון גראניט. דער פּראָזשעקטאָר ווארפט אויף אים זײַן שײַן, באלויכטנדיק די צוויי אויסגעקריצטע ווערטער: „יאקאָוו יערמאן"...

■

אַלעקסאַנדער כמעלניצקי, אײנער פֿון די ערשטע סאָװעטישע יוריסטן

װען די אָקטיאַבער־רעװאָליוציע האָט אָפּגעשאַפֿן אַלע צאַרישע געזעצן, האָט מען געדאַרפֿט פֿאַנאַנדעראַרבעטן אַ נײַע רעכטלעכע סיסטעם, װאָס זאָל אָפּשפּיגלען...

װען די אָקטיאַבער־רעװאָליוציע האָט אָפּגעשאַפּן אַלע צאַרישע געזעצן, האָט מען געדאַרפט פאַנאַנדעראַרבעטן אַ נײַע רעכטלעכע סיסטעם, װאָס זאָל אַפּסנײַ רעגולירן די פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ציװילע באַציִונגען אין לאַנד. צװישן די יוריסטן־באָלשעװיקעס, װעלכע מע האָט אָנפאַרטרױט די דאָזיקע אַרבעט, איז געװען אַלעקסאַנדער איסאַקאָװיטש כמעלניצקי, דער ערשטער פּאָלקסקאָמיסאַר פאַר יוסטיץ אין דער אוקראַיִנישער סאָציִאַליסטישער סאָװעטן־רעפּובליק.

אַלעקסאַנדער כמעלניצקי איז געבױרן געװאָרן אין אָדעס, אין אַ מישפּאָכע מיט גרױסע רעװאָליוציִאָנערע טראַדיציעס. זײַן פּאָטער, איסאַק אַבראַמאָװיטש, איז געװען אַ פּריװאַטער אַדװאָקאַט, און אין די צאַרישע צײַטן האָט מען אים פאַרשיקט קײן סיביר פאַר רעװאָליוציִאָנערער טעטיקײַט אין די רײען פון דער רסדאַפּ. נאָך דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע איז איסאַק אַבראַמאָװיטש געװאָרן פּראָפעסאָר פון סאָװעטישער אַרבעטס־רעכט אין אָדעסער אינסטיטוט פאַר פּאָלקסװירטשאַפט און אײנצײַטיק פּאָרזיצער פון דער אָדעסער אַדװאָקאַטן־קאָלעגיע. די מוטער האָט געהערט צו דער באַװוּסטער רעװאָליוציִאָנערער מישפּאָכע גוקאָװסקי. דרײַ אירע ברידער: גריגאָרי, יאָסיף און איסײַ זײַנען אין די אַכציקער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט געװען נאַראָדאָװאָלצעס, אָנטײלגענומען אין רעװאָליוציִאָנערע קרײַזן און געליטן פון צאַרישע רעדיפעס און פאַרשיקונגען. דער פערטער ברודער, איסידאָר (ייִסראָעל), אַ מיטגליד פון רסדאַפּ פון 1896, איז געװען אַ פּראָפעסיִאָנעלער רעװאָליוציִאָנער. נאָך דער אָקטיאַבער־רעװאָליוציע האָט ער פאַרנומען דעם פּאָסטן פון פּאָלקסקאָמיסאַר פאַר פינאַנצן אין רספסר, שפּעטער געװען אַמבאַסאַדאָר אין עסטאָניע.

אַלעקסאַנדער כמעלניצקי האָט אין 1907 פאַרענדיקט די אָדעסער רישעליִעװער גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענער מעדאַל און דערנאָך — דעם יורידישן פאַקולטעט פונעם אָדעסער אוניװערסיטעט. אָבער װערן אַ פולבאַרעכטיקטער יוריסט האָט ער באַקומען די מעגלעכקײַט בלױז נאָך דער רעװאָליוציע. מיט לײַב און לעבן גיט ער זיך אָפּ דער רעװאָליוציִאָנערער טעטיקײַט אין די רײען פון דער באָלשעװיסטישער פּאַרטײ.

מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן האָט אַלעקסאַנדער כמעלניצקי זיך אָנגעהױבן אינטערעסירן נאָך אין דער יוגנט. מיט נײַגער פלעגט ער זיך צוהערן צו די רעדעס און דיסקוסיעס, װעלכע פלעגן אָפּט פּאָרקומען אין דער הײם. ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער די פּראָבלעמען פון אָרעם און רײַך, רעכט און אומרעכט. אַ דערשיטערנדיקן אײַנדרוק האָט אַף אים געמאַכט דער דרײפוס־פּראָצעס, אַרום װעלכן ס'האָבן זיך געפירט פיבערהאַפטע דיסקוסיעס. באַזיצנדיק אַ פענאָמענאַלן זיקאָרן, האָט ער אַף אױסװײניק ציטירט די רעדעס פון לאַבאָרי, די אַרטיקלען פון עמיל זאָליאַ.

אַלעקסאַנדער כמעלניצקי

נאָך דער רעװאָליוציע איז כמעלניצקי געװאָרן אײנער פון די בעסטע באָלשעװיסטישע אָראַטאָרס אין אָדעס. נאָך אין דער גימנאַזיע האָט ער בײַס דער רעװאָליוציע פון 1905 אָנגעפירט מיט אַ קרײַזל פון דער שטודירנדיקער יוגנט און איז אינגיכן געװאָרן אירער אָנפירער. נאָך דער פעװראַל־רעװאָליוציע איז ער אױסגעװײלט געװאָרן אין אָדעסער ראַט פון אַרבעטער־דעפּוטאַטן, אין זײַן פּרעזידיום. װען די אָדעסער פאַרײניקטע סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך צעשפּאָלטן, איז ער אױסגעװײלט געװאָרן פאַר פּאָרזיצער פונעם ערשטן אָדעסער באָלשעװיסטישן קאָמיטעט, געװען אײנער פון די רעדאַקטאָרן פון דער באָלשעװיסטישער צײַטונג „גאָלאָס פּראָלעטאַריִא“ (די שטים פון פּראָלעטאַריער). אַף דער ערשטער באָלשעװיסטישער קאָנפערענץ פון דער כערסאָנער גובערניע, אין באַשטאַנד פון װעלכער ס'האָט זיך דעמלט געפונען אָדעס, איז כמעלניצקי אַרױסגעטראָטן מיטן הױפּטפּאָרטראָג און איז אױסגעװײלט געװאָרן אַלס פּאָרזיצער פונעם גובערניִאַלן קאָמיטעט. ער איז אױך אײַנגעשלאָסן געװאָרן אין באָלשעװיסטישן צעטל צו די װאַלן אין דער גרינדונגספאַרזאַמלונג.

דעם 17 יאַנװאַר 1918, װען אין רעזולטאַט פון אַן אױפשטאַנד איז די מאַכט אין אָדעס געװאָרן אַ סאָװעטישע און האָט זיך אָנגערופן ראַט פון די פּאָלקסקאָמיסאַרן, איז כמעלניצקי אַרײַן אין זײַן באַשטאַנד אַלס קאָמיסאַר איבער יוסטיץ־אינײאָנים. ער האָט אױסגעאַרבעט אַ רײ פאַראָרדענונגען װעגן דעם

נײַעם געריכט, וועגן סאָציִאַלער פאַרזיכערונג, וווינונגס־רעכט. די ראַטנמאַכט אין אָדעס האָט זיך דאָן געהאַלטן ביזן 23 מאַרט. ווען אין שטאָט זײַנען אַרײַן די דײַטשן, אײַנגעלאַדענע אַף אוקראַיִנע דורך דער צענטראַלער ראַדע, האָט כמעלניצקי זיך עוואַקויִרט קיין קרים און פון דאָרט געקומען אין א צײַט אַרום קיין מאָ־סקווע, ווו ער איז אָפּגעווען ביזן סאָף 1918.

אין 1919, ווען אַף אוקראַיִנע האָט זיך פאַרמירט די ראַטן־רעגירונג, איז כמעלניצקי נאָמינירט געוואָרן אַלס פּאָלקסקאָמיסאַר פאַר יוסטיץ. אַף דעם דאָזיקן פּאָסטן האָט ער ברייט פאַנאַנדער־געוויקלט זײַנע קענטענישן און פייִקייטן אין געביט פון אײַנוואָרצלען די נײַע סאָציִאַליסטי־שע געזעצן. אפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי (באָלשעוויקעס) פון אוקראַיִנע איז כמעלניצקי אַרויסגעטראָטן מיט א פאָרטראָג וועגן דער קאָנסטיטוציע פון דער אוקראַיִנישער סאָציִאַליסטישער סאָוועטישער רעפּובליק.

אין פּערזענלעכן לעבן איז אַלעקסאַנדער כמעלניצקי געווען א זעלטן באַשיידענער מענטש. איינער פון זײַנע מיטאַרבעטער, וואַנ־טאַנענקאָ, שרײַבט וועגן אים אין זײַנע זיכרוי־נעס: „ער האָט נישט נאָר ניט געפאָדערט עפּעס־וואָס פאַר זיך, נאָר עס פלעגט אויסקומען צו קעמפן מיט אים, ער זאָל געניסן פון דעם סאַמע נייטיקסטן. ניט געקוקט אַף זײַנע שוין אײַנגאַנצן צעריסענע שיך און אַף דעם ווינ־טערדיקן אָנצוג אין די אַווגוסט־היצן, פלעגט ער זיך אַקשאָנעסדיק אָפּזאָגן צו נעמען פאַר זיך עפּעס־וואָס פון קליידונג, און ווען מיר האָבן עפּעס געקראָגן אָן זײַן וויסן, פלעגט ער קאַטעגאָריש זיך אָפּזאָגן עס אָנצוטאָן, מוירע האָבנדיק, ער זאָל ניט באַוואָלען א רויטאַר־מייער. ערשט נאָך דעם, ווי איך און מײַנער א כאַווער האָבן באַנאַכט אויסבאַהאַלטן זײַנע מאַל־בושים, האָט ער, דער שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַרזיצער פון סאָוונאַרקאָם, זיך אָנגענומען מיט מוט און איז מאַסקים געווען אָנטאָן דעם נײַעם אָנצוג. און אַזוי אין אַלץ".

ווען די דעניקינצעס האָבן אין אווגוסט 1919 פאַרנומען אוקראַיִנע, איז כמעלניצקי אײַנײנעם מיטן אוקראַיִנישן סאָוונאַרקאָם אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע און געאַרבעט אַלס יוריסקאָנ־סולט פון דער סאָוועטישער רעגירונג. אויך דאָ האָט ער געפירט אַן אַסקעטיש לעבן. אָט וואָס עס דערציילט וועגן כמעלניצקין אין יענעם פּע־ריאָד קריסטאַלאָווסקי, איינער פון די אָנגעזע־ענע אָדעסער באָלשעוויקעס: „אין די קאַלטע האַרבסט־טעג איז ער געווען אָנגעטאָן אין א פּראָסט ציצן העמדל, אונטערגעגאַרטלט מיט א שנירל. ער האָט געוווינט אין ערשטן סאָוועטן־הויז און שטאַרק געהונגערט. א גרופּע אָדעסער אײַזנבאַנער, וועלכע האָבן געלעבט אין מאָ־סקווע, האָבן ערגעץ געקראָגן א ביסל קאָרן־מעל. טאַקע באַלד האָבן די כאַווײרים זיך געאײַלט ברענגען אים א לעבל ברויט... אַף מײַן לעבן האָב איך באַגעגנט ניט ווייניק אַסקעטן און העלדן, פייִקע אַף קאָרבאָנעס, נאָר אַזעלכע געדענק איך ניט".

א שוואַכער אין געזונט, האָט כמעלניצקי ניט אויסגעהאַלטן די שווערע באַדינגונגען פון 1919. ער איז קראַנק געוואָרן און דעם 7 דעקאַבער 1919 געשטאָרבן.

הערש רעמעניק

אין שעפערישן אופשטייג

הערשל פאָליאַנקער איז שוין פון לאַנג באַוווּסט אַלס א באַדײַטנדיקער שעפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע. אין פאַרלויף פון פיר צענדליק יאָר פאַרעפנטלעכט ער רעגולער ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פאַרצייכענונגען. דער לייענער געדענקט זײַנע ביכער „קוילן" (1932), „אַף יענעם בערג" (1934), „זקיינים האָבן גענומען דאָס וואָרט" (1937), „די צווייטע באַגעגעניש" (1937), „א גאַסט אין שטעטל" (1938), „אַף צעבליטע סטעפּעס" (1938), „שויעל דער זיפּנמאַכער" (1938), „פון דניעסטער ביז דוניי" (1940), „דער פעטער יאָשע" (1940), „שמײַע גאָזלען" (1940), „נעקאָמע" (1943), „דער בעקער פון קאַלאָמייע" (1971). פאָליאַנקערס ווערק זײַנען איבערגעזעצט אַף רוסיש, אוקראַיִניש און אַנדערע שפּראַכן.

הערשל פאָליאַנקער איז אַוואַדע איינער פון די סאַמע פּרוכטבאַרע שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער קינסטלערישער פּראָזע. פּרוכטבאַרקײַט איז א קריטעריִ פון שעפערישער באַגאַבונג. אָן עכטער שרײַבער מוז שאַפן שטענדיק.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי בײַ יעדן שריפטשטעלער, זײַנען פאָליאַנקערס ווערק ניט אַלע פון איין ניוואָ און ניט אַלע זײַנען זיי פולווערטיק. אָבער מיך אינטערעסירט ניט אין דעם פאַל יעדעס ווערק זײַנס באַזונדער, נאָר די אַלגעמיינע שטריכן פון זײַן שאַפן, זײַן אָרט אין דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, די פאַרבינדונג מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע.

אין פאָליאַנקערס ווערק, ווי אין די ווערק פון אַנדערע סאָוועטישע שרײַבער, איז אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פונעם פאָלק אין די בירגערקריג-יאָרן, אין די העלדישע און טראַגישע יאָרן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע און אין אונדזערע צײַטן. באַזונדערס פּאָפּולער זײַנען זײַנע ראָמאַנען „שמײַע גאָזלען", „דער בעקער פון קאַלאָמייע" און דער לעצטער ראָמאַן „ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים".

פאָלקסטימלעכקײַט און רעאַליזם — דאָס זײַנען די גרונט-אייגנשאַפטן פון פאָליאַנקערס שאַפן. אין זײַנע ראָמאַנען, דערציילונגען און נאָוועלן מאָלט ער שטענדיק דעם אַרבעטס-מענטש, די שעפער פון מאַטעריעלע און גײַסטיקע ווערטן, דעם ווירקלעכן העלד פון דער געשיכטע. אין העסקעם מיטן אידייִשן אינהאַלט פון זײַנע ווערק, ווי די קינסטלערישע אויפמערקזאַמקײַט איז קאָנצענטרירט אַף דער שילדערונג פונעם פאָלק, גיט דער אוטאָר דאָס וואָרט דעם פאָלקס-מענטש. אין זײַנע ווערק איז דער דערציילער דאָס פאָלק אַליין.

פאַר פאָליאַנקערס רעאַליסטישן און פאָלקסטימלעכן סטיל איז כאַראַקטעריסטיש מײַסעדיקײַט און פאָלקלאָרישקײַט. ניט צופעליק זײַנען זײַנע לעצטע נאָוועלן טאַקע ניט קיין געוויינלעכע דערציילערישע ווערק, נאָר מײַסעס לויטן אינהאַלט און לויט דער פאָרם: „א מײַסע מיט א גיבער", „א מײַסע מיט א קליפּע", „א מײַסע מיט א וואָלף און מיט א יעגער", „א מײַסע מיט אַן אַקשן", „א מײַסע מיט א כאַסענע", „א מײַסע מיט א קעמל". אָט די דאָזיקע פאָלקלאָרישע מײַסעדיקײַט אַלס אייגנשאַפט פון פאָליאַנקערס רעאַליסטישן סטיל אַנטפּלעקט זיך גאַנץ בולעט אויך אין די ראָמאַנען „שמײַע גאָזלען", „דער בעקער פון קאַלאָמייע", „ייִצכאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים".

„צוליב וואָס ראָמאַנען, אַז דאָס לעבן אַליין איז א ראָמאַן". מיט אָט די ווערטער פון שאָלעם-אַליי־כעמען הייבט אָן פאָליאַנקער זײַן פאָרוואָרט צו דעם ראָמאַן „דער בעקער פון קאַלאָמייע". דער אוטאָר איז פעסט איבערצײַגט, אַז קינסטלערישע שאַפונג איז פאַרבונדן מיטן לעבן. ער וויל בלײַבן טרײַ אָט דעם אַלטן און ברייט פאַרשפּרייטן פּרינציפּ פונעם רעאַליזם, וואָס אייניקע מיינען, אַז ער איז שוין פאַרעלטערט און אפילע באַנאַל אין אונדזער צײַט. פאָליאַנקער פאַלט ניט אַראָפּ בײַ זיך פון אַזעלכע אַנטירעאַליסטישע מיינונגען, און ער דערקלערט אָפן: „אָט דאָ וועט דערציילט ווערן א ניט-אויסגעטראַכטע

לעבנס־געשיכטע פון איינעם פון אונדזערע כאָשעווע מיטצײַטלער״.

אָבער דאָס באטײַט ניט, אז דער אווטאָר באשרײַבט מענטשן און געשעענישן אזוי, ווי ער האָט זיי געזען; דאָס וואָלט זיכער געווען נאִיווער רעאליזם. דער שרײַבער פארשטייט גאנץ גוט די באדײַטונג פון באדינגלעכקײַט אין קינסטלערישן שאפן. ער שרײַבט ווײַטער: „וויבאלד מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א ראָמאן און ניט מיט א געוויינלעכער לעבנס־באשרײַבונג, האָט זיך דער אווטאָר, גאנץ פארשטענדלעך, דערלויבט ענדערן דעם נאָמען פון דעם הויפט־העלד, עפעס־וואָס צוגעבן פון דער שעפערישער פאנטאזיע... אייניקע פערסאָנאזשן אין דעם בוך גיט אָפ דער אווטאָר מער אָרט, מער קאָוועד, אנדערע — ווייניקער. אייניקע לאכט ער אויס, אנדערע מאָלט ער מיט סימפאטיע. דאָ וועט גיין א רייד וועגן גליקלעכע און אומגליקלעכע, פארליבטע און אנטוישטע, שיינע און מיִעסע. אייניקע העלדן זײַנען צוגעפוצט, אנדערע צוגעזאלצן. דערבײַ האָט דער אווטאָר זיך געסטארעט געבן יעדן אייניציקן מיט זײַן כאראקטער, מיט זײַנע כאלאסן, געוווינהײַטן, מעשוגאסן, מידעס. און אויך אין דעם פאל איז אויסגעקומען ענדערן די עמעסע נעמען, ווײַל די אָנטיילנעמער פון דער האנדלונג קאָנען זיך, כאָלילע, צעבייזערן און אָפשפילן דעם אווטאָר די עמעסע כאסענע!״

און ווירקלעך, ניט געקוקט דערויף, וואָס די מענטשן און די געשעענישן זײַנען געשילדערט אין פאָליאנקערס ווערק אזוי נאטירלעך און געוויינלעך, ווי זיי וואָלטן גענומען געוואָרן פונעם לעבן, זײַנען זיי אָבער שטענדיק ניט קיין קאָפיעס, נאָר קינסטלערישע געשטאלטן און בילדער.

אין ראָמאן „שמײַע גאזלען״ (אָף רוסיש — „סעקרעט דאָלגאָלעטיִא״, „דער סאָד פון לאנג לעבן״) האָט פאָליאנקער געשאפן דאָס קאָלאָריטפולע געשטאלט פון א פאָלקס־מענטש — שײַע ספיוואק, שמײַע גאזלען. דאָס איז א מין אייגנארטיקער ייִדישער בראווער סאָלדאט שווייק מיט זײַנע וווּנדערלעכע פאסירונגען אין די צײַטן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, בירגערקריג, פרידלעכער בויונג און פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דאָס איז א פאָלקס־געשטאלט, וואָס האָט זיך אײַנגעגעבן דעם אווטאָר פולשטענדיק. דער כאראקטער פונעם העלד און זײַן פסיכאָלאָגיע זײַנען געוויזן אין דער גאנצער פילארטיקײַט. דאָס געשטאלט פון שמײַע גאזלען האָט זײַן אינערלעכע לאָגיק און איז אין די סאמע פארשיידנארטיקע באדינגונגען און סיטואציעס לעבעדיק און פולבלוטיק.

עס דארף אָבער געזאָגט ווערן, אז פאָליאנקער פארברייטערט צופיל אין צײַט און אין רוים די מאסשטאבן און די גרענעצן פונעם דערציילערישן מאטעריאל. ער האָט ארײַנגעשפארט קימאט די גאנצע געשיכטע פונעם 20־טן יאָרהונדערט אין איין ראָמאן, און דערמיט האָט ער צעשטערט די קאָמפאָזיציִאָנעלע סטרוקטור פונעם ווערק. די היסטאָרישע געשעענישן שווינדלען פאר די אויגן פונעם לייענער אָן א געהעריקער פארטיפטער שילדערונג.

דאָך פארבלײַבט „שמײַע גאזלען״ ווי פאָליאנקערס א באדײַטנדיקע שעפערישע דערגרייכונג און ווי א וויכטיקע דערשײַנונג אין אונדזער ליטעראטור. אין דעם ראָמאן האָבן זיך אנטפלעקט די גרונט־שטריכן פון פאָליאנקערס טאלאנט: שארפער אידייִשער אינהאלט, אָריגינעלער סוזשעט, ליבע צום פאָלקס־מענטש, געלונגענע שילדערונג פון פסיכאָלאָגיע, געראָטענער הומאָר.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן אויך וועגן דעם ראָמאן „דער בעקער פון קאָלאָמייע״. אין טאָך איז דאָ די זעלבע קאָמפאָזיציִאָנעלע סטרוקטור, ווי אין „שמײַע גאזלען״. די לעבנס־געשיכטע פונעם הויפט־העלד — פון מאקס קרייסלערן — איז דער יעסאָד, אָף וועלכן עס האלט זיך דאָס ווערק. דער היסטאָרישער און פאָליטישער פאָן איז אויך א ברייטער אין צײַט און אין רוים. די געשעענישן אנטוויקלען זיך אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן, אין פארשיידענע לענדער.

דאָס לעבן פון מאקס קרייסלערן, פונקט ווי שײַע ספיוואקס לעבן, איז די פארקערפערונג פונעם פאָלקס־גוירל. אָבער דאָ איז פאראן א נײַע וויכטיקע קוואליטעט, נײַע שטריכן אין דער פסיכאָלאָגיע, אינעם כאראקטער, אינעם געשטאלט פונעם העלד. מאקס קרייסלער איז ניט בלויז אן ארבעטס־מענטש און א קעמפער פאר א נײַ לעבן, ער איז א טאלאנטפולער קינסטלער, אן אָנגעזעענער ארטיסט, וועלכער האָט זיך דערהויבן פון אָרעמקײַט און נויט צו די הייכן פון שעפערישקײַט.

פאָליאנקערס לעצטער ראָמאן „ייִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים״ האָט אלע גוטע מײַלעס פון זײַנע פאָריקע ראָמאנען. אין דער זעלבער צײַט קאָן מען דאָ באמערקן אייניקע נײַע שטריכן אינעם אידייִשן אינהאלט און אין דער קאָמפאָזיציִאָנעלער סטרוקטור פונעם ווערק.

„ייִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים״ — דאָס איז דעם שרײַבערס פײַערלעך לויבגעזאנג דער פעלקער־פרײַנטשאפט אין אונדזער לאנד, דער פרײַנטשאפט פונעם אוקראִינישן און ייִדישן פאָלק, דער נאציִאָנאלער פארברידערטקײַט פון די ארבעטנדיקע מאסן. די טעמע איז ניט קיין נײַע אין דער ייִדישער ליטעראטור. די פראָבלעם פון קעגנזײַטיקע נאציִאָנאלע באציִונגען איז פארקערפערט אין א ריי ווערק פון דער ייִדישער ליטעראטור ביז און נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אוואדע איז די דאָזיקע פראָבלעם ניט זעלטן געלייזט געוואָרן — אין די ווערק פון די בורזשואזע ייִדישע שרײַבער — אין שאָוויניסטישן גײַסט פון נאציִאָנאלער סינע. אָבער די פאָרגעשריטענע ייִדישע ליטעראטור האָט שטענדיק געשילדערט און באזונגען די פרײַנטשאפט פון די פעלקער, וועלכע לעבן היסטאָריש צוזאמען, ארבעטן און קעמפן געמיינזאם אין פארלויף פון יאָרהונדערטער. ס׳איז קעדײַ דאָ צו דערמאָנען די באוווּסטע פערזן פונעם פראָלעטארישן דיכטער דאָוויד עדעלשטאט, וועלכער האָט באזונגען נאָך אין סאָף פאָריקן יאָרהונדערט דעם רעוואָליוציִאָנערן קאמף פון „דעם פארשמאכטן קריסט און ייִד״ קעגן זייערע אונטערדריקערס. מע קאָן אָנרופן אויך שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער״, די נאָוועלן „וואניא״ און „פייסעך אין דאָרף״, דעם ראָמאן „דער בלוטיקער שפאס״, ווו דער גרויסער שרײַבער מאָלט ברייטע בילדער וועגן דער פרײַנטשאפט פון די ייִדישע, רוסישע, אוקראִינישע האָרעפאשנע פאָלקס־מאסן, אויסלאכנדיק די שאָוויניסטישע פאָרורטיילן און נאציִאָ־

נאלע רײַסערײַען, װעלכע די הערשנדיקע קלאסן פארשפרייטן צװישן פעלקער.

הערשל פּאָליאנקערס נײַער ראָמאן איז אזױארום פארבונדן מיט די בעסטע פּאָרגעשריטענע טראדיציעס פון דער ייִדישער ליטעראטור. אָבער אין פּראָצעס פון קינסטלערישן פארקערפּערן די פּראָבלעם פון פעלקער־פרײַנטשאפט אנטפּלעקט דער אװטאָר נײַע זײַטן, װעלכע זײַנען איצט קלאָר און בולטע געװאָרן אין שײַן פון דער רײַכער היסטאָרישער דערפארונג אין די גרױזאמע, רומפולע יאָרן פון דער גרױסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. פּאָליאנקער מאָלט די פרײַנטשאפט פון אוקראַיִנער און ייִדן ניט אין שײנע װאָרט־דעקלאמאציעס, נאָר אין שװערע ניסיױנעס, אין קאמף אף טױט און אף לעבן.

די אוקראַיִנישע פּױערים פונעם דאָרף לוקאשיװקע האָבן אלע װי אײנער זיך געשטעלט צו פארטײדיקן די ייִדישע באפעלקערונג פונעם שטעטל רוזשיצע, װען די דײַטשן האָבן געטריבן די ייִדן צום טױט. אפילע דער פאשיסטישער הונט, דער קאָמענדאנט האנס שפּילקע, האָט ניט געקאָנט זיך קעגנשטעלן דער מעסירעסנעפעשדיקער ברידערלעכער סאָלידאריטעט צװישן די אוקראַיִנישע און ייִדישע פּאָלקס־מאסן; ער איז געװען געצװוּנגען זיך אָפּזאָגן פון זײַן מערדערישן פּלאן צו פארניכטן די ייִדן. אין פּאָליאנקערס שילדערונג איז דאָס דאָזיקע בילד דורכגעדרונגען מיט עמעסן דראמאטיזם, מיט טיפן הומאָנישן זין, מיט אידײיִשן טריִומף פון מענטשלעכקײַט איבער די װילדע אינסטינקטן פון כײַישן אטאװיזם און בלוטיקן ראסיזם.

„ייִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים" פארמאָגט שטריכן סײַ פון א היסטאָרישן, סײַ פון א הײַנטצײַטיקן ראָמאן. דער היסטאָרישער טײל איז א מין צוגרײטונג צו דער שילדערונג פון די געשעענישן פון דער הײַנטיקער עפּאָכע. אין די פריִערדיקע ראָמאנען האָט פּאָליאנקער געמאָלט די הײַנטצײַטיקײַט. דער היסטאָרישער אנטוראזש איז, עמעס, געװען א ברײטער אין צײַט, אָבער אין טאָך איז עס געװען די איצטיקע היסטאָרישע עפּאָכע, און די העלדן זײַנען געװען אײנע און די זעלבע אין דער פארגאנגענהײַט און אין דער הײַנטצײַטיקײַט. אינעם נײַעם ראָמאן איז די פארגאנגענהײַט אָפּגעטײלט פון דער הײַנטצײַטיקײַט מיט א היפּשן צײַט־אינטערװאל פון יאָרהונדערטער. די פּאָרגײער, עזראָ סאנטאָס און זײַנע קינדער, זײַנען געװען װײַנטרױבן־ציכטלער אין שפּאניע אין די פינצטערע צײַטן פון דער קאטױלישער אינקװיזיציע. עזראָ סאנטאָסעס אײניקל, ייִצכאָק סאנטאָס, האָט געפונען זײַן הײם אף דער אוקראַיִנע, ער האָט געשאפן א ייִשעװ פון װײַנטרױבן־ציכטלער, װעלכע האָבן מיטגעהאָלפן דעם אוקראַיִנישן רעװאָליוציאָנערן בונטאר אוסטים קארמעליוק אין זײַן קאמף מיטן צאריזם און מיט די פּריצים אין אָנהײב 19־טן יאָרהונדערט. און די איצטיקע אײניקלעך סאנטאָסעס פארטײדיקן מיט זײער שעפערישער מי און מיטן העלדישן קאמף זײער הײמלאנד אוקראַיִנע פון קאָלערלײ סאָנים און פארכאפּערס. אינעם דאָזיקן קאמף גײען זײ צוזאמען מיט די אוקראַיִנישע פּאָלקס־מאסן. פּאָליאנקער מאָלט אין זײַן נײַעם ראָמאן ניט דעם גורל פון אײן העלד, נאָר דעם גורל פונעם פּאָלק. די געשיכטע פון די סאנטאָסעס — דאָס איז די געשיכטע פון די ייִדישע ארבעטנדיקע פּאָלקס־מאסן אין פארלױף פון יאָרהונדערטער.

אין זײַנע ראָמאנען און דערצײלונגען טרעט פּאָליאנקער ארױס װי א רײַפער פּראָזע־מײַסטער, אן אײגנארטיקער שעפער פונעם עפּישן זשאנער מיט זײַן אײגנטימלעכן רעאליסטישן פּאָלקסטימלעכן סטיל.

אין פּאָליאנקערס שאפן קאָן מען גרינג פעסטשטעלן די פארבינדונג מיט דער ליטערארישער טראַדיציע. מע דארף ניט זײַן קײן פּאָרשער, קעדײ צו זען די קרױװעשאפט פונעם הײַנטצײַטיקן סאָװעטישן פּראָזאיִקער מיט שאָלעם־אלײכעמס פּראָזע, באזונדערס מיט שאָלעם־אלײכעמס ראָמאנען. מױשע ליטװאקאָװ איז געװען גערעכט, װען ער האָט געשריבן, אז „שאָלעם־אלײכעם — איז דער סאמע גרעסטער צװישן אונדזערע קינסטלער־קלאסיקער, אונטער זײַן װירקונג האָט זיך געפונען די גאנצע ייִדישע ליטעראטור"[1]. דאָס אלץ איז ריכטיק. אָבער פּאָליאנקער איז פארבונדן מיט דער שאָלעם־אלײכעם־טראַדיציע לױט אלע אײגנשאפטן און באזונדערקײַטן פון זײַן שעפערישער באגאבונג, לױטן אינהאלט און לױט דער פּאָרמע, לױטן סטיל און לױטן מעטאָד. און דאָס איז ניט שװער צו באװײַזן.

אין זײַן באװוּסטן עסטעטישן פּראָגראם־דאָקומענט „א בריװ צו א גוטן פרײַנט" האָט שאָלעם־אלײכעם געשריבן אין יאָר 1889: „איך שרײַב מײַנע ראָמאנען צומײנסטנס פארן האמױן־אם... אױב דו שרײַבסט פארן פּאָלק און רעדסט מיט אים אף זײַן שפּראך, דארף מען מאָלן אזעלכע בילדער און װײַזן אזעלכע פארשױנען, װעלכע דאָס פּאָלק קען גוט, דאָס הײסט די העלדן דארפן גענומען װערן פון זײַן סװיװע, פונעם פּאָלק אלײן. און דער, װאָס קען אונדזער פּאָלק, דער װײסט, אז צװישן די ברײטע מאסן באגעגענען זיך העלדן א סאך אָפּטער אלס בא דעם העכערן קלאס... דאָס פּאָלק דארף װיסן, װאָס פארא קױכעס זײַנען אין אים פארבאָרגן, װאָס פארא ברײליאנטן װאלגערן זיך בא אים און גײען אין ניװעץ..."[2]

אין די ראָמאנען „סטעמפּעניו", „יאָסעלע סאָלאָװײ", „בלאָנדזנדע שטערן" האָט שאָלעם־אלײכעם געמאָלט באגאבטע פּאָלקס־מענטשן, אָנגעזעענע מוזיקאנטן, זינגער, אקטיאָרן, װעלכע זײַנען פארורטײלט אף א טראגישן גורל אין באדינגונגען פון דער בורזשואזער געזעלשאפט, אין דער ייִדישער הענדלערישער סװיװע.

הערשל פּאָליאנקער אנטװיקלט אין זײַנע ראָמאנען „שמײַע גאזלען", „דער בעקער פון קאָלאָמײע" און „ייִצכאָק סאנטאָס און זײַנע יאָרשים" שאָלעם־אלײכעמס עסטעטישע פּרינציפּן. עס איז ניט שװער צו דערקענען שטריכן פון טעװיע דעם מילכיקן אין דעם כאראקטער און אין דער פּסיכאָלאָגיע פון שײַע ספּיװאקן. נאָך נעענטער איז די קרױװעשאפט פון מאקס קרײסלערן, דעם טאלאנטפולן פּאָרשטײער פונעם פּאָלק אין דער עפּאָכע פון מילכאָמעס און רעװאָליוציעס, מיט שאָלעם־אלײכעמס העלדן סטעמפּעניו, יאָסעלע סאָלאָװײ, ראפאלעסקאָ, ראָזע ספּיװאק, גרישע סטעלמאך און אנדערע. עס װארפט זיך מאמעש

[1] מ. ליטװאקאָװ. אין אומרו, ב. II, מ., 1926, ז. 41.

[2] יודישע פּאָלקס־ביבליאָטעק, ב. II, קיעװ, 1889.

אין די אויגן, אז דער אימפּרעסאַריאָ פונעם יידישן וואַנדער־טעאַטער לעאָפּאָלד זגורסקי, לעמאַשל, אין פּאַליאַנקערס „דער בעקער פון קאַלאָמייע" דערמאָנט שטאַרק דעם דירעקטאָר פונעם יידישן וואַנדער־טעאַטער אַלבערט שטשופּאַקן אין שאָלעם־אַליכעמס „בלאָנדזנדע שטערן". די פּרימאַדאָנע פונעם וואַנדער־טעאַטער עסטערקע שאַפּירא בא פּאַליאַנקערן איז ענלעך אַף רייזל ספּיוואַק. שימשן האַגיבער בא פּאַליאַנקערן איז ענלעך אַף האָצמאַכן. קורץ — פּאַליאַנקערס ראָמאַן „דער בעקער פון קאַלאָמייע" איז ענג פאַרבונדן מיט שאָלעם־אַליכעמס „בלאָנדזנדע שטערן". אָט איז א בײַשפּיל, וואָס איליוסטרירט בוילעט דעם דאָזיקן געדאַנק.

באַשרײַבנדיק לײבל ראַפּאַלעסקאָס טאַלאַנטפולע שפּיל, דריקט שאָלעם־אַליכעם אויס זײַן עסטעטישן אידעאַל און זײַן באַנעמען דעם טאָך פון רעאַליסטישער פאָלקס־קונסט. די רעצענזענטן האָבן געשריבן וועגן ראַפּאַלעסקאָס אַקטיאָרישער שפּיל אַף דער בינע: „ער איז שטענדיק און אומעטום ערנסט, פּראָסט, ביז נאַיוו פּראָסט, עמעסדיק, ווי דער עמעס אַליין, נאַטירלעך, ווי די נאַטור אַליין"... „פון דער מינוט אָן, ווען אַף דער בינע דערשײַנט ראַפּאַלעסקאָ, ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך. ליכטיק, וואַרעם און פריילעך. אַלץ לעבט, אַלץ באַוועגט זיך. דאָס איז שוין ניט קיין סצענע, ניט קיין טעאַטער. דאָס איז אַליין דאָס לעבן"... „קימאַט יעדער צושויער, זיצנדיק אין טעאַטער, האָט געפילט, אז ער זעט עפּעס נײַס, עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע קראַפט, עפּעס אַן אומבאַוווּסטן פאַרבאָרגענעם קויעך. עס גייט ארויס א מענטש, ער ברענגט ארויס די סאַמע געוויינלעכע ווערטער, און דערבײַ אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַטירלעך, אָן פּאָקוסן. אָבער ער באַרירט אַלע סטרונעס פון אײַער האַרץ, דערוועקט אין אײַך פאַרבאָרגענע געדאַנקען, אײַנגעשלאָפענע געפילן, און א גרינג פּרעסטל לויפט דורך איבער אײַער לײַב, און איר פילט צוזאַמען מיט אים, איר לעבט איבער צוזאַמען מיט אים, ניט זײַענדיק בעקויעך אָפּצורײַסן דאָס אויג פון אים"...

און אָט איז א באַשרײַבונג פון זיגפריד לײנאַרד אַף דער בינע אין פּאַליאַנקערס „דער בעקער פון קאַלאָמייע":

„יענער האָט זיך געהאַלטן אַף דער בינע אַזוי פּראָסט און באַשיידן, אז מאַקס האָט פון אָנהייב אַפילע געצווייפלט, צי איז דאָס יענער זעלבער זיגפריד לײנאַרד, צי דען איז דאָס יענער טראַגיקער, וואָס איז אַזוי באַרימט, וועמעס נאָמען אַלע דערמאָנען מיט אַזא היסלײַוועס? און דאָס לאַשן איז בא אים גאָר א געוויינלעך לאַשן, און די זשעסטן פּאַשעטע — פונקט אַזעלכע מענטשן האָט מאַקס באַגעגנט א סאַך. פונקט אַזוי האָבן זיי אויסגעזען, די מענטשן אין די נאַכט־הײַזער, ווו מאַקס האָט גענעכטיקט, אַזוי זײַנען זיי געווען אָנגעטאָן, ווי זיגפריד און זײַנע אַרומיקע, אַזוי האָבן זיי גערעדט, געדענקט, געוויינטעקט, איבערגעלעבט, זיך געקריגט. אַזעלכע מענטשן האָט מאַקס באַגעגנט אַף די אַרבעט־בירזשעס, אין די אַרבעטער־קיכן, אַף די וואָקזאַלן, אין טורמע־קאַמערע. אין וואָס זשע איז דער צויבער פון דעם זיגפרידן? פאַרוואָס האָבן זיך מענטשן צעשײַנט, ווי נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט די ערשטע עטלעכע ווערטער, זיך דורכגעגאַנגען מיט זײַן גענגעלע איבער דער בינע? מיט וואָס האָט ער גלײַך געפאַנגען דעם פּילקעפּיקן זאַל?"

„אין זײַן שפּילן איז ניט געווען קיין סימען פון אויסערלעכן גלאַנץ, פאַלשער פּאַטעטיק. יעדער זשעסט זײַנער, יעדע באַוועגונג, יעדער וואָרט איז געווען נאַטירלעך, און פון זײַן ערשטן אויפטריט, פון דער ערשטער פראַזע האָט דער זאַל זיך דורכגעדרונגען צו דעם מענטשן מיט אָפּשײַ און גלויבן, און עס האָט זיך גלײַך אײַנגעשטעלט דער גרויסער קאָנטאַקט צווישן אַקטיאָר און דער בינע, צווישן עכטער קונסט און וואָר".

באַזונדערס נאָענט צו שאָלעם־אַליכעמס העלדן זײַנען די פּערסאָנאַזשן פון פּאַליאַנקערס ראָמאַן „יִצחאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים". דאָ האָט דער אויטאָר ברייט פאַרקערפּערט שאָלעם־אַליכעמס עסטעטישע אידיי וועגן דער באַגאַבונג פונעם אַרבעטספאָלק.

הערשל פּאַליאַנקער איז א הומאָריסט. אויך מיט זײַן הומאָר שליסט ער זיך אײַן אין שאָלעם־אַליכעמס טראַדיציע. הומאָר איז די גרונט־אייגנשאַפט פון פּאַליאַנקערס שאַפן. אַדאַנק דעם געלעכטער דערקענט מען גלײַך פּאַליאַנקערס קסאַוו, אין הומאָר אַנטפּלעקט זיך מער פון אַלץ די אייגנאַרטיקײַט פון זײַן שילדערונגס־מאַניר, זײַן מאָלערישע און דערציילערישע סיסטעם. איראָניע טײַלט אויס פּאַליאַנקערס שאַפן צווישן די הײַנטצײַטיקע יִדישע פּראָזאַיקער. דער הומאָר באַרײַכערט זײַנע ווערק, מאַכט זיי לעבעדיקער, טיפער און באַדײַטנדיקער. אָן דעם קאָמישן עלעמענט וואָלטן זײַנע ווערק אָנגעווירן זייער בוילעטע אייגנאַרטיקײַט.

דאָס קאָמישע אין פּאַליאַנקערס ווערק אַנטפּלעקט זיך אָרגאַניש און פּרײַער פאַר אַלץ דעמלט, ווען ער מאָלט פאָלקס־מענטשן, דערציילט וועגן דער פאָלקס־סוויווע, וואָס איז אים אַמערסטן נאָענט. דאָס קאָמישע ווײַזט זיך דאָ ארויס אינעם קאָנען איבערגעבן דאָס לאַשן פון די פאָלקס־פּאַרשוינען, זייער אַרט דענקען, זייער פּסיכאָלאָגיע, זייער האַנדלונג, זייערע גענג.

פּאַליאַנקערס געלעכטער איז אַלס קלאַל ניט קיין סאַטירישער, האַגאַם אין זײַנע ווערק טרעפן זיך פאַרשוינען, וועלכע ווערן בייז אויסגעלאַכט (אין „דער בעקער פון קאַלאָמייע" — פּאַני זשיכלינסקאַ, די קיניגן פון קעץ, און א ריי פאַשיסטישע לײַט; אין „יִצחאָק סאַנטאָס און זײַנע יאָרשים" — דער פּאָליצײַ סטעפּאַן טשוריי). אָבער אַזעלכע סאַטיריש־געשילדערטע פאַרשוינען פאַרנעמען ניט דעם אויבנאַן אין פּאַליאַנקערס ווערק, באַזונדערס אין זײַנע ראָמאַנען, זיי זײַנען פּאַרוקט ערגעץ אַף דער פּעריפעריע פונעם סוזשעט, און דער אויטאָר גיט זיי אָפּ וויניק אויפמערקזאַמקײַט.

די פונקציע פונעם קאָמישן בא פּאַליאַנקערן באַשטייט ניט אין קריטיק. זײַן געלעכטער האָט דעם ציל ניט צו שטראָפן, ניט צו פאַרניכטן, אַפילע ניט צו פאַריכטן. פּאַליאַנקערס הומאָר האָט גאָר אַן אַנדערע, א פּאָזיטיווע אויפגאַבע. דער שרײַבער וויל מיט זײַן הומאָר באַווײַזן דעם אָפּטימיסטישן גײַסט פון די פאָלקס־מאַסן, זייער גלויבן אין לעבן, אינעם מענטשן, זייער זיכערקײַט אין דעם, אז די וועלט קאָן אײַנגעאָרדנט ווערן אָן פאַרברעכנס, אָן מיל־

כאָמעס, אַן אונטערדריקונג, אַף גערעכטיקע יעסוידעס פון פעלקער־פרײַנטשאפט, מענטשן־פרײַנטשאפט און פרײַהײַט.

הומאָר איז בא פאָליאנקערן א וועלט־אָנשויונג, א פילאָסאָפישע לעבנס־דאָקטרינע, א פרינציפּ פון ליבע צום לעבן, צו פריידיקער געזונטער שאפונג. שמײַע גאזלען זאָגט:

„— איך האָב געהערט, אז אייניקע פּראָפעסאָרן און געלערנטע ברעכן זיך דעם קאָפּ, וויאזוי צו פארלענגערן דעם מענטשנס לעבן, וויאזוי געפינען, הייסט עס, דעם סאָד פון לאנג לעבן. איינער פון זיי האָט זיך דערשלאָגן א דערפאָלג. ער האָט פעסטגעשטעלט, אז מע דארף ווייניק ארבעטן, א סאך עסן, באקומען א סאך געלט און אזויארום זיך פארלענגערן דאָס לעבן... אן אנדער אזא געלערנטער, פאראיאָרן האָט מען מיר אים געוויזן אף דער אויסשטעלונג, האָט זייער געוויסנהאפט געזוכט אָט דעם סאָד. ער האָט אפילע געלייענט לעקציעס, וויאזוי, הייסט עס, מע דארף פארלענגערן דאָס לעבן... נו, ער האָט געראָטן עסן זויערמילך, וואָס מער רוען, וואָס מער שלאָפן, ניט טרינקען, ניט רייכערן, ניט ליב האָבן קיין פרויען... איך האָב א קוק געטאָן אף אים — אזא דארער, הויט און ביין... צו וואָס דארפסטו, האָב איך א טראכט געטאָן, אָט דאָס לאנג לעבן, און וואָס קאָנסטו אויסלערנען די מענטשן? איך האָב זיך דערוווּסט, אז ער האָט א סאך יאָרן זיך געשפּײַזט בלויז מיט זויערמילך, זעלטן ארויסגעגאן אף דער גאס, ווײַל אף דער גאס איז פול מיט מיקראָבן... האקלאל, ער האָט זיך מעסוקן אָפּגעהיט. און וואָס מיינט איר? אנומלטן לייען איך אין דער צײַטונג, אז ער האָט זיך שוין אָפּגעטראָגן אף יענערוועלט, און ער האָט קוים דערלעבט ביז פינף און פופציק יאָר. מע זאָגט, אז נאָך זײַן טויט זײַנען געבליבן עטלעכע וויסנשאפטלעכע ארטיקלען, אין וועלכע עס ווערן געגעבן רירנדיקע אייצעס, וויאזוי צו פארלענגערן די יאָרן און בלײַבן אף לאנג יונג און שיין...״

פאָליאנקערס הומאָר, זײַן געלעכטער איז א ליירישער; אין דעם פילט זיך אויך די נאָענטקײַט צו שאָלעם־אלייכעמס הומאָר. די לירישקײַט פון פאָליאנקערס הומאָר, מיין איך, איז באדינגט פון זײַן נאָענטקײַט צו דעם פאָזיטיוון העלד, צום פאָלק, וואָס פארנעמט דעם אויבנאָן אין זײַנע ראָמאנען און אין זײַן שאפונג ביכלאל. פאָליאנקערס העלדן זײַנען לעבנספײִקע און לעבנסלוסטיקע ארבעטס־מענטשן. א פיזיש און גײַסטיק נאָרמאלער מענטש, — איז איבערצײַגט דער שרײַבער און זײַן פאָזיטיווער העלד, — איז צופרידן מיט זײַן גוירל און מיט זײַן לעבן; ער שטרעבט שטענדיק פארבעסערן דאָס לעבן, מאכן דאָס גרינגער, גערעכטיקער און פריילעכער דורך ארבעט און קאמף קעגן אלערליי שווערקײַטן און שטערונגען. אים זײַנען פרעמד געמיינע עגאָיִסטישע געפילן; ער איז דעריבער גענייגט צו אָפּטימיסטישן געלעכטער, צו זאָרגלאָזער געזונטער פרייד מיטן לעבן. פאָליאנקערס הומאָר איז אן אויסדרוק פון זײַן הומאנישקײַט.

פאָליאנקער האָט געשריבן: „פלוצלינג אנטפלעקט זיך פאר אײַך אן אומגעוויינלעך לעבן, וואָס איז פול מיט טראגישע, און אמאָל מיט פריילעכע, לעכערלעכע געשעענישן און פאסירונגען״. אזא צונויפפאָרונג פון טראגישן און קאָמישן איז כאראקטעריסטיש פאר פאָליאנקערס שאפונג און באזונדערס פאר זײַנע ראָמאנען, וועלכע שפיגלען אָפּ די איינהײַט פונעם טראגישן און קאָמישן אין לעבן. און איך וואָלט געזאָגט, אז דער קויעך פונעם שרײַבער שטעקט מער אינעם אנטפלעקן און אין קינסטלערישן פארקערפערן דאָס קאָמישע, איידער אינעם באשרײַבן דאָס טראגישע. דאָס טראגישע אין פאָליאנקערס ווערק ווערט באטראכט ווי א מין אנאָמאליע, אן אָפּנייגונג פונעם נאָרמאלן סאָציאלן זײַן, פונעם פאָלקס־לעבן און פון דעם מענטשלעכן גוירל אף דער ערד. דאָס קאָמישע אין זײַנע ווערק איז דאָס נאָרמאלע און אָפּטימיסטישע אין לעבן פונעם מענטשן און פונעם פאָלק. דאָס קאָמישע איז גאָרניט קיין „פאָטיעכע״, נאָר אן אויסדרוק פון געזונטן פארשטאנד, אן אויסדרוק פון זיכערקײַט און קראפט, און דאָס באטײַט, אז פאָליאנקערס געלעכטער איז עכטער הומאָר.

ליטעראַרישער טאָגבוך

אוראַן גוראַלניק

דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן

דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור

לויטן פאָרשלאָג פון דער רעדאַקציע גרייט איך א סעריע איבערזיכטן וועגן דעם סאָוועטישן ליטעראַריש־קינסטלערישן לעבן. איך פּרעטענדיר ניט ארומצוכאַפּן אַלע זײַטן פון דער דאָזיקער פּראָבלעם, איך וויל בלויז דערציילן וועגן אייניקע וויכטיקסטע דערשײַנונגען, אינהאַלטסרײַכע ביכער און ארויסטרעטונגען, אין דער ערשטער ריי אַזעלכע, וועלכע באַהאַנדלען טעאָרעטישע פראַגן, וואָס רעגן הײַנט ניט בלויז די שעפער פון די קינסטלערישע ווערטן, ניט בלויז די שרײַבער גופא, נאָר אויך די געברויכער — די לייענער.

דער גרויסער רוסישער רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַט וויסאַריאָן בעלינסקי האָט געשריבן, אַז דער צושטאַנד פונעם ליטעראַריש־טעאָרעטישן געדאַנק שפּיגלט אָפּ, אַלס קלאַל, דעם אַנטוויקלונגס־ניוואָ און די קוואַליטעט פון דער ליטעראַטור. דערפון איז געדרונגען, אַז אויב מיר ווילן האָבן אַן אָביעקטיוון באַגריף וועגן די דערפאָלגן פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור, דאַרפן מיר, פיגוראַל גערעדט, האַלטן די האַנט אויפן דויפעק פון דער ליטעראַרישער קריטיק.

טעאָרעטישע פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער שעפערישער פּראַקטיק, זײַנען פאַראַן א סך — פּראָבלעמען וויכטיקע, ערנסטע, באַדײַטפולע, אָבער אָנהייבן דעם שמועס דאַרף מען פון דער וויכטיקסטער פּראָבלעם. דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז אַן אייניקײַטלעכע, מאָנאָליטע מעלוכע, וועלכע פאַרייניקט א גרויסע צאָל נאַציעס און פעלקערשאַפטן. די סאָוועטישע ליטעראַטור ווערט געשאַפן מער ווי אויף זיבעציק שפּראַכן. זי באַשטייט פון ליטעראַטורן מיט דער סאַמע אוראַלטער געשיכטע און פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער וועלט נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. זי איז א פרײַוויליקע ברידערלעכע געמיינשאַפט פון גלײַכבאַרעכטיקטע ליטעראַטורן, וועלכע זײַנען אײַדײַש באַהעפט און אַנטוויקלען זיך אויף דער באַזע פון אַן אייניקײַטלעכן שעפערישן מעטאָד — דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. אָבער יעדע איינע פון די דאָזיקע ליטעראַטורן ווערט געשאַפן אויף איר מוטערשפּראַך און שטיצט זיך אויף אירע נאַציאָנאַלע פּראָגרעסיווע טראַדיציעס. מע דאַרף דערבײַ באַמערקן, אַז אין די באַדינגונגען פון אונדזער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט קומט פאָר אַן אינטענסיווער פּראָצעס פון קעגנזײַטיקן אײַנפלוס און קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פון די נאַציאָנאַלע קינסטלערישע קולטורן, זייער קעגנזײַטיקע אידייִש־עסטעטישע קאָנסאָלידאַציע. דער דאָזיקער פּראָצעס האָט קיין שום געמיינזאַמס ניט מיט ניוועלירונג. און אויב מיר ריידן יאָ וועגן אַן אַזויגערופענער „אויסגלײַכונג" פונעם ניוואָ פון די פאַרשיידענע סאָוועטישע ליטעראַטורן, איז דאָס נאָר אין דעם זין, אַז אויף דער וועלט־אַרענע רעפּרעזענטירט הײַנט די אַלפאַרבאַנדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, צוגלײַך, לאָמיר זאָגן, מיט די רוסישע וואָרט־מײַסטערס קאָנסטאַנטין פעדין צי מיכאַיל שאָלאָכאָוו, אויך דער קירגיזישער ראָמאַנען־שרײַבער, דער לאַורעאַט פון דער לעניןפּרעמיע טשינגיז אײַטמאַטאָוו, וועמעס דערציילונג „דזשאַמיליאַ" איז אריבערגעטראָטן די גרענעצן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אײַטמאַטאָוו איז א זון פון א פאָלק מיט אַן אוראַלטער קולטור, אָבער ערשט אין די סאָוועטישע יאָרן האָט עס באַקומען אַן אייגענעם אַלעפבייס. די „פאַרגיכערטע אַנטוויקלונג" אין דער מישפּאָכע פון די ברידערלעכע סאָוועטישע פעלקער האָט געגעבן די קירגיזישע ליטעראַטן די מעגלעכקײַט דורכצומאַכן פאַר וואָסערע עטלעכע צענדליק יאָר א וועג, וואָס איז גלײַך צו יאָרהונדערטער, אויפהייבן זיך ביז די העכסטע שפּיצן פון דער קינסטלערישער שאַפונג.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דער קאַזאַכישער ליטעראַטור, וואָס איז באַרימט געוואָרן מיט אַזעלכע גרויסע מײַסטערס, ווי דער פאַרשטאָרבענער מוכטאַר אַאועזאָוו, דער שעפער פונעם ברייטן עפּישן לײַוונט

„דער וועג פון אבײַ". דער יונגער דיכטער אָלזשאס סולײמענאָוו, וועלכער שטאמט פון די קאזאכישע וואנדערער, האָט שעפעריש איבערגעארבעט די טראַדיציעס פונעם קאזאכישן פאָלקלאָר און מײַסטערהאפט באהערשט די אוצרעס פון דער רוסישער ליד. איצט שאפט ער ווערק, וואָס שטעלן אים אין איין ריי מיט די סאמע טאלאנטפולע דיכטער.

מיר וועלן זיך באנוגענען בלויז מיט די געבראכטע בײַשפּילן, כאָטש מע וואָלט געקאָנט זייער צאָל פאַרמערן. ס'איז ביז גאָר וויכטיק און אינטערעסאנט צו אנאליזירן דעם מעהוס פון אָט דעם קינסטלערישן פענאָמען — די דיִאלעקטיק פון דער אנטוויקלונג פון דער איינהײַטלעכער און פילנאציִאָנאלער ליטעראַטור פון די סאָוועטישע פעלקער. אין דעם פראט קאָנען אונדז העלפן די טעאָרעטישע טראקטאטן, ביכער און ארטיקלען, וועלכע ווערן פון צײַט צו צײַט פארעפנטלעכט אין אונדזער פרעסע.

מיט פערציק יאָר צוריק האָט מאקסים גאָרקי, עפענענדיק דעם ערשטן אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר, גערעדט וועגן דעם וועלט־היסטאָרישן זין פונעם פאקט, וואָס „די ליטעראטור פון אלע אונדזערע רעפובליקן, וועלכע שטאמט פון פארשיידענע שוואָטים און ווערט געשאפן אף פארשיידענע שפּראכן, טרעט ארויס ווי אן איינהײַטלעך גאנצעס". די שרײַבער פונעם סאָוועטנפארבאנד, — האָט גאָרקי געזאָגט, — דעמאָנסטרירן די „איינהײַט פון אונדזער ציל, וועלכע לייקנט ניט אָפּ, פארשטייט זיך, די פארשיידנארטיקײַט פון אונדזערע שעפערישע מעטאָדן און שטרעמונגען". ער האָט גערופן די קריטיקער און טעאָרעטיקער פון דער ליטעראטור, זיי זאָלן אנאליזירן די דאָזיקע דערשײַנונג.

דער קרײַז פראגן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיטן אינטערנאציִאָנאלן כאראקטער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, ציט צו זיך צו די אופמערקזאמקײַט פון די פאָרשער. גרויס איז די צאָל פובליקאציעס, וועלכע זײַנען געווידמעט דער דאָזיקער פּראָבלעמאטיק. מיר וועלן אין הײַנטיקן איבערזיכט דערציילן בלויז וועגן אייניקע ארבעטן, וועלכע האָבן, לויט אונדזער מיינונג, א באזונדערע ווערט. דער לייטמאָטיוו פון די דאָזיקע ארבעטן איז: ברייטער, זאָרגזאמער און אופמערקזאמער אויספאָרשן אין דער ערשטער ריי דאָס, וואָס עס פארייניקט די פעלקער פונעם סאָוועטנפארבאנד, צעמענטירט זיי אין איין מעכטיק גאנצעס. דערבײַ ווערט קאטעגאָריש פארורטיילט דער נאציִאָנאלער ניהיליזם, וועלכער לאָזט זיך צומאָל פילן אין אייניקע אויבערפלעכלעכע קריטישע ארטיקלען.

איינער פון די באזונדערס אווטאָריטעטע פאָרשער פונעם אינטערנאציִאָנאלן מעהוס און פילנאציִאָנאלן כאראקטער פון דער סאָוועטישער ליטעראטור איז דער מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פּססר געאָרגי לאָמידזע (פארוואלטער מיטן סעקטאָר פון דער ליטעראטור פון די פעלקער פון פּססר אינעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור און איינער פון די הויפּט־רעדאקטאָרן פונעם פילבענדיקן ווערק וועגן דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער ליטעראטור). זײַן בוך „איינהײַט און פילאַרטיקײַט" האָט אויסגעהאלטן דרײַ אויסגאבעס. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער געשריבן אין זײַן ארטיקל וועגן נאציִאָנאלער קולטור און נאציִאָנאלער ליטעראטור: „עס איז גאָר ניט שלעכט און עס איז ניטאָ וואָס צו פארורטיילן, אויב שרײַבער מאָלן בילדער פון דער נאציִאָנאלער געשיכטע, ריידן מיט ליבשאפט וועגן דער היים, וועגן דער שפּראך פון זייער פאָלק. אכטונג צו דער אייגענער שפּראך, צו דער אייגענער געשיכטע קאָן מען ניט האלטן פאר א סימען פון נאציִאָנאלער באגרענעצטקײַט, פון א פאראט קעגן די אלפאָלקישע, קאָמוניסטישע אידעאלן. אלץ איז אָפּהענגיק דערפון, וועלכע מאָמענטן אין דער געשיכטע ווערן געלויבט, פון וועלכע פּאָזיציעס און לעשעם וואָס ווערט דאָס געטאָן, וועלכע אידייען וויל מען באשטעטיקן, צוליב וועלכע געפילן און שטימונגען ווענדט מען זיך צו דער פארגאנגענהײַט".

גאָלדענע ווערטער!

מיט א קורצער צײַט צוריק האָט ג. לאָמידזע ארויסגעגעבן אינעם פארלאג „סאָווּרעמעניק" זײַן נײַ בוך „דער לעניניזם און דער גורל פון די נאציִאָנאלע קולטורן". דאָס איז פאר די לעצטע יאָרן דאָס סאמע פונדאמענטאלע ווערק אף דער דאָזיקער טעמע. עס איז גענוג אָפּצושטעלן זיך אף דער פּראָבלעמאטיק פון די ערשטע צוויי טיילן פונעם בוך, קעדיי צו פארשטיין, ווי טיף און פארשיידנארטיק דער אווטאָר גייט צו צו זײַן אופגאבע.

דער הויפּט־געדאנק פונעם געלערנטן, זײַנע פּראָגנאָזן אין די פראגן, וועלכע זײַנען נעגייע דעם גורל פון די נאציִאָנאלע ליטעראטורן אין דער עפּאָכע פון דער פאנאנדערגעוויקלטער בויונג פונעם קאָמוניזם, אין די באדינגונגען פונעם קעסיידערדיקן אידעאָלאָגישן קאמף מיט די קעגנער פונעם סאָציִאלן און נאציִאָנאלן פּראָגרעס, איז די לענינישע קאָנצעפּציע וועגן דער היסטאָריש־קולטורעלער אנטוויקלונג. לאָמידזע שטעלט זיך גענוי אָפּ אף דער פּראָבלעם פון דער איינהײַט פון נאציִאָנאלן און אינטערנאציִאָנאלן אינעם לאנד, ווו דער סאָציִאליזם האָט געזיגט, ער דעקט אוף די דיִאלעקטיק פונעם קאָנקרעטן און אלגעמיינעם, ער רעדט וועגן דעם נאציִאָנאלן געפיל און נאציִאָנאלן באוווסטזײַן, וועגן די געזעצמעסיקײַטן פון זייערע מאָדיפיקאציעס. דער געלערנטער שטעלט זיך אָפּ אף די באזונדערקײַטן פון דער נאציִאָנאלער פּסיכאָלאָגיע און אף דער פראגע וועגן דעם גורל פון דער נאציִאָנאלער שפּראך. שוין אָט די רעשימע פון די פראגן, וועלכע לאָמידזע באהאנדלט, איז גענוג, מע זאָל זען, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט א שעפערישער ארבעט, וואָס האָט ניט מוירע ארײַנצודרינגען אין די ווײַ־דערשפּרוכן, וועלכע באגלייטן שטענדיק יעטווידע רעוואָליוציִאָנערע אנטוויקלונג.

אין אונדזער איבערזיכט האָבן מיר ניט, פארשטייט זיך, קיין מעגלעכקײַט צו אָפּשטעלן זיך אף דעטאלן. א באזונדערן אינטערעס רופט ארויס, ווי מיר מיינען, דאָס קאפּיטל „צוויי קאָנצעפּציעס וועגן דעם גורל פון די נאציִאָנאלע קולטורן". דאָס קאפּיטל קריטיקירט צוויי שטאנדפּונקטן, לאָכלוטן פארשיידענע. זייער אנטיהיסטאָריזם אנטפּלעקט דער סאָוועטישער געלערנטער גאנץ איבערצײַגנדיק. דאָס איז שײַעך סײַ די אָנהענגער פונעם נאציִאָנאלן הערמעטיזם, וועלכע פרײדיקן ארכאִישע אומבאַוועגלעכקײַט, אײַנגעשלאָסנקײַט, נאציִאָנאלע אויס־

נעמלעכקײַט, סײַ, פון דער צווייטער זײַט, די אדעפטן פון דער נאַציאָנאַללאָזער קולטור, וועלכע שאַצן ניט אָפּ די באַדײַטונג פון די היסטאָרישע טראַדיציעס פון דער נאַציע, באַציִען זיך מיט ביטל צו דער נאַציאָנאַלער ספּעציפיק און צום נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דער עמעסער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַליזם, — שרײַבט לאָמידזע, — האָט קיין שום געמיינזאַמס ניט מיט קיין איינעם פון די דאָזיקע שטאַנדפּונקטן, וועלכע ברענגען סאָפקאָלסאָף, פון איין זײַט, צום צעבלאָזן דעם נאַציאָנאַליזם אין אַלע ספערן פונעם גײַסטיקן לעבן, פון דער צווייטער זײַט — צום ניט דערשאַצן די גרויסע קולטור־רײַכטימער, וועלכע די טרעגער פון די פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע אידייען אין יעדער נאַציע טראָגן ארײַן אין דער אַלגעמיינער שאַצקאַמער פון דער וועלט־ציוויליזאַציע.

ג. לאָמידזעס „דער לעניניזם און דער גורל פון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן" איז אַן אַקטועל בוך, וואָס גיט דעם לייענער מאַטעריאַל פאַר ערנסטע באַטראַכטונגען, באַוואָפנט אים קעגן די דאָגמאַטיקער, העלפט פּראָגנאָזירן די וועגן פון דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע קולטורן. גוט באַווויזן איז אין בוך די קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג צווישן פּאַטריאָטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם, די פאַרהעלטעניש צווישן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון די סאָוועטישע מענטשן און זייער סאָציאַליסטישן אידעאַל. אַזעלכע פאָרשונגען, ערנסטע לויט דעם מאַטעריאַל און לויט דער טעמע, העלפן בײַצוקומען די נאַציאָנאַלע פאָרורטיילן און פאַרבלאָנדזשענישן.

אין דעם זין זײַנען צו ג. לאָמידזעס ווערק זייער נאָענט די פּובליקאַציעס פונעם מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר א. יעגאָראָוו, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „קאָמוניסט". „אונדזער אינטערנאַציאָנאַלע קינסטלערישע קולטור, — שרײַבט א. יעגאָראָוו, — וואָס איז אַ פּילנאַציאָנאַלע, שטעלט מיט זיך פאָר ניט קיין קאָנגלאָמעראַט פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטורן... דאָס איז אַ פאַרגאַנצטער סאָציאַל־גײַסטיקער אָרגאַניזם, ער פונקציאָנירט לויט זײַנע געזעצן, וועלכע זײַנען אייגנטימלעך דער אינטערנאַציאָנאַלער געמיינזאַמקײַט און ווערן געבוירן צוזאַמען מיט איר". אין אַ ריי פאָרשונגען אַנטפּלעקט א. יעגאָראָוו דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע אַנטוויקלונגס־געזעצן. זײַן אַרטיקל „די אינטערנאַציאָנאַליסטישע, די איינהײַטלעכע און פּילנאַציאָנאַלע" (פאַרעפנטלעכט פאַריקן יאָר אין נאָיאַבער־נומער פונעם זשורנאַל „זנאַמיא") איז מיט זײַן פּאַטאָס געצילט דעריקער קעגן די נאַציאָנאַליסטישע איבערבלײַבעכצן. „אין די באַדינגונגען פון סאָציאַליזם, — שרײַבט דער אוטאָר, — פאַרהיטן זיך נאָך די קלאַסן און, בעמיילע, די ספּעציפישע קלאַסן־אינטערעסן; אינעם באַוווסטזײַן פון אַ געוויסן טייל מענטשן זײַנען נאָך פאַראַן איבערבלײַבעכצן פון דער פאַרגאַנגענהײַט".

די נאַציאָנאַליסטישע פאַרבלאָנדזשענישן פאָרן זיך ניט מיט די אידייען פון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, פון ברידערלעכער פעלקער־פרײַנטשאַפט. עס איז נאַטירלעך, אַז אַזעלכע איבערבלײַבעכצן געפינען זיך שטענדיק אונטערן פײַער פון אומקאָמפּראָמיסלעכער קריטיק. צוזאַמען דערמיט געפינען זיך אונטערן פײַער פון אַן אַנטשיידנדיקער קריטיק די וואָלונטאַרישע טעאָריעס אין פראַט פון נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן, די שנעלע און אומבאַטראַכטע טעאָרעטישע באַשלוסן, די איינצלנע דערשײַנונגען פון אומדערלאָזבאַרער ניהיליסטישער באַציִונג צו די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס און צו דער שפּראַך, דער ביטל צו די קולטור־ווערטן, וועלכע די פעלקער האָבן אָנגעזאַמלט, צו זייערע אַלטע גוטע מינהאָגים און זיטן.

וועגן דער דאָזיקער פראַגע איז, צווישן אַנדערע, אַרויסגעטראָטן אין דער צײַטונג „סאָוועטסקאַיאַ קולטוראַ" (דעם 20 נאָיאַבער 1973) דער פאָלקס־אַרטיסט פון פסרס אַלים כאָדזשײַעוו. איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער אוזבעקישער טעאַטראַלער קולטור, האָט א. כאָדזשײַעוו אין זײַן אַרטיקל „קעגנזײַטיקע פאַרבינדונג און קעגנזײַטיקע האַנדלונג" דעמאָנסטרירט די פרוכטבאַרקײַט פון דעם פּראָצעס, וואָס עפנט פאַר דער נאַציאָנאַלער קונסט נײַע מעגלעכקײַטן און וועגן. ער דערמאָנט די גרונטלאַגן וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וועלכע דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צק פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד ל. אי. ברעזשנעוו האָט אַרויסגעשטעלט אין זײַן רעדע אין אַלמאַ־אַטאַ.

באַרירנדיק די פראַגע וועגן דער נײַער היסטאָרישער געמיינשאַפט פון מענטשן — דעם סאָוועטישן פאָלק, — האָט כאָווער ברעזשנעוו אָנגעוויזן, אַז די זיך אַנטוויקלענדיקע געמיינשאַפט פון דער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער קולטור נעמט אַרײַן אין זיך אַלעווירקלעכע ווערטן פון יעדערער פון די נאַציאָנאַלע קולטורן. אין דער זעלבער צײַט ווערט אין דער רעדע באַטאָנט, אַז, ריידנדיק וועגן דער נײַער היסטאָרישער געמיינשאַפט פון די מענטשן, וויל די פאַרטיי דערמיט ניט זאָגן, אַז עס פאַרשווינדן שוין די נאַציאָנאַלע אונטערשיידן, אָדער אַז עס איז פאָרגעקומען אַ צונויפגיסונג פון די נאַציעס. אַלע נאַציעס און פעלקערשאַפטן, וועלכע וווינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַרהיטן זייערע אייגנשאַפטן, די שטריכן פון זייער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, די שפּראַך, זייערע בעסטע טראַדיציעס.

אַזאַ איז די היסטאָרישע רעאַליטעט, וואָס ווערט באַטראַכט אין אַ ברייטער פּערספּעקטיוו. די קלאָרקײַט פון די אויסגאַנג־פּאָזיציעס איז דער וויכטיקסטער באַדינג באַם לייזן די סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען, דערונטער די נאַציאָנאַלע, וואָס אַרום זיי הייבן אויף אונדזערע קעגנער אין אויסלאַנד פון צײַט צו צײַט אַ שיידים־טאַנץ.

די סאָוועטישע פּובליציסטן און די ליטעראַטור־קריטיק טוען ניט ווייניק אין פראַט פון דעמאַסקירן סײַ די נײַ־געבאַקענע רעוויזיאָניסטישע טעאָריעס אין געביט פון צווישן־נאַציאָנאַלע באַציִונגען, סײַ די אַלטע פאַרשימלטע „רעצעפּטן" פון לייזן די נאַציאָנאַלע פראַגע, וועלכע ווערן מיצאַד די אומפרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קעסיידער גאַלוואַניזירט. אין אַזאַ פאַל איז גוט אַרײַנצוקוקן אין די אורקוואַלן, נאָכאַמאָל דערמאָנען זיך, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער דאָזיקער פראַגע. דערפאַר טאַקע האָבן די לייענער מיט אַזאַ אינטערעס אויפגענומען די סעריע היסטאָריש־פּובליציסטישע עסייען פון יע. טשערניאַק „נעוויִים און מיטאָסן. זײַטלעך פון דער געשיכטע פונעם רעאַקציאָנערן

נאציאָנאליזם". זיי זײַנען געדרוקט געוואָרן פאָריקס יאָר אין די נומערן 2 — 6 פונעם ליטעראַריש־קינסטלערישן און געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן זשורנאל פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פססר „דרוזשבא נאראָדאָוו".

דער אוטאָר האָט צונויפגעזאמלט און אנאליזירט א ריזיקן פאקטישן מאטעריאל. טאלאנטפול אָנגעשריבן, באווײַזן די דאָזיקע עסייען דעם קלאסנמעהוס פונעם נאציאָנאליזם אין פארשיידענע פעריאָדן, אין פארשיידענע לענדער. ריידנדיק וועגן דער לעבהאפטיקײַט פונעם נאציאָנאליזם, וועגן די פילארטיקע פאָרמען און מיטלען, מיט וועלכע די בורזשואזיע נוצט אים אויס אין פארשיידענע היסטאָרישע סיטואציעס, באווײַזט יע. טשערניאק אויך דעם שאָדן, וואָס דער נאציאָנאליזם פארשאפט די פעלקער. דער זשורנאל „ליטעראטורנאָיע אָבאָזרעניע" רעקאָמענדירט די לייענער יע. טשערניאקס בוך (אין „דרוזשבא נאראָדאָוו" איז פארעפנטלעכט בלויז א טייל קאפיטלען פונעם בוך), ריכטיק אָפּמערקנדיק, אז דאָס בוך העלפט די לייענער צו פארשטיין א וויכטיקע און שארפע פראָבלעם. „די נעוויים פונעם נאציאָנאליזם האָבן זיך ארויסגעוויזן אלס פאלשע נעוויים. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז געשאפן געוואָרן און עס עקזיסטירט שוין מער פון א האלבן יאָרהונדערט די סאָוועטישע סאָציאליסטישע מעלוכע — דאָס לאנד פון ברידערלעכער פרײַנטשאפט צווישן הונדערט פעלקער און נאציאָנאליטעטן. צוזאמען דערמיט, באווײַזט דער אוטאָר אָנשוילעך, ווי לעבהאפטיק עס איז דער ווירוס פון נאציאָנאליזם, ווי ער ענדערט קעסיידער זײַנע פאָרמען, ווי וויכטיק עס איז ניט אָפּצושוואכן דעם קאמף קעגן אים" („ליטעראטורנאָיע אָבאָזרעניע", 1973, נום. 10).

דער קאמף קעגן נאציאָנאליזם איז הײַנט אָרגאניש פארבונדן מיטן קאמף קעגן אימפּעריאליסטישן דרוק, פאר די ווירקלעכע רעכט און אינטערעסן פון די נאציעס, פאר דעמאָקראטיע, סאָציאליזם און קאָמוניזם — אָט דאָס איז דער גענעראלער אויספיר, צו וועלכן עס ברענגט דער אנאליז פונעם רײַכן מאטעריאל, וועלכן דער אוטאָר האָט צונויפגעזאמלט און זאָרגזאם דורכגעשטודירט.

די דערפארונג פון לייזן די נאציאָנאלע פראגע בא אונדז אין לאנד — פון די ערשטע לענינישע דעקרעטן און ביז די הײַנטיקע גראנדיעזע אופטוען — איז פארפיקסירט אין דער אידייִש־מוסטערהאפטער סטרוקטור פון די ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זײַנען געשאפן געוואָרן פאר דעם האלבן יאָרהונדערט אף פיל שפראכן און אין קאָלערליי זשאנרען. די עצם געשיכטע פון דער פילנאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראטור דינט אלס קלאָרסטער בײַשפיל פונעם טריומף פון דער לענינישער נאציאָנאלער פאָליטיק, פונעם טריומף פון די אידייען פון פראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם. עפשער טאקע דערפאר שפירט מען נאָך אזוי אופמערקזאם, ניט בלויז בא אונדז אין לאנד, נאָר אויך אין אויסלאנד, נאָכן דערשײַנען פון יעדן נײַעם באנד פון דער אקאדעמישער געשיכטע פון דער פילנאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראטור, וועלכע עס גיט ארויס אין א גרויסן טיראזש דער פארלאג „נאוקא". פינף בענדער פון דער דאָזיקער אויסגאבע האָבן די לייענער שוין באקומען. אינגיכן וועט ארויס דער זעקסטער, לעצטער באנד. העכער צען יאָר האָבן איבער דער סאָלידער אויסגאבע געארבעט די געלערנטע פון מאָסקווע, לענינגראד, פון אלע הויפטשטעט פון די פארבאנדישע און אוטאָנאָמע רעפובליקן. די ליטעראטורקענער האָבן געלייזט א בעקאָוועדיקע, נאָר אויך א שווערע אופגאבע פון הויכער טעאָרעטיש־מעטאָדאָלאָגישער קאָמפליצירטקײַט, אן אופגאבע, וואָס האָט צו זיך קיין פרעצעדענט ניט, — זיי האָבן באוויזן די קאָלעקטיווע דערפארונג פון די סאָוועטישע ליטעראטורן אין זייער גאנצער פילארטיקײַט, אופגעדעקט די עסטעטישע נאָוואטאָרישקײַט, די וועלט־באדײַטונג פון אזא אוניקאלער דערפארונג.

וועגן דער דאָזיקער אויסגאבע און וועגן אנדערע ארבעטן פון די ליטעראטור־קריטיקער וועלן מיר דערציילן אין א ווײַטערדיקן איבערזיכט.

א שמועס וועגן דער פילבענדיקער געשיכטע פון דער מאָנאָליטער און פילנאציאָנאלער סאָוועטישער ליטעראטור (אין דער דאָזיקער אויסגאבע איז, אגעוו, אָפּגעגעבן א היפש אָרט דער שאפונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער) וועט געבן די מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען אייניקע טעזיסן, וועלכע זײַנען פארבײַגייענדיק אָנגעמערקט אין הײַנטיקן איבערזיכט.

■ ■ ■

פּאָלעמיק

עליע פּאַלקאָוויטש

וועגן דעם כאַוועד זאַבאַרעס באַמערקונגען

דעם כאַוועד זאַבאַרעס באַמערקונגען צו מײַן אַרטיקל וועגן זײַן היסטאָרישן ראָמאַן „ס׳איז נאָך גרויס דער טאָג״ („סאָוועטיש היימלאַנד״, 1973, נומ. 11) אַנטהאַלטן אייניקע אַרויסזאָגונגען, וועלכע ס׳איז קעדײַ אַ לופּטער צו טאָן. דערפון, גלייב איך, וועט צוקומען געזונט ניט בלויז אונדז ביידן, נאָר אויך דעם לייענער, וואָס האָט אַ געוויסן אינטערעס צו די פּראָבלעמען פון ליטעראַטור און שפּראַך.

I. וועגן געשיכטע און היסטאָרישן ראָמאַן

דער כאַוועד זאַבאַרע האַלט, אַז מעכאַברים פון היסטאָרישע ראָמאַנען שטעלן פאַר זיך לאַכלוטן אַנדערע צילן און אויפגאַבן, איידער היסטאָריקער און וויסנשאַפטלער. און מיר דוכט, אַז די צילן און אויפגאַבן זײַנען בײַ זיי אין טאָך איינע און די זעלבע: לערנען און דערציִען. פאַרשיידן זײַנען זייערע אַרבעטמעטאָדן: היסטאָריקער, און ביכלאַל וויסנשאַפטלער, זײַנען אַנאַליטיקער; מעכאַברים פון היסטאָרישע ראָמאַנען, און ביכלאַל קינסטלער, זײַנען סינטעטיקער. אי די אי יענע זײַנען פאָרשער. זיי פאַרלאָזן זיך ניט אויף צופעליקע אײַנדרוקן און האַשאָרעס. זיי שטודירן אַלערליי מאַטעריאַלן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו זייערע טעמעס. זיי טיילן אָפּ טיפּישע, כאַראַקטעריסטישע, באַלערנדיקע דערשײַנונגען פון צופעליקע און אומבאַדײַטנדיקע. זיי פאַראַלגעמיינערן און מאַכן אויספירן. נאָר אַז עס קומט צו שרײַבן, צעגייען זיך די וועגן פונעם וויסנשאַפטלער און קינסטלער. אַ וויסנשאַפטלער גייט אין טאָך פונעם פּראַט צום קלאַל און דריקט זײַנע אויספירן אויס אין אַבסטראַקטע פאָרמולעס, אָבער אַ קינסטלער מאַכט דורך נאָך אַ וועג — פונעם קלאַל צום פּראַט און דריקט זײַנע פאָרשטעלונגען און אידייען אויס אין קאָנקרעטע בילדער. וואָס העלפן אים איבערצוגעבן ניט בלויז דאָס אויסערלעכע, נאָר אויך דאָס אינערלעכע לעבן פון מענטשן, די ניואַנסן פון זייערע געדאַנקען און געפילן.

אָט פאַרוואָס קינסטלערישע ליטעראַטור איז אויך אַ וויכטיקער קוואַל פון ידיִעס. ניט אומזיסט האָט דער זיידע אונדזערער, מענדעלע, געהאַט געשריבן צו דעם היסטאָריקער ש. דובנאָוו: „איך בין אויך אַ היסטאָריקער, נאָר אין אַן אַנדערן זין (נוסעך). אַז איר וועט דערגיין צו דער געשיכטע פון 19־טן יאָרהונדערט, וועט אײַך אויסקומען צו באַניצן זיך מיט מײַנע ווערק, קעדיי אויסצולייגן די שטייגערישע געשיכטע פון יענע דוירעס״.

און אָפט איז קינסטלערישע ליטעראַטור אַפילע נאָך אַ גרעסערער און מער אָנגעזעענער קוואַל פון אינפאָרמאַציע, איידער געשיכטע. איר געדענקט דאָך געוויס, וואָס ענגעלס האָט אין אַ בריוו צו דער ענגלישער שרײַבערן מאַרגאַריטע האַרקנעס געהאַט אָנגעוויזן, אַז פון באַלזאַקס אַ צענטראַל בילד האָט ער אַפילע בענעגייע עקאָנאָמישע איינצלהײַטן מער געלערנט, איידער פון אַלע פּראָפעסיִאָנעלע היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן און סטאַטיסטיקער פון דער דאָזיקער צײַט אינאיינעם גענומען.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ גייט אַ רייד ניט וועגן קינסטלער פאָטאָגראַפן, וואָס האָבן געוויינטלעך צו טאָן מיט פאַקטעלעך, מיט קליינינקע, צופעליקע „עמעסן״. אַזעלכע „עמעסן״ גיבן אָפט אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דעם אָביעקט. „אַ האַלבער עמעס איז אַ גאַנצער ליגן״. דעם עמעס וועגן דער ווירקלעכקײַט אין איר אַלזײַטיקײַט און קאָמפּליצירטקײַט איז אַ פאָטאָגראַף ניט בעקויעך צו שילדערן. דאָס איז אימשטאַנד צו טאָן נאָר אַ קינסטלער אַ רעאַליסט, וואָרעם ער שילדערט די נאַטור, דאָס לעבן, ניט קוקנדיק אויף זיי פּאַסיוו, ער שטודירט זיי אַלזײַטיק, וואַרפט אָפּ דאָס קליינלע־

כע, דאָס צופעליקע און נעמט דאָס איקערדיקע, דאָס כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע.

אַנטאָן טשעכאָוו, דער גרויסער רוסישער קינסטלער, האָט אין אַ בריוו פון סאָף 1897 געהאַט געזאָגט וועגן זיך: „איך... האָב קיינמאָל ניט געשריבן אומיטלבאַר פון דער נאַטור, איך דאַרף האָבן, אַז דער זיקאָרן מײַנער זאָל אָפּ־זײַען דעם סוזשעט, עס זאָל אַפן זיקאָרן, ווי אַף אַ פילטער, בלײַבן נאָר דאָס, וואָס איז וויכטיק אָדער טיפּיש".

אַן עכטער קינסטלער זעט, הערט און פאַרגע־דענקט געוויינטלעך אַ סאַך מער און בעסער, איידער אַ דורכשניטלעכער באָסאָרוואַדאָם. קאָנצענטרירנדיק זיך אַף אַ באַשטימטן קרײַז אינטערעסן און אָביעקטן, האָט ער אויך די מעגלעכקײַט זיי צו דערלערנען בעסער און טיפער, איידער אַ סאַך אַנדערע מענטשן. דערצו נאָך איז אַן עכטער קינסטלער געבענטשט און געשטראָפט מיט אַ גרויס און אומרויִק האַרץ, און באַם שאַפן טוט ער אין זײַנע ווערק אַרײַן אַ שטיק פון זײַן אייגענעם „איך".

פּערעץ מאַרקישעס אַ באַקאַנטער האָט אים מילכאָמע־צײַט דערציילט, וויִאַזוי ער איז נאָך טעג און נעכט פון בלאָנדזשען דורכן וואַלד אַרײַנגעפאַלן אין אַ שטיבל פון אַ פּויער, ווו פון ווינקל האָט אַף אים געקוקט „דער יויזל פון דער קרייצונג". איז זעט נאָר, וואָס מאַרקיש האָט פון די עטלעכע שורעלעך געמאַכט אין דעם קאַפּיטל „אַ באַגעגעניש מיט דעם גע־קרייצטן" אין דער פּאָעמע „מילכאָמע". זעט דאָרטן אויך דאָס קאַפּיטל „אַ געשפּרעך מיטן סאָטן" און הערט זיך צו צו אַלע טײַנעס, וואָס גוראַריע, אַ פּערסאָנאַזש פון דער פּאָעמע, לייגט אינעם געשפּרעך אויס, וועט איר דערפילן דעם דיכטערס האַרץ, זײַנע האַרצווייען און זײַנע מאַכשאָוועס אין די יאָרן פון דער מילכאָמע.

לאָמיר דאָ נאָך צוגעבן מאַקסים גאָרקיס אַ וואָרט וועגן דעם מאָלער ייִצכאָק לעוויטאַן: ס'איז דאָ אַ מיינונג, זאָגט גאָרקי, אַז לעוויטאַן האָט אינעם רוסישן פּייזאַזש אַנטפּלעקט אַזאַ שיינקײַט, וואָס ביז אים האָט קיינער ניט גע־זען. „און קיינער האָט ניט געקאָנט זען, — גיט צו גאָרקי, — וואָרעם די דאָזיקע שיינקײַט איז ניט געווען און לעוויטאַן האָט זי ניט „אַנט־פּלעקט", נאָר אַרײַנגעבראַכט פון זיך אַלס זײַן מענטשלעכע מאַטאָנע דער ערד".

מאַכמעס די אַלע אָנגעוויזענע טײַמים האָבן קינסטלערישע ווערק אַ גרויסע ווירקנדיקע קראַפט און לעבן אָפט אַ סאַך לענגער, איידער ביכער וועגן געשיכטע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָבן אויך צו זאָגן די אויסדרוק־מיטלען פון די און יענע. דאָס קינסטלערישע וואָרט, וואָס שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקײַט, די אידייען דורך קאָנקרעטע געגנשטאַנדן, דורך בילדער, לאָזט זיך אופנעמען אַ סאַך גרינגער און פאַרשאַפט דעם לייענער אַ סאַך מער גײַסטיקע האַנאָע, איידער דאָס אַבסטראַקטערע וואָרט פונעם גע־שיכטלער.

קורץ, געשיכטע און קונסט לערנען און דער־ציִען, אָבער אַף אַ פאַרשיידענעם אופן. אין אַן אַרבעט וועגן געשיכטע זײַנען קיין אויסטראַכ־טענישן ניט שײַעך, אַלץ דאַרף זײַן אַבסאָליוטע וואָרהײַט; אָבער אין אַ קינסטלעריש ווערק קאָן אינײינעם מיט וואָרהײַט זײַן אויך דיכטונג, אויב ניצן געטעס טערמינאָלאָגיע.

נאַטירלעך, אַז די באַציִונג פון מעכאַברים צו וואָרהײַט און צו דיכטונג איז אין פאַרשיידענע צײַטן ניט איינע און די זעלבע. אין די אוראַל־טע עפּאָכעס, אַשטייגער, האָבן שרײַבער גע־לייגט גאַנץ ווייניק אַכט אַף דער פּינקטלעכ־קײַט פון דער אינפאָרמאַציע. לאָמיר נעמען בײַשפּילן פון אונדזער עלטסטער ליטעראַטור — פונעם טאַנאַך.

אינעם ערשטן כומעש איז פאַראַן אַזאַ דער־ציילונג: אין קנאַאַן איז אַ הונגער, לאָזט זיך אַוורום קיין מיצרײַם. אויס מוירע, אַז מע וועט זײַן שיינע סאָרען בײַ אים צונעמען און אים הארגענען, גיט ער זי אָן פאַר אַ שוועסטער. די מיצרישע פירשטן האָבן זי טאַקע פאַרנומען פאַר פּאַרען — פּאַרן קיניג פון מיצרײַם, און ער האָט אַוורומען געגעבן שאָף און רינדער, קנעכט און דינסטן, אייזלען און קעמלען. אָבער יאַהווע (אַ ייִדישער גאָט) האָט פּאַרען און זײַן הויז געפּלאָגט איבער אַוורומס ווײַב. האָט פּאַרע אַרויסגערופן אַוורומען, געהאַט צו אים טײַנעס, אַלעמײַ ער האָט זײַן ווײַב אָנגעגעבן פאַר אַ שוועסטער, האָט אים אומגעקערט סאָרען און האָט באַפוילן, מע זאָל אַוורומען, זײַן ווײַב און אַלדאָס זײַנס אַרויסבאַגלייטן.

אינעם זעלבן כומעש ווערט דערציילט אַ צווייטע ווערסיע מיטן דאָזיקן סוזשעט. נאָר דאָ פאַרנעמט סאָרען אַווימעלעך דער קיניג פון גראָר. צו אים קומט אין כאָלעם דער גאָט עלאָ־הים און וואָרנט: „דו וועסט שטאַרבן איבער איר, וואָרעם זי האָט אַ מאַן". האָט אַווימעלעך אַרויסגערופן אַוורומען, זיי האָבן זיך דורכגע־רעדט, און לעסאָף האָט אַוורום באַקומען פון אַווימעלעכן שאָף און רינדער, קנעכט און דינסטן, ווי אויך אַ דערלויבעניש צו בלײַבן זיצן אין לאַנד, ווו ער וויל. אַוורום האָט טפילע געטאָן צו עלאָהימען, און אַווימעלעך, זײַן ווײַב און זײַנע דינסטן זײַנען אויסגעהיילט געוואָרן און האָבן געבאָרן.

ווײַטער קומט אַ דריטע ווערסיע מיטן זעלבן קיצלדיקן סוזשעט. נאָר דאָ גייט שוין אַ רייד וועגן ייִצכאָקן און זײַן ווײַב ריווקען. זי איז אויך אַ שיינע, און אַווימעלעך דער קיניג פון גראָר האָט זי גענומען צו זיך. ער איז אָבער געוואָר געוואָרן, אַז זי איז ייִצכאָקס אַ ווײַב, האָט ער באַפוילן, מע זאָל זיי ניט אָנרירן.

די דאָזיקע ווערסיע איז פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט זייער אַ שוואַכע: עס פעלן אין איר אייניקע סוזשעטישע רינגען. דערפאַר אָבער איז אין איר, אין כומעש, אַרײַנגעפלאָכטן יאַהוועס אַ ווענדונג צו ייִצכאָקן, ער זאָל ניט גיין קיין מיצרײַם, זאָל בלײַבן אין לאַנד, וואָרעם מיט דער צײַט וועט דאָס לאַנד געהערן זײַנע קינדער, און זיי וועלן זײַן אַזוי פיל, ווי די שטערן אין הימל, און אַלע פעלקער וועלן זיך

מיט זיי בענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז יאַהוועס ווענדונג האָבן דאָ אַרײַנגעשטעלט די שפּעטערדיקע רעדאַקטאָרן, און זי האָט קיין שום שײַכעס ניט צום טאָך פֿונעם סוזשעט.

לאָמיר פֿאַנאַנדערקלײַבן די דרײַ ווערסיעס און זען, וואָס איז אין זיי ריכטיק,ווירקלעך און וואָס ניט.

אַז אין אַ הונגער־צײַט האָבן מענטשן זיך געקאָנט לאָזן פֿון קנאַאַן קיין מיצראַיִם — איז זייער מעגלעך. אַז מיצרישע פֿירשטן זאָלן זייער הערשער באַזאָרגן מיט שיינע פֿרויען — אויך מעגלעך. אַז אַ מאַנצבל זאָל זײַן ווײַב אָנגעבן פֿאַר אַ שוועסטער און דערמיט זיך ראַטעווען פֿון טויט — קאָן אויך זײַן. ווי עס קאָן אויך זײַן, אַז פֿאַרעאָ האָט אַווראָמען „פֿאַר זײַן שוועסטער" געגעבן מאַטאָנעס. אָבער אַז צווישן די מאַטאָנעס זײַנען געווען אויך קעמלען — דאָס איז שוין ניט עמעס.

לויט די ביבלישע כעזשבוינעס, האָט אַווראָם געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט פֿאַר דער איצטיקער צײַט־רעכענונג. קעמלען האָט מען אָנגעהויבן צוגעווינען (דרעסירן) ערשט אין אַ זעקס הונדערט יאָר אַרום. איז ווי זשע האָט פֿאַרעאָ געקאָנט שענקען אַווראָמען קעמלען? ווײַטער. אינעם צווייטן כומעש („שמות" — שמויס, ו, ג) ווערט געזאָגט, אַז אין די צײַטן פֿון די פּאַטריאַרכן — אַווראָם, ייִצכאָק און יאַנקעוו — איז דער נאָמען „יאַהוועע" נאָך ניט געווען באַוווּסט. ער איז געוואָרן באַקאַנט ערשט אין מוישעס צײַטן, דאָס הייסט אין אַ פֿינף הונדערט יאָר אַרום נאָך אַווראָמען, אויב גלייבן דער ביבל. איז וויאַזוי זשע האָט דאָס דער מעכאַבער אָדער דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פֿון דער דאָזיקער געשיכטע געמאַכט יאַהוועען פֿאַר אַווראָמס אַ מיטצײַטלער?

דער טערעץ איז, וואָס די גאַנצע מײַסע וועגן אַווראָמען, ווי אויך אַ סאַך אַנדערע וועגן אים, איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין אַזאַ צײַט, ווען קעמלען זײַנען שוין געווען שטוביקע, דרעסירטע און ווען די אידיי, אַז יאַהוועע זאָל ווערן דער הויפּט־גאָט פֿאַר אַלע דעמלטיקע ייִדישע שוואָטים, האָט שוין געהאַט אַ געוויסע צאָל אָנהענגער, און אַ ריי שרײַבער און נעוויִים (אוראַלטע פֿריידיקער פֿון יוישער און פֿאָלקס־אייניקײַט) האָבן זי אַלץ מער און מער געהאַט פֿאַרשפּרייט.

לאָמיר נעמען די צווייטע ווערסיע. זי איז אין כומעש גרעסער פֿון דער ערשטער. אין איר זײַנען אַ ביסל געענדערט די נעמען פֿונעם מאַן און ווײַב. אין דער ערשטער הייסן זיי אַווראָם און סאָרײַ, אין דער צווייטער — אַוורהאָם און סאָראָ. כוץ דעם, איז דאָ דער גאַנצער דייַזאָגער ניט יאַהוועע, נאָר דער גאָט עלאָהים. דאָס איז, אַגעוו, דער עלאָהים, וואָס האָט, לויט דער ביבל, באַשאַפֿן די וועלט אין איינע זעקס טעג.

וואָס איז שײַעך דער ראָל, וואָס עלאָהים שפּילט דאָ, וועגן דעם וועלן מיר ניט ריידן, ווי מיר האָבן פֿריִער ניט גערעדט וועגן יאַהוועס ראָל. אין אַ סאָוועטישן זשורנאַל האָט ניט קיין זין צו ברײַען וועגן אַזעלכע זאַכן און אויסברענגען צײַט אָף צו דערווײַזן זייער אומרעאַלקײַט. לאָמיר בעסער באַטראַכטן די איבעריקע צדאָדים פֿון דער ווערסיע.

אַז אַ קייסער פֿון גראָר האָט זיך געקאָנט פֿאַרינטערעסירן מיט אַ פֿרוי — דאָס לייגט זיך אָפֿן סייכל. אַז אין כאָלעם האָט זיך אים באַוויזן אַ גאָט, וואָס האָט צו אים גערעדט, איז אויך מעגלעך. אין אַ כאָלעם שפּיגלען זיך דאָך מערסטנס אָפּ געוועזענע אײַנדרוקן און ראַיוינעס. אָפּט קומען זיי אין אַ ניט־געוועזענער קאָמבינאַציע, אַזוי אַז אין אַ כאָלעם קאָן אַלץ פֿאָרקומען. און ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אין דער ליטעראַטור, ביפּראַט אינעם טאַנאַך, פֿאַרנעמען כאַלוימעס אַן אָנגעזעען אָרט. און דאָך איז די גאַנצע מײַסע אַן אויסגעטראַכטע. גראָר איז געווען אַ שטאָט, וואָס האָט זיך געפֿונען אַ ביסל דאָרעמדיקער פֿון דער באַוווּסטער שטאָט אַזאָ (עזה; אין רוסיש: גאַזאַ) און האָט געהערט צו די פּלישטים. ווי ס'איז באַוווּסט פֿונעם טאַנאַך, האָט זייער גאָט געהייסן דאָגוין (דאַגאָן). הײַנט ווי קומט אוממעלעך, דער קייסער פֿון גראָר, צו זען אין כאָלעם גאָר דעם גאָט עלאָהים? דאָס איז ערשטנס. און צווייטנס: אַווראָם, ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, האָט געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט פֿאַר אונדזער צײַט־רעכענונג, די פּלישטים האָבן זיך באַזעצט אין קנאַאַן אין אַ פֿינף־זעקס הונדערט יאָר אַרום נאָך אַווראָמס טויט. הײַנט ווי קאָן מען צונויפֿפּאָרן אַווראָמען מיט אַ קייסער פֿון גראָר?

און צולעצט, וועגן דער דריטער ווערסיע. לויטן כומעש, איז אַווראָם אַלט געווען הונדערט יאָר, ווען ייִצכאָק איז געבאָרן געוואָרן. און דאָך זײַנען זיי ביידע געווען, ווי איר זעט, באַם זעלבן אווימעלעכן, וועלכער האָט געלעבט מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער פֿון זיי.

אַזעלכע „קלייניקײַטן", ווי די אָנגעוויזענע אַנאַכראָניזמען, האָבן, ווי װײַזט אויס, ניט זייער געאַרט די אַמאָליקע מעכאַבערים. זיי האָבן געוויס געהאַט פֿאַר זיך גאָר אַנדערע צילן: דער ציילנדיק אַן אינטריגירנדיקע מײַסע, האָט דער מעכאַבער פֿון דער ערשטער ווערסיע געשטרעבט צו באַרימט מאַכן דעם גאָט יאַהוועע; דער פֿאַרפֿאַסער פֿון דער צווייטער ווערסיע — דעם גאָט עלאָהים. און זיי ביידע, ווי אויך דער אווטאָר פֿון דער דריטער ווערסיע זײַנען אויסן געווען צו ווײַזן, אַז אַווראָם און ייִצכאָק זײַנען זייער כאָשעוו בײַ גאָט.

די אָנגעוויזענע אַנאַכראָניזמען האָבן, ווי עס שײַנט, גאַנץ ווייניק געקימערט אויך די שפּעטערדיקע רעדאַקטאָרן פֿון די כומאָשים. זיי האָבן דעריקער אַכטונג געגעבן, אַז וואָס מער מײַסעס זאָלן אין די ספֿאָרים זײַן וועגן יאַהוועע. דעריבער האָבן זיי זײַן נאָמען און זײַנע מײַסים אָפּט אַרײַנגעשריבן אַפֿילע אין די דערציילונגען, ווו עס גייט אַ רייד וועגן דעם גאָט עלאָהים. אַשטייגער, צום סאָף פֿון דער צווייטער ווערסיע האָבן זיי צוגעטשעפּעט פֿאָלגנדיקן זאַץ: „וואָרעם יאַהוועע האָט געהאַט פֿאַרשלאָסן אַלע מוטערטראַכטן פֿון אווימעלעכס הויז איבער סאָרען, אַוורהאָמס ווײַב" — אַ זאַץ, וואָס מע דאַרף אים אין טאָך האָבן, ווי אַ פֿינפֿטע ראָד

צום וואָגן. די רעדאַקטאָרן האָבן זיך אָפּט געמיט אויך צו פֿאַרקלענערן די אומגעהייערע צאָל סטירעס, וואָס זײַנען פֿאַראַן אין די טאַנאַכישע דערציילונגען, ביפּראַט אין די כומאָשים. לעמאָשל, דעם כילעק, וואָס איז דאָ אין די פֿאַרשיידענע ווערסיעס בא די נעמען פֿון אווראָמען און סאָרען, האָבן זיי געלייזט זייער פּאָשעט: ווען אווראָם איז אַלט געווען נײַן און נײַנציק יאָר, האָט זיך צו אים באַוויזן יאַהווע, אים צוגעזאָגט צו מאַכן אים פֿאַר א פֿאָטער פֿון א סאַך פֿעלקער, און דעריבער „זאָל דײַן נאָמען זײַן ניט אווראָם, נאָר אווראַהאָם". און שפּעטער א ביסל האָט עלאָהים (!) געזאָגט צו אווראַהאָמען: זאָלסט דײַן ווײַב רופֿן ניט סאָרײַ, נאָר סאָראָ.

זאָל זיך דער לייענער ניט כידעשן, וואָס איך רייד אזוי לאַנג וועגן די דרײַ ווערסיעס פֿונעם כומעש און שטעל זיך אָפּ אָף א ריי קלייניקײַטן. איך טו דאָס דערפֿאַר, ווײַל עס זײַנען נאָך אַלץ פֿאַראַן מענטשן, וואָס האָבן וועגן דעם טאַנאַך, ביפּראַט וועגן די כומאָשים, א ביז גאָר פֿאַרקריפּלטע פֿאָרשטעלונג און פֿאַרופֿן זיך צורמאָל אָף אַלע דאָרטיקע דערציילונגען, ווי אָף א היסטאָרישן קוואַל. איך באַמי זיך צו דערווײַזן, אַז אין די אָנגעוויזענע ווערסיעס זײַנען פֿאַראַן שרײַענדיקע פֿעלערן לעגאַבע דער ווירקלעכקײַט. אין דעם קינדערשן עלטער פֿון דער ליטעראַטור איז דאָס געווען א פֿאַרשפּרייטע דערשײַנונג. דערפֿון נעמט זיך, וואָס א סאַך וויכטיקע און ווירקלעכע געשעענישן פֿונעם אוראַלטן לעבן, וועגן וועלכע עס ווערט דערציילט אין א ריי טאַנאַכישע ספּאָרים, זײַנען אָפּט אזוי אויסגעמישט מיט לעגענדעס, פֿאַנטאַזיעס און כאַלוימעס, אַז א מענטשן, וואָס איז היסטאָריש ניט געשולט, איז ניט גרינג אָפּצוטיילן אין זיי די וואָרהײַט פֿון די אויסטראַכטענישן. מע דאַרף אָבער אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן א סאַך מענטשן, וואָס מיינען, אַז אין טאַנאַך איז אַלץ אויסגעטראַכט, אַז ער האָט א קנאַפּע דערקענטעניש־ווערט, און זײַנען אים שטאַרק מעוואַטל. א געוויסע ניהיליסטישע אומהיסטאָרישע באַציִונג צום טאַנאַך ווײַזט טיילווײַז אַרויס אויך דער אויטאָר פֿונעם רעצענזירטן היסטאָרישן ראָמאַן. וועגן דעם אָבער וועט גיין א רייד א ביסל ווײַטער. דערווײַל לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער גרונטיקער טעמע.

די באַציִונג צו וואָרהײַט און צו דיכטונג איז בא די שרײַבער פֿון די לעצטע יאָרהונדערטער גאָר אַן אַנדערע, איידער בא די מעכאַברים פֿון די אויבן געבראַכטע ווערסיעס. די נײַערע שרײַבער באַמיִען זיך צו באַקומען וואָס גענויערע ידיִעס וועגן זייערע טעמעס און צו זײַן וואָס וואָרהאַפֿטיקער באַם באַשרײַבן דעם מאַטעריאַל.

בא טאָלסטאָיען, אַשטייגער, איז וועגן דער מילכאָמע פֿון 1812 געווען אַן אָנגעשטאָפּטער אַלמער מיט ביכער, וועלכע דער גענויאַלער שרײַבער האָט זייער גענוי געהאַט שטודירט. טאָלסטאָי איז געווען נײַגעריק צו וויסן אַפֿילע, וואָס פֿאַרא העמט זײַנען געווען בא נאַפּאָלעאָנען און ווי פֿלעגט זיך קוטוזאָוו זעצן אין זאָטל.

פֿאַרן באַשרײַבן אינעם ראָמאַן „מילכאָמע און שאָלעם" די שלאַכטן אָפֿן באָראָדינער פֿעלד איז טאָלסטאָי אַהין געפֿאָרן מיט אַן אָפּיצער און האָט אַלזײַטיק באַטראַכט די אומגעגנט.

צווישן די מאַטעריאַלן, וואָס אַנאַטאָל פֿראַנס האָט גענוצט פֿאַר זײַן ראָמאַן „געטער זײַנען דאָרשטיק", איז פֿאַראַן אויך א העפֿט, וווּהין דער גרויסער ראָמאַניסט האָט געהאַט פֿאַרשריבן אַלע געשעענישן, וואָס זײַנען טאָג־אײַן, טאָג־אויס פֿאָרגעקומען פֿונעם ערשטן מאַרט 1793 ביזן 20 יול 1795.

ביז גאָר גענוי האָבן פֿאַר זייערע ווערק געקליבן ידיִעס באַלזאַק, פֿלאָבער, פּושקין און א סאַך אַנדערע. טשעכאָוו האָט פֿאַר זײַן אַרבעט וועגן סאַכאַלין זיך געלאָזט אַהין מיט דער פֿור, קעדיי אַלץ אַליין צו זען.

שאַליאַפּין, דער וועלט־באַרימטער זינגער, דערציילט, אַז באַם שטודירן „גאָדונאָוון" פֿון דער מוזיקאַלער זײַט האָט ער פֿאַרוואָלט צו באַקענען זיך מיט אים אויך היסטאָריש. האָט ער דורכגעלייענט פּושקינען, קאַראַמזינען, נאָר דאָס האָט אים נאָך אַלץ ניט באַפֿרידיקט, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים באַקענען מיטן באַרימטן היסטאָריקער קליוטשעווסקי. „דערנאָך, זאָגט שאַליאַפּין, פֿלעג איך זייער אָפּט זיך ניצן מיט זײַנע טיף באַלערנדיקע אייצעס און שמועסן".

קורץ, עכטע קינסטלער באַמיִען זיך צו שטודירן אַלזײַטיק דעם מאַטעריאַל, וועגן וועלכן זיי ריידן, אום אויסצומײַדן פֿעלערן און צו זײַן וואָס מער אָביעקטיוו און געטרײַ דער ווירקלעכקײַט. דערבײַ אָבער דערלויבן זיך קינסטלער אָפּט צו ענדערן די אָדער יענע פּראָטים פֿון זאַכן, מענטשן, נאַטור אָדער אַפֿילע צו אָפּערירן מיט אַלעגאָריעס, פּאַראַדיעס, גוזמעס און אַנדערע באַדינגלעכע מיטלען, וואָס העלפֿן אויסצודריקן וואָס קלאָרער און בוילעטער די אידייִיש־קינסטלערישע קאַוואָנעס.

דערמאָנט זיך, לעמאָשל, די פֿאַנטאַסטיש־קינסטלערישע קאָמפּאָנענטן אין „גוליווערס רײַזעס" פֿון דזשאָנאַטאַן סוויפֿט, אין „דעם פֿינגווינען־אינדזל" פֿון אַנאַטאָל פֿראַנס, אין פּערעצעס „באָנצע שווײַג". אָבער וואָס פֿאַרא וויכטיקע קאָנקרעטע אויספֿירן און באַדײַטנדיקע סאָציאַלע פּאַראַלגעמיינערונגען דרינגען אַרויס פֿון די דאָזיקע ווערק! וואָרעם אין יעסאָד פֿון זייער פֿאַנטאַסטיק, פֿון די אויסגעטראַכטע און אומנאַטירלעכע סיטואַציעס ליגן רעאַלע פֿאַרהעלטענישן, ווירקלעכע פֿאַקטן, לעבעדיקע מענטשן.

אָדער נעמט, לעמאָשל, די קינסטלערישע מיטלען, וואָס עס האָט אָנגעווענדט אין זײַן „מילכאָמע" פּערעץ מאַרקיש. צוגלײַך מיט א מענגע רעאַליסטישע בילדער, וואָס שילדערן זייער געטרײַ די וויכטיקסטע עטאַפּן פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע און א גרויסע צאָל פֿון אירע אָנטיילנעמער, האָט איר דאָרט אויך אזא פֿאַנטאַסטיש בילד, וואָס ווײַזט די קלעזמערשע קאַפּעלע אַרום דער גרוב און אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט זיך דיריזשירן געשטעלט מיט איר.

צי דאָס האָט דער קאַפּעלע זיך געדוכט נאָר
בלויז,
צי האָבן זי האַליוצינאַציעס געהאַלטן שוין אין
כּאַוועט, —
און פון איר האַרץ א ווינט איז וואָיענדיק
אַרויס:
געבראַכט אַהער, צום ריוו, איז אויך בעטהאָווען!

א קלעזמערשע קאַפּעלע בא דער גרוב האָט גע־קאָנט האָבן פאַרשיידענע האַליוצינאַציעס, אויך די דאַזיקע.

אַגעווו, אויך דער מעכאַבער פונעם טאַנאַכישן סייפער „איִיעוו" האָט באַם בויען דאָס ווערק געהאַט אָנגעווענדט אייניקע פאַנטאַסטישע עלע־מענטן. ער האָט געהאַלטן, ווײַזט אויס, אז אַף אזא אויפן וועט אייִעוו זײַן פּאַסיקער אַרויס־צוברענגען זײַנע אַפּיקאָרסישע געדאַנקען וועגן גאָט, זײַנע פּראָטעסטן קעגן דער אומגערעכטי־קייַט, וואָס הערשט אין דער געזעלשאַפט, זײַנע אַרגומענטן קעגן דער אילוזיע פון טכ׳עס־הא־מייסים אאַ.

פאַרשטייט זיך, אז ווען אן אויטאָר א רעאַ־ליסט נעמט זיך פאַר א קאָנקרעט־היסטאָרישער טעמע, פאַרלאָזט ער זיך ניט אַפן זיקאָרן אָדער אַף האַשאָרעס און באַמיט זיך צו קאָנטראָלירן אַלע פּראַטים, וועלכע ער האָט בעדייע אײַנצו־שליסן אינעם ווערק. אויב ער פאַרלאָזט זיך צופּיל אַף זײַן געדעכעניש, קאָן דאָס אים אַמאָל ברענגען שאָדן. אַשטייגער אין מאַרקישעס „מילכאָמע" פיגורירט א שטאָט „גראַנאַטאָפּ" און אפילע א „גראַנאַטאָפּער ריכטונג". זוכט ניט די שטאָט אַף דער קאַרטע אָדער אין א רעשימע פון שטעט: ס׳איז אן אויסגעטראַכטער נאָמען, וואָס איז אַנטשטאַנען אויס נויט. בא מאַרקישן איז לעכאַטכילע געווען „קאָנאָטאָפּ" — א נאָמען פון א ווירקלעכער שטאָט אין טשערניגאָווער געגנט. דער קלאַנגען־באַשטאַנד פונעם דאָזיקן נאָמען איז פאַר מאַרקישעס פאַרטראַכטן געווען זייער פּאַסיק, און ער האָט אַף אים געבויט אין פאַרשיידענע ערטער פון דער פּאָעמע הונדער־טער פּערזן. דער רעדאַקטאָר פון דער פּאָעמע האָט אָבער אײַנגעפונען, אז די אין דער פּאָע־מע באַשריבענע געשעענישן, ביכלאַל גאַנץ ווירקלעכע און טיפּישע, שטימען ניט מיט די פאַרגעקומענע אין קאָנאָטאָפּ. דאָס איז פאַרן דיכטער געווען אן אומגעריכטער קלאַפּ. אָפּצו־זאָגן זיך פון די דאָזיקע הונדערטער פערזן איז געווען ניט שײַעך: מיט זיי זײַנען געווען גע־בונדן א סאַך סוזשעטישע ליניעס פונעם ווערק, א ריי וויכטיקע אַקציעס און געשטאַלטן. קעדיי צו ראַטעווען די פערזן, האָט מען געמוזט „קאָ־נאָטאָפּ" פאַרבײַטן מיט אן אַנדער וואָרט, וואָס זאָל אָבער קלאַנגלעך זײַן צו דעם ענלעך. אַזוי־אַרום איז אַנטשטאַנען דער נאָמען „גראַנאַטאָפּ".

פון די אַלע געבראַכטע פאַקטן לאָזט זיך, דוכט מיר, מאַכן אן אויספיר אויך בענעגייע א היסטאָרישן ראָמאַן. ער קאָן האָבן די פאָרמעס, די סטרוקטורן, וואָס א ראָמאַן האָט ביכלאַל, און אַנטהאַלטן אַלערליי פּערסאָנאַזשן און סיטואַ־ציעס, אָבער די היסטאָרישע פיגורן, וואָס ווערן דאָרט געגעבן, זייערע ערטער און יאָרן, ווי אויך א ריי געשעענישן דאַרפן אומבאַדינגט אַנט־שפּרעכן דער היסטאָרישער ווירקלעכקײַט.

דער כּאַוועד זאַבאַרע שטעלט זיך אַפּאָנעם פאַר זײַנע אויפגאַבן א ביסל אַנדערש און דער־לויבט זיך דעריבער צו טאָן אַזוינס, וואָס, לויט מיר נאָך, טאָר ביכלאַל ניט געטאָן ווערן, בײַפּ־ראַט אין א היסטאָרישן ראָמאַן.

איך האָב אין זינען אזא פּאַל, ווי דאָס אָנ־געבן (ראַבי מעיִרס ווײַב) ברוריע פאַר ראַבי גאַמ־ליִעלס א שוועסטער; ווי אויך דאָס ריידן סטאַם וועגן ראַבי גאַמליִעלן, ווען ס׳איז גוט באַוווסט, אז עס זײַנען געווען עטלעכע ראַבי גאַמליִעלס. איך האָב אין זינען די אַלע אומפּינקטלעכקײַטן, וועגן וועלכע ס׳איז שוין געווען אָנגעוויזן אין מײַן אַרטיקל, ווי אויך א ריי אַנדערע, וועגן וועלכע עס וועט גיין א רייד ווײַטער. דערווײַל לאָמיר זיך דורכשמועסן וועגן קאָנקרעטקײַט — אויך א וויכטיקע פּראָבלעם פאַר א ווערק.

11. קאָנקרעטקײַט און פּינקטלעכקײַט

אין מײַן רעצענזיע איז שוין געווען אָנגע־וויזן, אז דער כּאַוועד זאַבאַרע איז אָפט ניט גענוג קאָנקרעט, וואָרעם אזא זאַץ, ווי „איך האָב געזען בא אים דעם באַלכיס אַפּיקאָרסישע שײַלעס", גיט ניט קיין פאָרשטעלונג וועגן דעם באַלכי. ווען דאָ וואָלט אָבער געווען „כיווי הא־באַלכיס", האָב איך געזאָגט, און מע וואָלט נאָך געגעבן צו וויסן, „ווען און ווו כיווי האָט גע־לעבט און וואָס האָט ער אויפגעטאָן, וואָלט דער גאַנצער זאַץ באַקומען א גאָר אַנדערן אָפּקלאַנג באַם לייענער". דער כ׳ זאַבאַרע האַלט, אז איך בין ניט קאָנקרעט. וואָרעם איך גיב אייצעס און רייד ניט וועגן דעם, וואָס ס׳איז דאָ אין בוך. איז זאָל דער לייענער מישפּעטן, ווער פון אונדז איז קאָנקרעט און ווער ניט.

איך האָב אויך געהאַט אָנגעוויזן, אז עס וואָלט קעדײַ געווען געבן דעם לייענער צו וויסן, אין וואָס פאַר א שפּראַך איז געווען פאַר־פאַסט דער „מורה נבוכים", ווער איז דער אויר־טאָר און ווער האָט זיך געהאַט פאַרנומען מיט דער איבערזעצונג. איך האָב אויך געהאַלטן, אז דער לייענער מעג וויסן, ווו און ווען איז געווען די גאָלדענע טקופע, וואָס ווערט דער־מאָנט אינעם ראָמאַן; ווי אויך, פונוואַנען האָבן זיך גענומען די קאַראַימער, וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָרט, און וואָס שטעלן זיי מיט זיך פאָר. דער כ׳ זאַבאַרע האַלט אַפּאָנעם די אַלע אָנווײַזונגען פאַר ניט קיין קאָנקרעטע און ענט־פערט אַף זיי ניט.

איך האָב אויך געהאַט צוגעגעבן, אז אינעם ראָמאַן ווערן טײַלמאָל אָנגערופן שרײַבער און ווערק, וואָס גיבן קימאַט גאָרנישט צו ניט דעם בעלעטריסטישן טייל פונעם בוך און ניט דעם היסטאָרישן. און גלײַכצײַטיק ווערן אָפּטמאָל

פאַרשוויגן גאַנץ וויכטיקע מאָמענטן, אָדער עס ווערט וועגן זיי געזאָגט מיט א האַלב מויל, אָדער דער אווטאָר קלערט זיי ניט ריכטיק אויף. דער כ׳ זאבארע פאַרשוויַיגט אויך די דאָזיקע טײַנעס מײַנע.

איך דערמאָן דאָס אַלץ ניט פון פאַרגעניגן וועגן און ניט סטאם צוליב פּאָלעמיק, נאָר אין די אינטערעסן פונעם ראָמאַן, וועלכן איך האַלט פאַר א יעש און פאַר וועלכן איך שלאָג זיך מיטן אווטאָר.

דער כ׳ זאבארע איז מאַסקים: „ס׳טאָר ניט זײַן איין מאָל מויל־אייזל און דאָס צווייטע מאָל גלאַט אייזל”. פאַרוואָס זשע ווערט דער דאָזיקער פעלער איבערגעכאַזערט אויך אינעם צווייטן בוך פונעם ראָמאַן?

דער כ׳ זאבארע איז „לאַכלוטן מאַסקים, אַז ס׳דאַרף זײַן איבן־טיבאָן אָנשטאָט איבן־טיבן”. פאַרוואָס זשע קומט אינעם צווייטן בוך אפּסנײַ איבן־טיבן און ניט איבן־טיבאָן?

דער כ׳ זאבארע האַלט, אַז א פרעמדער „פּאַנאַנדערשטעל פון די ווערטער, וואָס איז ניט אייגנטימלעך פאַר ייִדיש, איז נאָך א גרעסערע זינד”. פאַרוואָס זשע האָבן מיר אינעם צווייטן בוך אַזאַ פראַזע, ווי „אונדזער האַר בײַ דער פּייסעכדיקער סודע האָט צעטיילט זײַן ברויט די טאַלמידים”?

איך ווייס, אַז ס׳איז צופעליק. איר האָט פּאַשעט ניט באַמערקט, כאַווער זאבארע, אַז איר האָט דאָ געגעבן ניט קיין ייִדישן ווערטער־סיידער. ווי ס׳איז צופעליק דער זאַץ „דעם ייִנגל פאַרנאַרט צו זיך א יונגערמאַן”. איר ווייסט, אַז דאָ דאַרף זײַן „דאָס ייִנגל”. איר האָט אָבער מוירע געהאַט, אַז מע וועט ניט וויסן, ווער־וועמען, זײַט איר אַוועק אַפן לײַכטסטן וועג און האָט פאַרגוואַלדיקט אונדזער גראַמאַטיק.

איר ווילט זײַן אָריגינעל, טראַכט איר אויס נעמען פאַר אײַערע פּערסאָנאַזשן — נעמען, וואָס אַפילע די „האַפּטוירע” ווייסט פון זיי ניט. אָט האָט זיך אינעם צווייטן בוך באַוויזן א מומע זומרע. האָט איר ווען־ניט־איז געהערט אַזאַ נאָמען? די ייִדישע מומעס, סײַ די אַשקענאַזישע און סײַ די ספאַרדישע, טראָגן הונדערטער נעמען, פון כאַוועס צײַטן אָן, און איר דאַרפט האָבן דאַפקע א זומרע! איר וואָלט כאָטש געזאָגט „זימרע” — קלינגט עס, ווי א העברעיִש און אַראַמיש וואָרט, אָבער „זומרע” — וואָס איז עס אַזוינס?

איר גייט אין אײַער צווייטן בוך א ריי בילדער, געשטאַלטן פון דער קאַטוילישֿ־קירכלעכער וועלט, און ס׳איז נאַטירלעך, וואָס איר ניצט דערבײַ א צאָל טערמינען פון יענער וועלט. אָבער פאַרוואָס דערקלערט איר זיי ניט? שוין זשע ווייסט איר ניט, אַז א ייִדישער לייענער איז זייער ווײַט פון די דאָזיקע טערמינען? און עפּשער איז גאָר ניט נייטיק צו געבן אַזאַ סאַך, ווי ס׳איז אויך ניט נייטיק דער איבערפלוס פון אַלערליי אַנדערע נעמען.

איר שרײַבט א היסטאָרישן ראָמאַן און דערלאָזט צומאָל מאָדנע היסטאָרישע טאָעסן. יויעל אַשטייגער האַלט, אַז „נאָך זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָט מען בײַ ייִדן אַכטונג געגעבן, אַז דער פאַמיליען־קנופּ זאָל זײַן א פעסטער, א זיכערער אַף שטענדיק. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען דעם כיירעם דעראַביינו גיירשוים, וואָס איז דערקלערט געוואָרן מיט קאַרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק”.

ווי ס׳איז באַוווּסט פונעם טאַנאַך, פון דער טאַלמודישער ליטעראַטור און פון אַנדערע קוועלן, איז בײַ ייִדן, ווי בײַ אַנדערע פעלקער, פון קאַדמוינים אָן געווען פאַרשפּרייט דער מינהעג פון פּאָליגאַמיע, פּילוּויַיבערײַ. אַרום טויזנטסטן יאָר פון אונדזער צײַט האָט מען לויט דער איניציִאַטיוו פונעם אָנגעזעענעם דײַטשישן ראָוו גערשאָם, אָדער גיירשוים (960—1040), געהאַט פאַרבאָטן פּאָליגאַמיע. דער פאַרבאָט, וואָס טראָגט דעם נאָמען „כיירעם דעראַביינו גיירשוים”, איז געווען אָנגענומען אונטערן אײַנפלוס פון דער אַרומיקער קריסטלעכער וועלט, ווו פּאָליגאַמיע איז שוין לאַנג געווען פאַרווערט. אָבער אויך נאָכן כיירעם האָט מען אין פאַרשיידענע ייִדישע סוויוועס נאָך א היפּשע צײַט ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיטן אַלטן מינהעג. בײַ א טייל ייִדן פון די אַראַבישע לענדער גייט פּאָליגאַמיע נאָך אַדהײַעם אָן.

כוץ דעם איז גוט באַוווּסט, אַז אין די אוראַלטע צײַטן איז בײַ ייִדן שטאַרק פאַרשפּרייט געווען בלוט־שאַנד (גלוי עריות — גילויי־אַראָיויס) — כאַסענעס צווישן גאָר נאָענטע קרויווים. אַווראָם־אָווינו אַשטייגער און זײַן ווײַב סאָרע זיינען, לויט דער ביבל, געווען א ברודער און א שוועסטער; ניט פון איין מאַמען, אָבער פון איין טאַטן. מיט דער צײַט האָט מען אָנגעהויבן פאַרווערן כאַסענע צו האָבן מיטן טאַטנס א ווײַב, מיט א שוועסטער אָדער מיט א שטיפשוועסטער, מיט דער שוויגער. שפּעטער זײַנען צוגעקומען נאָך א סאַך פאַרבאָטן. אַזוי אַז יויעלס געדאַנק וועגן א פעסטן פאַמיליען־קנופּ בײַ ייִדן, „זינט די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן”, — האָט לאַכלוטן קיין שום באָדן.

און ווי קאָן דאָס יויעל, דער געבילדעטער יויעל, גאָר קלערן, אַז ייִדן זײַנען אויפגעקומען איינצײַטיק מיטן וועלטבאַשאַף, דאַן ווען אַפילע די נאַיִווע מעכאַברים פון כומעש, וועלכע האָבן געלעבט מיט א פּאָר טויזנט יאָר פאַר יויעלן, האָבן פאַרשטאַנען, אַז ביז אַווראָמען, דעם ערשטן ייִדן, האָבן שוין עקזיסטירט א סאַך פאַרשיידענע פעלקער! און ווי קאָן דאָס דעם געבילדעטן יויעלן גאָר אַרויף אַפן זינען דער געדאַנק, אַז איינצײַטיק מיטן וועלטבאַשאַף איז אַנטשטאַנען א נאָרמאַל פאַמיליען־לעבן, א פעסטער פאַמיליען־קנופּ!

האַקלאַל, איר האָט זיך א ביסל צוגעײַלט, כאַווער זאבארע, און האָט דעם גאַנצן איניען ניט דורכגעטראַכט. דעריבער האָט דער לייענער צו אײַך טײַנעס.

און עפּשער שטאַמען אײַערע טאָעסן פון וועלן צופּוצן די ייִדישע געשיכטע? געשיכטע

אָבער טאָר מען ניט פּוצן, ניט פאַרשוואַרצן און ניט פאַרווײַסן. געשיכטע האָט צו טאָן מיט ווירקלעכע און וויכטיקע געשעענישן. דאָס וואָרט „געשיכטע" נעמט זיך טאַקע פונעם וואָרט „געשען" (געשעהען). אײַך דוכט זיך, כאָווער זאַבאַרע, אַז אין אַ היסטאָרישן ראָמאַן קאָן מען זאָגן, וואָס מע וויל און ווי מע וויל. ס'איז אָבער אַ טאָעס, פון וועלכן עס נעמען זיך טאַקע אײַערע בלאָנדזשענישן און וואַקלונגען. דערמאָנט זיך, אַשטייגער, וואָס איר זאָגט מיט אוריס מויל אינעם ערשטן בוך וועגן די קאַראַימער: „זיי זײַנען געבליבן שטיין באַם טאַנאַך... זיי זײַנען געגליכן צו די, וואָס באַנוגענען זיך מיט די נאָך גרינערהייט אָפּגעריסענע, ניט קיין צײַטיקע פּיירעס..." („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 10, 1972, ז. 46).

געפעלט אײַך די אַנאַלאָגיע? און ווי קאָן אײַער גרויסער קענער אורי גאָר קומען צו טראַכטן אַזוי וועגן דעם טאַנאַך? שוין הונדערטער יאָרן, ווי די קולטורעלע וועלט טראָגט זיך אום מיטן דאָזיקן סייפער. ער איז איבערגעזעצט אָף דער גרעסטער צאָל שפּראַכן, וועגן אים זײַנען אָנגעשריבן טויזנטער ביכער. און ווער וועט זיך דאָס אונטערנעמען אָנצורופן די אומגעהייערע מאַסע ווערק, וואָס זײַנען אין פאַרשיידענע געביטן פון קונסט און וויסן געשאַפן אונטערן אײַנפלוס פון דער ביבל? עמעס, זי איז אויך אַ געוועזער אין די הענט פון די ייִדישע און קריסטלעכע פינצטערלינגען, וועלכע ניצן זי אויס, קעדיי צו פאַרטעמפּן די מויכעס פון מיליאָנען מענטשן. אָבער דאָס איז שוין ניט איר שולד. אין די הענט פון פּראָגרעסיווע קולטור־טוער איז די ביבל אַ קוואַל פון וויסן און פון גרויסער האַנאָע. דערמאָנט זיך, וואָס עס קאָנען פון איר שעפּן קריטיש דענקענדיקע עטנאָגראַפן, סאָציאָלאָגן, היסטאָריקער, ליטעראַטור־פאָרשער, שפּראַכלער, אַרכעאָלאָגן און סטאַם לייענער. ווען אַ הײַנטיקער אַרכעאָלאָג נעמט זיך פאָרשן די געגנטן פונעם נאָענטן מיזרעך, וועט ער דען ניט אַרײַנקוקן אין דער ביבל?! זעט אַשטייגער, וואָס עס שרײַבט וועגן דעם ע. צערען אין זײַן בוך „די ביבלישע היגעל" (אין רוסיש: „ביבלייסקיִע כאָלמי"). הײַנט וואָס פאַר אַן אוצער איז די ביבל פאַר קינסטלער פון אַלערליי געביטן און זשאַנרען! און אַפילע אינעם קאַמף קעגן די אַבסקוראַנטן איז זי דאָך אויך דאָס בעסטע מיטל אָף אויפצודעקן זייערע פאַלשע באַהויפּטונגען וועגן רעליגיע און זייערע אַמהאַראַצישע אויסטראַכטענישן מיקויעך דער ביבל גופע.

נאַטירלעך, אַז איך קאָן דאָ ניט באַגרינדן מײַנע געדאַנקען וועגן דער ראָל פונעם זעלטענעם סייפער אין דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער גײַסטיקער קולטור און בִּיפּראַט פון אונדזער ייִדישן שאַפן. איך מיין אָבער, אַז אַפילע פון דִי עטלעכע מאָגערע שורעס מײַנע איז צו זען, אַז אורי און זײַן „טאַטע" זײַנען ביז גאָר אומגערעכט אין זייער אויבן געבראַכטן באַשייד.

III. מיקויעך אַפּאַטאָשוס און פּערעצעס דערפאַרונג

ערשטנס, וועגן דעם פאַרגלײַך מיט אַפּאַטאָשוס „אַ טאָג אין רעגענסבורג", ווו ס'איז דאָ אַן איבערפלוס פון אַלטייִדיש. „פּונקט אַזוי, — זאָגט זאַבאַרע, — קאָן איך מיט מײַנע געשטאַלטן ניט אויסקומען אָן „טאַרומעס" אָפּן אָרט פון „פאַריבל", „טאַכבולעס" בימקוים „מיטלען" און אָן אַפילע דעם „יונה הומיה" אָדער דעם „עולל יונק". זאַבאַרע מיינט אַפּאַנעם, אַז זײַנע געשטאַלטן, די ספּאַרדישע ייִדן, האָבן גערעדט העברעיִש. ער פאַרגעסט, אַז זיי האָבן געשאַפן און געניצט זייערס אַ לאָשן — לאַדינאָ, וואָס איז אויפגעקומען אָף דער באַזע פון שפּאַניש־פּאָרטוגעזישע דיִאַלעקטן מיט אַ היפּשן צומיש פון העברעיִש. ווען זאַבאַרע וואָלט אין די מײַלער פון זײַנע ספּאַרדישע ייִדן אַרײַנגעטאָן אַלטשפּאַנישע אויסדרוקן, וואָלט דער פאַרגלײַך מיט אַפּאַטאָשון עפּשער געהאַט אַ שטיקל זין. ווען אָבער אָנשטאָט אַלטשפּאַניש הערן מיר פון זײַנע געשטאַלטן אויסטערלישע העברעיִשע בוך־אויסדרוקן, איז די אַנאַלאָגיע מיטן אווטאָר פון „אַ טאָג אין רעגענסבורג" לאַכלוטן אָן אַ טאַם.

זאַבאַרע האַלט, אַז מיט זײַנע געשטאַלטן קאָן ער ניט אויסקומען אָן דעם וואָרט „טאַכבולעס" בימקוים „מיטלען". איז לאָמיר טאַקע אַ קוק טאָן, ווער פון זײַנע געשטאַלטן ניצט דאָס דאָזיקע וואָרט: „די סכוירע און דער אייגנטימער מיט זײַנע מענטשן דאַרפן אָפּגעהיט ווערן ניט נאָר פון גאַזלאָנים..., נאָר אויך פון אַלע גוטבאַזיצער, קליינע פּעאָדאַלן... אייניקע פון זיי צעשטערן בעקיוון די וועגן... זוכן קאָלערליי טאַכבולעס, ס'זאָל צעבראָכן ווערן אַן אַקס..., אַבי נאָר די סכוירע זאָל אַרויספאַלן פונעם וואָגן..." („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 10, 1972, ז. 48). די דאָזיקע ווערטער קאָן מען אופנעמען אָדער ווי שעמטאָווס טראַכטעניש אָדער ווי דעם אווטאָרס אַ באַשרײַבונג. אין ביידע פאַלן „זוכן קאָלערליי טאַכבולעס" די קליינע פּעאָדאַלן — ניט קיין ייִדן. דעריבער איז, דאַכט זיך, קלאָר, אַז דאָס וואָרט „מיטלען", ווי אַ „נייטראַל" וואָרט, איז פאַר זיי מער צוגעפּאַסט, איידער דאָס לאָמדישע „טאַכבולעס". זאַבאַרע אָבער באַמיט זיך דאָ, ווי אין אַ סאַך אַנדערע פאַלן, צו געבן ניט דאָס פּאַסיקסטע וואָרט, נאָר דאָס אויסטערלישע און דאָס ווייניקער צוגענגלעכע, דעריבער אַפּאָנעם איז פאַר אים „טאַכבולעס" מער סכוירע, איידער „מיטלען".

די דאָזיקע ליניע זעצט זאַבאַרע פאָר, צום באַדויערן, אויך אינעם צווייטן בוך פונעם ראָמאַן (איך רייד דערווײַל וועגן דעם טייל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 9, 1973). איר האָט דאָרט אַ היפּשע צאָל ווערטער, וואָס אין ייִדיש ניצט מען ניט. לעמאָשל: „כידעס", „שעסי־ווערעוו", „סודאַס צאַהאַראַיִם", „אַרוכאַס האַבויקער" און אַ סאַך אַנדערע. אין דער ערשטער געדרוקטער אויסגאַבע

פונעם „מלכים־בוך" (מעלאָכים־בוך, אויגסבורג, 1543) האָט איר דאָס וואָרט „רעטענישן", און זאַבאַרען ווילט זיך דאַפקע „כידעס". ייִדן זאָגן „א ציילעם", און זאַבאַרען כאַלעשט זיך „שעסי־וועערעוו". „סודאָס צאַהאָראַיִם" און „ארוכאָס האַבויקער" זײַנען אים מער צום הארצן, איידער די פּאָשעטע, באַקאַנטע, אַלפּאָלקישע „מיטיק" און „פרישטיק".

עמעס, זאַבאַרע פאַרטײַטשט א ריי ווערטער, און דער לייענער מוז נעבעך אָפּט איבערײַסן דאָס לייענען און זוכן די געהעריקע פוסנאָטעס, וואָס דערקלערן די האַרבע ווערטער. און ווי, מיינט איר, דאַרף ער זיך באַציִען צו אַן אווטאָר, וואָס ניצט די אויבן אָנגעוויזענע אויסטערלישקײַטן אָדער אַזעלכע, ווי „קויפרים", „אַצילים", „אַנשי ציד", ווען מע האָט זיך געקאָנט באַגיין מיט די באַקאַנטע ווערטער „אַפּיקאָרסים", „אַריסטאָקראַטן", „יעגערס" און ניט דאַרפן אָנקומען צו טײַטשן. אָפּט אָבער איז נאָך ערגער: זאַבאַרע פאַרגעסט צו דערקלערן זײַן איוורע, און דער לייענער דאַרף זיך ברעכן דעם קאָפּ, וואָס באַטײַטן די ווערטער „מעצויראָיִם", „קוימער", „נוצרי", „קעסעף" אא. און וואָס, מיינט איר, באַטײַטן זיי? גאַנץ פּאָשעטע זאַכן: קרעציקע, גאַלעך, קריסט, געלט.

פאַרוואָס זשע מײַדט אונדזער אווטאָר אויס די דאָזיקע ייִדישע ווערטער און יאָגט זיך נאָך האַרבע און אומבאַקאַנטע העברעיִזמען? מיסטאַמע דערפאַר, וואָס ער האָט פאַר זײַן טעמע געשעפּט מאַטעריאַל דעריקער פון העברעיִשע קוועלן. מיסטאַמע אויך דערפאַר, וואָס ער פאַרגעסט אָפּט, ווער זײַנע געשטאַלטן זײַנען, און לייגט אין זייערע מײַלער און אויערן אַרײַן העברעיִזמען. און עפּשער אויך דערפאַר, וואָס אים דוכט זיך, אַז אומבאַקאַנטע לאָשנקוידעשדיקע ווערטער זײַנען א צירונג פאַר א ווערק, מאַכן עס יאָמטעוודיקער, נעשאָמע־יעסיירעדיקער. און אַוואַדע און אַוואַדע אויך דערפאַר, וואָס ער טראַכט ווייניק וועגן דעם לייענער.

וועהאָרײַע:

דער בריט מיכאָיִל סקאָט און יויעל אַמפּערן זיך „איבער כאָכמאַס האַהיגאָיען" (אין א פוסנאָטע: „לאָגיק").

„דער הערצאָג איז אָפּט עפּעס טויעם פון טאַנכומס מאַאַדאַנים" (אין א פוסנאָטע: „אײַדעלע עסנס").

„וועטוריע (א קריסטן. — ע. פּ.)... האָט באַקומען א היפּש ביסל וויסן אין כאָכמאַס האַרעפּוע, דערהויפּט אין רעפוּעס נאָשים".

נאָך מעשונעדיקער איז דער העברעיִשער זאַץ אין פאָלגנדיקן פראַגמענט:

„ווען די רוימישע לעגיאָנען האָבן זיך דערנעענטערט צו יערושאָלאַיִם... האָט דער גרײַזגרויער זאַקן (יויכענען בען זאַקײַ. — ע. פּ.) זיך געלאָזט אַנטאָן אין טאַכריכים, און ווי א מעס, ליגנדיק אין אַן אָרן, האָבן אים זײַנע טאַלמידים אַרויסגענאַרט פון דער באַלאַגערונג און געבראַכט צום רוימישן קריגספירער וועספּאַסיאַנוס, בא וועמען ער האָט געבעטן:

— תן לי יבנה וחכמה! (וחכמיה. — ע. פּ.) גיב מיר די קליינע שטאָט יאַוונע מיט אירע געלערנטע" (1973, נומ. 9, 48).

דער מעשונע־מאָדנער געדאַנק, אַז יויכענען בען זאַקײַ זאָל צום רוימישן קריגספירער זיך ווענדן אין העברעיִש, האָט, ווײַזט אויס, אַזוי פאַרכאַפּט דעם אווטאָר, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי שלעכט ער האָט די פראַזע געבויט: די ווערטער „ליגנדיק אין אַן אָרן" געהערן אַלפּי סייכל צום „מעס", אָבער גראַמאַטיש ציִען זיי דאָך צו „זײַנע טאַלמידים".

אַגעוו, פאַרוואָס הײסט דֶער אָנגעוויזענער קריגספירער „וועספּאַסיאָנוס"? אַף וועלכער שפּראַך איז דאָס? אין דער טאַלמודישער ליטעראַטור איז זײַן נאָמען „אַספּסינוס" (עספּאַסיאַנאָס), אין רוסיש — „וועספּאַסיאַן". ייִדן רופן אים „עספּאַסיאָנוס". הײַנט צו וואָס דאַרף מען דאָ נאָך האָבן אַזאַ אַנדרויגענעס, ווי „וועספּאַסיאָנוס"?

יאָגנדיק זיך נאָך העברעיִשער שמינקע, פאַרגעסט זאַבאַרע צומאָל ניט בלויז דעם סטיל פון זײַנע געשטאַלטן, נאָר אָפּטלעך אויך דעם אויסלייג פון די העברעיִזמען. איך האָב שוין וועגן דעם געשריבן און דערמאָן ווידער. אָט זײַנען עטלעכע בײַשפּילן פונעם צווייטן בוך: „כרוז" — אופרוף. אין ייִדיש דאַרף זײַן „קרוז", ווי עס קלינגט אין העברעיִש. דאָס וואָרט „נוגש" — באַצווינגער — דאַרף מען אין ייִדיש אויסלייגן „נויגעס", ווי עס קלינגט אין העברעיִש, „מעיִף" איז א בעפיירעשער גרײַז: א פּאַראַגראַף איז אין העברעיִש „סעיִף". אַן אויסגעלאָסענע פרוי איז ניט „סוטע", נאָר „סוטה" (סויטאָ), אין ייִדיש — „סויטע". „כבדהו וחשדהו" שרײַבט מען אָן יודן. אין סאָוועטישן אויסלייג איז ניט „קאַוודייהו", נאָר „קאַבדייהו". אין „קלאָסטער־פּאָנעם" דאַרף נאָכן „ל" זײַן אַן „א" — ניט קיין יודן. תהפוכות (טאַהאַפּוכויס) — איבערקערענישן — שרײַבט מען מיט א „כ", ניט מיט קיין „ח". אין „קאַלוואָכוימער" איז דער ערשטער טראַף ניט „קאָל", נאָר „קאַל".

אַוואַדע קומען אייניקע פעלערן פון דער מאַשיניסטקע, פונעם זעצער, אָבער, צום באַדויערן, אויך פונעם אווטאָרס פּען. דעריבער ווילט זיך מיר דאָ דערמאָנען עטלעכע ווערטער פון ראַבי מעיִרן (II יאָרה.): „אַז איך בין געקומען צו ראַבי ייִשמאָעלן זיך לערנען, האָט ער מיך געפרעגט, וואָס איז מײַן טועכץ. האָב איך אים געענטפערט: איך בין א סויפער: „זון מײַנער, — האָט ער מיר געזאָגט, — זײַ געהיט בא דער אַרבעט, וואָרעם דײַן אַרבעט איז א הייליקע (א געטלעכע). טאָמער פאַרפעלסטו אַן אָס אָדער גיסט צו אַן אָס — מאַכסטו כאָרעוו די גאַנצע וועלט".

פאַרשטייט זיך, אַז פאַרפעלטע אָדער איבעריקע אויסיעס אין זאַבאַרעס ראָמאַן מאַכן די וועלט ניט כאָרעוו, אָבער האַרצווייען פאַרשאַפן זיי, און א געוויסן שאָטן אַף אונדזער ליטעראַטור וואַרפן זיי.

פּאַרטייַדיקנדיק זייַן הארבע איוורע, ווייל זאַבאַרע זיך אָנשפּאַרן ניט בלויז אױף אַפּאַטאַשון, נאָר אויך אױף פּערעצן. „איך האָב, — זאָגט ער, — אין דער הינזיכט א גוטן רעבן — דעם גרויסן פּערעץ. ס'איז אלעמען באַקאַנט זייַן שפּראַך אין דער „וועבער־ליבע" און אין די דערציילונגען פונעם באַנד „כסידיש". דאָ ווייַזט אונדזער אוטאָר אפסנייַ, אז ער איז ניט קיין אופמערקזאַמער לייענער, אָדער עס האָט אים פאַרפירט דער זיקאָרן. אין „וועבער־ליבע" זייַנען העברעיִזמען ביז גאָר ווייניק. צווישן זיי קאָן מען עפשער אָפּזוכן עטלעכע אלטשטייגערישע ווערטער, אָבער קיין אויסטערלישע, ווי בא זאַבאַרען, וועט איר אין „וועבער־ליבע" ניט געפינען. אין די דערציילונגען פונעם באַנד „כסידיש" איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַראַן א היפּשע צאָל העברעיִשע אויסדרוקן, וועלכע זייַנען מער־ווייניקער אָרגאַניש פאַר דער טעמאַטיק, פאַר די געשטאַלטן פון די דערציילונגען און דינען פּערעצן צו אָנטפּלעקן זייַנע אידייִש־קינסטלערישע צילן. בא פּערעצן זייַנען די שווערע העברעיִשע אויסדרוקן ביכלאַל באַרעכטיקט, פילן אויס געוויסע שליכעסן, אָבער בא זאַבאַרען זייַנען זיי שטרויכל־שטיינער.

אז א שרייַבער וויל זיך לערנען בא פּערעצן, איז דאָס זייער אָנגעלייגט. פון פּערעצן איז דאָ וואָס צו שעפּן: געהויבענע ראַיוינעס, גרויסע מענטשנליבע, עכטע דעמאָקראַטישקייַט, נעשאָמע־יעסיירעדיקייַט, זעלבסטווירדע, אידייִשקייַט; הייַנט די אויסגעצייכנטע מייַסטערשאַפט פונעם קלאַסיקער, די דראַמאַטישקייַט פון זייַנע סוזשעטן, די שפּאָרעוודיקייַט פון די געמעלן, די געפּרעסטקייַט און ריטמישקייַט פונעם זאַץ. יאָ, בא פּערעצן דאַרף מען זיך לערנען, אָבער ניט נאָכמאַכן אים מעכאַניש. פּערעץ איז געווען אַן אומרויִקער גייַסט און אַן עמעסער פאָרשער. ער האָט ניט נאָר געפאָרשט — אויך עקספּערימענטירט, ביפראַט אין געביט פון לאַשן. אין די עקספּערימענטן איז ער טיילמאָל געווען צו עקסטרעם. ער האָט געקאָנט גאַנצע זייַטן געבן אָן קיינע העברעיִזמען, אפילע אָן פאָלקסטימלעכע, לעמאָשל אין „געדאַנקען איבער ליטעראַטור"; ווי אויך פאַרקערט: אָנזעטיקן א רייי זייַטלעך מיט אזא הארבער איוורע, אז א דורכשניטלעכער לייענער האָט זיך געדאַרפט מאַטערן.

איך קאָן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן גענויער אױף פּערעצעס שפּראַך, ביפראַט אז וועגן איר איז שוין אמאָל געווען א רייד אין „סאָוועטיש היימלאַנד" (1961, נומ. 2). אָבער פונעם געזאָגטן איז אויך גענוג קלאָר, אז מע דאַרף וויסן וואָס נעמען באַם „רעבן" און וואָס ניט. כוץ דעם דאַרף מען געדענקען, ווען פּערעץ האָט געשריבן און ווער עס האָט אים געלייענט. אָבער אין אונדזערע צייַטן אז א שרייַבער פּיקוועט אָן זייַנס א ווערק מיט הונדערטער שווערע אויסדרוקן, וואָס דרינגען לאַכלוטן ניט ארויס ניט פון דער טעמאַטיק, ניט פון דער שפּראַך פון די פּערסאָנאַזשן, נאָר זייַנען א רעזולטאַט פון א פּאַרפירערישער אידיי אָדער פון א שלעכט פאַרשטאַנענער אופגאַבע, — ווילט זיך דעם דאָזיקן שרייַבער זאָגן: וואָס טוט איר, טייַערער כאַווער, קוקט זיך ארום, צי האָט איר זיך ניט אראָפּגעשלאָגן פון וועג.

IV. וועגן טייַטשן און מאַניפּולירן

זאַבאַרע זאָגט, אז ער זעט ניט אייַן קיין באַלאַסט אין דער פאָלקסטימלעכער פראַזע: „ווער ס'זיצט בחיבוק ידים, מיט פאַרלייגטע הענט, האָט ניט אױף קיין מיכנסים, פּאַשעט אױף קיין פּלודערן". דערבייַ פאַררופט ער זיך אױף דער פּראַקטיק פונעם טייַטשכומעש, פון נאָכמען בראַצלעווערס „געשיכטעס", פון אונדזערע קלאַסיקער, וועלכע פלעגן אויך טייַטשן די ציִטירטע פּסוקים. דאָ קומט זאַבאַרע ווידער אָן צו א שלעכטן פאַרגלייַך. צי דאַרף א ייִדישער שרייַבער זייַן באַקאַנט מיטן טייַטשכומעש, מיט בראַצלעווערס מייַסעס און מיט א סאַך אנדערע אלט־ייִדישע טעקסטן? אוודע דאַרף ער זיי וויסן. ער וועט פון זיי שעפּן עפשער אויך אינטערעסאַנטע סוזשעטן, טשיקאַווע סיטואַציעס, טרעפלעכע אויסדרוקן. אָבער נאָכמאַכן זייער פּראַקטיק פון ציטירן און טייַטשן — דאָס ניט. קיין הייַנטצייַטיקער שרייַבער וועט עס ניט טאָן, ווי קיין מאָדערנער מאָלער וועט ניט מאַכן קיין איקאָנעס.

וואָס איז שייַך דער פּראַקטיק פון אונדזערע קלאַסיקער, דאַרף מען וויסן, וואָס איז קעדייַ נאָכצוטאָן און וואָס ניט. לאָמיר נעמען די בייַשפּילן, אױף וועלכע זאַבאַרע פאַררופט זיך: 1) בא מענדעלען: „כי מלאה הארץ חמס — די וועלט איז פול געוואָרן מיט רויב"; 2) בא שאָלעם־אלייכעמען: „ויהי לו בנים ובנות — און ער איז געווען א מעטופּל מיט קינדער"; 3) בא פּערעצן: „כל עצמותי תאמרנה — אינעם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען".

מענדעלעס זאַץ איז פון כומעש, שאָלעם־אלייכעמס — איז געמאַכט לויט א געוויסן טאַנאַכישן טראַפאַרעט; פּערעצעס — איז פון טיילים. די דאָזיקע קוועלן זייַנען דעם עלטערן דאָר לייענער גוט באַוווּסט געווען. מיט א ציִטאַט פון די דאָזיקע קוועלן, ווי אויך פון די טאַלמודישע מאַטעריאַלן, האָט אַן אוטאָר פאַרפעסטיקט זייַן געדאַנק. זי האָט אויך געדינט אלס אַן אָרנאַמענט אױף צו באַצירן די ארויסזאָגונג און, דעריקער, אלס א מיטל אױף ארויסצורופן באַם לייענער געהעריקע אסאָציִאַציעס, אַקטיוויזירן זייַן אופמערקזאַמקייַט און אַרייַנציִען אים אינעם שרייַבערס שעפערישן פּראָצעס. האָט דער לייענער דערזען לעמאָשל דעם זאַץ „כי מלאה הארץ חמס" (קי מאָלעאָ האָאָרעץ כאָמאָס), האָט ער זיך דערמאָנט די כומעש־מייַסעס וועגן מאַבל. שאָלעם־אלייכעמס

זאָץ האָט אים אופגעשטעלט אין זיקאָרן אָן א שיר געשיכטעס, וואָס הייבן זיך אין טאנאך אָן מיטן „ויהי״ (ווײַהי) — און ס׳איז געווען, ס׳איז געשען, ס׳איז פאָרגעקומען...

קורץ, די ציטאטן און זייערע טײַטשן, טיילמאָל פינקטלעכע און טיילמאָל פארשמעלערטע אָדער פארברייטערטע און צומאָל אפילע גאנץ ווײַטע פונעם אָריגינאל, אָבער ביז גאָר טרעפלעכע און וויכטיקע, ווי אָפט בא שאָלעם־אלייכעמען לעמאָשל, — זיי אלע האָבן בא די קלאסיקער געהאט באשטימטע פאָזיטיווע שליכעסן. אָבער וואָס פאר א פונקציע האָבן די ווערטער „בחיבוק ידים״ און „מיכנסים״ אין זאבארעס אויבן געבראכטער „פאָלקסטימלעכער״ פראזע? וואָס באשטעטיקן זיי, וואָס באפוצן זיי, וועלכע אסאָציאציעס וועקן זיי?

אגעוו, מיט וואָס איז די דאָזיקע פראזע א „פאָלקסטימלעכע״? מיט דעם, וואָס זי איז ניט גענוג צוגעגנגלעך? מיט דעם, וואָס זי איז אָן אָנגעשוואָלענע און האָט פוסטע ווערטער? באהיט זאָל מען זײַן פון אזא פאָלקסטימלעכקײַט!

פון דעם אלעם איז אָבער גאָר ניט געדרונגען, אז א הײַנטיקער שרײַבער דארף ווײַכן פון פסוקים, פון גלײַכווערטלעך און פון אלערליי אנדערע פארטיקע אויסדרוקן, אין וועלכע ס׳איז אָפגעזעצט די כאָכמע פון דוירעס אָדער דער שארפזין פון איצטיקע באגאבטע פערזענלעכקײַטן. מע דארף אָבער ניט פארגעסן, אז פסוקים, גלײַכווערטלעך און אלערליי אנדערע אפאָריזמען אנטהאלטן אין זיך אָפט ניט ווייניק פארעלטערטע, פעלערהאפטע פאָרשטעלונגען און סטאם נארישקײַטן, ווי לעמאָשל: „א מענטש דענקט, און גאָט לענקט״; אָדער: „גאָט שיקט צו די רעפוע פאר דער מאקע״; און א סאך אנדערע. דעריבער דארף מען ציטירן מיט קאָפ, זען, אז די ציטאט זאָל ניט פארפירן אין האָצעפלאָץ. און אויב ציטירן מיט קאָפ, קאָן מען צומאָל אין א פארעלטערטן זאָג ארײַנטאָן א פרישן אינהאלט. דער אויבן אָנגעוויזענער זאָץ „כל עצמותי תאמרנה״ (קאָל אצמויסײַ טוימארנאָ) איז פון א לויבגעזאנג צו גאָט, ווי די מערהײַט זאצן אין „טילים״, אָבער בא פערעצן, ווי מיר האָבן געזען, האָט ער גאָר אן אנדערן אָנלאָד. אפן דאָזיקן זאָץ האָט אויך ליב געהאט צו פארופן זיך אונדזער בארימטער פאָלקסארטיסט שלוימע מיכאָעלס, שמועסנדיק מיט שוישפילער וועגן דעם טאָך פון זייער מײַסטערשאפט.

פארשטענדלעך, אז אויב מע ברענגט א זאָץ אין העברעיִש, דארף מען אים ניט נאָר טײַטשן, נאָר אויך געבן די מעגלעכקײַט אים ריכטיק אויסצולייענען.

זאבארען דוכט זיך, אז „א שרײַבער האָט דאָס רעכט צו מאניפולירן מיט א פאָסעק וויאזוי ס׳איז אים נייטיק״. דערבײַ פארופט ער זיך אָף שאָלעם־אלייכעמען. ס׳איז א גראָבער טאָעס, כאווער זאבארע! שאָלעם־אלייכעם האָט געהאט אָפשײַ פאר א פאָסעק און פאר די קוועלן, פונוואנען ער האָט גענומען דעם פאָסעק, און האָט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט צו טאָן דאָס, וואָס איר. ער האָט קיין פסוקים ניט פאלסיפיצירט, ער האָט אין זיי ניט ארײַנגעשטעלט קיין אייגענע ווערטער, ער האָט זיי ניט איבערגעניצעוועט. ער האָט אָפט געשפילט מיט זיי, דעריקער מיט די טײַטשן, געשפילט ווירטואָזיש, גענ׳אל, צוליב זײַנע אידייִש־קינסטלערישע קאוואָנעס, צוליב זײַן הומאָר און סאטירע. שאָלעם־אלייכעם איז געווען אן עמעסער פאָלקספרײַנט, וואָס האָט געטראָגן א ליכטיקן שמייכל אין אונדזערע פארומערטע הײַזער, און איז איינצײַטיק געווען אויך אן אָפלאכער, אן אָפקראצער פון א סאך שלעכטס, דערבײַ אויך פון די טויגעניכצן, וואָס האָבן געהאלטן אין איין קײַען פסוקים און האָבן ניט געקאָנט אונטערשיידן א באָק פון א ציג. צוליב די אלע צוועקן האָט שאָלעם־אלייכעם אָנגעווענדט פארשיידענע מיטלען, דערין אויך פסוקים, טײַטשן — צומאָל קאָמישע און צומאָל ביז גאָר ערנסטע און ווײַטגייענדיקע, ווי בא טעוויען לעמאָשל.

שאָלעם־אלייכעם, זאָג איך ווידער, האָט גענוצט פסוקים, וואָס זײַנען געווען גוט באוווסט דעם אמאָליקן ייִדישן לייענער, אָבער איר, כאווער זאבארע, ציטירט אָפט אזוינס, וואָס איז דעם איצטיקן לייענער, אפילע פונעם עלטערן דאָר, גאנץ ווייניק באקאנט. די צאָרע איז אָבער ניט בלויז אין דעם. א סאך ערגער איז דאָס, וואָס א ריי אײַערע ציטאטן זײַנען פארקריפלט און האָבן א קנאפע שײַכעס צום קאָנטעקסט, ווי אשטייגער די ציטאט „מילתא דעברה לגלויה״, וואָס אין אײַער ערשטן בוך און וואָס ווערט דאָרט געטײַטשט: „אן אוויירע־זאך מוז אופגעדעקט ווערן״. איך האָב שוין אָנגעוויזן, אז איר האָט דאָ א טאָעס, נאָר איר פארענטפערט זיך, אז איר האָט „רעכט צו מאניפולירן״. איז לאָמיר פרוּוון זיך ארײַנטראכטן אין אײַער אופטו.

ערשטנס, וואָס איז דאָס אן „אוויירע־זאך״? דאָס זעלבע, וואָס „אוויירע״, צי עפעס אנדערש? און אויב אנדערש — איז וואָס? צווייטנס, פארוואָס עפעס מוז זי אופגעדעקט ווערן? פאראן גענוג אוויירעס, וועלכע עס איז גלײַכער צו פארשטעלן, ניט מאכן פון זיי קיין טומל. דריטנס, די טאלמודישע מעמרע, וואָס האָט אײַך פארינטערעסירט, זאָגט פאָלגנדיקס: „א זאך, וואָס קאָן סאָפקאָלסאָף אופגעדעקט ווערן, פעלשט מען ניט״. אין דער מעמרע איז פאראן א געדאנק, א לאָגיק. און דער כאווער זאבארע האָט פון דער מעמרע אָפגעריסן א שטיקל, געמאכט דערפון עפעס א קריפל און ארײַנגעפלאָכטן אין א שמועס, וועלכן עס פירן דאָרט איינקע פערסאָנאזשן („סאָוועטיש היימלאנד״, נומ. 10, 1972, ז. 63). אָבער צו וואָס דארף מען דאָרט דעם קריפל? ער קלעפט זיך דען?

לאָמיר נעמען עטלעכע בײַשפילן פונעם צווייטן בוך („סאָוועטיש היימלאנד״, נומ. 9, 1973). דער כאווער זאבארע ברענגט דעם אויסדרוק „חומץ בן יין״, אין א פוסנאָטע ווערט

צוגעגעבן: „כוימעץ בען יאַיִן; בוכשטעבלעך — עסיק פון ווײַן. א העברעיִש ווערטל: א שלעכטער זון פון א גוטן טאַטן“. אָבער וואָס פאַר א שײַכעס האָט דאָס דאָזיקע אַלטהעברעיִשע ווערטל (ס׳איז פון טאַלמוד) צום קעהילערויפע? ער איז דען א שלעכטער זון? וואַרפט ארויס דעם זאץ מיטן „חומץ בן יין“ פונעם קאָנטעקסט, און עס וועלן באַם לייענער ניט אופשווימען קיין קאַשעס.

אָדער אזא פאַל: „...א קויסע־באָכער, וואָס איז שוין דערגאַנגען צו דער מאַדרייגע פון הפוך בה והפוך בה, ער האַלט אין איין גיסן אין זיך און פון זיך...“ אין א פוסנאָטע איז די ציטאַט נאַטוראַליזירט: „האַפויך באָ“. זייער פײַן: איצט קאָן מען זי דורכלייענען. אָבער וואָס באַטײַט זי? און צו וואָס דאַרף מען זי? א מענטש, וואָס קען העברעיִש, וועט פאַרשטיין, אַז זי זאָגט ניט דאָס, וואָס דער ווײַטערדיקער זאַץ. אָבער וואָס זשע פאָרט? „הפוך בה והפוך בה“ זײַנען ווערטער פון א טאַלמודישער פראַזע, וואָס רעדט וועגן דער נייטיקײַט צו שטודירן אַלזײַטיק די טוירע, ווײַל אין איר איז אַלץ. אין דער פאָלקסשפּראַך ווערט דער ציטירטער אויסדרוק, ווי א סאַך אַנדערע העברעיִשע אויסדרוקן, אָפּטמאָל פראַפאַנירט צוליב פאַרשיידענע צוועקן. דאָס זעלבע ווײַל דאָ אַפּאָנעם אויך זאַבאַרע. אָבער ס׳איז אומזיסט די טירכע. שרײַבט פּאָשעט, אָן קונצן: „... א קויסע־באָכער, וואָס האַלט שוין אין איין גיסן אין זיך און פון זיך“, וועט מען פּאָטער ווערן פון פּוסטע שורעס מיט דער רעטעניש און עס וועט ווערן גרינגער אי צו לייענען, אי אופצוכאַפּן דעם געדאַנק, אי צו זען דאָס בילד.

נאָך ערגער איז, ווען דער אווטאָר נעמט זיך שטאַרק „מאַניפּולירן“ מיט א פּאָסעק וויאַזוי ס׳איז אים נייטיק“. אשטייגער: אינעם קאָנטעקסט וועגן יויכענען דעם קאַרעטן־מאַכער, וואָס וויל ניט אויסהאַלטן די מישפּאָכע פונעם פאַרשאָלטענעם זון, איז פאַראַן אזא פראַזע: „האָט מען אין שטאָט דעמלט געזאָגט משרש נחש יצא פצע, אַז מע קומט ארויס פון א שלאַנג, מוז קומען דער ביס“. אין דער פוסנאָטע לייענט זיך די ציטאַט אזוי: „מעשוירעש נאָכאָש יויצע פּעצאָ“. דאָ, ווי איר זעט, איז, ערשטנס, א סטירע צווישן דער ציטאַט און דער פוסנאָטע. צווייטנס, איז אין העברעיִש ניט „פצע“ און ניט „פּעצאָ“, נאָר פצע (פעצא), און באַטײַטן באַטײַט עס ניט קיין ביס, נאָר א ווונד. דריטנס, איז דאָ א גראָבער טאָעס. אין אָריגינאַל, פונוואַנען די ציטאַט איז גענומען (ישעיה, יד, כט), איז ניט „פצע“, נאָר „צפע“ (צעפא) — א ווײַפּער, גיפטיקע שלאַנג.

דער נאָווי יעשײַע (דער ערשטער; VIII יאָרהונדערט פאַר אונדזער צײַט־רעכענונג) איז געווען ניט בלויז א גרויסער קעמפער פאַר יוישער און אן ערנסטער פּאָליטיקער, נאָר אויך אן אויסגעצייכנטער רעדנער. ער פלעגט אָפּט אָפּערירן מיט א רײַ קינסטלערישע מיטלען, ביפראַט מיט רײַכע מעטאַפאָרעס. אין דער רעדע, פונוואַנען די אויבן געבראַכטע ציטאַט איז גענומען, ווענדט זיך יעשײַע צום לאַנד פון די פּלישטים מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „ניט פריי זיך, גאַנץ פּלעשעס (פלשת), וואָס די רוט פון דײַן שלעגער איז צעבראָכן, וואָרעם פון וואָרצל פון דער שלאַנג וועט ארויס א ווײַפּער, און זײַן פרוכט וועט זײַן א פליִענדיקער דראַקאָן“ (לינדוואָרעם). פון דער דאָזיקער רײַכער בילדערישקײַט יעשײַעס איז אין ראָמאַן געבליבן בלויז א פאַרקריפּלונג און ניט קיין דורכגעטראַכטער אויספיר.

און עפּשער איז דאָ די פאַרקריפּלונג א רעזולטאַט ניט פונעם אווטאָרס „מאַניפּולירן“, נאָר פון זײַן שוואַכער אופמערקזאַמקײַט, וועלכע ברענגט אים אָפּט אי צו אומבאַגרינדעטן ציטירן אי צו פעלערהאַפטע ציטאַטן.

ווען עמעצער זאָל וועלן ארויסשרײַבן די לעקסישע, גראַמאַטישע און אָרטאָגראַפישע גרײַזן אין די ציטירטע זאַצן און אין די טראַנסקריפּציעס, וואָלט ער האָבן וואָס צו טאָן. נאָר מיך באַאומרויִקט ניט אזוי די פעלערהאַפטיקײַט פון די ציטאַטן, ווי דעם אווטאָרס נעטיִע אָנצושטאָפּן דעם ראָמאַן מיט צופעליקע פּסוקים, וואָס קיינער דאַרף זיי ניט און זיי ברענגען נאָר שאָדן גופע דעם ווערק און מעמיילע אונדזער גאַנצער ליטעראַטור.

ווען אָנשטאָט אויסצוברענגען צײַט און טירכע אף אומנייטיקע ציטאַטן וואָלט דער אווטאָר געלייגט מער אַכט אפן גרונטיקן טעקסט. וואָלט ער געוויס אויסגעמיטן אַזעלכע דעפעקטיווע זאַצן, ווי אשטייגער: „ער (שלוימע האַספּאַרדי. — ע. פ.) האָט דאָרט מעכאַבעד געווען און צוגעשיקט זײַנע כאַוויירים קיין סאַלערנאָ דעם „סאַר־האַמאַשקים“, — א כיבער, מיט וועלכן“... וואָס שלוימע האַספּאַרדי האָט צוגעשיקט — איז קלאָר. אָבער מיט וואָס ער האָט מעכאַבעד געווען — איז ניט געזאָגט. אויב דער אווטאָר האָט געהאַט בעדייע מעכאַבעד זײַן מיט דעם „סאַר־האַמאַשקים“, האָט ער געדאַרפט אַנדערש בויען דעם זאַץ.

איך זאָג: „וואָלט ער געוויס אויסגעמיטן“, ווײַל דער כאַווער זאַבאַרע האָט ביכלאַל א פײַנע ייִדישע שפּראַך, און ס׳איז טאַקע פאַרדראָסיק, וואָס איר טרעפט בא אים צומאָל ניט קיין אויסגעטראַכטע, ניט קיין קאָנטראָלירטע זאַצן, ווי אויך א צופעליקן באַנוץ פון אָפּשטעלצייכנס.

V. אייניקע פּראָטים

1) „כאַמער“ צי „כאַמויר“. אין מײַן רעצענזיע האָב איך דערווידערט קעגן דעם, וואָס ייִדישע ווערטער פונעם העברעיִשן אָפּשטאַם זײַנען אין ראָמאַן געגעבן אין דער העברעיִשער (אשקענאַזישער) אויסשפּראַך: „טאַנכום האָט זיך געאַמפּערט מיטן כאַמויר“. אין ייִדיש, האָב איך געשריבן, זאָגט מען ניט „כאַמויר“, נאָר „כאַמער“, אויך „כאַמער־אייזל“, „מע דאַרף

וויסן, ווו דער כאמער שטייט"... זאבארע פרעגט מײַן דערווידערונג אָפ אף אזא אויפן: „...פארוואָס פלוצעם זאָל דער ספארדישער טאנכום זיך אמפערן ניט מיטן „חמור", נאָר מיטן „כאמער", ווי ס'וויל פאלקאָוויטש"... „ער פארגעסט, אז אפילע אינעם בארימטן ייִדישן שפריכוואָרט: „מע דארף וויסן, ווו דער „חמור" שטייט: שטייט ער אין שטאל, איז דאָס אַן אייזל, אין קעלער — איז דאָס אלטער ווײַן" שרײַבט זיך דאָך ניט „כאמער", נאָר בעפּיירעש „חמור".

אין דער דאָזיקער באמערקונג זאבארעס זײַנען דערלאָזט פאָלגנדיקע פעלערן: 1) אין ראָמאן האָט זיך דאָך טאנכום געאמפערט ניט מיטן „חמור", נאָר מיטן „כאמויר". אויב זאבארע האָט געהאט בעדייע איבערצוגעבן טאנכומס ספארדישע אויסשפראך, האָט דאָ געדארפט זײַן ניט „כאמויר", נאָר „כאמאָר". מע דארף ניט פארגעסן, אז ווערטער פונעם העברעיִשן אָפשטאם קלינגען בא די ספארדים אָפט אנדערש, איידער בא די אשקענאזים. צום באדויערן, ווערט עס טיילמאָל אינעם ראָמאן פארגעסן, און דער אווטאָר מאכט דערמיט אָפט צוניש דעם אייגענעם פארטראכט; 2) זאבארע האָט א טאָעס, אויב ער מיינט, אז „אינעם בארימטן ייִדישן שפריכוואָרט שרײַבט זיך „חמור". אויב מע זאָל אזוי שרײַבן, ווערט אויס שפריכוואָרט. און אָט פארוואָס:

קאלאמבורן (וואָרטשפילן) בויט מען געוויינטלעך אף האָמאָנימען — אף ווערטער, וואָס ווערן געשריבן און ארויסגערעדט אלציינס, אָדער אף האָמאָפאָנען — אף ווערטער, וואָס ווערן אלציינס ארויסגערעדט, אָבער פארשיידן געשריבן. דער אויבן געבראכטער קאלאמבור איז א האָמאָפאָנישער. ער שטיצט זיך אף דעם, וואָס דאָס העברעיִשע וואָרט „חמור" (אייזל) און דאָס העברעיִש־אראמישע וואָרט חמר (כאמאר — ווײַן) ברענגט מען אין ייִדיש אלציינס ארויס: כאמער. אויב שרײַבן אזוי, ווי זאבארע וויל, ווערט אויס וואָרטשפיל, אויס שפריכוואָרט. וויל מען דעם קאלאמבור אויסלייגן מיט דער אלטער אָרטאָגראפיע, דארף מען שרײַבן אזוי: מע דארף וויסן, ווו דער חמור (חמר) שטייט. באם שרײַבן האָמאָפאָנישע קאלאמבורן קומט שטענדיק אויס איינעם פון די האָמאָפאָנען אײַנצוקלאמערן. אשטייגער: „איך ווייס א ייִדן — עסטער (עסט ער)"; „גאנץ (גאנדז) גוט — קאטשקע נאָך בעסער"; „קאיִן (קײַען) איז ניט העוול"; אא.

אגעוו, דאָס אראמישע וואָרט „חמר", ווי אויך „חמרא", באטײַט ניט אלטער ווײַן, נאָר סטאם ווײַן.

דערפון איז צו זען, אז אויך דער שמועס וועגן „כאמויר" און „כאמער", וואָס זאבארע ברענגט אינעם צווייטן בוך („סאָוועטיש היימלאנד", 1973, נומ. 9, ז. 25), איז לאכלוטן אָן א באָדן. אזא שמועס קאָן צווישן ספארדישע ייִדן ניט פאָרקומען, ווײַל זיי זאָגן ניט „כאמויר" און „כאמער", ווי זאבארען ווילט זיך, נאָר „כאמאָר" און „כאמאר" אָדער „כאמרא", באטאָנענדיק אין די לעצטע ווערטער דעם לעצטן טראָף.

זאבארעס ניט וויסן דעם טאָך פונעם ספארדישן דיִאלעקט פארפירט אים אָפט. אשטייגער: די פוסנאָטע אפן זעלבן זײַטל „האשויסע קויסוי בעוואט אכאס". דאָס איז ניט ספארדיש און ניט אשקענאזיש. עכטער „שאטנעז".

און עפשער נעמט זיך דער שאטנעז בא זאבארען ניט פון ניט וויסן, נאָר פון פארגעסן, ווער זײַנע געשטאלטן זײַנען. דערפון שטאמט, וואָס דער ספארדישער ייִד טאנכום ווענדט זיך צו יויעלן מיט די ווערטער „אדויני יויעל" אָנשטאָט „אדאָני יאָעל" — מײַן האר יאָעל.

אינדערעמעסן, פארשטייט זיך, האָט טאנכום זיך געווענדט צו יויעלן ניט אף העברעיִש, נאָר אף לאדינאָ — אף דער שפראך, וועלכע די ספארדישע ייִדן האָבן טאָגטעגלעך גענוצט.

2) וועגן דעם וואָרט „זמאן". זאבארע וויל מיך און דעם לייענער אײַנשמועסן, אז „זמאן" באטײַט אין ייִדיש צײַט, און ער ברענגט די רײַעס „קאָלזמאן", „ביין־האזמאנים", „באותו זמן". דאָס וואָרט „קאָלזמאן" אנטהאלט אין זיך א געוויסן עלעמענט פון „צײַט", אָבער אין ייִדיש איז עס דאָך א בינדוואָרט, א הילפוואָרט, און איז ניט קיין סינאָנים צו „צײַט". וועגן ווערטער און זייערע באטײַטן דארף מען, ווי וועגן אלע אנדערע זאכן, דענקען קאָנקרעט, ניט איגנאָרירן די ענדערונגען אין דער סטרוקטור. דאָס וואָרט „ביין־האזמאנים" איז א רײַע צו מײַן באהויפטונג, אז „זמאן" איז אין ייִדיש אין טאָך א סעמעסטער, א האלב יאָר לערנען. דאָס באשטעטיקט אויך דאָס וואָרט „סאָף־האזמאן" (ניט קיין סאָף פון צײַט, נאָר א סאָף פון א סעמעסטער). „באותו זמן" האָט זאבארע אליין אויסגעלייגט אף העברעיִש — און מיט רעכט, וואָרעם אין ייִדיש ווערט עס ניט גענוצט, איר וועט עס ניט געפינען אין קיינע ייִדישע ווערטערביכער. אפילע אין פערעפערקאָוויטשעס „העברייאיזמען אין אידיש", ריגע, 1929, ווו עס זײַנען אײַנגעשלאָסן א סאך ביז גאָר זעלטן געברויכלעכע העברעיִשע אויסדרוקן, איז „באותו זמן" ניט פאראן.

זאבארע ברענגט אויך א רײַע פונעם שרײַבער ווײַסנבערג. אָבער בא דעם איז דאָך ניט סטאם „זמאן", נאָר „זמאן כאסענע", געשאפן אלפי אנאלאָגיע מיט די ליטורגישע אויסדרוקן (פון דאווענען) „זמן שמחתנו", „זמן חרותנו" (זמאן סימכאָסיינו, זמאן כיירוסיינו) און ענלעכע. און ווען אפילע בא ווײַסנבערגן וואָלט „זמאן" געווען גענוצט אזוי, ווי בא זאבארען, איז וואָס? וואָלטן מיר געזאָגט, אז ווײַסנבערג האָט דערלאָזט א פעלער: ער איז דערצו געווען פּייִק.

די לעצטע רײַע, וואָס זאבארע ברענגט, איז „פונעם פארייִדישטן פאָלקסווערטל: „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל" (מא שעיאסע האזמאן לוי יאאסע האסייכעל). ווי געפעלט אײַך דאָס „פארייִדישטע פאָלקסווערטל"? און וואָס דרינגט פון דעם? אז „זמן"... באטײַט אין העברעיִש „צײַט". און וואָס נאָך קאָן מען פון

דעם דרינגען? אַז זאַבאַרע פאַרלירט אָפּט שוין די גרענעץ צווישן ייִדיש און העברעיִש. וועהאַרײַע:

3) די מאָטיוון מיקויעך „רויפע כוילים". „ניט נאָר אונדזערע טאַטעס און זיידעס, — זאָגט זאַבאַרע, — נאָר שוין ווער ווייסט וויפל יאָרהונדערטער האָבן אונדזערע אָוועס טאָגטעגלעך אין דער דרײַמאָליקער שמענעסרע באַטיטלט גאָט מיט אָט דעם... עפּיטעט, אַז ער איז א רויפע כוילים און א מאַטיר אסורים..." ווי איר זעט, איז דאָ אָפּגעווישט די גרענעץ ניט נאָר צווישן ייִדיש און העברעיִש, נאָר אויך צווישן וועלטלעכער ליטעראַטור און... דעם סידער. ער, דער סידער, הייסט עס, פּאַסקנט, אַז „רויפע כוילים" קאָן דינען אָנשטאָט דעם וואָרט „דאָקטער".

שוין העכער הונדערט יאָר, ווי די בעסערע, פאָרגעשריטענע ליטעראַטן אונדזערע באַמיִען זיך אָפּצורײַסן די ייִדישע וועלט און דאָס לאָשן פונעם דאַוונען און פון אַלערליי אַנדערע פּיִנצטערנישן, און מיטאַמאָל באַווײַזט זיך אין אונדזערע יאָרן א שרײַבער, וואָס זוכט פאַר זײַנע אויסדרוקן א העכשער... אינעם סידער! איז עס ניט מעשונע־מאָדנע?!

4) „נוסעך" צי „סיגנען". ייִדן פונעם טכום, — זאָגט זאַבאַרע, — וואָלטן בעשום־אויפן זיך ניט באַנוצט מיטן וואָרט „סטיל" אָנשטאָט „נוסעך". „אַפילע „סיגנען" וואָלט פאַר זיי געווען פיל נאַטירלעכער, ווי דאָס גרויסשטאָטישע פרעמדוואָרט". דאָ איז ווידער עפּעס מעשונעדיקס. וואָס איז דאָס פאַר א קאַטעגאָריע „ייִדן פונעם טכום"? אין טכום און מיכוץ דעם טכום האָבן ייִדן גערעדט ייִדיש דיפערענצירט לויט זייערע טעריטאָריעלע און סאָציִאַלע דיִאַלעקטן. אייניקע האָבן געניצט „סטיל", אַנדערע — „נוסעך". נאָך אַנדערע האָבן געוווּסט פוןביידע ווערטער, און עס זײַנען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פון ביידע ניט געהערט. אָבער „סיגנען" איז דאָך געוויס א וואָרט, וואָס איז געווען אומבאַקאַנט דער גרעסטער מערהײַט „ייִדן פונעם טכום". אַפילע ביאַליק, דער גרויסער מײַסטער און פּראָפּאַגאַנדיסט פון העברעיִש, האָט אין זײַן באַוווּסטן אַרטיקל וועגן מענדעלען ניט געוואָלט אָנקומען צום וואָרט „סיגנען" און האָט געניצט „נוסעך" (נוסח): „מענדעלע האָט אין דער ליטעראַטור געשאַפן נוסעך". כוץ דעם דאַרף מען דאָך אויך ניט פאַרגעסן, אַז צווישן די „טכום"־יאָרן און אונדזער צײַט איז עפּעס פאָרגעקומען! פאַרוואָס זשע זאָל א הײַנטיקער סאָוועטישער שרײַבער האָבן אין זינען די „טכום־ייִדן" און ניט די איצטיקע, פאַר וועלכע „סטיל" איז שוין לאַנג ניט קיין פרעמדוואָרט? דעריבער האָב איך זאַבאַרען געהאַט אופגעוואָרפן, אַלעמײַ ער יאָגט זיך נאָך אויסטערלישע העברעיִזמען און אָנשטאָט „סטיל" אָדער „נוסעך" ניצט ער „סיגנען".

איר הערט, כאַווער זאַבאַרע, באַ מיר איז געשריבן: אָנשטאָט „סטיל" אָדער „נוסעך". פאַרוואָס זשע פאַרקריפּלט איר מײַן געדאַנק און לייגט אים אויס פּונקט קאַפּויר? איך בין אײַך ניט כוישעד, אַז איר טוט עס באַוווּסטזיניק. כאַס־וועכאָלילע! איר זײַט פּאָשעט ניט קיין אופמערקזאַמער לייענער. דערפון נעמען זיך נאָך אייניקע אויסטראַכטענישן אין אײַערע „באַמערקונגען", ווי אויך א גאַנצע ריי פעלערן, וועלכע איר האָט, צום באַדויערן, דערלאָזט אינעם ערשטן בוך פון אײַער ראָמאַן, ווי אויך אינעם צווייטן.

5) „מיכטאָם" צי „עפּיגראַם". זאַבאַרע טײַנעט: „ווי וואָלט אין יענער ווײַטער צײַט געקלונגען דאָס וואָרט „עפּיגראַם", וואָס איז נאָך איצט אַפילע פרעמד אונדזער פאָלקס־שפּראַך". און „מיכטאָם" איז ניט פרעמד? איך האָב שוין אָנגעוויזן, אַז מע האָט א צײַט ניט געוווּסט ווי איבערצוזעצן דאָס דאָזיקע וואָרט, וואָס קומט עטלעכע מאָל אין „טילים" אינײנעם מיטן וואָרט „לדוד" (לעדאָוויד). אַפילע דער באַוווּסטער לעקסיקאָלאָג יעהוישוא שטיינבערג, דער אווטאָר פונעם „העברעיִשן און כאַלדעיִשן עטימאָלאָגישן ווערטערבוך צו די ביכער פונעם אַלטן טעסטאַמענט" (רוסיש, ווילנע, 1878), זעצט איבער דאָס וואָרט „מכתם" אַזוי, ווי „מכתב": „פּיסאַניִע, פּיסמעננאָיע פּראָיִזוועדעניִע". דערבײַ פאַרופט ער זיך אויפן וואָרט „כתם" (קאָסאַם), און דאָרט הייסט באַ אים „מכתם" — א שאַרף וואָרט, א מאַשל (א פאַבל — „פּריטשאַ"). איר זעט, אַז אַפילע שטיינבערג, וואָס האָט זיך א סאַך יאָרן פאַרנומען מיט איבערזעצן און קאָמענטירן ספאָרים פונעם טאַנאַך, האָט באַם וואָרט „מכתם" געטאַפּט א וואַנט. און זאַבאַרען דוכט זיך, אַז פאַר אים און פאַר זײַנע געשטאַלטן איז „מיכטאָם" ווי אָנגעמאָסטן.

זאַבאַרע פרעגט: „ווי וואָלט אין יענער ווײַטער צײַט געקלונגען דאָס וואָרט „עפּיגראַם"?" איך מיין, אַז זייער פּאָשעט, אַזוי, ווי הײַנט. נאָך פאַר אונדזער איצטיקער צײַט־רעכענונג האָט די קולטור־וועלט געניצט די אַלטגריכישע טערמינען „עפּיגראַף" און „עפּיגראַם". אין דער ליטעראַטור־געשיכטע זײַנען גוט באַוווּסט די פּאָליטישע עפּיגראַמען, וועלכע דער באַרימטער אַלטרוימישער פּאָעט קאַטול (I יאָרהונדערט פאַר אונדזער צײַט־רעכענונג) האָט געהאַט געשריבן קעגן צעזאַרן און זײַנע אָנהענגער. מע דאַרף רעכענען, אַז אין שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש, ווי ביכלאַל אין די ראָמאַנישע שפּראַכן, איז דער טערמין „עפּיגראַם" אָנגעגאַנגען פון די אַלטע צײַטן אָן. און אַוואַדע און אַוואַדע איז ער געווען באַוווּסט אין דער קולטורעלער סוויווע פון די איבן־טיבאָנס. אַף אַזאַ אויפן קאָנען מיר רעזומירן: פאַר א סאַך אונדזערע לייענער איז „עפּיגראַם" א קלאָרער באַגריף, „מיכטאָם" — א פּוסטער קלאַנג; פאַר די געשטאַלטן פונעם ראָמאַן איז „עפּיגראַם" נאַטירלעכער, אָרגאַנישער, איידער „מיכטאָם". פרעגט זיך, מיט וועלכן פון די צוויי טערמינען דאַרף אָפּערירן אונדזערער א שרײַבער?

6) וועגן „נבוכת המורים". זאַבאַרע פאַרענטפערט זיך: „ניט ער איז דער אווטאָר פון דער דאָזיקער וואָרט־שאַפונג, וואָס איז נאָך באַם ראַמבאַמס לעבן געווען פאַרשפּרייט צווישן

זײַנע פּילצאָליקע סאָנים". אַז אַזאַ אומגעלומ־פּערטע „וואָרט־שאַפונג" איז באַם ראַמבאַמס לעבן געווען — דאָס איז עמעס. איך צווייפל אָבער אין איר פאַרשפּרייטקײַט און פאַרשטיי ניט, צו וואָס זאָל מען אין א ליטעראַריש ווערק ברענגען אַזאַ אמהאַראַצישן באַהעפט פון ווערטער, און נאָך אָן קריטיק. מע וואָלט נאָך עפּשער דאָס געקאָנט באַרעכטיקן, ווען זאַבאַרע וואָלט אָנגערופן דעם עמעסן מעכאַבער פון דער אומגעלומפּערטער קאָמבינאַציע (באַ צינבערגן איז ער, דאַכט זיך, אָנגעוויזן), אָבער אין ראָמאַן „ווערט זי דאָך צוגעשריבן דעם גרויסן קענער אורי, איז ווי שטימט עס? אויב אורי איז אימשטאַנד צו דערלאָזן אַזאַ גראָבן גרײַז, הײַנט וואָס פאַר א קענער איז ער?

„דערבײַ, — זאָגט ווײַטער זאַבאַרע, — מאַכט דער כאַווער פאַלקאָוויטש א צווייטן טאָעס". און אין וואָס איז באַשטאַנען פאַלקאָוויטשעס ערשטער טאָעס — דערציילט ער ניט. איז לאָמיר כאָטש הערן דעם צווייטן טאָעס: „אין העברעיִש אַכוץ „מבוכה" איז אויך פאַראַן דאָס וואָרט „נבוך", וואָס גראָזאָווסקי גיט צו דערקלערן „מבולבל שאינו יודע מה לעשות". הייסט עס, אַז גראָזאָווסקי טײַטשט אַזוי, ווי איך. ווו זשע איז דער טאָעס מײַנער? זאַבאַרע מיינט, אַז ער אַנטפּלעקט א נײַס: אין העברעיִש איז פאַראַן א וואָרט „נבוך". איז ווער ווייסט עס ניט? „נבוכים" איז אין איינצאָל „נבוך" (נאָוויך).

נאָר לאָמיר גיין ווײַטער. עס ציט אײַך מאַשמאָעס צו שאַפן נײַע העברעיִשע אויסדרוקן. איר זאָגט, אַז „דער „מורה נבוכים" איז א „נבוכי מורים", וואָס מאַכט מעוווּלוול (מעוווּלבל. — ע. פּ.) די, וואָס לערנען אים". איז זאָלט איר וויסן זײַן, אַז „נבוכי מורים" איז ניט העברעיִש. און איך מוז אײַך זאָגן ווידער, אַז ס'איז זייער ניט גוט, ווען מע אָפּערירט מיט א שפּראַך און מע האָט פאַר איר ניט גענוג אָפּשײַ.

7) מיקויעך „חכמה יונית" (כאָכמאָ יעוואָניס). איך האָב אָנגעוויזן, אַז אין ראָמאַן ווערט אין איין אָרט מיט גרויס דערעכערעץ גערעדט וועגן „דעם טעמפּל פונעם אַלטערטימלעכן אַטען, ווו די גרעסטע דיכטער און געלערנטע האָבן פאַרגעלייענט זייערע ווערק..." און אין א צווייט אָרט ווערט געבראַכט א שפּריכוואָרט, וואָס זאָגט, אַז דאָס גריכישע וויסן „פאַרמאָגט ניט קיין פּרוכטן, נאָר הוילע בליִונג". איך האָב אופמערקזאַם געמאַכט אָף דער סטירע און האָב געפרעגט, וועמעס איז דאָס שפּריכוואָרט און ווי באַציט זיך זאַבאַרע צו דער גרויסער נאַרישקײַט, וואָס שטעקט אינעם שפּריכוואָרט. א שרײַבער, האָב איך געזאָגט, איז דאָך ניט קיין אַרכיוואַריוּס, וואָס קלײַבט אַלערליי דאָקומענטן און רעגיסטרירט זיי. צום באַדויערן, מײַדט זאַבאַרע אויס צו געבן א טשוווע. ער טיילט נאָר מיט, אַז דער אווטאָר פונעם שפּריכוואָרט איז יעהודע האַלייווי, און ער מיינט, אַז דערמיט איז שוין אַלץ רעכט.

יעהודע האַלייוויס ביטל־באַציִונג צום גריכישן וויסן קאָן מען פאַרשטיין. דער גרויסער דיכטער און דענקער האָט געלעבט פון 1080 אָדער 1086 ביז לעערעך 1142 — אין די יאָרן, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די באַרימטע קרייץ־צוגן, פון וועלכע די ייִדישע באַפעלקערונג פון מײַרעוו־אייראָפּע האָט געהאַט אויסצושטיין געברענטע לייד: פּאָגראָמען, גיירושים, שכיטעס. די טראַגישע לאַגע פון די ייִדן האָט געהאַט א שטאַרקע ווירקונג אָפן עמאָציאָנעלן דיכטער און דענקער, האָט אין אים געוועקט טיפע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע געפילן און האָט אים אַלץ מער און מער אָפּגעווענדט פון אַריסטאָטעלס ראַציאָנאַליסטישע קאָנצעפּציעס (פון טויזנט יעהודע האַלייוויס לידער, וואָס זײַנען צו אונדז דערגאַנגען, זײַנען דרײַ הונדערט רעליגיעזע).

אַף יעהודע האַלייוויס באַציִונג צום גריכישן וויסן האָט, קאָן זײַן, געהאַט א פּולע אויך דער אוראַלטער קאַמף פון די ייִדן פון יעהודאַ קעגן די גריכישע הערשער און פאַרפאָלגער. דערמאָנט זיך די מילכאָמעס פון די כאַשמוינאַיִם אין II יאָרהונדערט פאַר אונדזער צײַט־רעכענונג. דאָס איז געווען א לאַנגיאָריקער קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן אויך דעמלט, ווען מע האָט זיך פון דער גריכישער הערשאַפט באַפרײַט, ווי אויך שפּעטער, ווען די באַלעבאַטים פון לאַנד זײַנען געוואָרן די רוימער (זייערע אינטעלעקטואַלן האָבן אויך געהאַלטן פון דער גריכישער וויסנשאַפט). די גריכישע קולטור, דער גריכישער שטייגער, די גריכישע שפּראַך האָבן געהאַט פאַרכאַפּט אויך א געוויסן טייל פּאַלעסטינער ייִדן, ביפראַט די פאַרמעגלעכע און די, וואָס האָבן געהאַט א שטיקל שײַכעס צו דעם מעלוכע־אַפּאַראַט. דערפון שטאַמט די היפּשע צאָל גריכישע אויסדרוקן אין דער טאַלמודישער ליטעראַטור. א טייל פון זיי איז דורך די לאָמדים דערנאָך אַרײַן אויך אין ייִדיש. אַשטייגער: „אכסניא", „אפּיקורעס", „אפּיקוימען", „פּינקעס" אאַ. איינצײַטיק אָבער האָבן א סאַך דעמלטיקע ייִדן געפּרווט שטרײַטן קעגן דער יעוואָנישער קולטור. עס איז אַפילע געווען געמאָלדן: „פאַרשאָלטן איז דער, וואָס וועט זײַן זון לערנען דאָס יעוואָנישע וויסן". אַגעוו, דאָס וואָרט „יאָוון", „יעוואָנישער" און דער אויסדרוק „אַרײַנפאַלן, ווי א יאָוון אין סוקע" האָבן נאָך אַדהײַעם א נעגאַטיוון ניואַנס.

קאָן זײַן, זאָג איך, אַז אויך דאָס האָט געהאַט א פּולע אָף יעהודע האַלייווי. נאָר אויב אַפילע אָן דעם, איז אויך צו פאַרשטיין זײַן אויבן געבראַכטע ניהיליסטישע פאָרמולירונג. אָבער ווי קאָן מען די דאָזיקע פאַלשע פאָרמולירונג ברענגען אָן א שום קריטיק, ניט אופּדעקנדיק איר טאָעס? די אוראַלטע גריכן האָבן דאָך געלייגט ווינקלשטיינער פאַר א ריי וויסנשאַפטלעכע געביטן, און ניט בלויז ווינקלשטיינער, נאָר אויך היפּשע פונדאַמענטן, אָף וועלכע מע האָט געהאַט געשטעלט הויכע מויערן. הײַנט ווי קומט יויעל, דער געבילדעטער יויעל, צו זאָגן, אַז דאָס גריכישע וויסן פאַרמאָגט ניט

קיין פּרוכטן, נאָר הוילע בליִונג? ווי שטימט עס מיט דעם; וואָס עס ווערט וועגן אים דערציילט אינעם ערשטן בוך און אינעם ווײַטערדיקן? ווּ איז די שרײַבערשע אויסגעהאַלטנקײַט? די עלעמענטאַרע לאָגיק?

און ווּ איז, כאַזער איך איבער, דעם אוטאָרס באַציִונג צו דער נאַרישקײַט, וואָס שטעקט אין יויעלס זאָג? דער אווטאָר האָט זיך נאָך ניט באַנוגנט מיטן דאָזיקן זאָג און האָט מיט אוריס מויל נאָך צוגעגעבן „וועגן די בליִונגס־בלעטעלעך, וואָס קענען עפּשער נאָר שפּײַזן דעם ווינט”. איז ווי קאָן מען לאָזן ריידן אַזוינס און ניט רעאַגירן? ניט אָפּפרעגן?

* * *

דער כאַווער זאַבאַרע זאָגט, אַז ער האַלט פּערעצן פאַר זײַן רעבן. איך אויך. איז לאָמיר געדענקען, אַז דער רעבע, דער עכטער דעמאָקראַט, דער געטרײַער מענטשנפרײַנט, מיט זײַן גרויסן סאָציִאַלן טעמפּעראַמענט, האָט אונדז געלאָזט לערנען וועגן א סאַך זאַכן, דערין אויך וועגן א גרויסער בילדונגס־אַרבעט: „מאַכן אויס נאַרן — קלוגע, אויס פאַנאַטיקער — געבילדעטע מענטשן; אויס ליידיקגייער און לופט־שליננגער — אַרבעטער, נוצלעכע, אָרנטלעכע מענטשן, וואָס אַרבעטן פאַר זיך און דעם קלאַל קומט דערפון א טויווע אַרויס” („בילדונג”, 1890), און „נישט איינער זאָל זען, און די רעשט זאָל גלייבן אפן וואָרט: דאָס פאָלק אינגאַנצן ווילן מיר בילדן, מענער, ווײַבער און קינדער... יעדערער זאָל זען, יעדערער זאָל פילן, יעדערער זאָל פאַרשטיין” (דאָרטן).

דעריבער לאָמיר זיך ניט יאָגן נאָך איבעריקן שמוק, לאָמיר אויסמײַדן טאָעסן און זײַן שטרענגער צו זיך, לאָמיר געדענקען טאָלסטאָיס א קלוגע אייצע: קיין זאַך בעסערט אַזוי ניט אויס א ווערק, ווי א רויטער בלײַער.

בראָניק

נײַע אָנגאַבן וועגן דער צאָל ייִדן אַף דער וועלט

לויט די אָנגאַבן פונעם „אַמעריקאַנער ייִדישן יאָרבוך”, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סאָף פונעם 1973, באַטרעפט איצט די אַלגעמיינע צאָל ייִדן אין דער וועלט 14370650. פון זיי לעבן 5 מיליאָן 115 טויזנט אין די פאַרייניקטע שטאַטן, 2 מיליאָן 648 טויזנט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, 2 מיליאָן 723 טויזנט אין ייִסראָעל. ווײַטער גייען לויט דער צאָל ייִדן: פראַנקרײַך — 550 טויזנט, קאַנאַדע — 305 טויזנט, אַרגענטינע — 500 טויזנט, ענגלאַנד—410 טויזנט.

51 פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז קאָנצענטרירט אפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט; 28 פּראָצענט אין אייראָפּע; 19 פּראָצענט אין אַזיע; 1,5 פּראָצענט אין אַפריקע און סאַכאַקל א האַלבער פּראָצענט אין אַווסטראַליע און נײַ־זעלאַנד.

אין די פאַרייניקטע שטאַטן שטעלן די ייִדן מיט זיך פאָר 2,94 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין ניו־יאָרק ציילט די ייִדישע באַפעלקערונג אָן 2 מיליאָן 381 טויזנט מענטשן.

אין די לענדער פון אייראָפּע לעבן 2 מיליאָן 648 טויזנט ייִדן, דערונטער (אויסער פססר, ענגלאַנד און פראַנקרײַך): 9 טויזנט 400 אין עסטרײַך, 40 טויזנט 500 אין בעלגיע, 7 טויזנט אין בולגאַריע, 14 טויזנט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, 6 טויזנט אין דענעמאַרק, 32 טויזנט אין דײַטשלאַנד, 6 טויזנט 500 אין גריכנלאַנד, 80 טויזנט אין אונגאַרן, 4 טויזנט אין אירלאַנד, 35 טויזנט אין איטאַליע, 30 טויזנט אין האָלאַנד, 8 טויזנט אין פּוילן, 90 טויזנט אין רומעניע, 9 טויזנט אין שפּאַניע, 15 טויזנט אין שוועדן, 20 טויזנט אין דער שווייץ, 30 טויזנט אין טערקײַ, 7 טויזנט אין יוגאָסלאַוויע.

אין אַזיִע (אויסער ייִסראָעל) זײַנען פאַראַן ייִדן: אין אינדיע 14 טויזנט, אין איראַן 80 טויזנט. א היפּשער ייִדישער ייִשעוו געפינט זיך אין דאָרעם־אַפריקע — באַ 118 טויזנט, און אין מאַראָקאָ 31 טויזנט, אין עטיִאָפּיע — 21 טויזנט, ראָדעזיע — 5 טויזנט.

■ ■ ■

פּאָרטרעטן פון הײַנטצײַטיקע ייִדישע שוישפּילער

יויסעף שוסטער

די פּאָדאָבריאַנקער אַקטריסע

ערשטע טריט

— אויב איר ווילט וויסן, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער, וועל איך אײַך אָנרופן א נאָמען פון א ייִשעוו, וועגן וועלכן איר האָט זיכער קיינ־מאָל אין לעבן ניט געהערט. פּאָדאָבריאַנקע הייסט דאָס אָרט, א האַלב־שטעטל, א האַלב־דערפל, עס ליגט ערגעץ אין א זײַט צווישן האָמעל און טשערניגאָוו.

אַזוי דערציילט נעכאַמע סיראָטינע.

— בישכיינעס מיט אונדזער שטעטל, — זעצט זי פאָר, — האָט זיך געפונען דאָבריאַנקע — א דאָרף, ווו די אויבערהאַנט האָבן געהאַט די אָר־טיקע פּי־הענדלער און באַלעגופים. אין זייערע הענט האָבן זיך געפונען די בעסטע ערד־מאַ־סיוון. די גרענעץ־ליניע, וואָס האָט אָפּגעשיידט איין ייִשעוו פונעם אַנדערן, איז געווען א שמאָל טײַכל, איבער וועלכן עס איז געהאַנגען, ווי צוגעשפּיליעט, א הילצערן סקריפּענדיק בריקעלע.

צום אונטערשייד פון דאָבריאַנקע, האָט פּאָ־דאָבריאַנקע פון טאָמיד אָן געלעבט אין אָרעמ־קײַט און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א געמיש פון ערד־אַרבעטער און באַלמעלאָכעס — שנײַ־דערס, שוסטערס, קאָוועלס און גלאַט אָרע־מעלײַט.

אַריבערגיין אַף יענער זײַט בריקל פלעגן מיר זעלטן, ווײַל קיין איבעריקע פרײַנטשאַפט האָבן די פּי־הענדלער פונעם דערפל צו אונדז ניט אַרויסגעוויזן. נאָר מיר, קינדער פון דער אָרעמשאַפט, האָבן ליב געהאַט אונדזער בידנע פּאָדאָבריאַנקע, און מיט איר זײַנען פאַרבונדן מײַנע ערשטע טריט צום טעאַטער.

ווען דער שטורעם פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז דערגאַנגען צו אונדזערע קאַנטן, האָט פּאָדאָבריאַנקע אויפגעוואַכט. אין שטעטל האָט מען דערשפּירט, ווי עס קומט אָן א נײַ לעבן.

עס געדענקען זיך די ערשטע רויטפּאַניקע מאַניפעסטאַציעס, די מיטינגען אפן בערגל באַם ראַנד פון שטעטל. דעמאָנסטרירט האָבן יונג און אַלט. אין די פאָרנטיקע רייען האָט מען געקאָנט זען די פאָרשטייער פון דער גרויסער און פאַרצווײַגטער מישפּאָכע סיראָטינס, וועל־כע מע האָט אין פּאָדאָבריאַנקע און אין די אַרומיקע שטעטלעך מערער געוווּסט לויט זייער צונאָמען, איידער לויט זייער עמעסער פאַמיליע.

— „די נאַדאַנס” פלעגט מען אונדז רופן, — זעצט פאָר סיראָטינע, — גאַנץ פּאָשעט: נעכאַ־מע, וועליע דעם נאַדאַנס. באַסיע אָדער כאַיִם־לייב דעם נאַדאַנס...

דער דאָזיקער צונאָמען האָט זיך צו די סיראָ־טינס צוגעקלעפּט בעיערושע, נאָך פון זייער באָבען און זיידן, ווײַל ווען נעכאַמעס זיידע האָט כאַסענע געהאַט פאַר איר באָבען, נאָך ווען מען מע האָט איר דעם נאָמען געגעבן, איז ער שוין, באָרעכהאַשעם, געווען א טאַטע פון א זון און די באָבע — א מוטער פון א טאָכטער. דאָס הייסט, עס איז געווען זייער נאַדן. מער האָבן זיי גאָרניט פאַרמאָגט. האָט מען זיי דער־פאַר טאַקע געקרוינט מיט אָט דעם קלינגענ־דיקן צונאָמען: ייִסראָעל־בער דער נאַדאַן און נעכאַמע די נאַדאַניכע.

אין פּאָדאָבריאַנקע האָט מען שטענדיק גע־האַלטן פון א וויץ, פון א שמייכל, פון א ייִדיי־שער פאָלקסליד. ווי עס זאָל ניט זײַן אפן האַרצן — אומעטיק אָדער פריילעך, נאָר אין דער ליד האָט מען ניט פאַרגעסן. צו די פאָלקסלידער זײַנען נאָכדעם צוגעקומען נײַע געזאַנגען, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאַכט.

טאַקע אין יענער צײַט איז אין שטעטל אַנט־שטאַנען דער ערשטער דראַמקרײַז אונטער דער אָנפירונג פון לייזער דעם שנײַדער. פונוואַנען האָבן זיך צו לייזערן גענומען קענטענישן אין הילכעס רעזשי, האָט קיינער ניט געוווּסט.

ווען מענטשן פלעגן נאָך א פאַרשטעלונג פרעגן בא לייזערן, וויאַזוי עס באקומט זיך בא אים אזא זשוואווער ספעקטאקל, פלעגט ער, קימאַט זיך ניט פאַרטראַכטנדיק, ענטפערן קורץ און שאַרף (קיין טעאָרעטיקער איז ער אוודאי ניט געווען):

— אלץ ווערט גענומען פונעם לעבן!

ווען דער דראַמקרײַז האָט צום ערשטן מאָל אופגעפירט מענדעלע מוכער־ספאָרימס „מאַסאָעס בינימין השלישי", האָבן נעכאַמעס עלטערע ברידער לייבל און באַרעך אויסגעפילט די הויפט־ראָלן אין דעם ספעקטאקל. לויט דעם, ווײַזט אויס, האָט נעכאַמקע, וועלכער עס איז דעמלט געגאַנגען דאָס זעקסטע יאָר, בא זיך געפויעלט, אז זי מעג, מײַסע מעכוטענעסטע, בײַזײַן אף אלע רעפעטיציעס.

לייזער האָט באמערקט די סטאַראַניעס פון דעם מיידעלע, האָט ער זי אויך אָנגעלאָדן מיט אן ארבעט. זי איז געווען א פלינקע און דרייסטע, פלעגט ער, ווען מע האָט באדאַרפט, שיקן זי צונויפרופן די ארטיסטן אף די רעפעטיציעס. אן אָפּגעברענטע פון דער זון, מיט באָרוועסע פיס, וואָס האָבן ניט מוירע געהאַט אָנצוטרעטן אף הערודקעס אָדער שטיינדעלעך, פלעגט זי לויפן פון שטוב צו שטוב רופן די ארבעטער־יוגנט אין קלוב אריַין. אָפּטמאָל פלעגט איר אויסקומען לויפן אפילע צו דער טשערעדע, ווײַל צווישן די ייִדישע פאַסטעכער זײַנען אויך געווען אָנטיילנעמער פונעם דראַמקרײַז.

איינמאָל האָט לייזער אריַינגעפירט אין איינער א סצענע א קינדער־ראָל, ספּעציעל פאַר נעכאַמקען. אף אזא גליק האָט דאָס מיידעלע זיך אוודאי ניט געריכט. אויך לייזער האָט אָנגעקוועלט פון פאַרגעניגן צו זען די ייִנגסטע פון זײַנע דערציגלינגען אף דער פּאָדאָבריאַנקער בינע.

וועגן נעכאַמעס פייִקייטן האָט ער ניט איין מאָל געשמועסט מיט אירע עלטערן.

זיבן קינדער זײַנען זיי געווען אין דער פאַמיליע — פיר ברידער און דרײַ שוועסטער. אלע געזונטע, ווזקסיקע. און זיי האָבן טאקע געהאַט אין וועמען געראָטן צו זײַן: ווילט איר — אין זייער מאַמען סטערנע־ליבע, וועלכע האָט געשעמט אין פּאָדאָבריאַנקע ווי א ייִדענע א יעפאַסטויאַר, דערצו נאָך מיט א טאַלאַנט צום זינגען; און ווילט איר — אין זייער טאַטן וועלוול — וועליע דעם שוסטער — א קלוגן און שטאַלטנעם ייִדן, אן אָרנטלעכן באַלמעלאָכע. נעכאַמע, פלעגן מענטשן זאָגן, איז געווען מער ענלעך אפן טאַטן, וועלכן זי האָט זייער ליב געהאַט און באַזונדערס געאַכטעט.

פון פּאָדאָבריאַנקע — קיין מאָסקווע

אין סאָף פון די 20־ער יאָרן האָבן מענטשן פון פּראָווינץ זיך א ציִ געטאָן אין שטאָט אריַין, ווער צוליב אָנקומען לערנען זיך און ווער צוליב ארבעט אף די נײַ־בויונגען.

דער דאָזיקער שטראָם האָט אויך ניט אויסגעמיטן די סיראָטינס. כאָטש זיי זײַנען פון דאָר־דוירעס געווען אײַנגעוואָרצלט אין די געסעלעך פון פּאָדאָבריאַנקע, האָט אויך בא זיי דאָס אײַז זיך א ריר געטאָן. זיי האָבן פאַר זיך אויסגעקליבן האָמעל — די סאמע נאָענטסטע פאַר זיי שטאָט. פאַרבליבן איז אין פּאָדאָבריאַנקע בלויז איין אָפּצווײַג פון די נאַדאַנס — געדרשן סיראָטין מיט זײַן מישפּאָכע, נעכאַמעס פעטער, וועלכער איז אין יענע יאָרן געווען דער ערשטער פּאָרזיצער פון א געמישטן ווײַסרוסיש־ייִדישן קאָלווירט.

אין האָמעל האָט נעכאַמע אלץ אופגענומען מיט נײַגער. גאַסן און געסעלעך — אָן א שיר. פילשטאָקיקע שולן, א באַזונדערע געבײַדע פאַרן פּיאָנערן־הויז, א ספּאָרט־זאַל פול מיט ליכט, קלובן און, דעריקער, בא יעדן פון זיי איז געווען א דראַמקרײַז.

די שול, ווו נעכאַמע האָט זיך אָנגעהויבן לערנען, האָט געטראָגן לענינס נאָמען. אהין פלעגן קומען צוגאַסט ייִדישע און ווײַסרוסישע שרײַבער, ארטיסטן. ניט איין מאָל זײַנען דאָרט ארויסגעטראָטן איזי כאַריק, מוישע קולבאַק, דער יונגער מוישע טייף. אין 1933, ווען נעכאַמע איז שוין געווען א שילערן פונעם זיבעטן ארויסלאָז־קלאַס, איז קיין האָמעל ארויפגעקומען דער מינסקער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער, וועלכער האָט גלײַכצײַטיק געמאָלדן אן אופנאָם אין זײַן סטודיע.

צום ערשטן מאָל אין לעבן איז סיראָטינע געשטאַנען פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער. צווישן די עקזאַמענאַטאָרן זײַנען געווען די פּירנדיקע אַקטיאָרן יעהודיס אראָנטשיק, אווראָם טרעפּעל, מיכאיל סאָקאָל. וואָס וועט זי פאַר זיי באַווײַזן? אײַ, ווי זי וואָלט איצט געדאַרפט האָבן לעבן זיך איר ערשטן רעזשיסער לייזער דעם שנײַדער פון פּאָדאָבריאַנקע...

מע האָט זי געפרעגט, אין וועלכן קלאַס זי לערנט זיך.

— אין זיבעטן.

— איז אָט, ווען דו וועסט, מיידעלע, פאַרענדיקן די שול, וועסטו קומען צו אונדז.

אן ערעך אין א יאָר ארום, אין מײַ 1934, איז אין מינסק פאַרגעקומען א רעפּובליקאַנישער פּיאָנערן־צונויפלײַ. נעכאַמע איז דעלעגירט געוואָרן אלס אָנטיילנעמערן אינעם קאָנקורס פון קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט. פאַר פאַרלייענען ייִדישע דיכטונג האָט מען איר צוגעמישפּעט דאָס ערשטע אָרט, און וועגן די רעזולטאַטן פונעם קאָנקורס איז געמאָלדן געוואָרן אין דער רעפּובליקאַנישער ראַדיאָ.

ווען עס קומען פאַר געשעענישן, גייען זיי איינע נאָך דער אנדערער. אינגיכן איז ארויס א קלאַנג, אז קיין האָמעל איז געקומען צו פאָרן שלוימע מיכאָעלס, און ער וועט פערזענלעך אופנעמען יוגנטלעכע אין דער מאָסקווער טעאַטראַלער סטודיע. ייִנגלעך און מיידלעך זײַנען געלאָפן צום קלוב, ווו עס איז פאָרגעקומען די רעגיסטראַציע צו די עקזאַמענעס.

אינעם צושויער־זאל בא א טישל איז געזעסן מיכאָעלס. ווען די ריי איז דערגאַנגען צו נעכאמען, האָט מיכאָעלס זי געפרעגט:

— נו, און וואָס קענסטו?

— אַלץ!

— א טשיקאַווע מיידל... לייען עפּעס...

ווען אין דער היים האָט מען זיך דערוווּסט, אז נעכאמע איז אָנגענומען געוואָרן אין דער מאָסקווער טעאטראַלער סטודיע און זי וועט אַפּאַנעמעסן ווערן אַן אַרטיסטקע, האָט זיך געטאָן אַף טיש און אַף בענק.

— איך וועל עס ניט אויסהאַלטן! — האָט געשריִען סטערנע־ליבע צו וועליען. — וואָס הייסט מירן אָפּלאָזן אונדזערס א קינד אין אַזאַ ווײַטקײַט, און זי זאָל זיך נאָכדעם, כאָלילע, אַרומשלעפּן א הונגעריקע אין די בוידן, ווי שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן"?..

וועליע האָט זיך געסטאַרעט ווי ווײַט מעגלעך זי צו באַרויִקן:

— כ'בעט דיך, סטערנע־ליבע, וויין ניט און שרײַ ניט אַזוי. לאָמיר זיך מעיאַשעוו זײַן. אָט וועסטו זען, אַז מיר וועלן נאָך האָבן פון אונדזער נעכאַמקען נאַכעס.

און מע האָט נעכאמען אָנגעהויבן אויסריכטן אין וועג אַרײַן: באַשטאַט זי מיט אַן איבערגעניצעוועטן מאַנטל, מיט א נײַ קליידל, מיט א פּאָר שיך, וואָס דער טאַטע אירער האָט אַליין אויפגענייט, און מיט אַן אַלטער קאָרזינע, וועלכע מע האָט אָנגעפילט מיט עפּל, ווײַל מער איז ניט געווען וואָס אין איר אַרײַנצולייגן.

...פון דעמלט זײַנען אַדורך העכער דרײַ צענדליק יאָר.

נאָך די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס איז נעכאמע סיראָטינע געווען צווישן די, וועמען די דירעקציע פון דער סטודיע האָט איבערגעלאָזט אַף באַשטענדיקער אַרבעט אינעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

אינגיכן הייבט אָן סיראָטינעס נאָמען זיך צו באַווײַזן אַף די אַפישן פונעם טעאַטער. זי פירט אויס א ריי ראָלן: סאָרע־בראָכע — אין שאָלעם־אַלייכעמס „בלאָנדזנדע שטערן", באַסיע — אין גאָלדפאַדענס „די קישעפמאַכערן", סאָרעלע — אין פּערעצעס „כאַסענע געהאַט", באַסיע די בלינדע — אין מענדעלע מויכער־ספאָרימס „פישקע דער קרומער"...

אינגאַנצן נײַנצן יאָר איז נעכאמע סיראָטינע אַלט געווען, ווען זי האָט געשפּילט קאַטרין אין יאַקאָבסאָנס „צוויי לאַגערן", די ראַדיסטקע וואַליע אין י. דאָברושינס „א וווּנדערלעכע געשיכטע", דאָס געשטאַלט פון אַן אַלטער פרוי שיינדל אין מאַרקישעס פּיעסע „מאָלצײַט". א באַזונדערן דערפאָלג האָט זי געהאַט אין דער סצענע באַם ליכט־בענטשן, ווען שיינדל פאַרבאַהאַלט די רויטע פאָן, בייס עס דערנעענטערן זיך די ווײַסגוואַרדייער.

דאָ וועט עפשער זײַן ניט איבעריק צו דערציילן וועגן נאָך איין עפּיזאָד פון נעכאמע סי־

נ. סיראָטינע — שיינדל
אין פּערעץ מאַרקישעס „מאָלצײַט"

ראָטינעס שוישפּילערישער טעטיקײַט — וועגן איר ערשטער אומדערוואַרטער אַרויסטרעטונג צוזאַמען מיט מיכאָעלסן אינעם ספּעקטאַקל „טעוויע דער מילכיקער".

דאָס איז געווען אין טאַשקענט, אין 1942. עס האָט פּאַסירט, אַז פּונקט פאַרן שפּילן, ווען די בילעטן זײַנען שוין געווען אויסגעפאַרקויפט, איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן די אויסשפּילערן פון דער ראָל פון טעוויעס טאָכטער כאַווע. פאַרבײַטן די קראַנקע אַקטריסע איז אויסגעפאַלן אַף נעכאמע סיראָטינע.

דער ספּעקטאַקל האָט זיך אָנגעהויבן. נעכאַמען האָט זיך דעמלט אויסגעוויזן, אַז די צײַט לויפט גיכער, ווי געוויינלעך... און אָט באַווײַזט זי זיך אינמיטן דער בינע — בייס דער ערשטער באַגעגעניש מיט מיכאָעלסן אין דער סצענע, ווען כאַווע דערציילט טעוויען, ווער עס איז אַזוינס פעדקע, זײַן כאַראַקטער, זײַנע מײַלעס.

„— טאַטע, — ווענדט זי זיך צו טעוויען, קוקנדיק אַף אים מיט א פּאָר טרוימערישע בלישטשענדיקע אויגן. — פעדקע איז א מענטש, וואָס קאָטאָרי... פעדקע, איז שיר ניט דער צווייטער גאָרקי..."

און גלײַך קומט איר אויף אפן געדאַנק, וויאַזוי זי וועט רעאַגירן אַף טעוויעס רעפּליקע — „ווערזשע איז געווען דער ערשטער גאָרקי" — און

ווי אַזוי זי וועט נאָכדעם זיך האַלטן אין דער סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכסטער מיזאַנסצענע, וועלכע פאַרענדיקט זיך מיט אַ קאָנפליקט צווישן טעוויען און כאַווען.

זי האָט, ווײַזט אויס, אַליין ניט באַמערקט, ווי מיכאָעלס, איר לערער, האָט אין גאַנג פונעם ספּעקטאַקל פון איר קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט, אויפמערקנדיק יעדעס וואָרט אירס, יעדע פּראַזע. דער גרויסער בינע־מײַסטער האָט געפילט די אָנשטרענגונג און די איבערלעבונגען פון דער אָנפאַנגערן אין יענעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר איר אויפטריט.

נאָכן ספּעקטאַקל האָט אָף דער בינע זיך אופגעהויבן יעכעזקל דאָברושין. מיכאָעלס איז נאָך געווען אין גרים. אָנשפּאַרנדיק זיך אָפן שטעקן, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט צעשיידט, האָט דאָברושין געזאָגט:

— יאָ, סאָלאָמאָן מיכײַלאָוויטש, אין דער יונגער שוישפּילערן האָט מען הײַנט דערפילט עפּעס אַ באַזונדערס פרישן אָטעם, אַ שטאַרקע קראַפט.

אין דער היפשער צאָל ראָלן, וואָס סיראָטינע האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעפילט, האָט זיך געשפּירט אַ שטרעבונג שטענדיק אויסצוברייטערן דעם דיאַפּאַזאָן פון די סצענישע געשטאַלטן. און דאָס האָט זיך סיראָטינען אײַנגעגעבן, סײַ אַדאַנק דעם אייגנאַרטיקן און דורכגעטראַכטן צוגאַנג צו דער ראָל, סײַ אַדאַנק די קינסטלערישע מיטלען, וועלכע זי האָט גענוצט, קעדיי אויספורעמען אַ געשטאַלט, וואָס זאָל זײַן אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פאַרשטעלונג.

איינע פון נעכאָמע סיראָטינעס באַדײַטנדיקסטע כאַראַקטער־ראָלן איז געווען די געטאָקעמפערן וויגדע — דער הויפּט־פּערסאָנאַזש אין פּערעץ מאַרקישעס פּיעסע „אַן אויג פאַר אַן אויג", ווו די אַקטריסע האָט געשילדערט אַ פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פון אַ העלדישער פרוי מיט אַ לײַדנשאַפטלעכער און שרעקלאָזער נאַטור — אַ מין לאַורענסיע, וועלכע איז גרייט אויסצושטיין די שווערסטע ניסיינעס און אפילע גיין אָף קידעשהאַשעם, פאַרטיידיקנדיק דעם מענטשן און די מענטשן־ווירדע.

צוויי געשטאַלטן

גרויס איז געווען סיראָטינעס דערפאָלג אויך אין צוויי נײַע, אייגנטימלעכע בלויז פאַר איר, העראָיש־דראַמאַטישע געשטאַלטן, וועלכע זי האָט שפּעטער געשאַפן: נוימי אין לערמאָנטאָווס דראַמע „די שפּאַניער", אופגעפירט דורכן מאָסקווער גאָסעט אין 1940, און די צווייטע ראָל אונטער דעם זעלבן נאָמען אין מאַרקישעס פּיעסע „דער אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", וועלכע דער טעאַטער האָט געשטעלט אינגיכן נאָכן זיג פון דער סאָוועטישער אַרמיי איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד.

אין „די שפּאַניער", ווי באַוווּסט, שילדערט לערמאָנטאָוו די פּראָבלעמען פון סאָציאַלן אומרעכט און נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. אין דער פּערזאָן פון דער ייִדישער טאָכטער נוימי דריקט אויס דער רוסישער פּאָעט זײַן פּראָטעסט קעגן די רעדיפעס פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. אָבער אַפילע אין די פינצטערע צײַטן פון מיטלאַלטער באַווײַזט לערמאָנטאָוו מענטשן מיט הומאַניסטישע געפילן — אַזעלכע, לעמאָשל, ווי דער קריסט פערנאַנדאָ, וועלכער ראַטעוועט פון די אינקוויזיטאָרישע הענט נוימיס פאָטער, מוישען. די פילבאַרע נוימי זיצט נאָכדעם גאַנצענע נעכט באַם געלעגער פונעם קראַנקן פערנאַנדאָ, וועמען דעם קאַרדינאַל סאָריניס באַנדיטן האָבן שווער פאַרוווּנדעט.

נוימי (סיראָטינע) און פערנאַנדאָ (גערטנער) אין לערמאָנטאָווס דראַמע „די שפּאַניער"

אין דער פּרעסע איז באַזונדערס אָפּגעמערקט געוואָרן די סאָציאַלע און קינסטלערישע ווערט פון דעם ספּעקטאַקל (רעזשי פון א. קראָל, דעקאָראַציעס פון ראָבערט פאַלק). וואָס שײַעך דער אויספילונג פון באַזונדערע ראָלן, איז געזאָגט געוואָרן, אַז נ. סיראָטינע האָט דערהויבן איר נוימי צו דער מאַדרייגע פון הויכן דראַמאַטיזם.

מאַרקישעס נוימי איז דאָס געשטאַלט פון א פּאַרטיזאַנערן — א ווידערשטענדלערן, וועלכע האָט צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אסירים זיך אַרויסגעריסן פון די געטאָ־פּענטעס און זיך אײַנגעשלאָסן אינעם אָפּענעם קאַמף קעגן פאַשיזם.

אין איינער פון די סצענעס פון דער דראַמע שרײַט אויס נוימי:

— כ׳וויל ניט, אַז דער פאַשיסטישער קאַט זאָל אָפּשערן בײַ אונדז די צעפּ און אָנשטאָפּן מיט זיי מאַטראַצן!

די דאָזיקע ווערטער ברענגט אַרויס סיראָטינע — נוימי מיט אַזאַ אינערלעכער, איבערצײַגעוודיקער קראַפט, גלײַך זי וואָלט אין אָט דעם פאַל געשפּילט זיך אַליין.

פאַר נעכאַמע סיראָטינע זײַנען די צוויי ספּעקטאַקלען באַזונדערס וויכטיק, זי האָט אין זיי דערזען אַן איבערוף פון צײַטן ניט נאָר לויט די איבערלעבונגען, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין זיי, נאָר אויך לויטן כאַראַקטער פון די געשעענישן און פון די געשטאַלטן, כאָטש עס ליגט צווישן די צוויי דראַמעס גאָר א גרויסער צײַט־אָפּשניט.

טראַדיציעס פון הויכער רעאַליסטישער קונסט

די לעצטע יאָרן אַרבעט נעכאַמע סיראָטינע אינעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל — א טעאַטער־קאָלעקטיוו, וואָס איז געבליבן טרײַ די טראַדיציעס פונעם מאָסקווער גאָסעט.

איינע פון די ערשטע ראָלן, וואָס נעכאַמע סיראָטינע האָט אויסגעפּילט אין דראַמאַטישן אַנסאַמבל, איז די פּאָקאָיאָווע נאַטאַשע אין יאַקאָוו גאָרדינס פּיעסע „קרייצער־סאָנאַטע" („איבערן אָקעאַן"). אין דער פּערזאָן פון נאַטאַשען שאַפט סיראָטינע אַן אויסדריקלעך געשטאַלט פון א גוטהאַרציקער רוסישער פרוי, וועלכע איז שוין ווער ווייסט פון וויפל יאָרן פאַרבונדן מיטן הויזגעזינד, ווו די האַנדלונג קומט פאָר.

א פּראָסטע, אָבער באַצײַנט מיט פאָלקס־כאָכמע און מיט איבערגעגעבנקײַט צום מענטשן, באַמערקט נאַטאַשע אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין פרידלענדערס האַלב־אינטעליגענטישער פאַמיליע. זי איז גרייט אַלעמען העלפן, באַזונדערס פרידלענדערס עלטערער טאָכטער, דער אומגליקלעכער עטיען, וועלכע זי האָט אויסגעניאַנטשעט אויף אירע הענט.

די קלייַנבירגערלעך־בורזשואַזע פּסיכאָלאָגיע און דאָס בייזע, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער דאָזיקער סוויווע, דערפירן די מישפּאָכע פרידלענדער צו א פולן קראַך. ראַפאַיל פרידלענדער פאַרלירט אין דער „פרײַער" אַמעריקע אַלץ — די פירמע, דאָס רויִקע פאַמיליען־לעבן, די ייִנגסטע טאָכטער ציליע. איצט דאַרף ער שוין מער גאָרניט, ער האַלט בלויז אין איין טרוימען וועגן רוסלאַנד, וועגן דער היים, וועלכע ער האָט אַזוי זינלאָז פאַרלאָזט. א צעבראָכענער און קראַנקער קערט ער זיך אום קיין קרעמענטשוק. נאַטאַשע בלײַבט ביזן סאָף טרײַ פרידלענדערן, עטיען און אַלבערטן, פרידלענדערס אייניקל — דעם פאָרשטייער פונעם נײַעם דאָר.

גאָר אַן אַנדער געשטאַלט שילדערט נעכאַמע סיראָטינע אין טעוויע דעם מילכיקערס גאָלדע. נאַטאַשע איז בלויז א באָאַבאַכטערן, א מיטפּילערן פון פרעמדע דײַגעס. דאָ אָבער, אין שאָלעם־אַליכעם־ספּעקטאַקל, שילדערט סיראָטינע גאָלדען ווי א פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט פון א פּראָסטער ייִדישער פרוי, וואָס פאַרשטייט עפּשער ניט שטענדיק איר טעוויען, דעם באַרדאַס און קלוגן האָרעפּאַשניק. זי פילט אָבער צוזאַמען מיט אים דעם אָל פון דער שטוב, די צאָרעס אוןליידן, וואָס רוקן זיך אויף איר אָן. די צעשיידונג מיט האָדלען, וועלכע לאָזט זיך אין ווײַטן וועג אַרײַן צו פאַרטשיקן אין פאַרשיקונג, לעבט זי איבער ווייטעקלעכער פון אַלעמען — אַזאַ איז זי לויטן כאַראַקטער, גאָלדע־סערדצע. באַזונדערס איז זי שטוביק־היימיש אינעם ערשטן אַקט, ווען, א רויִקע און פאַרטאָנענע אין די אינדערוואָכעדיקע זאָרגן, באַוויַזט זי זיך מיט איר הילצערן פּוטער־שטייסל אין די הענט:

— מע שלאָגט און מע שלאָגט, און קיין פּוטער זעט מען ניט.

די רעפּליק רופט אַרויס בײַם צושויער ניט נאָר א שמייכל, נאָר אויך מיטגעפיל. און ווער געדענקט ניט די גלענצנדיקע מיזאַנסצענע פון טעוויעס כאָלעם (אין דראַמאַטישן אַנסאַמבל שפּילט די ראָל פון טעוויען דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון רספסר בינִיאָמין שוואַרצער), ווען די אויפמערקזאַמקײַט פונעם צושויער־זאַל איז אינגאַנצן צוגעשמידט צו דער בינע, און גאָלדע פאַרקערפּערט אין אָט דעם מאָמענט סײַ דאָס רירנדיק־האַרציקע, סײַ די נאַיִווע בעניִמעסדיקײַט פון דער קימאַט אינגאַנצן אײַנגעבראָכענער פון צאָרעס און ליידן מוטער.

און, לעצטנס, די טראַגיש־דראַמאַטישע סצענע, וועלכע סיראָטינע פירט דורך מײַסטעריש, ווען גאָלדע האַלט בײַם שטאַרבן, באַוועגנדיק זיך איינע אַליין אין טויט־אַנגסטן איבער דער בינע. אָט וואַרפט זי פון זיך אַראָפּ דאָס שאַלעכל פונעם קאָפּ, אָט ווערט איר הייס און דושנע. סיראָטינע — גאָלדע דערמאָנט צום לעצטן מאָל די נעמען פון אירע טעכטער, דעם נאָמען „טעוויע". א בלאַסע האַנט פאַלט צו דער ערד — דער לעצטער אַקאָרד אין דער ראָל.

נ. סיראָטינע — גאָלדע אין „טעוויע דער מילכיקער"

איר צווייטער באַרוף

ווען מיר רעדן וועגן נעכאמע סיראָטינע דאַרפן מיר דערציילן אויך וועגן אירע געלונגענע פּרוּוון אין געביט פון ליטעראַטור. מיר האָבן דאָ אין זינען אירע לירישע אויטאָביאָגראַפישע נאָוועלעס, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" — א רעזולטאַט פון איר ליטעראַרישער שאַפונג, וואָס איז געוואָרן איר צווייטער באַרוף אין דער קונסט.

אין די אָפּרו־טעג אָדער אין די שאָען, ווען זי איז פרײַ פון רעפּעטיציעס, קאָן מען זי טרעפן באַם שרײַבטיש איינע אליין מיט אירע אײַנדרוקן פון אָן א שיר גאַסטראָל־רײַזעס, פאַרשריבענע אין וועג אין א באַזונדער נאָטיץ־ביכל.

אין אָט די שאָען ווערן געבוירן קורצע נאָוועלעס וועגן טעאַטער, וועגן באַגעגענישן מיט מענטשן. די נאַטור־בילדער כאַפּט אויף סיראָטינע מיט די אויגן פון א מאָלער. „איך האָב דאַפקע ליב, — שרײַבט זי אין איינער א נאָוועלע, — ווען אויפן הימל זײַנען דאָ וואָלקנס און וואָלקנדלעך, כ'האָב ליב מיט זיי פאַרברענגען, ארײַנדרינגען אין זייער לעבן, לאַנג־לאַנג אויף זיי קוקן, אויספאַנטאַזירנדיק אין זיי גרויסע מויערן, וועלדער, בערג, אַלערליי כײַעס און אַפילע מענטשן..."

נעכאמע סיראָטינע האָט ליב צו באַאָבאַכטן, דעריבער האָט זי וואָס צו דערציילן. אין וועלכער שטאָט זי זאָל ניט קומען מיטן אַנסאַמבל, אויב עס בלײַבט נאָר צײַט ביזן אָנהייב פונעם ספּעקטאַקל, לאָזט זי זיך אַוועק אין א שפּאַציר, אַמאָל אליין, אַמאָל מיט אירע קאָלעגן. דאָס באַגײַסטערט זי. אין איין שטאָט שפּיגלט זי זיך אין די היסטאָרישע דענקמעלער, אין אַן אַנדער שטאָט פאַרקריצט זיך אין זיכּאָרן א נײַער מיקראָ־ראַיאָן, וועלכער האָט זיך צעשפּרייט לענגויס דעם יאַם־ברעג, און די אַסימעטריש־פאַנאַנדערגעוואָרפענע בלומען־בייטן אינעם פּאַרק זעען אויס ווי „בוקעטן פאַרשיידנקאָליריקע פײַערן בײַס א סאַליוט".

זי שרײַבט:

„אַז דו קוקסט אויף דער דאָזיקער שיינקײַט, ווערסט אַזוי גוט אויף דער נעשאָמע, דו פאַרגעסט אין אַלע דײַגעס און זאָרגן, טראָגסט זיך אַוועק אין אַן אַנדער וועלט. ניט ווילנדיק ווענדן זיך די געדאַנקען צו דער פאַרגאַנגענהײַט, צו דעם דורכגעמאַכטן וועג, וועלכער איז געווען ניט קיין לײַכטער — ס'איז געווען מילכאָמע אויף דער וועלט"...

און עס שווימען אויף בילדער פון יענע צײַטן. מיליטערישע אָבאָזן. מענטשן פון פראָנט — שטרענגע, מידע, אויסגעמאַטערטע פון די שלאַכטן. זי זעט צווישן זיי אויך איר מאַן, דעם יונגן באָכער פּישל לאַכמאַן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט איר פאַרענדיקט די טעאַטראַלע סטודיע און איז גלײַך אַוועק אויפן פראָנט, אירע אייגענע — דערמאָרדעטע אין די היטלעריסטישע לאַגערן.

...אונדזער געמיטלעכן שמועס מיט דער שוישפּילערן האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן א קלונג אין טעלעפאָן.

נעכאמע סיראָטינע דערקלערט מיר:

— ווידער אין וועג אַרײַן. א נײַע גאַסטראָל־רײַזע.

נעכאמע איז צופרידן. נײַע רײַזעס — נײַע אײַנדרוקן. באַזונדערס איז זי צופרידן, וואָס די גאַסטראָלן הייבן זיך אָן מיט דער פּרעמיערע פונעם ספּעקטאַקל לויט שאָלעם־אַלייכעמס „דער פאַרקישעפטער שנײַדער", אין וועלכן זי איז פאַרטראָטן מיט א נײַער ראָל.

אין דרויסן איז סאָף פעוורואַל. עס שמעקט שוין מיט פרילינג. די זון וואַרעמט אונטער. די אויפגעוואַכטע בערעזעס האָבן אָנגעהויבן טרײַבן זייער לויטערן זאַפט.

נעכאַמען איז גוט אויפן האַרצן. אין מאַרט איז איר געבורטסטאָג. פינף און פופציק יאָר, און קימאַט פערציק פון זיי האָט זי געלעבט אויף דער בינע.

ווינטשן מיר איר טאַקע א גליקלעכע רײַזע. פיל געזונטע, שעפערישע יאָרן און, פאַרשטייט זיך, נײַע ראָלן אין ייִדישן סאָוועטישן טעאַטער.

■ ■ ■

פרידע ראסקין

מוזיקאלישע גראפיק

לייַכט פורעמט אויס דעם קינסטלערס פען די סילועטן פון א פידלער און פון א וויִאָלאָנטשעליסט. די ליניעס שאפן בייגעוודיקע, ווי סטרונעס אָנגעצויגענע פיגורן פון צוויי מוזיקאנטן, וועלכע האָבן זיך אין באגייַסטערטן עקסטאז קימאט ווי צונויפגעגאָסן מיט די אינסטרומענטן. פלאסטישע אויסדריקלעכקייַט פונעם געמעל, טרעפלעכע קאָמפּאָזיציִאָנעלע לייזונג שאפן די עמפינדונג פון מוזיק אין דער גראפיק. די דאָזיקע גראפישע ליד („ייִדל מיטן פידל”) איז א געמעל פונעם קינסטלער הערש אינגער און זי געהער צו דעם ציקל גראפישע ווערק, וועלכן דער מאָלער האָט באצייכנט מיט דעם אלגעמיינעם נאָמען „ייִדישע פאָלקס-לידער” (1972).

אין אָט דער גראפישער סעריע האָט זיך בוילעט פארקערפערט אינגערס שעפערישער אני־מייַמין: ניט זוכן קיין לייַכטע וועגן, ניט רעדוצירן דאָס געמעל צו אייַנפאכער איליוסטרירונג פונעם אינהאלט פון דער ליד, נאָר דערטראָגן צום צושויער איר ריטם, איר טאָנאלקייַט, דערשלאָגן זיך, אז גופא די ליניעס פונעם גראפישן געמעל זאָלן „זינגען”.

די דאָזיקע איקערדיקע פלאסטישע אופגאבע, וועלכע ס׳האָט פאר זיך געשטעלט הערש אינגער, געפינט איר לייזונג אין דער גראפישער סעריע „בעטהאָווען”, וועלכע גייט דורך דורך אלע עטאפן פונעם קינסטלערס שאפן, ווי אן אייגנארטיקע „טעמע מיט וואריִאציעס”: אינעם ציקל, וואָס איז געווידמעט פאגאנינין, אין דער סעריע „ייִדישע פאָלקס-לידער”, אין די פילצאָליקע געמעלן, וועלכע זייַנען אָנגעווייט פון די ווערק פון די ייִדישע קלאסיקער און, לעסאָף, אינעם ציקל „טשארלי טשאפלין”, אין וועלכן עס לאָזן זיך הערן די טאנץ־ריטמען פון דער נאָרוואָס געבוירענער קלאנגען־קינאָ אין די דרייַסיקער יאָרן.

מוזיק און מאָלערייַ האָבן פון די פריִע קינדער־יאָרן באגלייט דעם קינסטלער הערש אינגער. ער איז געבוירן געוואָרן אין אָכרימאָווע, אוקראיִנע, אין 1910. פון פינף יאָר האָט ער אָנגעהויבן שפילן פידל. און ווי נאָר אין זייַנע הענט זייַנען ארייַנגעפאלן פארביקע בלייַערס, האָט ער שוין באפוצט מיט געמעלן אלע ווענט פונעם הויז, אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן. די ערשטע לעקציעס פון מאָלערייַ האָט דאָס ייִנגל באקומען בא דעם מאָלער פון שילדן אין אומאן, וווּהין זייַנע עלטערן זייַנען אריבערגעפאָרן.

אומאן איז דאן געווען א טיפיש ייִדיש שטעטל. אזוינע שטעטלעך זייַנען פארייביקט געוואָרן אף די לייַוונטן פון מארק שאגאל, נאטאן אלטמאן, טאנכום קאפלאן. נידעריקע הייַזעלעך, הארט צוגעטוליעטע איינס צום צווייטן, שמאָלע שמוציקע געסעלעך — וועמענס הארץ ווערט ניט פארקלעמט פון ווייטעק באם צוזען די דאָזיקע בילדער פונעם טכום־האמוישעוו אין צארישן רוסלאנד? אויך בא אינגערן טרעפן מיר אזוינע טרויעריקע זיכרוינעס פון דער פארגאנגענהייַט.

עס האָבן זיך פארהיט צוויי ארבעטן פון 1928 יאָר, ווו דער קינסטלער שילדערט דאָס אמאָליקע אומאן. שווארצע, פארייכערטע הייַזעלעך מיט אויסגעקרימטע דעכער און פיצינקע פענצטערלעך, אָפּגעבליאקעוועטע, נידעריקע, צו דער ערד געבויגענע פארקנדלעך; עס פעלט אויך ניט דאָס טיפישע פאר דעם אמאָליקן שטעטל געשטאלט פונעם וואסערפירער מיט זייַן מאָגערער קליאטשע, בא וועלכער עס איז ניט שווער איבערצוציילן יעדע ריפּ. שוין די דאָזיקע פריִע ווערק צייכענען זיך אויס מיט בילדערישקייַט און פלאסטישער קולטור. די דייַטלעכע מאָדעלירונג פון די געשטאלטן, די רעליעפקייַט פון די פאָרמען גיט צו די געמעלן (טעכניק: איטאליענישער בלייַער) דעם כאראקטער פון ליטאָגראפיעס.

אין אינגערס פריִע ארבעטן לאָזט זיך מערקן די ווירקונג פון דער אויסגעצייכנטער שול, וואָס דער קינסטלער האָט דורכגעמאכט אין דער יוגנט. אינגער האָט באקומען זייַן בילדונג אין דער קיִעווער אינדוסטריִעל־קינסטלערישער שול, מיט וועלכער ס׳האָט אָנגעפירט דער סקולפּטאָר מארק עפשטיין. אין מאָסקווע האָט אינגער זיך געלערנט בא די קינסטלער־פעדאגאָגן מיטוריטש, קראווטשענקאָ, יואָן.

באנאנד מיט דער טעמע פונעם ייִדישן שטעטל איז אין ערשטן פעריִאָד פון אינגערס שאפן אופגעקומען די בעטהאָווען־טעמע, וועלכע איז מיט דער צייַט געוואָרן איינע פון די צענטראלע אין זייַן שאפן.

דאָס ערשטע געמעל, געווידמעט בעטהאָווענען, איז געשאַפן געוואָרן אין 1930. דער קינסטלער איז דאַן נאָרוואָס איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. דאָס איז פאַר אים געווען א צײַט פון שטייגערישע שוועריקײַטן, קיין אייגענעם מאָלער־ווארשטאט האָט ער נאָך ניט געהאט. שאָענלאנג פלעגט ער פארברענגען אין דער ביבליאָטעק, און טאקע דאָ איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער בעטהאָווען־פּאָרטרעט. מיט אײנפאכע מיטלען (טוש, פען, בלײַער) האָט אינגער געשאַפן א גאָר געלונגענעם עסקיז.

דער פּאָרטרעט האָט שטארק נויסעכיין געווען בא א. וו. לונאטשארסקין. לויט זײַן באקאָשע האָט דער יונגער קינסטלער אָנגעהויבן באקומען א ספּעציעלע סטיפּענדיע, און דאָס האָט פארלײַכטערט זײַן שעפערישע ארבעט.

אין די ווײַטערדיקע ווערק פון דער בעטהאָווען־סעריע איז אינגערן געלונגען איבערצוזעצן אָף דער שפּראַך פון מאָלערישער קונסט די געשטאלטן פון דער מוזיק פונעם געניאַלן קאָמפּאָזיטאָר. מיר טרעפן דאָ סײַ דעם געשפּאנטן דראמאטיזם פון בעטהאָווענס סימפאָניעס, סײַ די אײַנגעהאלטענע שטורמישקײַט פון זײַנע לעצטע סאָנאטן, סײַ די ליכטיקע בלעטלעך פון זײַן ליריק, די טריבע טענער פון זײַנע טראגישע אנטפּלעקונגען.

די דאָזיקע גראפישע סעריע איז געשאַפן געוואָרן אין מעשעך פון יאָרצענדליקער, און ס׳מערקט זיך אין איר בוילעט דעם קינסטלערס דראנג צו פארפולקומונג. אויב אין די 50־ער יאָרן קאָן מען נאָך וו־ניט־ווו טרעפן אייניקע איבערפליסיקע דעטאלן, באמיט זיך אינגער אין זײַנע שפּעטערדיקע ארבעטן פולשטענדיק צו באפרײַען זיך פון „ליטעראַרישער דערציילערישקײַט“. די בעטהאָווען־פּאָרטרעטן, וועלכע ער שאַפט אין די 70־ער יאָרן, זײַנען שוין אין פלוג גאָר קיין פּאָרטרעטן ניט, זיי גייען ווײַט ארויס פון די ראמען פון דעם דאָזיקן זשאנער. נאטירלעך, ווערן אין זיי פארהיט די כאראקטערשטריכן פון בעטהאָווענס אויסערלעכן אויסזען, דערייקער אָבער ווערט דאָ פארקערפּערט אין דער גראַפיק אליין די מוזיק פונעם קאָמפּאָזיטאָר. דאָס געזיכט, די פיגור, דער הינטערגרונט זײַנען צעוויקלט אָף א ברייטן דיאפּאזאָן פון פארשיידנארטיקע גראדאציעס פון שווארצע און גרויע טענער, וועלכע שלאָגן זיך ערטערווײַז איבער מיט אומרויִקע בליקן פון ווײַסער פארב. דער צוזאמענשטויס פון פענדזלשטריכן און פלעקן שאַפט די געשפּאנטקײַט פונעם גראפישן בויגן. עס דאכט זיך, אז אלץ איז דורכגעדרונגען מיט געראנגל פון געפילן און לײַדנשאַפטן, וואָס איז אייגנטימלעך דער בעטהאָווענישער מוזיק.

אויב אין די בויגנס פון דער דאָזיקער סעריע מײַדט דער קינסטלער אויס דינאמישע זשעסטן און פּאָזעס, קעדיי מיט דער הילף פון אויסערלעכער אײַנגעהאלטנקײַט טיפער צו באטאָנען די קראַפט פון דער אינערלעכער שפּאנונג, ווערט אינעם ציקל „פּאַגאניני“ געגעבן אן אנדער קינסטלערישע לייזונג. אינגערס פּאַגאניני איז די פארקערפּערונג פון איין גרויסן צוימלאָזן עקסטאטישן שווונג. דער ווירטואָז דערשײַנט אלס „דער וואמפּיר מיט דעם פידל אין דער האנט“, ווי עס האָט אים טרעפלעך אָנגערופן הענריך היינע אין זײַנע בארימטע „פלאָרענטינישע נעכט“. פּאַגאניניס געזיכט־שטריכן באצויבערן און שטויסן אָפּ גלײַכצײַטיק, זײַנע אויגן דריקן אויס אי וואנזיניקע פארצווייפלונג, אי זיגערישן טריומף. זײַן בייגעוודיקע, עטוואָס פלומפּע פיגור איז געגעבן אין באוועגונג, זײַנע הענט מיט די לאנגע אויסגעבויגענע פינגער זײַנען, דאכט זיך, ספּעציעל געשאַפן צוליב דעם, זיי זאָלן ארויסברענגען קלאנגען פון א בעעמעס טײַוולאָנישער קראַפט. די דאָזיקע אופאסונג ווערט פארשטארקט דורך דעם קאמף צווישן טיפע שאָטנס מיט ליכט־אופבליצן און דורך דער אומרויִקער, וויברירנדיקער גראפישער אויבערפלאַך, וואָס איז דורכויס געבויט אָף נערוויייִש־געבראָכענע שטריכן.

סײַ די סעריע „פּאַגאניני“, סײַ די סעריע „בעטהאָווען“ שטעלן מיט זיך פאָר קוידעמקאָל „קלינגענדיקע גראפיק“. גלײַכצײַטיק זײַנען זיי אָבער אויך אייגנארטיקע פּאָרטרעט־וואריִאציעס. עס זײַנען דאָ בא אינגערן אויך ווערק, וואָס געהערן דירעקט צום פּאָרטרעט־זשאנער. טשעכאָוו און דאָסטאָיעווסקי, וואגנער, שאָסטאקאָוויטש, אויסטראך. די פּאָרטרעטן פון מאָלער — אינגערס מיטצײַטלער — צייכענען זיך אויס מיט פּסיכאָלאָגישער שארפקײַט, אָריגינעלקײַט פון דער פאָרם. דאָך טראָגט דער פּאָרטרעטן־זשאנער אין אינגערס שאַפן אן עפּיזאָדישן כאראקטער.

א באשטימטן עטאַפּ אין אינגערס שאַפן האָבן געבילדעט די גראפישע ווערק, וואָס זײַנען אופגעקומען אונטער דער ווירקונג פון דער ייִדישער קלאסישער ליטעראטור. באזונדערס נאָענט איז דעם קינסטלער די געשטאלטן־וועלט פון שאָלעם־אליינכעמס ווערק. אינגער האָט געשאַפן א גרויסע צאָל איליוסטראציעס צו שאָלעם־אליינכעמס שאפונגען. נאָכפאָלגנדיק דעם גרויסן פאָלקס־שרײַבער, שילדערט דער קינסטלער א מענגע מענטשלעכע כאראקטערן און שיקזאלן. ער באמיט זיך צו רעסטאווורירן די אטמאָספער פון קאסרילעווקע. אין שאָלעם־אליינכעמס גײַסט זעטיקט ער אָן זײַנע צייכענונגען מיט הומאָריסטישע אינטאָנאציעס, מיט „געלעכטער דורך טרערן“. עס פעלן אויך ניט סאטירישע טענער. מיט א פײַנעם רעזשיסערישן כוש בויט ער אויס רעליעפע גראפישע מיזאנסצענעס, אין וועלכע „ס׳ריידן“ ניט נאָר די געזיכטער, נאָר אויך די אויסדריקלעכע סילועטן, פּאָזעס, טעמפעראמענטפולע זשעסטן. ווען מע קוקט זיך גוט אײַן אין די דאָזיקע בונטע בילדלעך פונעם ייִדישן שטעטלדיקן פאָלקס־לעבן, דאכט זיך, אז עס הערן זיך די לעבעדיקע רייד פון די פּערסאָנאזשן, וועלכע זײַנען פול מיט פארביטערטע קלאָלעס און פעפערדיקע וויצן און ווערטלעך.

שטילערע אינטאָנאציעס לאָזן זיך מערקן אין די בויגנס, וועלכע איליוסטרירן שאָלעם־אליינכעמס קינדער־דערציילונגען. זיי זײַנען אָפט באהויכט מיט א שטילן טרויער. אָט זעען מיר דעם העלד פונעם „פארשטערטן פּייסעך“ מיט זײַן טיפן קינדערשן צאַר איבער דעם יאָמטעוו, וואָס איז פארשטערט געוואָרן, אָט דערשײַנען פאַר אונדז די „דרײַ קעפּלעך“ מיט זייערע נײַגעריקע אייגעלעך, ברייט־געעפנטע פאַר דער וועלט, וועלכע איז פאַר זיי געשלאָסן... די ראַמען פונעם פענצטער, פון וועלכן זיי קוקן ארויס, ווערן אופגעפאסט ווי אײַזערנע גראטעס פון א פינצטערער טפיסע. און אָט איז א בויגן פון א גאָר אנדערער עמאָציאָנעלער באַפארבונג: א כאליאסטרע

קינסטלער הערש אינגער

(זע דאָס ארטיקל אף ז. 143)

איליוסטראציע צו י.־ל. פערעצעס דערציילונג „דער מעשוגענער באטלען”

א געסל אין אומאן, 1928.

ליודוויג וואן בעטהאָווען

פּאָרטרעט פון א קינסטלערן



ניקאָלאָ פּאַגאַניני, 1955.

פון דער סעריע „ייִדישע פאָלקסלידער":

„בין איך מיר א שנײַדערל"

„טיף אין וועלדעלע".



קונדייסים איזדיעקוועט זיך איבער א נעבעכדיקער, מאַגערער בידנער קליאַטשע („מעסושעלאַך”).

אינגער האָט אויך געשאַפן איליוסטראַציעס צו „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס”, צום „פאַרקישעפטן שנײַדער”, „טעוויע דעם מילכיקן” און „סטעמפּעניו”. דער קינסטלער באַמיט זיך איבערצוגעבן דעם עמאָציאָנעלן גײַסט פון די ליטעראַרישע געשטאַלטן. אין די געמעלן צו „סטעמפּעניו”, לעמאָשל, ווערט אונטערגעשטראָכן דער לייטמאָטיוו פונעם ראָמאַן: די צויבער־קראַפט פון דער מוזיק, וועלכע באַהערשט מענטשלעכע הערצער. אינגער סטאַרעט זיך דערטראָגן צום צושויער די באַגאַבונג פונעם מוזיקער, די צויבער־קלאַנגען פון זײַן פידל. אַנדערע, מער „ערדישע”, זײַנען די פאַרבן אין דער טראַקטירונג פון די געשטאַלטן פון „טעוויע דעם מילכיקן”. דער קינסטלער גייט איבער פון שטייגערישע סצענעס, וועלכע שילדערן די פאַמיליען־געשיכטע פון טעוויע דעם מילכיקן, צו טיפערע קינסטלערישע פאַראַלגעמיינערונגען. עס באַקומט זיך א ברייטע פּאַנאָראַמע פונעם ייִדישן פאָלקס־לעבן.

די עפּישע דערהויבנקײַט פון די געשטאַלטן אין דער גראַפישער סעריע „טעוויע דער מילכיקער” ברענגט מיט זיך די אַנטשפּרעכיקע פּלאַסטישע לייזונג. אינגער שטרעבט דאָ צו מאָנומענטאַלער פאָרם. ער מײַדט באַוווּסטזיניק אויס וויניק באַדײַטנדיקע עפּיזאָדן, שטייגערישע באַשרײַבונגען. די פּערסאָנאַזשן פון „טעוויע דעם מילכיקן” זײַנען געצייכנט מיט ברייטע פענדזל־שטריכן און פאַרמאָגן שאַרפע פּסיכאָלאָגישע כאַראַקטעריסטיקעס. מיט א באַזונדערס בוילעטער פּסיכאָלאָגישער באַאַרבעטונג איז טראַקטירט דאָס טעוויע־געשטאַלט, וואָס איז באַשאַנקען מיט שטריכן פון א העלד פון נאַציאָנאַלן עפּאָס.

אינגערס טעוויע איז געגעבן אַלס א פאַראַלגעמיינערט געשטאַלט, וואָס פאַרקערפּערט די גײַסטיקע קראַפט פונעם פאָלק, וועמען דער אָפּטימיזם העלפט בײַצושטיין אַלע לעבנס־ניסיוינעס. די גאַנצע סעריע איז אויסגעהאַלטן אין דער מאַזשאָרער טאָנאַלקײַט — אַפילע יענע בויגנס, וועלכע זײַנען לויט זייער אינהאַלט געוויס טרויעריק.

גאַנץ אַנדערע זײַנען די איליוסטראַציעס צו דער דערציילונג „דער מעשוגענער באַטלען” פון י.־ל. פּערעץ. אין איינקלאַנג מיט דעם שרײַבערס פאַרטראַכט שטייט דאָ אין צענטער פון אינגערס אויפמערקזאַמקײַט די קאָמפּליצירטע אינערלעכע וועלט פונעם הויפּט־העלד. די דאָזיקע סעריע, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין מעשעך פון יאָרצענדליקער (די ערשטע בויגנס האָבן זיך באַוויזן אין 1945), שטעלט מיט זיך אין טאָך פאָר א ציקל פון פּסיכאָלאָגישע פּאָרטרעטן פונעם „מעשוגענעם באַטלען”. דער קינסטלער האָט זיך באַמיט פּילזײַטיק אופצודעקן דעם מעהוס פון אָט דעם געשטאַלט, זײַן טראַגישן סיכסעך מיט דער ארומיקער וועלט. פון פּערעצעס ווערק האָט אינגער אויך איליוסטרירט „וואָס אין פּידעלע שטעקט”, „באָנצי שווײַג”, „דער מעשולעך” אאַ.

די טיף פאָלקסטימלעכע טעמע ווערט פאַרקערפּערט אויך אַף די זײַטלעך פון אינגערס גראַפישן ציקל „ייִדישע פאָלקס־לידער”. זי קלינגט באַזונדערס שטאַרק אין דער פילאָסאָפישער פאָלקס־ליד וועגן דער „אַלטער פראַגע”. די דאָזיקע ליד, וועלכע עס האָט באַאַרבעט מאָריס ראַוועל, זינגט זיך קימאַט אָן ווערטער, און נאָר פון צײַט צו צײַט כאַזערט זיך אַקשאָנעסדיק איבער דער רעפרען: „פרעגט די וועלט אַן אַלטע קאַשע”... די אייביקע פראַגע וועגן זין פון מענטשלעכן לעבן בלײַבט אַזוי טאַקע ניט פאַרענטפערט. די גראַפישע אינטערפּרעטאַציע פון דער ליד איז לאַקאָניש: אַן אייגנאַרטיקער פּלאַסטישער דיאַלאָג צווישן צוויי פיגורן, דערבײַ פרעגן „די אַלטע קאַשע” ניט נאָר די אויסדרוקן פון זייערע פּענעמער, נאָר אויך יעדע ליניע פון די סילועטן, יעדער פאַלד פון די קליידער...

אין דער דאָזיקער סעריע זײַנען דאָ אויך איליוסטראַציעס צו לידער, וואָס טראָגן א דערציילערישן כאַראַקטער. זיי ווערן קינסטלעריש אויסגעפורעמט ווי שטייגער־שילדלעך („א כסידישע ליד”, „דער רעבע מיט די כסידים”). אינגער סטאַרעט זיך ניט בלויז צו „דערציילן” די אָדער יענע ליד, נאָר אויסצוגעפינען צו די מוזיקאַלע אינטאָנאַציעס דעם אַדעקוואַטן מאָלערישן עקוויוואַלענט און אַפילע איבערגעבן איר ריטם. דאָס לעצטע געלינגט אים באַזונדערס אין יענע בויגנס, וועלכע זײַנען באַײַנפלוסט פון די ייִדישע „פריילעכסן”, וואָס גייען איבער אין שטורמישע פאָלקס־טענץ („די נײַע שער”, „און אַז דער רעבע עלימיילעך”, „בין איך מיר א שנײַדערל”).

דער ציקל „ייִדישע פאָלקס־לידער” שטעלט מיט זיך פאָר איינס פון די אינטערעסאַנטסטע בלעטלעך אין אינגערס מוזיקאַלישער גראַפיק. דאָס זעלבע דאַרף אין א גרויסער מאָס געזאָגט ווערן וועגן זײַן סעריע „טשאַפּלינ׳אַדע” (60־ער — 70־ער יאָרן). ווי געזאָגט, איז זי געוועזן באַווירקט פון דער טאַנץ־ריטמיק פון די ערשטע פילמען אין קלאַנגען־קינאָ. דער מאָלער ווענדט זיך דאָס ערשטע מאָל צום קאָליר (ער באַנוצט זיך מיט אַקוואַרעל און גואַש). נײַ איז אויך די קינסטלערישע לייזונג פון די בויגנס: א בעקיוונדיקע נאָענטקײַט צום קינדערשן געמעל. אינגער זעטיקט אָן די בלעטלעך פון זײַן „טשאַפּלינ׳אַדע” מיט פאַרשיידנאַרטיקע פּסיכאָלאָגישע טיפּן. אַף די פּילצאָליקע בויגנס גייען דורך פאַר די אויגן פונעם צושויער „טויזנטער געזיכטער”, וועלכע טשאַפּלין האָט געשאַפן.

אינגער קערט זיך אום פון צײַט צו צײַט צו דער דאָזיקער טעמע, אַרבעטנדיק פּאַראַלעל, ווי זײַן שטייגער איז, אויך איבער אַנדערע סעריעס. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל מאָלט ער זײַנע באַליבטע געשטאַלטן. דאָס גיט אונדז דעם גרונט צו דערוואַרטן, אַז דער באַדײַטנדיקער קינסטלער וועט דערפרייען דעם צושויער מיט פיל נײַע ווערק פון די שוין אָנגעהויבענע גרונט־סעריעס.

הילעל אלעקסאנדראָוו

קאָנספּעקט איבער דער געשיכטע פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור

פֿאַרפּאָלגונגען פון ייִדן אין די מעלוכעס פונעם פּירענייִשן האַלב־אינדזל און דער גײרוש פון שפּאַניע (1492) און פּאָרטוגאַל (1498), קאַטוילישע רעאַקציע, פאַרשטאַרקונג פון דער אינקוויזיציע, רעדיפעס אַף ייִדן אין דײַטשלאַנד און עסטרײַך, פאַרניכטונג פון ייִדישע קעהילעס אין אוקראַיִנע (1648), פאַלש־מעשיִכישע (שאַבסע־צווי) באַוועגונג (XVII יה.) — דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פון XV — XVII יה.

אין דעם פּעריאָד צעבליט זיך די ראַבאָנישע און קאַבאָלישע ליטעראַטור, איבערהויפּט אין דײַטשלאַנד און פּוילן, וווּ עס האָט זיך קאָנצענטרירט די איבערוועגנדיקע מערהײַט פונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום. די פּאָעזיע טראָגט א ליטורגישן כאַראַקטער און באַשטייט הויפּטזאַכלעך פון קינעס, געווידמעט די פּאָגראָמען און דער אויסראָטונג.

א געוויסע צאָל ייִדן, אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, האָבן זיך באַזעצט אין איטאַליע און וועזנטלעך פאַרגרעסערט דעם דאָרטיקן ייִדישן יִישעוו.

די מעטאָדן פון היסטאָרישער און לינגוויסטישער מעקוירים־קריטיק, וועלכע זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די איטאַליענישע הומאַניסטן, האָט טיף אופגענומען און צוגעייגנט אזאַריע בען מוישע דע־ראַסי (1514 — 1578). אין זײַן אַרבעט „ליכט פון די אויגן" („מאיר עינים") האָט ער צום ערשטן מאָל אַרײַנגעפירט אין קרײַז פון דער העברעיִשער ליטעראַטור די סעפּטואַגינטאַ[1].

דער גײַסט פון קריטיציזם פילט זיך נאָך מערער אין די אַרבעטן פון יעהודע־לעאָן דעמאַדענא (1571 — 1648). ער פּרווט צעשטערן דעם גלויבן אין דער געטלעכער אָפּשטאַמונג פון טאַלמוד און טרעט שאַרף אַרויס קעגן קאַבאָלע, וועלכע איז געווען דעמלט פאַרשפּרייט צווישן די ייִדן פון איטאַליע און פון אַנדערע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע לענדער.

דער אינטערעס צום קלאַסישן אַלטערטום האָט אַרויסגערופן בא געבילדעטע קריסטן אַן אינטערעס צו העברעיִש, וועלכן זיי האָבן געלערנט מיט דער הילף פון ייִדן. לעמאָשל, קאַרדינאַל דע־וויטערבא האָט געלערנט העברעיִש באַם גראַמאַטיקער און לעקסיקאָגראַף אייליאָהו לעוויטא (1469 — 1549), דעם אווטאָר פון די לעקסיקאָנען „תשבי" און „מתורגמן" און גראַמאַטיק „ספר הבחור". א באַדײַטנדיקן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר זײַן בוך וועגן ביבלישער אָרטאָגראַפיע („מתורה"), אין וועלכן ער באַווײַזט, אַז די וואָקאַלישע צייכנס אין דער ייִדישער שריפטלעכקײַט זײַנען דערשינען נאָך דעם שלוס פון טאַלמוד.

די מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זײַנען געלאָפן קיין האָלאַנד און האָבן דאָרטן געפונען א מאָקעם־מיקלעט. די עטלעכע העברעיִשע ווערק, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין האָלאַנד אין יענער צײַט, שטעלן מיט זיך פאָר אַלעגאָרישע דראַמעס. זייערע פּערזאָנען פאַרקערפּערן קאָלערליי גוטע זיטן און שלעכטע מידעס און קעמפן צווישן זיך פאַר דעם מענטשנס נעשאָמע.

מוישע זאַקוטא (1625 — 1697) האָט אָנגעשריבן אין אַמסטערדאַם די ערשטע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור דראַמע „דער יעסאָד פון דער וועלט" („יסוד עולם") — וועגן אווראָם אָווינו, וועלכער צעקלאַפּט די געצן פון זײַן פאָטער טעראַך און איז גרייט זיך מאַקריװ זײַן פאַרן גלויבן אין איינציקן גאָט. אין א צווייט ווערק שילדערט זאַקוטא די באַגלייטונג פונעם ראָשע אין געהענעם. אין דעם כיבער

פון דער ליטעראַרישער ירושע.

[1] סעפּטואַגינטאַ — די ערשטע גריכישע איבערזעצונג פונעם כומעש אין אַלעקסאַנדריִע (דריטער יה. ביז דער נײַער צײַטרעכענונג).

פילט זיך שטארק די ווירקונג פון דאנטעס „געטלעכער קאָמעדיע".

צו די ערשטע דראמאטישע ווערק אין דער העברעיִשער ליטעראטור געהערט אויך די דרײַאַקטיקע דראמע פון יוסף פענסא (1650—1692) „די געפאנגענע פון האָפענונג" („אסירי התקוה"), אין וועלכע דער פארפאסער שילדערט אין אן אלעגאָרישער פאָרם דעם ניצאָכן פונעם פרײַען ווילן איבער די בלינדע לײַדנשאפטן. אין דער דראמע טרעטן ארויס אלס פערזאָנען: דער מאלעך, דער סאַטן, דער עמעס אאזוו. פיל ווערק האָט פענסא אָנגעשריבן אין שפאניש.

צו דעם זעלבן זשאנער דארף מען צורעכענען די דראמאטישע ווערק פון מוישע־כאַים לוצאטא (1707—1747, איטאליע) „דער טורעם פון שטארקײַט" („מגדל עוז") און „א לויבגעזאנג די ערלעכע" („לישרים תהלה"). די צוויי ווערק (איבערהויפט דאָס לעצטע) האָבן געמאכט א גרויסן אײַנדרוק אף די מיטצײַטלער צוליב זייער פראכטפולער שפראך און פולקומען ריטם.

אין האָלאנד און אין איטאליע איז די ליטעראטור אף העברעיִש אינגאנצן אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון XIX יה. די לעצטע העברעיִשע פאָעטן אין איטאליע זײַנען געווען: עפראַים לוצאטא (1729—1792), דער פארפאסער פון א לידער־זאמלונג „די פרוכט פון יוגנט" („אלה בני נעורים"); דער געלערנטער פילאָלאָג און פאָרשער פון ליטעראטור־געשיכטע שמועל־דאַוויד לוצאטא (1800—1865), וועלכער האָט אין זײַן לידער־זאמלונג „די זיסע לירע" („כנור נעים") זיך אומגעקערט צו די פאָרמען און מאָטיוון פון דער מיטלאלטערלעכער פאָעזיע.

אין XVIII—XIX יה. האָט זיך די העברעיִשע ליטעראטור אופגעהאלטן איבערהויפט אין דײַטשלאנד, עסטרײַך און רוסלאנד — די לענדער, אין וועלכע ס'זײַנען געווען קאָנצענטרירט די גרעסטע מאסן פון די אייראָפעיִשע ייִדן. די וועלטלעכע ליטעראטור האָט זיך אין די דערמאָנטע לענדער אנטוויקלט אונטערן צייכן פון האסקאָלע.

דער רעכטער פליגל פון דער האסקאָלע־באוועגונג, בעראָש מיט מוישע מענדעלסאָן (1729—1786), האָט ניט געשטעלט קיינע פאָליטישע פאָדערונגען און זיך באגרענעצט מיט פראָפאגאנדע פון וויסנשאפטלעכע קענטענישן. זײַנע פארשטייער האָבן געפריידיקט די אידיי פון גלויבן־טאָלעראנץ און קריטיקירט מיט א האלב מויל אייניקע רעליגיִעזע אײַנשטעלונגען.

די גרופע מאסקילים פון מענדעלסאָנס שול האָט זיך פאראייניקט ארום דעם זשורנאל „המאסף", וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן מיט איבערײַסן פון 1784 ביז 1811 יאָר. דער ציל פונעם זשורנאל איז געווען: פארשפרייטן וויסן, העברעיִשע ליטעראטור, געבן אייצעס אין געביט פון דערציִונג, דערווײַזן די נייטיקײַט פון וועלטלעכע קענטענישן און פראָדוקטיווער ארבעט.

לויבנדיק אָן אופהער די שפראך פון דער ביבל און איגנאָרירנדיק אינגאנצן איר ווײַטערדיקע אנטוויקלונג, האָבן די מעאסעפיסטן געשאפן א מין קולט פונעם ביבלישן וואָרט. אין רעזולטאט דערפון האָט זיך געשאפן אן אומנאטירלעכער ליטעראַרישער סטיל, וועלכער האָט באקומען דעם נאָמען „מליצה" און האָט לאנג געהערשט אין דער העברעיִשער ליטעראטור. אין גאליציע און רוסלאנד איז אויסגעקומען קעמפן מיט מעליצע נאָך אין די 70—80־ער יאָרן פון XIX יה.

די קינסטלערישע ליטעראטור פון די מעאסעפיסטן איז באשטאנען בעדערעך־קלאל פון איבערזעצונגען און נאָכמאכונגען פון פרעמדע מוסטערן. די גרעסטע ווערק פון די מעאסעפיסטן איז געווען די פסעוודאָקלאסישע פאָעמע פון נ.־ה. ווײַזעל (1725—1805) „שירי תפארת", וועלכע איז א נאָכמאכונג פון קלאָפשטאָקס „מעסיִאדע". ווײַזעלס פאָעמע איז געווידמעט יעציִאס־מיצראַיִם און מוישעס העלדנטאטן און ניסים.

דער אינטערעס צו דער העברעיִשער ליטעראטור אין דײַטשלאנד האָט געדויערט ניט מער ווי איין דאָר; אין די יאָרן פון קאמף ארום דער פראגע וועגן רעליגיִעזע רעפאָרמעס האָבן זיך באוויזן עטלעכע העברעיִשע ביכער מיט א פאָלעמישן אינהאלט. דערנאָך האָבן זיי אופגעהערט צו דערשײַנען. די פעריִאָדישע אויסגאבעס, וועלכע פלעגן זיך דרוקן אין דײַטשלאנד אין די שפּעטערדיקע יאָרן („המגיד", „השלוח"), זײַנען געווען אָריענטירט אפן לייענער פון רוסלאנד.

אנדערש איז אוועק די אנטוויקלונג פון דער העברעיִשער ליטעראטור אין עסטרײַך, איבערהויפט אין גאליציע, וועלכע איז ארײַן אין באשטאנד פון עסטרײַך נאָך די צעטיילונגען פון פוילן. דאָ איז געווען א באדײַטנדיקער ייִדישער ייִשעוו. די רעליגיִעזע געשטימטע מאסע האָט זיך געפונען אונטער דער אידייִשער מאכט פון די כאסידישע צאדיקים. דער קאמף צווישן די קלעריקאלן און מאסקילים האָט אָנגענומען א שארפן כאראקטער. ס'איז דערגאנגען צו דעם, אז דעם מאגיד פון דער לעמבערגער קעהילע אורואָם קאָן האָט מען פארסאמט, ווײַל ער איז געווען פארבונדן מיט די מאסקילים.

אין דער ערשטער העלפט פון XIX יה. האָבן איז גאליציע געשאפן אָנגעזעענע געלערנטע

און שרײַבער. נאַכמאַן קראַכמאַל (1790—1848) האָט אין זײַן בוך „מורה נבוכי הזמן" („דער װעגװײַזער פֿאַר די פֿאַרבלאָנדזעטע אין דער צײַט") געמאַכט דעם ערשטן פּרוּוו פֿאָרצושטעלן די ייִדישע געשיכטע פֿון רעכט־העגעליאַנישע פּאָזיציעס. שלוימע ראַפּאָפּאָרט (1790 — 1867) פּובליקירט אַ ריי װיכטיקע אַרבעטן איבער דער געשיכטע פֿון דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער ליטעראַטור. יעהודע־לייב מיזעס (געשטאָרבן אין 1831 יאָר) פֿאָדערט אין זײַן בוך „קנאת האמת" רעליגיִעזע רעפֿאָרמעס און קריטיקירט שאַרף דעם ראַבאָנישן יודאַיִזם. באַזונדער דאַרף אָפּגעמערקט װערן יעהושוע־העשל שאָר (1814 — 1895), װעלכן די מיטצײַטלער האָבן אָנגערופֿן „דער ייִדישער פֿייערבאַך". די לעצטע צענדליקער יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט שאָר אָפּגעגעבן װיסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען, פֿון װעלכע די װערטפֿולסטע איז „התורות" — װעגן די קעגנזײַטיקע באַציִונגען צװישן זאָראָאַסטריזם און יודאַיִזם. אָט די אַרבעט, װעלכע האָט אַדהײַעם ניט פֿאַרלאָרן איר באַדײַט, האָט געגעבן אַ פּילבאָרן קלאַפּ דער אַטאָבעכאַרטאָנו־טעאָריע.

עס האָבן זיך אַרויסגערוקט אויך טאַלאַנטפֿולע סאַטיריקער. יוסעף פּערל (1773 — 1839) האָט אָנגעשריבן אַ סאַטירע „מגלה טמירין" („דער אויפֿדעקער פֿון געהיימניסן"), לויטן מוסטער פֿון דער באַװוּסטער סאַטירע „בריװ פֿון פֿינצטערע מענטשן", װעלכע סע האָבן פֿאַרפֿאַסט אולריך פֿאָן גוטטען און קראָט בורבעאַן. פּאַראָדירנדיק מײַסטערהאַפֿט דעם נוסעך פֿון די כאַסידישע ספֿאָרים, לאַכט פּערל אויס שאַרף די צאַדיקים.

אַ גרויסן טאַלאַנט פֿון אַ סאַטיריקער האָט פֿאַרמאָגט ייִצכאָק ערטער (1792 — 1851), דער אויטאָר פֿון אַ זאַמלונג „הצופה לבית ישראל" („דער באַאָבאַכטער פֿונעם הויז ייִסראָעל"). זײַן סאַטירע איז געריכטעט קעגן די צאַדיקים און זייער סוויווע, קעגן די ראַבאָנים־קאַזויִסטן, קעגן צוויִאַקעס און גאָטס־סטראַפּטשעס. אין איינער אַ סאַטירע באַװײַזט ייִצכאָק ערטער אויך אַן אינטעליגענט, װעלכער איז גלײַכגילטיק צו די פֿאָלקס־נויטן. ערטערס סטיל איז ריין ביבליש, נאָר אָן פּוסטער מעליצע, װעלכע פֿאַרטונקלט דעם אינהאַלט.

אין דער צווייטער העלפֿט פֿון XIX יה. איז די העברעיִשע ליטעראַטור אין גאַליציע געוואָרן, קאָן מען זאָגן, אײַנגעשרומפּן. די פּעריאָדישע אויסגאַבעס האָבן ניט געהאַט קיין אריכאס־יאָמים. ניטאָ קיין גרויסע נעמען צװישן די שרײַבער. די צאָל ליטעראַרישע װערק מיט אַ װעלטלעכן אינהאַלט װערט אַלץ קלענער און קלענער.

די װעזנטלעכע אַנטוויקלונג פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור אין XIX יה. איז פֿאָרגעקומען הויפּטזאַכלעך אין רוסלאַנד. ביזן סאָף XVIII יה. איז די צאָל ייִדן דאָרט געװען אַ קליינע. נאָכן אײַנשליסן קרוין־פּוילן און אַנדערע טעריטאָריעס האָט זיך די צאָל ייִדן אין רוסלאַנד באַדײַטנדיק פֿאַרגרעסערט.

די האַסקאָלע־אידייען זײַנען אַרײַנגעדרונגען אויך אין דער סוויווע פֿון ליטוויש־װײַסרוסישן און אוקראַיִנישן ייִדנטום. עס טרעפֿן פֿאַלן, װען יונגעלײַט פֿאַרלאָזן די יעשיוועס און גייען אַװעק „נאָך אויפֿקלערונג" אין די לענדער פֿון מײַרעוו־אייראָפּע. איינער פֿון אַזעלכע האַסקאָלע־זוכער איז געװען דער באַװוּסטער פֿילאָסאָף שלוימע מײַמאָן (1754 — 1800). ער האָט פֿאַרלאָזט זײַן היימלאַנד (װײַסרוסלאַנד) און אַװעקגעשפּאַנט קיין דײַטשלאַנד, װוּ ער האָט זיך פֿאַרבונדן מיט מוישע מענדעלסאָנען און זײַן קרײַזל. שלוימע מײַמאָן האָט אָנגעשריבן אַ פּיירעש אויף העברעיִש צום ראַמבאַמס „מורה נבוכים" אין גײַסט פֿון קאַנטס סיסטעם. זײַן באַװוּסטע „אויטאָביִאָגראַפֿיע", װעלכע איז איבערגעזעצט אויף פֿיל שפּראַכן אַלס װערטפֿולער ליטעראַרישער מאָקער, איז הויך אָפּגעשאַצט געװאָרן מיצאַד געטען און שילערן.

אינעם כיבער פֿון דאָקטער יעהודע הורוויטש „חיי הנפש ונצכיותה" („דאָס לעבן פֿון דער נעשאָמע און איר אייביקײַט" — 1787) פֿילט זיך די װירקונג פֿון די פֿראַנצויזישע אויפֿקלערער. הורוויטש שרײַבט: „צוליב דעם, אַז מענטשן זאָלן פֿײַנט האָבן איינע די אַנדערע, האָט מען אויסגעטראַכט אַ סאַך רעליגיעס... אָך, װען מענטשן װאָלטן זיך געהאַלטן בײַ איין רעליגיע — בײַ דער רעליגיע פֿון ברודערשאַפֿט און שאָלעם!".

פּינכעס־אײליִיאָהו הורוויטש האָט אַרויסגעגעבן אין בריון אַן ענציקלאָפּעדיש װערק װעגן נאַטורװיסנשאַפֿט „ספר הברית", װאָס איז אָנגעשריבן געװאָרן, װי עס זאָגט דער מעכאַבער, „ניט פֿאַר כאַכאָמים און לאָמדים, נאָר פֿאַר דעם ברייטן אוילעם".

באָרוך שיק (1740 — געשטאָרבן נאָכן 1812) האָט שטודירט מעדיצין אין ענגלאַנד, דערנאָך זיך פֿאַרבונדן אין בערלין מיט װײַזעלס קרײַזל. אַרויסגעגעבן אַ ריי װערק איבער אַנאַטאָמיע, אַסטראָנאָמיע אאַ.; האָט אײַנגעאָרדנט אַ כימישע לאַבאָראַטאָריע.

באַװוּסט איז דער פּראָיעקט פֿון די אַזױגערופֿענע שקלאָװער מאַסקילים װעגן אַרויסגעבן אויף העברעיִש אַ װאָכן־צײַטונג (1797). אין דעם פּראָיעקט װערט אָנגעװיזן, אַז „איצטער זײַנען אַפֿילע אין די קלענסטע שטעט פֿאַראַן אַ סאַך מענטשן, װאָס לעכצן נאָך װיסן".

מאָרדכע־אַרן גינזבורג (1795 — 1846) האָט אָנגעשריבן, מיט דער קאַװאָנע צו פֿאַרשפּרייטן

וויסן, א רײַ ביכער — הױפּטזאַכלעך פון היסטאָ־
רישן אינהאַלט — געשיכטע פון אַנטדעקן אַמע־
ריקע, געשיכטע פון דער מענטשהײַט, געשיכ־
טע פון נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע קיין רוסלאַנד.
א היסטאָריש־ליטעראַרישע ווערט האָט זײַן אױ־
טאָביאָגראַפיע „אחיעזר", אין וועלכער עס איז
פאַרגעשטעלט א רײַכער לעבנס־מאַטעריאַל.
איבערהױפּט האָט ער פּראָטעסטירט קעגן קאָנ־
סערוואַטיזם שטייגער אין יענער צײַט בא די
יידן פון ליטע און ווײַסרוסלאַנד (פּריִע כאַסע־
נעס, אַלטמאָדישע ספּעציפיש־יידישע קליידונג
אאַ.). אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער
ליטעראַטור איז מ.־א. גינזבורג אַרײַן ווי איי־
נער פון די ערשטע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר
נאַטירלעכקײַט און פּאַשעטקײַט פון דער
שפּראַך. ער האָט אַליין געוויזן א בײַשפּיל דע־
רוף אין זײַנע ווערק.

דער פּאָעט אַווראָם־בער לעבענסאָן (אדם הכוהן, 1794 — 1878), ווי די פּסעוודאָקלאַסי־ציסטישע פּאָעטן פון פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד, רוסלאַנד, האָט אָנגעהויבן זײַן פּאָעטישע טעטי־קײַט פון דער אַזויגערופענער קלאַסיציסטישער אָדע (אָדע לעקאָוועד דעם גראַף טישקעוויטש, 1822, עלעגיע אפן טויט פון שאָול קאַצענעלענ־בויגין אאַ). פּונקט ווי די מעאַספּיסטן, האָט ער געהאַלטן פאַרן העכסטן ציל פון פּאָעטישן שאַפן — דינען „דער אײַנציקער און שענסטער שפּראַך", דער שפּראַך פון די נעוויִים. זײַנע לידער לײַדן פון רעטאָרישקײַט און טרוקענער באַדאַקטקײַט. צום זשאַנער מאָראַליטע איז נאָענט זײַן גרעסט ווערק „אמת ואמונה" („עמעס און גלויבן"), וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1840 יאָר און איז אַרויס פון דרוק ערשט מיט 27 יאָר אַרום — אַלץ צוליב שטע־רונגען מיצאַד די קלעריקאַלע קרײַזן. אין דער אָנגעוויזענער דרײַאַקטיקער אַלעגאָרישער דראַ־מע ווערן אויסגעלאַכט רעליגיעזער פאַנאַטיזם און צוויפּענעמדיקײַט. פאַר לעבענסאָנען איז כאַראַקטעריסטיש די ליד „דל מבין" („א קלוגער אָרעמאַן"), ווו דער אוטאָר פּרוווט איבער־צײַגן דעם לייענער, אז רײַכקײַט און אָרעמ־קײַט איז א מאַזל־זאַך און בעכיין דאַרף דער אָרעמער ניט פאַריבל האָבן אפן רײַכן.

פאַרשפּיצטער ראַציאָנאַליזם און רעטאָריש־קײַט זײַנען אייגנטימלעך אויך פאַר די לידער פון אַווראָם־בער גאָטלאָבער (1811 — 1899).

יִצחק־בער לעווינזאָן (1788 — 1860) גיט אַרויס אין 1828 יאָר א בוך „תעודה בישראל", אין וועלכן עס איז פאָרמולירט אײַנקורצן די מאַסקילישע פּראָגראַם: „דערלערנט מעלאָכעס, באַרײַכערט אײַך מיט וויסן, באַאַרבעט די ערד, ווײַל נאָר זי גיט גליק און וווילשטאַנד!". י.־ב. לעווינזאָן איז געווען זיכער, אז די אויפ־ריכטונג פונעם רוסישן יידנטום איז אומעגלעך אָן מאַמאָשעסדיקער הילף פון דער מאַכט. פאַר דעם בוך „תעודה בישראל" האָט י.־ב. לעווינ־זאָן באַקומען א מעלוכע־באַלוינונג — 1000 רובל („פאַר א כיבער אָף יידיש, וועלכער שטעלט זיך דעם ציל — מאָראַלישע אומגעשטאַלטונג פונעם יידישן פאָלק").

י.־ב. לעווינזאָנס היסטאָרישע ווערק („בית יהודה" — די געשיכטע פון דער יידישער רע־ליגיע; „זרובבל" — היסטאָרישע באַלויכטונג פון טאַלמוד אאַ.) אַנטהאַלטן מער באַשרײַבונגען, איידער פאַראַלגעמיינערונגען.

אין די מאַסקילישע קרײַזן איז י.־ב. לעווינ־זאָנס אויטאָריטעט בעשײַטע געווען זייער הויך.

דער סאַמע טאַלאַנטפולסטער פּאָעט פון דער האַסקאָלע־עפּאָכע איז געווען מיכאָ־יוסעף לע־בענסאָן (1828 — 1852). ער האָט געלעבט אינ־גאַנצן 24 יאָר. אויסער העברעיִש, האָט ער באַ־הערשט פיר אייראָפּעיִשע שפּראַכן און זיך אַל־זײַטיק באַקענט מיט זייער ליטעראַטור. אין קעגנזאַץ צו זײַנע מיטצײַטלער, האָט דער יונ־גער לעבענסאָן, זײַענדיק געבענטשט מיט אַן עמעסן פּאָעטישן טאַלאַנט, אָפּגעוואָרפן גראַ־מען־מאַכערײַ און מעליצע און זיך אַרויסגע־וויזן אלס קלאַסיציסט און ראָמאַנטיקער. ער האָט איבערגעזעצט אָף העברעיִש דעם דריטן און פערטן בוך פון ווירגיליוסעס „ענעידא", אָנגעשריבן זעקס פּאָעמעס אָף ביבלישער טע־מאַטיק, געשאַפן א ציקל לירישע לידער, אין וועלכע דאָס רוישיקע גרויסשטאָטישע לעבן איז קעגנגעשטעלט „דער מידבער־שטילקײַט און בעסאָלמען־רו פון דער אייגענער נעשאָמע". לעבענסאָנס פּאָעמע „התפילה" דערמאָנט לער־מאָנטאָווס „מאָליטוואַ". ער בענטשט די טפילע, וואָס גייט אַרויס פון טיפן הארצן, דערפאַר ווײַל זי היילט דעם מענטשנס נעשאָמע. מ.־י. לעבענסאָן האָט געהאַט א גוואַלדיקע ווירקונג אָף די קומענדיקע פּאָעטן.

עס איז אָנגעקומען די צווייטע העלפט פון די פופציקער יאָרן פון XIX יה. — די עפּאָכע פון בורזשואזע רעפאָרמעס. עס האָט זיך דער־הערט דאָס שאַלנדיקע קאָל פונעם פּראָגרעסיוון און רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישן רוסלאַנד. אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט זיך פאַר־פעסטיקט דער קריטישער רעאַליזם; אפן ערשטן אָרט האָבן זיך אַרויסגערוקט פּאָעטן און שרײַ־בער — דעמאָסקירער. אָט די פאַקטן האָבן זיך נאַטירלעך אָפּגערופן אין דער העברעיִשער לי־טעראַטור אין רוסלאַנד. די פאַרטיפונג פון דער דיפערענצירונג אין דער יידישער סוויווע, וואָס עס איז געווען א פויעל־יוצע פון דער אַנט־וויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם, דער פּראָצעס פון אַרויסשטויסן דעם קליינעם באַלמעלאָכע און די פאַראָרעמונג פון ברייטע מאַסן — דאָס אַלץ האָט געמוזט ברענגען צו אַן אידעאָלאָגישער

שפּאַלטונג צווישן די מאַסקילים. עס איז פאַרשווונדן די איינהייט, וועלכע האָט כאַראַקטעריזירט בעדערעך־קלאַל די מאַסקילישע באַוועגונג אין דעם ביזרעפאַרמע־פּעריאָד. העברעיִש האָט אופגעהערט צו זײַן דער איינציקער רופּער פון אופקלערונג צווישן ייִדן. עס זײַנען אופגעקומען אָרגאַנען פון דער רוסיש־ייִדישער פּרעסע („ראַזסוועט", „רוסקי יעווריי" אאַ.). די געגרינדעטע אין 1863 יאָר „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן" שטעלט זיך די אופגאַבע צו „פאַרשפּרייטן די רוסישע שפּראַך". איינצײַטיק הייבן אָן דערשײַנען צײַטונגען און זשורנאַלן אָף העברעיִש און דערנאָך — אויך אָף ייִדיש. די העברעיִשע פּעריאָדישע פּרעסע איז געווען פּאָרגעשטעלט מיט עטלעכע וואָכן־צײַטונגען: „המגיד" (1856 — 1890), וועלכע איז געווען מעסיק־קאָנסערוואַטיוו; „המליץ" (1866 — 1904) מיט דעם כאַראַקטעריסטישן אונטערקעפּל „פאַרמיטלער צווישן דער רעגירונג און די ייִדן, צווישן בילדונג און גלויבן"; „הצפירה" (1862 — 1906), וועלכע האָט פון אָנהייב פּאָפּוליאַריזירט נאַטורוויסנשאַפט און מאַטעמאַטיק. „המליץ" און „הצפירה" זײַנען שפּעטער געוואָרן טעגלעכע צײַטונגען.

אין אָט דער צײַט ווערט אַלץ שטאַרקער די ווירקונג פון דער פּראָגרעסיווער רוסישער ליטעראַטור. „די איבערשאַצונג פון ווערטן" (Переоценка ценностей), וועלכע איז פאָרגעקומען אין די 50־ער יאָרן אין דער רוסישער ליטעראַטור און קריטיק, האָט טיף אָנגערירט אויך די העברעיִשע ליטעראַטור.

עס פאַרשאַרפן זיך די ליטעראַרישע שטרײַטן. פּאַראַלעל מיט די מאַסקילים — פריידיקער פון רוסיפיצירונג (זע, צום בײַשפּיל, ל. לעוואַנדע „די הייסע צײַט") טיילט זיך אויס א גרופּע מאַסקילים — אידעאָלאָגן פון דער מיטעלער בורזשואַזיע, וועלכע זוכן א קאָמפּראָמיס צווישן „ייִד" און „מענטש". די לעצטע טענדענץ האָט זיך אויסגעדריקט אין דער באַוווּסטער פאַרמולע פון י.־ל. גאָרדאָן „זײַ א ייִד אין דער היים און א מענטש אָף דער גאַס".

אין מעשעך פון דער צײַט הייבט זיך אָן אויסטיילן אין דער האַסקאָלע־באַוועגונג א דעמאָקראַטישער פליגל, וועלכער געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון טשערנישעווסקין און פּיסאַרעוון און פּראָטעסטירט קעגן דער ביזרעפאַרמעדיקער האַסקאָלע מיט איר גלײַכגילט צו דער סאָציאַלער טעמאַטיק און מיט איר נייגונג צו מעליצע. די מער ראַדיקאַלע עלעמענטן שליסן זיך אײַן אין דער אַלגעמיינער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין די באַדינגונגען פון דער דעמלטיקער ייִדישער ווירקלעכקײַט האָט דער ליטעראַרישער שטרײַט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון א פאַרשאַרפטן קאַמף מיטן קלעריקאַליזם, מיט רעליגיעזע פאַרורטיילן און אָבסקוראַנטיזם.

דער איבערגאַנג צום נײַעם פּעריאָד האָט זיך בולעט אַרויסגעוויזן אין דער שאַפונג פונעם ערשטן העברעיִשן ראָמאַניסט אַוורעם מאַפּו (1807 — 1867). ער האָט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט מיט צוויי באַוווּסטע היסטאָרישע ראָמאַנען — „אהבת ציון" („די ליבע צו ציִען" — 1852) און „אשמת שומרון" („שאָמראָנס שולד" — 1865). ניט געקוקט אָף זייערע וועזנטלעכע קינסטלערישע דעפעקטן (שוואַכער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, איבעריקע אינטריגע־עלעמענטן), האָבן די ראָמאַנען, איבערהויפּט דער ערשטער, צוגעצויגן די ברייטסטע אופמערקזאַמקײַט פון דעם יונגן לייענער. באַשרײַבונגען פון אַלט־פּאַלעסטינישער נאַטור, אידילישע בילדער פון יעהודאַ, פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און רעדעס פון נעוויִים — דאָס אַלץ האָט געבראַכט די ראָמאַנען גרויס דערפאָלג.

דער צײַט־גײַסט האָט אָבער געצוווּנגען דעם ראָמאַניסט איבערגיין צו הײַנטצײַטיקע טעמעס, און ער האָט אָנגעשריבן זײַן גרויסן באַשולדיקונג־ראָמאַן „עיט צבוע" („דער צוויאַק"). אין דעם ראָמאַן זײַנען די העלדן שטרענג צעטיילט אָף פּאָזיטיווע אָנהענגער פון בילדונג און נעגאַטיווע אָנהענגער פון אַלטערטום, דערבײַ זײַנען אי די, אי יענע געשילדערט גאַנץ סכעמאַטיש. עס האָט זיך געביטן דער כאַראַקטער פון דעם שרײַבערס שפּראַך — די ביבלישע שפּראַך איז געוואָרן לעבעדיקער, אין איר האָבן זיך באַוויזן נײַע ווערטער און אויסדרוקן.

דעם קאַמף פון „פאָטערס און קינדער" איז געווידמעט ש.־י. אַבראַמאָוויטשעס ראָמאַן „האָבות והבנים" (1868). ניט צופעליק, פאַרשטייט זיך, האָט ש.־י. אַבראַמאָוויטש אָנגערופן זײַן בוך מיטן נאָמען, וועלכן ס'טראָגט טורגעניעווס באַוווּסטער ראָמאַן. נאָר בא טורגעניעוון קומט פאָר דער קאַמף צווישן פאַרשטייער פון אַדעליקע און א „ראַזנאָטשינעץ", בייס בא אַבראַמאָוויטשן — צווישן מענטשן פון דער אַלטער און אָפּגעלעבטער וועלט („די פאָטערס") און פאַרשטייער פון אופקלערונג און בילדונג („די קינדער").

אונטער דער השפּאָע פון פּיסאַרעוון, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז נאַטורוויסנשאַפט איז „די אַקטועלסטע באַדערפעניש פון אונדזער געזעלשאַפט", האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אַרטיקלען און גרעסערע אַרבעטן וועגן נאַטורוויסנשאַפט, מאַטעמאַטיק, פיזיק אאַוו. ש.־י. אַבראַמאָוויטש, דער קינפטיקער מענדעלע מויכער־ספאָרים, האָט איבערגעאַרבעט און אַרויסגעגעבן אין 1862 יאָר דעם ערשטן באַנד פון לענצס „נאַ־

טור־געשיכטע" („תולדות הטבע"); די ווײַטערדיקע בענדער זײַנען דערשינען אין 1867 און 1872 יאָרן. די מאטעמאטיקער כ.־ז. סלאָנימסקי און ה. ראבינאָוויטש האָבן פּאָפּוליאריזירט מאטעמאטישע וויסנשאפטן. קאלמען שולמאן האָט איבערגעארבעט וועבערס „אלגעמיינע געשיכטע" („דברי ימי עולם"), אָנגעשריבן אן אלגעמיינע געאָגראפיע און א געאָגראפיע פון רוסלאנד. באזונדער דאַרף אָפּגעמערקט ווערן זײַן איבערזעצונג פון יוסעף פלאוויוסעס ווערק.

פּיסארעווס ליטערארישע אָנשויונגען האָבן געפונען אן אָפּקלאנג אין דער העברעיִשער קריטיק. עס איז ארויסגעטראָטן אווראָם־אורי קאָוונער (1842 — 1909) מיט צוויי קריטישע בראָשורן, וועלכע האָבן געמאכט א גרויסן טומל („חקר דבר" — 1865 און „צרור פרחים" — 1868). קאָוונער קריטיקירט אומבאַרמהאָרציק די ביזרעפאָרמעדיקע מאסקילישע ליטעראטור, די טעאָריע פון „קונסט לעשעם קונסט" און פאָדערט, אז די ליטעראטור זאָל ווערן א שול פון לעבן.

אין א מער מעסיקן טאָן קריטיקירט די פאָרגייענדיקע ליטעראטור א.־י. פּאפּערנע. ער לאכט אויס די רעטאָריק און פּוסטע פראזע און פאָדערט בא די שרײַבער טרײַהײַט צום לעבן און קינסטלערישע פּאשטעס.

אין דער צײַט באווײַזט זיך אף דער ליטערארישער ארענע די קאָלאָריטפולע פיגור פון יעהודע־לייב גאָרדאָן (1830 — 1892). זײַן שאפונג איז געווען פארשיידנארטיק לויט איר פאָרם, סטיל און אינהאלט. ער האָט געשריבן אידיליעס אף ביבלישע טעמעס, היסטאָרישע פּאָעמעס, פאבלען, סאטירעס, לירישע לידער. אונטער דער ווירקונג פון די פּראָגרעסיווע שטרעמונגען ווענדט זיך דער פּאָעט צום פאָלק מיט אזעלכע ווערטער: „דערוואַך, מײַן פאָלק! ביז וואנען וועסטו שלאָפן? די נאכט איז דאָך אדורך און די זון שײַנט שוין! דערוואַך, קוק זיך ארום און דערקען דײַן אָרט און דײַן צײַט!" מיט אויסערגעוויינלעכער לײַדנשאפט פאלט ער אָן אף „די פּאסטעכער און לערער" — די ראבאָנים; אנטיקלעריקאליזם איז די שטארקסטע זײַט פון י.־ל. גאָרדאָנס שאפונג. אין זײַנע היסטאָרישע פּאָעמעס פאלט ער אויך אָן אף די גײַסטיקע מאנהיגים פונעם ייִדישן פאָלק. אין דער פּאָעמע „בין שני אריות" („אין דעם לייבס ציינער") קריטיקירט ער די שעפער פון טאלמוד, וועלכע האָבן געפאָדערט בייס דער מילכאָמע מיט רוים, אז די ייִדן זאָלן זיך איבערגעבן אין די הענט פון סוינע, פולקאָם קאפּיטולירן, קעדיי פארהיטן די טוירע. אָנשטאָט רופן צום קאמף און פארטיידיקן די אומאָפּהענגיקײַט, האָבן זיי זיך פארנומען נאָר מיט פּוירעש זײַן די דינים אין סכאָלאסטיש־רעליגיעזן גײַסט. די זעלבע געדאנקען געפינען מיר אין נאָך א היסטאָרישער פּאָעמע, וועלכע דערציילט וועגן לעצטן קייסער פון יעהודע צידקיִיאָהו („צדקיהו נבית הפקודות" — „צידקיִיאָהו אין געפענקעניש"). צוגלײַך מיט די היסטאָרישע פּאָעמעס האָט י.־ל. גאָרדאָן אָנגעשריבן א ריי הײַנטצײַטיקע פּאָעמעס, אין וועלכע ער דעקט אוף דעם עמעסן פּארצעף פון די קאָהאָלשע פירער; מאָלט דאָס טרייסטלאָזע לעבן פון דער ייִדישער פרוי („קוצו של יוד"). ניט געקוקט אף דעם, וואָס די פּאָעמעס זײַנען געשריבן אין א געוויסער מאָס טענדענציעז און סכעמאטיש, האָבן זיי געמאכט א גרויסן רוישעם אף די מיטצײַטלער. דעם פּאָעטס שפּראך איז רײַך און קאָלירפול.

א מערקבארן שפור אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראטור האָט איבערגעלאָזט די טעטיקײַט פון פּערעץ בען מוישע סמאָלענסקין (1842 — 1885). פּערעץ סמאָלענסקין האָט אָנגעשריבן א סאך ראָמאנען. ער איז בעשײַטע געווען זייער פּאָפּולער — איבערהויפּט צוליב דער קריטיק פון אלטן לעבנסיידער און אָפּגעלעבטע באגריפן. גרויס דערפאָלג האָט געהאט דער ראָמאן „הטועה בדרכי החיים" („דער בלאָנדזשענדער אף די וועגן פון לעבן"). דער שרײַבער צווינגט זײַן הויפּטהעלד וואנדערן ניט נאָר אף די לעבנס־וועגן, נאָר איבער פארשיידענע שטעט. דאָס גיט סמאָלענסקינען די מעגלעכקײַט צו באווײַזן א רײַכע גאלעריי בילדער פונעם ייִדישן שטייגער. דער ראָמאן איז געווען זייער צום הארצן די טאלמידים פון די פּילצאָליקע יעשיוועס אין ליטע און ווײַסרוסלאנד. ניט איין יעשיוועבאָכער איז שטרענג באשטראָפט געוואָרן פארן באהאלטענעם לייענען דעם „טרייף־פּאָסל".

סמאָלענסקינס ראָמאנען „הטועה בדרכי החיים", „שמחת חנף" („די סימכע פון א כניפעניק" — 1872), „קבורת חמור" („די באגראָבונג פון אן אייזל" — 1874) און אנדערע האָבן באוויזן, אז אין שרײַבערס טאלאנט וועגט איבער דער פּובליציסט דעם קינסטלער. ער האָט געהאלטן, אז א ראָמאן דאַרף קוידעמקאָל לערנען לעבן. דער איקער איז ניט אין אויסמאָלן די כאראקטערן און איבערלעבונגען פון די העלדן, נאָר אין באלויכטן זייערע אָנשויונגען. דעריבער פארנעמען אין סמאָלענסקינס ראָמאנען א גרויס אָרט לאנגע פּובליציסטישע אָפּווײַכונגען פון דעם סיפּער־האמײַסע.

סמאָלענסקינס טעטיקײַט איז געווען ענג פארבונדן מיטן זשורנאל „השחר", וועלכן ער האָט רעדאגירט 17 יאָר (1868 — 1885). דער זשורנאל האָט געשטעלט פאר זיך פאָלגנדן ציל: פארשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן; מיטהעלפן העכערן דעם רום פון העברעיִש; מילכאָמע

האַלטן ניט מיט פאַרבלאָנדזשעטע, נאָר מיט די, וואָס פירן אַראָפּ פון וועג, מיט די באַוווּסטזיניקע אָנהענגער פון פינצטערניש.

סאָף זיבעציקער יאָרן, אין דער צײַט פון פּאָליטישער רעאַקציע און פּאָגראָמען האָט דער זשורנאַל אָנגעהויבן העפטיק פאַרײדיקן נאַציאָנאַליסטישע אידייען.

א רײ מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל „השחר" זײַנען געווען פיל פּראָגרעסיווער פון זײַן רעדאַקטאָר.

יעהודע־לייב לעווין („יהל"ל") איז געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון טשערנישעווסקי, פּיסאַרעוו, מאַרקס און האָט געהאַלטן, אַז מע טאָר זיך ניט באַגרענעצן מיט דער האַסקאָלע־פּראָגראַם. ער שרײַבט: „ביז עס וועט ניט געלייזט ווערן די פּראָבלעם פון סאָציאַלער גערעכטיקײַט, וועלן זיך ניט ענדיקן די צאָרעס פונעם פיל־לײַדנדיקן פאָלק".

די מאַסע מאַסקילים דיפערענצירט זיך ווײַטער. אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער ראַדיקאַלער פּובליציסטיק דרינגען אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור סאָציאַליסטישע אידייען. אין אייניקע גרויסע שטעט (ווילנע, קיִעוו און אַנדערע) אָרגאַניזירן זיך קעמערלעך פון סאָציאַליסטיש געשטימטע ייִדישע אינטעליגענטן — פאָלקיסטן. אָט די נײַע דערשײַנונגען האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די סקיצן פון ל. צוקערמאַן און א. ליבערמאַן אַף די זײַטן פון „השחר". א קליינע גרופּע ייִדישע פאָלקיסטן האָבן דערפילט א באַדערפעניש אין א באַזונדערן פּרעסע־אָרגאַן. דעם ערשטן פּרווו צו פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם צווישן די רוסישע ייִדן האָט געמאַכט אַרן ליבערמאַן (געבוירן אין דער צווייטער העלפט פון די פערציקער יאָרן, געגומען זיך דאָס לעבן אין 1886 יאָר), גרינדנדיק אין ווין (1877) א כוידעש־זשורנאַל „האמת". נאָכן דערשײַנען פון דריטן נומער איז דער רעדאַקטאָר אַרעסטירט געוואָרן און דער זשורנאַל האָט זיך פאַרמאַכט. נאָכדעם איז אופגעקומען אין א פאָרם פון א בײַלאַגע צו דעם וואָכנבלאַט „הקול" (געדרוקט זיך אין קעניגסבערג) דער סאָציאַליסטישער כוידעש־זשורנאַל „אספת חכמים", וועמעס פאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען מאָריס ווינטשעווסקי. אין אָט די סאָציאַליסטישע זשורנאַלן האָבן זיך געדרוקט לידער און אַרטיקלען פון יעהאַלעל, קאַמינער, לילִיענבלום. נאָכן דערשײַנען פון פינפטן נומער „אספת חכמים" האָט די רוסישע צענזור פאַרבאָטן אַרײַנצופירן דעם זשורנאַל קיין רוסלאַנד. נאָכן אכטן נומער, אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרעסט פון ווינטשעווסקין, האָט דער זשורנאַל אופגעהערט צו עקזיסטירן.

די ייִדישע פּאָגראָמען אין די אכציקער יאָרן, אָרגאַניזירטע פון צאַריזם, האָבן אַרויסגערופן נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אין באַשטימטע קרײַזן פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. א סאָך פון די מאַסקילים און סאָציאַליסטן־פאָלקיסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע פריִערדיקע פּראָגרעסיווע אידייען. אינטערעסאַנט איז די עוואָליוציע פונעם פּובליציסט מוישע־לייב ליליִענבלום. ער האָט אָנגעהויבן זײַן טעטיקײַט אַלס הייסער אָנהענגער פון רעליגיעזע רעפאָרמעס און געליטן רעדיפעס מיצאַד די קלעריקאַלן; אין סאָציאַליסטישן „אספת חכמים" האָט ער אפילע פאַרעפנטלעכט א פּאָעמע „אלישה בן אבויה", אין וועלכער עס ווערט פּאָזיטיוו געשילדערט דער באַוווּסטער אפּיקוירעס פון II יאָרהונדערט מיטן זעלבן נאָמען. און אין 1884 יאָר איז לילִיענבלום געוואָרן א פירער פון די פּאַלעסטינאָפילן (חובבי־ציון). אַזאַ וועג האָט דורכגעמאַכט אויך יעהאַלעל און אַנדערע. איין מאָריס ווינטשעווסקי איז געבליבן געטרײַ דעם סאָציאַליזם און איז ביזן סאָף פון זײַנע טעג געווען א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּשא.

אין דער זעלבער צײַט איז אַרויסגעטראָטן מיט א שאַרפן פּאַמפלעט „תוהו ובוהו" („פּוסט און וויסט") דאַוויד פרישמאַן (1864 — 1922). ער האָט באַוויזן דעם באַגרענעצטן אינהאַלט און די פאַרעלטערטע פאָרמען פון דער העברעישער ליטעראַטור. ער שרײַבט: „איך שווער, אַז איך וועל אײַך צווינגען, מיט קויעך צווינגען זיך אָפּצוזאָגן פון אײַער באַזונדערן, ספּעציפישן געשמאַק און פאַרבײַטן אים מיטן געשמאַק פון אַן עמעסן אייראָפּייער". און פרישמאַן זעלבסט האָט דעם אייראָפּעיִזם באַוויזן אין זײַן שאַפונג — אין די פעליעטאָנען (זיי האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען אין דער ערשטער טעגלעכער העברעישער צײַטונג „היום" — „דער טאָג", וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1886 — 1888), נאָוועלן, קריטישע אַרטיקלען און מײַסטערהאַפטע איבערזעצונגען. ניט זײַענדיק פאַרבונדן ניט מיט חיבת־ציון, ניט מיטן פּאָליטישן ציִוניזם, האָט פרישמאַן פון צײַט צו צײַט אַרויסגעגעבן אייגענע פּעריאָדישע אָרגאַנען („הדור" — „דער דאָר", „הבוקר" — „דער פרימאָרגן"), וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין לאַנגן קיִעם.

סאָף XIX יה. איז דער קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד אַרײַנגעטראָטן אין דער אימפּעריאַליסטישער סטאַדיע. אין לאַנד זײַנען רײַף געוואָרן די פּראָצעסן, וועלכע האָבן צוגעגרייט די רעוואָליוציע פון 1905 יאָר. אין דער רעוואָליוציע, אין איר צוגרייטונג האָבן אָנטיילגענומען אייניקע מיטן גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון רוסלאַנד אויך די ייִדישע אַרבעטער און די ייִדישע סאָציאַליסטיש געשטימטע אינטעליגענץ.

ווי זשע האָט רעאַגירט אַף די אַלע געשע־
ענישן די העברעיִשע ליטעראַטור?

צום סאָף פונעם יאָרהונדערט האָבן זיך באַ־
וויזן שרײַבער, וועלכע ס'האָט ניט באַפרידיקט
די באַגרענעצטע טעמאַטיק פון די פאַריקע יאָרן
(נאָך קאַמף צווישן געבילדעטע און אָבסקו־
ראַנטן). זיי האָבן אָנגעהויבן שילדערן דאָס
לעבן פון פּראָסטע מענטשן און זייער גײַסטי־
קע וועלט. עמעס, אַזעלכע שרײַבער זײַנען
געווען ווייניק (עזרע גאָלדין, בען-אַוויגדער).

בעענטער צום XX יאָרהונדערט האָט דער אינ־
האַלט פון דער העברעיִשער קינסטלערישער
ליטעראַטור זיך גרינטלעך געענדערט. דער אַל־
טער שטייגער און זײַנע רעליגיעזע יעסודעס
זײַנען צעשטערט געוואָרן. די אינטעליגענץ,
וועלכע איז געווען דערצויגן אין די אומשטענדן
פון דער אַלטער פּאַטריאַרכאַלער וועלט, האָט
זיך געשראָקן פאַרן דראַנג פון די נײַע לעבנס־
באַדינגונגען. זי האָט דערפילט, אַז עס צעפאַלט
זיך דער „צוזאַמענבונד פון צײַטן". וועגן דעם
זאָגן איידעס אַפילו די נעמען פון אַ ריי ווערק:
י. בערשאַדסקיס ראָמאַן טראָגט דעם נאָמען „אָן
אַ ציל", ש. בען-ציאָנס דערציילונג — „די
צעשפּאָלטענע נעשאָמע", י.-כ. ברענערס דער־
ציילונג — „אַרום אַ פּינטל". די צענטראַלע פּי־
גור אין די ווערק פון די דערמאָנטע שרײַבער
איז דער „איבעריקער מענטש", וואָס טרוימט
וועגן אַ פולן, פילפאַרביקן לעבן און געפינט
נאָר שאָטנס (די זאַמלונג פון גנעסינס דערציי־
לונגען רופט זיך טאַקע „שאָטנס פון לעבן").
די אומזיסטע זוכונגען דערפירן אייניקע העלדן
(צום בײַשפּיל, בײַ ברענערן) קימאַט צו מעשו־
גאַס. י.-כ. ברענער, דער סאַמע טאַלאַנטפולער
פון אָט דער פּלעיאַדע שרײַבער, באַצייכנט אָט
דעם מין אינטעליגענטן ווי „אומעטעטיקע, האַלב
מעשוגענע, געפּילפּלאָזיקע, קרענקלעך טעאָרע־
טיזירנדע סכאָלאַסטן, ניט פייִקע צו קעמפן, פּאַ־
ריכטן, צערטלען, שאַפן".

פאַרנעמענדיק זיך הויפּטזאַכלעך מיטן „איבע־
ריקן מענטשן", איז די קינסטלערישע העברעיִ־
שע ליטעראַטור אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען פון די
ווירקלעכע לעבנס-פּראָבלעמען, וואָס זײַנען
געווען פאַרבונדן מיטן אָנקומען פון דער רע־
וואָליוציע פון 1905 יאָר, מיט דער רעוואָליוציע
גופע און מיט אירע רעזולטאַטן. און וואָס איז
שײַך פּובליציסטיק, האָט נאָר איין י.-ל. פּערעץ
אַף די זײַטן פון דער העברעיִשער צײַטונג
„הצופה" געפּרוווט פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די
פאַרקומענדיקע געשעענישן.

די גרעסטע העברעיִשע פּאָעטן פון XX יאָר־
הונדערט ביז דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע זײַ־
נען געווען כאַיִם-נאַכמען ביאַליק (1873—1934)
און שאול טשערניכאָווסקי (1875—1943).
ש. טשערניכאָווסקין באַשטימט מען אַמאָל
אַלס ביאַליקס אַנטיפּאָד. עס איז, פאַרשטייט זיך,
אַ גוזמע, נאָר אין דער גוזמע זײַנען דאָ קערע־
נער פון וואָרהײַט. ביאַליק ווערט באַגײַסטערט
„אָפּן שוועל פון בעסמעדרעש", טשערניכאָוו־
סקי — „פאַר אַפּאָלאָנס סטאַטוע"; ביאַליקן אַנ־
ציקן די וויזיעס פון די נעוויִים, טשערניכאָוו־
סקין — די פאַלשע נעוויִים.

טשערניכאָווסקי איז ניט אָנגעשטעקט גע־
וואָרן מיט „נעשאָמע-צעשפּאַלטונג". ער מעל־
דעט, אַז טרערן זײַנען אים פרעמד און אַז פון
די אוראַלטע וועלדער ברענגט ער די שורע פון
פרייד. ער איז ניט מאַסקים מיט די, וועלכע
פּײַניקן זיך דערפון, וואָס זיי קאָנען ניט צונויפ־
שמעלצן די ייִדישע קולטור מיט דער אַרישער
וועלט. ער קלײַבט אויס פאַר זײַן שאַפן יענע
מאָמענטן אין דער ייִדישער געשיכטע, אין וועל־
כע ס'האָבן זיך ארויסגעוויזן דעם פאָלקס גוווּ־
רע. מיט צאָרן רעדט ער וועגן דער איבעריקער
גײַסטלעכקײַט פון דער ייִדישער קולטור און
ווענדט זײַן בליק ניט צום גאָט פון מוישע און
די נעוויִים, נאָר „צום גאָט פון די סוידעסדיקע
מידבאָריעס", „צום גאָט פון די קנאאן-דעראָ־
בערער", נעמלעך, בא דעם גאָט שעפּן קויעך די
ווידערשפּעניקע קאנאָיִם און דער גיבער שעבי־
גיבוירים באר-קאָכבא.

דער העלד פון טשערניכאָווסקיס פּאָעמע
„ברוך ממגנצה" („באָרוך פון מײַנץ") איז זיך
נויקעם אין זײַנע פּײַנט פאר זייערע גוואלד־
טאַטן, זײַן גרענעצלאָזע מוטיקײַט העלפט שוין
אויספילן זײַן פליכט.

דער פּאָעט פילט טיף די נאַטור. אים זײַנען
נאָענט „אי דאָס מורמלען פון גרעזל, אי די
פויגלס צוויטשערן, אי דער געהויל פון דונער,
אי דעם יאַמס ברומען". ער שרײַבט: „מײַן האַרץ
לעכצט נאָכן שלאַכטפעלד, ווו עס דונערט דער
זיג-רוף!" („בין הרים" — „צווישן בערג").

טשערניכאָווסקי שרײַבט אויך אידיליעס, אין
וועלכע עס זײַנען אָנגעמאָלט בילדער פון דאָר־
פישן לעבן אין דעם פּאָעטס ליבע קאַנטן —
אוקראַיִנע און קרים.

טשערניכאָווסקי האָט פינף יאָר געאַרבעט
איבער דער העברעיִשער איבערזעצונג פון
לאָנגפעלאָס „די ליד וועגן הײַאוואטע", פאר־
היטנדיק דעם ריטם און די פּאשטעס פונעם
אָריגינאל. ער האָט געמאכט ווונדער-שיינע
איבערזעצונגען פון א ריי קלאסישע אלטער־
טימלעכע ווערק (האָמערס „איליאדע" און
„אָדיסייע", „פּלאטאָנס „מאָלצײַט", סאָפּאָקלס
„קייסער עדיפּ", „א וואָרט וועגן איגאָרס כאיִל"
אא.).

אין יענע יאָרן הייבט אָן זײַן ליטעראַרישע
טעטיקײַט אויך זאלמען שנייער. אין זײַנע ער־
שטע ווערק פילט זיך נאָך ביאליקס האשפּאָע,
אָבער אײַנגיכן גייט ער אוועק מיט זײַן אייגע־

נעם וועג. אין זײַנע ווערק לאָזט זיך הערן די צעצווייטקייט פון זײַנע שטימונגען: פון איין זײַט — באַגײַסטערונג מיט דער מאַיעסטעטישער שיינקייט פון דער באַרג־נאַטור („בהרים" — „אין די בערג"), פון דער אַנדערער זײַט — „אײנזאַמקייט, מוירעדיק גרויסע און גרענעצלאָזע אײנזאַמקייט קוקט פון יעדן ווינקל מיט פאַרגליווערטע אויגן".

געפילן פון אײנזאַמקייט און שטילן טרויער זײַנען כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר די שאַפונגען פון יאַנקעוו פיכמאַן און דאָוויד שימאַנאָוויטש.

די העברעיִשע פּראָזע האָט זיך פאַרשלאָסן אין די ענגע ראַמען פון זעלבסט־אַנאַליז.

ניט געקוקט אַף דער אָנוועזנהײַט פון גרויסע טאַלאַנטן, האָט די העברעיִשע ליטעראַטור געפונען זיך פאַר דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אין אַ יערידע־צושטאַנד.

העברעיִשע צײַטונגען האָבן ביסלעכווײַז אָנגעווירן זייערע אַבאָנענטן און אויפגעהערט צו עקזיסטירן („המליץ" — אין 1904 יאָר, „הצפירה" — אין 1906 יאָר, „הצופה" — אין 1905 יאָר). דער כוידעש־זשורנאַל „השלוח" האָט געלעבט נאָר אַדאַנק דער שטיצע פון מעצענאַטן.

אין אַמעריקע, וווּהין עס האָבן עמיגרירט סאָף XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט באַדײַטנדיקע ייִדישע מאַסן פון רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע, האָט די העברעיִשע ליטעראַטור ניט געפונען קיין באָדן פאַר איר אַנטוויקלונג. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די איבערוועגנדיקע מערהײַט ייִדישע אימיגראַנטן האָט קיין העברעיִש ניט געקענט. אַלע באַמיִונגען אַרויסלאָזן אין פּשאַ צײַטונגען און זשורנאַלן אַף העברעיִש האָבן קיין רעזולטאַטן ניט געגעבן. עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן עטלעכע ביכער מיט אַן איבערזיכטלעך־קאָמפּיליאַטיוון כאַראַקטער. מע האָט אַרויסגעגעבן אַ 10־בענדיקע העברעיִשע ענציקלאָפּעדיע „אוצר ישראל".

די העברעיִשע ליטעראַטור האָט זיך פאַרהיט און בעהאַדראָגע זיך אַנטוויקלט אין פּאַלעסטינע.

בראַניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

געווידמעט דער געגנט

א גרופּע יונגע נאַטור־פאָרשער פון דעם ביראָבידזשאַנער שול־אינטערנאַט האָט דורכגעפירט אַ מאַרש איבער די שטעט און דערפער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט מיטן ציל צונויפזאַמלען דאָקומענטן, פאָטאָ־בילדער, דערינערונגען פון אַלטע טוישווים וועגן דער אַנטוויקלונג פונעם טײַגע־קאַנט.

די יונגע ענטוזיִאַסטן האָבן פון די אויפגעקליבענע מאַטעריאַלן צונויפגעשטעלט עטלעכע טעמאַטישע אַלבאָמען, וועלכע שילדערן די געשיכטע פונעם אָבלוטשיער, לעניִנסקער און אַנדערע ראַיאָנען פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

אַ נײַער דאָקומענטאַלער פילם

די ווײַטמיזרעכדיקע סטודיע פון קינאָ־כראָניק איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט איבער אַ קאָלירטן דאָקומענטאַלן פילם, געווידמעט דעם פערציקסטן יאָרטאָג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. דער אויטאָר פונעם סצענאַרי פון דעם קינפּטיקן פילם איז דער כאַבאַראָווסקער זשורנאַליסט מיכאיִל כאַנוך.

גרויסע הילף אין דער אַרבעט איבערן פילם ווײַזן אַרויס דער פּראָפעסאָר ב. ברוק — איינער פון די ערשטע אײַנוואַנדערער אַף דער ביראָבידזשאַנער ערד, דער רעזשיסער פונעם ייִדישן פאָלקסטעאַטער ב. שילמאַן, דער שרײַבער ב. מילער.

„טעוויע דער מילכיקער" אַף מאָלדאַוויש

אינעם קעשעניעווער פאַרלאַג „קאַרטיאַ מאָלדאָווענייאַסקע" איז דערשינען אין אַ באַזונדער אויסגאַבע אַף דער מאָלדאַווישער שפּראַך שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער".

דעם בוך האָט איבערגעזעצט דער קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן מיכאיִל ברוכיס.

די נײַע אויסגאַבע איז אײַנגעשלאָסן אין דער סעריע „קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור". זי איז אָריגינעל אויסגעפורעמט פון די קינסטלער אי. קרים און אי. שטשיפּאַנאָוואַ.

ט. אַלטער

מיר ענטפערן אויף פראגעס פון אונזערע לייענער

לעאָנעל דאַדיאַני

כאָשעווע כאווײרים פון „סאָוועטיש היימלאנד"!

איר וועט געוויס פארפילן א בלויז בא א גרויסער צאָל לייענער, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דעם געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן לעבן אין ייִסראָעל, אויב איר וועט פארעפנטלעכן אן אויספירלעכן מאַטעריאַל וועגן דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פארטיי. אין דער אויסלענדישער ייִדישער פרעסע איז צו מערקן א גיט אָביעקטיווע באַלײַכטונג פון איר פראָגראם און פון איר טעטיקײַט. מע באגייט זיך אויך ניט אָן רעכילעס.

פארגעסט ניט, בא דער געלעגנהײַט, צו געבן אן אָפּשאַצונג די אנדערע קויכעס אין דער מעדינע, וועלכע טרעטן ארויס קעגן דער רעאקציאָנערער רעגירונגס־פּאָליטיק.

נ. רעכטווײַזער אשכאבאד

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל אין קאַמף פאַר א פרידלעכער און דעמאָקראַטישער אַלטערנאַטיוו פאַר דער מעדינע

די טעטיקײַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל (ראקאך) — דעם אוואנגארד פונעם ארבעטער־קלאס און פון אלע פּראָגרעסיווע, ווירקלעך־פּאטריאָטישע קויכעס פון לאנד — קומט פאָר אין שווערע, קאָמפּליצירטע אומשטענדן. א באדײַטנדיקער טייל פון דער באפעלקערונג פון ייִסראָעל געפינט זיך אונטער דער אופווירקונג פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע און שטיצט די קאָלערליי ציִעניסטישע פּארטייען. דער שאָוויניסטיש־מיליטאריסטישער טשאד, וועלכער האָט אין 1967 פארגיפטיקט ברייטע שיכטן פון דער געזעלשאפט, ווערט נאָכאנאנד אונטערגעהאלטן מיצאד דער ציִעניסטישער און פּראָציִעניסטישער פּרעסע פון דער מעדינע גופע און פון אנדערע קאפּיטאַליסטישע לענדער, מיצאד דעם מעלוכע־אפּאראט און דעם גאנצן מעכאניזם פון דעם ייִסראָעלדיקן און צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם.

דעמאסקירנדיק דעם שעקער און די אינסינואציעס פון דער אימפּעריִאליסטישער און ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע, באווײַזן די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן, אז בלויז א פּאָליטיק פון שאָלעם און פרײַנטשאפט מיט די אראבישע לענדער און פעלקער אנטשפּרעכט די עכטע אינטערעסן פון דער מעדינע. די קאָמפּארטיי דערווײַזט, אז די עקסטרעמיסטישע פּאָליטיק פון די ייִסראָעלדיקע רעגירנדיקע קרײַזן פארטיפערט בלויז דעם טהאָם צווישן ייִסראָעל און די אראבישע לענדער, פארשטארקט די צווישנפעלקערלעכע איזאָליאציע פון דער מעדינע.

אין דער שאָלעם־פּראָגראם, וועלכע עס האָט אָנגענומען דער XVII צוזאמענפאָר פון ראקאך (יוני 1972), רופן די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן אלע פרידנסליבנדיקע קויכעס זיך באהעפטן אין אן אייניקײַטלעכן שאָלעם־פראָנט צוליב פאָלגנדיקע צילן:

— פארטיידיקן די רעכט פון אלע פעלקער און מעלוכעס פונעם נאָענטן מיזרעך, אײַנגע־

שלאָסן דאָס פאָלק פון ייִסראָעל און דאָס אראַ־
בישע פאָלק פון פּאַלעסטינע;

— אויספילן אלע האַנאָכעס פון דער רעזאָ־
ליוציע פון דעם זיכערהייט־ראט פון 22 נאָיאַ־
בער 1967.

דער לאָזונג פון דער קאָמפּארטיי פון ייִס־
ראָעל: „ניט מיטן אימפּעריִאליזם קעגן די אראַ־
בישע פעלקער, נאָר מיט די אראבישע פעלקער
קעגן דעם אימפּעריִאליזם״ — געפינט אלץ א
ברייטערע שטיצע בא די ארבעטנדיקע מאסן.

דער XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפּארטיי
האָט ווידעראמאָל אונטערגעשטראָכן, אז דער
אמעריקאנער אימפּעריִאליזם ניצט אויס די אָקו־
פּאַציע פון די אראבישע טעריטאָריעס מיצאד
ייִסראָעל אלס א מיטל פון דרוק און שאנטאזש
בענעגייע דער אראבישער נאציִאָנאלער, אנטי־
אימפּעריִאליסטישער באוועגונג.

אָפּמערקנדיק, אז פאר דער צײַט, זינט עס
עקזיסטירט מעדינאַס ייִסראָעל (מײַ 1948), און
באזונדערס פאר די לעצטע יאָרן, האָט איר
עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָפּהענגיקײַט פונעם
אימפּעריִאליזם און פריִער פאר אלץ פונעם
מאָנאָפּאָליסטישן קאפּיטאל פון פּשא זיך פאר־
שטארקט און פארטיפערט, האָט דער XVII צו־
זאמענפאָר פון דער קאָמפּארטיי דערקלערט:

„עס איז אין די לעבנס־אינטערעסן פון ייִס־
ראָעל צו באפרײַען זיך פון דער פארקנעכטונג
און פון דינען דעם אמעריקאנער אימפּעריִאליזם,
זיך שטעלן אפן וועג פון אומאָפּהענגיקײַט פון
יעטווידער אימפּעריִאליסטישער מעלוכע, פאר־
ווירקלעכן א פּאָליטיק פון נאציִאָנאלער אומאָפּ־
הענגיקײַט״.

די קאָמוניסטישע פּארטיי פון ייִסראָעל
טראָגט אינעם פאָלק דעם עמעס וועגן דעם לעבן
אין פּסער, וועגן דער גלײַכבארעכטיקונג פון
זײַנע בירגער, דערין אויך פון די ייִדן, וועגן
דער פּאָליטיק פונעם סאָוועטנפארבאנד אפן
נאָענטן מיזרעך. „די פרײַנטשאפט פונעם סאָ־
וועטנפארבאנד מיט דער פאראייניקטער אראבי־
שער רעפּובליק און מיט אנדערע אראבישע
לענדער, — האָט אונטערגעשטראָכן דער גענע־
ראל־סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון
ראקאך מייער ווילנער, — ווידערשפּרעכט ניט
דער מעגלעכקײַט אײַנצושטעלן נאָרמאלע באַ־
ציִונגען צווישן דעם סאָוועטנפארבאנד און ייִס־
ראָעל. ס'איז באוווּסט, אז פּסער האָט געשטיצט
און שטיצט די רעכט אף עקזיסטענץ פון א סוּ־
ווערענער מעדינאַס ייִסראָעל און ווינטשט דעם
ייִסראָעל־פאָלק פרידן און פאנאנדערבליִונג.
דאָס זעלבע ווינטשט דער סאָוועטנפארבאנד די
אראבישע פעלקער. דער וועג צו געפארלאָזי־
קײַט ליגט דורך אײַנשטעלן א יוישערדיקן און
פעסטן שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אראַ־
בישע לענדער״.

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן קלערן אוף זייער
פאָלק, אז די אנטיסאָוועטישע דערקלערונגען
און אקציעס פון דער ייִסראָעלדיקער רעגירונג
און פונעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם האָבן
דעם ציל אָפּצווענדן די אופמערקזאמקײַט פון
די פאָלקסמאסן פון ייִסראָעל און פון דער
וועלט־עפנטלעכקײַט פון דער געפערלעכער
לאגע אפן נאָענטן מיזרעך, וועלכע האָט זיך
געשאפן איבער דער שולד פון די אימפּעריִאלי־
סטישע קרײַזן פון פּשא און די רעגירער פון
ייִסראָעל, און גלײַכצײַטיק אויך אָפּצווענדן די
אופמערקזאמקײַט פון די עקאָנאָמישע און סאָ־
ציִאל־פּאָליטישע שוועריקײַטן, וועלכע פארטי־
פערן זיך נאָכאנאנד אין דער מעדינע גופע.
„מיטן טומל וועגן דער „ייִדן־פראגע״, וועלכע
עקזיסטירט קלוימערשט אין סאָוועטנפאר־
באנד, — ווערט געזאָגט אין דער דערקלערונג,
וואָס די פראקציע פון ראקאך האָט געמאכט אין
קנעסעט אין מײַ 1971, — פּרוּווט די ייִסראָעל־
רעגירונג פארמאסקירן דעם דורכפאל פון איר
פּאָליטיק און די אלץ־שטײַגנדיקע איזאָליאציע
פון ייִסראָעל אף דער צווישנפעלקערלעכער
ארענע״.

די קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל פירט א פרינציִ־
פּיעלן קאמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּאָ־
ליטיק פונעם ציִעניזם, וועלכער שטויסט די
מעדינע צו א נאציִאָנאלער קאטאסטראָפע. די
קאָמוניסטן דערווײַזן איבערצײַגעוודיק די
פאָלקסמאסן, אז דער ציִעניזם דינט די גלאָבאלע
אינטערעסן פונעם אלוועלטלעכן אימפּעריִאליזם
און שטרעבט צו פארווירקלעכן אויך זײַנע איי־
גענע עקספּאנסיִאָניסטישע און נעאָקאָלאָניִאלי־
סטישע צילן. אף קאָנקרעטע בײַשפּילן באווײַזט
די קאָמפּארטיי, אז דער היינטצײַטיקער ציִע־
ניזם שטעלט מיט זיך פאָר א שאָוויניסטיש־ראַ־
סיסטישע פּאָליטישע באוועגונג פון דער גרויַ־
סער ייִדישער בורזשואזיע, וועלכע איז מיט די
שטארקסטע פעדעם פארבונדן מיט די אויסלענ־
דישע און פריִער פאר אלץ — מיט די אמע־
ריקאנישע מאָנאָפּאָליעס און וואָס פארבלענדט
די אויגן בא א טייל הארעפּאשנע ייִדן מיט נאַ־
ציִאָנאליסטישע, פּסעוודאָ־סאָציִאליסטישע און
אנדערע דעמאגאָגישע לאָזונגען.

דער היינטצײַטיקער ציִעניזם איז א געווער
אין די הענט פונעם אימפּעריִאליזם אין זײַן
קאמף קעגן דער סאָציִאליסטישער געמיינזאמ־
שאפט, קעגן דער צווישנפעלקערלעכער קאָמו־
ניסטישער און ארבעטער־באוועגונג, נאציִאָנאל־
באפרײַערישער באוועגונג, פריִער פון אלץ —
פון די אראבישע פעלקער און מעלוכעס, ווי
אויך פון אנדערע לענדער אין אפריקע, אזיע
און לאטײַן־אמעריקע.

דער XVI צוזאמענפאָר פון ראקאך, וועלכער

גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער
קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ייִשׂראָעל
מ. ווילנער

איז פאָרגעקומען אין אָנהייב 1969, האָט אָפּגעמערקט אין זײַן רעזאָליוציע „די ייִדן־פראַגע און דער ציִעניזם אין אונדזערע טעג": „די דערפאַרונג פונעם סאָציִאַליזם דערווײַזט, אַז אין די סאָציִאַליסטישע לענדער איז די ייִדן־פראַגע דערלייזט. עס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן די סאָציִאַלע און פּאָליטישע יעסוידעס פונעם אַנטיסעמיטיזם. אין די סאָציִאַליסטישע לענדער עקזיסטירן ניט אַזעלכע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, וועלכע זאָלן זײַן פאַרינטערעסירט אינעם אַנטיסעמיטיזם און אין אַוועלכער ניט־איז נאַציִאָנאַלער דיסקרימינאַציע".

די גאַנצע געשיכטע פונעם ציִעניזם, ווי אויך די פאַקטן פון דער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט, באַווײַזן איבערצײַגעוודיק, אַז דער ציִעניזם איז ניט דער קעמפער קעגן אַנטיסעמיטיזם. אין אידייִש־פּאָליטישן זין זײַנען ציִעניזם און אַנטיסעמיטיזם — אַ צווילינג. זיי זײַנען פאַרבינדעטע. דעם ציִעניזם און דעם הײַנטצײַטיקן אַנטיסעמיטיזם האָט געבראַכט אַף דער וועלט דער אימפּעריִאַליזם, און זיי האָבן איינעם און דעם זעלבן ציל: צעשפּאַלטן די דעמאָקראַטישע און אַרבעטנדיקע קויכעס לעטוֹוועס דעם קלאַסן־סוינע, אין די אינטערעסן פון דער אימפּעריִאַליסטישער רעאַקציע.

באַטראַכטנדיק נאָכאַמאָל די פראַגע וועגן דער רעאַקציִאָנערער, אימפּעריִאַליסטישער טעטיקײַט פונעם ייִשׂראָעלדיקן ציִעניזם און פון די צווישנ־

פעלקערלעכע ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט דער XVII צוזאַמענפאָר פון ראַקאַח ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקײַט צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק פונעם ציִעניזם, אָנווײַזנדיק דערבײַ, אַז דאָס איז „אַ לעבנס־נויטווענדיקײַט פאַרן פאָלק פון ייִשׂראָעל און פאַר אַלע פּראָגרעסיווע קויכעס".

די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון ייִשׂראָעל שטרײַכט באַזונדערס אונטער, אַז עס איז נייטיק אַראָפּרײַסן פונעם ציִעניזם דעם „ייִדישן נאַציִאָנאַלן" שלייער, מיט וועמענס הילף ער פּרוּווט פאַרמאַסקירן זײַן עמעסן פּאַרצעף, און באַווײַזן די ייִדישע מאַסן, וועלכע ווערן טיילמאָל באַווירקט פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז די אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק פונעם ציִעניזם ווידערשפּרעכן די אינטערעסן פון די ייִדן און דעם סאָציִאַלן פּראָגרעס אינגאַנצן גענומען. דער ציִעניזם, וועלכער איז איינער פון די גרונט־נעסטן פון דעם סאַמע ציִוּרשעטן און ראַפינירטן אַנטיסאָוועטיזם און אַנטיקאָמוניזם, דינט אָפן אַקטיווסטן אויפן דעם אימפּעריִאַליזם און דער וועלט־רעאַקציע.

אַ סאַך אויפמערקזאַמקײַט שענקען די ייִשׂראָעלדיקע קאָמוניסטן אַף צו דעמאַסקירן די אָרונטערײַסערישע טעטיקײַט פון די ציִעניסטן אין דער סוויווע פון די לינקע קויכעס אין פאַרשיידענע לענדער, אויספּוצנדיק זיך אין „סאָציִאַליסטישע בעגאָדים". די קאָמוניסטן באַווײַזן, אַז עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זײַן ניט נאָר קיין שום אַלגעמיינס צווישן ציִעניזם און סאָציִאַליזם, נאָר אַז עס איז ניטאָ ביכלאַל קיין „פּראָגרעסיווער ציִעניזם". זיי דעקן אויף דעם ווירקלעכן מעהוס פון די פאַלשע, צוויִאַקישע טעאָריעס פון די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן וועגן דער „אויסשליסלעכקײַט פון די ייִדן", וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ מיפישער עקסטערייטאָריִעלער און אויסערקלאַסאָווער „אַלוועלטלעכער ייִדישער נאַציע", וועגן דעם „דואַליסטישן פּאַטריִאָטיזם פון די ייִדן", וועגן דער „אייביקײַט פונעם אַנטיסעמיטיזם", וועגן דער „אידענטישקײַט פונעם ציִעניזם מיט ייִשׂראָעלדיקן פּאַטריִאָטיזם", פון ייִשׂראָעל — מיטן ציִעניזם און פון די ציִעניסטן — מיט אַלע ייִדן.

דער קאַמף קעגן דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע און טעטיקײַט, קעגן דער פּראָ־אימפּעריִאַליסטישער, אַנטיפאָלקישער און אַנטינאַציִאָנאַלער פּאָליטיק פון די ציִעניסטישע רעגירער פון ייִשׂראָעל, איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר שאָלעם און נאַציִאָנאַלער אומאָפּהענגיקײַט, פאַר אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די פעלקער, פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציִאַליזם. דער דאָזיקער קאַמף דינט די אינטערעסן פונעם ייִשׂראָעלדיקן

ארבעטער־קלאַס, די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון ייִסראָעל און פונעם אַלוועלטלעכן פראָגרעס.

„די אידעאָלאָגיע און די פראַקטיק פונעם ציִוניזם זײַנען רעאַקציאָנער, ווײַל אומעטום ווידערשפרעכן זיי די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע ייִדן און זײַנען געצילט קעגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִסראָעלדיקן פאָלק, — ווערט געזאָגט אין דער רעזאָליוציע פונעם XVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפאַרטיי. — די ציִוניסטישע פאָליטיק אין די לענדער פון קאַפיטאַל העלפט מיט דער רעאַקציע, דעם ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם". דעריבער איז יעטווידע שטיצע, וואָס ווערט אַרויסגעוויזן דער ציִוניסטישער פאָליטיק, געווענדט קעגן די עכטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן פונעם ייִסראָעלדיקן פאָלק און פון די האָרעפאַשנע ייִדן.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון ייִסראָעל קעמפט מעסירעסנעפעשדיק פאַר פאַרווירקלעכן אין לעבן די פראָגראַם פונעם דעמאָקראַטישן אַנטי־אימפעריאַליסטישן פראָנט, וועלכע עס האָבן אויסגעאַרבעט דער XVI און XVII פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן. די גרונט־פונקטן פון אָט דער פראָגראַם זײַנען:

— ייִסראָעל דאַרף ליקווידירן איר אָפהענגיקײַט פון די אויסלענדישע מאָנאָפאָליעס און פון די אימפעריאַליסטישע מעלוכעס;

— אײַנשטעלן אַ יוישערדיקן שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע מעלוכעס אַפן יעסאָד פון אויספילן אין דער פולער מאָס מיצאַד אַלע צדאָדים די רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַט־ראַט נום. 242 פון 22 נאָיאַבער 1967;

— פאַרטיידיקן די גרינטלעכע אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס און פון די פאָלקסמאַסן;

— אַ סאָף מאַכן צו די רעפרעסיעס און צו דער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע, גאַראַנטירן די גלײַכהײַט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין ייִסראָעל;

— פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע פרײַהײַטן און קעמפן פאַר פאַרברייטערן זיי.

די פראָגראַם פון דער קאָמפאַרטיי אַף דעם איצטיקן עטאַפ האָט אַן אַלדעמאָקראַטישן, אַנטי־אימפעריאַליסטישן כאַראַקטער. זי דריקט אויס די אינטערעסן פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט פונעם ייִסראָעלדיקן פאָלק — ייִדן און אַראַבער, — די אינטערעסן פון די אַרבעטער, פויערים, פון דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, פון די קליינע און מיטעלע הענדלער, פון אַלע דעמאָקראַטישע קרײַזן, וועמענס צוקונפט עס באַדראָעט די איצטיקע רעאַקציאָנערע, אַגרעסיווע פאָליטיק פון דער רעגירונג, — אַ פאָליטיק, וואָס שטיצט דעם אָרטיקן און אויסלענדישן, פריִער פאַר אַלץ דעם אַמעריקאַנישן מאָנאָפאָליסטישן קאַפיטאַל.

די רעגירנדיקע ציִוניסטישע פניי האָבן פאַרוואַנדלט ייִסראָעל אין אַ מיליטאַריסטישער מעלוכע. אַף מיליטער־צוועקן, אײַנגעשלאָסן די געלט־מיטלען אַף דעקן אויסלענדישע מיליטער־קרעדיטן, ווערט געפאַטערט קאָרעוו צוויי דריטל פונעם מעלוכע־בודזשעט און העכער 30 פראָצענט פון דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן פראָדוקט. דער כויוו, וואָס ייִסראָעל איז שולדיק אַנדערע לענדער, איז פון 1,6 מיליאַרד דאָלאַרן אין סאָף 1967 אויסגעוואַקסן ביז 4,2 מיליאַרד דאָלאַרן צום סאָף פון 1972. אין לאַנד וואַקסט האַסטיק די אינפליאַציע. די הויפט־סיבע דערפון זײַנען די קאָלאָסאַלע מיליטער־הוצאָעס, וועלכע פירן צו אַ כראָנישן דעפיציט פונעם מעלוכע־בודזשעט. באַדײַטנדיק זײַנען אין ייִסראָעל אויסגעוואַקסן די דירעקטע שטײַערן און די אָבליגאַטאָרישע צאָלונגען פון דער באַפעלקערונג לויט דער נאַציאָנאַלער סטראַכירונג. עס האָט שטאַרק זיך פאַרגרעסערט דאָס דירע־געלט, ס'איז טײַערער געוואָרן דער סכאַרלימעד אין די אוניווערסיטעטן. אין לאַנד איז שרעקלעך אויסגעוואַקסן דער יאָקרעס: אין 1969 זײַנען די פרײַזן אַף סכוירעס פון מאַסן־געברויך געשטיגן אַף 4 פראָצ., אין 1970 — אַף 12 פראָצ., אין 1971 — אַף 20—25 פראָצ., אין 1972 — אַף 14 פראָצ., אין 1973 — אַף 26 פראָצ.[1]

לויט די אָפיציעלע אָנגאַבן, געפינט זיך דאָס אויסקומעניש פון 132 טויזנט שטאָטישע (דערהויפט ייִדישע) מישפאָכעס, דאָס הייסט פון קאָרעוו 520 טויזנט מענטשן (וואָס עס באַטרעפט קימאַט אַ פערטל־טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג), „אַף דער שוועל פון קאַפצאָנישקײַט" אָדער אַפילע נידעריקער.

אין דער זעלבער צײַט זײַנען שטאַרק געשטיגן די פראָפיטן פון די קאַפיטאַליסטן, וועלכע שטאָפן אָן זייערע טײַסטערס אַדאַנק דעם מיליטערישן אַזשיאָטאַזש. אַזוי, צום בײַשפיל, זײַנען די האַכנאָסעס פון די אינדוסטריעלע קאָמפאַניעס אין די יאָרן 1968 — 1970 אויסגעוואַקסן אַף 40 פראָצ., אין 1972 — ניט ווייניקער ווי אַף 20 פראָצ.

קריטיקירנדיק די פאָליטיק פון די ציִוניסטישע רעגירער, רוקט אַרויס די קאָמפאַרטיי איר פראָגראַם פון דערגרייכן פאָליטישע און עקאָנאָמישע אומאָפהענגיקייט אין דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק.

[1] די ייִסראָעלדיקע פרעסע טיילט מיט, אַז אָנהייבנדיק פונעם 28 יאַנוואַר 1974 זײַנען ווידער טײַערער געוואָרן: ברויט — פון 38 אַגורעס פאַר אַ קילאָגראַם ביז 55 אַגורעס (אַ העכערונג אַף 45 פראָצ), צוקער — פון 1,14 ייִסראָעל־פונט ביז 2 פונט (75 פראָצ.), בוימל — פון 71 אַגורעס פאַר אַ פלאַש ביז 1,05 פונט (48 פראָצ.), מילך — פון 63 אַגורעס ביז 1 פונט (60 פראָצ.), רײַז — פון 3 פונט ביז 3,90 פונט (30 פראָצ.), מעל פאַר 500 גראַם — פון 33—31 אַגורעס ביז 63 אַגורעס (100 פראָצ.) אאַ.

טופיק טובי און רוט ליוביטש
אפן אלוועלטלעכן קאָנגרעס פון די
פרידנסליבנדיקע קויכעס אין מאָסקווע

ראקאך פאָדערט אנולירן די קאָנצעסיעס און פּריווילעגיעס פונעם אויסלענדישן מאָנאָפּאָליסטישן קאפיטאל, נאַציאָנאליזירן די בענק און די וויכטיקסטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, איינשטעלן א פאָלקס־קאָנטראָל איבער דעם נאַציאָנאליזירטן סעקטאָר, קאָנצענטרירן דעם אויסערן־האנדל אין די הענט פון דער מעלוכע, איבערגעבן דאָס פאנאנדעראַרבעטן די נאטור־אויצרעס אין רעשוס פון דער מעלוכע, ליקווידירן די עקזיסטירנדיקע קארטעלן און ניט דערלאָזן, אז עס זאָלן אופקומען נייע, דורכפירן אזא פּאָליטיק אינעם אויסערן־האנדל, וואָס זאָל אנטשפרעכן די אינטערעסן פון דער מעדינע.

אין געביט פון די אגראר־פארהעלטענישן טרעט די קאָמפּארטיי ארויס פאר איינפירן אן איינהייטלעך מעלוכע־אייגנטום אף דער גאנצער ערד מיטן ציל צו באארבעטן זי אין די אינטערעסן פונעם פאָלק און פון דער נאַציאָנאלער עקאָנאָמיק; די אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט פארווירקלעכן אף פלאנעווע יעסוידעס; ניט דערלאָזן קיין ספעקוליאציע מיט ערד, פארווערן דאָס איבערגעבן געזעלשאפטלעכן באָדן אין די הענט פון קאפיטאליסטן, דערלויבן, עס זאָלן ארענדירן ערד־באצירקן בלויז ערד־ארבעטער, און אָן אוועלכע־ניט־איז נאַציאָנאלער דיסקרימינאציע.

די קאָמוניסטן קעמפן פאר אָפּשטעלן דעם פיבער פון באוואָפענונג, פאר באגרענעצן די קריגס־הויצאָעס, פארגרעסערן די בודזשעט־אסיגנירונגען אף פאָלקס־בילדונג, געזונט־אָפּהיטונג, סאָציאלער באזאָרגונג, וווינונגס־בויונג, אנטוויקלונג פון וויסנשאפט און קולטור.

די קאָמפּארטיי טרעט ארויס פאר פארגרעסערן אין דער נאַציאָנאלער האכנאָסע דעם כיילעק פונעם ארבעטסלוין פאר אלע קאטעגאָריעס לוין־ארבעטער און פארקלענערן די קאפיטאליסטישע האכנאָסעס; פאר אראָפּזעצן די פּרייזן אף סכוירעס פון מאסן־געברויך און באדינונג דורך אָפּשאפן די אומדירעקטע שטייערן; פאר אויסצאָלן דעם צוגאָב צום ארבעטסלוין אין שייכעס מיטן יאקרעס יעדע דריי כאָדאָשים אין העסקעם מיט דעם ווירקלעכן ווּקס פונעם יאקרעס.

די קאָמפּארטיי רוקט ארויס א קאָנקרעטע פּראָגראם פון פארברייטערן די סאָציאלע סטראכירונג. זי פאָדערט, עס זאָל אָנגענומען ווערן א געזעץ וועגן סטראכירן אין פאל פון ארבעטסלאָזיקייט, ס׳זאָל פארגרעסערט ווערן די פּענסיע אף דער עלטער און די שטיצע פאר נויטבאדערפטיקע, ס׳זאָל פארקירצט ווערן דער ארבעטסטאָג און די ארבעטוואָך אָן א פארקלענערונג פונעם ארבעטסלוין: דער פּרינציפּ דארף זיין — גלייך געצאָלטס פאר גלייכער מי.

דעמאסקירנדיק די דעמאגאָגישע דערקלערונג פונעם פינאנץ־מיניסטער ספיר, וועלכער האָט זיך באמיט צו בארעכטיקן דעם אויסערסט הויכן ניוואָ פון די קריגס־הויצאָעס מיט די אינטערעסן פון געפארלאָזיקייט, האָט מייער ווילנער אין איינער פון זיינע ארויסטרעטונגען אין קנעסעט געזאָגט: „איר ווילט, אז די ארבעטער זאָלן צאָלן מיט הונגער פאר אייערע אוואנטיורעס און קורצזיכטיקער פּאָליטיק. דער ווּקס פון די קריגס־הויצאָעס, דאָס פאלן פונעם לעבנס־ניוואָ פונעם פאָלק קאָנען ניט דערנענטערן דעם שאָלעם און די געפארלאָזיקייט. דער וועג צו דעם ליגט דורך פארווירקלעכן אין לעבן די רעזאָליוציע פונעם זיכערהייט־ראט פארן 22 נאָיאבער 1967. קיין שום דעמאגאָגישע רייד וועגן „געפארלאָזיקייט און וועגן באשיצן זיך פון די אויסערלעכע סאָנים” זיינען ניט פייִק צו שטערן דעם גערעכטן קאמף פון די ארבעטנדיקע. דער אומצוטרוי צו דער רעגירונג און צו איר פּאָליטיק וואקסט, און דער קאמף פאר סאָציאלן יוישער פלעכט זיך היינט איבער אלץ ענגער מיטן קאמף פאר שאָלעם אָן אנעקסיעס...”

די קאָמפּארטיי פון ייִסראָעל טרעט ארויס אקטיוו, טאָג־איין, טאָג־אויס, פאר באשיצן די דעמאָקראטישע רעכט און די פרייהייט, אונטערשטרייכנדיק דערביי, אז די פּאָליטיק פון אגרעסיע און עקספּאנסיע פארקריפּלט די נאָרמעס פון מאָראל אין לאנד, פירט צו דער באגרענעצונג און ליקווידירונג פון די מענטשן־רעכט.

די קאָמוניסטן רופן אלע פּראָגרעסיווע קויכעס צום קאמף קעגן דעם וואקסנדיקן פּאָליטישן טעראָר, וועלכער פארוואנדלט ייִסראָעל אלץ מער און מער אין א פּאָליציייִשער מעלוכע, פאר פארווערן אין דער מעדינע די אָרגאניזאציעס פון פאשיסטישן טיפּ.

פאָדערנדיק, עס זאָלן באַשיצט און פאַרברייטערט ווערן די מענטשן־רעכט, וויַזט אָן די קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל, אַז עס איז שוין לאַנג צײַט אָנצונעמען א דעמאָקראַטישע און וועלטלעכע קאָנסטיטוציע, אָפּצושאַפן די פונקציאָנירנדיקע אין לאַנד אויסעראָרדנטלעכע דעקרעטן, וועלכע זײַנען נאָך אַרויסגעגעבן געוואָרן מיצאַד דער בריטישער קאָלאָניִאַלער מאַכט, ווי אויך א ריי אַנדערע רעאַקציִאָנערע געזעץ־באַשטימונגען.

די קאָמפּאַרטיי פירט א קעסיידערדיקן קאַמף פאַר אָפּשאַפן אַלע געזעצן און דעקרעטן, וואָס דיסקרימינירן די אַראַבישע באַפעלקערונג פונעם לאַנד, פאַר ליקווידירן פולשטענדיק די מיליטערישע און פּאָליציייִשע פאַרוואַלטונג אין די אַראַבישע ראַיאָנען. די קאָמוניסטן טרעטן אַרויס פאַר א סאָף מאַכן צו דער עקספּראָפּריִאַציע פון דער אַראַבישער ערד, צום פאַרטרײַבן די פּעלאַכן פון זייערע ערד־כאַלאָקים, פאַר אומקערן די ערד די אַראַבישע פּליטים, וועלכע זײַנען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע דערפער.

די פּראָגראַם פון ראַקאַך שליסט אײַן די פּאָדערונג אויסצוגלײַכן דעם אַרבעטסלוין און די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די ייִדישע און אַראַבישע אַרבעטער, זיכערן די רעכט פון די אַראַבישע מיטגלידער פון דער היסטאַדרוט, באַזאָרגן מיט אַרבעט די אַראַבישע יוגנט, וועלכע האָט פאַרענדיקט מיטעלע שולן און הויכשולן, אָפּשאַפן די דיסקרימינאַציע פון די אַראַבער באַם אָנקומען זיך לערנען, שאַפן אין די אַראַבישע ייִשווים נאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען, זיכערן די גלײַכבאַרעכטיקטע באַטייליקונג פון די אַראַבישע בירגער פון ייִסראָעל אין צענטראַלן און אין אָרטיקן מעלוכע־אַפּאַראַט.

די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן פּראָטעסטירן אַנטשיידן קעגן דער דיסקרימינאַציע פון די ייִדן — אָפּשטאַמיקע פון די אַפריקאַנישע און אַזיִאַטישע לענדער, פאָדערן פאַר זיי אַלצײַנע רעכט און גלײַכהײַט.

ראַקאַך איז א קאָנסעקווענטער אָנהענגער פון אָפּטיילן די רעליגיע פון דער מעלוכע, פון פרײַהײַט פון רעליגיעזן גלויבן און פרײַהײַט פון געוויסן, פון אָנעמען א פּראָגרעסיוון געזעץ וועגן בירגערלעכער הייראַט און געט. די קאָמוניסטן שטייען אין די פאָדערשטע רייען פון די קעמפער קעגן דעם ווילקיר פון די קלעריקאַלן און רעליגיעזע פאַנאַטיקער, קעגן די באַמיִונגען פון דער רעאַקציע אײַנצושטעלן אין ייִסראָעל א פולשטענדיק קלעריקאַלן רעזשים.

צעמענטירנדיק אַלע עלעמענטן, וואָס טרעטן אַרויס קעגן דער אַנטיפאָלקישער, פּראָ־אימפּעריִאַליסטישער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן, שטרעבנדיק צו אָרגאַניזירן אָן אײַנהײַטלעכן פראָנט פון קאַמף פאַר א פרידלעכער און דעמאָקראַטישער אַלטערנאַטיוו פאַר דער מעדינע, פירט דורך אײַנצײַטיק די קאָמפּאַרטיי א גרויסע אַרבעט אַף צו דעמאַסקירן די טעאָריע און די פּראַקטיק פון די „לינקע” עקסטרעמיסטן מיט זייערע לינקאַטשישע, אולטראַראַדיקאַלע לאָזונגען און אַוואַנטיוריסטישע גענג. די דאָזיקע עלעמענטן פירן אַראָפּ פון וועג אייניקע פאַרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער יוגנט אין ייִסראָעל, ווי אויך אין אַנדערע לענדער, צעשפּאַלטן און שוואַכן אָפּ די רייען פון די רעוואָלוציִאָנערע קעמפער און טרעטן אַפילע טיילמאָל אָביעקטיוו אַרויס אין דער ראָל פון מיטהעלפער פון דער ציִוניסטישער רעאַקציע.

שטרעבנדיק אָפּצושוואַכן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַלע אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי שטערן דעם וווּקס פון זייער אויטאָריטעט און די האַשפּאָע אַף די פאָלקסמאַסן, ווענדן אָן די רעגירונג, די ציִוניסטישע פּאַרטייען און די פּאַשיסטישע אולטראַ די סאַמע פאַרשיידענע מיטלען קעגן די קאָמוניסטן און לינק־אָפּאָזיציִאָנעלע קרײַזן — אָנגעהויבן פון רעפּרעסיעס, טעראָריסטישע אַקטן און רעכילעס און ענדיקנדיק מיט פּרוּוון פון מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישער אָפּווירקונג. דער פאַרייניקטער מעכאַניזם פונעם מעלוכישן און ציִוניסטיש־פּאַרטייִישן אַפּאַראַט טרעטירט און דיסקרעדיטירט די קאָמוניסטן און זייערע פאַרבינדעטע — אַלע די, וואָס קריטיקירן דעם אַנטיפאָלקישן, שעדלעכן קורס פון דער רעגירונג. עס וואַקסט נאָכאַנאַנד דער שטראָם רעכילעס און אינסינואַציעס בנעגייע דער קאָמפּאַרטיי און אַנדערע פּאַטריִאָטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס.

צענדליקער אָנפירער און אַקטיוויסטן פון דער קאָמפּאַרטיי און אויך אומפּאַרטייִישע דעמאָקראַטן געפינען זיך קעסיידער אונטער דעם אַזויגערופענעם „אַדמיניסטראַטיוון אַרעסט”, זיי האָבן ניט קיין רעכט פאַרלאָזן זייער וווין־אָרט און פרײַ אַרומפאָרן איבערן לאַנד. ערעוו די פּאַרלאַמענט־וואַלן, קעדיי שטערן דער קאָמפּאַרטיי דורכצופירן די וואַל־קאַמפּאַניע, ווערן א ריי לידערס און מיטגלידער פון ראַקאַך אומגעזעצלעך אַרעסטירט.

אינעם קאַמף קעגן דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל ניצן די רעגירנדיקע קרײַזן אויך אויס מיקוניסעס רענעגאַטן־גרופּע, וואָס רופט זיך אָן קאָמוניסטיש, נאָר האָט אינדערעמעסן פולשטענדיק זיך אַראָפּגעקײַקלט אַף די פּאָזיציעס פונעם ציִוניזם און אַנטיסאָוועטיזם. ניט אומזיסט האָט אַפילע דער בורזשואַזער זשורנאַליסט א. קענאַן דעפינירט די דאָזיקע סאָציִאַל־שאָוויניסטישע גרופּע אַלס „לינקער פליגל פונעם מאַי״ (פאַרטיי פון גאָלדע מעיר — מוישע דאַיאַן).

מיקוניסעס גרופּע פירט ניט בלויז א קאַמף קעגן דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַר־

קאָמוניסטישע
פּאַרטיי
פון ייִסראָעל:
אזעלכעס
טאָר זיך מער
ניט איבערכאַזערן!

...טרערן נאָך די געפאַלענע אין אומגערעכטע מילכאָמעס

...רעדיפעס און אָבלאווס

... מילכאָמע־רויִנעס



...קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר אראבער און פּראָגרעסיוו־דענקנדיקע מענטשן

טיי, וועלכע שטייט פעסט אף די פּאָזיציעס פון מאַרקסיזם־לעניניזם און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, נאָר פּרוּווט זיך אויך צו פאַרווירקלעכן ארונטערײַסערישע אַקטן אין דער צווישנפעלקערלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג און אין די לינקע קרײַזן פון א ריי לענדער. אין אָקטיאַבער 1968 האָבן די דאָזיקע סאָציאַל־שאָוויניסטן אָפּגעשאַצט דעם ציִוניזם אלס „נאַציאָנאַלע באַוועגונג" און זיך געווענדט צו דער צווישנפעלקערלעכער קאָמוניסטישער באַוועגונג מיט א פאָדערונג צו רעווידירן די לעניניש אָפּשאַצונג פונעם ציִוניזם.

מע דאַרף זאָגן, אז א טייל פון די, וואָס זײַנען אָנהייב געגאַנגען מיט דער דאָזיקער גרופּע, האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין איר עמעסן טאָך און איבערגעריסן מיט איר. פיל פון זיי האָבן זיך אומגעקערט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

טראָץ דער אַנטיקאָמוניסטישער היסטעריע, רעפּרעסיעס און פּראָוואָקאַציעס, וואַקסט די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון ייִסראָעל. זי פאַרפעסטיקט אירע רייען און ברייטערט אויס איר האַשפּאָע. פאַר דער צײַט צווישן XV (אַווגוסט 1965) און XVI (יאַנוואַר 1969) צוזאַמענפאָרן איז די צאָל מיטגלידער פון דער פאַרטיי אויסגעוואַקסן אף 15 פּראָצ. פאַר עטוואָס מער פון דרײַ יאָר, וואָס זײַנען פאַריבער צווישן דעם XVI און XVII פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, — נאָך אף 24 פּראָצ.

וועגן דעם, אז די פּאָזיציעס פון דער קאָמפאַרטיי פאַרפעסטיקן זיך נאָכאַנאַנד, זאָגט אויך איידעס די אַלץ ברייטערע פאַרשפּרייטונג פון דער פאַרטיי־פּרעסע און דאָס דערשײַנען פון נײַע געדרוקטע אויסגאַבעס. הײַנט־צו־טאָג גיט ראַקאַך ארויס די צײַטונגען „זו האָדערעך" אף איוורית, „דער וועג" אף ייִדיש און „אל איטיכאַד" („אייניקײַט") אף אראַביש, די טעאָרעטישע מאָנאַט־שריפטן „אראַכים" („ווערטן") אף איוורית און „אַד־דאַרב" („דער וועג") אף אראַביש, וועכנטלעכע אויסגאַבעס אף ייִדיש, בולגאַריש און רומעניש, און „אינפאָרמאַציע־ביולעטען" אף ענגליש און אנד. דער קאָמוניסטישער יוגנט־פאַרבאַנד פון ייִסראָעל לאָזט ארויס כוידעש־אויסגאַבעס אף אראַביש „אַל הייד" („דער מאָרגן") און אף איוורית — „אינאָן" („פּראָבלעמע").

בייס די וואַלן אין קנעסעט אין אָקטיאַבער 1969 האָט די צאָל שטימען פאַר די צעטלען פון דער קאָמפאַרטיי באַטראָפן 39 טויזנט, דה. א וווּקס אף 41,6 פּראָצ. אין פאַרגלײַך מיט די וואַלן פון 1965. די פאַרטיי האָט געהאַט אין קנעסעט דרײַ דעפּוטאַטן. דעם 31 דעקאַבער 1973 האָבן פאַר דער קאָמפאַרטיי געשטימט 53 348 וויילער — אף 37,4 פּראָצ. מער, ווי בייס די פאַריקע וואַלן, — און זי איז איצט פאַרגעשטעלט מיט פיר דעפּוטאַטן — די כאַווירים מ. ווילנער, ט. טובי, א. לעווענבראַון און ט. זיאַד.

בייס די מוניציפּאַלע וואַלן אין אָקטיאַבער 1969 האָט ראַקאַך באַקומען 30 ערטער אין 17 מוניציפּאַלע ראַטן. אין דער שטאָט נאַזאַרעט האָבן אין 1970 בא 40 פּראָצ. וויילער אָפּגעגעבן זייערע שטימען דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, וועלכע איז איצט פאַרגעשטעלט אינעם שטאָטישן מוניציפּאַליטעט מיט 7 דעפּוטאַטן פון 17. אין פיר אנדערע מוניציפּאַליטעטן פאַרמאָגן די קאָמוניסטן אויך די גרעסטע פראַקציעס און באַטייליקן זיך אין דער אדמיניסטראַטיווער אַרבעט פון די אָרטיקע אָרגאַנען. צוליב א פאַרגלײַך ווילן מיר אָנווײַזן, אז נאָך די וואַלן אין 1965 איז די קאָמפאַרטיי פון ייִסראָעל געווען פאַרגעשטעלט אין 14 אָרטיקע ראַטן. מיקוניסעס רענעגאַטן־גרופּע האָט ניט געהאַט און האָט ניט קיין איין מאַנדאַט אין די מוניציפּאַליטעטן.

די ווירקונג פון די קאָמוניסטן פאַרשטאַרקט זיך אויך אין די פּראָפאַריינען. בייס די וואַלן פון דעלעגאַטן אפן XI צוזאַמענפאָר פון היסטאַדרוט, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין סעניטיאַבער 1969, האָבן פאַר דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון ייִסראָעל געשטימט 139 טויזנט וויילער, אף 66 פּראָצענט מערער איידער אין 1965. אף די וואַלן אינעם ראַט פונעם לערערפאַריין אין אַפּרעל 1970 האָט דאָס פּראָגרעסיווע צעטל, וואָס עס האָבן געשטיצט די קאָמוניסטן, געהאַט אין פאַרגלײַך מיט די וואַלן אין 1966 א צוּוווּקס פון שטימען אף 56,2 פּראָצ. דאָס האָט געגעבן דער פאַרטיי א מעגלעכקײַט צו שיקן אין ראַט פונעם פּראָפאַריין אירע זעקס פאַרשטייער אָנשטאָט די פריִערדיקע פיר.

א געטרײַער געהילף פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי איז דער ייִסראָעלדיקער קאָמיוג, וואָס האָט אין 1965 באַזײַטיקט פון זײַנע רייען א גרופּע רענעגאַטן, וועלכע האָט געפּרוּווט פאַקטיש פאַרוואַנדלען דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין א פּראָציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צום אָנהייב 1969 האָט די צאָל ייִסראָעלדיקע קאָמיוגיסטן זיך פאַרגרעסערט אין פאַרגלײַך מיטן 1966 אף 170 פּראָצ. און זומער 1972 — נאָך אף העכער 35 פּראָצ.

די באַוועגונג פון דעמאָקראַטישע פרויען פון ייִסראָעל, די אַסאָציאַציע פון קעמפער פונעם אַנטיהיטלערישן פראָנט און פון קאָרבאָנעס פונעם נאַציזם פירן אויך א גרויסע אַרבעט אף צו דעמאַסקירן די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן און צו פאַרפעסטיקן די פּראָגרעסיווע קויכעס פונעם לאַנד, וועלכע

קעמפן פאַר אַ פרידלעכן און דעמאָקראַטישן ייִסראָעל.

אָבער באַנאַנד מיט דער פאַרפעסטיקונג פון די פּאָזיציעס פון די לינקע קויכעס איז אין די לעצטע יאָרן צו באַמערקן אַ וווּקס פון די עקסטרעם־רעכטע פּאַרטייען און גרופּירונגען — פון דער פראַפאַשיסטישער פּאַרטיי „כערוט״, פונעם בלאָק גאַכאַל (דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַליאַנס פון דער דאָזיקער פּאַרטיי מיט דער ליבעראַלער פּאַרטיי, וועלכע דריקט אויך אויס די אינטערעסן פון דער גרויס־בורזשואַזיע), פון די פּאַרטייען „פרײַער צענטער״, פון דער אַזוי־גערופענער „באַוועגונג פאַר אַ „גרויס־ייִסראָעל״, פונעם אָרטיקן פיליִאַל פון דער טרויעריק־באַרימטער „ליגע צו באַשיצן די ייִדן״ אַאַוו. די דאָזיקע קויכעס, האָבנדיק אַ געוויסע שטיצע אין דער רעגירונג, טרעטן אַרויס פאַר אַ נאָך מער האַרבער פּאָליטיק בנוגע די אַראַבישע מעלוכעס און בנוגע דעם אַראַבעטער־קלאַס פון ייִסראָעל, פאַר אַ ייִסראָעל אין די גרענעצן „פון דעם ניל ביזן עפראַט״, זיי טראָגן זיך אַרום מיט פּלענער פון אײַנפירן רעאַקציאָנערע רעפאָרמעס, זיי קריטיקירן גאָלדע מעיִרס קאַבינעט פאַר „מילדקייט״ און „ניט קאָנסעקווענטקייט״.

ביז ניט לאַנג צוריק איז די קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל געווען דער איינציקער אָרגאַניזירטער פּאָליטישער קויעך, וועלכער שטעלט זיך אַנטקעגן דער אַגרעסיוועד, אַנטיפּאָלקישער און אַנטינאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. פאַר די לעצטע יאָרן טרעטן אַרויס אײנײנעם מיט די קאָמוניסטן פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פונעם קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך, פאַר גוטשכייניש פרײַנטלעכע באַציִונגען מיט די אַראַבישע לענדער און קעגן דעם אָנגריף פון דער רעאַקציע עטלעכע אָרגאַניזאַציעס און גרופּעס — דער פאַרבאַנד פון די לינקע אומאָפּהענגיקע ציִעניסטן־סאָציִאַליסטן בעראָש מיט דעם געוועזענעם קנעסעט־דעפּוטאַט יאַ. ריפּטין („לינקער פאַרבאַנד״), די „באַוועגונג פאַר שאָלעם און געפאַרלאָזיקײַט״, וואָס טרעט אַרויס פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פונעם קאָנפליקט אויפן נאָענטן מיזרעך, די גרופּע „האַאָלאַם האַזע״ — „קאָאַך כאַדאַש״)[1], די „אומאָפּהענגיקדענקענדיקע יוגנט״ און אייניקע אַנדערע.

עס ווערט אַלץ גרעסער די צאָל אינטעלעקטואַלן און געזעלשאַפטלעכע טוער, סטודענטן, שילער פון די עלטערע קלאַסן, ווי אויך קיבוצניקעס, וועלכע קריטיקירן די עקספּאַנסיאָניסטישע און שאָוויניסטישע פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן, די אידעאָלאָגיע פונעם ציִעניזם. אין ייִסראָעל שטאַרקט זיך דער פאַרשטאַנד, אַז די מילכאָמע האָט ניט נאָר ניט געבראַכט דער מעדינע קיין געפאַרלאָזיקײַט, נאָר, פאַרקערט, די פאַרצויגענע מילכאָמע האָט גרינטלעך די געפאַרלאָזיקײַט אַרונטערגעריסן. דער שרײַבער און זשורנאַליסט פונעם ציִעניסטישן לאַגער אַ. עלאָן שרײַבט, צום בײַשפּיל: „אַלס ייִדן לעבן הײַנט די ייִדן אין ייִסראָעל אונטער אַ גרעסערער געפאַר, איידער ערגעץ ווו אין דער וועלט״. „די מעדינע, — באַקלאָגט זיך עלאָן, — געפינט זיך אין אַן אומענדלעכן אויסעראָרדנטלעכן צושטאַנד״, און דאָס סטימולירט דער פאַרשפּרייטונג פונעם „אַכזאָריעס־קולט״.

אַ באַווײַז, אַז עס קומען פאָר פּאָזיטיווע ענדערונגען אין דער עפנטלעכער מיינונג פון ייִסראָעל, אַז אין לאַנד הייבט זיך אָן אַ פּראָצעס פון קאָנסאָלידירן די קויכעס, וועלכע טרעטן אַרויס פאַר ענדערן דעם קורס פון דער אויסערן־פּאָליטיק, און באַזונדערס פאַר פאַרבעסערן די באַציִונגען מיטן סאָוועטנפאַרבאַנד, — איז דער ווידערגעבורט, אין אָנהייב 1972, פון דער „פרײַנטשאַפט־באַוועגונג ייִסראָעל — פססר״.

אין ייִסראָעל פאַרשאַרפן זיך וואָס ווײַטער אַלץ מער די סאָציִאַלע קאָנפליקטן, עס ווערן אַלץ שאַרפער די פאָרמען פון קאַמף פון די אַרבעטנדיקע קעגן דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון דער רעגירונג.

טראָץ דעם, וואָס די מאַכט ווענדט אָפּט אָן קעגן די שטרײַקנדיקע אויסעראָרדנטלעכע געזעצן און דער היסטאַדרוט סאַנקציאָנירט ניט דאָס איבעררײַסן די אַרבעט, האָט די שטרײַקבאַוועגונג באַקומען גאַנץ ברייטע מאַסשטאַבן. אויב אין 1960 זײַנען אין ייִסראָעל פאָרגעקומען 100 שטרײַקן, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט באַ 42 טויזנט אַרבעטער, און אין 1969 זײַנען שוין געווען 114 שטרײַקן, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען 44,2 טויזנט מענטשן, — האָט די צאָל שטרײַקן אין 1970 דערגרייכט 163, און די צאָל שטרײַקנדיקע — ביז 110 טויזנט.

אין 1971, ווען אין קנעסעט איז אָנגענומען געוואָרן דער געזעץ, וואָס פאַרווערט שטרײַקן אין אַ ריי אינדוסטריע־געביטן און געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, און קעגן די שטרײַקנדיקע זײַנען אָנגעווענדט געוואָרן האַרבע אַדמיניסטראַטיווע מיטלען, זײַנען די אַרבעטער און די באַשעפטיקטע אין דער באַדינונג־ספערע אַריבערגעגאַנגען אין גרונט צו אַנדערע קאַמפּס־מעטאָדן (אַנטזאָגן זיך פון אַרבעטן אויבער־

[1] די גרופּע „קאָאַך כאַדאַש״ („נײַער קויעך״) האָט זיך פאָרמירט אַרום דעם לינקן בורזשואַזן זשורנאַל „האַאָלאַם האַזע״ („אָט די וועלט״), וועלכן עס גיט אַרויס דער קנעסעט־דעפּוטאַט אַו. אַווענערי און וואָס דריקט אויס די מיינונג פון יענע אָנהענגער פונעם ייִסראָעלדיקן נאַציאָנאַליזם, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דעם ציִעניזם. (ל. ד.).

שאָען, פארלאנגזאמערן די ארבעט אאוו.), וועלכע ווערן ניט אײַנגעשלאָסן אין דער סטאַטיסטיק פון די שטרײַקן. איבער דער דאָזיקער סיבע איז אין 1971 (כאָטש די צאָל שטרײַקן האָט באטראָפן 169) געווען פארעגיסטרירט א געוויסע פארקלענערונג פון דער צאָל שטרײַקנדיקע (84.200 מענטשן). אין 1972 זײַנען אין יִשׂראָעל פאָרגעקומען 168 פולע שטרײַקן און 96 טיילווײַזע שטרײַקן, די שטרײַק־באוועגונג האָט ווידער ארומגעכאפט א ריי וויכטיקע געביטן פון דערווירטשאפט און פונעם שטייגער־לעבן אין לאנד.

רופנדיק אלע פראָגרעסיווע קויכעס פון דער מעדינע צו א געמיינזאמען קאמף קעגן די הארבע מיטלען פון דער רעגירונג בענעגייע די שטרײַקנדיקע, האָט די קאָמוניסטישע פראקציע אינעם אויספיר־קאָמיטעט פונעם היסטאדרוט אָפּגעמערקט אין איר דערקלערונג, וואָס איז אין יון 1971 פארשפרייט געוואָרן אין דער פאָרם פון א פלוגבלעטל: „די מאָסמיטלען פון דער רעגירונג, וועלכע האָט אָנגעווענדט עקסטראאָרדינארע געזעצן קעגן די דאָקטוירים און דעם פערסאָנאל פון די מעלוכע־שפּיטאָלן, די דראָונג אָנצווענדן די דאָזיקע געזעצן קעגן די אָנגעשטעלטע פון דער עלעקטראָ־קאָרפּאָראַציע, די געריכט־באשלוסן וועגן די ארבעטקאָנפליקטן, וועלכע זײַנען געצילט קעגן די ארבעטער, האָבן אופגעדעקט דעם ווירקלעכן אנטי־ארבעטער־כאראקטער פון דער רעגירונג. אין מעשעך פון א סאך יאָרן האָבן מיר געוואָרנט, אז די רעגירונגס־געזעצן, וועלכע זײַנען געווען געריכטעט אף צו פארווירקלעכן די דיסקרימינאציע פון דער ארא‍בישער באַפעלקערונג, זײַנען אויך געווענדט קעגן די יִידישע ארבעטער, און זיי דארפן אָפּגעשאפן ווערן. איצט האָבן פאקטן באשטעטיקט אונדזער וואָרענונג. די געזעצן ווערן אָנגעווענדט אף צו דערשטיקן די ארבעטער און אָנגעשטעלטע, וועלכע קעמפן פאר זייערע גערעכטע רעכט און פאָדערונגען".

די קאָמוניסטישע פארטיי פון יִשׂראָעל טרעט ארויס אף אן אנטשיידענעם אויפן פאר אנולירן די אנטי־ארבעטערישע געזעצגעבונג. אין דעם קאמף פונעם יִשׂראָעלדיקן ארבעטער־קלאס פאר העכערן דעם ארבעטסלוין און אין דעם קאמף פון דער באפעלקערונג פון די אָרעמשאפטראיאָנען זײַנען ארויסגערוקט געוואָרן אויך פּאָליטישע לאָזונגען.

אייניקע אָנפירנדיקע טוער פונעם היסטאַדרוט, ווי עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן אפן XVII צוזאמענפאָר פון דער קאָמפארטיי פון יִשׂראָעל, טרעטן ארויס פון צײַט צו צײַט מיט קריטישע באמערקונגען און דערווידערונגען בענעגייע געוויסע אנטי־ארבעטער־אקציעס פון דער רעגירונג. אָבער אין לעצטן סאכאקל האלט שטענדיק אונטער די אָנפירערשאפט פונעם היסטאדרוט אלע מאָסמיטלען פון דער רעגירונג, ארויסשטעלנדיק, אין בעסטן פאל, באזונדערע ניט וועזנטלעכע קאָרעקטיוון, וועלכע בײַטן לאכלוטן ניט דעם רעאקציאָנערן טאָך פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק אין באצוג צום ארבעטער־קלאס. די קאָמוניסטישע פארטיי שטרײַכט אונטער די לעבנסוויכטיקע נויטווענדיקײַט פונעם קאמף פאר פארוואנדלען דעם היסטאדרוט אין א קעמפערישער אָרגאניזאציע, וואָס פארטיידיקט ווירקלעך די אינטערעסן פון די ארבעטער און פון אנדערע האָרעפּאשניקעס.

די באוועגונג „שווארצע פאנטערעס", וועלכע כאפט ארום א באדײַטנדיקן טייל פון דער יִדישער יוגנט — אָפּשטאמיקע פון די אפריקאנישע און אזיאטישע לענדער, איז אויך איינע פון די אנטפלעקונגען פון דעם קריזיס, וועלכער טרייסלט אוף דעם הײַנטיקן יִשׂראָעל. די „שווארצע פאנטערעס" טרעטן ארויס אקטיוו קעגן דיסקרימינאציע, פאר פארבעסערן די לעבנס־באדינגונגען. דאָס באווײַזט נאָכאמאָל, ווי ווײַט עס זײַנען פון דער ווירקלעכקײַט די ציִעניסטישע באָבעמײַסעס וועגן א „סאָציאלער הארמאָניע" אין יִשׂראָעל. א טייל פון די „שווארצע פאנטערעס" רוקט ארויס אין דער לעצטער צײַט אייניקע פראָגרעסיווע פּאָליטישע לאָזונגען.

א באווײַז פון דעם, אז עס וואקסן און קרעפטיקן זיך די קויכעס, וואָס טרעטן ארויס פאר א פרידלעכער און דעמאָקראטישער אלטערנאטיוו פאר יִשׂראָעל, איז בעלי־סאָפעק דאָס, וואָס א ריי אקציעס פון אָט די קויכעס פאר די לעצטע יאָרן טראָגן א ברייטן און קעמפערישן כאראקטער. אזוי, צום בײַשפּיל, איז דעם 8 אפּרעל 1970 אין ירושאָלאיִם פאָרגעקומען די ערשטע נאָך דער יון־מילכאָמע עכט־מאסעווע דעמאָנסטראציע, געצילט קעגן דער רעגירונג און איר פּאָליטיק. איינער פון די לאָזונגען פון די דעמאָנסטראנטן איז געווען „זאָל די רעגירונג אוועק אין דעמיסיע!". דער אָנפאל פון דער רײַטער־פּאָליציי אף די דעמאָנסטראנטן האָט זיי ניט דערשראָקן. עס זײַנען שפּעטער פאָרגעקומען מאסעווע ערשטמײַיִקע דעמאָנסטראציעס, שטורמישע מאניפעסטאציעס קעגן דעם געזעץ, וועלכער פירט אײַן שאָוויניסטיש־ראסיסטישע אטריבוטן פאר די, וואָס מעגן זיך רעכענען פאר יִדן; קעגן אופבויען יִדישע יִשוווים אף די אָקופּירטע שעטאָכים; קעגן קאָלעקטיווער שטראָף פאר דער אראבישער באפעלקערונג פון די אנעקסירטע ראיאָנען; קעגן פּאָליצייִשע רעפּרעסיעס אדג.

די אומצופרידנקײַט מיט דער אגרעסיווער

און אַנטיפאָלקישער פאָליטיק פון דער רעגירונג וואַקסט אויך בא פיל מיטגלידער פון מאַפּאַם.

„די ייִסראַעל־געזעלשאַפט, — האָט קאָנסטאַטירט דער XVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי, — געפינט זיך אין א מאַצעוו פון אָנגעשטרענגטקײַט און יווירונג. די אינערלעכע ווידערשפּרוכן פאַרשאַרפן זיך. עס ווערט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט די האַשפּאָע פון דער רעגירונג אַף פאַרשיידענע פאָלקס־שיכטן. די רעגירונג שפּאַרט זיך אָן מער, ווי ווען־עס־איז, אַפן רעפּרעסיוון מעלוכע־אַפּאַראַט. אין די דאָזיקע אומשטענדן איז פאַראַן א מעגלעכקײַט — נאָך ביזן שאַפן א דעמאָקראַטישן אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פראָנט — צו פאַרשטאַרקן און צעמענטירן די קויכעס פון שאָלעם און דעמאָקראַטיע אין ייִסראַעל און שאַפן א שאָלעם־פראָנט, וועלכער וועט בעקויעך זײַן אַרײַנטראָגן א וויכטיקן צושטײַער אין די באַמיִונגען צו ענדערן די אָפּיציִעלע ייִסראַעל־פאָליטיק און אינעם דערגרייכן א שאָלעם אַפן יעסאָד פון אָפּשײַצו די רעכט פון אַלע פעלקער". ווי עס איז באַטאָנט געוואָרן אַף דער אַלנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון דער קאָמפּאַרטיי אין מאַרט 1973, האָט די פאָליטיק פון דער רעגירנדיקער ייִסראַעל־קאָאַליציע, וועלכע עס שטיצן פּאַקטיש די סאַמע רעאַקציאָנערע קויכעס אין לאַנד, ניט דערלייזט און קאָן ניט דערלייזן קיין איינע פון די וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַרן לאַנד.

די אינערלעך־פאָליטישע אומגעבונג אין הײַנטצײַטיקן ייִסראַעל מאַכט, אַזויאַרום, צונישט די דעמאַגאָגישע טעאָריעס פון די ציִעניסטישע אידעאָלאָגן וועגן עפּעס א באַזונדערן כאַראַקטער פון דער ייִסראַעל־געזעלשאַפט און וועגן „שטאַנדהאַפטיקן קלאַסן־שאָלעם", וואָס הערשט דאָרט.

„...כאָטש דאָס אַלגעמיינע בילד פונעם לעבן אין מעדינאַס ייִסראַעל האָט זיך אויסערלעך ניט געביטן, — האָט געשריבן דער איטאַליענישער מאַרקסיסט מאַסימאָ ראָבערסי, — שיידט עס זיך אין דער ווירקלעכקײַט שאַרף אונטער פון דעם, וואָס איז געווען מיט צוויי־דרײַ יאָר צוריק... גענוג צו זאָגן, אַז עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, עס האָבן זיך באַוויזן שפּאַרונעס אינעם אידעאָלאָגישן צעמענט, וועלכער האָט געפּעסטיקט די ייִסראַעל־געזעלשאַפט, און עס איז אַנטשטאַנען א נײַער קלאַסן־באַוווסטזײַן"...

צום באַדויערן, איז דערווײַל נאָך ניט דערגרייכט געוואָרן קיין איינהײַט פון טאַט צווישן פאַרשיידענע אָטריאַדן פון די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און פּראָגרעסיווע קויכעס אין ייִסראַעל. אייניקע לינק־אָפּאָזיציאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און טוער זײַנען אין דער אָדער יענער מאָס אָנגעשטעקט מיט אַנטיקאָמוניזם און אַנטיסאָוועטיזם, אַנדערע האָבן זיך נאָך ניט באַפרײַט פון א רײ אילויזיעס און פעלערהאַפטע אָפּשאַצונגען פון דער רעגירונגס־פאָליטיק, ווי אויך פון דער ציִעניסטישער אידעאָלאָגיע, דריטע זײַנען אָנגעשטעקט מיט לינקאַטשישן עקסטרעמיזם.

די קאָמפּאַרטיי דיסקאָנטירט אין איר טעטיקײַט אָט די אַלע פאַקטאָרן. אין קאַמף פאַר שאַפן א דעמאָקראַטישן, אַנטי־אימפּעריאַליסטישן פראָנט אין ייִסראַעל, — ווי עס האָט געשריבן איינער פון די אָנפירנדיקע טוער פון ראַקאַך ד. כינין, — „האַלטן זיך די קאָמוניסטן בא זייער פּרינציפּיעלער פאָליטיק, וועלכע קאָאָרדינירט זיך מיט טאַקטישער בייגעוודיקײַט. דאָס קומט צום אויסדרוק אינעם אויסבילדן געמיינזאַמע פראָנטן אַף דער באַזע פון טיילווײַזע צילן און פאָדערונגען, זאָל זײַן אַפילע פון די סאַמע באַגרענעצטע, נאָר וועלכע באַוועגן פאָרויס דעם קאַמף פאַר דערגרייכן דעם גרונט־ציל, וואָס שטייט פאַרן פאָלק. דער דאָזיקער גרונט־ציל באַשטייט אין פאַרבײַטן די הערשנדיקע פּראָ־אימפּעריאַליסטישע און אַנטינאַציאָנאַלע פאָליטיק אַף א פאָליטיק פון שאָלעם, אומאָפּהענגיקײַט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַלן פּראָגרעס".

ניט פאַרמינערנדיק אַף קיין האָר די כלוקעדייעס צווישן די לינק־אָפּאָזיציאָנעלע קויכעס אין א סאַך, דערין אין זייער וויכטיקע, פראַגן פון אידעאָלאָגישן, פאָליטישן און טאַקטישן כאַראַקטער, האַלט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראַעל, אַז דער אונטערשייד פון מיינונגען און אידייען דאַרף ניט זײַן קיין שטערונג צו שאַפן אַן איינהײַטלעכן פראָנט פון אַלע ייִסראַעלדיקע אָנהענגער פון שאָלעם און דעמאָקראַטיע. די מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן טאָרן ניט שטערן זייערע געמיינזאַמע אַקציעס לעטויוועס די אינטערעסן פונעם ייִסראַעל־פאָלק. עס דאַרף געשאַפן ווערן אַן איינהײַטלעכער אַרבעטערפראָנט אַף צו באַשיצן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע.

„מיר, קאָמוניסטן, זײַנען זיכער, — ווערט געזאָגט אין דער ווענדונג צום פאָלק פון ייִסראַעל, וועלכע עס האָט אָנגענומען דער XVII צוזאַמענפאָר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, — אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פונעם אַנטיקאָמוניזם, וואָס איז א מעכיצע אַפן וועג צו דער איינהײַט פון די קויכעס, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער רעגירונגס־פאָליטיק, וועט ברענגען צום שאַפן אַן איינהײַטלעכן פראָנט פון אַלע פרידנסליבנדיקע קויכעס. אַזא פראָנט איז פייִק צו צווינגען די רעגירונג פון ייִסראַעל זיך אָפּזאָגן פון דער אַוואַנטיוריסטישער פאָליטיק..."

מערער פון א האַלבן יאָרהונדערט איז אַוועק,

זינט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ייִסראָעל האָט אָנגעהויבן איר רעוואָליוציאָנערע טעטיקײַט, איר קאַמף פאר די רעכט און אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע. אין דעם איצטיקן מאָמענט, — האָט באטאָנט דער גענעראל־סעקרעטאר פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי מייער ווילנער, — „איז די קאָמוניסטישע פּארטיי מאָנאָליט און שטארק אלס א ייִסראָעלדיקע מארקסיסטיש־לענינישע, ייִדיש־אראבישע פּארטיי, א רעוואָליוציאָנערע, אינטערנאציאָנאליסטישע און פּאטריאָטישע פּארטיי, אַן אָרגאַנישער טייל פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָמוניסטישער באוועגונג”.

„געפינענדיק זיך אין די פאָדערשטע רייען פון די אקטיווע קעמפער פאר די עכטע אינטערעסן פון די ארבעטנדיקע אין לאנד — ייִדן און אראבער, — איז געווען אָפּגעמערקט אינעם באגריסונגס־בריוו, וועלכן דער צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון סאָוועטנפארבאנד האָט איבערגעשיקט דעם XVII צוזאמענפאָר פון ראקאך, — טרעט די קאָמוניסטישע פּארטיי פון ייִסראָעל אנטשיידן ארויס קעגן דער אנטיפאָלקישער פּאָליטיק פון די רעגירנדיקע קרײַזן, פאר ליקווידירן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָפּהענגיקײַט ייִסראָעלס פונעם אויסלענדישן קאפּיטאל, פאר א פרידלעכער און דעמאָקראטישער אנטוויקלונג פונעם לאנד, פאר דער פרײַנטשאפט צווישן פעלקער. די סאָוועטישע קאָמוניסטן, דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק באציִען זיך מיט אָפּשײַ און סימפּאטיע צו דעם מוטיקן קאמף פון אײַער פּארטיי און פון די דעמאָקראטישע, פרידנסליבנדיקע קויכעס פון ייִסראָעל פאר א פּאָליטישער לייזונג פונעם קריזיס אפן נאָענטן מיזרעך און פאר אײַנשטעלן א יוישערדיקן און פעסטן שאָלעם דורך אויספילן אין דער פולער מאָס די רעזאָליוציע פונעם זיכערהײַט־ראט פארן 22 נאָיאבער 1967...”

די פּראָגראם פון קאמף פאר א יוישערדיקן שאָלעם, פאר עכטער נאציאָנאלער אומאָפּהענגיקײַט און רעאלער דעמאָקראטיע, וואָס עס האָט ארויסגערוקט די קאָמפּארטיי, די פּראָגראם פון פארוואנדלען ייִסראָעל אין א ווירקלעך סוווערענער, פרידנסליבנדיקער און פּראָגרעסיווער מעדינע, וועלכע לעבט אין פרײַנטשאפט מיט די שכיינים און טראָגט ארײַן איר צושטײַער אין דער אלגעמיינער פארמילדערונג פון דער צווישנפעלקערלעכער אטמאָספער, — באגעגנט, טראָץ אלע שוועריקײַטן, די שטיצע פון אלץ ברייטערע מאסן ארבעטנדיקע. אלץ מער און מער ייִסראָעלים הייבן אָן צו באגרײַפן, אז ניט די אגרעסיווע און שאָוויניסטיש־ראסיסטישע טעאָריעס און פּאָליטיק פון די ציִעניסטן (ווי קונציק זיי זאָלן זיך ניט מאסקירן), נאָר די פּראָגראם פון א פרידלעכער און דעמאָקראטישער אנטוויקלונג, וועלכע עס האָט ארויסגערוקט די קאָמפּארטיי, אנטשפּרעכט אפּאנעמעסן די אינטערעסן פון דער מעדינע.

וועגן די ניט־אויסגענוצטע מיצאַד דער ייִסראָעל־רעגירונג געלעגנהייטן צו שליסן א גערעכטן שאָלעם

געערטע רעדאַקטאָרן פון „סאָוועטיש היימלאַנד"!

איך מיין, אַז וויבאַלד די ייִסראָעל־רעגירונג האָט פאַרנומען איר אָרט באַם טיש פון די אונטערהאַנדלונגען וועגן שליסן א שאָלעם מיט די אַראַבישע לענדער, וועט אַזא שאָלעם צו שטאַנד קומען, און זאָל זײַן אין א גוטער שאָ. עס עגבערט אָבער דעם מויעך א געדאַנק: אויב דער שאָלעם אָפּן יעסאָד פונעם באַשלוס פון דעם זיכערהײַט־ראַט איז מעגלעך געוואָרן איצט, נאָך א נײַעם קריג, נאָך טײַכן בלוט, איז צוליב וואָס און איבער וועלכע אַנשיקענישן האָט די ייִסראָעל־רעגירונג געהאַלטן זעקס־זיבן יאָר דאָס פאָלק פונעם לאַנד אין א מאַצעוו פון מילכאָמע און סינע? די ציוניסטן פאַרענטפערן עס געוויינלעך מיט דעם, אַז די אַראַבישע לענדער האָבן ניט געוואָלט שליסן קיין שאָלעם. נאָכשפּירנדיק נאָך די געשעענישן אין מעשעך פון די אַלע יאָרן, בין איך אָבער באַ דער מיינונג, אַז, פאַרקערט, ניט געוואָלט שליסן שאָלעם האָבן די רעגירער פון ייִסראָעל, און זיי האָבן בעקיוון דורכגעלאָזט פיל געלעגנהײַטן צו פאַרענדיקן דעם קריג, פיל געלעגנהײַטן צו באַקומען פריִער פונקט דאָס זעלבע, וואָס עס וועלן געבן די איצטיקע שאָלעם־אונטערהאַנדלונגען.

צי בין איך גערעכט?

אויזער מאַשוק, קיעוו.

רעדאַקציע פון דער כוידעש־שריפט „סאָוועטיש היימלאַנד"!

איך בין, ווי באַ אײַך שרײַבט מען, א „ציוניסטיש־געשטימטער" ייִד — איינער פון אַזעלכע, וואָס קוקן אַרײַן אין אײַער זשורנאַל, קעדיי זיך דערוויסן די לאָגיק פון די סאָוועטן. איז אַוודע גוט און פײַן, אָבער איין זאַך וואָלט איך באַדאַרפט פאַריכטן. לויט אײַך באַקומט זיך, אַז די אַראַבער שטייען שוין פון לאַנגאָן מיט א טײַבעלע אין האַנט און לייגן פאָר שאָלעם, נאָר די ייִסראָעלדיקע ציוניסטן, זעט איר דאָך, פאַרשליסן טיר־און־פענצטער פאַרן טײַבעלע. דאָס זײַנען אָבער ניט קיין באַשטעטיקטע סוואָרעס. אַדרעבע, באַשטעטיקט זיי מיט פאַקטן. בלויז מיט פאַקטן, אָן א וואָרט פּראָפּאַגאַנדע!

ל. גרין, לאָנדאָן

דעם 24.1.68 האָט דער פאָרשטייער פון דער עגיפּטישער רעגירונג כאַסאַן אַל־זאַיאַט דערקלערט, אַז ס'איז דאָ א מעגלעכקײַט צו דערגרייכן א פּאָליטישע לייזונג מיט דער הילף פון דר. ג. יאַרינגן.

דעם 19.1.69 האָט דער ייִסראָעל־מיניסטער מוישע דאַיאַן אין אַן אינטערוויו אין „האַארעץ" אָנערקענט, אַז ס'איז דאָ א מעגלעכקײַט דערגרייכן א שאָלעם מיט עגיפּעט: „ס'קען זײַן, אַז אַבדול נאַסער איז גרייט גיין אָף א רעגולירונג מיט אונדז, מיטן באַדינג, אַז מיר זאָלן זיך צוריקציִען צו די אַלטע גרענעצן. צוליב דעם דאַרף מען, לויט אים, אָפּגיין צו די ליניעס פונעם 4 יוני".

דעם 27.6.68 האָט מאַכמוד ריִאַד, דעמלט דער עגיפּטישער אויסערן־מיניסטער, דערקלערט וועגן דער גרייטקײַט פון עגיפּעט צו עפענען דעם סועץ־קאַנאַל אויך פאַר ייִסראָעלדיקע שיפן, מיטן באַדינג, אַז ייִסראָעל זאָל זיך צוריקציִען פון די אָקופּירטע שעטאָכים.

אין דער זעלבער צײַט האָט כאַסאַן אַל־זאַיאַט אין נאָמען פון זײַן רעגירונג געמאָלדן, אַז עגיפּעט וועט מאַסקים זײַן, עס זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אַן אונאָ־קויעך אָף איר טעריטאָריע, אויב דאָס וועט נייטיק זײַן, קעדיי אויסצופילן דעם באַשלוס פונעם זיכערהײַטס־ראַט נום. 242.

דעם 11.7.68 איז אין מאָסקווע פּובליקירט געוואָרן א בעשוטפעסדיקע סאָוועטיש־עגיפּטישע מעלדונג אין רעזולטאַט פון א. נאַסערס באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד. אין דער מעלדונג ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „די צדאָדים דערקלערן ווידער וועגן דער נייטיקײַט פון א רעגולירונג פון דער מיטל־מיזרעכדיקער פּראָבלעם אָפּן באַזיס פונעם באַשלוס פון זיכערהײַט־ראַט פאַרן 22.11.67. די עגיפּטישע רעגירונג האָט דערקלערט, אַז זי איז גרייט אויסצופילן דעם דאָזיקן באַשלוס אין דער נאָענטסטער צײַט און האָט פאַרן דאָזיקן צוועק אָנגענומען וויכטיקע זאַכלעכע שריט".

דעם 23.7.68 האָט אַבדול נאַסער, דער עגיפּ־טישער פּרעזידענט, געזאָגט: „מיר זײַנען מאַס־קים געווען אַף אַ פּאָליטישער לייזונג... מיר האָבן אָנגענומען דעם באַשלוס פֿון זיכערהײַט־ראַט פֿאַרן 22־טן נאָיאַבער, אָבער ייִסראָעל האָט אים אָפּגעוואָרפֿן. ס'זײַנען אונדז ניט דערלאַנגט געוואָרן קיין שום פֿאָרשלאָגן פֿאַר אַ שאָלעם־לייזונג"...

דעם 9.5.68 האָט מאַכמוד ריִאַד געמאָלדן, אַז עגיפּעט נעמט אָן דעם באַשלוס פֿון זיכער־הײַט־ראַט פֿולשטענדיק און איז גרייט אים אויסצופֿירן. אַן ענלעכע מעלדונג איז אויך איבערגעגעבן געוואָרן מיצאַד דער יאַרדאַנישער רעגירונג.

דעם 30.10.68 האָט די ייִסראָעל־רעגירונג באַשלאָסן ניט מאַסקים צו זײַן אַפילע פּרינצי־פּיעל אויסצופֿילן דעם באַשלוס פֿון זיכערהײַט־ראַט נומ. 242.

דעם 10.11.68 האָט אַבדול נאַסער אין אַן אינטערוויו פֿאַר דער ענגלישער צײַטונג „סאַנ־די טײַמס" געזאָגט: „איך וויל אַ רעגולירונג מיט ייִסראָעל, אָבער ניט קיין קאַפּיטוליאַציע, און ביז אַהער האָט אונדז ייִסראָעל פֿאָרגעלייגט בלויז באַדינגונגען פֿון קאַפּיטוליאַציע".

אין אָנהייב פֿעוורואַל 1969 האָט א. נאַסער אין אַן אינטערוויו מיט דער אַמעריקאַנער צײַ־טונג „ניוזוויק" געזאָגט, אַז אויב ייִסראָעל וועט זיך צוריקציִען פֿון די אָקופּירטע שעטאָכים, וועט עגיפּעט גרייט זײַן צו דערקלערן וועגן: ניט מילכאָמע האַלטן, רעכט פֿון אַלע מעדינעס צו לעבן בעשאָלעם; טעריטאָריעלע גאַנצקײַט פֿאַר אַלע מעדינעס אין מיטעלן מיזרעך — אײַנשליסלעך ייִסראָעל — אין אַנערקענטע און זיכערע גרענעצן; נאַוויגאַציע־פֿרײַהײַט אַף אינ־טערנאַציאָנאַלע יאַם־וועגן.

אין מעשעך פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון 1969 זײַנען פֿאָרגעקומען די באַראַטונגען פֿון די פֿיר גרויסמאַכטן — לויט דער איניציאַטיוו פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד — צו געפֿינען אַ רע־גולירונג פֿונעם מיטל־מיזרעכדיקן קריזיס. די ייִסראָעל־רעגירונג האָט אָבער די דאָזיקע איני־ציאַטיוו אָפּגעוואָרפֿן און געמאָלדן, אַז זי וועט אַפילע ניט באַהאַנדלען די פֿאָרשלאָגן פֿון די פֿיר, אויב זיי וועלן דערלאַנגט ווערן. שפּעטער, אינעם זעלבן יאָר, האָט די ייִסראָעלדיקע רע־גירונג אַרויסגעוויזן אַן ענלעכע באַציִונג צו די פֿאָרשלאָגן, וועלכע זײַנען אַרײַנגעטראָגן גע־וואָרן בײַס די געשפּרעכן צווישן דעם סאָוועטנ־פֿאַרבאַנד און די פֿאַרייניקטע שטאַטן.

סאָף סעפּטעמבער 1969 האָט דער עגיפּטי־שער אויסערן־מיניסטער מ. ריִאַד אין זײַן רע־דע אַף דער אַסאַמבליי פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַרייניקטע נאַציעס געמאָלדן, אַז זײַן לאַנד איז גרייט צו געשפּרעכן מיט ייִסראָעל

לויטן נוסעך פֿון ראָדאָס צו באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן אויספֿירן דעם באַשלוס פֿונעם זי־כערהײַט־ראַט נומ. 242. —

אין א. נאַסערס אַן אינטערוויו, וועלכער איז פּובליקירט געוואָרן אין פֿראַנצויזישן „לע מאָנד" דעם 19.2.70, האָט דער פּרעזידענט פֿון עגיפּעט מאַסקים געווען אײַנצושטעלן אַ סטאַ־בילן שאָלעם מיט ייִסראָעל, אײַנשליסלעך עקאָ־נאָמישע און דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען, מיטן באַדינג פֿון אַ ייִסראָעלדיקן צוריקצי פֿון די אָקופּירטע שעטאָכים און אַ לייזונג פֿון דער פֿראַגע פֿון די אַראַבישע פּלייטים.

אין יאָר 1970 האָט ייִסראָעל איבערגעריסן די שאָלעם־געשפּרעכן מיט עגיפּעט, וועלכע האָבן זיך געפֿירט דורך ג. יאַרינגן נאָכן דער־גרייכן דעם פֿײַער־איבעררײַס. שפּעטער, ווען די ייִסראָעלדיקע רעגירונג האָט שוין יאָ מאַסקים געווען צו באַנײַען די געשפּרעכן, האָט זי אָבער ווידער זיי סיסטעמאַטיש סאַבאָטירט און גע־שטערט צו דערגרייכן רעגולירונגען.

דעם 14.2.71 האָט דער עגיפּטישער פּרעזי־דענט אַנוואַר סאַדאַט אין אַן אינטערוויו מיט „ניוזוויק" געזאָגט, אַז דאָס אויספֿירן דעם באַ־שלוס נומ. 242 וועט ברענגען צו אַ שאָלעם צווישן ייִסראָעל און די אַראַבישע לענדער.

אָנהייב פֿעוורואַל 1971 האָט גונאַר יאַרינג אָנגעגעבן די רעגירונגען פֿון ייִסראָעל און עגיפּטן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס וועגן זייער גרייטקײַט אויסצופֿירן יענע טיילן פֿונעם באַ־שלוס נומ. 242, וועלכע פֿאַרפּליכטן זיי. עגיפּעט האָט געענטפֿערט פּאָזיטיוו, די ייִסראָעל־רעגי־רונג האָט געענטפֿערט נעגאַטיוו און דערמיט דורכגעוואָרפֿן יאַרינגס שליכעס.

סאָף יול 1972 האָט פּרעזידענט א. סאַדאַט אין נאָך אַן אינטערוויו פֿאַרן „ניוזוויק" געזאָגט, אַז עגיפּעט איז גרייט צו אַ שאָלעם־רעגולירונג מיט ייִסראָעל, וועלכע זאָל אײַנשליסן אַ פֿאַר־זיכערונג פֿון איר טעריטאָריעלער גאַנצקײַט. ער האָט אויך געמאָלדן, אַז ער איז גרייט אַף געשפּרעכן מיט ייִסראָעל אין דער אָנוועזנהײַט פֿון פֿאָרשטייער פֿון די פֿיר גרויסמאַכטן. „אַ שאָלעם־רעגולירונג איז ניט ווייניקער פֿאַר־פּליכטנדיק ווי אַ שאָלעם־אָפּמאַך", — האָט ער געזאָגט.

דעם 22.4.73 האָט כאַסאַן אַל־זאַיאַט, דער עגיפּטישער אויסערן־מיניסטער, געזאָגט, אַז עגיפּעט איז גרייט אונטערצושרײַבן אַ שאָלעם־אָפּמאַך מיט ייִסראָעל, און האָט אָפּגעמערקט, אַז עגיפּעט האָט דאָס שוין פֿאָרגעלייגט אויך אין דער פֿאַרגאַנגענהײַט.

דעם 1.5.73 האָט דער עגיפּטישער פּרעזי־דענט א. סאַדאַט אין זײַן רעדע געגעבן אַן ענ־לעכע דערקלערונג.

סאָוועטיש היימלאַנד 1974

די פּאָטשט פון

פאַרשיידנאַרטיק איז די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. עס קומען אָן בריוו פון פיל לענדער פון דער וועלט, פון צענדליקער און הונדערטער שטעט פון סאָוועטנפאַרבאַנד. לייענער גדענקען וועגן די ווערק, וואָס זײַנען געווען געדרוקט אינעם זשורנאַל. ווער עס האָט אַן אינטערעסאַנטע ביִאָגראַפיע, שיקט צו דערינערונגען, פּאָטאָ־בילדער, עס טרעפט, אַז עמעצער ווענדט זיך צו דער רעדאַקציע מיט אַ באַקאָשע. מיר האָבן ניט, געוויינלעך, די מעגלעכקײַט צו פאַרעפנטלעכן אַלע בריוו, אָבער אַ טייל פון זיי האָבן בעפיירעש אַ געזעלשאַפטלעכן אינטערעס, און עס איז קעדײַ צו באַקענען מיט זיי אונדזערע לייענער.

אַלזאָ, אַ נײַער פּעקל בריוו, וואָס די רעדאַקציע האָט באַקומען...

אײַנדרוקן פון אַ גאַסט

כאָשעווע פרײַנט פון „סאָוועטיש היימלאַנד“!

ביז הײַנט, כאָטש עס איז שוין העכער זיבן כאַדאָשים, זינט איך האָב באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, בין איך נאָך אונטער דעם שטאַרקן אײַנדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט די נעסיִע. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז דאָס, וועגן וואָס איך וויל אײַך אָנשרײַבן, איז פאַר די סאָוועטישע מענטשן אַ נאַטירלעכע זאַך, און עס קאָן ניט אַרויסרופן קיין כידעש. איך מוז אָבער וועגן דעם דערציילן, ווײַל אויף דער וועלט זײַנען נאָך דאָ ניט ווייניק „סאָוועטנפרעסער“, וועלכע טרײַבן רעכילעס אויף אײַער לעבן, אויף אײַער אָרדענונג.

פאָריקן זומער האָב איך אין מעשעך פון דרײַ וואָכן באַזוכט זעקס סאָוועטישע שטעט: מאָסקווע, סאָטשי, וואָלגאָגראַד, קיִעוו, לוואָוו, לענינגראַד. נײַן מאָל בין איך געפלויגן פון איין אָרט צום אַנדערן, און אומעטום בין איך געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. און ניט נאָר איך אַליין — אונדזער גאַנצע גרופּע האָט געהאַט אַ מעגלעכקײַט זיך באַגעגענען מיט מענטשן פון פאַרשיידענע פאַכן, זען, וויִאַזוי זיי לעבן.

פאַר מיר זעלבסט איז דאָס געווען שוין די צווייטע רײַזע צו אײַך — דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען אין אײַער לאַנד מיט זיבן יאָר צוריק. איך האָב געפרוּווט פאַרגלײַכן, וואָס פאַר אַן ענדערונגען זײַנען פאָרגעקומען פאַר אָט דער צײַט, און כ׳בין געקומען צום אויספיר, אַז דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אַ נײַ־אָנגעקומענעם, איז די ריזיקע בויונג. איר האַלט אין איין בויען — און דאָס איז זייער אָנגענעם. איך האָב באַזוכט אַ סאַך געשעפטן — אָנהייבנדיק פון בעקערײַען (איך בין אַליין אַ בעקער) און ענדיקנדיק מיט ביכער־מאַגאַזינען, און איך האָב געזען, ווי מע קויפט און מע קויפט און מע האַלט אין איין קויפן.

אין סאָטשי בין איך געווען בא צוויי דאָקטוירים — בא אַ הויט־דאָקטער און בא אַן אויגן־דאָקטערשע. קיין געלט האָבן זיי בא מיר ניט גענומען. מיך אויסגעהערט, באַטראַכט און אויסגעשריבן רעצעפּטן. און אין דער אַפּטייק האָב איך פאַר צוויי פלעשלעך רעפואָס באַצאָלט צוואַנציק קאָפּעקעס!

איך בין אַרײַן צו אַ זייגערמאַכער פאַריכטן מײַן זייגער, האָט ער קיין געלט ניט געוואָלט נעמען בא מיר, געבעטן בלויז מײַן אַדרעס — ער וויל זיך מיט מיר דורכשרײַבן. ער איז אַן אינוואַליד, פאַרלוירן אַ פוס אין שלאַכט בא לענינגראַד, ער איז אַ רוס.

אין וואָלגאָגראַד זײַנען מיר מאַמעש דערשטוינט געוואָרן, ווען מ׳האָט אונדז דערציילט, אַז יערלעך ווערן אין דער שטאָט אויסגעבויט 12 טויזנט דירעס. מע האָט אונדז באַוויזן אַ קינאָ־פילם וועגן די שלאַכטן אַרום סטאַלינגראַד. מיר האָבן געזען, ווי אַלץ איז געווען פאַרניכטעט. און אָט פאָרן מיר איבער דער נײַ־אויסגעבויטער שטאָט, בלויז די רויִנעס פון איין הויז האָט מען איבערגעלאָזט פון יענע טעג — מענטשן זאָלן געדענקען!

מיר האָבן באַזוכט דעם „מאַמײַעוו־קורגאַן“, ווּו עס זײַנען געבראַכט געוואָרן צו קווּרע די געפאַלענע אין דער סטאַלינגראַדער שלאַכט. טויזנטער מענטשן קומען אַהער אָפּגעבן קאָוועד די העלדן.

אַן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק האָט אויף אונדז געמאַכט די רײַזע מיט אַ שיף. צוזאַמען מיט אונדז זײַנען געפאָרן יונגע פּיִאָנערן, און עס איז געווען שטאַרק אָנגענעם און פריילעך מיט זיי צו פאַרברענגען.

און ווי קאָן מען, ריידנדיק וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, ניט דערמאָנען מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער לענינגראַד? מיר האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט אין אַ האָטעל, וועלכן מע האָט ניט לאַנג צוריק אויסגעבויט אויפן סאַמע ברעג פון דער ניעוואַ. פונדאַנען זײַנען מיר עטלעכע מאָל אַרויסגעפאָרן אויף עקסקור־

סיעס איבער דער שטאָט, באַזוכט דעם וועלט־באַרימטן ערמיטאַזש.

אין אַלע שטעט האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט ייִדן פון פאַרשיידענעם עלטער און פּראָפעסיעס, געהאַט אָפנהאַרציקע שמועסן. און ס׳איז געווען זייער אָנגענעם צו הערן, אַז זיי לעבן גוט און זײַנען פּאַטריאָטן פון זייער גרויס לאַנד.

מיר וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי אַזוי עס האָט אונדז, נאָכן אומקערן זיך פון דער נסיעה איבערן סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָכאַמאָל אופגענומען מאָסקווע. איך געדענק די וואַרעמע באַגעגעניש, וואָס מיר האָבן געהאַט אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״. מיר באַגריסן די שטעלונג פונעם זשורנאַל אין וויכטיקע פראַגן פאַר פאָלק געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פראַגן. מיר האָבן ליב אײַער זשורנאַל, ער איז בײַ אונדז, אין די פּראָגרעסיווע ייִדישע קרײַזן פון אַמעריקע, געשעצט און געאַכטעט פאַר דער גרויסער אַרבעט, וואָס ער טוט אין געביט פון ייִדישער קולטור און ייִדישער ליטעראַטור, פאַר דעם קאַמף פאַרן שאָלעם אין דער גאַנצער וועלט.

איזי צוקערמאַן, ברוקלין, פּשא.

■

לייב נײַדוס — זײַן לעבן און זײַן שאַפונג

צו דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

ווען איך בין געווען אַ יונגער מענטש, האָב איך פּערזענלעך גוט געקענט דעם דיכטער לייב נײַדוס. אין יענע יאָרן (1904 — 1908) האָט ער זיך געלערנט אין דער ביאַליסטאָקער קאָמערץ־שול צוזאַמען מיט מײַן עלטערן ברודער. ביז איצט געדענק איך דעם פריילעכן, אויסערגעווייִנלעך באַגאַבטן באָכער, ווי אויך די לידער, וועלכע ער האָט געזונגען. געשריבן האָט ער לידער אַף ייִדיש און אַף רוסיש און פלעג באַם ריידן מאַמעש שיטן מיט גראַמען.

נײַדוס איז פרי געשטאָרבן (אין עלטער פון 28 יאָר), נאָר מיט זײַן שאַפונג האָט ער איבערגעלאָזט אַ טיפן שפור אין דער ליטעראַטור. צום באַדויערן, איז דער ייִדישער סאָוועטישער לייענער ווייניק באַקאַנט מיט לייב נײַדוסעס ווערק. עפשער וואָלט געווען ניט איבעריק כאָטש עפּעס וואָס דערציילן וועגן דעם דיכטער אין אונדזער זשורנאַל?

יוינע רושטשוק, גאָרקי.

■

פון דער רעדאַקציע:

מיר פילן אויס די באַקאָשע פונעם כ׳ רושטשוק.

געבוירן געוואָרן איז לייב נײַדוס דעם 6־טן נאָיאַבער 1890 אין גראָדנע. די מישפּאָכע האָט געוווינט אין אַ פּריציש גוט — קוסטין, ווו עס האָט געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער דער פאָטער. אַפן גאַנצן לעבן האָט לייב נײַדוס פאַרהיט די צוגעבונדנקײַט צו דער נאַטור, וואָס האָט אים באַצויבערט פון די ערשטע קינדער־יאָרן.

לייב נײַדוס האָט פרי אָנגעהויבן שרײַבן: צו 10 יאָר, אין העברעיִש, רוסיש און ייִדיש. דעביוטירט אַף רוסיש. זײַן ערשטע ייִדישע ליד האָט פאַרעפנטלעכט אין 1907 די וואַרשעווער „ראָמאַן־צײַטונג״. אײַנגיכן ווערט ער אַ מיטאַרבעטער אין פּערעצעס „יודיש״, רייזענס „דאָס נײַע לאַנד״ אאַ. ער דרוקט אויך לײַכטע הומאָריסטישע פערזן אונטער די פּסעוודאָנימען לייבקע רייכלס, לעאָנאַרדאָ, לאָלאָ.

זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג — „ליריק״ — איז דערשינען אין 1915. שפּעטער האָט ער פאַר זײַן לעבן באַוויזן אַרויסצוגעבן די זאַמלונג „ניעמאַן״, די פּאָעמע „די פלייט פון פּאַן״ (ביידע אין 1917).

נײַדוס איז באַוווסט אויך ווי אַ גלענצנדיקער איבערזעצער פון אַנדערע שפּראַכן. נאָך אין 1917 האָט זאַלמען רייזען אַרויסגעגעבן אין ווילנע ל. נײַדוסעס איבערזעצונג פון פּושקינס „אַ מײַסע מיט אַ טויטער באַסמאַלקע און זיבן גיבוירים״. שפּעטער, שוין נאָך נײַדוסעס טויט, זײַנען דערשינען אין זײַן איבערזעצונג די זאַמלונג „רוסישע דיכטונג״ (א. ס. פּושקינס 41 לידער און 4 קאַפּיטלען פון „יעווגעני אָנעגין״, מ. יו. לערמאָנטאָװוס 43 לידער), ש. באָדלערס „די פרוכט פון שלעכטס״, אַן אַנטאָלאָגיע פון פראַנצויזישער ליריק (פּאָל ווערלען, טעאָפיל גאָטיע, מאָריס מעטערלינק, עדמאָן ראָסטאָן, אַלפרעד דע מיוסע, לע קאָנט דע ליל און אַנד.), „ליטווישע אַראַבעסקן״.

לייב נײַדוס איז געשטאָרבן דעם 23 דעקאַבער 1918 אין גראָדנע.

■



לייב נײַדוס

א זון מיט א רעגן

א זון מיט א רעגן! א זון מיט א רעגן!
עס לאַכן מיר גאָלדענע טראָפּנס אַנטקעגן,
זיי לײַכטן אין לופטן און פאַלן אַף מיר,
ווי גאָלדענע פונקען אַף זײַדענע שניר.
א זון מיט א רעגן! א זון מיט א רעגן!
עס צאַנקען די גראָזן באַם ראַנד פון די וועגן,
עס שמייכלען די בלומען, צעקושטע פון ווינט,
אַזוי ווי עס שמייכלט דורך טרערן א קינד.
א זון מיט א רעגן! א זון מיט א רעגן!
עס וויגט זיך דער בלוילעכער טײַך אין די ברעגן,
עס פאַלן די טראָפּנס אין וואַסער, און גרינג
צעלויפן זיי ברייט אין א גאָלדענעם רינג.
א זון מיט א רעגן! א זון מיט א רעגן!
און ווײַט, ערגעץ ווײַט וואַרפט זיך איבער אַנטקעגן
אין הימל אין בלויען א פאַרביקע בריק,
אַזוי ווי א וועג צו דעם אייביקן גליק.

צום גליק

איך טו זיך אָן אין בעטלער־קליידער,
איך נעם א דעמבנשטאָק אין האַנט,
און כ׳גיב אין האַרץ בא זיך א ניידער
צו גיין און גיין דורך שטאָט און לאַנד.
צו גיין און גיין דורך בערג און טאָלן,
ביז איך וועל קומען צו דײַן טיר,
און ס׳וועט דער בוירע רײַך באַצאָלן
פאַר מײַנע וואַנדער־ליידן מיר.
כ׳וועל גיין און גיין... כ׳וועל וועגן זוכן
דורך טרוקן זאַמד, דורך פײַכטן טאַרף;
איך וועל א שטעטל ווו באַזוכן
און וועל פאַרבלאָנדזשען אין א דאָרף.
מע וועט מיר געבן א נדאָווע,
דאָך קיינער וועט ניט זען אין מיר
מײַן גרויסע, זוניקע מאַכשאָווע,
מײַן העלן כאָלעם וועגן דיר...
און קיינער, קיינער וועט ניט וויסן,
אַז כ׳האָב א ציל, וווהין צו גיין,
אַז ערגעץ־ווו וועט מיך באַגריסן
געטרײַ און העל דאָס גליק אליין...

דער רינג

וואַך איך, צי שלאָף איך,
לײַד איך, צי האָף איך —
שטראַלט אָף מײַן פינגער דײַן גאָלדענער
רינג...

דײַן, ווי דײַן פּילן,
העל, ווי דײַן ווילן, —
שטראַלט אָף מײַן פינגער דײַן גאָלדענער
רינג...

שיין, ווי די ליידן
בײַם דעם צעשיידן,
שטראַלט אָף מײַן פינגער דײַן גאָלדענער
רינג...

שלאָף איך, צי וואַך איך,
וויין איך, צי לאַך איך,
שטראַלט אָף מײַן פינגער דײַן גאָלדענער
רינג...

לעצטער ווייטאָק

ווּעסט ניט זײַן אָף מײַן לעווײַע,
ס׳איז געוויס אזוי באַשערט!
אַך, מײַן איינציקע, מײַן טרײַע,
עפּשער בין איך עס נישט ווערט.

עפּשער האָב איך ניט פאַרדינט עס,
איך זאָל זען דיך בא מײַן טויט...
אין מײַן לעצטן גליק צערינט עס,
אין דעם לעבנס־אַלטן קויט...

דײַנע צאַרטע פינגער האַלטן
אין דער גויסעדיקער האַנט
אָף דײַן ברוסט דעם קאָפּ באַהאַלטן —
איין מינוט כאַטש זײַן באַנאַנד...

הייס א קוש טאָן דײַנע ליפּן,
דײַן צעבליטע רויזן־פּאָר,
און מײַן פּאָנעם קיל באַזיפּן
זאָל די וועל פון דײַנע האָר...

אַך, מײַן איינציקע, מײַן טרײַע —
כ׳ווייס, אַז דאָס וועט ניט געשען...
און אפילע מײַן לעווײַע
ווּעסטו, טײַערע, ניט זען!

דער פּאָעט, וואָס איז געשטאָרבן פאַר דער צײַט

...עס זײַנען פאַראַן צווייערליי פּאָעטן, וואָס געפינען נישט קיין אוילעם־לייענער: איינע — מאַכמעס זיי אליין זײַנען צו פרי ניסגאָלע געוואָרן; אַנדערע — ווײַל די לייענער זייערע פאַרשפּעטיקן. די ערשטע שײַנען פלוצלינג אַרויס פון א צו טיפער טיפעניש, אָדער זיי דונערן אַראָפּ פון א הויכקײַט, וואָס איז צו הויך פאַרן אוילעם, די אַנדערע (און צו זיי געהערט אויך ניידוס) בלײַבן פרעמד דעם לייענער נישט דערפאַר, וואָס זיי קומען פון א צו הויכער אָדער א צו טיפער, נאָר דערפאַר, וואָס זיי קומען פון א צו פרעמדער וועלט. די ערשטע פאַרשטייט מען נישט, די צווייטע פאַרשטייט מען זייער גוט, נאָר מע פילט אין זיי קיין טאַם נישט, מע איז ניט צוגעווינט צו זיי. פאַר די ערשטע האָט מען מוירע: אומהיימלעכע זײַנען זיי; צו די צווייטע איז מען גלײַכגילטיק: זיי זײַנען נישט קיין היימישע... נאָר זאָלן זיי זיך אומקערן צוריק אהיים, צו יענעם געזעלשאַפטלעכן קרײַז, וואָס צו אים געהערן זיי, וועלן זיי גלײַך אופהערן זיך פילן איינזאַם: דאָרט זײַנען דאָ פיל אַזוינע, ווי זיי, דאָרט איז פאַראַן א „רעזאָנאַנץ־באָדן" פאַר זייער שטים...

...דאָרט, אין יענער לעבנס־ און געפיל־ספערע, פון וועלכער ניידוס האָט געבראַכט צו אונדז זײַנע פאַרבן, קלאַנגען און געשטאַלטן, וואָלט נאַטירלעך געווען אפילע די געקינצלטקײַט פון איינציקע זײַנע געקרײַזלטע און געפוצטע פערזן, וואָלטן היימיש געווען אפילע די עקזאָטישסטע פון זײַנע בלומען. נאָר ניידוס האָט זײַנע געווירצטע סאַלאָן־ און כיינלידער געשריבן אָף א שפּראַך, וואָס די, וועלכע ריידן און לייענען אָף איר, זײַנען געווינט צו זייער איינפאַכע, שיר ניט שטעטלדיקע לעבנס־פאָרמען און געפיל־אויסדריקן. ער איז געקומען מיט האַלב־פאַרוועלקטע מידשמעקעדיקע ספּעקט־בלומען, מיט „קולטור"־פּאָעזיע, צו די, וואָס האָבן נאָך נישט געשטילט זייער דורשט נאָכן פרישן געזונטן רייעך פון פעלד־ און וואַלד־ליריק. ער איז געקומען מיט עקזאָטיק צו די, וואָס האָבן נאָך נישט אויסגעזונגען זייער היימיש פאָלקס־ליד.

ער איז געקומען נישט צו פרי: אפילע איגאָר סעווועריאַנין, אָט דער איצט שוין געוואָרענער ליריי

שער פראנט, איז געווען צווישן זײַנע ראבײַם: ער איז געבליבן אומבאקאנט נאָר דערפאר, וואָס זײַן לייענער, ריכטיקער: לייענערן — די יונגע אינטעליגענטע געזעלשאפט־דאמע, די געוועזענע פעטערבורגער קורסיסטקע, וועלכע דעקלאמירט באלמאָנטן אף אויסווייניק, האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט קיין ייִדיש. זי וועט זיך אויסלערנען — און אף ייִדישיסטיש־סטודענטישע אָוונטן וועט א יונגע סאָפּראנאָ פאָרלייענען נײַדוסן.

דאן וועט ארום אים זײַן א פאסיקע אטמאָספער און מע וועט אָפּשאצן, ווי געהעריק איז, ניט נאָר די לידער זײַנע, אין וועלכע עס ציטערט און פלאַטערט א ליריש געפיל, נאָר אויך די פערזן, וואָס זייער הויפּט־מײַלע איז דער גלאנץ פון דער פאָרם און די עלעגאנץ פון סוזשעט.

ש. ניגער (1919).

עפּיזאָדן פון יאקנעהאָזס לעבן

כּאָשעווע רעדאקציע!

אין נאָיאבער 1973 איז געוואָרן הונדערט פופצן יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן מײַן פאָטער שײַע־ניסן גאָלדבערג, וועלכער איז באוווּסט אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראטור אונטערן פּסעוודאָנים יאקנעהאָז (יכנהז). וועגן אים האָט איײַער זשורנאל געשריבן, איך וויל בלויז צוגעבן א פּאָר פּראָטים צו זײַן ביִאָגראפיע.

יאקנעהאָז איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטעלע מאָהילנע אפן ניעמאן, אין א מישפּאָכע פון קרעמער. דער פאָטער זײַנער, מײַן זיידע, א גרויסער לאמדן, האָט אין אים דערצויגן א גרויסן פארשטאנד צו אָרנטלעכקײַט. איך געדענק, ווי דער טאטע פלעגט איבערגעבן אזא פאקט פון זײַן לעבן.

זײַענדיק נאָך א כיידער־ייִנגל, האָט ער געהאט א שטארקן כיישעק צו שרײַבן. אָבער די אָרעמקײַט איז געווען אזוי גרויס, אז אפילע קיין פּאָר גראָשן אף קויפן פּאפּיר איז ניט געווען. האָט ער געשריבן אף הילצערנע ברעטלעך מיט קוילן...

„איינמאָל, — האָט דערציילט דער פאָטער, — איז געשען א נעס: איך האָב אין גאס געפונען עטלעכע קאָפּעקעס. גענומען דעם דאָזיקן גוואלדאָוונעם אוצער, בין איך גלײַך אוועקגעלאָפן אהיים, ארויף אפן בוידעם און באגראָבן דאָס געלט אין זאמד. עמעצער, האָב איך געטראכט, וועט פאָרן קיין מינסק, וועל איך בעטן, מע זאָל פארן געלט אײַנקויפן א ביסל פּאפּיר. אָבער די פרייד מײַנע האָט געדויערט ניט לאנג: אין א פּאָר טעג ארום האָט זיך אָפּגעזוכט דער באלעבאָס פונעם אוצער. איך בין ווידער ארויף אפן בוידעם, אויסגעגראָבן די מאטבייעס פונעם זאמד און זיי אָפּגעגעבן דעם באלעבאָס״...

און נאָך האָט מען מיר דערציילט:

מײַן פאָטער האָט געקנעלט מיט מײַן מאמעס ברידער, עלטערע פון איר. מײַן קומענדיקע מאמע, א גאָר יונגינקע נאָך, פלעגט דערבײַ זיצן באם טיש און זיך צוהערן. איינמאָל האָט זי א זאָג געטאָן: „זע, שײַעלע, ביסט אזא קלוגער, אלץ ווייסטו און אלץ קענסטו. ציקאווע צו וויסן, וואָס פאר א ווײַב דו וועסט נעמען״. האָט ער איר געענטפערט: „נעם דעם שפּיגל און טו א קוק״. אין שטעטל האָט מען וועגן דעם גערעדט ווי וועגן אן אויסערגעוויינלעכן צופאל, ווען צוויי יונגע הערצער האָבן זיך באגעגנט אָן א שאדכן.

אָט די דאָזיקע עפּיזאָדן, וועלכע האָבן זיך בא מיר פארקריצט אין זיקאָרן אפן גאנצן לעבן, וועלן עפּשער צוניץ קומען פאר די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד״, וועלכע האָבן ליב צו וויסן פּאָדראָבנע שטריכעלעך וועגן אמאָליקע שרײַבער. דערפאר טאקע האָב איך זיי פארשריבן.

צילע גאָלדבערג, מינסק.

ביזוואנען וועט אזא הערפקיירעס דויערן?

זײַט מיר מויכל, טײַערע כאווײרים, — איך מוז זיך אראָפּריידן פונעם הארצן.

אז די ציִעניסטישע רעדלפירער און פּראָפּאגאנדיסטן קריכן מאמעש פון דער הויט, פּרווּוונדיק אָפּסאמען די מויכעס פון לײַכטזיניקע מענטשן, איז שוין גאנץ גוט באוווּסט. זיי זאָגן צו גאָלדענע בערג, אבי צו פארנארן וואָס מער אימיגראנטן פאר ייִסראָעל. וועגן קאָלערליי פּראָוואָקאטאָרישע שטיק, וועלכע זיי ווענדן דערבײַ אָן, האָט „סאָוועטיש היימלאנד״ ניט איין מאָל געשריבן. איצט וויל איך דערציילן וועגן נאָך אזא פאקט, וואָס איז געשען בא אונדז אין בערדיטשעוו.

עס לעבט בא אונדז א מישפּאָכע סקאקון. דער פאָטער — איגאָר יאקאָוולעוויטש — איז א שוסטער אינעם שטייגער־קאָמבינאט, זײַן פרוי ארבעט אין שוך־קאָמבינאט, אלע דרײַ קינדער זײַנען שילער פון דער שול. און אָט אין איינעם א טאָג באקומט די מישפּאָכע סקאקונס דורך דער פּאָטשט א בריוו, אין וועלכן מע טיילט זיי מיט, אז לויט דער באקאָשע פון זייערע קרויווים, וועלכע וווינען אין ייִסראָעל, און באם באדינג, אז אויך זיי ווילן דאָס, וועט מען זיי געבן א דערלויבעניש צו עמיגרירן.

— עפּעס ווייס איך ניט פון אזעלכע קרויווים, — האָט איגאָר יאקאָוולעוויטש געשטוינט, — און אויב אפילע איך וואָלט זיי דאָרטן געהאט, איז ווער האָט זיי געבעטן זיך מישטאדל זײַן פאר אונדז?

מיינט איר אָבער, אז אף דעם האָט זיך די מײַסע פארענדיקט? ניין. אין א צײַט ארום באקומט סקאקון א מיטיילונג, אז אף זײַן נאָמען איז פון די „קרויווים״ אָנגעקומען א פּעקל. און פונוואנען מיינט איר — פון ענגלאנד! איגאָר יאקאָוולעוויטש האָט, געוויינלעך, זיך אָפּגעזאָגט פונעם גמילעסכעסעד.

די ציִעניסטן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו כאַפּן אף דער ווענטקע א סאָוועטישן מענטשן. און דאָס איז בלויז איינער פון פיל בײַשפּילן. ווען מיר, בערדיטשעווער ייִדן, טרעפן זיך, שטעלן מיר די פראגע אזוי: ביזוואנען, אייגנטלעך, וועט אזא הערפקיירעס דויערן? אפילע אין גאס, בייס א ניט געצוימטע קאָמפּאניע הייבט אָן צושטיין צו עמעצן, רופט מען דאָך ארויס וועמען מע דארף און מע רופט די כוליגאנעס צו אָרדענונג.

א. בראנד, בערדיטשעוו.

צו דער טעמע וועגן טויזנטיאָריקן וויטעבסק

געערטע פרײַנט פון רעדאקציע!

לייענענדיק דאָס ארטיקל, געווידמעט דעם טויזנטיאָריקן וויטעבסק („סאָוועטיש היימלאנד" נום. 10 פאַרן פאָריקן יאָר), האָב איך אָנגעטראָפן אַף א פאָטאָגראַפיע פונעם ייִדישן ליטעראַרישן קרײַז אונטער דער אָנפירונג פון אײַזיק ראָזענצווײַג. די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע האָט מיך אזוי אופגערודערט, אז איך האָב באשלאָסן אײַך גלײַך אָנשרײַבן.

אין די יאָרן 1924 — 1928 בין איך געווען א צוהערערן פונעם וויטעבסקער ייִדישן פּעדאגאָגישן טעכניקום, און אײַזיק ראָזענצווײַג, וועלכער איז שפּעטער באוווּסט געוואָרן אלס איינער פון די אקטיווע ליטעראַטור־קריטיקער, איז געווען מײַן לערער. טאקע אדאנק אים האָב איך ליב באקומען די ייִדישע ליטעראַטור און געבליבן איר פאַרערערן אפן גאנצן לעבן.

אונדזער טעכניקום איז געווען א קולטור־צענטער אין וויטעבסק. די סטודענטן האָבן אָנגעפירט מיט ליקבעזן, ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קרײַזן אַף פיל אונטערנעמונגען פון דער שטאָט. אלע שרײַבער, וועלכע פלעגן קומען קיין וויטעבסק, זײַנען בא אונדז אין טעכניקום געווען צוגאַסט. איך געדענק די ארויסטרעטונגען פון איזי כאריק, שמועל גאָדינער, מענדל ליפשיץ און אנד.

בא מיר האָט זיך פאַרהיט א פאָטאָגראַפיע פונעם אקאדעמסעקטאָר באַם פּראָפאַריינישן קאָמיטעט פונעם טעכניקום. אין צענטער זיצט אײַזיק ראָזענצווײַג, אין דער צווייטער ריי, דער זיבעטער פון רעכטס שטייט לייב טאלאלײַ, דער באַוווּסטער ייִדישער דיכטער, וועלכער איז אומגעקומען אפן פראָנט בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

ג. לעדניק, כערסאָן.

לאָמיר באַגריסן דעם יונגן קאָמפּאָזיטאָר

איך בעט אויסטיילן אָרט פאַר מײַן באַגײַסטערטן אָפּרוף וועגן א מוזיקאַליש ווערק אינעם אָפּטייל „לאָמיר זינגען נײַע לידער", וועלכער ווערט אין אײַער זשורנאַל געפירט אין מעשעך פון פיל יאָרן.

אין אווגוסט־נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד" פאַר דעם פאָריקן יאָר איז געווען פאַרעפנטלעכט א וואָקאַלע מיניאַטיור פונעם מאָסקווער יונגן קאָמפּאָזיטאָר סערגיי טשעבאָטאַריאָוו. דאָס איז א רירנדיק ווערק, וואָס זעצט פאָר די טראַדיציע פון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטשעס באַוווּסטן ציקל ייִדישע לידער.

דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר סטיליזירט ניט בלויז די ייִדישע פאָלקס־מעלאָדיעס מיט זייערע שפּילעוודיקע אינטאָנאַציעס — ער נוצט אויס געלונגען אויך די הײַנטצײַטיקע האַרמאָנישע מיטלען — עפעקטיווע טאָנאַלע געגנג, בונטע אַליטעראַציעס, קאָנטראַסטן פון רעגיסטער־ און פאַקטור־קעגנשטעלונגען.

לויטן זשאַנער איז טשעבאָטאַריאָווס ווערק א קופּלעטן־ליד, נאָר דער קאָמפּאָזיטאָר טײַטשט אויס די קופּלעט־סטרוקטור אַף א שעפערישן אויפן. געוויינלעך ווערן אין אַזעלכע לידער פאַרהיט בײַס די איבערכאַזערונגען סײַ די עצעם קופּלעטן, סײַ דער רעפרען. אָבער אין דעם פאַל נוצט דער קאָמפּאָזיטאָר אויס א נײַע טאָנאַל־ספערע, וועלכע מע רופט אפן מוזיקאַלישן לאָשן „איבערפאַרבונג" פונעם רעפרען־נוסעך. דאָס שאַפט א דינאַמישן גאַנג מיט א דורכויסיקער ליניע פונעם מוזיקאַלן געדאַנק.

איך האָב אויבן דערמאָנט, אז דער יונגער קאָמפּאָזיטאָר האָט זײַן מיניאַטיור פאַרפאַסט אין דער

טראַדיציע פון שאָסטאַקאָוויטשעס ייִדישן ציקל. דערמיט אָבער וויל איך לאַכלוטן ניט באַהויפּטן, אַז ער מאַכט נאָך דעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָר. טשעבאָטאַריאָוו האָט געפֿונען זײַנע אייגענע שעפֿערישע גענג און אָריגינעלע מיטלען אױף איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פֿונעם טעקסט.

ווילט זיך טאַקע באַגריסן אים מיט דעם דערפֿאָלג. אַזעלכע ווערק וואָלטן געקאָנט באַשיינען אַ באַליביקן קאָנצערט. איך וואַרט אױף נײַע לידער פֿונעם באַגאַבטן יונגן קאָמפּאָזיטאָר.

ו. סאַמאָכוואַלאָוו, קאַנדידאַט פֿון קונסטקענטעניש. קיִעוו.

צוויי בריוו וועגן דער ערשטער באַגעגעניש מיטן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“

טײַערע כאַווײרים!

איך האָב אַ באַדערפֿעניש צו אָנשרײַבן אײַך וועגן מײַן גרויסער פֿרייד: נאָך אַ פֿערציקיאָריקן איבעררײַס האָב איך ווידער אָנגעהויבן לייענען אױף ייִדיש.

און געשען איז דאָס אַזוי. אַנומלטן בין איך געקומען צוגאַסט צו מײַן היגער כאַווערטע ז. מ. קאַגאַן און דערזען אױפֿן טיש דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“. ס'איז, פֿאַרשטייט זיך, עפּעס אַ מאָדנע זאַך, וואָס ביזדאַנען איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען דעם זשורנאַל, נאָר איך טרײַב דאָ ניט איבער. אין דער פֿריִער קינדהייט האָב איך פֿאַרענדיקט טאַקע דאָ, אין אונדזער שטאָט גאָרקי, פֿיר קלאַסן פֿון אַ ייִדישער שול, אָבער ס'האָט אַזוי פּאַסירט, אַז דערנאָך האָב איך זיך אינגאַנצן דערווײַטערט פֿון ייִדיש.

דערזען, ווי איך האָב זיך פֿאַרכידעשט, זאָגט מיר מײַן כאַווערטע:

— נעם און פּרוּוו עפּעס איבערלייענען.

עטלעכע טעג איז מיר אויסגעקומען טאַקע גוט האָרעווען. צוביסלעכווײַז האָב איך זיך אַרײַנגעצויגן אינעם לייענען. באַזונדערס האָט מיך „פֿאַרנאַרט“ שירע גאָרשמאַנס דערציילונג „כאַנעס שאָף און רינדער“, אין וועלכער ס'איז עמעסדיק געשילדערט אַ שטיק לעבן מיט אַלע פֿריידן און ליידן, די דערציילונג האָט מיר דערמאָנט מײַנע אייגענע יוגנטיאָרן. פּאָשעט, עס איז אַ שאָד געווען זיך צו שיידן מיט כאַנען, מיט איר „באָרעכן“, מיט איר „ווערנערע“...

איצט בין איך אַ שטענדיקע לייענערן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“. איך האָב אויסגעשריבן דעם זשורנאַל אױפֿן 1974, און איך אייצע אַלע מײַנע באַקאַנטע טאָן דאָס זעלבע.

א. גלאַזער, גאָרקי

פֿילגעשעצטע רעדאַקציע!

דאָס שרײַבט אײַך איינער פֿון די פֿאַרערער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“, אַ לייענער פֿון בודאַפּעשט.

מיט אײַער זשורנאַל האָב איך זיך באַקאַנט גאַנץ צופֿעליק. איך בין געווען אין די טראַנסקאַרפּאַטן, און אַרומגייענדיק איבער דעם שטעטל כוסט, האָב איך באַגעגנט אַ ייִדישע פֿרוי. מיר האָבן מיט איר געהאַט זייער אַן אינטערעסאַנטן שמועס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז אַ ליבהאָבערן פֿון ליטעראַטור — איז אַוועק אַ רייד וועגן ביכער, שרײַבער. זי האָט מיך פֿאַרבעטן צו זיך אין שטוב, באַוויזן איר ביבליִאָטעק. אַרויסנעמענדיק אַ נומער פֿון אײַער זשורנאַל, האָט זי געפֿרעגט:

— און דאָס האָט איר אַמאָל געלייענט?

פֿון דעמלט אָן איז אַוועק — איין נומער נאָך אַן אַנדערן, ביזן הײַנטיקן טאָג. און ניט נאָר דעם זשורנאַל לייען איך. דורך מײַן כוסטער פֿרײַנדן האָב איך באַקומען פֿון מאָסקווע עטלעכע ייִדישע ביכער: די ווערק פֿון פּערעץ מאַרקיש, דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, י.־ל. פּערעץ, איציק פֿעפֿער, אַווראָם גאָנטאַר, נאָטע לוריע. שמועל האַלקינס בוך „מײַן אויצער“ האָב איך שוין איבערגעלייענט עטלעכע מאָל.

איצט טרוים איך באַזוכן מאָסקווע, און איך האָף, אַז מײַן טרוים וועט גאָר אינגיכן מעקוייעם ווערן.

מײַק לעבאָוויטש, בודאַפּעשט

אונדזער מיטיילונגען

די אויצרעס פון פּארעס אָרן אין מאָסקווע

אַ יינעם טאָל פון די קייסאָרים, וואָס ליגט אַפן לינקן ברעג פונעם טײַך נילוס, לעם דער איצטיקער שטאָט לוקסאָר, איז מיסטאמע ניטאָ קיין איין זעמדעלע, וועלכן עס זאָלן ניט האָבן דורכגעזיפּט די ארכעאָלאָגן באַם זוכן דעם אָרן פונעם פּארע טוטאנכאמאָן. זינט עס האָט זיך אײַנגעגעבן איבערצולייענען די פּאפּירוסן, האָבן די היסטאָריקער געוווּסט, אַז אַמאָל האָט געלעבט אַ פּארע מיטן נאָמען טוטאנכאמאָן. און וויבאלד ער האָט געלעבט, איז דאָך ערגעץ פארבליבן זײַן אָרן. אַ סאך פאָרשער האָבן אים געזוכט, אָבער אומזיסט.

דער ענגלענדער האָווארד קארטער האָט לאנגע יאָרן געפאָרשט אלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו אלט־מיצראַים. ער האָט געוווּסט אויך וועגן די ווערק פונעם גלענצנדיקן רוסישן עגיפּטאָלאָג וו. ס. גאָלענישטשעוו. לאָמיר דאָ דערמאָנען, אַז די רוסישע פאָרשער האָבן שוין פון לאנג זיך פארינטערעסירט מיט די רעטענישן פון דער מיצרישער געשיכטע, קולטור, קונסט און וויסנשאפט. אין דער פּעטערבורגער קונסטקאמער האָבן די ערשטע אָריגינעלע כפייצים פון די אוראלטע קיניגרײַכן זיך באוויזן נאָך אין XVIII יאָרהונדערט. אין דער לאנגער רעשימע געלערנטע, וועלכע האָבן ארײַנגעטראָגן אַן ערנסטן צושטײַער אין דער אנטשטייוּנג און אנטוויקלונג פון דער עגיפּטאָלאָגיע, איז פאראן אַ היפּש ביסל נעמען פון רוסלענדישע פאָרשער. גאָלענישטשעוו, ווידער, וועלכער איז אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט געוואָרן אַ פּראָפעסאָר פונעם קאַירער אוניווערסיטעט, האָט באזונדערס פיל אופגעטאָן אין פּראט פון אָרגאניזירן אַן עכט וויסנשאפטלעכע אויספאָרשונג פון דער אוראלטער קולטור, וואָס האָט מיט פיל יאָרהונדערטן צוריק געבליט אַף די ברעגן פונעם נילוס.

...סאנטימעטער נאָך סאנטימעטער זײַנען די פאָרשער ארײַנגעדרונגען אינעם קווורע־זאל, און סאָפקאָלסאָף האָבן זיי דערזען אַן אָרן, וואָס קיין מענטשלעכע האנט האָט זיך צו אים אין די נײַע צײַטן ניט צוגערירט. דער אָרן איז אויסגעהאקט פון אַ פארגאנצטער געלער קווארציט־הרודע. אַף אים איז אָנגעשריבן: „אָ, מוטער נײַט! פארשפרייט איבער מיר דײַנע פליגל, זיי זאָלן מיך באשירעמען, ווי די אייביקע שטערן...”

אופגעהויבן די גראניט־פּליטע, וואָס האָט פארדעקט דעם אָרן, האָבן די ארכעאָלאָגן געפונען טוטאנכאמאָנס גאָלדענעם סקולפּטור־פּאָרטרעט, — די אויגן פון ארראגאָניט און אָבסידיאן, די ברעמען און אויגן־לעפלעך — פון לאזוריט.

די אנטדעקער זײַנען געוועזן ביז גאָר איבערראשט. די זאכן, וועלכע זיי האָבן דערזען פאר זיך, זײַנען געווען אין אזא צושטאנד, פּונקט ווי ערשט ניט לאנג צוריק האָט מען דעם יונגן פּארע באגלייט אין פּאָליא איאלו — אין מיצרישן גאניידן. עס איז נאָך געבליבן גאנץ אפילע די קרוין פון פארוועלקטע קאָרנבלימעלעך, וועלכע עס האָט אהער ארײַנגעלייגט פערזענלעך אנכעסענאמאָן, טוטאנכאמאָנס ווײַב, די טאָכטער פון דער בארימטער נעפערטיטי און פונעם ערשטן אין דער געשיכטע מאָנאָטעאיסט עכנאטאָן.

וואָס ווייסט מען וועגן טוטאנטכאמאָנען? וועגן אים איז באוווּסט, אַז דעם פּארע־טראָן האָט ער באקומען „אדאנק אַ געלונגענער כאסענע”. דער פּראָפעסאָר דעאָרי, וועלכער האָט געפּאלמעסט טוטאנכאמאָנס מומיע, האלט, אַז ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון אכצן יאָר.

ס'איז גאנץ מעגלעך, אַז אייניקע פון די כפייצים, וואָס מע האָט געפונען אינעם אָרן און וועלכע מע קאָן איצט, נאָך דער עפענונג פון דער אויסשטעלונג, זען אין מאָסקווע, זײַנען געווען אין רעשוס פון טוטאנכאמאָנען נאָך בא זײַן לעבן. עס גייט אַ רייד וועגן די סימבאָלן פון דער צארישער מאכט, וועגן דעם שטעקן, דעם קנוט, די שרײַב־מאכשירים (אַף זיי זײַנען נאָך פארבליבן רעשטן פון פארבן), וועגן דעם הילצערנעם שלאכט־בויגן, דעם בומעראנג פון העלפאנד־ביין און גאָלד. טוטאנכאמאָן האָט אויך פארמאָגט אַ שפּילברעט פון שווארצן האָלץ און אַ בעכער פון אלעבאסטער, אַף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן זײַן טראָן־נאָמען, און נאָך אנדערע זאכן — לעמאָשל, די אמולעטן, וואָס איינער פון זיי איז אַן אמערסטן ווערטפולער פאר די היסטאָריקער — דער אײַזערנער...

אַף דער אויסשטעלונג זעען מיר אויך די כפייצים, וועלכע זײַנען פארבונדן מיטן קווורע־ריטואל: סטאטועס און סטאטועטקעס, יוּוועליר־באפוצונגען, וואָס באלאנגען צו איינעם פון די אינטערעסאנטסטע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער אלט־מיצרישער קולטור און קונסט. אין יענער צײַט האָבן פאכמענער שוין מײַסטערהאפט באארבעט פארשיידענע ווערטפולע שטיינער און מעטאלן, דרייסט צונויפגעפּאָרט זיי מיט פארשיידענע מינים האָלץ, אינקרוסטירט מיט האלב־דורכזיכטיקן אלעבאסטער. זיי האָבן

געוווּסט די טעכניק פון נוצן עמאַל, געקענט שמידן, גראַווירן. אויך היינט, אין דריי טויזנט יאָר אַרום, רופן די כפּייצים אַרויס אַנציקונג און איבעראַשונג.

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער קאַירער צײַטונג „ראָז על־יוסף", וועלכער איז געקומען קיין מאָסקווע אָף דער אויסשטעלונג, דערציילט, אַז דער גלערנ־טער סעקרעטאַר פונעם מוזיי אָף פּושקינס נאָמען לעאָנאָוויטש האָט אין אַ שמועס מיט אים אונטער־געשטראָכן די באַדײַטונג פון דער אויסשטעלונג אינעם דערלערנען די קונסט פון מיצראַים. דער מוזיי פאַרמאָגט אַ קאָלעקציע מיצרישע אַלטערטימ־לעכקייטן, וועלכע עס פאַרשן אויס אַנגעזעענע סאָ־וועטישע וויסנשאַפטלער. דער קאָרעספּאָנדענט האָט געפרעגט בא לעאָנאָוויטשן וועגן דעם גאַנג פון די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין קערטש און צי עס איז עמעס, אַז מע האָט דאָרט געפונען כפּייצים, וואָס באַלאַנגען צו דער אַלט־מיצרישער ציוויליזאַ־ציע. דער געלערנטער האָט געענטפערט, אַז מע האָט טאַקע געפונען אַזעלכע כפּייצים, און דאָס איז פאַר־שטענדלעך, ווײַל ווי די אַרכעאָלאָגן זאָלן ניט זוכן, מעג דאָס זײַן אין אַזיע אָדער אין אייראָפּע, געפי־נען זיי אָפּט שפּורן פון דער אַלט־מיצרישער ציווי־ליזאַציע אָדער פון איר ווירקונגען.

פאַר זײַן אָפּפאָרן קיין מאָסקווע אָף דער אויס־שטעלונג האָט דער קאָרעספּאָנדענט פון „ראָז על־יוסף" זיך באַגעגנט מיטן דאָקטאָר זאַקי איסקאַנ־דער, איינעם פון די באַדײַטנדיקסטע ספּעציאַליסטן אין געביט פון דער געשיכטע פון אַלט־מיצראַים, אויך מיט באַכור לאַביבאַ, וועלכער שטודירט ספּע־ציעל דעם פּעריאָד, וואָס האָט אַ שײַכעס צו טו־טאַנכאַמאָנען. פון די שמועסן מיט די געלערנטע איז ער געקומען צום אויספיר, אַז דער יונגער פּאַרע טוטאַנכאַמאָן איז געווען אַ קאָרבן פון אַ פאַרשווע־רונג, וועלכע עס האָט צוגעגרייט דער שעף פון דער הויף־גוואַרדיע כוֹרמאַכען. אָפן קאָפּ פון דער מומיע האָט מען געפונען שפּורן פון אַ קלאַפּ, וואָס איז, ווײַזט אויס, געווען די סיבע פון טוטאַנכאַמאָנס טויט.

טואַטנכאַמאָן איז אַרויף אָפן טראָן אין עלטער פון 9 יאָר אונטערן נאָמען טוטאַנכאַטאָן (אַטאָן באַטײַט דער דיסק פון דער זון) און האָט רעגירט אַרום 9 יאָר (אָנהייבנדיק פון 1350 פאַר אונדזער צײַטרע־כענונג). זײַן אָרן איז דער איינציקער פון דעם מין, וואָס איז דערגאַנגען צו אונדז ניט אָנגערירט דורך דער האַנט פון אַ רויבער.

אין 1920 האָבן די געלערנטע געהאַלטן, אַז אַלע אָרנס פון די פּאַרעס זײַנען שוין אַנטדעקט. אָבער אין 1922, ווען קאַרטער האָט געפירט די אויסגראַ־בונגען באַם וועג, וואָס פירט צום קייסאַרים־טאָל — דעמלט דאָס איינציקע ניט אויסגעפּאַרשטע אָרט, — האָבן זיי אומגעריכט אַנטדעקט רעשטן פון געמויער־טע געבײַדעס. דאָס זײַנען, אַפּאָנעם, געווען וווינונ־גען פון די קנעכט, וועלכע האָבן געבויט דעם קיי־ווער פון ראַמזיי VI. שפּעטער האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז ניט ווײַט פון דאָרטן איז געלעגן טוטאַנ־כאַמאָנס אָרן. ווען די געלערנטע האָבן געגומען גראָבן טיפער, האָבן זיי דערזען פאַר זיך אַן אַרײַנ־גאַנג אין אַ גאַלעריי, וועלכער פירט צו אַ לייטער פון 16 טרעפּ אין אַ פעלדז. דער לייטער, ווידער, האָט געפירט צו אַן אַרײַנגאַנג, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט שטיינער, און אָף זיי זײַנען געלעגן פּליטעס מיט טוטאַנכאַמאָנס שטעמפּלען.

באַם אַרײַנגאַנג האָט זיך געפונען אַ לאָקאַל, וועלכן מע האָט שפּעטער אַ נאָמען געגעבן „זאַל פאַר אופּנאַמען". אין אָט דעם זאַל איז געווען אַן אַרײַנגאַנג אין דרײַ קאַמערן, וועלכע זײַנען פון אַלע זײַטן געווען פאַרשטעלט מיט טוטאַנכאַמאָנס אויצ־רעס. אין דער לעצטער קאַמער זײַנען געשטאַנען דרײַ אָרנס, אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ מענטשלעכן קערפּער. דער ערשטער און דער צווייי־טער אָרן זײַנען געווען געמאַכט פון האָלץ, באַמאָלט מיט גאָלד און באַפּוצט מיט גלעזערנע אינקרוסטאַ־

אַ הילצערנע באַגילדעטע סטאַטועטקע. דער קיניג שטייט אָף אַ פּאַנטערע

ציעס. דער דריטער, אָדער אינערלעכער, אָרן איז געווען אויסגעגאָסן פון רײַנעם גאָלד און האָט גע־וווּיגן 243 ראַטלס (109 קילאָ און 232 גראַם). אין דעם דאָזיקן אָרן איז געלעגן די מומיע פונעם יונגן פּאַרע מיט אַ קרוין אָפן קאָפּ. אָף דער מומיע האָט מען געפונען אַמולעטן און טײַערע צירונג, דאָס פּאָ־נעם איז געווען באַדעקט מיט אַ מאַסקע פון ריי־נעם גאָלד, דער קערפּער — מיט צירונג און בילדער פון אָסיריסן.

אָט די אַלע כפּייצים האָט מען אַריבערגעפירט קיין קאַיר און איבערגעגעבן דעם נאַציאָנאַלן מוזיי. די מומיע, דער גאָלדענער אָרן און די גאָלדענע מאַסקע געפינען זיך ביז איצט אין פּאַרעס אָרן.

מ. איטקאָוויטש

פיאָדאָר שאַליאַפּין און דער שנײַדער גלוזמאַן

די דאָזיקע פּראַכטפולע נאָוועלע וועגן פיאָדאָר איוואַנאָוויטשן איז מיר אויסגעקומען צו הערן, זײַענדיק אין פּאַריז, פון זײַנע נאָענטע פרײַנט.

...פונוואַנען שטאַמט שאַליאַפּין? ווײַזט זיך אַרויס, פון שוסטער. האָט זיך געטראָפן אַמאָל, אַז שאַליאַ־פּין איז געקומען קיין קאַזאַן. אין זיקאָרן — אַן אַלטע פאָרשטאָט, און דאָרט אַ שוסטער, וועלכער, זײַענ־דיק אונטער דער קויסע, פלעגט אים, דעם דאָרינקן פעדקע, געבן קלעפּ מיט זײַן הילצערנעם קלעצל.

אַנטקעגן דעם שוסטערס הײַזקע, אויף יענער זײַט גאַס, איז געשטאַנען נאָך אַזאַ הײַזקע, און דאָרט האָט געוווינט דער שנײַדער גלוזמאַן. פלעגט אָפט טרעפן, אַז, ווי נאָר ער דערהערט דעם ייִנגעלעס געשרייען, וואַרפט ער די אַרבעט און לויפט ראַ־טעווען זײַן קליינינקן פרײַנט.

— וואָס טוסטו, איוואַן, ווי שעמסטו זיך ניט! — און דער אַלטער שנײַדער רײַסט אַרויס פון דעם שוסטערס האַנט דאָס קלעצל און פירט אַוועק דאָס ייִנגעלע צו זיך. דאָרט טרייסט ער אים און גיט אים עסן, וואָס נאָר גאָט האָט געשענקט. און דעם שנײַ־דערס ווײַב, עסטער, באַקט יעדן פרײַטיק אַ פלאָדן, פאַרופט צו זיך דעם קליינעם פעדקען און טראָגט אים אונטער אַ היפּשן, נאָך וואַרעמען שטיק פלאָדן.

בילדער פון דער בייזער קינדהײַט שווימען אויף פאַר שאַליאַפּינס אויגן, ווי נאָר ער באַטרעט די ניט־געפלאַסטערטע, צעשוואָנקטע געסלעך פון דער קאַ־זאַנער פאָרשטאָט.

די אײַנגעהויקערטע הײַזקע איז געשטאַנען אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ עס האָט אַמאָל זיך געלערנט שוסטערײַ שאַליאַפּין. אײַנגעבויגן, קעדיי ניט אָנ־שטויסן זיך אָן דעם נידעריקן קאָסיאַק, טרעט „פעד־קע“ אַריבער די שוועל. דאָס האַרץ קלאַפּט מיט שרעק און בענקשאַפט, ווי דאָס וואָלט געווען ניט ער, דער באַוווּסטער אַרטיסט, נאָר נאָך אַלץ דאָס שוסטעריש לערניי־ינגל, אויף וועלכן ס׳וועלן באַלד זיך אַ שיט טאָן קלעפּ. אָבער אָנשטאָט דעם שוסטער, זײַן אַמאָליקן באַלעבאָס, זיצט באַם טיש דער שנײַ־דער גלוזמאַן. אויף דער נאָז — די גרויסע ברילן, אַ לאַנגע גראָווע באָרד, אין האַנט — אַ קרײַדל אויף צייכענען דעם אויסשניט פונעם געוואַנט.

— אַ גוטמאָרגן, מײַן הער! וואָס פאַרלאַנגט איר? עפּשער אַ קאָסטיום? און עפּשער עפּעס דרינגענד פאַרריכטן? איך קען אויך אַ סמאָקינג אופנייען...

פיאָדאָר איוואַנאָוויטשעס געזיכט שײַנט פאַר פרייד.

— ווו זשע איז דער שוסטער?

— ע, שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ.

— און דאָס ייִנגעלע געדענקט איר? געווען באַ אים אַזאַ...

— פעדקען? ווי קאָן איך פאַרגעסן אַזאַ יאַטל... אַ גוט ייִנגעלע געווען, נאָר זייער אַ דאָרינקער, אַן אויסגעדײַוועטער...

— וווּהין איז ער אַהינגעקומען? איר ווייסט ניט?

— כ׳ווייס?.. מענטשן באַלבען, אַז דער דאָזיקער פעדקע איז געוואָרן אַ זינגער. שאַליאַפּין... קלויז־מערשט, באַ פעדקען האָט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ קאָל־נעגינע, אַזאַ קאָל־נעגינע... איך פרעג אײַך, פונוואַ־נען האָט זיך עס גענומען, ער איז דאָך געווען אַזאַ דאָרינק ייִנגעלע.

— נו, איז וואָס וועט זײַן, אויב איך וועל אײַך זאָגן, אַז פעדקע — דאָס איז טאַקע איך אַליין?

— אוי, אוי, וואָס רעדט איר, מײַן הער, לאַנג לעבן זאָלט איר! פעדקע איז געווען אַזאַ דאָרינקער, און איר זײַט אַזאַ...

— און אײַך האָב איך טאַקע גלײַך דערקענט... איר זײַט דער שנײַדער גלוזמאַן. איר פלעגט שטענ־דיק מיך באַשיצן הינטער אײַער פּלייצע, און אײַער ווײַב עסטער פלעגט אַלע פרײַטיק מיר אונטערטראָגן אַ הייסן שטיק פלאָדן, אַזאַ געשמאַקן האָב איך שוין מער קיינמאָל ניט געגעסן...

— אוי, איך שווער באַ גאָט, איר זײַט טאַקע פעדקע. אוי, אַנטשולדיקט, הער שאַליאַפּין. עסטער, עסטער, קום נאָר אַהער. זע, ווער עס איז געקומען. אוי, איר זײַט טאַקע יאָ פיאָדאָר איוואַנאָוויטש...

געוויינט און ניט געפונען זיך קיין אָרט האָט די אַלטע עסטער. אויפן טיש האָט געזאָדן דער סאַמאָוואַר, און געגאָסן האָבן זיך אָן אַ ברעג און אָן אַ סאַך זיכרוינעס וועגן דעם אַמאָליקן לעבן אין דער פאָר־שטאָט־גאַס, ווו די אײַנגעהויקערטע הײַזקעס זײַנען אַרײַנגעוואַקסן אין דער ערד.

— איך וויל פאַר אײַער גוטסקײַט צו מיר עפּעס טאָן פאַר אײַך, — האָט געזאָגט פיאָדאָר איוואַנאָ־וויטש, — אָט זע איך, לעמאָשל, אַז באַ אײַך רינט פון דער סטעליע. דערלויבט מיר צו באַצאָלן די דאַך־דעקער, די טעסלער, זיי וועלן אײַך אויסבויען אַ גוטע שטוב.

— ע, ניין, פיאָדאָר איוואַנאָוויטש. מישטיינסגע־זאָגט, וויפל איז מיר שוין געבליבן צו לעבן, איך וועל שוין ווי־ניט־איז אויסלעבן מײַן וועלטל מיט מײַן עסטערקען. באַ מײַן פּלעמעניק בעט זיך די שטוב ראַכמים, מע זאָל זי רעמאָנטירן, אָט אים...

אויף דרײַ איבעריקע טעג איז שאַליאַפּין פאַרבליבן אין קאַזאַן, פערזענלעך אַכטונג געגעבן, ווי עס גייט דער רעמאָנט פון דער שטוב באַ דעם אַלטן שנײַ־דערס פּלעמעניק. ער האָט געהייסן אַפילע מאַכן נײַע לאָדנס.

— יאָ, נאָר איך וויל עפּעס טאָן אויך פאַר אײַך. הער גלוזמאַן, אַזוי אַוועקפאָרן קאָן איך ניט...

— אוי, מיר ווילט זיך זייער פאָטאָגראַפירן זיך מיט אײַך...

פיאָדאָר איוואַנאָוויטש האָט אויסגעפילט די באַ־קאָשע פון זײַן אַלטן גוטנפרײַנט. איין פאָטאָגראַפיע האָט ער איבערגעלאָזט דעם שנײַדער, די צווייטע — גענומען מיט זיך און אַ סאַך יאָרן געהאַלטן זי אונטערן שלאָס צווישן אַנדערע, פאַר אים זייער טײַערע סוווענירן...

יעווגעני כאָכלאָוו („ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ“)

איבערגעזעצט י. הוטנער

איוואן קוליק וועגן יויסעף באָוושאָווערן

יויסעף באָוושאָווער איז א לאַנגע צײַט געווען פארגעסן. און עס איז ניט קיין כידעש, וואָס די יידישע קליינבירגערלעכע שאָוויניסטישע ליטעראַטור־קריטיק האָט פארשוויגן דעם דאָזיקן פיאָנער פון דער יידישער פראָלעטארישער דיכטונג..."

מיט אָט די שורעס הייבט זיך אָן אן ארטיקל, וואָס איז פארעפנטלעכט געוואָרן העכער פערציק יאָר צוריק אין דער קאַמענעץ־פאָדאָלסקער אוקראַיִנישער צײַטונג „טשערוואָני קאָרדאָן". אָנגעשריבן האָט עס דער באוווּסטער אוקראַיִנישער דיכטער איוואן קוליק. אין יענעם יאָר האָט מען אָפּגעמערקט יויסעף באָוושאָווערס 15־טן יאָרצײַט, און דער גורל פונעם

יונג־אומגעקומענעם יידישן פאָעט האָט ניט געקאָנט לאָזן גלײַכגילטיק דעם אוקראַיִנישן שרײַבער, וועלכער איז, אגעוו, אין יענער צײַט געווען אויך דער סעקרעטאר פונעם קאַמענעץ־פאָדאָלסקער ראַיקאָם פון דער קאָמוניסטישער פארטיי.

אין 1915, ווען באָוושאָווער, פון אלעמען אין אמעריקע א פארגעסענער און פארשוויגענער, איז געשטאָרבן אין א שפיטאָל פאר גײַסטיק קראנקע, האָט איוואן קוליק, נאָך גאָר א יונגער זשורנאליסט און דיכטער, געלעבט אלס פאָליטעמיגראנט אין ניו־יאָרק. און גאנץ מעגלעך, אז צו אים איז דערגאנגען די יעדיִע וועגן באָוושאָווערס טויט, אָף וויפל קוליק האָט זיך דעמלט ברייט אינטערעסירט מיט דער נאָך יונגער פראָלעטארישער און פראָגרעסיווער ליטעראַטור אָף פארשיידענע שפראַכן. (עס איז ניט איבעריק צו דערמאָנען, אז אין 1916 האָט ער זיך אין דער רוסישער סאָציאליסטישער צײַטונג „נאָווי מיר", וועלכע איז ארויסגעגאנגען אין ניו־יאָרק, אָפּגערופן אָפן גרויסן פארלוסט, וואָס עס האָט געטראָפן די יידישע ליטעראַטור אין צוזאַמענהאַנג מיטן טויט פון י.־ל. פערעצן, שאָלעם־אלייכעמען, פרוגן).

אין יענער צײַט האָט איוואן קוליק, כאָטש ער האָט געקענט יידיש, ניט געהאט די מעגלעכקײַט זיך צו באקענען גענוי מיט יויסעף באָוושאָווערס שאפונג. אָבער אין פופצן יאָר ארום (1930) האָט דער טאלאנטפולער יידישער פראָלעטארישער דיכטער אופגעבליצט פאר אים מיט דער גאנצער קינסטלערישער קראפט. אינעם דערמאָנטן ארטיקל, וועלכן ער רופט אָן „א פארגעסענער פיאָנער", קלערט קוליק אוף, פארוואָס די בורזשואזע קריטיק האָט זיך געסטארעט אויסמעקן באָוושאָווערס נאָמען פון דער ליטעראַטור:

„מיט וואָס פאר א ליטעראַטור האָט מען געהאָדעוועט די ארבעטער און די שטעטלדיקע אָרעמשאפט? דאָס איז געווען אָדער א שאָוויניסטישע פלאָפלערײַ וועגן פאלעסטינע, וווהין עס דארף זיך אומקערן דאָס „אויסדערוויילטע פון גאָט פאָלק", אָדער א געיאָמער איבערן גאָלעס און א רוף צו אכדעס פון דער גאנצער יידישער נאציע, ניט אָפּהענגיק פון קלאסן־אָנגעהעריקײַט".

דאָס איז געטאָן געוואָרן, שרײַבט דער אווטאָר, מיט דער קאוואָנע צו אָפּסאַמען דעם באוווסטזײַן פון די ארבעטער־מאַסן, קעדיי דער יידישער בורזשואזיע זאָל גרינגער זײַן זיי צו עקספּלואטירן. און גאָר אנדערש האָט געקלונגען באָוושאָווערס דיכטונג. זי איז „דורכגעזאַפּט מיטן רוף צום קאַמף קעגן אָט דער אונטערדריקונג, צום צעשמעטערן דעם קאפיטאליסטישן יאָך".

קוליק באווײַזט די אינטערנאציאָנאלע צילגעווענדטקײַט פון באָוושאָווערס שאפונג, שטרײַכט אונטער דעם מערקווירדיקן פאקט, וואָס דער יידישער פראָלעטארישער דיכטער האָט געזוכט א פארבינדונג אויך מיט די ענגלישע ארבעטנדיקע, איבערזעצנדיק די אייגענע ווערק אָף דער ענגלישער שפראַך. ער דערציילט וועגן דעם שעפערישן וועג פונעם יונג־פארשטאָרבענעם יידישן דיכטער, אנאליזירט זײַנע וויכטיקסטע ווערק און קומט צו אזא אויספיר: „די יידישע פראָלעטארישע ליטעראַטור האָט ניט פארגעסן איר פארגייער, זי מערקט אָפּ זײַן יאָרצײַט און דערציט אָף זײַנע ווערק די ארבעטער־מאַסן".

אין זעלבן נומער פון דער צײַטונג „טשערוואָני קאָרדאָן" (30 דעקאַבער 1930) איז פארעפנטלעכט קוליקס איבערזעצונג אָף אוקראַיִניש פון יויסעף באָוושאָווערס באוווסטער ליד „צום שקלאָף". די איבערזעצונג איז געמאכט גלענצנד, מיט גרויס אָפּשײַ צום אָריגינאל. דער אוקראַיִנישער לייענער האָט באקומען א מעגלעכקײַט זיך צו באקאנען מיט איינעם פון די בעסטע מוסטערן פון דער פאראָקטיאבערישער יידישער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג.

דאָס ארטיקל „א פארגעסענער פיאָנער" און די איבערזעצונג פון באָוושאָווערס „צום שקלאָף" זײַנען אײַנגעשלאָסן אין דער צווייבענדיקער אויסגאבע פון איוואן קוליקס געקליבענע ווערק, וועלכע גרייטן זיך צום דרוק אינעם קיִעווער פארלאג „דניפראָ".

כ. ביידער

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

ניט פאַרקריפּלען די פּרינציפּיִעלע שטעלונג פון סאָוועטנפאַרבאַנד

איינע פון די גרויסע פעלשונגען פון דער פײַנטלעכער צום סאָוועטנפאַרבאַנד פּראָפּאַגאַנדע איז דער פּרוּוו צו פאָרשטעלן די פּרינציפּיִעלע סאָוועטישע פּאָזיציע בענעגייע דעם קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך אַלס אַן „אַנטי־ייִסראָעלדיקע". אין דער ציִעניסטישער פּרעסע ווערט אָט די באַהויפּטונג איבערגעכאַזערט אַזוי אָפט און מיט אַזאַ קאַטעגאָרישקײַט, אַז באַ נאַיִווע מענטשן שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, פּונקט ווי עס וואָלטן זיך קלאָל ניט געפאָדערט קיין פאַקטן אָף זי צו באַשטעטיקן. אינדערעמעסן אָבער איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ מער אומגעלומפּערטע באַשולדיקונג, ווי די דאָזיקע.

ס'איז גענוג זיך ווענדן צו דער רעדע פון לעאָניד איליטש ברעזשנעוו אפן וועלט־קאָנגרעס פון די פרײַהײַטסליבנדיקע קרעפטן, וועלכע איז אין דעם פּראַט באַזונדערס באַלערעוודיק — ניט בלויז אַדאַנק דעם אַנטשיידנדיקן אווטאָריטעט פונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד, נאָר אויך דערפאַר, ווײַל די ווערטער, וועלכע מיר וועלן באַלד ציטירן, זײַנען געזאָגט געוואָרן דעם 26 אָקטיאַבער פאָריקס יאָר, ווען די שלאַכטפעלדער פון דער פערטער ייִסראָעל־אַראַבישער מילכאָמע האָבן זיך נאָך גערייכערט פון די פרישע אופרײַסן. „די פאַרינטערעסירטע צדאָדים, — האָט געמאָלדן ל. אי. ברעזשנעוו, — דאַרפן טייקעף אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען אונטער אַן אַנטשפּרעכיקער עגידע מיטן ציל צו אײַנשטעלן אַ יוישערדיקן און פעסטן שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך. עס איז אומעגלעך איבערצושאַצן די באַדײַטונג פון אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען. אָף זייער אַנטיילנעמער פאַלט אַ היסטאָרישע אַכרײַעס. וועגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד קאָן איך זאָגן, אַז ער איז גרייט אַרײַנצוטראָגן און וועט אַרײַנטראָגן זײַן קאָנסטרוקטיוון כיילעק אין דעם איניען. מיר שטייען פעסט דערפאַר, אַז פאַר אַלע, איך כאַזער איבער, פאַר אַלע מעלוכעס און פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך דאַרף זײַן געזיכערט שאָלעם, געפאַרלאָזיקייט און אומבאַרירלעכקייט פון די גרענעצן. דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז גרייט צו נעמען אַן אָנטייל אין די אַנטשפּרעכיקע גאַראַנטיעס"...

אַלזאָ, דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געמאָלדן — שוין צום וויפלטן מאָל! — אַז זײַן ווונטש איז: שאָלעם, געפאַרלאָזיקייט און אומבאַרירלעכקייט פון די גרענעצן פאַר אַלע מעלוכעס און פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך. עפשער זײַנען דאָס הוילע דעקלאַראַציעס, ניט קיין אונטערגעפעסטיקטע מיט קאָנקרעטע מײַסים? דאָס לעבן באַווײַזט אָבער, אַז אין אַ קורצער צײַט אַרום נאָך דער רעדע פון ל. אי. ברעזשנעוו האָט דער סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַענדיק איינער פון די אײַנאָרדענער פון דער זשענעווער פרידלעכער קאָנפערענץ, געהאַנדלט אָן וואַקלונגען אין אָט דער ריכטונג. ס'איז ניט שווער זיך איבערצײַגן, אַז דאָס, וואָס דער סאָוועטישער מיניסטער פון אויסערן־איניאָנים א. א. גראָמיקאָ האָט געמאָלדן באַ דער עפענונג פון דער קאָנפערענץ, איז אין פולן איינקלאַנג מיט דער פּרינציפּיִעלער שטעלונג פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אָט וואָס עס האָט געזאָגט א. א. גראָמיקאָ: „ס'איז נייטיק צו זיכערן דאָס אָנערקענען און אָפּהיטן דעם סוווערעניטעט, די טעריטאָריעלע גאַנצקײַט און פּאָליטישע אומאָפּהענגיקײַט פון אַלע לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך, זייער רעכט צו לעבן אין דער וועלט. דאָס געהער זיך אָן צו ייִסראָעל. אונדזער פּאָזיציע איז קלאָר און קאָנסעקווענט פון אָנהייב ביזן סאָף — פרידן און זיכערקײַט פאַר אַלע פעלקער פון דעם דאָזיקן ראַיאָן. דאָס האָט אין זינען, נאַטירלעך, אַז עס וועט געזיכערט ווערן די גערעכטיקײַט בענעגייע דעם אַראַבישן פאָלק פון ייִסראָעל".

ס'איז קיין סאָפעק ניט, אַז גראָד די לעצטע פראַזע אין אָט דער מעלדונג פונעם סאָוועטישן אויסערן־מיניסטער איז, ווי מע זאָגט, „די רויטע פאַטשיילע פאַרן אַנטיסאָוועטישן בופלאַקס". די ציִעניסטישע שפּאַרבערס אין ייִסראָעל און אין אַנדערע לענדער קוקן אָף די ווײַטערדיקע אויסזיכטן אין נאָענטן מיזרעך איינזײַטיק, עגאָיִסטיש. זיי נעמען ניט אָן די פאָרמול, וועלכע דרינגט אַרויס פון די אינטערעסן פון אַלע מעלוכעס און פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך. און קעדיי צו פאַרמאַסקירן אַזאַ עגאָיִסטישע שטעלונג, הערן זיי ניט אויף צו שרײַען וועגן דעם, אַז עס איז אַוועקגעשטעלט אין קאָן די עצעם עקזיסטענץ פון מעדינאַס ייִסראָעל.

די דאָזיקע פראַגע האָט קלאָר און דײַטלעך באַהאַנדלט אין זײַן אַרויסטרעטונג באַ דער עפענונג פון דער זשענעווער קאָנפערענץ א. א. גראָמיקאָ. ס'איז געוווּנטשן, אַז יעדער איינער, ווער עס וויל וויסן דעם עמעס וועגן דער פּאָזיציע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד בענעגייע צו ייִסראָעל, זאָל גוט אַ טראַכט טאָן וועגן די פאָלגנדיקע ווערטער פונעם סאָוועטישן אויסערן־מיניסטער:

„שיר ניט אַלס הויפּט־אַרגומענט לעטויוועס דער אָקופּאַציע פון פרעמדע טעריטאָריעס ווערט אַרויסגערוקט דער טעזיס וועגן דער מיקלוימערשטער דערווייִדערונג קעגן ייִסראָעלס רעכט אָף עקזיסטענץ. אָט דער אַרגומענט האַלט ניט אויס קיין שום קריטיק. ייִסראָעלס רעכט אָף עקזיסטענץ איז אָנערקענט געוואָרן גופע מיטן פאַקט פון שאַפן די מעלוכע לויטן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס. דאָס דאָזיקע רעכט האָט באַקומען אַ באַשטעטיקונג מיטן אײַנשטעלן זײַנערצײַט מיצאַד פיל לענדער, אַרײַנגערעכנט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט ייִסראָעל"...

וואָס עמעס, איז עמעס: ניט ווייניק געזעלשאַפטלעכע טוער, פּובליציסטן, זשורנאַליסטן אין ייִסראָעל זײַנען גרייט אָנערקענען, אַז דאָס אַלץ איז טאַקע אַזוי. ס'איז באַוווּסט, לעמאָשל, אַז דער פאַרשטאָרבענער מיט אַ קורצער צײַט צוריק ערשטער פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל דאָוויד בען־גוריאָן האָט אין מינוטן פון פּאָליטישער אויסלײַטערונג גערעדט וועגן דער ראָליע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אין דער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון מעדינאַס ייִסראָעל. אין דער זעלבער צײַט אָבער האַלטן זיך די רעגירנדיקע קרײַזן באַ דער מיינונג, אַז די אָקופּאַציע פון פרעמדע טעריטאָריעס איז אַ גאַראַנטיע פאַר דער ווײַטערדיקער עקזיסטענץ פון ייִסראָעל. דעריבער איז נייטיק, קעדיי צו פאַרשטיין די סאָוועטישע שטעלונג אין דער פולער מאָס, ניט דורכלאָזן פאָלגנדע באַהויפּטונג פון א. א. גראָמיקאָ, ווען ער האָט גערעדט וועגן דער נאַטירלעכער רעכט פון ייִסראָעל אָף עקזיסטענץ: „אָבער די דאָזיקע רעכט קאָן ניט זײַן קיין איינזײַטיקע. זי קאָן ניט געדאַכט זײַן אָן אָפּהיטן די סווועראַנע רעכט פון אַנדערע מעלוכעס און פעלקער. מע טאָר ניט אויסנוצן די אייגענע רעכט אָף עקזיסטענץ צו שאַטן די אינטערעסן פון אַנדערע. בלויז פאַרפליכטונגען, וועלכע האָבן אַ קעגנזײַטיקן און גלײַכבאַרעכטיקטן כאַראַקטער, באַ דער גרייטקײַט שטרענג זיי אויס־

צופילן, קאָנען זיכערן די נאָרמאַלע אנטוויקלונג פון די צווישנמעלוכישע באַציִונגען אפן נאָענטן מיזרעך".

האגאם ס'איז שוין אוועק א צײַט, זינט די דאָזיקע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן, כאַזערן מיר זיי איצט איבער, ווײַל ס'איז קיין צווייפל ניט, אז זיי זײַנען סטאַביל־גילטיק פאר דער זאך פונעם שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך. איינער פון די נאָבלסטע פאַרדינסטן פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק איז דאָס, וואָס אין איר יעסאָד איז פארלייגט דער פּרינציפּ: מע טאָר ניט אויסנוצן די אייגענע רעכט אף עקזיסטענץ צו שאָדן די אינטערעסן פון אנדערע.

אין דעם, און ניט אין עפּעס אנדערס, דאַרף מען זען דעם טאָך פון דער באַציִונג פונעם סאָוועטנפאַרבאנד צו ייִסראָעל.

נאָכאמאָל וועגן דער „בריק צווישן ברעגן"

ווען נאָך א דויערנדיקן און אומזיניקן פּעריאָד פון פײַנטלעכקײַט און מילכאָמעס זײַנען מעגלעך געוואָרן די פרידלעכע אונטערהאנדלונגען צווישן ייִסראָעל און די אראבישע לענדער, האָבן ברייטע ליטעראַרישע קרײַזן אין דער מעדינע און אויסער אירע גרענעצן מיט רעכט געצויגן פון דעם א קאָנסעקווענץ בעשײַכעס דער ייִדיש־אראבישער קולטורצוזאמענארבעט, נעמענדיק אין אכט, אז די ייִסראָעלדיקע געזעלשאפט שליסט אײַן אין זיך צוויי נאַציִאָנאַלע סוויוועס — א ייִדישע און אן אראבישע — און די מעדינע אלס אזעלכע געפינט זיך אין דער געאָגראַפישער ספערע פון אראבישע לענדער.

דער ערשטער באַווײַז, אז אין דער שאָוויניסטישגרויסהאלטערישער ליטעראַרישער סוויווע פון טעלאוויוו האָט זיך דורכגעריסן א שטראַל פון רעאַליסטישן פארשטאנד, איז געווען די ווענדונג, וועלכע דער העברעיִשער שרײַבער־פאַרבאנד האָט אין די טעג פון דער „יאָמקיפּער־מילכאָמע" אָפּגעשיקט צו די פּעןקאָלעגן אין די אראבישע לענדער. האגאם די דאָזיקע ווענדונג איז געווען גיכער א פאָרמעלע, און זי האָט געהאט אין איר הינטערגרונט רעצידיוון פון אָפּגעפרעמדטקײַט און אפילע פון פײַנטלעכקײַט, איז זי דאָך אן איידעס פון נײַע ווייענישן.

עס איז אויך ניט דורכגעגאנגען אומבאמערקט דאָס דערשײַנען אין דער מעדינע פון דער געמיינזאמער איווריט־אראבישער לידער־זאמלונג „די בריק צווישן ברעגן", וועלכע איז אן אויסדרוק פון דער אנטשלאָסנקײַט פון די וואָרט־מײַסטערס צו בויען די פרײַנטשאפט־בריק, אויב ס'וועט נייטיק זײַן — איבערן קאָפּ פון דער קאָנסערוואַטיווער אָנפירונג פונעם העברעיִשן שרײַבער־פאַרבאנד.

לעצטנס איז פון ייִסראָעל דערהאלטן געוואָרן נאָך איין אָפּפרישנדיקע נײַס. דער באַוווּסטער איווריטראָמאַניסט אמאָס אָז איז ארויסגעטראָטן מיט א פאָרשלאָג וועגן צונויפרופן א קאָנפערענץ פון שרײַבער און קולטור־טוער פון ייִסראָעל און פון די אראבישע לענדער, וועלכע זאָל ארבעטן פאראלעל מיט דער זשענעווער פרידלעכער קאָנפערענץ, באהאנדלענדיק אף געזעלשאפטלעכע און פּראָפעסיאָנעלע יעסוידעס די פראַגן וועגן קולטור־ און ליטעראַטור־קאָנטאַקטן.

דעם עמעס גערעדט, זײַנען מיר ניט זיכער, צי אין דער איצטיקער אומגעבונג איז שוין רעאַל אזא פּלאַן. ווי באַוווּסט, האָט זיך נאָך ביז הײַנט ניט אײַנגעגעבן צו דערשלאָגן זיך, אז דער העברעיִשער שרײַבער־פאַרבאנד זאָל, איינפאך, פון יוישער וועגן, אראָפּנעמען דעם ראַסיסטישן פאַרבאָט בענעגייע די אראבישע ליטעראַטן פון ייִסראָעל צו ווערן מיטגלידער פון אָט דעם פאַרבאנד. אָבער איינס איז קלאָר: אין אן אטמאָספער פון שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך וועלן די קאָנטאַקטן צווישן די העברעיִשע, ייִדישע און אראבישע שרײַבער באַקומען אלץ מער א רעאַלע און זעלבספארשטענדלעכע פאָרם.

אינטערעסאנט און פילצוזאָגנדיק זײַנען אייניקע פּראָטים פון אמאָס אָזס ארויסטרעטונג. לעמאָשל, לויט ווי עס דערציילט אָז, האָט ער איבערגעשיקט זײַן פאָרשלאָג נאַדזשים מאכפוזן, איינעם פון די באַדײַטנדיקסטע הײַנטצײַטיקע עגיפּטישע ראָמאַניסטן, און דער ענטפער איז געווען א פּאָזיטיווער. דאָס באַטײַט, אז צווישן די וואָרט־שעפער אין די אראבישע לענדער איז אויך שוין רײַף די אידיי וועגן אײַנשטעלן נוצלעכע ליטעראַריש־קולטורעלע קאָנטאַקטן.

אין דעם פראַט איז זייער וויכטיק, עס זאָל גענומען ווערן אין אכט די באַמערקונג, וועלכע עס האָט געמאכט צו דעם דאָזיקן איניען דער פּאַלעסטינער אראבישער שרײַבער שלאָמאָ טאנײַ אינעם ארטיקל, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע צו דער צײַטונג „יעדיאָט אכראָנאָט". „עס איז פאַראן א נויטווענדיקײַט, — האָט געשריבן שלאָמאָ טאנײַ, צו פארשטענדיקן זיך מיצאד די אראבישע און ייִסראָעלדיקע שרײַבער, אָבער אזא פארשטענדיקונג דאַרף זיך אָנהייבן פון דער מעדינע גופע. די איווריט־שרײַבער וואָלטן באַדאַרפט דורכפירן א דיאַלאָג מיט זייערע אראבישע קאָלעגן קוידעמקאָל אין ייִסראָעל. נאָך דעם, ווי דער ייִסראָעלדיקער שרײַבער־פאַרבאנד וועט אָננעמען די ייִסראָעלדיקע אראבישע שרײַבער אלס מיטגלידער פון פאַרבאנד און דורכפירן מיט זיי א שעפערישן דיאַלאָג, וועט ער קאָנען פאָרשלאָגן נאָך א ברייטערן דיאַלאָג מיט די שרײַבער אין די אראבישע לענדער. אזא ווענדונג אין די צווישנבאַציִונגען וואָלט פּאָזיטיוו אופגענומען געוואָרן מיצאד די אראבישע שרײַבער".

די דאָזיקע שטעלונג זעט אונדז אויס צו זײַן א יוישערדיקע.

500 יאָר ייִדישע בוך=דרוקערײַ

מיט 500 יאָר צוריק האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען די ערשטע ייִדישע ביכער, געדרוקטע אין איטאַליע. אין אָט די ערשטע געדרוקטע ספֿאָרים געפֿינען מיר א סאך לויבגעזאנגען דער בוך־דרוקערײַ, וועלכע ווערט אָנגערופֿן „מלאכת שמים" (הימלשע ארבעט), „מלאכה הקודש" (הייליקע ארבעט). ייִדישע געלערנטע פֿון יענער צײַט האָבן פֿאָרויסגעזען, אז מיט דער הילף פֿון בוך־דרוק וועט פֿארשפּרייט ווערן וויסן און בילדונג איבער דער וועלט.

אין XV יאָרהונדערט זײַנען אין איטאַליע געווען 69 דרוקערײַען, פֿון זיי אַן ערעך 25 ייִדישע. די מערהײַט ייִדישע דרוקערײַען פֿון יענער צײַט האָבן זיך געפֿונען אין קליינע שטעטלעך, ווו מע האָט לײַכטער זיך געקאָנט אויסבאהאלטן פֿון דער קאַטוילישער קירכע. אין מעשעך פֿונעם XV יאָרהונדערט זײַנען דערשינען אין א בוך־פֿאָרם העכער 100 העברעיִשע ווערק.

פֿון איטאַליע איז די ייִדישע בוך־דרוקערײַ פֿארשפּרייט געוואָרן אין א סאך אנדערע צענטערס פֿון אייראָפּע. עס האָבן זיך באוויזן ייִדישע דרוקערייען אין פּאריזש, באזעל (שווייץ), האנאָווער (דײַטשלאנד) און אין אנדערע שטעט.

א היפּשע ראָל האָט די בוך־דרוקערײַ געשפּילט אין דעם אופֿקום פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער בוך איז געוואָרן צוגענגלעך אין פּרײַז פֿאר אַלעמען. קעדיי צו קריגן וואָס מער לייענער, האָבן די דרוקער און פֿאקנטרעגער (מויכער־ספֿאָרימניקעס) אין דײַטשלאנד אָנגעהויבן ארויסגעבן ביכער אין דער שפּראך, וועלכע די מאסן פֿארשטייען. די פּאָפּולערע אין יענער צײַט מײַסע־ליטעראַטור איז געדרוקט געוואָרן אין דײַטש מיט העברעיִשע אויסיִעס, קימאַט אָן שפּראך־ענדערונגען. די דײַטשיש־ייִדישע מײַסע־ביכלעך האָבן געלייענט פֿאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן ניט געקענט העברעיִש, מאכמעס דאָס איז ניט געווען קיין גערעדטע שפּראך. ייִדיש איז, אזויארום, געוואָרן דער איינציקער יוירעש פֿונעם אמאָליקן אראמעיִש און פֿון אנדערע אומגאנגס־שפּראכן בא ייִדן, א נײַער רינג אין דער קולטור־געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק.

פֿון איטאַליע האָט דער צענטער פֿון ייִדישער בוך־דרוקערײַ זיך אריבערגעטראָגן קיין אמסטערדאם. א לאנגע צײַט האָט די דאָזיקע שטאָט באײַנפֿלוסט דאָס גאנצע ייִדישע בוך־וועזן. אין האָלאנד האָבן אין אָנהייב פֿון XVII יאָרהונדערט זיך באזעצט די אנטלאָפֿענע פֿון שפּאניע און פּאָרטוגאַליע ייִדן, און פֿיל פֿון זיי האָבן זיך גענומען צו בוך־דרוקערײַ, וועלכע איז דאָ געשטיגן אף גאָר א הויכער מאדריייגע. די ייִדישע דרוקער האָבן אײַנגעפֿירט פֿאר די ספֿאָרים א דאָפּלטן שארבלאַט: איינס מיטן טיטל פֿונעם בוך, מיט א סאך באפּוצונגען, און א צווייטס אָן שום באפּוצונגען, אָבער מיט אַן אויספֿירלעכער באשרײַבונג פֿונעם בוך, וואָס זיי האָבן אָנגערופֿן „האקדאָמע".

אין מעשעך פֿונעם XVII און XVIII יאָרהונדערטער האָט אמסטערדאם געהאַט העכער 20 ייִדישע דרוקערײַען. עטלעכע פֿון זיי האָבן געהערט צו קריסטן. אין די דרוקערײַען זײַנען געווען באשעפֿטיקט ייִדישע ארבעטער פֿון פּוילן און פֿון אוקראַיִנע.

אין 1569 האָט ייִצכאָק־ארן פּראָסטניטש געגרינדעט אין קראָקע, דער דעמלטיקער הויפּטשטאָט פֿון פּוילן, א ייִדישע דרוקערײַ. איר פֿארוואלטער, שמועל בעהם, האָט פֿריִער געארבעט אין ווענעציע (איטאַליע) און פֿון דאָרט געבראכט שריפֿט און דרוקבאפּוצונגען. די דרוקערײַ האָט עקזיסטירט ביזן 1626 און האָט ארויסגעלאָזט א סאך ספֿאָרים — העברעיִשע און ייִדישע.

אין 1556 איז געגרינדעט געוואָרן א ייִדישע דרוקערײַ אין לובלין, און צווישן איר און דער קראָקער דרוקערײַ איז אָנגעגאנגען א גרויסע קאָנקורענץ. אויך אין לעמבערג און אין אנדערע קעהילעס זײַנען אופֿגעקומען דרוקערײַען, וועלכע האָבן ארויסגעלאָזט סידורים, מאכזיירים, טאנאכן, געמאָרעס און אנד. אין מעשעך פֿון איין יאָר זײַנען אין לובלין און קראָקע אָפּגעדרוקט געוואָרן, לעמאָשל, פֿיר אויסגאבעס פֿונעם טאַלמוד.

אין פּוילן זײַנען אין יענער צײַט אויך געווען א סאך ייִדישע אײַנבינדער. אין סאָף XVII יאָרהונדערט איז קיין זשאלקיעוו (פּוילן) געקומען פֿון אמסטערדאם איינער פֿון די בעסטע ייִדישע דרוקער — אורי פֿייבוש און געגרינדעט דאָרט א דרוקערײַ.

אין XIX יאָרהונדערט איז דער גרעסטער צענטער פֿון ייִדישער ביכער־פּראָדוקציע געוואָרן ליטע. אין 1802 איז אנטשטאנען אין ווילנע, צווישן אנדערע, די בארימטע ראָם־בוך־דרוקערײַ.

אָנהייבנדיק פֿון יענער צײַט און ביז דעם כורבן־אייראָפּע, ווען עס זײַנען מיצאד דעם פֿאשיזם פֿאר־

ניכטעט געוואָרן זעקס מיליאָן ייִדן, איז דאָס ייִדישע בוך־וועזן און די ייִדישע ביכער־פּראָדוקציע געשטאַנען אַף אַ הויכער מאַדרייגע. אין אייראָפּע זײַנען אַרויסגעגאַנגען טויזנטער ביכער, הונדערטער צײַטונגען אַף ייִדיש. די ייִדישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַ וועלט־ליטעראַטור מיט אַזעלכע שרײַבער, ווי מענדעלע מויכער־ספֿאָרים, שאָלעם־אַליכעם, י.־ל. פּערעץ און אַנדערע, וועמענס ווערק זײַנען איבערגעזעצט און אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן אַף פֿיל שפּראַכן.

אין פּעריאָד פֿון די אַכציקער יאָרן פֿונעם XIX יאָרהונדערט ביזן 1925 איז געוואַקסן די ייִדישע בוך־דרוקערײַ אויך אין אַמעריקע מיט איר צענטער אין ניו־יאָרק. באַם סאָף פֿון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זײַנען אין ניו־יאָרק אַרויסגעגאַנגען 5 טעגלעכע ייִדישע צײַטונגען, 6 פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע, און איין העברעיִשער זשורנאַל. כוץ דעם, זײַנען יערלעך געדרוקט געוואָרן אַ סאַך ביכער אין ייִדיש און העברעיִש. דאָס איז געווען דער בליִונגס־פּעריאָד פֿון דער ייִדישער בוך־דרוקערײַ אין אַמעריקע.

נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן אין פּשאַ די יערידע פֿונעם ייִדישן בוך־וועזן. די אימיגראַציע האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער יונגער דאָר, ניט באַקומענדיק קיין ייִדישע דערציִונג און ניט קענענדיק לייענען אַף ייִדיש, איז אַוועק צו ענגליש. די טראַגעדיע פֿונעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום, דער אומקום פֿון מיליאָנען, וואָס זייער שפּראַך איז געווען ייִדיש, האָט פֿאַרסירט די דאָזיקע יערידע. הײַנט זײַנען אין ניו־יאָרק פֿאַרבליבן צוויי טאָגלעכע צײַטונגען אַף ייִדיש און אַ צאָל קליינע פּעריאָדישע אויסגאַבעס.

סאַל ליבערס
(„מאָרגן־פֿרײַהייט", פּשאַ)

50 יאָר ייִדישע פּראָגרעסיווע פּרעסע אין אַרגענטינע

די 50 יאָר פּראָגרעסיווע ייִדישע פּרעסע אין אַרגענטינע ציילן מיר, אָנהייבנדיק פֿון נאָיאַבער 1923, ווען עס איז דערשינען דער ערשטער נומער פֿון דער צײַטונג „רויטער שטערן", וועלכע האָט אונטער פֿאַרשיידענע נעמען און אין אַ פֿאַרשיידענער פֿאָרם ניט אויפֿגעהערט צו דערשײַנען אין מעשעך פֿון אַלע 50 יאָר, ביז הײַנטיקן טאָג.

לויט דער איניציאַטיוו פֿון דער פּרעסע־קאָמיסיע, פֿון די אַרויסגעבער פֿון די הײַנטיקע צײַטונגען „אונדזער לעבן" און „טיעמפּאָ", האָט דער 10־טער איקוף־קאָנגרעס פֿון אַרגענטינע, אין איינער פֿון זײַנע רעזאָליוציעס, באַשטימט צו פֿײַערן די דאַטע. די קולטור־קאָמיסיע באַם איקוף, צוזאַמען מיט דער פּרעסע־קאָמיסיע, בילדן אַ יובליי־קאָמיטעט מיט פֿאָלגנדער פּראָגראַם: פּאָפּולאַריזירן די דאַטע אין דער פּרעסע; אָרגאַניזירן אַן אויסשטעלונג פֿון דעם פּראָגרעסיוון ייִדישן געדרוקטן וואָרט פֿאַר די פֿינף יאָרצענדליקער; עקספּאָנירן די דערשינענע צײַטשריפֿטן, צײַטונגען און זשורנאַלן און די אַרויסגעגעבענע דורך דעם „איקוף"־פֿאַרלאַג און דורכן פֿאַרלאַג „הימלאַנד" ביכער; אַרויסגעבן אַ יובליי־אַלבאָם; דורכפֿירן אַ לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון קולטור־טוער און אַקטיוויסטן אַפּן פּרעסע־געביט; שליסן די פֿײַערונגען מיט אַ צענטראַלן יובליי־אַקט.

גרויס איז די רעשימע פֿון די פּראָגרעסיווע ייִדישע פּרעסע־אויסגאַבעס אין אַרגענטינע. אין מעשעך פֿון די 50 יאָר זײַנען דערשינען: 2 טאָג־צײַטונגען, 6 וועכנטלעכע צײַטונגען, 4 ליטעראַרישע זשורנאַלן, 1 פֿרויען־זשורנאַל, 6 שול־זשורנאַלן, 1 טעאַטער־זשורנאַל און אַ צאָל פּעריאָדישע געזעלשאַפֿטלעכע אויסגאַבעס און יערלעכע ביולעטענען פֿון איקוף־אינסטיטוציעס, — אַלץ אין ייִדיש. 5 אויסגאַבעס זײַנען דערשינען אין דער לאַנד־שפּראַך.

הײַנט־צו־טאָג גייען אַרויס אין ייִדיש די צווייוואָכנצײַטונג „אונדזער לעבן" און דער ליטעראַרישער זשורנאַל „אין גאַנג" (צווייטער פּעריאָד). דער זשורנאַל „טיעמפּאָ" איז אַ שפּאַנישער. די איבעריקע אויסגאַבעס האָבן מערסטנס אויפֿגעהערט צו דערשײַנען אין די רעפּרעסיע־פּעריאָדן.

דער יובליי־קאָמיטעט האָט באַם אָנהייב פֿון זײַן טעטיקײַט זיך אָנגעטראָפֿן אַף אַ שוועריקײַט: דאָס פֿעלן פֿון אַן אַרכיוו. „פֿעלן" איז ניט דער ריכטיקער אויסדרוק, ווײַל אין דער פּאָליטישער פּאָליציי האָט זיכער זיך אָנגעזאַמלט אַן אַרכיוו פֿון פֿילצאָליקע עקזעמפּלאַרן פֿון די געשלאָסענע צײַטונגען, קאָנפֿיסקירטע אין די פֿאַרמאַכטע אינסטיטוציעס און באַ אַרעסטירטע קולטור־טוער. די אויפֿגאַבע פֿונעם יובליי־קאָמיטעט איז — זוכן און זאַמלען צווישן לייענער און אינסטיטוציעס עקזעמפּלאַרן פֿון די פֿאַרשווונדענע אויסגאַבעס.

די יובליי־דאַטע פֿון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּרעסע פֿאַלט צונויף מיט אַן אויסערגעוויינלעכן מאָמענט פֿאַר אַרגענטינע, ווען עס זײַנען ווידער דעראָבערט געוואָרן די קאָנסטיטוציאָנעלע, דעמאָקראַטישע רעכט און פֿרײַהייטן. די פֿײַערונגען שליסן זיך אָן אין די האָפֿענונגען אַף נײַע פּראָגרעסיווע דערגרייכונגען פֿונעם אַרגענטינער פֿאָלק.

„אונדזער לעבן"
(בוענאָס־אײַרעס)

כראָניק

„די גאַסן דערציילן"

אונטער אַזאַ נאָמען איז אין סאָף 1973 דערשינען אינעם פאַרלאַג „מאיאַק" אַ נײַע אויפלאַגע פון אַ בוך, געווידמעט דער געשיכטע פון דער שטאָט אָדעס, וועגן דער אַנטשטייונג פון אירע גאַסן און פּלעצער און וועגן אָנגעזעענע פּערזענלעכקײַטן, וועמענס לעבן און טעטיקײַט עס איז פאַרבונדן מיט דער זוניקער און שטענדיק יונגער האַפן־שטאָט.

צווישן אַנדערס ווערט אין דער אויסגאַבע דערציילט וועגן לעבן און שאַפן פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אַליכעם, באַזונדערס וועגן דעם פּעריאָד, ווען די צוויי קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן געלעבט אין אָדעס.

אויף צוויי זײַטן פון דעם בוך איז פאַרעפנטלעכט אַן אויסצוג פון מיקאָלאַ באַזשאַנס אַן אַרויסטרעטונג אין צוזאַמענהאַנג מיט שאָלעם־אַליכעמס 50־טן יאָרצײַט (1966). דער באַרימטער אוקראַיִנישער סאָוועטישער שרײַבער שטרײַכט אונטער: „אוקראַיִנע איז געוואָרן דאָס היימלאַנד ניט נאָר פון אַזעלכע אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער ווי מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אַליכעם. זי איז פאַקטיש געווען דער צענטער פון דער אַנטוויקלונג פון דער נײַער פּראָגרעסיווער ייִדישער ליטעראַטור".

„פּונקט ווי דער זיידע מענדעלע מויכער־ספאָרים, — לייענען מיר ווײַטער אין מ. באַזשאַנס אַרויסטרעטונג, — איז שאָלעם־אַליכעם געווען ענג פאַרבונדן מיט אָדעס, וווּ ער האָט אין 1890 זיך באַזעצט מיט זײַן פאַמיליע און האָט דאָרט אײַנגיכן אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין די צײַטונגען „אָדעסקי ליסטאָק" און „אָדעסקיִע נאָוואָסטי", אין וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין רוסיש זײַנע „לידער אין פּראָזע" (1892), די „טיפן פון דער קליינער בירזשע" (1893) און אַ ריי אַנדערע ווערק...

דאָ אין אָדעס האָט אין 1908 די געזעלשאַפטלעכקײַט פון דער שטאָט פײַערלעך אָפּגעמערקט 25 יאָר פון דער ליטעראַרישער טעטיקײַט פונעם פּאָפּולערן שרײַבער. אַהער קיין אָדעס זײַנען שאָלעם־אַליכעמען אַדרעסירט געוואָרן ניט ווייניק וואַרעמע און האַרציקע בריוו פון מאַקסים גאָרקי, ל. נ. טאָלסטאָיען, אַ. פּ. טשעכאָוון, וו. ג. קאָראָלענקאָ און אַנדערע שרײַבער".

די סאָוועטישע שטאָט אָדעס האָט אָנגערופן מיט שאָלעם־אַליכעמס נאָמען די געוועזענע מיאַסאָיעדאָווסקאַיאַ־גאַס, וווּ דער שרײַבער האָט אַ געוויסע צײַט געלעבט.

■

לויט דער צײַטונג

פאָלקס־שטימע

קולטור־געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַריש־קינסטלערישע וואָכנשריפט

די דירעקציע פונעם וואַרשעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער אויף עסטער־ראָכל קאַמינסקעס נאָמען אָרגאַניזירט אַ יוגנטלעכע טעאַטער־סטודיע, וועלכע איז באַרופן צו דערציִען נײַע שוישפּילער פאַר דער ייִדישער בינע.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פּעדאַגאָגישער ראַט, אין וועלכן ס'גייען אַרײַן באַוווּסטע אַקטיאָרן, רעזשיסערן און טעאַטער־טוער, צווישן זיי די פּראָפעסאָרן אַלעקסאַנדער באַרדיני, העריק שלעטינסקי, דער דאָצענט סטאַניסלאַוו מאַרטשאַק־אַבאַרסקי, דער דירעקטאָר און קינסטלערישער אָנפירער פונעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער שימען שורמיעי.

לויט דער פּראָגראַם, וואָס איז אויסגערעכנט אויף צוויי יאָר, וועלן די סטודענטן פון דער סטודיע דערלערנען אַ קורס פון ייִדישער שפּראַך, ייִדישער ליטעראַטור און דראַמאַטורגיע, שוישפּילערישע קונסט, ריטמיק און טענץ, געשיכטע פון טעאַטער.

■

אינטערעסאַנט איז דורכגעגאַן דער פּערעץ־הירשביין־אָוונט אין וואַלבזשיכער פאָלקס־קלוב. מיט מיטיילונגען וועגן הירשביינס בײַטראָג אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און באַזונדערס וועגן זײַנע פאַרדינסטן פאַרן ייִדישן טעאַטער, איז אַרויסגעטראָטן דער פּאָרזיצער פון דער אָרטיקער אָפּטיילונג פונעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד גוטע גאַרנעק און דער געזעלשאַפטלעכער טוער מאַקס וויגדאָרטשיק.

אין אָוונט לעקאָוועד דעם אָנדענק פון פּערעץ הירשביין איז אויך פאָרגעקומען אין ליגניץ. מיט פאָרלעזונגען זײַנען אַרויסגעטראָטן יוסף ראָזענבערג און אַווראָם פרידמאַן, וועלכע האָבן אויסגעפּילט הירשביינס דערציילונגען „דער באַלעגוף", „דער אָפּטימיסט" און אַנד.

די ייִדישע און פּוילישע ליבהאָבער פון ייִדישער ליטעראַטור האָבן פאַרפולט דעם זאַל פונעם בעלסק־ביאַלער פאָלקס־קלוב, וווּ עס איז פאָרגעקומען דער קאָנצערט פונעם בינע־מײַסטער יאַנקעוו ראָטבאַום.

י. ראָטבאַום האָט באַקאַנט די צושויער מיט אַזעלכע מוסטערן פונעם ייִדישן ליטעראַטור־אוצר, ווי שאָלעם־אַליכעמס „מײַן ערשטער ראָמאַן", „אַ ייִד אַ פויגל", „אַ נעס אין הוישאַנע־ראַבע", י.־ל. פּערעצעס „אויב נישט נאָך העכער", „אַ ליגן" און עפראַיִם קאַגאַנאָווסקיס „מעיוכאָסים־שפּיטאָלניקעס".

אין דער צווייטער אָפּטיילונג פונעם קאָנצערט איז אויך אַרויסגעטראָטן די אַקטריסע פונעם שטאָטישן פּוילישן טעאַטער זאָפיאַ דאָבזשאַנסקאַ, וועלכע האָט פאָרגעלייענט ציפּריאַן נאָרווידס ליד „די פאָרטעפּיאַנע פון שאָפּען".

אַזויאַרום איז דער קאָנצערט, אויף וועלכן עס איז בײַגעווען די היגע פּוילישע אינטעליגענץ, די שטודירנדיקע ייִדישע און פּוילישע יוגנט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָוונט פון פעלקער־פרײַנטשאַפט.

■

איינער פון די לעצטע לייענער־אָוונטן אין ווראָצלאַווער פאָלקס־קלוב אויפן נאָמען פון יוסף לעוואַרטאָווסקי איז געווען געווידמעט דעם 80־טן געבורטסטאָג און דעם פופצנטן יאָרצײַט פון עפראַיִם קאַגאַנאָווסקי.

מיט אַן אַרײַנפיר־וואָרט צו דעם אָוונט איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע לייב טשאַפּער. זײַן רעדע איז באַגלייט געוואָרן מיט קינסטלערישע פאָרלעזונגען פון קאַגאַנאָווסקיס נאָוועלן „דער טאַטע", „ערעוו־דאַטשע", „די כאַסענע", „נאָך אַ מענטשן" אין דער אויספירונג פון די מיטגלידער פונעם לייענער־קרײַז אויף סאָרע ראָטבאַומס נאָמען הערש מאַרטענפעלד און לעאָן רײַזמאַן.

■

אין ווראָצלאַווער ייִדישן פאָלקס־קלוב אויף יוסף לעוואַרטאָווסקיס נאָמען איז פאָרגעקומען אַ פאָרלעזונג אויף דער טעמע „ייִדישע געשטאַלטן אין דער פּוילישער ליטעראַטור".

נאָכן אַרײַנפיר־וואָרט פון הענריק ראַבאַק (סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער פאַרבאַנד־אָפּטיילונג) האָט אַ פאָרשטייער פון דער „געזעלשאַפט פאַר אַלגעמיינעם וויסן", דער לעקטאָר פונעם ווראָצלאַווער אוניווערסיטעט מאַריאַן קויסעל, באַקאַנט די פאַרזאַמלטע מיט אַ ריי שאַפונגען פון פּוילישע שרײַבער, אין וועלכע עס ווערן מיט גרויס אַכטונג געשילדערט ייִדישע געשטאַלטן.

דער רעדנער האָט גערעדט וועגן אַדאַם מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעוש", עליזאַ אָזשעשקאָס „מעיִר יעזעפאָוויטש" און „דער מעכטיקער שימשן", מאַריִאַ קאָנאָפּניצקעס „מענדל גדאַנסקי" און אַנדערע.

פאַרשײַדנס

פילמען וועגן ל. נ. טאָלסטאָי

אינעם מוזיי „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" האָט א גרופּע טוער פון דער קאַנאַדער טעלעוויזיע פאַרענדיקט א פילם וועגן ל. נ. טאָלסטאָי.

דעם רעזשיסער פּ. פּערנס און זײַנע קאָלעגן האָט איבעראַשט די פּראָסטקייט פונעם גרויסן שרײַבערס שטייגער־לעבן.

— אין אונדזער פילם, — האָט געזאָגט פּ. פּערנס, — ווילן מיר באַזונדערס אונטערשטרײַכן לעוו טאָלסטאָיס איבערצײַגטקייט אין דער נייטיקייט פון שאָלעם און ברודערשאַפט אף דער וועלט.

פאַריקס יאָר האָט די פראַנצויזישע טעלעוויזיע אויך געמאַכט א פילם אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ וועגן לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי.

אַלץ וועגן „פאַוסט"

11 500 עקספּאָנאַטן — אַלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו געטעס „פאַוסט", — האָט אין מעשעך פון 70 יאָר צונויפגעזאַמלט דער בירגער פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, דער לײַפּציקער טוישעוו דאָקטאָר שטומע. אין זײַן קאָלעקציע געפינען זיך ביכער, פּאָטאָגראַפיעס, פּלאַקאַטן, געמעלן, סטאַטועטקעס פון פּאָרפאָר און בראָנזע. דער גרונט־קערן פון דער זאַמלונג זײַנען די איבערזעצונגען פונעם געניאַלן ווערק אף 55 שפּראַכן פון די פעלקער פון דער וועלט. א באַזונדער אָרט פאַרנעמען די ביכער, וואָס זײַנען דערשינען אין ראַטנפאַרבאַנד. אין אונדזער לאַנד איז „פאַוסט" איבערגעזעצט אף דער רוסישער, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, יידישער, גרוזינישער, טאָטערישער און א סאַך אַנדערע שפּראַכן. זײַן קאָלעקציע האָט דער דאָקטאָר שטומע איבערגעגעבן דעם ווײַמאַרישן צענטער פון דער קלאַסישער דײַטשישער ליטעראַטור.

אַן אָפּערע וועגן אײַנשטײַנען

איינער פון די גרעסטע הײַנטצײַטיקע קאָמפּאָזיטאָרן פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק פּאָול דעסאַו, האָט פאַרענדיקט די אַרבעט איבער אַן אָפּערע. איר העלד איז דער באַרימטער פיזיקער אַלבערט אײַנשטײַן. דאָס געשטאַלט פונעם געלערנטן האָט געזאָלט זײַן דאָס צענטראַלע אין דער דראַמע, וועלכע ברעכט האָט געשריבן ניט לאַנג פאַרן טויט.

רוסישע פאַרלעגער

דער אויסגעצייכנטער פאַרלעגער, בוך־הענדלער און ביבליאָפיל א. פ. סמירדין, וועמעס טעטיקייט איז צונויפגעפאַלן מיט דער „גאָלדענער טקופע" פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווען עס האָבן געלעבט און געשאַפן פּושקין און זשוקאָווסקי, לערמאָנטאָוו און גאָגאָל, האָט געמאַכט אַן עמעסע איבערקערעניש אינעם פאַרלאַג־וועזן און אינעם בוך־האַנדל אין רוסלאַנד.

ביז סמירדינען האָט מען אף ליטעראַרישער אַרבעט געקוקט ווי אף א פאַרווײַלונג. די ביכער־פאַרלעגער פלעגן אָפּצאָלן די ווערט פונעם פּאַפּיר, אָבער קיין האָנאָראַר די אווטאָרן האָבן זיי ניט געצאָלט. בלויז מיטן דערשײַנען פון א. פ. סמירדינס זשורנאַל „די ביבליאָטעק צום לייענען" האָבן די אווטאָרן אָנגעהויבן באַקומען געלט פאַר זייערע ווערק. פון יענער צײַט אָן איז די ליטעראַרישע אַרבעט, לויט וו. בעלינסקיס אויסדרוק, „געוואָרן קאַפּיטאַל".

א צווייטער אויסגעצייכנטער ביכער־פאַרלעגער פון רוסלאַנד, פ. ג. שילאָוו — אַן אווטאָדידאַקט („סאַמאָוטשקאַ"), האָט העכער 70 יאָר פון זײַן לעבן פּראָפּאַגאַנדירט דעם בוך. אַרומפאָרנדיק איבער די שטעט און דערפער פון רוסלאַנד, פלעגט ער אײַנשאַפן אומשאַצבאַרע דאָקומענטן, אווטאָגראַפן און מאַנוסקריפּטן פון שרײַבער, באַרײַכערנדיק די פאָנדן פון א סאַך ביבליאָטעקן פונעם לאַנד.

נאָכן זיג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט פ. ג. שילאָוו, ווי דער באַוווּסטער ביכער־פאַרלעגער פון רוסלאַנד — נ. ד. סיטין, פרײַוויליק אָן שום באַלוינונג איבערגעגעבן זײַן פאַרלאַג דעם פאָלק און האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין די סאָוועטישע ביכער־פאַרלאַגן.

די קאָלעקציע ווערט אײַנגעהייט

אין מעשעך פון זײַן לאַנגן לעבן האָט דער גרויסער מאָלער פּאַבלאָ פּיקאַסאָ צונויפגעזאַמלט א רײַכע בילדער־קאָלעקציע. א באַזונדער אָרט פאַרנעמען אין איר די ווערק פון זײַנע מיטצײַטלער — מאַטיס, סעזאַן, רענואַר, מאָדיליאַני און פון אַנדערע מײַסטערס. די דאָזיקע אווטאָרן פלעגן אָפט שענקען זייערע בילדער פּיקאַסאָן. אַמאָל פלעגן די מאָלערס טוישן זיך מיט זייערע ווערק. פאַרן טויט האָט פּיקאַסאָ אויסגעדריקט דעם ווילן, אַז זײַן קאָלעקציע זאָל אײַנגעהייט ווערן ווי אַן אײנהײַטלעך גאַנצעס און זאָל איבערגעגעבן ווערן אין לווור אף עקספּאָנירט צו ווערן.

ניט לאַנג צוריק האָבן די פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אונטערגעשריבן א פאַרשטענדיקונג מיט פּיקאַסאָס יאָרשים וועגן אײַנשאַפן אָט די ווערטפולסטע בילדער־זאַמלונג.

דער לענגסטער ראָמאַן אין דער וועלט

דער יאַפּאַנישער שרײַבער קיונג־טע־באַקין איז דער אווטאָר פונעם לענגסטן ראָמאַן אין דער וועלט. ער האָט געאַרבעט איבער אים העכער פערציק יאָר — פון פרילינג 1852 ביז האַרבסט 1892. דער ראָמאַן באַשטייט פון 106 בענדער, צו טויזנט זײַטן אין יעדן באַנד.

דעם געדולדיקן לייענער, אויב אַזאַ וואָלט זיך געפונען, וואָלט אויסגעקומען איבערלייענען באַ 32 מיליאָן ווערטער. די לעדערנע אײַנבונדן פון די בענדער האָבן געווויגן 60 קילאָגראַם.

פונעם טיפן אוראַלט

אינעם ראַיאָן סודזשאַטאַגראַך (אינדיע, שטאַט ביכאַר) האָט מען בײַס די בוי־אַרבעטן געפונען א גאָלדענע סטאַטועטקע פון בודען, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. כוץ דער סטאַטועטקע, וועלכע האַלט 10 סאַנטימעטער די הייך, האָט מען אויך געפונען א סאַך גילדענע צירונג. קיין סודזשאַטאַגראַך זײַנען געקומען אינדישע אַרכעאָלאָגן, קעדיי דעטאַל אויספאָרשן דעם דאָזיקן ראַיאָן.

פאַרשיידנס

אינדישע ביכער

העכער 15 טויזנט בענדער פארמאָגט דער פאָנד פון ליטעראטור אף אינדישע שפראכן בא דער אלפארבאנדישער מעלוכע־ביבליאָטעק אף וו. אי. לענינס נאָמען.

דאָ געפינען זיך ביכער אף פארשיידענע שפראכן פון אינדיע — כינדי, בענגאלי, אורדו, טאמיל, מאלאיאלאם. פאראן דא ווערטפולע דענקמעלער פון דער אוראלטער און מיטל־אלטערלעכער אינדיע. קלאַסישע ווערטערביכער, א גרויסע צאָל גראמאטיקעס, פיל אויסגאבעס פון קאלידאסן — דעם קלאַסיקער פון דער אוראלטער אינדיע, טראקטאטן פון אוראלטע אוטאָרן וועגן שפראך־וויסנשאפט, פילאָסאָפיע. דאָ זײַנען אויך פאָרגעשטעלט די טעקסטן פון די קלאַסישע ווערק פון דער אינדישער ליטעראטור „מאכאבכאראטא“ און „ראמאיאנא“.

„מאכאבכאראטא“ — דאָס איז דער גרעסטער דענקמאָל פונעם אלט־אינדישן העראָישן עפּאָס, באשטייט פון 18 ביכער און איז לויטן פארנעם אין אכט מאָל גרעסער פון די אלט־גריכישע עפּישע פּאָעמעס „איליאדע“ און „אָדיסייע“ אינײנעם גענומען.

„מאכאבכאראטא“ און „ראמאיאנא“ זײַנען איבערגעזעצט אף אלע גרונט־שפראכן פון אינדיע און אף א סאך שפראכן פון דער וועלט. אָט די ווערק זײַנען ניט איין מאָל איבערגעזעצט געוואָרן אף רוסיש. באזונדערס איז באוווּסט די איבערזעצונג פון איינער פון די לעגענדעס פון „מאכאבכאראטא“ — „נאל און דאמאיאנטי“, וועלכע עס האָט געמאכט וו. א. זשוקאָווסקי.

צווישן די ביכער אף די אינדישע שפראכן זײַנען שטארק פּאָפּולער די ווערק פון ראבינדראנאט טאגאָר. די ביבליאָטעק פארמאָגט א גרויסע צאָל ביכער פון די אָנגעזעענע טוער פון דער נאציאָנאל־באפרײַערישער באוועגונג אין אינדיע — פון מאכאטמא גאנדי און דזשאוואכארלאל נערו. ברייט זײַנען פאָרגעשטעלט די ווערק פון די הײַנטצײַטיקע שרײַבער.

נ. סיניאקאָווא („וועטשערניאיא מאָסקווא“)

דער ערשטער סאָוועטישער ראָמאַן

ערעוו דעם פערטן יאָרטאָג פון דער ראטנמאכט איז אין אירקוטסק אין א מארשעווע טיפּאָגראפיע פון דער 5־טער ארמיי אָפּגעדרוקט געוואָרן וו. זאזובּרינס ראָמאַן „צוויי וועלטן“. דער בוך איז אָנגעשריבן מיט א גרויסער קינסטלערישער קראפט און מיט א טיפער אידייִשער איבערצײַגטקײַט און איז ארײַן אין דער ליטעראטור־געשיכטע ווי דער ערשטער סאָוועטישער ראָמאַן.

דער ראָמאַן, וועגן וועלכן לענין האָט געזאָגט, אז דאָס איז „א גוטער, נייטיקער בוך“, האָט אינגיכן פארינטערעסירט די לייענער. וועגן דעם זאָגן איידעס, צום בײַשפּיל, די ארויסזאָגונגען פון די פויערים פון דער אלטײַער קאָמונע „דער מײַ־פרימאָרגן“, פאר וועמען דער שול־לערער א. מ. טאָפּאָראָוו האָט אין די אָוונטן געלייענט זאזובּרינס ראַמאַן און דערבײַ טאקע סטענאָגראפירט זייערע אָפּרופן וועגן דעם דורכגעלייענטן. אזוי איז אין א צײַט ארום געשאפן געוואָרן אויך א צווייטער אוניקאלער בוך — א. טאָפּאָראָווס „פויערים וועגן שרײַבער“.

וו. יא. זובצאָוו (ליטערארישער פסעוודאָנים — וו. זאזובּרין) איז געווען מאָביליזירט אין דער קאָלטשאקאָווישער ארמיי. אין נאָיאבער 1919 יאָר איז ער פרײַוויליק אריבערגעגאנגען צו די פארטיזאנער פונעם צאָפן־קאנסקער פראָנט און אָנגעהויבן ארבעטן אין זייער צײַטונג. ווען קיין קאנסק זײַנען ארײַנגעגאנגען די טיילן פון דער 5־טער רויטער ארמיי, ווערט וו. זובצאָוו א מיטארבעטער פון דער צײַטונג „דער קאנסקער פויער“, איינע פון די ערשטע סאָוועטישע צײַטונגען אין סיביר. אין קאנסק איז ער טאקע צוגעטראָטן צו דער ארבעט איבערן ראָמאַן וועגן דעם העלדישן קאמף פונעם סאָוועטישן פאָלק קעגן די ווײַסגווארדייִשע באנדעס.

אַן אויסטויש מיט אויסגאבעס

קיין מאָסקווע, אין דעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פארלאג־וועזן, פּאָליגראפיע און ביכער־האנדל באם מיניסטאָרן־ראט פון פססר איז אָנגעקומען א גרויסער פּאקעט פון בודאפּעשט. די אונגארישע פארלעגער און פּאָליגראפיסטן האָבן צוגעשיקט די סיגנאל־עקזעמפּליארן פון די ערשטע צוויי ביכער פון דער גרויסער סעריע „ביבליאָטעק פון דער סאָוועטישער ליטעראטור“ — מ. שאָלאָכאָווס „אופגעהויבענע רויערד“ און ל. לעאָנאָווס „דער רוסישער וואלד“.

די סאָוועטישע פארלעגער און פּאָליגראפיסטן האָבן פון זייער זײַט אָנגעהויבן ארויסגעבן די 15־בענדיקע „ביבליאָטעק פון דער אונגארישער ליטעראטור“. ס׳איז שוין גרייט די זאמלונג „די הײַנטצײַטיקע אונגארישע פּאָעזיע“ (פארלאג „פּראָגרעס“). אינגיכן וועט ארויס פון דרוק די דערציילונג פון ע. גאלגאָצי „אינמיטן וועג“, דער ערשטער באנד פון דער זאמלונג פון הײַנטצײַטיקע אונגארישע דערציילונגען, די זאמלונג „דראמעס“ און אנדערע ביכער.

דאָס ארויסגעבן ליטעראטור פון די ברידערלעכע סאָציאליסטישע לענדער ווערט פארווירקלעכט אפן יעסאָד פון צוזאמענארבעט אין געביט פון קולטור.

א מעמאָריאל־מוזיי פונעם מאָלער לעוויטאן

מיט אָנדערהאלבן יאָר צוריק האָט אין דער שטאָט פּליאָס אף דער וואָלגע זיך געעפנט א מעמאָריאלער הויז־מוזיי פונעם מאָלער לעוויטאן.

די פארערער פון לעוויטאנס טאלאנט האָבן באקומען פון דער מעלוכע אן אויסגעצייכנטע מאַטאָנע. דאָס באשטעטיקן טאקע די פארערער גופע. פּליאָס שטייט אָן א זײַט פון גרויסע טראקטן, נאָר פאר איין יאָר האָבן דעם מוזיי באזוכט העכער 60 טויזנט מענטשן.

מאַטאָנעס דעם הויז פונעם פּאָעט

אינעם טראדיציאָנעלן בוך פון מאַטאָנעס, וואָס ווערט געפירט שוין דאָס צווייטע יאָרצענדליק זינט ס׳איז געשאפן געוואָרן דער מאָסקווער מעלוכע־מוזיי פון א. ס. פּושקין, קומען צו נײַע אופשריפטן.

די עקספּאָזיציע איז באַרײַכערט געוואַרן מיט א בראָנזענער סקולפּטור פון פּיאָטער דעם ערשטן פונעם סקולפּטאָר מ. מ. אנטאָקאָלסקי. דעם עקספּאָנאט האָט געשענקט דאָס אייניקל פונעם בארימטן רוסישן סקולפּטאָר דער פּאָעט פּאוועל גריגאָריעוויטש אנטאָקאָלסקי.

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר

דעם 14 מאַרט 1879, מיט 95 יאָר צוריק, איז אין דער דײַטשישער שטאָט אולם, אין א געזינד פון אן אינזשעניער, געבוירן געוואָרן אלבערט איינשטיין.

צו 14 יאָר איז איינשטיין אריבערגעפאָרן אין דער שווייץ. געענדיקט אין 1900 דעם ציריכער פּאָליטעכניקום, איז ער געוואָרן א לערער אין א מיטלשול, דערנאָך אן עקספּערט פון א פּאַטענט־ביוראָ. אין 1911—1909 איז ער פּראָפעסאָר פון ציריכער אוניווערסיטעט, דערנאָך פונעם דײַטשישן אוניווערסיטעט אין פּראָג, לעסאָף אין ציריכער פּאָליטעכניקום. אין 1913 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער דײַטשישער וויסנשאַפט־אקאַדעמיע.



אלבערט איינשטיינס לעבנסווערק איז געווען די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, וואָס האָט אנטדעקט די נײַע אייגנשאַפטן פון רוים, צײַט און גראַוויטאַציע אין זייער קעגנזײַטיקער פאַרבינדונג. די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז געווען די באַזע אַף צו דערקלערן די פּראָצעסן, אין וועלכע די שנעלקײַט פון קערפּערס דערנענטערט זיך צו דער שנעלקײַט פון ליכט.

גלײַכצײַטיק איז א. איינשטיין געווען דער אווטאָר פון פאָרשונגען און אנטדעקונגען אין געביט פון דער קוואַנט־טעאָריע פון שײַן, וואָס אַף זייער באַזע זײַנען קלאָר געוואָרן די ביז דעמלט געהיימניספולע אייגנשאַפטן פונעם פאָטאָעפעקט.

אין סאָף פון די 20־ער און אין די 30־ער יאָרן איז איינשטיין אויסגעשטאַנען א שטאַרקע העצקאַמפּאַניע מיצאַד די פאַשיסטן סײַ אלס געלערנטער, סײַ אלס ייִד, סײַ אלס אקטיווער קעמפער פאַר שאָלעם (צוזאַמען מיט מ. גאָרקין, א. באַרביסן און ר. ראָלאַנען האָט ער אין די דרײַסיקער יאָרן אָנטיילגענומען אינעם קאַמף קעגן מילכאָמע און פאַשיזם).

א. איינשטיין איז געווען א מיטגליד פון א גרויסער צאָל אקאַדעמיעס און וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן. אין 1927 איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אלס ערן־מיטגליד פון דער וויסנשאַפט־אקאַדעמיע פון פססר. אין 1921 איז ער באַלוינט געוואָרן מיט דער נאָבעל־פּרעמיע. וו. אי. לענין האָט אָנגערופן איינשטיינס נאָמען צווישן די „גרויסע איבערגעשטאַלטיקער פון דער נאַטורוויסנשאַפט".

א. איינשטיין איז געשטאָרבן דעם 18 אַפּרעל 1955 אין פּרינסטאָן (פשא).

מיט 100 יאָר צוריק, דעם 15 מאַרט 1874, איז אין סאַן־פראַנציסקאָ געבוירן געוואָרן דער אמעריקאַנער דיכטער ראָבערט פראָסט.

געבליבן צו צען יאָר א יאָסעם, האָט דער קינפטיקער דיכטער אויסגעפּרוווט א סאַך פּראָפעסיעס — געווען אן ארבעטער, א לערער, א רעדאַקטאָר פון א לאַנדווירטשאַפטלעכער צײַטונג. זײַענדיק אין מעשעך פון עלף יאָר א פערמער, האָט ער, לויט זײַן אייגענעם אויסדרוק, „פונעם נעבעכדיקן שטיקל ערד אײַנגעקליבן ניט בלויז א נעבעכדיקע געראַטעניש, נאָר אויך די זוימען פון די קינפטיקע פּאָעטישע געראַטענישן".

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ר. פראָסט א סאַך ארומגערײַזט — ער האָט באַזוכט ענגלאַנד, לאַטײַן־אמעריקע, בײַגעווען אַפן אייכמאַן־פּראָצעס אין ירושאָלאַיִם, געווען צוגאַסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד. בײַס דער באַגעגעניש מיט די סאָוועטישע שרײַבער אין מאָסקווע האָט ער געזאָגט: „אײַער עמבלעם איז א סערפּ מיט א האַמער. מײַנע — א קאָסע מיט א האַק. איך האָב ליב קאָסען גראָז, האַקן האָלץ און שרײַבן מיט דער פּען".

ער איז שוין אלט געווען קימאַט 40 יאָר, ווען אין לאָנדאָן איז דערשינען זײַן ערשטע לידערזאַמלונג „אזוי וויל א ייִנגל" (1913). אין א יאָר ארום האָט ער אין לאָנדאָן ארויסגעגעבן די צווייטע לידער־זאַמלונג „צאָפן־צו פון באָסטאָן" (1914). ביידע ביכער זײַנען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק און דורך די לייענער. אין 1915, ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין פשא, איז זײַן נאָמען שוין געווען ארומגערינגלט מיט אן אָרעאָל פון רום. פון באַשיידנקײַט וועגן האָט ער אויסגעמיטן צו רופן זיך דיכטער, אָבער ביכער האָט ער געדרוקט ווײַטער: אין 1923 — „ניו־העמפּשיר", אין 1936 — „די ווײַטע קייט נידעריקע בערגלעך", אין 1942 — „א בוים אן איידעס" און פיל אנדערע.

ר. פראָסט פאַרורטיילט דעם ארכאַיִשן פערמערישן לעבנשטייגער. זײַנע העלדן — די ארבעטסלײַט — מאָלט ער קיינמאָל ניט

אלס ווילנלאָזע, פּרימיטיווע מענטשן, אלס קאָרבאָנעס. די באַטראַקעס גיבן בא אים א האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד די גייַציקע ערדבאַזיצער. ער באַווייַזט, וויאַזוי אינעם זומף פונעם פּראָווינציעלן לעבן ווערט געבוירן דער ראַסיזם — דער סאַמע עקלהאַפטער, פינצטערער וואָלד פון דער אייגנטימערישער וועלט. דער הויפּטמאָטיוו פון דער שאַפונג פון אָט דעם גרויסן דיכטער און בירגער פון אמעריקע איז געווען — הומאַניזם.

ראָבערט פראָסט איז געשטאָרבן אין 1963 אין עלטער פון 89 יאָר.

מיט 85 יאָר צוריק (אין 1889) איז אין ווייַסרוסישן דאָרף זשיטקאָוויטש (ניט ווייַט פון סלאָנים) אין א געזינד פון א יישוווניק, געבוירן געוואָרן דער דיכטער לויִס בערנארד (עליעזער מישקין).

אין 1905 איז ל. מישקין אריבערגעפאָרן קיין אָדעס, וווּ ער איז געוואָרן אן אקטיווער טוער אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין א יאָר ארום האָט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע און געארבעט אין א ניו־יאָרקער דרוקערייַ אלס א זעצער. דעביוטירט אין 1919 מיט א ליד אין ענגליש, איז ער אין דעם זעלבן יאָר ארויסגעטראָטן אין פארשיידענע צייַטשריפטן מיט לידער אין יִידיש.

לויִס בערנארד איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער „אינזיכיסטן"־גרופּע צווישן די יִידישע דיכטער פון אמעריקע און האָט געארבעט אלס מיטרעדאקטאָר אינעם ניו־יאָרקער זשורנאל „אין זיך". צוליב זייַן שווערער קרענק (שווינדזוכט) איז ער די לעצטע פּאָר יאָר פון זייַן קורצן לעבן געלעגן אין א קאָלאָראדער סאנאטאָריע. אין דער אמעריקאַנער יִידישער פּאָעזיע איז ער געווען טעטיק סאַכאַקל 6 יאָר. נאָך זייַן טויט האָבן זייַנע פרייַנט ארויסגעגעבן א זאמלונג פון זייַנע לידער — „פלאטאלין", ניו־יאָרק, 1927.

דער ליטעראטור־קריטיקער נ. ב. מינקאָוו האָט געשריבן וועגן

לויִס בערנארדן: „קורץ איז געווען זייַן פּאָעטישע טעטיקייַט... אָבער די 35 לידער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט, דערציילן אונדז וועגן אן אָריגינעלן דיכטער, א „צעריסענעם" אינטעליגענט, און וועגן זייַן סוויווע".

לויִס בערנארד איז געשטאָרבן דעם 19 יול 1925 אין א סאנאטאָריע פון קאָלאָראדאָ אין עלטער פון 36 יאָר.

סאַלוואַדאָר באָרזשעס

פון ביראָבידזשאַן איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אז נאָך א שווערער און דויערנדיקער קראנקהייַט איז געשטאָרבן דער סאָוועטישער יִידישער שרייַבער סאלוואדאָר באָרזשעס (בעצאלעל באָראָדין).

ס. באָרזשעס איז געבוירן געוואָרן דעם 8 מייַ 1900 אין שטעטל ראָזשישטש (אוקראַיִנע). פון די יונגע יאָרן אָן האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, געווען געצוווּנגען ארומצוואָגלען איבער פארשיידענע לענדער. א לענגערע צייַט האָט ער געלעבט אין בראזיליע, וווּ אין 1928 האָט ער אָנגעהויבן זיך דרוקן אין דער פּראָגרעסיווער פּרעסע.

אין 1930 קומט ס. באָרזשעס צו פאָרן קיין סאָוועטנפארבאנד און באטייליקט זיך אלס פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער ליטעראטור פון דאָרעם־אמעריקע אין דער ארבעט פון דער צווייטער צווישנפעלקערלעכער קאָנפערענץ פון רעוואָליוציאָנערע שרייַבער, וועלכע איז פאָרגעקומען אין כארקאָוו. פון דעמלט אָן ווערט ער א סאָוועטישער בירגער. אין 1935 באזעצט ער זיך אָף שטענדיק אין ביראָבידזשאַן.

אין א בוך־פאָרם זייַנען דערשינען באָרזשעסעס ווערק „עס פלאטערט די רויטע פאָן", „אין אָקופּירטן וואָלין", דער ראָמאן „ריאָ־דע־זשאנייראָ". זייַנע דערציילונגען און פארצייכענונגען, געווידמעט דער בויונג און די מענטשן פון דער יִידישער אווטאָנאָמער געגנט, האָבן זיך געדרוקט אין „פאָרפּאָסט", „סאָוועטיש היימלאנד", „אייניקייַט", „ביראָבידזשאַנער שטערן" און אין אנדערע אויסגאבעס. די לעצטע צייַט האָט דער שרייַבער געארבעט איבער א בוך זיכרוינעס וועגן דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין בראזיליע און מייַרעוו־אוקראַיִנע אין די צוואנציקער יאָרן.

א באשיידענער, הארציקער מענטש, האָט סאַלוואדאָר באָרזשעס מיט זייַן טעטיקייַט אלס שרייַבער און אקטיווער געזעלשאפטלעכער טוער דערוואָרבן א גרויסן אווטאָריטעט בא אלעמען, ווער ס׳האָט אים געקענט.

ערע זייַן אָנדענק!

לאמיר זינגען נײַע לידער

בעז

ווערטער פון ארן ווערגעליס — מוזיק פון סערגיי טשעבאטאריאָוו





ראטעוועט דאָס צווײַגעלע בעז!
וויאזוי ראטעווען?
דאָס ניט אראָפּרײַסן?
דאָס שטענגעלע
מיט א צוועגל
ניט אײַנבײַסן?
אין די הענט עס ניט האלטן?
עפּשער דאָס צווײַגעלע בעז באהאלטן? —
אזוי טראכט די מאמע וועגן איר קינד,
וועגן איר מיידעלע.
די מאמע איז בלינד.

דער טאטע איז בלינד.
בלינד די באָבעשי. בלינד דער זיידעניו.
טוט א זאָג דאָס מיידעלע פעסט:
— וויאזוי ראטעווען דאָס צווײַגעלע בעז?
לעמאנעשעם עס אראָפּרײַסן!
דאָס שטענגעלע
מיט א צוועגל
אײַנבײַסן!
אין די הענט דאָס צווײַגעלע האלטן,
פון מענטשן ניט באהאלטן.

כראָניק

יאנוש קאָרטשאקס ביכער אין סאָוועטנפארבאנד

דער מאָסקווער כוידעש־זשורנאל „סאָוועטישע ליטעראטור" האָט אין זײַן אויסגאבע אין דער פוילישער שפּראך פאר דעקאבער 1973 פארעפנטלעכט א מיטיילונג וועגן די ארויסגעגעבענע אין סאָוועטנפארבאנד ווערק פון יאנוש קאָרטשאק, דעם לעגענדארן דערציִער פון א ייִדישן יעסוימים־הויז הינטער ווארשע. אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער אָקופּאציע איז קאָרטשאק אומגעקומען מיט א מארטירער־טויט צוזאמען מיט זײַנע דערצויגלינגען, די ייִדישע קינדער.

דער נאָמען יאנוש קאָרטשאק איז ברייט באוווּסט אין סאָוועטנפארבאנד. זײַנע ווערק זײַנען בא אונדז דערשינען סײַ אין רוסיש, סײַ אף פיל אנדערע שפּראכן פון די פעלקער פון פססר. אייניקע ביכער קאָרטשאקס זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאכט. אין 1922 האָט דער ערשטער פאָלקס־קאָמיסאר פון בילדונג אנאטאָלי לונאטשארסקי געשריבן אין א בריוו צום דעמלטיקן דירעקטאָר פונעם „גאָסליטיזדאט" אי. סקוואָרצאָוו־סטעפּאנאָוו: „איך שיק אײַך דעם מאנוסקריפּט פון קאָרטשאקס בוך „וויאזוי צו ליב האָבן דאָס קינד". ס'איז זייער אן אינטערעסאנט בוך פונעם שטאנדפּונקט פון פּעדאגאָגיק. דאָס בוך איז פארזען מיט א פאָרעדע פון דער כאוווערטע קרופּסקאיא. די איבערזעצונג האָט געמאכט די טאָכטער פון פעליקס קאָן. איך לייג פאָר ארויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך..."

יאנוש קאָרטשאקס בוך איז דערשינען אין דעם זעלבן יאָר. נאדעזשדא קאָנסטאנטינאָוונא קרופּסקאיא האָט געשריבן אין דער פאָרעדע: „איך מיין, אז יעדער פּעדאגאָג דארף איבערלייענען „וויאזוי צו ליב האָבן דאָס קינד". דער, וואָס וועט זיך באקענען מיטן ביכל, וועט אומפארמײַדלעך פארטראכטן זיך איבער פיל פּראָבלעמען און זיך צוקוקן צו פיל דערשײַנונגען אינעם לעבן פון די יעסוימים־הײַזער, ער וועט אָנהייבן אופמערקזאם זיך באציִען צו דער פּסיכיק פון די קינדער, וועלכע געפינען זיך דאָרט".

אין 1968 און 1973 איז קאָרטשאקס ווערק דערשינען אין א נײַער רוסישער איבערזעצונג — אינעם מאָסקווער פארלאג „זנאניע", אין א טיראזש פון 290 טויזנט עקזעמפּליארן.

אין רוסיש זײַנען דערשינען אויך אנדערע ביכער פון יאנוש קאָרטשאק, צווישן זיי דאָס גרעסטע ווערק זײַנס „דער קעניג מאטשוש דער ערשטער" — אינעם לענינגראדער פארלאג „פּריבאָי" (1924), אין 1972 האָט דער מאָסקווער פארלאג „קינדער־ליטעראטור" ארויסגעגעבן דאָס זעלבע ווערק צוזאמען מיט „דער קעניג מאטשוש אף אן אומבאוווינטן אינדזל" אין א טיראזש פון 75 טויזנט עקז. דער דאָזיקער פארייניקטער באנד איז אויך ארויס אין דער אוקראַיִנישער, ארמענישער, ווײַסרוסישער, גרוזינישער, ליטווישער שפּראכן.

קאָרטשאקס בוך „ווען איך וועל ווידער זײַן קליין", אין וועלכן עס גייט ארײַן דאָס קאפּיטל „מוישעלעך, יאָסעלעך, ייִסראָליקלעך", איז צוויי מאָל דערשינען אין רוסיש (אין א טיראזש פון 150 טויזנט עקז.) ווי אויך אין אזערבײַדזשאניש, ארמעניש, גרוזיניש, קאזאכיש, לעטיש, ליטוויש און טאדזשיקיש.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Склонение существительных в единственном числе

Падеж	Имя собственное одушевленное	Нарицательные			בייגפאַרמע
		мужской род	средний род	женский род	
Именительный	מוישע	דער מאַן[1]	דאָס קינד	די פרוי[2]	נאָ׳מינאַטיוו
Винительный	מוישען	דעם מאַן	דאָס קינד	די פרוי	אַ׳קוזאַטיוו
Дательный	מוישען	דעם מאַן	דעם קינד	דער פרוי	דאַ׳טיוו
Притяжательный	מוישעס	דעם מאַנס	דעם קינדס	דער פרויס	פּאָ׳סעסיוו

В *винительном* падеже («аккузатив») в основном употребляется прямое дополнение, а иногда обстоятельства времени, напр.:

איך שיק [3] דעם ברודער, די שוועסטער, דאָס קינד אַהיי׳ם[4]. איך אַר׳בעט[5] דעם טאָג[6] (און די נאַכט)[7] זיי׳ער אַ סאַך[8].

Перевод: 1) муж, мужчина; 2) жена, женщина; 3) посылаю; 4) домой; 5) работаю; 6) в этот день; 7) и в эту ночь; 8) очень много.

В *дательном* падеже («датив») употребляется косвенное дополнение. Существительное в дательном падеже с предлогом может иметь различные значения, напр.:

איך קויף[1] דעם ברודער, דער שוועסטער, דעם קינד בי׳כער[2]. (ביכער — אַקוזאַטיוו). איך גיי מיט[3] דעם ברודער, מיט דער שוועסטער, מיט דעם קינד שפּאַצי׳רן[4]. איך דערצייל[5] זיי[6] וועגן דער מילכאָ׳מע[7] און וועגן דעם זיג[8] פון דער סאָווע׳טישער אַרמיי[9].

Перевод: 1) покупаю; 2) книги; 3) с; 4) гулять, совершать прогулку; 5) рассказываю; 6) им; 7) о войне; 8) и о победе; 9) Советской армии.

Существительное в *притяжательном* падеже (посессив) соответствует русскому существительному в родительном падеже и русскому притяжательному прилагательному, напр.:

דער באָבעס שטוב איז אין מינסק.

Перевод: дом бабушки (бабушкин дом) в Минске.

Имена собственные одушевленные в притяжательном падеже множественного числа также принимают окончание ־ס, напр.:

די קינדערס באָבע הייסט יאָכע.

Притяжательным падежом глагол не управляет, напр.:

שאָלעם־אַליי׳כעמס ווערק[1] זײַנען אין אַל׳מער[2]. איך לייען[3] שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. איך האָב גרויס האַנאָ׳ע[4] פון[5] שאָלעם־אַלייכעמס ווערק.

Перевод: 1) сочинения Шолом-Алейхема; 2) (находятся) в шкафу; 3) читаю; 4) большое удовольствие, наслаждение; 5) от, с.

Имена собственные одушевленные в ряде случаев в винительном и дательном падежах единственного числа принимают окончание не ן, а עןֹ, напр.:

זאַלמען, שאָלעם און ראָכל זײַנען דאָ. איך רוף זאַלמענען, שאָלעמען און ראָכלען גיין שפּאַצירן. איך דערצייל זאַלמענען, שאָלעמען און ראָכלען וועגן דער מילכאָמע.

די ווערטער מ א מ ע, מ ו מ ע[1], ב אָ ב ע זײַנען אין דאַטיוו דער מאַמען, דער מומען, דער באָבען. די ווערטער ט אַ ט ע, ז ײ ד ע, י ײ ד, מ ע נ ט ש זײַנען אין אַקוזאַטיוו און אין דאַטיוו דעם טאַטן, דעם זיידן, דעם ייִדן, דעם מענטשן; און אין פּאָסעסיוו — דעם טאַטנס, דעם זיידנס, דעם ייִדנס, דעם מענטשנס.

איך רוף דעם טאַטן, דעם זיידן...; איך גיי מיט (צו) דעם טאַטן, מיט דער מאַמען...; איך לייען[2] דעם טאַטנס (דער מאַמעס) אַ דערציילונג[3].

אַלע מענטשן[4] זײַנען ברידער — פון איין טאַטן, פון איין מאַמען (פּערעץ).

אַ סובסטאַנטיוו[5] נאָך אַ פּרעפּאָ׳זיציע[6] איז אין דאַטיוו. אַ פּרעפּאָזיציע קומט אָפט[7] אײַניי׳נעם[8] מיטן אַרטיקל „דעם״: מיט דעם=מיטן; אויף דעם=אויפן; צו דעם=צום; אין דעם=אינעם; פון דעם=פונעם. איך גיי מיטן טאַטן צום זיידן. דאָס האַרץ[9] זעט[10] בעסער פונעם אויג.

Перевод: 1) тётя; 2) читаю; 3) рассказ; 4) все люди; 5) существительное; 6) после предлога; 7) часто; 8) вместе; 9) сердце; 10) видит.

פערזאָניקע פראָנאָמען[1]

בייגפאָרמע	איינצאָל[2]		מערצאָל[3]	פונקציע[4]
נאָמינאַטיוו	איך דו ער זי עס[5]	(דאָס)	מיר איר זיי	סוביעקט[6]
אַקוזאַטיוו	מיך דיך אים זי עס	(דאָס)	אונדז אייַך זיי	דירעקטער אָביעקט[7]
דאַטיוו	מיר דיר אים איר עס	(דעם)	אונדז אייַך זיי	אומדירעקטער אָביעקט[8]

Перевод: 1) личные местоимения; 2) единств. число; 3) множеств. число; 4) роль в предложении; 5) оно; 6) подлежащее; 7) прямое дополнение; 8) косвенное дополнение.

א פראָנאָם נאָך א פרעפּאָזיציע איז אין דאַטיוו.

איך רוף דיך אין שול. איך גיי מיט דיר צום טאַטן. איך רייד[1] וועגן דיר (וועגן איר)[2] מיט דער מאַמען. די מאַמע שיקט מיט אונדז פאַר אייַך[3] ביכער[4].

זיי גייען צו אונדז[5]. איך זע זיי[6]. איך גיי צו זיי. איך גיי מיט זיי[7]. איך רייד צו זיי וועגן אייַך. איך רייד מיט אייַך וועגן זיי[8]. איך גיי מיט זיי צו אייַך.

Перевод: 1) говорю; 2) о тебе (о ней); 3) для вас; 4) книги; 5) они идут к нам; 6) я их вижу; 7) иду с ними; 8) говорю с вами о них.

„בעסער שלאָגט[1] מיך, נאָר לאָזט מיך לאַכן[2] (אַזוי זאָגט[3] מאָליער). און איך זאָג[4]: שלאָגט מיך ניט, איך וועל אַלצייינס לאַכן[5], און פון מייַן געלעכטער[6] וועט אייַך מיין[7] וויי טאָן[8], ווי מיר[9] פון אייַערע קלעפּ[10] (ש אָ ל ע ם־ע ל ײ כ ע ם).

Перевод: 1) бейте; 2) но дайте мне смеяться; 3) говорит; 4) а я говорю; 5) всё равно буду смеяться; 6) от моего смеха; 7) больше; 8) больно будет (сделается больно); 9) чем мне; 10) от ваших ударов.

פּאָסעסיווישע פראָנאָמען[1]

די ווערטער „מייַן, דייַן זייַן, איר; אונדזער, אייַער, זייער"[2] זייַנען פּאָסעסיווישע פראָנאָמען. זיי האָבן אַזאַ סיסטעם פאָרמעס[3]:

1. מייַן ברודער — מייַן שוועסטער — מייַן קינד — איינצאָל.
2. מייַנע ברידער — מייַנע שוועסטער — מייַנע קינדער — מערצאָל.
3. ברודער מייַנער — שוועסטער מייַנע — קינד מייַנס — איינצאָל.
4. מייַנער א ברודער[4] — מייַנע א שוועסטער[5] — מייַנס א קינד[6] — איינצאָל.

Перевод: 1) притяжательные местоимения; 2) мой, твой, его, её, наш, ваш, их; 3) они имеют такую систему форм; 4) один из моих братьев; 5) одна из моих сестёр; 6) одно из моих детей.

מייַן שאָכן איז מייַנער א קאָרעוו. מייַן שכיינע[1] איז מייַנע א קרויווע[2]. אַלע מייַנע שכיינים[3] זייַנען מייַנע קרויווים. איך שיק מייַן קינד (מייַנע קינדער צו מייַן כאַווער[4] (כאַווערטע)[5], צו מייַנעם א כאַווער, צו מייַנער א כאַווערטע. זי שיקט[6] איר(ע) קינד(ער) צו איר כאַווער(טע), צו אירן א כאַווער, צו אירער א כאַווערטע. מיר שיקן[7] אונדזער(ע) קינד(ער) צו אונדזער כאַווער(טע), צו אונדזערן א כאַווער, צו אונדזערער א כאַווערטע.

איך שיק מייַנע (דייַנע...) א שוועסטער אין שול. איך גיי מיט מייַנער (דייַנער, אירער, זייערער) א שוועסטער שפּאַצירן.

Перевод: 1) соседка; 2) родственница; 3) соседи; 4) товарищ; 5) товарка; 6) посылает; 7) посылаем.

מייַן מישפּאָכע

מייַן מאַן איז בא זייַנע עלטערן[1] איין זון[2] — א בעניאָכיד[3]. איך בין בא מייַנע עלטערן איין טאָכטער[4] — א באַסיעכידע[5]. אויך מייַן מאַמע איז א באַסיעכידע. מייַן מאַן איז מייַנע עלטערן אַן איידעם[6]. איך בין מייַן מאַנס עלטערן א שנור[7]. מייַן ברודערס ווייַב איז מיר א שוועגערן[8]. מייַן שוועסטערס מאַן איז מיר א שוואָגער[9]. מייַן מאַנס מוטער איז מיר א שוויגער[10]. זייַן פּאָטער איז מיר א שווער[11]. מייַן שוועסטערס מאַנס פּאָטער איז מיר א מעכוטן[12]. דעם מעכוטנס ווייַב איז מייַנע א מעכוטענעסטע[13]. איך בין מייַן זיידנס און מייַן באָבעס אַן אייניקל[14]. מייַן טאַטנס (מייַן מאַמעס) ברודער איז מיר א פעטער[15]. מייַן טאַטנס (מייַן מאַמעס) שוועסטער איז מיר א מומע. דעם פעטערס און דער מומעס קינדער זייַנען מייַנע שוועסטערקינדער[16].

Перевод: 1) у своих родителей; 2) один сын; 3) единственный сын; 4) одна дочь; 5) единственная дочь; 6) зять; 7) сноха; 8) невестка; 9) шурин; 10) свекровь; 11) свёкор; 12) свойственник; 13) свойственница; 14) внучка (внук); 15) дядя; 16) двоюродные братья, двоюродные сестры.

איינצאָל און מערצאָל: **טאַטע — טאַטעס; מאַמע־ס; זיידע־ס; באָבע־ס; ברודער — ברידער; שוועסטער(ס); כאָסן[1] — כאַסאַנים; קאַלע[2]־ס; מאַן — מענער, מאַנען; פרוי־ען; וויַב[3]־ער; שוואָגער־ס; שוועגערין־ס; פעטער־ס; מומע־ס; זון — זין; טאָכטער — טעכטער; איידעם־ס; שנור — שניר; קינד־ער; אייניקל־עך; מעכוטן — מעכוטאָנים; מעכוטעסטע־ס; כאַסענע[4]־ס; דאָס פּאָרפֿאָלק[5] — פּאָרפֿאָלקער, פּאָרפֿאָלקן.**

Перевод: 1) жених; 2) невеста; 3) жена; 4) свадьба; 5) супружеская пара.

— ווער איז דאָס וויַבל?[1] — פרעגט אים איינער פון די אַקטיאָרן[2].

— דאָס איז מיַין וויַבל, — ענטפערט[3] נויעך. — דו קענסט ניט[4] מיַין סאָרע־פערל? און דאָס זיַינען מיַינע קינדער.

— און דאָס?

— דאָס איז מיַין שוויגער[5].

— און די דאָזיקע?[6]

— דאָס איז מיַין וויַבס א שוועסטערל[7].

— און ווער איז דער יונגערמאַן?[8]

— דאָס איז איר כאָסן[9].

— און ווער איז דאָס מיידל?[10]

— דאָס איז דעם כאָסנס א שוועסטער.

— און ווער איז דער באָכער?[11]

— דאָס איז דעם כאָסנס שוועסטערס א כאָסן.

— און ווער איז אָט דאָס מיידל?

— דאָס איז זיַין שוועסטער, דאָס הייסט[12], דעם כאָסנס שוועסטערס כאָסנס א שוועסטער (ש אָ ל ע ם־א ל יי כ ע ם. „דאָס נײַע קאַסרילעווקע"[13])

Перевод: 1) кто эта женщина?; 2) спрашивает его один из актеров; 3) отвечает; 4) ты не знаешь; 5) тёща; 6) а эта?; 7) сестричка жены; 8) а кто этот молодой человек?; 9) это её жених; 10) а кто эта девушка?; 11) этот парень?; 12) то есть; 13) «Новая Касриловка».

<u>סינאָ'נימען, אַנטאָ'נימען, האָמאָ'נימען</u>

סינאָ'נימען[1]: **דער טאַטע — דער פאָטער; די מאַמע — די מוטער; דער מוזיקאַנט — דער קלעזמער; דער סוינע — דער פיַינט; די מילכאָמע[2] — דער קריג; דער זיג[3] — דער ניצאָכן; די שפּראַך — דאָס לאָשן; די שאַנד — די כאַרפּע; די מישפּאָכע — די פאַמיליע — דאָס געזינד.**

אַנטאָ'נימען[4]: **דער סוינע — דער פריַינט; די אָרעמקיַיט — די ריַיכקיַיט; א גוטער — א שלעכטער; א פריילעכער — אַן אומעטיקער; א הויכער — א נידעריקער; א גראָבער — א דארער; א גרויסער — א קליינער; אַן אַלטער — א נײַער[5] (טאָפּ); אַן אַלטער — א יונגער[6] (מענטש); אַן עלטערער — א ייִנגערער; דער ערשטער — דער לעצטער[7].**

האָמאָ'נימען[8]: **ה יי ס ן; הייסט: דער טאַטע הייסט קאַלמען; ער הייסט[9] גיין אַהיים[10]. ז יַי ן: איר וועט זיַין[11] אין זיַין[12] בריגאַדע. א י ר: איר וועט זיַין אין איר קאָמפּאַניע. ד יי ע ר ארבעט איז זייער וויכטיק[13]. ז ו ן: דער זון[14] — די זון[15].**

Перевод: 1) синонимы — слова, близкие, сходные по значению; 2) война; 3) победа; 4) антонимы — слова, противоположные по значению; 5) новый; 6) молодой; 7) последний; 8) омонимы — слова, одинаковые по звучанию, но различные по значению, напр.: брак, коса, лук и т. п.; 9) велит; 10) домой; 11) быть, будете; 12) в его; 13) важно, важна; 14) сын; 15) солнце.

איינצאָל און מערצאָל: **מענטש־ן; ייִד־ן; באָכער־ים; וויַבל־עך; מיידל־עך; יונגערמאַן — יונגעליַיט; סוינע — סאָנים; קאָרעװ — קרויווים; גאַסט — געסט; כאַ'ווער — כאַווײ'רים; כאַ־ווערטע־ס; קלעזמער — קלעזמאָ'רים; מוזיקאַנט־ן; קאָפּ — קעפּ; האַרץ — הערצער; בויך — בײַכער; האַנט — הענט; פוס — פיס; אויג־ן; אויער־ן; נאָז — נעז(ער); מויל — מיַילער; צונג — צינגער, צונגען; אייגל־עך; הענטל־עך; פען־עס; דערציילונג־ען; כאָלעם — כאַלוי'מעס; קלאַפּ — קלעפּ; מאַקע־ס; טאָפּ — טעפּ; שאַרבן־ס; האָן — הענער; אָדלער־ס; כיַיע־ס; כאַזער — כאַזיי'רים; קאָל — קוילעס; נאַכט — נעכט; יאָר־ן; הימל־ען.**

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

©Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 223-96-07

Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 12/II 1974 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1035.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 3

1974

■

В НОМЕРЕ:

А. Вергелис. Возвращенцы (поэма).

А. Каган. Шолом-Алейхем (роман. Продолжение).

Произведения наших читателей. Стихи В. Верника, Ш. Зингера, З. Вейцмана, Ш. Раппопорта, Б. Синельниковой; **рассказ** А. Зайчика; **очерк** З. Минкина; **критические статьи** Е. Гутнера, Я. Плиха, Б. Котляра.

Из литературной сокровищницы. Рассказ А.-М. Дика.

Стихи П. Неруды (в переводе А. Гонтаря), М. Лифшица.

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства.

Г. Ременик. Творческий рост (о писателе Г. Полянкере).

Литературный дневник. У. Гуральник. Интернациональный характер советской литературы.

Отвечаем на вопросы наших читателей. Л. Дадиани. Коммунистическая партия Израиля в борьбе за мир и демократию.

Наши сообщения. Листая журналы и газеты. Почта «Советиш геймланд». Хроника. Разное. Заметки на календаре.

Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.